STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01159

DER MAN FUN NATSRES

Sholem Asch

Permanent preservation of this book was made possible by
by Shirley & Daniel Beaton in memory of their parents

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער מאַן פון נצרת

שלום אַש

דער מאַן פון נצרת

ראָמאַן

צווייטער באַנד

1943

קולטור פאַרלאַג
ניו יאָרק

COPYRIGHT, 1942, BY SHOLEM ASCH

All rights reserved. This book, or parts thereof, must not be reproduced in any form without permission.

אַדרעס פון פאַרלאַג:
KULTUR FARLAG PUBLISHING CO.
84-09 Talbot St., Kew Gardens, L.I.
New York

Manufactured in United States of America
E. Laub Publishing and Printing Co.
211

דריטער טייל

קאַפּיטל איינס.

אין דער צײַט האָב איך באין אופן נישט געקאָנט צוקומען צו פאַן וויאַדאָמסקי. ער איז געווען מיט עפּעס זייער פאַרנומען. ער האָט דענסט־מאָל זיך געהאַט ארומגערינגלט מיט א נײַעם קרייז מענטשן, וואָס איך האָב נישט געקענט און נישט געוואוסט, ווער זיי זיינען אזעלכע. ווען איך בין ארײַנגעקומען צו אים, האָב איך אָנגעטראָפן, אז ער איז מיט ווע־מען דאָרט אײַנגעשלאָסן אין זײַן קאַבינעט. מיך האָט ער געלאָזט שעהן־לאַנג וואַרטן אין לאַנגן קאָרידאָר. נאָר טאָמער בין איך אומגעדולדיק געוואָרן און געוואָלט אוועקגיין, אזוי איז ער, ווי ער וואָלט עס דערפילט אינסטינקטיוו אינעווייניק, ארויסגעקומען צולויפן א צעשויבערטער, מיט דער פעדער הינטערן אויער, א באַזעסענער, און האָט מיך אויף גע־שווינד בארויקט, איבערגעבעטן און פאַרלאַנגט דורכאויס, אז איך זאָל שפּעטער אין אָוונט ארײַנקומען צו אים.

איך בין אָבער באַלד געוואָר געוואָרן, מיט וואָס און פאַרוואָס פאַן וויאַדאָמסקי איז אזוי פאַרנומען. עס האָט נישט מער און נישט ווייניקער זיך געהאַנדלט אין דעם, וואָס פאַן וויאַדאָמסקי, אין שותפות מיט א גלח, וועלכן איך האָב זייער אָפט געזען אין דער לעצטער צײַט ארײַנקומען צו אים, האָט זיך אונטערגענומען אָנצושרײַבן א וויסנשאַפטלעכע עקספּער־טיזע וועגן דעם, אז יידן באַנוצן בלוט פאַר זייערע מצות אויף פּסח. פאַר דעם צוועק האָט ער זיך איצט אײַנגעשלאָסן אויף גאַנצע טעג מיט פאַרדעכטיקע געלערנטע. איינער איז געווען א טעאָלאָג, וועלכער האָט געקענט אביסל העברעאיש און געוואוסט אלע פּיקאַנטע שטעלן פון תלמוד וועגן דעליקאַטע אָנגעלעגנהייטן, וואו עס רעדט זיך וועגן „גויים", „נכרים", „מינים", און נאָך אַנדערע אזוינע טערמינען, וועלכע מיר ווייסן נישט הײַנט, וואָס זיי שטעלן פאָר מיט זיך. דער טעאָלאָג האָט גע־זאָלט אים צושטעלן דעם „טעאָרעטישן" מאַטעריאַל פאַר דעם בלבול, וואָס דער אמאָליקער רוימישער אַנטיסעמיטישער שריפטשטעלער פּע־ליקס האָט אויסגעטראַכט אויף די ערשטע קריסטן, אז זיי באַנוצן דאָס בלוט פון א קינד אין זייערע געהיימע נאַכטמאָלן (די קריסטן האָבן שפּע־טער דעם בלבול אריבערגעוואָרפן אויף יידן). א צווייטער, א „היסטאָ־ריקער", האָט אים געזאָלט צושטעלן דעם געשיכטלעכן מאַטעריאַל, — אַלע פּראָצעסן, וואָס זיינען פאָרגעקומען קעגן יידן פאַר דעם כלומרשטן

פֿאַרברעך, דאָס ארויסבאַקומען די וידוי׳ס דורך אינקוויזיטאָרישע ענויים פֿון די „פֿאַרברעכער״, די פסק־דינים, וועלכע זענען פֿון די קירכלעכע און די ציווילע געריכטן ארויסגעטראָגן געוואָרן וועגן דעם ענין. דאָס „זאַלץ־און־פעפער״, דאָס הייסט, די קאָנסעקווענצן פֿון די פּראָצעסן, זייער אָפּשפּיגלונג אויף די היינטיקע יידישע מנהגים, די פּראָפּאַגאַנדע קעגן יידן, די שנאה און די עמפּערונג פֿון די מאַסן קעגן די יידן, — דאָס האָט שוין געזאָלט דער געערטער פֿאַן צוגעבן פֿון זיך. איך ווייס נישט, צי זיי האָבן דעם מאַטעריאַל באַדאַרפֿט פֿאַר היימישע צוועקן, אָדער פֿאַר עקספּאָרט קיין אויסלאַנד, צי זיי האָבן זיך געקליבן צו פֿאַרפֿירן טאַקע א בלוט־פּראָצעס קעגן די היימישע יידן, אָדער נאָר באַנוצן די שריפֿט פֿאַר אַגיטאַציע, — אין יעדן פֿאַל, דאָס צוגרייטן די שריפֿט האָט אָפּגענומען ביים פֿאַן זיין גאַנצע צייט און אויפֿגעצערט זיין גאַנצע ענערגיע. עס פֿאַרשטייט זיך, אז אונטער די אומשטענדן איז מיר אומ־מעגלעך געווען דענסטמאָל צונויפֿצורעדן זיך מיט פֿאַן וויאַדאָמסקי. אונזערע צוזאַמענטרעפֿן זיינען פֿאַרגעקומען זעלטענער, און צוליב דעם איז אריינגעטראָטן א הפסקה אין אונזער אַרבעט.

איך האָב ווידעראַמאָל באַשטימט אָפּצוהאַקן מיינע באַציאונגען מיטן געערטן פֿאַן און פֿאַרגעסן אין אים. איך האָב אָבער געוואוסט פֿון די פֿריערדיקע דערפֿאַרונגען, אז מיין החלטה איז בחינם, אז יעדן אויגנבליק קאָן מיין אָרעם צימער באַערט ווערן מיט א באַזוך פֿון געאַכטן פֿאַן, און עס וועט זיך ווידער אָנהויבן דאָס טאָפּלטע שפּיל, וואָס עס זעט זיך אויס, עס איז שוין באַשערט געווען, אז איך זאָל אָפּריכטן מיטן פֿאַן. איך מוז אָבער עפֿנטלעך זיך מודה זיין, אז ווי דערווידער מיר איז נישט געווען די איצטיקע באַשעפֿטיקונג פֿון פֿאַן, האָט מיך דאָך געצויגן צו אים ווי א כישוף. איך האָב מער נישט געקאָנט זיך באַגיין אָן אים. יאָ, איך האָב געבענקט נאָך די נאַכטלעכע צוזאַמענקונפֿטן, וואו מיר האָבן פֿאַרבראַכט די ווינטערדיקע אָוונטן אין דערמאָנען זיך אין אונזער אמאָליק לעבן. און זינט דער פֿאַן האָט זיי איבערגעבראָכן, איז מיר צוגענומען געוואָרן דאָס וויכטיקסטע און אינטערעסאַנטסטע פֿון מיין באַשיידן לעבן. וואָרעם אויך פֿאַר מיר זענען די פֿאַנטאַסטישע אויסגעטראַכטע געשעענישן פֿון יענער פֿאַרשוואונדענער צייט, אין וועלכע דער פֿאַן האָט מיך דורך זיין פֿאַנטאַזיע אריינגעבראַכט, געוואָרן א פּשוטע נויטווענדיקייט. איך האָב מער נישט געקאָנט זיך געפֿינען אין דעם היינטיקן ארום. די ראַם פֿון אונזער גרויער טאָג־טעגלעכקייט, אָנגעפֿילט מיט קליינלעכן, נישטיקן האַס, איז מיר צו ענג געוואָרן. איך האָב געגאַרט נאָך יענע גרויסע ליידנשאַפֿטן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין יענער צייט. איך האָב געבענקט נאָך דער אַטמאָספֿערע, נאָך דער סביבה פֿון ירושלימער גאַסן, פֿון בית־המקדש־הויף, אין וועלכע דער פֿאַן האָט מיך פֿאַרטראָגן, און וואָס דער פּלוצלינגדיקער איבעררייס האָט פֿון מיר אוועקגערויבט. עס איז געווען די לופֿט, מיט וועלכער איך האָב די לעצטע חדשים געאָטעמט.

מײַן טרייסט איז געווען, אז דעם וואָלף וועט ציען אין וואַלד אַרײַן, אז דעם פֿאַן וועט באַלד נמאס ווערן די קלײנלעכע שנאה פֿון אונזערע הײַנ־טיקע טעג. ער וועט זיך דערמאנען אין די גרויסע געשעענישן פֿון אַמאָל און ער וועט אַלץ אוועקוואַרפֿן און צוריקגיין צו זיי. און אזוי איז עס טאַקע געשען.

אז עס זײַנען אָנגעקומען די פֿרילינג־ווינטן, וועלכע גייען פֿאַרויס פֿאַר די פּסח־טעג, האָט דער פֿאַן וויאַדאָמסקי מיטאַמאָל זיך אָפּגע־טרייסלט פֿון זײַן הײַנטיקן אַרום. אזוי ווי א חיה, וואָס וואַרפֿט אַראָפּ פֿון זיך איר ווינטער־פֿעל, האָט ער אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דעם הײַנטיקן פֿאַן, און איז געוואָרן צוריק דער אײביקער קאָרנעליוס.

אין די טעג פֿאַר די יידישע און קריסטלעכע יום־טובים האָב איך באַמערקט אין פֿאַן וויאַדאָמסקין א פֿאַרדעכטיקע אומרואיקייט, וואָס האָט מיך דערשראָקן. ער האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפֿינען. ער האָט באַנײַט די באַציאונגען מיט מיר, אָבער אין געהיים פֿון זײַנע נײַע באַקאַנטע. ער האָט אָנגעהויבן מיך אָפֿט צו באַזוכן אין מײַן בוידעם־שטיבל, אַרומשלעפּן זיך מיט מיר גאַנצע טעג איבער די אָרעמע יידישע קוואַרטאַלן. ער האָט אויפגעזוכט אַלטע באַקאַנטע, באַזוכט זײַן געווע־זענעם שנײַדער אויף דער אַלט־שטאָט, איז אַרײַנגעקראָכן אין אומהיימ־לעכע יידישע קעלערס, האָט איבערגעשראָקן און איבערגעראַשט יידישע ווײַבער, וועלכע האָבן געהאַלטן אין אײַן שײַערן און כשרן און פֿאַרברייטן זייערע היימען אויף יום־טוב.

— איך ווייס נישט פֿאַרוואָס, — האָט ער צו מיר געזאָגט — אז עס קומען די טעג פֿאַר פּסח, מוז איך זיך געפֿינען צווישן יידן. איך בענק פּשוט נאָך זיי. זיי דערמאָנען מיר אין יענע טעג פֿון פֿאַר יום־טוב אין ירושלים. אויך דאָרט האָבן זיי פֿאַר פּסח אַרײַנגעבראַכט אַזא באַוועגונג אין דער שטאָט. פֿון גאַנצן לאַנד זײַנען זיי געקומען צו גיין מיט זייערע שעפּסעלעך דעם קרבן־פּסח צו ברענגען. די גאַסן זײַנען איבערגעפֿילט געוואָרן מיט עולי־רגלניקעס, מיט פּויערים און פּאַרמערס פֿון אַלע פּראָ־ווינצן. און א לעבן האָט דאָס אַרײַנגעבראַכט אין די גאַסן פֿון ירושלים. אז אַפֿילו הײַנט דערוועקט זיך אין מיר א בענקשאַפֿט נאָך יענע פּסח־טעג אין ירושלים. יעדעס מאָל, ווען עס קומען אָן די פּסח־טעג, מוז איך גיין אויפזוכן מײַנע יידעלעך, מוז איך זיך געפֿינען צווישן זיי, אַרײַנקוקן אין זייערע הײַזער. זיי דערמאָנען מיר אין די ירושלימער טעג. שוין מיט זייערע פּנימער דערוועקן זיי אין מיר די אילוזיע פֿון יענע יידישע מאַסן, וועלכע האָבן אין די טעג אָנגעפֿילט די בית־המקדש־געסלעך.

ער האָט געזאָגט די ווערטער מיט פֿאַרחלומטע, ווײַט־בליקנדיקע אויגן, וועלכע האָבן איצט אַרומגעבלאָנדזשעט אין אַנדערע וועלטן. אויף זײַן געל אָפּגעמאַטערט, צעאַקערט פּאַרמעט־פּנים האָט געשײַנט דער אָפּשײַן פֿון דער יונגער זון, וועלכע האָט מיט פֿרילינג־פֿליגלען פֿרײַ גע־שוועבט איבער די וואַרשעווער שמוציקע גאַסן. די לעצטע גרויע האָר

ארום זײַן גרויסער ליסינע האָבן זיך אויפגעשטעלט. א בענקשאַפט האָט געקלונגען אין זײַן שטים, ווען ער האָט דעקלאַמירט פון אן אומבאַקאַנטן פּאָעט:

„אָ, ירושלים! דער פרילינג ציט ארײַן אין דײַנע טויערן, באַגלייט מיט די טריט פון טויט".

— וועמען מיינט איר? — פרעג איך דערשטוינט.

— גאָרנישט. א שטימונג אזעלכע. פרילינג, איר פארשטייט... אז עס קומט דער פרילינג, בענק איך נאָך ירושלים. און קאָן איך אין אירע טויערן נישט זײַן, מוז איך זיך געפינען צווישן אירע קינדער. דו ווילסט זען יהודה איש קריות? קום מיט מיר, מיר וועלן אים א באַזוך מאַכן. יעדעס מאָל, ווען עס קומט ערב פסח, מוז איך מײַן אַלטן פרײַנד אויפזוכן. איך האָב דיר פאַרגעסן צו זאָגן, אז מײַן פרײַנד יהודה איש קריות וואוינט אין וואַרשע.

איך בין דאָך שוין געוואוינט געווען צו איבעראַשונגען פון פּאַן וויאַדאָמסקי, אָבער אויף דעם האָב איך זיך נישט גערעכנט.

— יהודה איש קריות אין וואַרשע? — רוף איך אויס דערשטוינט.

— יאָ, איך האָב אים באַלד דערקענט. פון טויזנטער פּנימער האָב איך אים ארויס דערקענט. און נישט נאָר איש־קריות, נאָר שמעון, וועלכן זיי האָבן שפּעטער גערופן פּעטרוס, — דעם האָב איך דאָ אויך אָנגעטראָפן אויף די וואַרשעווער יידישע גאַסן.און נישט נאָר אים, נאָר פיל פון זיי, וועלכע האָבן דענסטמאָל אָנגעפילט די ענגע געסלעך פון ירושלים, דעם הויף פון בית־המקדש, דעם אונטערשטן טייל שטאָט, האָב איך צוריק געטראָפן דאָ, אין וואַרשע. מערקווירדיק, ווען איך קום צווישן א יידישן המון, דאכט זיך מיר אויס, אז איך קען זיי אַלעמען. די פּנימער זייערע זײַנען מיר אזוי באַקאַנט, ווי איך וואָלט מיט יעדן פון זיי פּערזענלעך צו טון געהאַט. איך קען זייערע העויות, איך קען זייערע מנהגים, איך ווייס פון זייער לעבן, איך קען זייערע שטאָלצע, שטײַפע געמיטער, זייער נישט־צעברעכלעכן ווילן, זייער עקשנות. און אָפּטמאָל, ווען איך טרעף אזא יידן אָן דאָ, אין דער גאַס אויפן אַלטן מאַרק, בײַם האַנדל און וואַנדל, צווישן אַלטוואַרג, דאכט זיך מיר, אז ער באַדאַרף נאָר פון זיך זײַן שמוציקן, לאַנגן קאַפּטן אראָפּוואַרפן, און ער וועט דערשײַנען פאר דיר אין זײַן לאַנג, ווײַס העמד, אין זײַנע לאַנגע פּאות — באַוועגט אויף זײַנע מאָגערע, אָפּגעברענטע באַקן, — אין זײַנע אויסגעצויגענע האָר פון דער באָרד, מיט זײַנע פײַערדיקע מדבר־אויגן, ווי איך האָב אים אזוי אָפּט אָנגעטראָפן אין דעם ענגן הויף פון בית־מקדש־געסל אין א יום־טוב. אָפּטמאָל דאכט זיך מיר, אז עפּעס צוליב א פאַטאַלן טעות האָבן זיי זיך דאָ פארוואַנדלט אויף אונזערע שניי־באַבלאָטיקטע גאַסן, אין אונזערע קעלטן און ווינטן. און איינמאָל האָב איך גאַנץ צופעליק אָנגעטראָפן מײַן אַלטן פרײַנד יהודה איש־קריות.

— איר האָט יהודה איש־קריות באַגעגנט?

— דו קאָנסט אים אויך זען. קום, איך וועל דיך פירן צו אים. ער וואוינט אויף דעם אַלטן מאַרק.

צו מײַן דערשטוינונג, האָט פאַן וויאַדאָמסקי גענומען און זיך אײַנגעהילט אין א שוואַרצער פעלערינע, וועלכע האָט געהאַט א קאַפּושאַן, ווי די פראַנציסקאַנער נזירים טראָגן, א זאַך, וואָס איך האָב גאָרנישט געוואוסט ביז איצט פון איר עקזיסטענץ, כאָטש עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז איך קען שוין אַלע סודות פון פאַן וויאַדאָמסקי; אז דער פאַן באַזיצט אזא מיסטישן בגד, דאָס האָב איך נישט געוואוסט.

— צוואָס די קאַפּוציגע איבערן קאָפּ? עס איז נישט קאַלט אינדרויסן, — פּרווו איך באַמערקן דעם פאַן.

— איך וויל נישט, אז גאַנץ ירושלים זאָל וויסן, אז דער הגמון מאַכט א באַזוך בײַ יהודה איש־קריות. צו יהודה איש־קריות גייט מען אין קאָנספּיראַציע.

דער פאַן האָט דעם קאַפּושאַן אריבערגעצויגן איבער דעם קאָפּ, וואָס האָט טאַקע געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די פאַרבײַגייער אויף אים, און ער האָט מיך אוועקגעפירט אין אַלטן מאַרק אַרײַן. פאַר אן אַלט, אײַנגעבויגן הויז, וואָס וואָלט געוויס שוין געווען אײַנגעפאַלן פון אַלטקייט, ווען עס וואָלט נישט געווען אַרײַנגעשטופּט אין די ענגע קלאַמערן צווישן צוויי אַנדערע אַלטע הײַזער, — אָפּגעשמירט מיט אַלטער, רויטער פאַרב, מיט גרינע, גרויסע לאָדן און טויערן פאַרהאַקט, איז דער פאַן שטיין געבליבן. ער האָט זיך אײַנגעקוקט, אויב קיינער באַמערקט אים נישט, האָט מיך אָנגענומען פאַר דער האַנט און מיך אַראָפּגעפירט אויף שטאַרק געדרייטע טרעפּלעך, וועלכע האָבן אַרײַנגעבראַכט אין א געוועלבטן קעלער אַרײַן.

אין דעם קעלער האָט זיך געפונען א קראָם פון אַלטוואַרג. דאָס אַלטוואַרג איז איצט, צוליב דעם וואָס דער ייִד האָט געלאָזט אויף פּסח אויסקאַלכן די געוועלבטע קעלער־שטוב מיט טיפער, בלויער פאַרב, ארומגעלעגן אָנגעוואָרפן אין קופּעס: צוזאַמענגעוואָרפענע. אַלטע בראָנזענע לאָמפּן מיט שטויסן טעלער, וועלכע האָבן בײַ יעדן ריר געגעבן א קלינגענדיקן ציטער; פּעק מיט בילדער, צוזאַמענגעמישט מיט קופּעס ראָמען, באַגלאָזטע און פרײַע בילדער, — שטולן אָנגעוואָליעטע מיט שמאַטעס. אַלטע זײַדענע שטאָפן, אָן א שיעור גלאָזוואַרג, צוזאַמענגעפּאָרט מיט בראָנזענע און גיפּסענע, גאַנצע און צעבראָכענע פיגורן, — און צווישן דעם בבל פון חורבות איז געשטאַנען א ייִד אין אן ערב־פּסחדיקן מעמד, מיט פאַרפּעדערטער באָרד־און־פּאות, און האָט געפּרווט אין דעם ערב־פּסחדיקן כאַאָס אָרדענונג אַרײַנצוברענגען. שוין בײַם ערשטן אַרײַנקומען אונזערן האָט א קלימפּער געגעבן פון א שאָק מיט גלעזער, ווען דער פאַן האָט אומפאָרזיכטיק אין דער טונקל זיך אָנגעקלאַפּט אין א מעשענעם הענגלײַכטער, וואָס איז געלעגן צווישן די גלעזער.

— אוי ווי, ער וועט מיר א שאָדן אָנמאַכן! — האָט דער ייִד גע־

פרווּט אײַנהאַלטן דאָס פֿאַלנדיקע גלאָז מיט א געמאַכטן שמייכל אויפֿן פֿאַרזאָרגטן פּנים.

— יהודה, האָסט זיך נישט גערימט אויף מיר, האָסט דײַן געצעלט נישט פֿאַרגעבראַכט פֿאַר דעם באַזוך פֿון הגמון!

— נאַ, שרה, דער אייגענער גוי איז שוין ווידער דאָ! — שרײַט דער ייִד אין צווייטן קעלער־שטוב אַרײַן — און צו מיר רופֿט ער זיך אָן: — יעדן ערב־פּסח שטעלט ער מיר א באַזוך אָפּ. אַנומלט האָט ער נאָך געגעבן צו לייזן, — די לעצטע יאָרן שוין גאָרנישט. נאָר ער קומט אַרײַן צו מיר, שטעכט מיך אַדורך מיט די אויגן און איז מיר משנה־שם אויף יהודה. איך זאָל אַזוי וויסן פֿון א פֿאַרשטערטן יום־טוב, ווי איך ווייס, וואָס דער ערל מיינט.

— אַך, יהודה, יהודה, האָסט קיינמאָל נישט געהאַלטן דײַנע זאַכן אין גוטער אָרדענונג, אויך דאָרט נישט, — רופֿט זיך דער פֿאָן אָן מיט א שאָקל פֿון קאָפּ.

— איך זאָל אַזוי וויסן פֿון שלעכטס ווי איך ווייס, וואָס פֿאַר א יהודה דאָס איז. מײַן זיידע, עליו השלום, האָט געהייסן יהודה. איך הייס מרדכי. זאָל זײַן יהודה, אַבי דער פֿאָן זאָל מיר געבן עפּעס צו לייזן אויף יום־טוב.

— און איך האָב אים באַלד דערקענט. פֿון הונדערטער פּנימער האָב איך אים אַרויסגעשנאַפּט. אין א ווינטער־נאַכט האָב איך דאָ אַנומלט פֿאַרבלאָנדזשעט. איך האָב אים געזען בײַ א קליינער נאַפֿט־לאָמפּ זיצן. ער האָט געציטערט איבערגאַנצן פֿון קעלט, זײַן פּנים איז בלוי געווען, זײַנע געלע פּאות האָבן זיך געטרייסלט פֿון ווינט, אַזוי אויך זײַן שפּיציקע באָרד איבער זײַן קאַפּטן. איך האָב אים אין פּנים געקוקט און אים דערקענט. איך האָב געפֿרעגט: — יהודה, וואָס טוסטו דאָ? — אין אָנהויב האָט ער מיך נישט געוואָלט דערקענען, באַין אופֿן נישט, ווי דענסטמאָל אין כּפֿר־נחום, — נאָר שפּעטער האָט ער מיך דאָך דערקענט, — האָט מיר דער פֿאָן פֿאַרציילט. — יהודה, — האָט ער א וואונק געטאָן צום ייִדן מיט אָן אויג, — האָסט דערקענט דעם הגמון? נו, וועלן מיר אויפֿגיין אויף הר־הזתים צום גת־שמן? עס איז שוין באַלד צײַט. הײַנט אין אָוונט. וואָס, יהודה?

— אפֿשר ווייסט איר, וואָס ער מיינט? יעדן פֿאַר־פּסח קומט ער אַזוי אַרײַן צו מיר. פּונקט דענסטמאָל, ווען בײַ מיר גרייט מען זיך צו ביעור־חמץ, האָב איך אים פֿאַר א גאַסט. ער פּלאַפּלט עפּעס פֿון ירושלים, פֿון הר־הזתים. א געלערנטער איז ער, ער קויפֿט בײַ מיר ייִדישע ביכלעך. איך ווייס נישט, צו וואָס עס טויגן א גוי ייִדישע ביכלעך. אַנומלט האָט ער אַפֿילו בײַ מיר געפֿונען א פּאָר שמות אין כּתב־יד, האָט ער דערויס א גאַנצע מציאה געמאַכט. ער האָט מיר א שיינע מטבע געגעבן דערפֿאַר. איך ווייס נישט צו וואָס פֿאַר א סגולה עס קומען אים צונויף אַלטע שמות, אָבער ווי נאָר ער דערזעט א בלעטל אַלטע שמות, ווערט ער משוגע, דער גוי. אַמאָל האָט ער מיר געגעבן צו לייזן, לעצטנס איז ער א דלפֿן גע־

וואָרן. אַ גאַנץ יאָר זע איך אים אויף די אויגן נישט אָן, אחוץ ערב־פּסח, ווען ביי מיר איז די גרעסטע גראַטשקע, קומט ער מיטן ווינט אָן. אַן אָרעמער גוי, נעבעך, אביסל פאַרדרייט, — ווייזט מיר דער ייד אָן מיטן פינגער אויף זיין שטערן.

— דער פּאַן זאָגט, אַז ער קען אייך נאָך פון ירושלים, בשעת דער בית־המקדש איז געשטאַנען. ער האָט אייך דענסטמאָל אָנגעטראָפן, איר האָט דענסטמאָל געהייסן יהודה איש קריות. איר זענט געווען דער, וואָס האָט פאַרקויפט ישוע הנוצרי פאַר דרייסיק זילבער־שטיק.

— וואָס האָב איך געטון? פאַרקויפט? וועמען פאַרקויפט? פאַר דריי־סיק זילבער־שטיק? אדרבה, הלוואי וואָלט ער היינט עפּעס קויפן ביי מיר פאַר דרייסיק זילבער־שטיק, עס וואָלט מיר צונוץ געקומען אויף יום־טוב.

— ישוע הנוצרי, יעזוס קריסטוס, זייער גאָט, האָט איר פאַרקויפט צום כהן גדול און דעם רוימישן חייל.

דער ייד איז בלייך געוואָרן. אונטער די וואָרצלען פון זיינע געלע האָר האָט אַ בלייך־בלויער, אַשיקער קאָליר זיך געלייגט איבער זיין הויט, ווי אַ טויטע מאַסקע, זיינע אויגן זענען גלעזיק געוואָרן, און ער האָט אָנגעהויבן ארומצובלאָנדזשען מיט זיינע אויגן, ווי פון אַ קראַנק־הייט באַפאַלן, און ער האָט געזאָגט מיט האַרץ־קלאַפּעניש:

— ער האָט שוין נישט אויס וועמען חוזק צו מאַכן, נאָר אויס אַן אָרעמען יידן, אייער פּאַן? שרה, שרה, קום נאָר ארויס, הער נאָר דעם בלבול, וואָס דער גוי טראַכט אויס אויף מיר.

— וואָס זאָגט ער? וואָס זאָגט ער? — פרעגט אומגעדולדיק ביי מיר דער פּאַן — אהא, ער האָט מיך דערקענט? האָסט געזען, ווי ער איז דער־שראָקן געוואָרן? אויך דענסטמאָל האָט ער אזוי אויסגעזען, פּונקט אזוי. דאָס בלייכע פּנים אונטער די געלע האָר, ווי דראָטן זיינען די געלע האָר געשטאַנען. ער דערקענט מיך, זיין הגמון, ער דערקענט מיך, — פרייט זיך פּאַן וויאַדאָמסקי, — האָסט געזען ווי ער האָט זיך דערשראָקן? ניין, האָב נישט קיין מורא, יהודה, איך וועל דיך נישט ארויסגעבן. איך און דו זיינען איינס, — באַווייזט דער גוי דעם יידן מיט אַ האַנט־שלאָג.

— מיינע בייזע חלומות אויף זיין קאָפּ, אויף זיינע הענט און פיס! נאַ, ער איז דאָך ווידער דאָ, דער משוגענער גוי! יעדן ערב־פּסח באַווייזט ער זיך, פאַרדרייט אונז אַ קאָפּ מיט דרייסיק זילבער־שטיק, — זאָגט די יידענע, וועלכע איז ארויסגעקומען פון אַלקערל אין אַן ערב־פּסחדיקן הילוך, מיט דעם צעריסענעם שייטל, מיט פאַררוקטע אַרבל און אין אַ שירץ, שמוציק פון שייערן און כשרן, — איך וואָלט כאָטש געווען גע־וואוסט, וואָס ער וויל, ווייס איך נישט, וואָס ער וויל.

— איך ווייס שוין גוט, וואָס ער וויל. אַ בלבול טראַכט ער אויס אויף מיר. היינטיקע צייטן פעלט מיר גאָרנישט מער, נאָר האָבן צו טאָן מיט אזעלכע עסקים, — זאָגט דער ייד, נישט קאָנענדיק אַליין קומען צו זיך פון שרעק.

— וואָס שרעקסטו מיך איבער? וואָס פאַר א עסקים? — זאָגט די ייִדענע.

— עסקים מיט זייער גאָט, וואָס איך האָב פאַרקויפט פאַר דרײַסיק זילבער־שטיק! — זאָגט דער ייִד אין טויטלעכער אַנגסט.

— אַלע מײַנע שונאים! איז וואָס וויל ער? דו זאָלסט אים צוריקגעבן די דרײַסיק זילבער־שטיק? אדרבה, זאָל ער זוכן בײַ מיר, צי איך האָב אין מײַן פאַרמעגן דרײַסיק זילבער־שטיק. דרײַסיק געברענטע צרות — דאָס האָב איך!

— מיר שרעקן די לײַט איבער, לאָמיר גיין, — רוים איך דעם פּאַן אין אויער אַרײַן.

— ישראל, ישראל, וואָס איז געוואָרן פון דיר? — שאָקלט דער פּאַן מיטן קאָפּ — און דאָס איז דאָך אַנומלט געווען יהודה, איינער פון די תּלמידים, וואָס האָט געהאַלטן דעם בײַטל און האָט זײַן רבין אַרויסגע־געבן. נישט פאַר קיין געלט, ניין, ניין, איך בין דאָך געווען דערבײַ. נישט פאַר די דרײַסיק זילבער־שטיק, נאָר דערפאַר ווײַל ער האָט געגלויבט, אַז זײַן רבי וועט אונז אַלעמען אין א פײַערדיקן זײַל פאַרברענען, אַז די ערד וועט זיך שפּאַלטן און וועט אונז אַלעמען אין איר מויל פאַרזינקען, ווען מיר וועלן זיך צו אים צורירן. איך האָב עס דאָך אַליין געהערט פון זײַן מויל, — און איצט זעט, וואָס עס איז געוואָרן פון אים!

— פּאַן וויאַדאָמסקי, די מענטשן שרעקן זיך פאַר אונז. קומט, לאָ־מיר גיין!

און איך האָב דעם פּאַן וויאַדאָמסקיס האַנט אָנגענומען, און כמעט מיט געוואַלט אים אַרויסגעשלעפּט פון קעלער־שטוב.

— האָסט אַלץ פאַרגעסן, יהודה, אַלץ פאַרגעסן, — האָט דער פּאַן נאָכגערופן דעם דערשראָקענעם ייִדן.

איך האָב געוואָלט אהיימגיין און אים מיטנעמען מיט זיך, אָבער דער פּאַן האָט מיך אָנגעכאַפּט מיט זײַן קנאָכיקער האַנט, וועלכע האָט געבריט פון וואַרעמקייט, און מיך נישט אָפּגעלאָזט.

— קום, לאָמיר אויפזוכן ישראל! איך וויל זען די קינדער פון ישראל. איך האָב ליב צו געפינען זיך צווישן זיי אין די טעג. אָ, וואָס פאַר א זכרונות זיי רופן אַרויס אין מיר!

און דער פּאַן האָט מיך גענומען און אוועקגעפירט אין דער ייִדישער געגנט. ער האָט מיך אַרײַנגעפירט אין די האַליעס, וועלכע זענען פול געווען מיט אײַנקויפער אויף יום־טוב. אין די האַליעס איז געשטאַנען א הור־האַ. פאַרזאָרגטע ווײַבער מיט עמערס זיינען געשטאַנען בײַ באַליעס פיש, בײַ קצבים־קלעצער, בײַ אייער־קערב, און האָבן זיך געדונגען. הינער האָבן געוואָרקעט אַרויס פון זייערע שטײַגן־געוועל־בער. זויערע, פאַרטרויערטע ווײַבער האָבן פאַרקויפט זויערע אוגערקעס פון גרויסע פעסער. דער פּאַן האָט געמוזט אומעטום זײַן, אויסמישן זיך מיט דער מענגע. דאָ האָט ער אַרײַנגעשטעקט די נאָז אין א קראָם פון

כלים, ארום וועלכער עס איז געשטאַנען א רעדל יידענעס, און אויסגע־זוכט זיך טעלער־לעפל; און דאָ האָט ער שוין זיך אויסגעמישט מיט א קנויל קויפער ביי א שטענדער מיט שניט־סחורה. ער איז געלאָפן פון איין קראָם אין דער אַנדערער און האָט מיט קינדישער זאָרגלאָזיקייט געשעפּט פאַר זיך די פרייד. ער האָט געהאַלטן אין איין ברומען:

— פונקט ווי דענסטמאָל... פונקט ווי דענסטמאָל...

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי א מצה־קרעמל. א גרופּע אָרעם־באַקליידטע ווייבער, פאַרזאָרגטע יידן מיט לאַנגע בערד, יום־טובדיקע שטיוול און זשיפּיצעס, האָבן אויף דער לעצטער מינוט זיך איינגעשאַפט זייער אָרעם ברויט. דער פּאַן איז אויפגעשפּרונגען פאַר נייגעריקייט, ווי ער וואָלט דאָס צום ערשטן מאָל געזען:

— מצות! אַהאַ, מצות! דאָס ברויט, וואָס זיי האָבן געבראַכט מיט זיך פון מצרים. דריי, פיר טויזנט יאָר אַלט. און יעדעס מאָל, ווען איך זע זיי, אָט די מצות, דערמאָנט עס מיר אין עפּעס. אַן אַלט פאָלק. אַן אויסגע־פּרוווט פאָלק. מצות... דאָס ברויט פון באַפרייאונג.

און מיטאַמאָל גיט ער זיך א ווענד צו מיר:

— זאָג מיר, — איך ווייס, איך ווייס, — אז דו און אַזעלכע ווי דו זיינען צו אינטעליגענט דערצו, צו אַסימילירט, צו קאַליע געוואָרן מיט דער פאַרשמירטער הומאַניסטישער קולטור אונזערער, וועלכע וויל אַלע מענטשן אויסבאַקן אין איין אויוון ווי די זעמעלעך. איר, פאַרשטייט זיך, האָלט שוין נישט דערפון. איר עקלט זיך צוצורירן זיך דערצו, איר געפינט עס פאַר אוממענטשלעך, ווילד־פאַנאַטיש, וואָס מען באַדאַרף עס אויס־ראָטן. אָבער עס מוזן זיך דאָך געפינען צווישן אייך סעקטעס, ווען נישט אין דער עפנטלעכקייט, איז אין שטרענגער געהיים, אין דער שטרענגס־טער קאָנספּיראַציע, אין רעליגיעזער קאָנספּיראַציע, פאַרשטייט זיך, אין טיפן צערעמאָניאַל, מיט דער געהעריקער מיסטיק, וואָס שוועבט אויף אזא קאָנספּיראַטיוון אַקט. איר פאַרשטייט דאָך, וואָס איך מיין...

— ניין, איך פאַרשטיי נישט, וואָס איר מיינט, פּאַניע וויאַדאָמסקי.

— עס פאַרשטייט זיך, אז איר וועט עס מיר נישט זאָגן, איירע ליפּן זיינען פאַרחתמעט מיטן זיגל פון גרויסן חרם. און אפשר קאָן גאָר מעגלעך זיין, אז איר ווייסט טאָקע אַליין אויך גאָרנישט דערפון. די רע־ליגיע איז, ליידער, זייער, זייער צוריקגעגאַנגען ביי אייך, אָבער פּאָרט אין טיפעניש פון פאָלק, דאָרט וואו עס לעבט נאָך די אַלטע טראַדיציע, דער טויזנט־יעריקער נאַציאָנאַלער ריטואַל, מוזן זיך דאָך געפינען סעק־טעס, געהיימע סעקטעס. זאָגט, גלויבט איר נישט, אז עס זענען פאַראַן צווישן אייך אַזעלכע, וואָס האַלטן פון דעם ריטואַל?

— פון וועלכן ריטואַל? — פרעג איך אים איבער.

— נו, פון אויסקנעטן כאָטש נאָר מיט איין־איינציקן טראָפּן קריסט־לעך בלוט איער מצה־טייג.

— און איר גלויבט אין דעם? — פרעג איך אים.

— גערויס. פאַרוואָס נישט? אַן אַלטע ראַסע... אַ פּיל־טויזנט־יעריקע קולטור... דאָס געזעץ פון מדבר... באַרג סיני... משה... יהודה... גאָט פון נקמה... אַן עקשנותדיק פאָלק, נישט קיין הײַנטוועלטיקער, צע־קראַכענער, סענטימענטאַלער קריסטן־מענטש, וואָס אײַער לאַנדסמאַן האָט געמאַכט אויס אונז. איר זענט אַ פולבלוטיקע ראַסע, אַ מדבר־שפּראָצלינג מיט שטאַרקע לײַדנשאַפטן, מיט אייביקער שנאה און אײ־ביקער געטרײַשאַפט... פאַרוואָס דען נישט? וואָלט איך געווען אַ ייִד, וואָלט איך געוויס אָנגעהערט צו יענע פון אײַערע סעקטעס, וואָס קלאַ־מערן זיך געטרײַ אין דעם בלוטיקן ריטואַל אַפילו מיט דער גרעסטער סכנה, אַפילו מיט דעם לעבן צו באַצאָלן דערפאַר. דאָס, פאַרשטייט איך, איז ווערט אָנגערופן צו ווערן נאַציע, ראַסע, רעליגיע! נישט ווי איר, הײַנטוועלטיקע ייִדן, וועלכע שאָקלען זיך מיט שרעק אָפּ דערפון. אָך, אָך, אויך בײַ אײַך ווערט, לײַדער, די ראַסע קאַליע...

— און איר וואָלט טאַקע זיך געהאַלטן אין דעם בלוטיקן ריטואַל? — פרעג איך פאַרוואונדערט.

— געוויס. פאַרוואָס נישט? צו פילן דעם טעם פון שונאס בלוט אויף די ליפּן, אַפילו אין דער קלענסטער קוואַנטיטעט, אַפילו איין טראָפּן נאָר פאַרטיילט אין אַ מיליאָן. אָט דעם סימבאָל. — דאָס רוף איך אָן ראַסע, אייביקער האָס! נאָ, זעט, — שרײַט ער פּלוצלינג אויס מיט שטראַלנדיקע, ברענענדיקע אויגן, — נאָ, זעט, ווי די ווײַבער רײַסן זיך בײַ די ציבעלעס! איך האָב ליב יענע ייִדן, וואָס עסן ציבעלעס, וואָס דער קנאָבל־געשמאַק יאָגט ווי אַ הייסער מזרח־ווינט אויס זייערע געדיכטע בערד אַרויס. דער ציבעלע־געשמאַק וועבט זיך אײַן אין די קאַמערן פון זייער הויט. דאָס זײַנען קראַפט־מענטשן. אָ, זיי ווייסן, אײַערע ווײַבער, וואָס זייערע מענער האָבן געגרן! ציבעלעס און קנאָבל. — דער געשמאַק פון אמתן מאַן! נישט ווי מיר, צעקראַכענע, הײַנטוועלטיקע איירשפּעער.

פּלוצלינג איז פאַן וויאַדאָמסקי שטיין געבליבן. איך האָב באַמערקט אויף זײַן פּנים אַן אויסערגעוויינלעכע בלייכקייט. זײַנע אויגן זײַנען גרויס געוואָרן, און פול מיט איבעראַשונג און שרעק. זײַנע נאָזדרעס האָבן זיך אויסגעשפּרייט און הויך געאָטעמט. ער האָט מיט אַ קניפּנדיקן אָנגרייף מיך אָנגעכאַפּט מיט זײַנע פינגער, ווי מיט צוואַנגען, בײַ דער האַנט:

— זעט, ווער שטייט דאָרט. איך קען דאָך דאָס פּנים, איך האָב אים געזען. זעט, זעט!

און איידער איך האָב נאָך צײַט געהאַט צו קומען צו זיך, רײַסט זיך דער פאַן אַרויס פון מיר און לויפט צו צו אַ נידריק־שטאַרקן, יאָדער־דיקן, גוט־אויסגעקנאָטענעם, מיט מאַרך און קנאָכן אויסגעפּליישטן פישער־ייִד, — וועלכער שטייט בײַ אַ מולטער מיט פיש.

— שמעון, שמעון, שמעון בר־יונה, וואָס טוסטו דאָ?

און צו מײַן איבעראַשונג האָט געגעבן אַ קער אויס אַ פּנים צום

פאַן, וואָס האָט באמת דערמאָנט אָן דעם אפּאָסטל שמעון בר־יונה, ווי ער ווערט פאַרגעשטעלט אויף די טראַדיציאָנעלע הייליקע בילדער. דורך זײַן דורכגעאַקערטער, פאַרקנייטשטער פּנים־הויט שנײַדט זיך ארויס א שטאַרקער, שאַרף־קאַנטיקער שייטל־ביין. אונטער דעם געוועלבטן שטערן באַהאַלטן זיך אין זייערע לעכער שוואַרצע, פינקלדיקע, גרויסע אויגן. דאָס פײַער פון די אויגן פלאַמט אויף דער דיקער, קאַלטנוואַטער, שוואַרץ־גרויער באָרד, וואָס נעמט ארום ווי א שווערע ראַם די פאַר־וואַרצלטע, מיט דיקע אַדערן אדורכגעצויגענע באַקן־פעלדער. זײַן קורצע, ברייט־נאָזדערדיקע נאָז און זײַנע שטאַרק־פלייִשיקע ליפּן האָבן שווער געאָטעמט. דער ייד האָט אין דערשטוינונג אויסגעשטרעקט צו אים זײַן אויסגעהאָמערטע האַנט, ווי א נאַקעטער וואָרצל פון אן איילבירט־בוים, וואָס ליגט אויפן וועג ארויסגעוואָרפן און האַלב־אויפגעגעסן פון שטויב און אייזל־טריט. שטייט דער ייד און קוקט אָן מיט ארויספאָדערנדיקער פאַרוואונדערונג דעם פאַן.

— דער פאַן קען מיך? — פרעגט דער ייד.

— געוויס. און דו דערקענסט נישט דעם הגמון פון ירושלים, שמעון?

— ווּעמען?

— איך בין דאָך דײַן הגמון.

— וואָס פאַר א הגמון? וואָס קלאַפּט ער מיר א קאָפּ? איך האָב נישט קיין צײַט צו אײַך. הכּלל, ווײַבער, פרישע העכט אויף פּסח, זעט, ווי עס צאַפּלט! צוויי גילדן א פונט!

— שמעון, שמעון, דו דערקענסט מיך נישט? וואו האָסטו דײַן רבין געלאָזט?

— וואָס פאַר א רבי? ווי קומט א גוי צו א רבין? כ'ווייס נישט, וואָס ער פּלאַפּלט. כ'האָב ק'צײַט נישט! ווײַבער, ווײַבער, צוויי גילדן א פונט!

— און דאָס האָט אנומלט א שווערד געצויגן אויף מיר. דער אייג־ציקער ייד, וועלכער האָט געוואָגט זיך אנטקעגנצושטעלן. ער האָט אפילו איינעם פון מײַנע געטרײַסטע מענטשן אן אויער אָפּגעהאַקט. און זעט, וואָס עס איז געוואָרן פון אים! שמעון, שמעון, וואו האָסטו דײַן שווערד?

— וואָס פאַר א שווערד? נעמט אים אוועק דעם גוי פון מיר, וואָרעם עס קאָן נאָך אן אומגליק געשען.

— קומט, פּאַניע, קומט. איר האָט היץ, איר זענט נישט געזונט. קומט. מיר וועלן אהיימפאָרן. מיר שרעקן די מענטשן איבער.

און איך האָב דעם פאַן קוים פון די ערב־יום־טובדיקע האַליעס ארויסגעשלעפּט.

— ישראל, ישראל, וואָס איז געוואָרן פון דיר?

— פּאַניע וויאַדאָמסקי, קומט!

— און איך האָב דאָך זיי אזוי ליב, — קרעכצט דער פאַן פאַר זיך. איך בין דערשטוינט געוואָרן.

— ווּעמען?

— אײַך, יידעלעך.

און מיט אמאָל ווערן פאַן וויאַדאָמסקיס אויגן פאַרגלייזט, באַצויגן מיט א גלאַנצנדיקן וואָלקן. זײַן בלייך פּנים ווערט נאָך בלייכער און אויסגעצויגענער, זײַנע הענט ציטערן, זײַנע ליפּן ציטערן, און זײַן לאַנגע, דינע, אויסגעצויגענע נאָז אַרבעט שווער צו שעפּן לופט. ער קרעכצט און רעדט צו זיך:

— ישראל, ישראל, וואָס איז געוואָרן פון דיר?

— פאַן וויאַדאָמסקי, קומט, מיר וועלן נעמען א וואָגן.

אָבער דער פאַן האָט מיך נישט געהערט.

— שוסטער, הענדלער, מעקלער, האַנדל, האַנדל — דאָס איז געוואָרן פון דיר, ישראל! הענדלער מיט אַלטע הויזן, מיט זשאַווערדיק אײַזן! אין די רינשטאָקן זיצן זיי, אין שמוציקן, צעלאָזענעם שניי פון א פרעמדער, באַרבאַרישער שטאָט, די יוחננס, די שמעונס, די יהודהס, די יעקבס, די יוספס... און דאָרט בלאָזן שוין די שופרות פון די וואַכן אויף דער בית־המקדש־מויער. די זון וועקט זיך שוין און באַגיסט מיט שטראַלן די גילדענע טויערן. עס גייען שוין ארויס די כהנים צו זייער דינסט. די געסלעך פון בית־המקדש־הויף ווערן שוין איבערגעפילט מיט די ערשטע קרבנות־ברענגער. און דאָ זיצן זיי, די שנײַדער, די שוסטער, באַהאַלטן אין זייערע קעלערס. און איך, זייער הגמון, בין מיט זיי, אין דיזעלביקע בלאָטיקע צײַט־און־אָרט ווי זיי. איך אָטעם מיט זיי דיזעלבע לופט, און זיי דערקענען מיך נישט און ווייסן נישט, ווער איך בין. זעען זיי דען נישט זייער אייגן פּנים? הערן זיי דען נישט זייער אייגענע שטים? ישראל, וואָס איז געוואָרן פון דיר? קוק זיך אָן, ווי דו פאַרברענגסט דײַנע פּסחס, ווײַט פון דײַן פאָטערס הויז! און איך, דײַן הגמון, בין מיט דיר, אין גלות ווי דו.

ער האָט זיך שיר נישט צעוויינט פון אויפרעגונג. מענטשן זיינען געוואָרן אויפמערקזאַם אויף אונז. עס האָט זיך אָנגעהויבן צוזאַמענצוקלייבן א רעדל. די פרילינג־לופט איז געווען זייער מסוגל צו מאַכן מענטשן דורשטיק נאָך נײַע געשעענישן. איך האָב מורא געהאַט, אַז עס זאָל ווער נישט דערהערן דעם פאַנס אויפגערעגטע, פרעמדע רייד וועגן אַן אַנדער לעבן, און זײַן סוד זאָל נישט אַנטפּלעקט ווערן, וואָס דאָס וואָלט געקאָנט דערפירן צו אומאַנגענעמלעכקייטן. איך האָב אים האַלב מיט געוואַלט ארויפגעפּאַקט אויף א וואָגן און אָפּגעפירט צו זײַן וואוינונג.

ווען מיר זיינען אהיים געקומען, איז שוין שטאָק־פינצטער געווען. אין דער פינצטערניש האָט מען דערפילט דעם פרילינגדיקן הויך, וואָס האָט זיך געטראָגן אין דער לופט. די פרילינג־לופט אין דער אָוונט האָבן דעם פאַן נאָכמער באַאומרואיקט. ער האָט נישט געלאָזט קיין ליכט מאַכן. איך האָב אים קוים מיט צרות אוועקגעלייגט אויפן בעט. פון קישן אראָפּ האָט אראָפּגעשײַנט אין דער אָוונטלעכער דעמערונג דאָס ליכט

פון זײַן אויסערגעוויינלעך בלייך־געל פּנים, באַשימערט מיט דעם קאַרגן לבנה־ליכט, וואָס איז מיט געוואַלד אַרײַנגעדרונגען דורך דעם נאָך ווינטערדיק־פאַרקאָוועטן פענצטער. די אויסערגעוויינלעכע, לאַנגע, אויסגעצויגענע נאָז זײַנע און זײַנע אויסטערלישע, שײַנענדיקע אויגן האָבן געשראָקן מיט שדימדיקער פרעמדאַרטיקייט. ער האָט אויסגעזען אַזוי ווי ער חלומט, און ווי פון חלום אַרויס, האָט ער גערעדט מער צו זיך ווי צו מיר:

— פּונקט ווי דענסטמאָל...

— פּרוּווט עס פאַרגעסן, פּאַן וויאַדאָמסקי.

— ניין, איך וויל נישט פאַרגעסן. איך וויל זיך געפינען מיט זיי.

זײַנע אויגן זיינען געוואָרן ליכטיקער, זײַן פּנים — באַלעבטער. ער האָט זיך אויפגעזעצט אויפן בעט. קיין ליכט האָט ער נישט געלאָזט מאַכן. און ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרציילן:

קאַפּיטל צוויי.

„מיר האָבן דענסטמאָל אַן אויסערגעוויינלעך שווערן ווינטער געהאַט אין ירושלים. אַנומלט האָט זיך אַפילו דערטראָגן אַ שניי און צוגעדעקט די בערג אַרום ירושלים. ער האָט אַפילו דערגרייכט דעם הר־הצופים. ער האָט טאַקע נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט אים די מזרח־זון צעטאָפּיעט. אָבער דער אָנבליק פון ירושלים אין פריען מאָרגן, אַרומגערינגלט מיט ווײַסע פעסטונגען, האָט איבערגעלאָזט אויף מיר אַן אומפאַרגעסלעכן אײַנדרוק. די באַפעלקערונג, וואָס איז נישט געווען פאָרגעברייט צו דער קעלט, האָט זייער געליטן. די אײַנוואוינער פון ירושלים זיינען געווען צוגעוואוינט צו געפינען זיך תמיד אינדרויסן. ד' האָבן זיי זיך געהילט און געוויקלט אין וואָס זיי האָבן נאָר געפונען. די רײַכע האָבן געהאַט וואַרעמע פילצענע מאַנטלען. אָבער די אָרעמע אין די גאַסן און אויף די פּלעצער האָבן זיך געוויקלט אין צעריסענע זאַקקליידער און שמאַטעס, זיך געזאַמלט אַרום די געבעט־הײַזער, אין וועלכע זיי האָבן געוואָלט זיך אַרײַנקריגן, כדי זיך אָנצוואַרעמען. אין בית־מקדש־הויף האָבן די רביים מיט זייערע תלמידים געציטערט אין דער באַזיליקע פון הורדוס — בײַ פײַער־טעפּ, וועלכע פרומע ווײַבער האָבן פאַר זיי אָנגעצונדן, כדי צו וואַרעמען זיך בײַם לערנען. די כהנים האָבן אין זייערע לײַוונטענע הויזן און אין זייערע לײַכטע ווײַסע טוניקעס געציטערט פון קעלט, ווען זיי זיינען מיט באָרוועסע פיס אַדורכגעלאָפן דעם שטיין־געשליפענעם הויף צום היכל צו טון זייער עבודה. ירושלים איז געווען דורך דעם ווינטער אַ פאַרהעלטניסמעסיק רואיקע שטאָט. אין דער

לאַנגער הפסקה פון סוכות ביז פסח־צײַט, ווען קיין יום־טובים זיינען נישט פאַראַן, האָבן ווינציק עולי־רגלניקעס זיך באַוויזן אין שטאָט. עס זיינען דאָרט נאָר געווען אָפּיציעלע שנאָרער, לײדיקגייער, אַנטלאָפענע קנעכט, אויפרודערער, וועלכע האָבן זיך אויפגעהאַלטן פון איין יום־טוב צום אַנדערן אין שטאָט. די רײַכע לײַט, די אַריסטאָקראַטישע און די גרויס־כהנישע משפחות האָבן פאַרלאָזט די שטאָט איבער די ווינטער־חדשים און געשיצט זיך אין דעם זוניקן טאָל — אין די אייביק וואַרעמע פאַלמען־וועלדער פון יריחו. נאָר די רביים האָבן זיך אין ווינטער געמערט אין ירושלים, און פיל תלמידים פון די נאָענטע און ווײַטע פראָווינצן זיינען אָנגעקומען אהין צו זיצן בײַ זייערע פיס; עס זיינען דאָ געווען זין פון גוטע הײַזער, וואָס די עלטערן האָבן זיי געשיקט קיין ירושלים זיך אויסצובילדן, אפילו פון ווײַטע פראָווינצן מחוץ־לארץ; געווען אויך יונגע כהנים און לויים פון דער פראָווינץ, וועלכע זיינען געקומען צו לערנען די עבודה אין בית־המקדש. זיי אַלע האָבן זיך געזאַמלט אין די פילע אומענדלעכע לשכות, וואָס האָבן זיך געפונען אַרום דעם בית־המקדש, אָדער בײַ די רביים מיט די תלמידים, וועלכע האָבן זיך געקליבן אַרום די פײַער־טעפּ אין בית־מקדש־הויף.

„איך האָב דעם ווינטער זייער ווייניק זיך געפונען אין ירושלים. איך האָב זייער אָפט זיך אויפגעהאַלטן אין צעזאַריע, בײַ פּילאַטוסן. מיר זיינען געווען פאַרנומען אויסצואַרבעטן אַ געוויסן פּראָיעקט. פּילאַטוסן האָט זיך געוואָלט דורכאויס האָבן אַ צוטריט צו די רײַכע אוצרות, וועלכע האָבן זיך געפונען אין בית־המקדש־הויף, — איז ער געפאַלן אויף אַזאַ פּלאַן: — ירושלים האָט פון קדמונים אָן געליטן פון וואַסער־קנאַפּקייט. די בריכות, וואָס דער מלך שלמה האָט געלאָזט גראָבן אויפן וועג קיין חברון אויף אַרײַנצוברענגען דאָס וואַסער דורך רערן אין שטאָט אַרײַן, זיינען געווען פאַרעלטערט און נישט גענוגנדיק צו באַדינען די וואַקסנדיקע באַפעלקערונג פון דער הויפּט־שטאָט. די פּאָר קוועלן און באַסיינען, ווי אויך דאָס טײַכל שלוח — זיינען געווען אָרעם און קנאַפּ. פּילאַטוסן, ווי יעדן הויפּטמאַן פון אַ פּראָווינץ, האָט זיך פאַרגלוסט איבערצולאָזן זײַן אָנדענק פאַר די שפּעטערדיקע דורות אין דער פּראָווינץ, איבער וועלכער ער האָט רעגירט. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַן אידעע צו ציען אַ וואַסער־מויער, וואָס זאָל צופירן וואַסער צו דער אייביק־דאָרשטיקער שטאָט פון ווײַטן דרויסן. איבער דעם, וואָס ירושלים איז געלעגן זייער הויך, אַרומגערינגלט פון דרײַ זײַטן מיט טאָלן, איז דעם פּראָיעקט געווען זייער שווער דורכצופירן. פּילאַטוס האָט זיך געקליבן צו פינאַנסירן דעם קאָסטלעכן פּראָיעקט מיט די אוצרות פון בית־המקדש, אין וועלכן די יידן פון דער גאַנצער וועלט האָבן אָנפאַרטרויט זייערע פדיונות. די ירושות פון אלמנות און יתומים האָבן עס געזאָלט שטילן פּילאַטוסעס אַמביציעס. דאָס גאָלד פון בית־המקדש איז, אגב, שוין פון לאַנג געווען אַ דאָרן אין זײַנע אויגן און האָט גערייצט

זײַן גאָלד־דורשט. פּילאַטוס האָט אין אָט־דעם פּראָיעקט געזען א גוטע מעגלעכקייט ארויפצולייגן זײַן האַנט אויף די געהיימניספולע אוצרות, אויף דעם לעגענדארישן רײַכטום פון בית־המקדש, וואָס האָט אים נישט געלאָזט רוען, ווי אויך צו פאראייביקן זײַן נאָמען דורך גרויס־ווערק, וואָס איז געווען דער אידעאַל פון יעדן פּראָ־קאָנסול און חייל־פירער. ער האָט אָבער געוואוסט, אז אזוי לײַכט וועט עס אים נישט אָנקומען. די יידעלעך וועלן מאַכן א גרויס געוואַלד, — און מיר האָבן זיך פאר דעם גוט פּאַר־געברייט. איך בין זייער אָפט גערופן געוואָרן צו אים קיין צעזאַריע, כדי מיישב צו זײַן זיך ווי אזוי צו געווינען די צושטימונג פון כהן־גדול און פון זײַן אײַנפלוסרײַכער משפחה צו דעם וואַסער־פּראָיעקט. אויך האָט ער מיך זייער אָפט געשיקט קיין יריחו און אין אַנדערע וואַרעמע ערטער, וואו די אַריסטאָקראַטיע האָט זיך אויפגעהאַלטן, כדי זיי צו באַארבעטן פאר זײַן פּלאַן, אזוי אז איך האָב ווייניק געלעגנהייט געהאַט דעם ווינטער אין ירושלים צו פארברענגען, וואָס איז מיר טאַקע זייער געפעלן, ווײַל איך בין גאָרנישט געווען אזוי גערן צו זײַן אין ירושלים, דערהויפּט דורך די רויע ווינטער־חדשים, און איך האָב מיין קליינע פרייד פון לעבן בע־סער געגאָסן אין די פּעטע און רײַכע פּאַלמען־גערטענער פון יריחו, אָדער אין דער קולטורעלער פּאָרט־שטאָט פון צעזאַריע, וועלכע איז געלעגן בײַם וואַרעמען ים־ברעג.

„נאָר איינמאָל, ווען איך האָב אויף א קורצער ווײַל זיך געפונען דעם ווינטער אין דער אנטאָניא, בין איך ארויסגעגאַנגען שפּאַצירן היב־טער דער פעסטונג, דורך דעם שעפּסן־טויער, וואָס איז געלעגן בײַם ארײַנגאַנג פון שעפּסן־מאַרק. איך האָב פארבלאָנדזשעט און בין ווײַטער ארויס פון שעפּסן־מאַרק. בײַם אָפּנייג פון באַרג, צום טאָל צו, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף יענעם אָפּגעלעגענעם פארלאָזענעם אָרט בײַ דער בריכה, וועלכן די יידן רופן „בית־חסדא”, וואו עס האַלטן זיך אויף די קראַנקע, — לאָמע, בלינדע, געבראָכענע, פיל פארדעכטיק־קרעציקע און אַנדערע אָנשטעקיק־קראַנקע, געשלאָגענע לײַט, וואָס וואַרטן אָפּ ביז דאָס וואַסער פון דער בריכה וועט אויפברויזן. זיי האָבן געגלויבט, אז א מלאך נידערט אראָפּ אין דער בריכה און שטורעמט אויף די וועלן, און ווער עס טוקט זיך אונטער בשעת דער טײַך שלאָגט מיט וועלן, דער ווערט גע־היילט. איך האָב געקענט דעם אומהיימלעכן אָרט נאָך פון פריער און זיך געמיט אים אויסצומײַדן איבער דעם געשטאַנק פון די קראַנקע, וועלכע האָבן געדרעפּטשעט מיט זייערע האַלב־פארפוילטע לײַבער אין דעם בלאָטיקן זומפּ, וואָס האָט זיך אָפּגעזעצט אויפן באָדן פון דער בריכה, ווען דאָס וואַסער איז רואיק געווען. די קראַנקע האָבן זיך דאָ געראָיעט ווי ווערעם מיט זייערע צעבראָכענע, אָפּגעלאָזענע, אויסגעגלידערטע אברים מיט די אָפענע, אייטערדיקע מכות. פון פיל פון זיי האָט זיך גע־טראָגן א געשטאַנק פון דער ווײַטנס, ווי פון ארומוואַלגערנדיקע פּגרים. א שטענדיקער יאַרמאַרק פון קראַנקע איז דאָרט געווען. קרובים האָבן

זייערע געלײמטע נאָענטע געבראַכט צו שלעפּן אויף ליג־ברעטער, די פּאַרפּוילטע גלידער צוגעדעקט מיט פּאַרדעכטיקע בגדים. און א קריגערײַ און געשלעגערײַ איז דאָרט געווען אי צווישן די געזונטע, אי צווישן די קראַנקע, וועלכע האָבן מיט זייערע אָפּפאַלנדיקע, פּאַרפּוילטע אברים אויסגעקעמפּט זיך א פּלאַץ וואָס נענטער צו דער בריכה, ווען עס וועלן אָנהויבן שלאָגן די וועלן, כדי וואָס פריער אַרײַנצוקריכן אין דער בלאָטע. די, וועלכע האָבן שוין נישט געקאָנט זיך באַנוצן אין דעם קאַמף מיט זייערע אברים, האָבן דאָס געטון מיט זייערע צונגען. אָפּטמאָל האָט א פּאַניק אויסגעבראָכן צווישן די קראַנקע, ווײַל זיי האָבן חושד געווען, אז א מצורע האָט זיך אַרײַנגעקראָגן צווישן זיי, אָדער א באַזעסענער פון א שלעכטן רוח, וועלכן די, וואָס זיינען בײַם שכל געבליבן, האָבן געוואָלט פּאַרטרײַבן. ניין, עס איז נישט געווען קיין פריילעך אָרט, דאָס אָרט פון דער בריכה פאר קראַנקע. דאָס יאָמערן פון די געשלאָגענע, דאָס קרעכצן פון די שוואַכע, אויסגעמישט מיט דעם מיאַוטשן און מעקען פון די באַזעסענע, האָט אָנגעיאָגט א חושך אויף מײַלן ווײַט און מען האָט אויסגעמיטן דאָס אָרט. אָבער דאָס האָט אַלץ פּאַסירט אין זומער. איך האָב זיך נישט געקאָנט פאַרשטעלן, אז איצט אין ווינטער, ווען די ערד ליגט באַדעקט מיט א שמוציקער שיכט פון צעלאָזענעם שניי און אײַנגעפרוי־רענעם טוי, ווען אפילו די בלאָטע אַרום דער בריכה איז פּאַרהאַרטעוועט ווי א פּאַרטריקנטער בלאָטער פון קעלט, זאָלן זיך אַרום דעם שטינקנ־דיקן וואַסער געפינען קראַנקע. נאָר קוים האָב איך זיך דערנענטערט, האָב איך שוין פונדערווײַטנס דערהערט א גרויסן ליאַרעם. אָבער דער ליאַרעם איז נישט געווען ווי יעדעס מאָל, וואָס גייט אויף פון די ווייטאָג־דיקע געשרייען פון די קראַנקע. דאַסמאָל זיינען עס טאַקע געווען פּאַניק־גוואַלדן. אָבער די פּאַניק־גוואַלדן זיינען געווען אויסגעמישט מיט פרייד־רופן, מיט הושענה־אויסגעשרייען. איך בין נײַגעריק געווען צו וויסן, וואָס עס איז געשען צווישן די קראַנקע, וואָס זיי זיינען הײַנט אזוי אויפ־גערודערט, אזוי אויפגערעגט. און ווי איך האָב זיך עס פאַרגעשטעלט, אזוי איז עס טאַקע געשען. א רבי האָט זיך באַוויזן צווישן די קראַנקע און האָט איינעם פון זיי געהיילט דורך א וואונדער. דאָס איז קיין נײַעס נישט געווען אין דעם לאַנד. אין ירושלים איז מען געוואוינט געווען צו נסים יעדן טאָג. וואָס עס איז יאָ א נײַעס געווען, און וואָס עס האָט מיך איבעראַשט, איז דער אײַנדרוק, וואָס דער נס האָט געמאַכט אויף די־קראַנקע. איך בין דאָך שוין געוואוינט געווען צו די עקסטאַזן פון די מאַסן און צו די ענטוזיאַסטישע סצענעס, וואָס איך האָב זיך אָנגעזען אין בית־המקדש־הויף. נאָר אזא באַגײַסטערונג, וואָס דער וואונדער פון רבין האָט ארויסגערופן, — האָב איך נאָך נישט געזען. סײַ די קראַנקע, וועלכע האָבן מיט זייערע לײַבער געשטעקט אין דער קאַלטער בלאָטע, סײַ די, וועלכע זיינען אין דרויסן ארום דער בריכה געלעגן, — אַלע זיינען זיי געשטאַנען אויף זייערע אויסגעקרימטע, פון קראַנקהייט געלײמטע גלי־

דער, און מיט זייערע בלייכע פּנימער האָבן זיי נאָכגעקוקט די ווײַסע פיגור, וואָס איז פאַרשוואונדן פון זיי. זיי האָבן געשוויגן, נאָר געהאַלטן די הענט אויסגעשטרעקט נאָך אים.

— ווער איז עס? — פרעג איך בײַ איינעם, וואָס איז מיר געקומען אַנטקעגנצוהינקען אויף איין פוס, אָנגעלענט אויף אַ שטעקן, און האָט דעם אויסגעדאַרטן פוס געשלעפּט נאָך זיך.

— איין וואָרט נאָר האָט ער אַרויסגעזאָגט—איז עס געשען, —פאַרציילט מיר דער קאַליקע מיט ענטוזיאַזם. — דו זעסט אָט דעם פאַרקריפּלטן אַלטן. יאָרנלאַנג איז ער געלעגן אויף זײַן געלעגער. דאָס פלייש האָט שוין געפוילט אויף זײַנע ביינער, ער האָט זיך געבעטן, מען זאָל אים אַראָפּנעמען פון זײַן פאַרפוילטן געלעגער און אַרײַנזעצן אין דער בריכה, אָבער קיינער האָט זיך נישט צוגעהערט צו זײַנע קרעכצן. מען האָט געמיינט, אַז אים וועט שוין גאָרנישט העלפן. מען האָט אים געהאַלטן פאַר טויט. און פּלוצלינג איז אַ רבי אָנגעקומען. דער קראַנקער האָט אויפגעהויבן זײַנע הענט צו אים און געמורמלט מיט די ליפּן. — דער רבי האָט אים אָנגעקוקט און געזאָגט צו אים מיט אַ באַפעלערישער שטימע: „הייב דיך אויף פון דײַן געלעגער און נעם דאָס בעט אויף דיר״. און ווי דער רבי האָט אים באַפוילן, אַזוי האָט ער געטון. אפילו אים אין דער בריכה נישט אַרײַנגעזעצט, נאָר מיטן בלויזן מויל. ווי אַ בליץ איז עס געשען. אוי, וואָלט ער צו מיר דאָס געטון!

„אַ מערקווירדיק פאָלק, אײַערע לײַט. אויך בײַ די אַנדערע פעלקער זיינען דאָך דאָ כישוף־מאַכער, עקזאַלטירטע לײַט, וועלכע באַזיצן מאַגישע כחות צו באַשווערן שלעכטע רוחות, אָפּצושרײַען קראַנקהייטן, צו באַרואיקן שלעכטע געמיטער. מיטן בליק פון זייערע אויגן קאָנען זיי פאַרקריפּלטע גאַנץ מאַכן. וויפיל האָב איך זיך דאָס אָנגעזען בײַ די כאַלדייער, בײַ די עגיפּטער. אַלעקסאַנדריע, אַנטיאָכיע, אַשקלון און צור זיינען פול מיט זיי, אָבער קיינער האָט קיינמאָל די כישוף־מאַכערײַ נישט אָנגענומען ווי אַן אויסערגעוויינלעכע באַגנאָדיגונג פון גאָט, נישט פאַרשריגן דאָס פאַר אַ נס. די כישוף־מאַכערײַ איז געווען אַזאַ פּראָפעסיע, ווי דער באָד־מאַן, דער פריזירער, ווי דער שרײַבער, וואָס האָט קמיעות געשריבן אָדער אויסגעקריצט, — וועלכע האָבן פונדערווײַטנס געהאַלטן די שלעכטע גייסטער. נאָר בײַ אײַך, יידעלעך, טאָמער איז אַמאָל געשען אַזאַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך, האָט איר עס באַלד דערקלערט ווי אַן ענדערונג פון דער נאַטור, ווי אַ צייכן פון די געטער, וועלכע האָבן איבערגעלאָזט אויף באַראָט זייער טאָג־טעגלעכע באַשעפטיקונג צו באַזאָרגן די וועלט מיט אַלעם נייטיקן, האָבן אָפּגעבייגט פון זייערע דרכים, כדי איינעם פון אײַך אַ טובה צו טון און זײַן הויקער אויסצוגלײַכן, זײַנע צעבראָכענע אברים גאַנץ צו מאַכן דורך אַן אויסטערלעשן וועג, כדי אײַערן אַ רבין דורך דעם פאַר אַ שליח פון גאָט אויסצורופן. קיין באַשיידענע אומה זענט איר קיינמאָל נישט געווען, איר יידעלעך.

„איך האָב, פאַרשטייט זיך, געזען, אַז עס האַנדלט זיך וועגן דעם רבין פון כפר־נחום, און איך האָב זיך נישט טועה געווען אויך. אין אַ צײַט אַרום בין איך דורכגעגאַנגען דאָס בית־המקדש־געסל און — וואָס זע איך? — אונזער אַלטער באַקאַנטער רבי אין זײַן ווײַסן כאַלאַט, נאָר נאָך מער אויסגעצויגן און אויסגעדאַרט, — מען קאָן זאָגן, אַ סקעלעט. ער איז דורך דער צײַט, וואָס איך האָב אים נישט געזען, נאָך העכער געוואַקסן, ער איז מיט זײַן פיגור אַרויפגעשפּרונגען אין הימל אַרײַן. ער איז געשטאַנען אין אַ קרײַז פון פאַנאַטיקער און האָט עפּעס אײַנגעטענהט מיט זיי. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט פון דער ווײַטנס, אונטער דעם געזימס פון אַן אַרויסשטאַרצנדיקער נישע, וועלכע איז געהאַנגען אויף דער אײַנגעלעכער מויער, און האָב צוגעזען, וואָס דאָ קומט פאָר. אין דעם רעדל אַרום דעם הויכן, ווײַסן רבין האָב איך דאָ, אין בית־המקדש־הויף, ווי אַנומלט אין כפר־נחום, באַמערקט דאָס איינפאַכע פאָלק, — וואַסער־טרעגער, וועלכע האָבן געטראָגן אויף זייערע פּלייצעס לאָגלען מיט וואַסער אויס דעם קוואַל, וואָס איז דורך אַ רינע אַרויסגעפּלאָסן פון אינער־לעכן בית־המקדש־הויף; בעלי־מלאכה׳ס, וועלכע זייגען געשטאַנען אויף זייערע בערזעס, פּלעצער, וואָס יעדער פאָך האָט געהאַט אין בית־המקדש־הויף; אַ סך ליידיקגייער, אָדער ווי מיר האָבן זיי גערופן, די „קנאים״, די גלילער, וועלכע האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין ירושלים פון איין יום־טוב צום אַנדערן. — אַ, ירושלים האָט געווימלט מיט די לײַט, זיי האָבן זיך רעקרוטירט פון אַלע אַנטיילנעמער אין אויפשטאַנדן. איך האָב זיי דערקענט דורך זייער קליידונג און האַלטונג. „די גלילישע נאַקעט לײַט״ — האָט מען זיי גערופן, וואָרעם אפילו אין ווינטער זענען זיי אַרומגעלאָפן אין זייערע צעריסענע זאַק־קליידער, טייל פון זיי נאָר מיט גאַרטלען צו באַדעקן זייער שאַנד. עס האָט זיי נישט געאַרט קיין קעלט און קיין רעגן, וועלכע האָבן אַדורכגעווינטיקט און אַדורכגענעצט זייערע אויפגע־דעקטע לײַבער. מיט די צעפּלאַשעטע לאָקן־קאָלטענעס איבער זייערע בראָנזענע רוקנס, האָבן זיי אַרומגערינגלט דעם הויכן, ווײַסן רבין. ער האָט נישט געענטפערט מיט זיי, נישט אויסגעטײַטשט די שריפט, נאָר עפּעס פאַרציילט, וואָס האָט אַרויסגערופן אַזאַ אויפרודערונג צווישן זיי, אַזאַ חלוקי־דעות, אַז איך האָב געמיינט, אַז עס וועט באַלד קומען צו אַ געשלעג. און עס איז טאַקע אַזוי געשען. טייל לײַט, וועלכע עס איז נישט געפעלן, וואָס דער רבי האָט געזאָגט, האָבן אָנגעהויבן צו לאַכן אויס אים און חוזק געטריבן. איינער פון זיי האָט אוודאי פאַרבלאָנדזשעט אין דער גרופּע, אָדער ער איז געקומען שפּאַס האָבן מיט דעם פּראָווינציעלן רבין, וואָרעם ער האָט נישט געהערט צו דער גרופּע, נאָר איז ביז איצט פונדערווײַטנס געשטאַנען. אין זײַן אויסזען און אין זײַן קליידונג האָב איך דערקענט, אַז ער געהערט צו דעם פּריווילעגירטן קלאַס, צו דער צדוקישער אַריסטאָקראַטיע. ער האָט געטראָגן אַ געקינצלט־געפאַרבטן גאַרטל, געוויקלט איבער זײַן וואָלענעם מאַנטל. דער גאַרטל האָט דער־

גרייכט ביז צו זײַנע קני און זיי צוזאַמענגעצויגן, העמענדיק זײַנע טריט. א רײַך־קאָלירטער פראַנז האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן זײַנע פיס. זײַנע האָר זיינען געווען פאַרקעמט אין אומצייליקע, דינע לאָקן־געפלעכטן, לויט דעם כאַלדייאישן סטיל, אזוי אויך זײַן באָרד. עס האָט זיך געטראָגן פון אים א שווערער דאַמף פון פּערפומען און פעטע געשמאַקן. די אָרעמע, האַלב־נאַקעטע גלילער האָבן מיט אָפענע מײַלער און פארשפרייטע נאָזדרעס ארײַנגענומען אין זיך די וואויל־גערוכן, וואָס האָבן אויסגעדעמפּט פון זײַן קערפּער, וועלכער איז געווען פעט באַשמירט מיט אייל. איך געדענק, ווי זײַנע צוויי קנעכט, וועלכע האָבן אים באַגלייט, האָבן מיט זייערע שטעקנס אויסגעשלאָגן א וועג פאר אים צווישן דער וואַנט פון נאַקעטע לײַבער, וואָס האָבן ארומגערינגלט דעם רבין. די אָרעמע האָבן טאַקע געשפּאָלטן זייערע רייען און אים אדורכגעלאָזט. אז ער איז אָנגעקומען פאר דעם פּנים פון רבין, האָט דער אויסגעפּוצטער צדוקי אויסגעשטרעקט זײַן מיט רינגען באַקליידטע האַנט און האָט דעם רבין עפּעס געפרעגט. עס האָט געמוזט זײַן עפּעס זייער קאָמישעס, וואָרעם כדי דעם רײַכן צו חנפענען, האָבן זײַנע באַגלייטנדיקע דינער און נאָך זיי די ארומשטייענדיקע מאַסן אויסגעבראָכן אין לויד־ספּאַזמעס. דער רבי, נישט געקוקט אויף דעם לאַכן, האָט אים אָפּגעענטפערט, אָבער דער אויסגעפּוצטער צדוקי האָט זיך שוין נישט צוגעהערט צום רבינס ענטפער און איז מיט א טריאומפירנדיקער מינע אוועקגעגאַנגען פון דעם באַזיגטן רבין ווײַטער זײַן וועג.

„הינטער דעם רבין פון כפר־נחום האָב איך פּלוצלינג באַמערקט, אז עס שטייט ווער, וועלכער האָט פון ערשטן אָנבליק געמאַכט אויף מיר אזא אײַנדרוק, אז איך האָב דערנאָך שוין לאַנג נישט געקאָנט זיך באַפרײַען דערפון. הינטער דעם רבין איז געשטאַנען אַן אויסטערלעשער מענטש, אויב מען קאָן אים נאָר אָנרופן בײַם נאָמען מענטש: א הויכער. כמעט אזוי ווי דער רבי, מיט א פּנים פון א טויטן, אָבער בוכשטעבלעך פון א טויטן סקעלעט, — א סקעלעט, באַהאַנגען מיט א זאַק־קלייד. זײַן סקעלעטן קאָפּ איז, אמת, מיט הויט געווען איבערגעצויגן, אָבער די הויט האָט נישט געהאַט קיין מענטשלעכן קאָליר, נאָר איז געווען אַשיק־בלוי פאַרטונקלט, ווי די הויט, וואָס דאָס חיות־זאַפט איז פון איר אויסגעטריקנט געוואָרן און פאַרברענט פון טויט אויף אַש. אנשטאָט לידיקע אויגן־לעכער, ווי בײַ יעדן אַנדערן סקעלעט, האָבן אין זײַנע לעכער געשטעקט פאַרגלייזטע, טויט־שטאַרנדיקע אויגן־אַפּלען. די האָר פון קאָפּ זיינען געווען אויסגעקראָכן. אין דער לידיקער, גרויסער אָנגעשוואָלענער, בלוי-אַשיקער ליסינע, וואָס האָט אויסגעקוקט ווי דאָס שטערצל פון א טאָפּ, האָבן געקלעפּט איינצלנע, מאַטע, אָן יעדן לעבן צונויפגעקאָלטנטע האָר־לאָקן, וועלכע זיינען געפאַלן איבער זײַן דינעם, אויסגעבלייזטן, ביינערדיקן האַלדז, — דער קאָפּ איז טאַקע געזעסן בײַ אים ווי אויף א דינעם דראָט אויפגעצויגן. און דאָס מערקווירדיקסטע איז געווען

אין דעם מאַן, וואָס מער נאָך פון זײַן אויסזען האָבן זײַנע באַוועגונגען ארויסגערופן דעם אײַנדרוק פון טויט. ער איז געשטאַנען טאַקע הינטער זײַן רבין, איז נאָכגעגאַנגען נאָך אים יעדן טראָט, נאָר זײַנע טריט, די באַוועגונגען פון זײַנע הענט, זײַן גאַנג, אַלץ האָט געמאַכט אזא אומ־נאַטירלעכן אײַנדרוק, ווי די פיגור וואָלט קיין מענטשלעך לעבן אין זיך נישט באַזעסן, וואָס מיט אָט דעם כוח פירט זי אויס אירע פונקציעס. נאָר געטריבן פון א פרעמדן מעכאַניזם, באַוועגט זי זיך מיט גולמדיקער גלײַכגילטיקייט, באַפוילן פון אן אַנדער ווילן און געדאַנק. די קליינע, אָבער קענטיקע הפסקה, וואָס מען האָט בולט אָנגעזען בײַם אויספיר פון אירע באַוועגונגען, האָט נאָך מער געשטאַרקט דעם אײַנדרוק, אז די פיגור באשטייט נישט פון לעבעדיק פלייש און בלוט, נאָר אויס טויטע גלידער, אָנגעבונדן צו מוסקולדיקע אָדערן, וועלכע ווערן אָנגעטריבן פון אן אויס־סערשטייענדיקן מעכאַניזם. איך האָב זיך אינטערעסירט מיט דער פרעמד־דערשײַנענדיקער פיגור, זי איז מיר אויך פירגעקומען באַקאַנט, ווי איך וואָלט זי שוין אנומלט וואו־עס־איז געוועזן געזען. און איך האָב געפרעגט בײַ א נאָענט־שטייענדיקן יידן פון זײַן קרײַז:

— ווער איז דאָס די פיגור?

— איר ווייסט נישט, ווער דאָס איז? דאָס איז דאָך אליעזר, דער ברודער פון מרתא און מרים.

— "אליעזר? דער ברודער פון מרתא און מרים? געוויס קען איך אים! פארוואָס זעט ער אזוי אויס? דאָס איז דאָך א טויטער, וואָס שטייט הינטער דעם רבין — וואונדער איך זיך.

— „געוויס איז ער א טויטער. דער רבי האָט אים פון טויט אויפגעװעקט און צוריק לעבעדיק געמאַכט.

— „פון טויט אויפגעוועקט?

„געוויס האָב איך זיך דערמאָנט אין דעם יונגענמאַן, וואָס איך האָב אנומלט געזען אין גת־שמן, אין הויז פון מרים מאַגדאַלענאַ, ווען איך האָב זי אמאָל אויפגעזוכט מיט חנן. שוין דענסטמאָל האָט דער יונגערמאַן מיט זײַנע פארלאַנגזאַמטע באַוועגונגען און זײַן האַלציק־געביטן פנים געמאַכט אויף אונז אן אָפּפרעמדיקן, אָפּשרעקעדיקן אײַנדרוק. איך גע־דענק, אז שוין דענסטמאָל, ווען מיר האָבן אים געזען שטיין מיט זײַנע גלויביק־נאַיִווע אויגן, קוקנדיק אויף אונז מיט דעם בליק פון א יונג קאַלב אָדער פון אן אַנדער שטומער בהמה, וואָס רעדט מיט די אויגן, האָב איך מיר געטראַכט, אז דער יונגערמאַן איז נישט נאָרמאַל. שוין דענסטמאָל האָט ער געמאַכט אן אײַנדרוק ווי א מענטש נישט פון דער וועלט. געוויס, — האָב איך מיר געטראַכט, ווען איך האָב אים איצט דערזען, — קאָן מען מיט אזא יונגענמאַן אַלץ טון. ער איז ווי טייג אין די פינגער, נאָך דערצו פון אזא מיסטישער, אומפארשטענדלעכער פער־זענלעכקייט, ווי עס איז געוועזן דער פיל־גערימטער רבי פון כפר־נחום. ווער ווייס, — האָב איך מיר געטראַכט, — אפשר באַזיצן זייערע רבײַם

אזעלכע געהיימע כשופס, איבערגענומען בסוד־סודות פון זייערע מיס־טישע אבות, וועלכע האָבן געזאָלט זײַן די פּרײַנט פון גאָט? אפשר באַ־זיצן זיי אזעלכע געהיימע רעצעפּטן, געבראַכט פון מצרים־פאַרשקלאַ־פונג, פון מדבר, פון וואַנען זיי קומען, — רעצעפּטן, לויט וועלכע זיי־קאָנען לעבעדיק מאַכן טויטע, זיי אויפוועקן פון קבר? איך מוז מודה זײַן. אז בשעת איך האָב געקוקט איצט אויף אָט דעם אליעזר, האָב איך עס א מינוט געגלויבט. דעם נס האָט מען אָנגעזען אין דעם מעדיום, און עס איז נישט געווען מער אָפּצולייקענען. איך האָב זיך דערמאָנט, אז אין אייניקע ירושלימער הײַזער, אפילו בײַ דער אויפגעקלערטער אריסטאָ־קראַטיע, האָט מען גערעדט וועגן דעם. אויב אזוי, איז דאָך א געפאַר. ניין, דאָס איז שוין צופיל! פון טויט אויפגעוועקט! א מאַן, וואָס קאָן טויטע צוריק לעבעדיק מאַכן, איז געפערלעך פאר יעדער מלוכה, נאָך דערצו פאַר אזא אומרואיקן, אויפרודערישן לאַנד, וואָס עס שטעלט פאָר מיט זיך יהודה.

„אָן אָוונט שפּעטער האָב איך זיך געפונען אין דער געזעלשאַפט פון עלטסטן כהן גדול חנן און זײַנע קינדער. איך בין געגאַנגען אויספּראָבירן דאָס פעלד וועגן דעם פּראָיעקט פון דער וואַסער־מויער, וואָס פּילאַטוס האָט געפּלאַנט. איך האָב געוואוסט, אז עס וועט זײַן א זייער שווער שטיקל אַרבעט אדורכצופירן בײַ די אויטאָריטעטן פון בית־המקדש, אז זיי זאָלן אָנרירן דעם פאָלקס־אוצר; נאָר אויף אזא ווידערשטאַנד האָב איך זיך נישט געריכט. וואָס אָנבאַטרעפט דאָס גאָלד פון בית־המקדש. זיינען אלע געווען אין איין דעה: „הייליק — און דאָס טאָר מען נישט אָנרירן!". אפילו מײַן פרײַנד טעאָפילוס איז געווען אײַנפאַרשטאַנען. וואָס עס האָט מיך צום מערסטן געוואונדערט, איז געווען אויף דעם יינגסטן זון, חנן. בײַ אים האָב איך דערוואַרט צו געפינען פאַרשטענדעניש, א שטאַרקן גלויבן אין אונזער ציוויליזאַציע, ליבע און פאַרערונג פאר אונ־זערע אינסטיטוציעס, — שטאַטסמענישן בליק. אָבער אויך פון אים האָב איך נישט באַקומען קיין שטיצע. — „פאָלקס־פאַרמעגן! מע וועט אונ־טערגראָבן דעם צוטרוי, וואָס דאָס גאַנצע וועלט־יידנטום האָט צום בית־המקדש, ווען מען וועט אָנרירן דאָס געלט פון אלמנות און יתומים. מען וועט אויפהערן קוקן אויף דעם בית־המקדש, ווי אויף דעם איינציקן, אומבאַרירלעכן יידישן מיטלפונקט, וואָס איז פאַרהייליקט בײַם גאַנצן פאָלק. ניין, מיט אזא טאַט קאָן מען, חלילה, אונטערגראָבן דעם גאַנצן פונדאַמענט, אויף וועלכן די יידישע מלוכה באַשטייט. געוויס איז עס א וויכטיקער ענין, די וואַסער־וואַנט. מען באַדאַרף דעם פּלאַן אויספירן. נאָר די געלטער דערצו מוז מען שאַפן דורך פאַרגרעסערטע שטײַערן. רוים מוז צוהעלפן. דער פּראָ־קאָנסול אין אנטיאָכיע מוז וועגן דעם זיך ווענדן צום מלכות, אָבער דער אוצר פון בית־המקדש מוז בלײַבן אומ־באַרירט".

„איך האָב געהאַט אן אורזאַך חושד צו זײַן, אז דאָס אײַנשטימיקע,

עקשנותדיקע פאַרהאַלטן זיך בנוגע דער אומבאַרירלעכקייט פון בית־המקדש־אוצר, וואָס האָט פּאַראייניקט אַלע פּאַרטייען בײַ יידן, האָט געהאַט אַן אַנדער סיבה, אַז נישט אין דעם צוטרוי פון וועלט־יידנטום צום בית־המקדש האַנדלט זיך דאָ, נאָר עס גייט פּשוט אין דעם: דאָס געלט, וואָס מען זאַמלט פאַר דעם אויפשטאַנד קעגן רוים, צו לאָזן גאַנץ. דאָס איז די סיבה פון קעגנשטעלן זיך. מיר קענען די טאַקטיק בײַ אַנדערע פעלקער. געלט איז מאַכט. פאַר געלט קריגט מען פאַרבינדעטע, געווער, חיילות. איך האָב עס מיר גוט הינטערן אויער פאַרשריבן. און כדי דעם כהן גדול און זײַנע קינדער אביסל אַנצושרעקן, אַז מיר ווייסן דעם סוד דערפון, האָב איך דערמאָנט דעם פאַל פון דעם גלילער רבין, מיט וועלכן איך האָב זיך צוזאַמענגעטראָפן:

— "דער מאַן פון כפר־נחום, וועגן וועלכן איך האָב אײַך אנומלט פאַרציילט, עלטסטער כהן גדול, דער מאַן, ארום וועלכן איך האָב אַנגעטראָפן פאַרזאַמלט אזוי פיל געפערלעכע עלעמענטן אין גליל, אים האָב איך הײַנט באַגעגנט אין בית־המקדש־הויף. ער האָט געפּרעדיקט פרײַ און פראַנק זײַן אויפרודערישע אַגיטאַציע אין הויף פון בית־המקדש. — קיינער האָט אים גאָרנישט געשטערט. און מערקווירדיק, דעמזעלבן אומרואיקן עלעמענט, די גלילער, וועלכע זיינען געווען זײַנע צוהערער אין כפר־נחום, האָב איך אויך אַנגעטראָפן אין זײַן קרײַז אויפן בית־המקדש־הויף. זעט זיך אויס, אַז ער האָט זיי מיטגעבראַכט מיט זיך. און דער אויפזעער פון דער בית־המקדש־וואַך דולדעט עס. מערקווירדיק!

— "אָ, הגמון, איר מיינט דעם משוגענעם רבין פון כפר־נחום? — רופט זיך אָן דער עלטסטער כהן גדול און לאַכט, אזש די טרערן קומען אים אין די אויגן ארײַן. — ניין, ער איז נישט געפערלעך. ער איז...

— באַווײַזט ער מיר מיט די פינגער אויף זײַן קאָפּ — ער איז חסר דעה!

— "וואָס איז ער?

— "משוגע, — זאָגט דער עלטסטער כהן גדול, — ער יאָגט ארויס שלעכטע גייסטער פון אַנדערע, און אליין איז ער באַזעסן פון איינעם פון זיי. ד ע ר רעדט זיך אײַן נישט מער און נישט ווינציקער, נאָר אַז ער איז "דאָס לעבעדיקע ברויט פון הימל", און אַלע זײַנע אַנהענגער מוזן עסן זײַן פליייש און טרינקען זײַן בלוט, איידער זיי קאָנען ארײַנקומען דורך די טויערן פון מלכות־השמים.

"א שאַלנדיק געלעכטער האָט אָפּגעקלונגען אין דער גרויסער האַליע, וואו מיר אַלע זיינען געווען פאַרזאַמלט.

— "מיר האָבן דאָ אויפן בית־המקדש־הויף, אַלערליי וויזיאָנערן, נביאים און גאָט אַנקינדיגער, — האָט דער עלטער חנן ווײַטער פאַרציילט אין זײַן גוטמוטיקן טאָן. — איך האָב אײַך אנומלט שוין געזאָגט, אַז מען באַדאַרף בײַ אונז נישט קיין ספּעציעלע פּריווילעגיעס צו ווערן א נביא אָדער א געזעץ־אויסטײַטשער. גאָט קאָן אויסוויילן יעדן איינעם פון אונז נביאות צו זאָגן אין זײַן נאָמען. דאָס איז אַן אַלט יידיש רעכט,

און מיר קאָנען עס נישט אונטערברענגען. מיר האָבן דורך דעם פארשיידענע וויזיאָנערן. אזוי לאַנג ווי זיי האַלטן זיך אין די ראַמען פון געזעץ, רירן נישט אָן די אײַנגעשטעלטע אָרדענונג, נאָר באַגרענעצן זיך אויף רעליגיעזע אָדער עטישע דרשות, שטאַרקן די הענט אין גלויבן, פאָדערן אויף דאָס פאָלק צו פרומקייט און גוטע מעשים, — מעגן זיי מיט זייער וויזיאָנערישן טעמפּעראַמענט שטײַגערן ביז צום הימל. מיר שטערן זיי נישט. פארשטייט זיך, מיר באַאָבאַכטן זיי זייער גוט און מיר האַלטן זיי אין צוים. אזוי לאַנג ווי זיי ווערן נישט קיין געפאַר פאר דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג אָדער זיי צעשטערן נישט די רו אין בית־המקדש־הויף, לאָזן מיר זיי זיך אויסשרײַען וויפיל זיי ווילן. וואָרעם צום ערגסטן איז, אז מען נעמט זיך אזא פאַנטאַזיאָר אָדער אײַנגערעדטן וויזיאָנער פריצײַטיק פארפאָלגן. גלויבט מיר, הגמון, עס זײַנען דאָ אזעלכע פון זיי, וועלכע קוקן נאָר אויס דערויף צו ווערן מאַרטירער. דענסטמאָל ערשט נעמט זיך אָן זייער לערע. זיי ווערן פארהערלעכט בײַם פאָלק און דענסטמאָל קאָנען זיי ווערן א געפאַר פאר דער הערשנדיקער אָרדענונג. אויך דער גלילער, פון וועלכן איר פארציילט, הגמון, — איך וואָלט נישט געווען איבעראַשט אויסצוגעפינען, אז אויך ער וואָלט געוואָלט, אז מיר זאָלן אים פאַרפאָלגן, שלעפּן צום משפּט, טייטן אים אפילו. ער האָט אפילו געגעבן אָנצוהערן וועגן דעם אין זײַנע דרשות. אָ, מיר קענען זיי, מיר ווייסן, נאָך וואָס אזא וויזיאָנער שטרעבט, אָבער מיר וועלן אים דאָס נישט צוליב טאָן. אז ער האָט זיך באַוויזן בײַ אונז אין בית־המקדש־הויף, ארומגערינגלט מיט זײַנע תלמידים, די עמי־הארצים, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פון גליל, און אָנגעהויבן צו פארשפּרייטן דאָ זײַן לערע, האָט ער געמיינט, אז מיר וועלן כאָטש באַלד ארויסשיקן נאָך אים די בית־המקדש־וואַך און אים פארן סנהדרין שלעפּן. קוים אָבער האָבן מיר אויסגעפונען, אז זײַן לערע איז נישט געפערלעך פארן בית־המקדש און פאַר רוים, אז ער פּרעדיקט נאָר וועגן די אומשולדיקע חלומות פון תחית־המתים און מלכות־השמים, וואָס ער זאָגט צו צו פאַרטיילן זײַנע אָנהענגער, האָבן מיר אים איגנאָרירט. און זעט, צו וואָס ער האָט זיך דערעדט: „וועגן עסן זײַן פלייש און טרינקען זײַן בלוט".

— „אָבער דער מאַן געווינט גרויס אײַנפלוס אויפן פאָלק. ער באַזיצט א מאַגישן כוח, אין וועלכן דאָס פאָלק גלויבט, און ער קאָן וואונדער טון. ער גייט צו צו א געליימטן, באַפעלט אים אויפצוהייבן זיך פון זײַן פוילנדיקן געלעגער און נעמען זײַן בעט אויף זיך. און שטעלט אײַך פאָר, אז דער געליימטער באַווײַזט עס צו טון. אזא היפּנאָטישן כוח ווירקט דער מאַן אויס פון זיך אויף די קראַנקע. דאָס האָב איך אליין אנומלט געזען. מען האָט מיר אָנגעוויזן אין בית־המקדש־הויף אויף איינעם, וואָס ער האָט פון טויט צוריק אויפגעוועקט אין לעבן ארײַן. דער מאַן זעט טאַקע אויס ווי א געשטאָרבענער און פאָלגט אים נאָך זײַנע טריט. א מאַן, וואָס באַזיצט אזא סוגעסטיווע קראַפט צו ווירקן אויף די מאַסן,

איז א געפֿאַר פֿאַר דער עפֿנטלעכער רו. מען ווייסט נישט, וואָס ער וועט זיי מאָרגן הייסן טון. זיי וועלן אים אין אַלצדינג פֿאָלגן.

— „ווען עס וועט נויטיק זײַן, וועלן מיר זיך מיט אים באַשעפֿטיקן. און גלויבט מיר, מיר וועלן קעגן אים קאָנען זייער לײַכט זיך אַן עצה געבן. פֿיל געפֿערלעכערע עלעמענטן זיינען מיר בײַגעקומען. אָבער איך וואָרן נאָכאַמאָל פֿאַר צו־געאײַלטע, אומנוציקע שריט. דערווײַל איז דער מאַן נישט געפֿערלעך. און ווי איך הער, — אַזוי האָט מען מיר באַריכ־טעט, — פּרעדיקט ער גאָרנישט אַזעלכע שלעכטע זאַכן. פֿאַרקערט, אחוץ דער נאַרעשקייט מיט דעם אייגענעם פֿלייש־און־בלוט, איז זײַן לערע זייער א גאָטספֿאָרכטיקע; תשובה־טון, פֿאַרברייטן זיך פֿאַר דעם, וואָס ער רופֿט אַן מלכות־השמים. איך ווייס נישט, וואָס ער מיינט דערמיט. נאָר וואָס עס זאָל נישט זײַן, רופֿט ער די מענטשן גוטס צו טון, ליב צו האָבן איינער דעם אַנדערן, אויסצומײַדן עוולות, און אַזוי ווײַטער. אַביסל איבערגעהויבן, ווי יעדער וויזיאָנער, וואָס רעדט זיך אײַן, אַז ער איז פֿון גאָט דירעקט געשיקט און ער זעט זיך מיט דער געטלעכקייט פּנים־אל־פּנים. איך גלויב, אַז ער איז פֿיל מער געפֿערלעך פֿאַר די פּרושים, ווי פֿאַר אונז. א האַרטער נוס פֿאַר די פּרושים. זיי גלויבן אויך, ווי ער, אין די אַלע נאַרעשקייטן, אין תחית המתים, אין מלאכים און רוחות. זאָלן זיי זיך מיט אים אויסטענהן. פֿאַר אונז איז ער נישט געפֿערלעך. אין יעדן פֿאַל, דערווײַל נאָך נישט. איבריקנס, פֿאַרלאָז איך זיך אויף דעם געזונטן אינסטינקט פֿון אונזערע מאַסן.

— אָבער ווי איך הער, גייען דאָך אים די מאַסן נאָך.

— יאָ, די מאַסן גייען נאָך יעדן איינעם, וועלכער זאָגט זיי צו, אַז ער וועט זיי געבן אַביסל גליק — ערדישעס אָדער הימלישעס. — אָבער די מאַסן, מײַן פֿרײַנד, אַזוי לײַכט ווי עס איז זיי צו געווינען, איז נאָך לײַכטער זיי צו פֿאַרלירן. — מיר האָבן שוין געזען אַזעלכעס. איבריקנס — זאָגט דער עלטסטער פֿון די כהנים — האָבן מיר אים שוין געוואָלט אַנומלט ברענגען פֿאַרן משפּט פֿון סנהדרין, — נישט פֿאַר זינד, וואָס ער איז באַגאַנגען קעגן רוים, נאָר קעגן אונזער אמונה. און עס האָט שוין געהאַלטן דערבײַ, אַז דער עלטסטער פֿון דער וואַך זאָל אים פֿעסטנעמען און פֿאַרן משפּט אים שטעלן. עס האָבן זיך אָבער אַרײַנגעמישט לײַט. זייער חשובע לײַט. איך האָב קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז אַזעלכע לײַט זאָלן זיך פֿאַר אים אײַנשטעלן, אַזאַ מאַן ווי יוסף רמתי, וואָס איז א מיט־גליד פֿון אונזער סנהדרין, ווי שמעון הקוריני. אָבער וואָס האָט מיך צום מערסטן געוואונדערט איז, וואָס אפֿילו דער פּרושי נקדימון, דער פֿרומער געלערנטער, האָט זיך פֿאַר אים אויך אײַנגעשטעלט, און ווי איך הער, זאָל דאָך דער רבי פֿון גליל מיט די פּרושים גאָר נישט לעבן שלום־ושלוה. ער האַלט זיי אין איין זידלען, אין איין אויסרעדן אויף זיי. און שטעלט זיך פֿאָר, אַז נישט געקוקט דערויף, איז דער נקדימון געקומען צולויפֿן, און האָט זיך אָנגענומען פֿאַר דעם רבין פֿון כפֿר־נחום: אַז ער

האָט נישט געמיינט, חלילה, מיט זײַנע ווערטער צו באַליידיקן אונזער אמונה, אז ער האָט אזא אופן פון רעדן דורך משלים; און ער האָט גע־האַלטן פאר אונז דעם רבין אין איין לויבן, אין איין פארצייילן פון זײַנע שבחים, און גערעכטן אָפּצוואַרטן, כדי צו זען, וואָס עס וועט פון דער זאַך ארויסקומען. זיי רעדן זיך אײַן, נעמלעך, אז דער גלילער זאָל זײַן...

„נאָר פּלוצלינג האָב איך באַמערקט, אז די קינדער, און ספּעציעל זײַן עלטסטער זון אליעזר, ווינקען צום פאָטער, מאַכן אים צייכנס. דער אַלטער כאַפּט זיך אין דער לעצטער מינוט און האַקט איבער זײַן פאַר־צייילערישן פאַדעם איידער ער פאַרענדיקט נאָך דעם זאַץ, און הויבט אָן צו רעדן וועגן עפּעס אַנדערש:

— „יאָ, ער זאָל זײַן דאָך, נאָך אַלעמען, זייער אַ פרומער ייד, נאָר אביסל איבערגעטריבן אין זײַן פרומקייט. ער נייגט צו דעם צד פון די פּרושים, ווען אפילו ער קריגט זיך ארום מיט זיי. ניין, ניין, הגמון, דער מאַן איז נישט געפערלעך, אז נישט וואָלטן פאר אים אזעלכע חשובע לײַט זיך נישט אײַנגעשטעלט".

— „אָבער וואָס גלויבן זיי, זאָל דער גלילער פאַרשטעלן מיט זיך? וואָס דערוואַרטן זיי פון אים, די חשובע לײַט? — דרענג איך צו דערגיין".

— „זיי דערוואַרטן פון אים, פארשטייט זיך, אז ער זאָל דאָס פאָלק צוריקברענגען אויף דעם וועג פון יושר און גאָטספאָרכטיקייט. בעונתינו הרבים באַדאַרף טאַקע האָבן אונזער פאָלק אזעלכע מנהיגים. אונזער פאָלק איז שוואַך געוואָרן אין דער אמונה. מיר ווייסן עס צום בעסטן. די מתנות פארן בית־המקדש, די קרבנות אויפן מזבח זיינען, בעונת־ינו הרבים, זייער צוריקגעגאַנגען.

„איך האָב אָבער געוואוסט, אז עס איז נאָר אַן אויסרייד, אז זיי באַ־האַלטן עפּעס פון מיר, אז דער אַלטער כהן גדול האָט זיך פאררעדט, און ווען נישט דער וואונק פון זײַן זון, וואָלט ער ארויסגעגעבן דעם סוד — וואָס זיי האָבן דערוואַרט פון דעם גלילער רבין. עס קאָן דאָך נישט זײַן, אז אזעלכע לײַט ווי דער אריסטאָקראַט יוסף רמתי, וועלכן איך האָב געקענט זייער גוט פּערזענלעך, איינער פון די קולטורעלע מענער אין שטאָט, אָדער אַ מאַן ווי זייער רבי נקדימון, וועלכן זיי האָבן אַלע גע־האַלטן אין גרויס כבוד, אַ קעגנער פון די צדוקים, פּאָפּולער בײַ די מאַסן, אַ רבי פון תלמידים, זאָל נאָכגיין אַ גלילער רבין, וואָס זײַנע אָנהענגער באַשטייען אויס אומוויסנדיקע עמי־הארצים, וואָס די געבילדעטע לײַט פאַראַכטן אזוי. זיי זאָלן זיך עס אײַנשטעלן פאר אים? ניין, עס האָט עפּעס געמוזט דאָ אַ קאָנספּיראַציע זײַן, זיי האָבן געמוזט עפּעס דערוואַרטן פון דעם מאַן; עפּעס העכערס, וויכטיקערס ווי זײַן לערע. איך האָב עס קיינ־מאָל נישט געקאָנט אויסגעפינען. איך האָב ביזן לעצטן טאָג נישט פאַר־שטאַנען זייער באַציאונג צו אים, בשעת שפּעטער, ווען אַלע זײַנע איי־גענע תלמידים האָבן אים פאַרלאָזט בײַם טויט, זיינען זיי אים געבליבן

געטרײַ ביז צו דער לעצטער מינוט, — דער אריסטאָקראַט יוסף רמתי, דער פּרושי׳ער רבי נקדימון און דער פאָלקס־מענטש שמעון הקוריני. ניין, הינטער דעם האָט עפּעס וואָס געשטעקט„.

„קאָנסט מיר נישט, יוחנן, עפּעס פאַרציילן וועגן דעם? — ווענדט זיך צו מיר פלוצלינג דער פּאַן.

דער פּאַן האָט זיך אײַנגעקוקט אין מיר מיט זײַנע גרויסע, פײַער־דיקע אויגן, וואָס האָבן ווי ליכטער ארויסגעשײַנט פון דער לײַכטער, שוועבנדיקער טונקלקייט פון צימער. ער האָט טיף און לאַנג זיך אייַנ־געקוקט אין מיר:

— קאָנסטו מיר נישט זאָגן, וואָס האָט איר דערוואַרט פון אָט דעם מאַן? קאָנסטו נישט פאַרענדיקן, וואָס דער כהן גדול האָט איבערגעהאַקט אינמיטן אויפן וואונק פון זײַן עלטסטן זון? קאָנסטו מיר נישט פאַרטרויען דעם סוד, איצט, ווען עס איז שוין נאָך אַלעמען? איצט, ווען מיר אַלע זיינען נישטאָ אין לעבן, נאָר מיר זיינען בלויז זכרונות און שאָטנס?

— איך? — פרעג איך דערשראָקן און פאַרוואונדערט.

— יאָ, דו, יוחנן. ביסטו דען נישט געווען פון די תּלמידים פון נקדי־מון? האָב איך דען דיך נישט אזוי אָפט געזען אין דער חברותא פון שמעון הקוריניס זין, אלכסנדר און רופוס? האָט איר דען נישט דענסטמאָל גע־וואָלט זיך אדורכרײַסן דורך די רייען פון אונזערע לעגיאָנערן, ווען מיר האָבן דעם מאַן פון גליל געפירט מיטן קרײַץ צו דער גלגתא? וויפיל מאָל האָב איך דיך געזען נאָכגיין נקדימונען, נאָכגיין דעם מאַן פון נצרת? און דענסטמאָל, אין גאָרטן פון גת־שמן. — דערמאָן זיך, יוחנן.

מיט מיר האָט עפּעס אויסערגעוויינלעכס פּאַסירט.

קאַפּיטל דרײַ.

איך ווייס נישט, ווי אזוי עס איז געשען. איך קאָן עס מיר אליין נישט דערקלערן. איך האָב שוין פון לאַנג באַמערקט, אז בשעת פּאַן וויאַ־דאָמסקי פאַרציילט פון זײַן אַנומלטיקער טעטיקייט אין ירושלים, דער־וועקט ער אין מיר אַלטע זכרונות, וועלכע שטייען אויף לעבעדיק פאַר מײַנע אויגן. איך ווער פּשוט אַרײַנגעצויגן אין די געשעענישן, וועגן וועלכע דער פּאַן פאַרציילט, אזוי ווי איך וואָלט געוואָרן אויסגעהוילט פון מײַן איצטיקן אינהאַלט און אָנגעפילט מיט אַן אַנדערן, מיט טעטי־קייטן, געשעענישן, וואָס זיינען אויפגעשטאַנען תּחית־המתים אין מיר און האָבן אין באַזיץ גענומען אַלע מײַנע חושים און געדאַנקען.

עס איז געשען מיט מיר עפּעס מערקווירדיקס: עס איז מיר פאָרגע־קומען, ווי עפּעס פרעמדעס, אומגעוואונשנס וויל מיך באַהערשן, און איך

האָב געקעמפט קעגן דעם. איך האָב געהאַלטן אַלע מײַנע חושים פעסט צוגעבונדן צום הײַנטיקן לעבן און נישט געלאָזט זיך מיטרײַסן מיט דעם אימפּעט פון אָרעמס, וואָס האָבן זיך אויסגעשטרעקט צו מיר פון א טויטער פאַרגאַנגענהייט. איך בין נאָך געווען אײַנגאַנצן אין באַזיץ פון מײַן הײַנטיקן א י ך, און ער האָט מיך, ווי א געטרײַער שומר, געהאַלטן פעסט בײַ דער האַנט און מיך נישט געלאָזט מיטגעריסן ווערן אין דעם גיסנדיקן שטראָם פון דעם ווײַט־אָפּגעפלאָסענעם לעבן, וועלכעס האָט מיך געצויגן צו זיך ווי א זיס געזאַנג. ביז איצט איז מיר געלונגען אָנצוהאַלטן זיך אין דעם הײַנטיקן זײַן, אין וועלכן איך האָב זיך געקלאָמערט. בשעת דער פאַן פלעגט פאַרציילן פון א געשעעניש, וואָס איז מיר געווען באַקאַנט, פון וועלכער איך בין אָפט געווען אן עדות, פלעגט זיך מיר גלוסטן קאָריגירן די פעלערן, וואָס ער האָט געמאַכט, די אומפּינקטלעכקייטן, אויפּצוקלערן אים דאָס, וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען, אָדער צוצוגעבן דעטאַלן, וועלכע זײַנען מיר באַוואוסט געווען. איך האָב זיך צוריקגעהאַלטן און געקעמפט קעגן דעם שאָטן פון דער צווייטער וועלט. הײַנט אָבער האָב איך עס מער נישט געקענט באַהערשן. איך האָב פשוט פאַרלוירן דעם באָדן, אויף וועלכן איך האָב זיך געפונען. איז עס געווען צוליב דער איבערגעשפּאַנטקייט פון די נערוון דורך א גאַנצן טאָג אויפרעגונג? און אפשר אויך צוליב דער פרילינג־לופט, וועלכע האָט מיך פאַרשכורט? איך האָב געפילט, ווי מײַן שומר, מײַן הײַנטיקער א י ך, ווערט פאַרטריבן, פאַרווישט, אָפּגעמעקט אין דער אַטמאָספערע פון אן אַנדער זײַן, וואָס דער פאַן האָט געוועבט ארום מיר, ביז איך האָב זיך אונטערגעגעבן מיטן אייגענעם ווילן, זיך איבערגעגעבן אָן יעדן ווידערשטאַנד דער וועלט, אין וועלכער איך האָב געקערט, נאָך וועלכער איך האָב געבענקט.

צוערשט איז פון דער ווײַטער, פאַרוועבטער פאַרגאַנגענהייט, ווי פון א געדיכטן שלייער ארויס, ארויסגעשוואומען דאָס פּנים פון מײַן רבין נקדימון. איך האָב עס געזען, געקוקט דערויף מיט דיזעלבע באַגייסטערטע, אָנגרענעצדיקע ליבע, פאַרערונג און איבערגעבונג, וואָס איך האָב תמיד געפילט צו מײַן רבין: עס האָט געשראָקן און געוואָרעמט מײַן האַרץ, ווי ווען מען דערזעט דאָס פּנים פון א געליבטער, וואָרעם איך בין געווען פאַרליבט אין מײַן רבין. א רונדיק, לײַכטנדיק, פול, טונקל־הויטיק פּנים, ווי א מילגרוים, ווי א רויטלעכער, בליצנדיקער פײַער־שטערן אין א טיפן, טונקל־בלויען ארץ־ישראל־הימל אין פסח־צײַט. זײַן פּנים האָט תמיד געשטראַלט מיט גוטסקייט. קיין וואָלקן פון זאָרג, צער, צווייפל, בייזקייט האָט עס, אונטער קיין באַדינגונגען, קיינמאָל נישט פאַרפינצטערט. איך האָב עס קיינמאָל נישט געזען טרויעריק. וואָס פאַר א שוועריקייט עס האָט זיך נישט געמאַכט און וואָס פאַר א ביטערקייטן די צײַט האָט נישט רייף געמאַכט און אָנגעפילט דערמיט זײַן האַרץ, האָט מען עס קיינמאָל נישט געזען אויף אים. תמיד האָט אויף זײַן מענלעך־שטאַרק

געזיכט געשײַנט דאָס גלאַנצנדיקע ליכט פֿון גלויבן און בטחון. זײַן הויט איז געווען טונקל און פֿינקלדיק, ווי זי וואָלט תמיד געווען געזאַלבט מיט די בעסטע אייֵלן. ער איז נאָך געווען יונג דענסטמאָל, אין בעסטן עלטער, א בן־ארבעים, און די גײַסטיקע ווי די פֿיזישע גבורה האָט געשפּראָצט פֿון אים. זי האָט געשפּראָצט פֿון זײַן ברייטער, פֿולער פֿיגור, וועלכע איז, לויט זײַן דיקקייט, געווען אביסל צו נידעריק. זײַנע לאָקן זיינען ווי גלאָקן אראָפּגעהאָנגען איבער זײַן ברייטן קאַרק און הויכן, פֿולן האַלדז. נאָר צום מערסטן האָט זײַן גבורה געשפּראָצט פֿון זײַנע גרויסע, שוואַרצע, פֿײַערדיקע אויגן, וועלכע זיינען ווי פֿולע וואַסערן געזעסן אין די זיכערע ראַמען פֿון זײַנע אויגן־לעכער, באַשיצטע און באַשירעמטע. מען האָט נאָר באַדאַרפֿט אין זײַנע ליכטיקע אויגן אַרײַנקוקן, אַזוי איז יעדע טרויעריקייט און יעדע שווערמוטיקייט און יעדע זאָרג צעגאַנגען ווי אײַז אין דער זון. די אויגן האָבן ווי זון געוואָרעמט אין מענטשן־הערצער מיט בטחון און ליבע. זיי האָבן געשטאַרקט יעדע שוואַכע האַנט. עס זיינען געווען די אויגן, וועלכע האָבן מיך און זײַנע אַנדערע תּלמידים געצויגן צו אים ווי מאַגנעטן און געבונדן אונז ווי קעלבער צו זײַנע פּיס, מבטל געמאַכט אונזער רצון פֿאַר זײַנעם. מיר, זײַנע תּלמידים, זיינען אַנומלט געווען מיט אים שבת אין בית־הכנסת בײַ קריאת־התורה. האָט מען געהאַט אונזער רבין מכבד געווען מיט הייבן די תורה. ווען איך האָב אים דערזען אויף די טרעפּלעך פֿון ארון־קודש, אײַנגעוויקלט אין זײַן טלית, און ער האָט מיט זײַנע מעכטיקע הענט אויפֿגעהויבן די תורה איבער די קעפּ פֿון אַלע מתפּללים, און זײַן שוואַרצע באָרד און זײַנע גלאַנציקע שוואַרצע אויגן האָבן באַהערשט דעם גאַנצן עולם, האָט ער אויסגעזען ווי משה רבינו, וואָס קומט פֿון באַרג סיני אראָפּ מיט די לוחות אין דער האַנט, — אַזוי האָט די שכינה געשײַנט אויף אים. אין אָט־דעם קלסתר־פּנים איז ער שוין איבערגעבליבן אין מײַן זכרון אויף תמיד. און איצט האָט עס ווי א גליענדע ליכט פֿון דער פֿינצטערניש ארויסגעשי־מערט און באַלויכטן דעם גאַנצן פֿאַרפֿאַלענעם ארום פֿון א פֿאַרגאַנגע־נער וועלט...

איך געדענק, אַז כדי נישט צו מאַכן אויס זײַן לערע א שפּאַדל, מיט וועלכן מען פֿאַרדינט דאָס טעגלעכע ברויט בײַם גראָבן די ערד, נאָר כדי זי זאָל זײַן א פֿרישער קוואַל, וואָס פֿאַרשפּרייט זײַנע וואַסערן פֿאַר אַלע דורשטיקע אָן באַצאָלונג, — האָט אונזער רבי געזוכט א מלאכה זיך מפרנס צו זײַן. דער רײַכער יוסף רמתי איז געווען זײַן פֿרײַנד. ער איז אָפֿט געקומען אין בית־מדרש ארײַן, וואו אונזער רבי נקדימון האָט גע־לערנט, און האָט זיך אוועקגעזעצט צווישן זײַנע תּלמידים צו טרינקען גאַטס ווערטער בײַ די פּיס פֿון רבין. אָט דער יוסף רמתי האָט געוואָלט נעמען אַלע זײַנע זאָרגן אויף זיך און אים רײַכלעך אויסהאַלטן. דער רבי האָט עס נישט געוואָלט. ער האָט אונז געלערנט נאָך דעם שפּרוך: „א חבר קויף דיר, אָבער א רבין מוז מען זיך מאַכן". א חבר קאָן מען קויפֿן מיט

מתנות, א רבין אָבער מוז מען זיך מאַכן, דאָס הייסט, מען מוז גלויבן אין אים אָן יעדן שכר. יוסף רמתי האָט אויסגעהאַלטן זײַן בית־מדרש און אייניקע פון זײַנע תלמידים. זײַן ברויט האָט זיך אָבער דער רבי פאַר־דינט דורך דעם, וואָס ער האָט געהאַט אויפן מאַרק אין דעם נידעריקן טייל פון שטאָט א שטענדער פון סאַנדאַלן. צו זײַן קליינעם בענקל זיינען געקומען די איידעלע פרויען פון ירושלים און האָבן אוועקגעשטעלט זייער פוס אויפן שטענדער פאר אים, כדי ער זאָל זיי די מאָס נעמען אויף אויפצונייען סאַנדאַלן. טייל האָבן עס געטאָן מחמת פרומקייט, ווײַל זיי האָבן געוואוסט, אז דער רבי איז א גרויסער צנוע, און בשעת ער נעמט די מאָס פון זייער פוס, גראָבט ער אײַן זײַנע אויגן אין שטענדער, כדי ער זאָל נישט זען די אשה, וואָס שטייט פאַר אים. אַנדערע אָבער זיינען געקומען צוליב זײַן שיינקייט, כדי זיי זאָלן זיך פאַרקוקן אויף אים, בשעת זיי זיינען טראַגעדיק, און זאָלן האָבן אזעלכע קינדער ווי ער איז. דעם גרעסטן טייל פון טאָג האָט ער אָבער אָפּגעגעבן אונז, זײַנע תלמי־דים. זײַנע הצטרכותן זיינען געווען זייער ווינציקע. ער האָט נישט גע־בראָכט קיין קינדער אויף דער וועלט, כאָטש די חכמים האָבן געהאַט פאַראיבל אויף אים, וואָס ער פאַרנאַכלעסיקט די מצוה פון פריה־ורביה. ער האָט געזאָגט: „א תלמיד־חכם באַדאַרף נישט טראָגן קיין מילשטיין אויף זײַנע פּלייצעס״, — און דערמיט האָט ער געמיינט דאָס געהערן א ווײַב און אויפציען א משפחה. א תלמיד־חכם מוז זײַן פרײַ, כדי משועבד צו זײַן צו דער תורה. און ווען די חכמים האָבן אים געפרעגט, פאַרוואָס ער נעמט נישט קיין אשה, האָט ער געענטפערט: „איך האָב שוין חתונה גע־האָט מיט דער תורה״. אין דעם פּרט איז ער נישט געווען דער איינציקער אין ירושלים. עס האָבן זיך געפונען פיל רביים, וואָס האָבן פאַראַכטעט דאָס ווײַב אלס פאַרפירערין פון ריכטיקן וועג. זיי האָבן ליב געהאַט צו פאַרבלײַבן אין אייביקער בחורשאַפט, מקדש זײַן זיך צו דער לערע און צו א זויבער לעבן, וואָס זיי האָבן עס גערופן „פאַרקנסט ווערן צו דער הייליקער בתולה״.

איך בין געווען זײַן דריטער תלמיד. זײַנע ערשטע צוויי תלמידים זיינען געווען אלכסנדר און רופוס, די זין פון שמעון הקוריני, מיט וועמען ער איז געווען, ווי מיט יוספן, באַפרײַנדעט. און ווי יוסף רמתי, איז שמעון קוריני אויך אָפט געקומען אין אונזער בית־המדרש ארײַן און האָט זיך אוועקגעזעצט צופוסנס פון אונזער רבין צו הערן פון אים דברי־תורה. נאָך א תלמיד איז געווען, הלל דער וואַסער־טרעגער, און אויך יהודה איש־קריות, וועלכער איז געקומען מיט די דערוואַקסענע אוועקצוזעצן זיך אויף דעם ספסל של משיח, אויף דער באַנק פון משיח, און צוהערן אונזער רבין דרשנען. זיי אַלע האָבן געגרינדעט איין חברותא, און זיי אַלע האָבן אויסגעוואַרט דאָס קומען פון משיחן. און דורך זיי און מיט זיי האָב איך איבערגעלעבט די גרויסע טראַגישע טעג פון דעם דעמאָלסדיקן פסח אין ירושלים.

נאָר אײדער איך װעל עס פאַרצײלן, מוז איך זיך אַלײן געבן צו דערקענען. דערקענען זיך אַלײן — װער איך בין געװעזן, װעלכעס איז געװען מײַן פאָטערס הויז, װער מײַן רבי איז געװעזן, און װי אַזױ איך בין געקומען צו האָבן די זכיה צו זיצן אין דער חברותא בײַ די פיס פון מײַן רבין.

אַלײן שטאַם איך פון שרון. אונזער דאָרף ליגט צופוסנס פון די אפרים־בערג. פון דעם בערגל, אויף װעלכן אונזער דאָרף איז געלעגן, האָט זיך אויסגעצויגן דער טאָל ביז צו די זאַמדיקע ברעגן פון ים־הגדול. אין אָװנט איז געפאַלן אַ געדיכטער טױ פון די בערג אַרונטער און האָט צוגעדעקט װי מיט אַ רויכערדיקן װאָלקן דעם גאַנצן שטח אַרום. אונזער רויט־בראָנזענע ערד האָט פון דעם טױ זיך באַקלײדט מיט אַ געדיכטער שפּעקײט פון גראָז, װאָס אונזערע שאָף האָבן אַזױ גערן געהאַט. די דעמפּיקע טױ־װאָלקנס האָבן אויפגעצויגן אַ שעפּסן־װאָל, װעלכע איז זײער געזוכט געװאָרן פון אַלע שפּינער און פאַרבער. דורך דער פײַכטקײט איז די װאָל געאײדלט געװאָרן, דין װי זײַדענע פעדעם. מיר האָבן געקענט פילן די װירקונג פון דעם טױ־װאָלקן פון אונזער טאָל אַפילו אויף אונזערע אײגענע האָר, אויף אונזער הויט, װעלכע איז גלאַטיק און געאײדלט געװאָרן דורך דעם טױ־הויך. דאָס גרינקײט פון אונזערע גראָזן האָט אָנגעהאַלטן אַ גאַנץ יאָר. נאָר װער עס האָט נישט געזען אונזער פרילינג, בשעת די באַװאַלדיקטע בערגלעך װערן װי מיט אײדל־געװעבטע, גרינע טעפּיכער באַדעקט, דער האָט ניט געזען קײן טיפע גרינע פאַרב אין זײַן לעבן. דאָס געדיכטע אוגערקע־גרין פון אונזערע בערגלעך און לאָנקעס האָט שװער באַשאָטנט די גאַנצע געגנט. און איבער די אויסגעברייטע גרין־טעפּיכער איז אין פרילינג־צײַט, אַחוץ דער רויט־קעפּיקער אַנעמאָנע, מיט װעלכער אונזערע פעלדער זײַנען געװען באַדעקט, נאָך צוגעקומען די באַרימטע שרון־רויז. — יעדער שטעכעדיקער בוש האָט, װי צו אַ חתונה, זיך באַקלײדט מיט קרעלן רויטע און קרעם־װײַסע רויזן־שנירן, װי ער װאָלט אַ חתן געװען. אונזערע בלומען קוקן אַרויס פון אונטער יעדן שטײן, אַרומגערינגלט מיט אַן אינזעלע פון גרינעם מאָך. עס קלינגען אַרויס, טאַנצנדיק מיט זײערע קרעם־װײַסע קופּקעלעך די מאַי־גלעקלעך. דאָרט, װאו דער אַקער האָט איבערגעשניטן די ערד, שײַנט אַרויס דער צימרונג־קאָליר פון אונזער גוטער, פּרוכטבאַרער ערד. אַזױ ציען זיך אונזערע באַגרינטע פעלדער מיט זײערע קאָלירטע פעלזן־שטײנער, באַשפּרענקלט מיט די בלוט־רויטע מאָן־קעפּלעך, יעדער בוש באַקלײדט מיט חתונה־רויזלעך — איבער באַפעלדעטע בערגלעך, ביז װאַנען זײ װערן פאַרפאַלן אין די טיפע, שלומערדיקע שאָטנס, װאָס עס װאַרפן אַרום זיך די געדיכטע װעלדער פון כרמל, װעלכע גרענעצן אָפּ אונזער שרון־טאָל. — בײַם ברעג פון גרױסן ים װערן אונזערע גרינע װעלדער פאַרלוירן און אײַנגעשלונגען אין די זאַמד־שטורעמס, אין די זאַמד־װעלן, װאָס דער ים שיקט פאָרויס פאַר זיך.

די ערד פֿון אונזער טאָל איז גוט, רײַך מיט קוואַלן. דער טוי דערציט אַ גרינוואַרג, פֿעט און נאַרהאַפֿטיק, וואָס די חכמים העלפֿן אויסאײַדעלן, אָפּהיטנדיק די ריינקייט פֿון די מינים דורך כּללים פֿון זייען. אונזער גראָז, געזעטיקט דורך דעם פֿעטן טוי, ברענגט אַרויס אַ גוטן סאָרט פֿאַשע־שאָף, וואָס ווערן געזוכט איבערן גאַנצן לאַנד צוליב דער פֿעטקייט פֿון די רינדער, מער אָבער צוליב דער איידעלער וואָל, וואָס זיי ציען אויף. אויך אונזער ווײַן איז באַרימט אין דער מדינה. און צוליב זײַן זיסן טייטל־טעם קומט ער אַרויף אויף די רײַכע טישן סײַ אין דער מדינה, סײַ מחוץ־לאָרץ, און ווערט געשטעלט אין די ווײַן־מערק גלײַך מיט דעם באַרימטן יריחו־ און צפּורן־ווײַן. אונזער טאָל איז געבענטשט פֿון גאָט מיט דער ברכה פֿון מילך און האָניק. עס זיינען אַרומגעגאַנגען לעגענדעס איבער דער פֿעטקייט פֿון אונזערע פּראָדוקטן און איבער דער רײַכקייט פֿון דער מילך פֿון אונזערע רינדער. מען האָט זיך פֿאַרציילט לעגענדעס אין דער אָרעמער, באַרגיקער געגנט פֿון יהודה, אַז אין שרון עסן די שאָף די רײַפֿע ווײַנטרויבן; דער האָניק פֿון די פֿרוכט רינט איבער זייערע מײַלער און די מילך קוועלט אַרויס פֿון זייערע פֿולע אייטערס; דער זאַפֿט פֿון די ווײַנטרויבן מישט זיך אויס מיט דער מילך און זיי בילדן צוזאַמען גאַנצע טײַכן. ביז צום הײַנטיקן טאָג בענק איך נאָך אונזער גוטער ערד, וועלכע האָט אונדז געשפּײַזט מיט אַזאַ רײַכער האַנט. איך בענק נאָך אונזערע זוניקע מיטאָג־שעהן, ווען די אַרבעטער אין פֿעלד, די שעפֿער פֿון אונזערע סטאַדעס, באַהאַלטן זיך אין די געדיכטע שאָטנס פֿון אונזערע רײַכע ווײַנשטאָקן פֿאַר דער היץ פֿון טאָג. איך בענק נאָך די רואיקע, שטילע פֿאַרנאַכטן, וועלכע הילן זיך אין דעם פֿײַכטן, פֿרוכטבאַרן טוי אײַן, וואָס קומט אַהער צושווימען פֿון ים. געדיכטע שאָטנס באַפֿליגלען דעם טאָל. און פֿון די שוועלן פֿון די אייל־באַלויכטענע קליינע הײַזלעך גייט אויף דאָס ליד פֿון מנוחה אויס די פֿײַפֿלעך פֿון אונזער שווער אַרבעטנדיקער באַפֿעלקערונג.

גרויסע צרות האָבן מיר נאָר געהאַט מיט אונזערע הײַזלעך בײַם ברעג פֿון ים. אונזער ברעג פֿון ים איז אַ באַוועגלעכער: די כוואַליעס רײַסן אײַן אונזער ברעג. דער ים שיקט פֿאָרויס פֿאַר זיך זאַמד־דיונעס, און זיי רוקן זיך אויף אונדז ווי גזלנים און פֿאַרשווענען אונזערע הײַזער מיט זייערע זאַמד־כוואַליעס. אָפֿטמאָל טרעפֿט זיך, אַז דער פֿונדאַמענט פֿון אונזערע שטובן זינקט אײַן אין דער טיפֿעניש פֿון דער ערד. מיר ווייסן קיינמאָל נישט, ווען עס וועט קומען. מיטאַמאָל מאַכט זיך אַ שפּאַלט אין דער ערד. עס עפֿנט זיך אויף אַ מויל און עס שלינגט אײַן אונזערע הײַזער ווי, חלילה, קורחן מיט זײַן עדה. מיר בויען צוליב דעם נישט קיין גרויסע הײַזער, נאָר מיר זיצן אין בײַדלעך, סײַ אָרעם, סײַ רײַך, — און דאָך טרעפֿט אָפֿט, אַז די דעכער פֿאַלן איבער אונזערע קעפּ. דערפֿאַר בעט פֿאַר אונדז דער כּהן גדול אום יום כּפּור, ווען ער גייט אײנער אַליין אין קדשי־קדשים אַרײַן: אַז אונזערע הײַזער זאָלן נישט ווערן אונזערע

קברים! מיר, די שרונער, זענען זייער שטאָלץ דערויף, וואָס נאָר אונז אַליין דערמאָנט דער כהן גדול באַזונדער אין זײַן געבעט אין קדשי קדשים.

איך בין אויפגעצויגן געוואָרן צווישן שאָף. אָך, ווי איך האָב עס ליב געהאַט זיך רײַבן אין זייערע וואָל־פּײַכט־ווייכע פעלן, ווען דער טוי פון פעלד איז געווען אין זייערע האָר, אײַנצוקנעטן זיך אין זייער וואָל ווי אַ קנויל. און וויפיל מאָל בין איך עס אַזוי אײַנגעקלעמט געוואָרן אין די שעפּסענע פעל, ווען די פּאַסטוכער האָבן זיי צוזאַמענגעטריבן אין דעם שעפער־הויף צו די ברונעמס אָנצוטרינקען, אַז מען האָט מיך געמוזט אַרויסשיפן פון זיי און אוועקטראָגן. איך האָב ליב געהאַט דעם פּאַסטוכס פּײַפל און בין נאָכגעגאַנגען די שעפּסן־טריט אין די פּײַכטע לאָנקעס אַרויס, האָב גערוט אין דעם שעפערס בײַדל אין די מיטאָג־שעהן, האָב זיך נאָכגעיאָגט נאָך אַ פאַרלוירן ציגעלע. איך האָב ליב געהאַט דעם יום־טוב פון די פּאַסטוכער, ווען עס איז געקומען די צײַט פון וואָל־שנײַדן, און מען האָט די שאָף פאַרן שנײַדן אין די פליסנדיקע טײַכלעך געבאָדן... אַ שעפּסל האָט זיך געבראָטן אין פּײַער־בראַנד און איבער דער געגנט איז אויפגעגאַנגען דאָס געזאַנג פון די שעפער־יונגען. — דאָס זענען מײַנע קינדער־חלומות, וועלכע זענען פאַרוועבט מיט די דעמפּיקע, טוי־פּײַכטע פאַרנאַכטן, וועלכע לייגן זיך געדיכט איבער דעם שרון־טאָל.

מײַן מוטער געדענק איך נאָר פון מײַן פריסטער קינדהייט, ווען איך האָב זיך אויפגעצויגן אונטער איר שוץ. זי איז געווען אַ זייער באַ־שעפטיקטע פרוי. קיינמאָל האָבן אירע הענט נישט גערוט. זי האָט מיט די שעפער־ווײַבער געמאָלקן די שאָף, האָט געפּרעסט קעזלעך און זיי געטריקנט אויפן דאַך, אָדער אויף ראָגוזשעס, געפלאָכטן פון פּאַלמען־צווײַגן, אָדער אויף ברייטע פײַגן־בלעטער. איך האָב תמיד געפילט די זיסקייט פון אונזערע פײַגן אין אונזערע קעזלעך. צום מערסטן איז זי געווען פאַרנומען בײַם שפּינען די וואָל, צוזאַמען מיט די ווײַבער פון אונזערע פועלים, אָדער בײַם וואַשן די כלים. די פליכט צו טראָגן, צו געבערן און צו זויגן קינדער האָט זי אַזוי אויסגעמוטשעט, אַז איך זע זי שטענדיק אַ קרענקלעכע, מיט אַ וואַקסן־געל פּנים, מיט אויסגעלאָ־שענע אויגן. אָבער פון איר האָב איך, צוזאַמען מיט איר מילך, אַרײַנגעזויגן אין מיר גאָטספאָרכטיקייט. זי איז געווען די ערשטע, וואָס האָט מיר פאַרציילט פון ירושלים, פון בית־המקדש, און האָט מיר אָנגעוויזן אויף די שטערן אין הימל, איבער וועלכע גאָט דער אַלמעכטיקער וואוינט. פון איר האָב איך אויך געלערנט מײַן ערשטן פּסוק: „ראשית חכמה יראת ה׳״ — און גאָט ליבן און דאַנקען פאַר יעדן שטיקל ברויט און פאַר יעדן שלוק וואַסער.

באַלד אָבער האָט מען מיך צוגענומען פון דער ווײַבערשער קוואַר־טיר און אַרײַנגעבראַכט אין דער מענערישער. און דאָ האָט מײַן פאָטערס

געשטאַלט אַנגעהויבן שײַנען פאר מיר און אָנווײַזן מיר דעם וועג, אין וועלכן איך האָב צו גיין, ווי די פֿײַערדיקע זײַל, וואָס איז פֿאָרויסגעגאַנגען פאר די יידן אין דער מדבר.

ער איז שוין נישט געווען יונג, מײַן פֿאָטער. איך בין געווען דאָס פינפטע קינד פון זײַן צווייט ווײַב. ער איז געווען א נידעריקער, קרעפּ־טיקער מאַן, מיט א ווײַסער, באשנייטער באָרד, מיט גוטע, מענטשלעכע אויגן, וועלכע זענען געזעסן אין נעצן פון טרערן־טאָרבעלעך. זײַנע הענט זענען געווען ווי די וואָרצלען פון אן אַלטן, מיט יאָרן זאַטן איילבירט־בוים, קנאָכיקע, מיט דיקלעכע אָדערן, אויסגעאַרבעטע הענט. ער איז געווען א שווער־אַרבעטנדיקער מאַן און האָט אליין מיטגעהאָלפן מיט זײַנע פיל קינדער און פּועלים צו באַזאָרגן דעם אַקער אין פעלד, דרעשן די תבואות, זאַמלען די תבואות אין די שפּײַכלערס, טרעטן דעם ווײַן, מאָלן די איילבירטן אין די מילשטיינער, — אַלץ פארן הויזלעכן גע־ברויך. אָבער אָפּגעגעבן האָט ער זיך מערסטנס מיט זײַנע טשערעדעס שאָף. ער האָט געפירט א גרויסע שאָף־צוכט, וועלכע ער האָט געירשנט פון זײַן פֿאָטער. ער האָט געהאָדעוועט שאָף אי פאר פליייש, וואָס ער האָט געשיקט אויפן שאָף־מאַרק קיין ירושלים פאר קרבנות אויף די ימים־טובים, אָדער צו די מערק קיין כפר־סבא און לוד, אי פאר מילך, פון וועלכער די ווײַבער האָבן געשלאָגן פּוטער און קעז. אָבער דער עיקר פּרנסה פון די שאָף איז באַשטאַנען פון שערן די וואָל. נאָכן שערן די שעפּסן האָט מען די וואָל געוואַשן, געקעמט און געפּאַקט אין באַלעמס. מען האָט זי דערנאָך געלאָדן אויף קעמלען און אוועקגעפירט אין איינע פון די צוויי האַפן־שטעט, קיין יפה אָדער קיין צעזאַריע, וואו די צדונישע און טירישע סוחרים זענען אַרונטערגעקומען פון פעניציע צו קויפן די וואָל פאר זייערע פאַרבן־ און שפּינערײַ־פאַבריקן. אין דעם רײַכן, קאָס־מאָפּאָליטישן צעזאַרישן האַפן האָט די שרונער וואָל תמיד א העכערן פרײַז דערלאַנגט איידער אין דעם יידישן האַפן אין יפה. מײַן פֿאָטער האָט אָבער דעם צעזאַרישן האַפן, ווי ס׳רוב יידן, אויסגעמיטן צוליב רע־ליגיעזע און נאַציאָנאַלע טעמים.

ער האָט געהאַט איבערגענומען די מלאכה פון זײַנע עלטערן, און מען קאָן זאָגן אויף אים, אז ער האָט געקענט יעדע שאָף באזונדער פון זײַנע סטאַדעס. ער האָט נאָר באַדאַרפט איין בליק געבן אויף דער סטאַדע, און ער האָט געוואוסט, וואָס עס פעלט איר. ער האָט גלײַך דערקענט, אויב דער שעפער האָט זיי געפירט צו דער ריכטיקער צײַט צו די קוואַלן אָנטרינקען, אויב ער האָט זיי געהאַלטן צו לאַנג אויף דער אויסגעזעצ־טער זון, צי מען האָט זיי געפירט אויף גוטע, שפעדיקע פעלדער צו פּאַשען, צי ער האָט זיי אַרײַנגעלאָזט צווישן די סקאַלן־שטיינער. ער האָט געוואוסט פון אַלע זייערע קראַנקהייטן און געקענט זיך אויס אין די קרײַטעכצער, פון וועלכע ער האָט די הייל־זאַלבן צוזאַמענגעשטעלט, לויט פאַמיליע־רעצעפּטן, וועלכע זענען איבערגעאַנגען בירושה. ער

האָט דערקענט לויט דעם אָפּדרוק פון דער פאָרם אויפן באָדן די טריט פון יעדער חיה, וועלכע האָט זיך דערנענטערט צו די שטעלער, אין וועל־כע די יונגע מיט זייערע מוטערס זענען באַשיצט געווען פון דער קעלט פון דער נאַכט. ער האָט זיך אויסגעקענט אין די צייכנס פון הימל: לויט די שטערן, לויט דעם זעצן זיך פון דער זון, לויט דער קלאָרקייט פון דעם לבנה־שײַן, האָט ער געוואוסט די ענדערונגען פון די וועטערס. אין מיטן נאַכט, ווען אַלע זענען געשלאָפן פעסט, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, און מיט א בחורשן אימפּעט זיך געלאָזט אין פעלד אַרײַן צו זײַנע סטאַ־דעס. ער האָט דערפילט דאָס אָנקומען פון שטורעם און זיך געפונען מיט זײַנע שאָף, בשעת זיי באַדאַרפן זײַן היטן. נישט געקוקט אויף זײַן על־טער, איז ער נאָך יעדער ציגעלע נאָכגעלאָפן און האָט נישט גערוט, ביז וואַנען ער האָט עס נישט גאַנץ אהיים געבראַכט. מען האָט אים אויך באַדאַרפט זען, ווען עס איז געקומען די צײַט, ווען די מוטערס וואַרפן די קליינע אָפּ. ער האָט געגעבכטיקט מיט זײַנע שעפערס בײַ די סטאַדעס אין פעלד. בײַם בלויזן קוק אויף א טשערעדע האָט ער, נישט צו ציילן זיי, געוואוסט, אויב וועלכע פון זײַנע שאָף פעלט, אויב וועלכע פון זיי האָט נישט אָפּגעוואָרפן אין פעלד, אונטער א שטיין, און ער איז נאָכגע־גאַנגען נאָך דעם אָפּגעוואָרפענעם. אָפטמאָל האָט געטראָפן, אז די נאַכט איז צוגעפאַלן איבער אים, בשעת ער האָט מיט זײַנע שעפער־יונגען נאָכגעשפּירט אָן אָפּגעוואָרפן ציגעלע אין דער געדיכטעניש פון די באַרג־בושן. ער איז נישט פריער אהיימגעקומען, ביז ער האָט דאָס ציגעלע נישט צוריקגעבראַכט צו זײַן מוטער.

דאָס אויפפּאַסן אויף זײַנע סטאַדעס שאָף איז געווען א טייל פון זײַן אמונה. גאָט האָט אים איבערגעגעבן די שאָף, און ער איז פאַראַנטוואָרט־לעך פאַר זייער גאַנצקייט. אזוי ווי די שאָף וואָלטן נישט געהערט צו אים, נאָר זיי וואָלטן געווען אָן איבערגעגעבענער הפק אין זײַן האַנט און ער מוז אָפּגעבן דין־וחשבון פאַר א העכערן בעל־הבית, ווי די פּועלים פאַר אים. דאָס איז געווען א משפּחה־טראַדיציע בײַ די שעפער־לײַט.

ער איז געווען א גאָטספאָרכטיקער מאַן. נישט קיין געלערנטער אין דער שריפט, איז ער שטענדיק געווען באַזאָרגט, אויב ער איז בשל־מות מיט זײַן גאָט. די קאָמפּליצירטע מצוות פון כלאים און זרעים האָבן אים פארשאַפט פיל זאָרג. ער פלעגט פון דער שטאָט ברענגען א תלמיד־חכם, אז ער זאָל אים לערנען די געזעצן פון זייען, אים אָנווײַזן, וואָס ער מעג יאָ מישן מיט דעם אַנדערן מין בײַם זייען און וואָס ניט, ווי ווײַט זיי מוזן זײַן אָפּגערוקט איינער פון אַנדערן. לײַכטער איז אים אָנגעקומען מיט אָפּגעבן דעם כהן דאָס ערשטע ציגעלע אָדער איבערלאָזן די פּאָסן תבואות און דעם צווייטן נאָכוואוקס פון די ווײַנטרויבן פאַר די אָרעמע־לײַט. דאָס איז געווען פאַמיליע־טראַדיציע און איז איבערגעגאַנגען פון איין דור צום אַנדערן. מען האָט אים באַדאַרפט זען, מיט וואָס פאַר א פריידיקער התלהבות ער האָט אויפגענומען דעם כהן, וואָס איז געקומען

פון דער שטאָט לויט אָפּצונעמען דאָס צענטע פון די תּבֿואות, אָדער אָפּצונעמען די ערשט־געבוירענע בהמות. דאָס איז געווען הייליקייט. נאָר וואָס האָט אים אָפּט אַרײַנגעבראַכט אין פאַרלעגנהייט, מען קאָן אפילו זאָגן, אין פאַרצווייפלונג, דאָס זענען געווען די פיל קאָמפּליצירטע דינים פון אָפּהיטן ריינקייט, טובלען די כּלים, אָפּצוהיטן דאָס ברויט און וויַין פון באַרירונג פון פרעמדע. אין אונזער געגנט זענען געזעסן פיל עכו״ם, — כּנעניטן, גריכן, — וועלכע זענען געקומען פון דער געמישטער באַפעלקערונג, וואָס האָט באַוואוינט דעם ברעג ים. מיר זענען געווען אויסגעמישט מיט זיי. מיר זענען געקומען אין טאָג־טעגלעכער באַרירונג מיט זיי דורך טויזנטער באַוועגונגען, וואָס דאָס לעבן ברענגט מיט זיך. און מײַן פאָטער האָט שטענדיק געהאַלטן אין איין ציטערן, אויב נישט די אָדער יענע באַרירונג מיט זיי האָט טמא געמאַכט זײַן ברויט, זײַן וויַין, זײַן אייל אָדער זײַנע כּלים. ער האָט געהאַלטן אין איין מורא האָבן, אַז ער זאָל נישט אַרונטערפאַלן אונטער דעם אײַנפלוס פון די פרעמדע, נישט באַהערשט ווערן פון זייער קולטור, נישט אָנגעשטעקט ווערן פון זייערע מנהגים. דער עיקר מורא אָבער איז געווען פאַר די ווײַבער. די ווײַבער זענען געווען א שטרויכלונג פאַר די מענער. זיי, די יידישע ווײַבער, זענען לײַכט אַרונטערגעפאַלן אונטער דעם כּשוף פון דער אָפּגעטין עשתּרות, וועלכע איז געווען די געטין פון פרוכטבאַרקייט בײַ די גויים. וואו אַן עקרה אָדער א ווייניק־געווינערין פון אונזערע יידישע פּועלים, האָט זי אין געהיים געבראַכט בלומען אָדער טויבן צום מזבח פון עשתּרות. מען האָט אָפּט געפונען פּסלים אין געשטאַלט פון קליינע עשתּרותלעך בײַ די יידישע ווײַבער, געקנאָטן אין ליים. מײַן פאָטער פלעגט פון צײַט צו צײַט, מיט דער הילף פון כּהן, וואָס איז געקומען פון לויט אָפּנעמען די מעשׂרות, מאַכן אונטערזוכונגען אין די געצעלטן פון די ווײַבער און צונעמען אַלע פּסלים, וועלכע ער האָט צעשטויסן, צעבראָכן, פאַרניכטעט. אָפטמאָל פלעגן אַרויסקומען דורך דעם שלעגערײַען, וועלכע האָבן געפירט דערצו, אַז די מענער האָבן פאַרטריבן פון זיך זייערע ווײַבער. די ווײַבער אָבער האָבן אין געהיים ווײַטער אָנגעהאַלטן זייער קולט פאַר דער עשתּרות. אויף מײַן פאָטער האָט שטענדיק געציטערט די הויט. ער האָט נישט געוואוסט, אויב ער אַליין האָט, חלילה, נישט אַריבערגעטראָטן די גרענעץ. בײַ יעדן ספק פלעגט ער שיקן א רײַטער קיין לויט פרעגן א שאלת־חכם: אויב דער וויַין, וועלכן עס האָט באַרירט א נכרי, איז ריין אָדער אומריין. און ער האָט שטענדיק מקנא געווען דעם מאַן, וואָס האָט א זון א תּלמיד־חכם, און געחלומט דערפון זוכה צו זײַן אַליין אַמאָל צו האָבן א קינד, וואָס זאָל באַקומען סמיכה און קאָנען פּסקנען שאלות.

די שרעק פאַר אויסמישן מיט די גויים און, חלילה, אַראָפּגיין פון גאָטס וועג, איבערנעמען זייערע מנהגים — איז געווען אַזוי גרויס, אַז אחוץ

די אומצייליקע צוימען, מיט וועלכע די חכמים האָבן אונז ארומגעצוימט, האָט מײַן פאָטער נאָך צוגעגעבן אייגענע.

יינגלוויַז האָט מיך דער פאָטער אַנומלט מיטגענומען מיט די קעמלען, וועלכע האָבן געפירט די וואָל פון אונזערע געשוירענע שאָף, צום האַפן־מאַרק פון צעזאַריע. צעזאַריע, ווען אפילו זי איז געלעגן אין תחום פון ארץ־ישראל, אויפגעבויט פון א יידישן קעניג און באַפעלקערט מיט פיל יידן, האָט זי אָבער געגאָלטן פאר א שטאָט פון גויים. און מײַן פאָטער האָט מיר געהאָלטן אין איין אָנזאָגן, אז איך זאָל זיך אויסהיטן, אז איך זאָל נישט טועם זײַן קיין כזית ברויט אָדער אַנדערע שפּײַז פון דער דאָרטיקער באַפעלקערונג. איך זע די גרויסע האַפן־שטאָט פאר מיר. די ווײַסע מאַרמאָרשטיינערנע הײַזער באָדן זיך אין פולע צעבערס ליכט אויס די שטאָטישע גערטענער ארויס. דאָס איז געווען די צווייטע גרויסע שטאָט, וואָס איך האָב באַזוכט נאָך ירושלים. אָבער אַנדערש ווי ירושלים האָט צעזאַריע אויף מיר געווירקט. בשעת ירושלים און דער בית־המקדש האָבן מיך ארײַנגעבראַכט אין א נישט־געצוימטן עקסטאַז פון יראת־הכבוד און גאָטספאַרכטיקייט, — האָט די גוט־געאָרדנטע מאַרמאָרזײַלנדיקע שטאָט, וועלכע האָט מיך צעדריקט מיט איר רײַכטום, דערוועקט אין מיר א כעס און קנאה. אנשטאָט דעם בית־המקדש פאר גאָט, האָב איך דאָ געזען דעם הויכן טעמפּל פארן קייסער אויגוסטוס מיט זײַנע פילע זײַלן ארום אים, וועלכער האָט זיך ארויסגעהויבן פון אַלע אַנדערע געביידעס פון דער שטאָט. אנשטאָט א סקאַלן־באַזייטן האַפן, וואָס איז געפערלעך פאר די שיפלעך בשעת א שטורעם, וואָס איך האָב געקענט פון יפה, האָב איך דאָ געזען א ווײַס־שטיינערדיקע, לאַנגע, צוויי־הונדערט־מעטערדיקע וואַנט, וועלכע איז ארויסגעגאַנגען ביז צו דער טיפעניש פון ים און האָט געבראָכן די וואַלן. אין דעם רואיקן האַפן געשיצט, האָבן זיך דאָרט געפונען אָן א צאָל קאָלירטע זעגלען. אין דעם קאָליר פון די זעגלען, האָט מיך מײַן פאָטער אויפגעקלערט, דערקענט ער, אויס וועלכן לאַנד די שיפן קומען. עס זענען דאָ געווען שיפן פון צור און צידון, פון מצרים, פון אינזל צפורן און אפילו פון דעם גריכישן אינזל ראָדאָס און פון אַנדערע נאָענטע און ווײַטע האַפן־שטעט פון ים־הגדול. אויף דעם מיט מאַרמאָר גוט אויסגעפלאַסטערטן האַפן גייט אָן א לעבעדיקער האַנדל ארום די אָפּגעלייגטע סחורות פון די פרעמדאַרטיק באַקליידטע סוחרים. אויך מיר זענען דאָרט געשטאַנען מיט אונזערע אָפּגעלייגטע וואָלן אין דעם וואָל־מאַרק. באַלד האָבן די צור׳שע סוחרים אין שיין־קאָלירטע, געוויקלטע קליידער, זיך דערנענטערט צו אונז. נאָכדעם ווי זיי האָבן געפּרוווט די קוואַליטעט פון אונזער וואָל, האָבן זיי זיך מיט מײַן פאָטער געדונגען און מושווה געוואָרן אויפן פרײַז. מײַן פאָטער האָט דערהאַלטן פון זיי זעקלעך מיט טירהשע דראַכמעס, און זיי האָבן דורך שיף־שקלאַפן, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך, אויפגעלאָדן די פעק וואָל אויף זייערע זעגלשיפן.

נאָכדעם ווי מיר האָבן פאַרקויפט אונזער סחורה, האָט דער פאָטער איבערגעלאָזט די קעמלען מיט די קעמל־טרײַבער, און מיך האָט ער אָנגענומען בײַ דער האַנט און געפירט מיך איבער דער שטאָט. מיר זענען פאַרבײַגעגאַנגען א לאַנגע, געדעקטע אַרקאַדע, וועלכע איז באַשטאַנען אויס ליטער ווײַסע מאַרמאָר־זײַלן און באַדעקט מיט געוועבטע טיכער איבער די צעדער־באַלקנס. פיל פאָלק האָט זיך געפונען אין די אַרקאַדן, אַרום די שטענדערס און געוועלבער, וואָס די סוחרים פון צור און צידון און צפורן און אַנדערע לײַט האָבן דאָרט געהאַט, וואו עס האָבן זיך געפונען די קאָלירטע, געוועבטע קליידער פון טירה, פאַרשיידענע כלים, אויסגעאַרבעט אויס צעדערן־האָלץ און באַזעצט מיט העלפאַנטביין. געווען דאָ אויך געצן און געטער אין מענלעכן און אין ווײַבלעכן געשלעכט, געגאָסן אין קאָרינטישן בראָנז, ווי אויך אין אַנדערע מעטאַלן, אויסגעהאַמערט אויס אַלעבאַסטער; געצן אין געשטאַלטן פון נאַקעטע ווײַבער, וועלכע האַלטן זייערע הענט אויף זייערע בריסטן אָדער אויף זייער בויך. און פיל קונים זענען געשטאַנען אַרום, האָבן באַטראַכט זיי, באַוואונדערט זיי, און טייל האָבן זייערע געטער געדונגען בײַ די סוחרים, ווי מען דינגט זיך איבער א ליטער ציפּרעס־ווײַן אָדער איבער רייפע, זיסע מילגרוימען. צווישן די אַרקאַדן, אין די נישעס, האָבן זיך אויפגעהאַלטן זינדיקע פרויען, וואָס האָבן אַרײַנגערופן די דורכגייענדיקע מענער אין זייערע געוועלבלעך. שכורע קולות האָבן זיך געהערט פון די מאַטראָזן אויס די פונדקאַס, וועלכע זענען דאָרט געווען. מײַן פאָטער האָט מיך געצויגן בײַ דער האַנט און פלינק מיך אַדורכגעשלעפּט דורך דעם אויסגעמיש און דעם געבערום פון די גויים, כדי איך זאָל נישט זען זייער זינד און זאָל, חלילה, נישט אָנשטעקן זיך פון זיי מיט אומרייניקייט, ביז ער האָט מיך אַרויסגעפירט פון דעם רויש פון די גויים און אַרײַנגעבראַכט מיך אין דער יידישער שכנות אַרײַן. אין א הויף פון אַן אכסניה, וועלכע איז געווען פאַרדעקט מיט לײַלעכער און זון־טיכער פאַר דער זון, האָבן מיר אין די נישעס געפונען רוען פיל יידישע שעפּערס און פויערים מיט זייערע אייזלען און קעמלען, וועלכע זיי האָבן געבראַכט באַלאָדן מיט סחורות אין דער שטאָט אַרײַן. דאָרט האָבן מיר אויך געפונען שכנים פון אונזערע ערטער אין שרון. אויך אונזערע קעמל־טרײַבער האָבן אַרײַנגעבראַכט אהין אונזערע בהמות אָנצוטרינקען. די יידן האָבן זיך געזאַמלט אין דער אכסניה. מיר האָבן געוואַשן אונזערע הענט און מיר האָבן אויפגעבונדן אונזערע בינטלעך, וואָס מיר האָבן מיטגעבראַכט פון דער היים, און מיר האָבן געגעסן אונזער ברויט.

בײַם עסן האָב איך געפרעגט מײַן פאָטער:

— מײַן פאָטער און מײַן האַר, לערן מיך. די גויים טוען זינדיקן, דינען צו די אָפּגעטער און צו אומווירדיקייטן, און היטן נישט איינע פון די מצוות, וואָס מיר היטן, נאָר גייען נאָך דאָס שלעכטס פון זייערע אויגן, ווי מיר האָבן הײַנט געזען, — און דאָך שטראָפט זיי נישט גאָט, נאָר

אונז אליין, און זיי האָט ער געמאַכט פאַר האַרן איבער אונז.

— פאַרוואָס דאָס איז אזוי, דאָס ווייס איך נישט, תנוקי! ענטפערט מיר מײַן פאָטער. — אויף גאָטס מעשים טאָר מען נישט מתרעם זײַן, נאָר מען מוז זיי נעמען אויף זיך באהבה און זאָגן: גם זו לטובה! אזוי האָבן מיך מײַנע עלטערן געלערנט. נאָר די תלמידי־חכמים פאַרשן די תורה, דרינגען אַרײַן אין אירע געהיימנישן און זוכן גאָטס וועג. זיי ווייסן דעם טעם פון דער זאַך. ווילסטו, מײַן זון, זײַן איינער פון זיי?

— יאָ, מײַן פאָטער, איך וואָלט געוואָלט פאַרשן גאָטס וואָרט.

— מײַן גאַנץ לאַנג לעבן האָב איך געבעטן צו גאָט צו האָבן אַ זון, וואָס וועט אַרויסגיין פון מײַנע לענדן, וועלכער זאָל זיך ווידמענען דער הייליקער תורה, כדי מײַן עלטער זאָל באַשײַנט ווערן פון זײַנעט וועגן און איך זאָל געניסן פון זײַנע פרוכט אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט. דײַנע ברידער האָבן אויסגעזוכט פאַר זיך דעם חלק פון דער־וועלט און האָבן גענומען אין זייערע הענט די מלאכה פון זייערע על־טערן. זיי זענען געוואָרן שאָף־ציכטער. אפשר וועט גאָט באַרעכטיקן מײַן האָפענונג מיט דעם יינגסטן פון מײַנע קינדער?

— וואָס האָב איך צו טון, כדי צו געווינען די תורה?

— די חכמים זאָגן, אז די תורה ווערט נאָר געקויפט דורך אַ טײַערן פרײַז. דער וואָס וויל זי געווינען מוז עסן טרוקן ברויט, טרינקען קאַרג וואַסער און שלאָפן אויף דער האַרטער באַנק, און באַדינען זײַן רבין, און שטיין פאַר אים ווי אַ קנעכט פאַר אַ האַר. וואָרעם אַ רבי איז מער ווי דײַן פאָטער. דײַן פאָטער האָט דיך נאָר געבוירן, דער רבי גיט דיר די נשמה. — דאָס איז די תורה. ביסטו גרייט, מײַן זון, צו באַצאָלן דעם פרײַז פאַר איר?

— מײַן פאָטער, איך בין גרייט צו באַצאָלן יעדן פרײַז, אבי נאָר אויסצוגעפינען די וועגן פון גאָט.

— גוט, מײַן זון, איך וועל דיך שיקן קיין לוד צו אַ רבי, דערנאָך וועל איך דיך מיטנעמען קיין ירושלים, ווען דו וועסט עלטער ווערן.

און מײַן פאָטער האָט אויפגעהויבן די הענט צום הימל און געזאָגט:

— איך דאַנק דיר, פאָטער, וואָס דו האָסט אַרײַנגעגעבן אין האַרץ פון מײַן קינד דעם באַגער צו פאַרשן די תורה.

קאַפּיטל פיר.

ווען איך בין אַלט געוואָרן דרײַצן יאָר, האָט מײַן פאָטער געמאַכט איבער מיר די ברכה „ברוך שפטרני”. ער האָט אַראָפּגענומען דאָס אח־ריות פאַר מיר פאַר גאָט. פון דענסטמאָל אָן בין איך אליין פאַראַנט־

וואָרטלעך געוואָרן פאַר מײַנע מעשים. ער האָט מיך געשיקט קיין לוד, וואו עס זענען געווען פיל בתי־כנסת. און דאָרט, אין איינעם פון די בתי־כנסת, בין איך צוגענומען געוואָרן צו א מלמד, וועלכער האָט מיך געלערנט די תורה שבכתב, און די הלכות און אגדות בעל־פה, וואָס איך האָב באַדאַרפט וויסן אלס ייד. געוואוינט האָב איך בײַ משפחה, בײַ א ברודער פון מײַן מוטער, וועלכער איז געווען א זאָטלמאַכער. בײַ אים טאַקע האָב איך געלערנט מײַן מלאכה פון זאָטלמאַכערײַ. ווען אפילו מײַנע עלטערן זענען געווען פאַרהעלטניסמעסיק פאַרמעגלעך און מיך האָבן זיי באַשטימט צו לאָזן לערנען תורה און צו ווערן א תלמיד־חכם, האָב איך אָבער געמוזט לערנען פון קליינערהייט א מלאכה, נאָך דעם שפּרוך נאָך: „דער וואָס לערנט נישט זײַן קינד א מלאכה, איז אזוי גוט ווי ער וואָלט געמאַכט פון אים א וועג־רויבער".

איך וועל זיך נישט אָפּשטעלן אויף מײַנע לערן־יאָרן, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין דער אָנגענעמער שטאָט לוד, וואו איך האָב געהאַט פיל באַקאַנטע און פרײַנד און וואו איך האָב אויך אָפט געהאַט די געלעגנהייט צו זען מײַנע אייגענע, וועלכע האָבן געבראַכט די פּראָדוקטן פון זייער שאָף־פאַרם אין שטאָט אַרײַן צו פאַרקויפן. איך האָב די יאָרן אָנגעזאַמלט פיל וויסן, סײַ אין דער תורה שבכתב, סײַ אין תורה שבעל פה, וועלכע איז אונז געגעבן געוואָרן בקבלה. אז איך בין אַלט געוואָרן זעכצן יאָר, בין איך אהיימגעקומען צו מײַנע עלטערן. האָט מיך מײַן פאָטער ווידער געפרעגט:

— ווילסטו, מײַן קינד, זיך ווידמענען דער תורה?

— מיט מײַן גאַנץ האַרץ, מיט מײַן גאַנצן נפש!

— אויב אזוי, וועל איך דיך, ווען מיר וועלן אויפגיין קיין ירושלים עולה־רגל־זײַן, מיטנעמען. דאָרט האָב איך א פרײַנד, וואָס ער האָלט זײַנע צוויי זין בײַ דעם באַרימטן רבין נקדימון, וועל איך דיך דאָרט איבערלאָזן מיט זיי.

און אזוי איז עס געווען. ווען מײַן פאָטער איז אויפגעגאַנגען קיין ירושלים עולה־רגל־זײַן, האָט ער מיך מיטגענומען. עס איז אויפגעגאַנגען אויך מײַן מוטער און צוויי פון מײַנע עלטערע ברידער, — זיי האָבן אָנגעטריבן א קליינע סטאַדע שעפּסן און א פּאָר אייזלען, וועלכע האָבן געפירט מײַן מוטער, מײַן פאָטער, ווען ער איז מיד געווען פון גיין; א פּאָר קריגן מיט גוטן ווײַן, וואָס מײַן פאָטער האָט מיטגעפירט א מתנה פאַר זײַן פרײַנד; א פּאָר קריגן מיט האָניק, געטריקנטע קעזלעך און ברויט פאַר צדה לדרך פאַר אונז. אחוץ דעם, האָט נאָך מײַן עלטערער ברודער יוסף אָנגעטריבן צוויי קעמלען, באַלאָדן מיט באַלעמס געשניטענע וואָל פון אונזערע שאָף, וואָס מײַן פאָטער האָט מיטגעפירט א מתנה פאַר זײַן פרײַנד שמעון הקוריני, בײַ וועלכן מיר וועלן אײַנשטיין אין ירושלים דורך יום־טוב.

באַלד אין לוד האָבן זיך צו אונז אָנגעשלאָסן אַנדערע עולי־רגלני־

קעס. אין יבנה האָבן שוין די קאַראַוואַנען עולי־רגלניקעס פאַרנומען דעם גאַנצן שטאַטישן מאַרק, און מיט געזאַנג פון הלל און באַגלייט מיט דעם פײַפן פון פײַפלעך, האָבן מיר אָנגעהויבן צו באַשטײַגן די הרי־יהודה אויף אונזער וועג קיין ירושלים.

ווען אפילו איך האָב שוין אייניקע מאָל אין מײַן קינדהייט עולה־רגל געווען, — איז אָבער דאָס דאָסמאָליקע אויפגיין קיין ירושלים איבערגעבליבן אין מײַן זכרון מער ווי יעדעס אַנדערע מאָל. עס קלינגען מיר נאָך אין די אויערן די גלעקלעך אויף די העלדזער פון די באַצירטע אייזלען, ווען זיי שטײַגן אויף די בערג. איך האָב געוואוסט, אז איך גיי אויף קיין ירושלים צו פאַרבלײַבן, אז איך וועל באַשטימט צו ווידמענען זיך דער תורה. איך בין נײַגעריק געווען אויף מײַן רבין און אויף אַלץ, וואָס האָט א שייכות צו מײַן נײַעם לעבן. איך געדענק — בײַנאַכט אין די בערג, וואו אונזער עדה האָט גערוט אין א דאָרף ארום א קוואַל. די מאַנספאַרשוינען האָבן נישט געוואָלט אַרײַנגיין אין די שטובן פון דעם דאָרף, וואו מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט, רוען אין דער נאַכט, נאָר זענען איבערגעבליבן אין דרויסן. אויך איך האָב זיך שוין געהאַלטן פאַר א דערוואַקסענעם מאַנספאַרשוין און נישט געוואָלט זײַן אין די געצעלטן און די שטובן מיט די ווײַבער און די קינדער, נאָר מיט די מאַנספאַרשוי־נען אין דרויסן, בײַ א פײַער, וואָס די מענער האָבן אָנגעצונדן ארום דעם קוואַל. די נאַכט איז קאַלט געווען אין די בערג, זענען די אַלטע לײַט געווען אײַנגעוויקלט אין זייערע שעפּסן־פעלן, אין פילצענע הילעס, די יינגערע זענען געשטאַנען מיט יראת־הכבוד ארום זיי, און מיר, די יוגנט, האָבן זיי משמש געווען. קיינער איז נישט געשלאָפן אין דער נאַכט. עס איז געווען אָנהויב חודש, און א יונגע, אומבאַפלעקטע לבנה, ווי א נײַ־געבוירן קינד, האָט זיך ארויסגעשניטן פון דעם טיף־בלויען, מיט שטערן באַזייטן הימל. די אַלטע האָבן פאַרציילט פון יהודה הגלילים אויפשטאַנד, אין וועלכן פיל פון זיי האָבן אליין געהאַט אָנטייל גענומען; פילע פון אונזער טאָל, מיט די שווערדן באַהאַלטן הינטער די הילעס, האָבן אויסגעוואַנדערט צו יהודה קיין גליל און זיך אָנגעשלאָסן אין זײַנע שאַרן; אויך די שיפערס פון יפה'ער האַפן זענען געקומען צו אים; מיר האָבן דענסטמאָל געמיינט, אז די ישועה איז נאָענט, יהודה וועט אונז באַפרײַען פון אדום; אָבער אונזערע האָפענונגען זענען אָפּגענאַרט גע־וואָרן, גאָטס שווערד — צעבראָכן.

— גאָטס שווערד איז נישט צעבראָכן, גאָטס שווערד איז זײַן תורה.

— האָט זיך אָנגערופן א געלערנטער מאַן פון כפר־סבא.

— נישט א שווערד פון תורה באַדאַרפן מיר איצט האָבן, נאָר א שווערד פון אײַזן. די שווערד פון תורה מוז א מינוט שווײַגן, ביז וואַנען עס וועט זיגן די שווערד פון אײַזן, — האָט זיך אָנגערופן א מאַן, וואָס איז געשטאַנען באַהאַלטן אין שאָטן פון דער נאַכט.

דער עולם האָט זיך ארומגעקוקט: ווער וואָגט עס אזעלכע ווערטער

צו רעדן? און איינער פון די לײַט האָט גענומען א פּלאַקערדיק שטיק האָלץ פון פײַער און באַלויכטן א מעכטיקן, אומגעהובלטן מאַן מיט ווילדע צעגאָסענע לאָקן ארום זײַנע אויגן, וועלכע האָבן ארויסגעשײַנט פון דער נאַכט ארויס.

— בר־אבא! — איז געוואָרן א געמורמל צווישן עולם — בר־אבא איז דאָ מיט אונז!

— באַדאַרף דען גאָט אײַזן אָדער רײַטוועגן, אז זיי זאָלן אים העלפן?

— זענען דען נישט גענוג די שאַרן פון זײַנע חיילות, וואָס ער האָט אין הימל? וואַרט נאָר, ווען די צײַט וועט קומען און ער וועט זײַן געזאָלבטן שיקן.

— אָבער פארוואָס פארשפּעטיקט ער זיך אזוי?

— ווען אפילו ער פארשפּעטיקט זיך, דאַרף באַדאַרפן מיר אים אויס־וואַרטן יעדן טאָג, — שטייט געשריבן. ווער ווייסט, אפשר וועלן מיר אים שוין אָנטרעפן אין ירושלים, ווען מיר וועלן אהין קומען.

— משיח וועט נישט פון הימל אראָפּפליען, ביז מיר וועלן אים נישט אליין אויסגליען אין די שמיד־אויוונס, אויפן שמיד־אײַזן אויסקלאַפּן מיט אונזערע שווערדן מוזן מיר די גאולה.

— גאָט וויל נישט קיין קנעכט פאר זײַן פאָלק, גאָט וויל א פאָלק פון בני־חורין, פון פרײַע מענער, — האָט א צווייטער פון די לײַט, וועל־כע זענען געווען מיט בר־אבן, אויסגערופן.

— זענען מיר דען נישט קיין בני־חורין? מיר זענען צו קיינעם נישט פארשקלאַפּט, נאָר צום איינציקן, לעבעדיקן גאָט.

— נישט צום לעבעדיקן גאָט, נאָר צו דער שווערד פון אדום און אַלע זײַנע משרתים!

דער עולם האָט זיך אומגעקוקט מיט שרעק און אויפרעגונג אויף בר־אבאן. איך זע אים פאר מיר — שטייענדיק אין דער נאַכט באַלויכטן אין די פלאַמען פון ברענענדיקן פײַער. ער איז געווען א הויכער, מעכ־טיקער מאַן, א פישער פון יפה׳ער פּאָרט, מיט א שטאַרקער, האָר־באַ־וואַקסענער ברוסט, — אָפּגעברענט פון דער זון, געשמיסן פון ווינט און שטורעם, זײַן לײַב אויסגעהאַרטעוועט ווי שטאָל. זײַן באָרד און זײַנע האָר זענען געווען צעריסן פון ווינט אויף טויזנטער טראָלדן. זײַנע ציין האָבן ארויסגעבלישטשעט פון זײַן מויל, ווי זיי וואָלטן זיך געוועזן גע־וואַשן אין מילך, — ווײַס און שײַנענדיק. ער האָט אויסגעשטרעקט זײַנע הענט צום רעדנדיקן רבין און ער האָט געזאָגט:

— שוין גענוג ביטערקייט האָט זיך אָנגעקליבן אין אונזערע בריסטן, — האָט ער זיך געקלאַפּט אין דער ברוסט, — איך זאָג אײַך, ווען עס וואָלט זיך געווען געפונען איינער, ווי יהודה הקנאי, און וואָלט געזאַמלט די שאַרן ארום זיך, וואָלטן מיר אדום און אַלע זײַנע מיטהעל־פער פארטריבן אין ביטערן ים פון אונזערע צרות, ווי א שיף, וואָס זינקט אין שטורעם.

— בר־אבא, בר־אבא, דו רעדסט ווי א זינדיקער. אָן גאָט זענען מיר גאָרנישט. דו זעסט דאָך, וואָס מיר האָבן דערגרייכט ביז איצט.

— מוזן מיר שוין טאָקע אונזער גאַנץ לעבן בייגן דעם רוקן פאַר דעם קנאפּל פון שונא?

— אזוי איז זײַן ווילן. און מיר טאָרן נישט אָפּפרעגן, ביז ער וועט זיך נישט מרחם זײַן אויף אונז און שיקן זײַן געזאַלבטן משיח, ער זאָל אונז זאַמלען.

— מיר באַדאַרפן זיך מיט עפּעס אַנדערש פאַרברייטן צום טאָג פון משיח, ווי מיט טבילה און מיט תשובה. — אײַזן וועט נאָר ברעכן אײַזן.

— וויי צו די אויערן, וואָס הערן אַזעלכע רייד. — שטויב אין דײַן מויל, בר־אבא! איבער אַזעלכע לײַט ווערט די גאולה אויפגעהאַלטן. גאָטס ווילן איז, אז מיר זאָלן אונזער נאַקן מאַכן פאַר א פוסבענקל פאַר די פיס פון אונזערע שונאים. און מיר וועלן עס מיט ליבע טון און שווײַגן און גאָרנישט פרעגן, וואָרעם אזוי איז דער ווילן פון גאָט! — האָט דער אַלטער מאַן געשריען.

איך האָב געזען, ווי זײַן באָרד האָט זיך געטרייסלט פאַר אויפרעגונג און זײַנע אויגן זענען רויט געוואָרן, איבערגעגאָסן אין בלוט, און עס האָט זיך געדאַכט, אז אָט וועלן זיי ארויספאַלן פון זייערע הוילע, לויזע אויגנלעכער.

— פאַרוואָס? — האָבן שוין די אַנדערע געפרעגט.

— ווײַל מיר זענען זינדיק! — האָט דער אַלטער אָפּגעענטפערט.

— זענען די גויים בעסער פון אונז?

— מיט די גויים האָט ער קיין ברית נישט געמאַכט. מיט אונז — יאָ. אונזער פאָטער אברהם האָט פאַר אונז מיט גאָט א בינדעניש אָפּגעשניטן, אז מיר וועלן טראָגן אויף זיך דעם יאָך פון דער תורה. יעדער איינער פון אונז האָט אויף זיך גענומען מקיים צו זײַן די תורה. און דערפאַר ווײַל מיר זענען זי נישט מקיים, פּײַניקט ער אונז. ווײַל אונז האָט ער אויסגעקליבן צו זײַן זײַן הייליק פאָלק, אונז האָט ער אויסגעקליבן צו זײַן דאָס ליכט פון דער וועלט, אויפצוהאַלטן זײַנע חוקים און משפטים, ביז ער וועט שיקן זײַן מלך משיח, און אַלע פעלקער וועלן זיך בוקן פאַר גאָט און וועלן אָננעמען זײַן תורה. ביז דענסטמאָל מוזן מיר טראָגן אויף זיך דעם עול און שווײַגן, שווײַגן! — האָט דער אַלטער געלייגט די פינגער אויף זײַן מויל.

דורך דער נאַכט בין איך געוואָרן א דערוואַקסענער מענטש. איך האָב צום ערשטן מאָל געזען זיך פּנים־אל־פּנים מיט די כוחות, וואָס לעבן אין אונז.

אין ירושלים האָבן מיר געוואוינט בײַ שמעון קוריני. ער האָט געהאַט זײַן פאַרבערײַ בײַם נחל־קדרון, טיף אין דעם אונטערשטן טייל שטאָט, צופוסנס פון הר־הזיתים, וואו עס וואוינען די גאַרבערס און אַנ־

דערע בעל־מלאכהס, וועלכע טאָרן נישט זײַן אין דער שטאָט. איך זע אים פאר מיר. דאָס איז געווען אן אויסערגעוויינלעך הויכער מאַן, זייער א דינער. זײַן קאָפּ, וואָס איז געזעסן אויף זײַן לאַנגן האַלדז, איז געפאַלן איבער זײַן ברוסט. זײַן רוקן איז געווען אביסל אויסגעהויקערט פון שטענדיקן בייגן זיך איבער די פאַרב־קעסלען. די האָר פון קאָפּ זענען בײַ אים געווען אויסגעקראָכן פון די פארב־שטאָפן. ער האָט צונויפגעשטעלט זײַנע פאַרבן פון פלאַנצונגען, לויט א רעצעפּט, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פון זײַן לאַנד, פון וועלכן ער איז געקומען. די פאַרבן, ארום וועלכע ער איז אומגעגאַנגען, האָבן זיך געזעצט אין די קנייטש־שניטן פון זײַן הויט, האָבן זיך געלייגט מיט שפּרענקלען אויף זײַן פּנים און אויף זײַנע הענט. א פּאָר קאָלירטע פעדעם האָבן ארויסגעהאָנגען אויס א לעכל אין זײַן אויער־לאַפּל. ער איז געווען א שטילער און א שמייכלדיקער מענטש. ער איז אונז אנטקעגנגעקומען פון דער שטאָט ארויס, איז געפאַלן מײַן פאָטער אויפן האַלדז, האָט זיך געקושט מיט אים, אים אויסגעפרעגט אויפן שלום פון זײַן משפּחה און אונז אהיימגענומען צו זיך.

זײַן וואוינונג איז געווען אן ענגע, א נידעריקע. זי איז באַשטאַנען אויס א לאַנגן חדר, וועלכער איז בײַ די זײַטן געווען באַשטעלט מיט שמאָלע, אויס שטרוי געפלאָכטענע שלאָף־בענק, באַלייגט מיט קאָלירטע, וואָלענע דעקן פאר דעם בעל־הבית און פאר די געסט. די איבעריקע האָבן געהאַט זאַק־דעקן אויף צוצודעקן זיך בײַנאַכט. א באַמבוס־מאַטראַץ איז אויך געלעגן אויסגעשפּרייט איבער א האַלבער שטוב, פאָרגעברייט פאר א געלעגער פאר די קינדער פון אורח. די שטוב האָט נאָר געהאַט איין מחיצה פון צניעות וועגן. הינטער א קאָלירטן פאָרהאַנג, מיט וועלכן א ווינקל פון שטוב איז געווען אָפּגעטיילט, האָבן זיך געפונען די געלעגערס פאר די ווײַבער. א באַזונדער געבוי, געמויערט אויס שטיינער, איז געשטאַנען לעבן דער טיר, און דאָ האָבן זיך געפונען די ערדענע קריגן מיט וואַסער און אַנדערע כלים. דער טייל שטוב, וואָס איז באַשטימט געווען פאר די אורחים, איז געווען אָפּגעקאַלעכט. דערפאַר אָבער איז דער הויף, וואָס איז געווען ארומגערינגלט מיט א לעבעדיקן אַרבעס־צווײַגן־פּלויט, גענוג גרויס געווען. ער האָט זיך געצויגן ביז טיף אין טאָל ארײַן. עס האָבן זיך דאָרט געפונען קאַמערן פאר די רויע און אויסגעאַרבעטע וואָלן. דרײַ גרויסע קעסלען, אויסגעהוילן אין דער ערד, זענען געשטאַנען אין מיטן הויף, און ארום זיי אָן א שיעור מיט פאַרב באַגאָסענע ערדענע קריגן און כלים; אויך א גענוג גרויסער וואַסער־זאַמלער, א טיפע אויסגעקאַלעכטע גרוב, אויסגעגראָבן אויף א הויכן אָרט פון הויף, וואָס האָט דורך רינעס און רינשטאָקן געזאַמלט דאָס רעגנוואַסער, וואָס איז געפאַלן אין הויף ארײַן. די גרוב איז געווען אָפּגעצוימט, כדי מען זאָל נישט ארײַנפאַלן אין איר. אַלץ, וואָס עס האָט זיך געפונען אין הויף, — די קעסלען, די כלים, די בענק, די קאַלך־

גרוב, — האָט געטראָגן סימנים פון שמעונס פּראָפּעסיע. אַלץ איז געווען באַשפּריצט און באַשפּרענקלט מיט אַ שלל פאַרבן, פון דעם בלויען תכלת ביז דעם וויאָלעטן און טיפן רויט פון פּורפּור־פאַרב. אפילו דער איינ־ציקער איילבירט־בוים, וואָס האָט זיך געפונען אין הויף, און די ברייטע פלאַכטע, וואָס איז געהאָנגען אויף דרענגער צו וואָרפן אַ קילן שאָטן אין אַ ווינקל פון הויף צו באַהאַלטן זיך פון דער זון, זענען אויך געווען באַשפּרענקלט און באַשפּריצט מיט פאַרבן.

שמעון קוריני איז געווען מײַן פאָטערס אַן אַלטער פרײַנד. ער אַליין האָט געשטאַמט פון קוריני, וואָס פיל פון זײַנע לאַנדסלײַט זענען געקור־מען פון דאָרט קיין ירושלים צו דערציען זייערע קינדער, וואָרעם זיי האָבן מורא געהאַט, אַז די קינדער זייערע זאָלן זיך נישט אויסמישן מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג, וועלכע איז געווען אַ גריכישע, און אָנ־נעמען די מידות פון די גויים און, חלילה, איבערנעמען זייער עבודה־זרה. קוריני איז געווען אַ גריכישע פּראָווינץ, אונטערגעוואָרפן אונטער רוים, און די יידן זענען דאָרט געווען זייער אויסגעמישט מיט די גויים. די קוריניער לײַט האָבן געהאַט אין איינעם פון די געסלעך אין דעם נידעריקן טייל שטאָט זייער אייגענעם בית־הכנסת, אין וועלכן מײַן רבי נקדימון האָט געפירט זײַן ישיבה, און צו אים האָט אויך שמעון געבראַכט זײַנע צוויי זין, אַלכסנדר און רופוס.

מײַן פאָטערס פרײַנדשאַפט מיט שמעון קוריני האָט געדויערט שוין אַ לאַנגע צײַט. זיי האָבן זיך געקענט נאָך פון דעם וואָל־מאַרק אין יפה, וואוהין שמעון קוריני איז אַראָפּגעקומען אײַנקויפן וואָל פון שרון. ביידע זענען זיי געווען פון די, וואָס האָבן אויסגעוואַרט דאָס קומען פון משיח. און יעדעס מאָל, ווען זיי האָבן זיך געטראָפן, האָבן זיי געהאַלטן אין איין רעדן דערפון און זיך פאַרציילן סודות און רמזים פון פּסוקים, וואָס האָבן אָנגעוויזן אויפן קומען פון משיח, וואָס זיי האָבן געהערט פון זייערע רביים. די בשותפותדיקע אמונה אין משיחן האָט זיי צוזאַ־מענגעבונדן אין איין בונד און נאָענט געבראַכט די משפחות צוזאַמען. יעדעס מאָל, ווען מײַנע עלטערן זענען אויפגעגאַנגען קיין ירושלים עולה־רגל־זײַן, זענען זיי געווען די אורחים פון שמעון קוריני. אויך שמעון און זײַן משפחה, זײַנע צוויי זין, אַלכסנדר און רופוס, זענען אָפט־מאָל אַרונטערגעקומען צו אונז אין שרון, און האָבן געוואוינט בײַ אונז אין דאָרף אין די זומערדיקע חדשים.

מיר זענען פון שמעון און זײַן משפחה אויפגענומען געוואָרן ווי אייגענע. מען האָט אונז אַרײַנגעבראַכט אין שטוב אַרײַן; נאָכדעם ווי מען האָט געוואַשן אונזערע הענט און פיס, האָבן מיר אונטערגעלעגט אונ־זערע הערצער מיט ברויט. מײַן מוטער האָט אַרויסגענומען די קעזלעך, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פון אונזער מילך־צוכט. מײַנע ברידער האָבן די קריגן מיט האָניק אין שטוב געבראַכט. די ווײַבער זענען געזעסן אין ווינקל פון שטוב און האָבן גערעדט פון זייערע ענינים, פון זייערע הויז־

געזינטן, האָבן געריטמט די שיינקייט און קלוגשאַפט פון זייערע קינדער, געטיילט זיך מיט די קליינע זאָרגן פון זייער הויז־ווירטשאַפט. מײַנע עלטערע ברידער זענען אַרויסגעגאַנגען די שטאָט באַזען און נאָכפרעגן זיך אויפן פּרײַז פון שאָף און וואָל. איך בין געבליבן אַליין, וואָרעם מײַנע חברים אַלכסנדר און רופוס, וועלכע זענען געווען אין מײַן עלטער, זענען געווען בײַ זייער רבין.

נאָכדעם ווי די מענער האָבן געהאַט אונטערגעלענט זייערע הער־צער, האָט שמעון גענומען מײַן פאָטער און איז אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף. איך בין געווען מיט זיי. זיי האָבן זיך ביידע געזעצט אויפן ראַנד פון פאַרב־קעסל, וואָס איז איצט געווען אויסגעטריקנט צוליב דעם נאָענטן יום־טוב. איך בין געזעסן צו זייערע פיס.

עס איז געווען פאַרנאַכט, ווען די כהנים ברענגען שוין אין בית־המקדש די עולה פון מנחה. דער נחל קדרון איז שוין געווען שווער באַלאָדן מיט די געדיכטע נאַכט־שאָטנס, וואָס זענען געפאַלן אין טאָל, כאָטש די שפּיץ בערג אַרום ירושלים האָבן נאָך געפלאַקערט אין דער אונטערגייענדיקער פרילינג־זון.

מײַן פאָטער און שמעון האָבן גערעדט אויף דער אייביקער טעמע:

— פאַרוואָס גייט דאָס הויז פון יעקב אַזוי שלעכט און אדום טריומפירט איבער אונז? פאַרוואָס איז עס געשען פאַרקערט, ווי יעקב האָט אונז געבענטשט, און דער פוס פון עשיו דריקט דעם שטאָלץ פון ישראל?

מײַן פאָטער האָט זיך אָנגערופן און געפרעגט שמעונען אין דער שטיל:

— האָט זיך גאָרנישט באַוויזן, הערט זיך קיין קול פון בשורה נישט? וואָס זאָגן די חכמים?

— יוחנן איז אַרויסגעגאַנגען אין מדבר און רופט דעם עולם טובל צו זײַן זיך און צו דערנענטערן מיט תשובה דאָס קומען פון משיחן.

— דאָס האָב איך געהערט אויפן וועג. עס זענען געווען אין אונזער חברותא לײַט, וועלכע זענען געווען אינדרויסן בײַ אים און האָבן גענו־מען די טבילה בײַ אים.

— יאָ, פיל לײַט גייען אַרויס צו אים פון ירושלים. נאָך יום־טוב רעכן איך אויך אַרויסצוגיין אין מדבר יהודה און צו זען מיט מײַנע אייגענע אויגן און צו נעמען טבילה בײַ אים.

— מען זאָגט, אַז דער קץ דערנענטערט זיך. די חכמים האַלטן, אַז די חבלי־משיח האָבן זיך אָנגעהויבן. די יסורים און די צרות זענען נישט מער אַריבערצוטראָגן. דער רשע פילאַטוס זיצט אין לאַנד. ער מאַכט שחיטות אויף די יידן, וואָס קומען עולה־רגל־זײַן. ער לייגט אַרויף אויף אונז וואָס מער צינזן און שטײַערן. אונזער נאַקן איז אונטער זײַנע פיס, און די בני־חנן, די כהנים גדולים, שמײַסן אונז מיט ריטער. עס איז ווי אין פּסוק שטייט: ארץ נתנה בידי רשע. דאָס וואַסער איז צוגע־קומען צום האַלדז, — עס איז נישט מער אַריבערצוטראָגן.

— און וואָס איז דער טעם פון די יסורים? — האָט מײַן פֿאָטער געפֿרעגט — וואָס זאָגן די חכמים?

— די יסורים זענען א סימן פון גאָטס ליבע, זאָגן די חכמים, און זיי קומען איבער אונז פון אונזער טובה וועגן, כדי אונזערע הערצער זאָלן וואַך זײַן אויף גאָטס געבאָטן. מיר זענען דאָס זאַלץ פון דער ערד. אונז האָט גאָט אויסגעקליבן פון דער גאַנצער מענטשלעכער בכורה. מיר באַדאַרפֿן זיך נישט אנטקעגנשטעלן דעם שלעכטס און נישט מתרעם זײַן אויף גאָט, נאָר מיט ליבע אָנצונעמען די יסורים, וואָס ער שיקט אויף אונז. ווײַל דורך די יסורים רייניקט ער אונז, איידלט אונזערע הערצער, אז מיר זאָלן נישט פֿאַרגרעבט ווערן און פֿאַרפֿאַלן ווערן אין עולם־הזה ווי די גויים, נאָר מיר זאָלן זײַן אָנגעקניפּט אין אים, ביז ער וועט זיך אָנטפּלעקן פאַר דער גאַנצער וועלט און וועט שיקן זײַן מלך משיח, וואָס וועט מיט דעם בליץ פון הימל פֿאַרטיליקן דאָס שלעכטס און זאַמלען די גערעכטע שאַרן. דענסטמאָל וועלן די גויים זען, און אויך מיר וועלן פֿארשטיין און וויסן, אז גאָט האָט אונז געלײַטערט דורך זײַנע יסורים פאַר אונזער וואויל, פאַר דער רעטונג פון דער וועלט און פון זײַן כבוד וועגן. צוליב דעם באַדאַרפֿן מיר נישט פֿאַלן בײַ זיך פאַר דער דערנידערונג, וואָס מיר שטייען אויס טאָג־אײַן, טאָג־אויס, נאָר מיר באדאַרפֿן זײַן זיכער און שטאָלץ מיט די יסורים. אונז האָט ער אויס־געקליבן צו זײַן זײַנע שליחים. און ווען אפילו ער האָט אונז געמאַכט פֿארן צילברעט פון די פײַלן פון די גויים, באדאַרפֿן מיר מיט ליבע אויפנעמען די פײַלן אין אונז, ווי עס טוען דאָס געטרײַע אנשי־חיל אין א מלחמת־מצוה פאַר זייער מלך.

און נאָך אזעלכע טרייסטווערטער האָט שמעון קוריני גערעדט צו מײַן פֿאָטער.

איך געדענק, אז דער געשפּרעך, צו וועלכן איך האָב זיך צוגעהערט, זיצנדיק בײַ מײַן פֿאָטערס פיס, האָט אויף מיר א שטאַרקן אײַנדרוק גע־מאַכט. עס איז געווען צום ערשטן מאָל, וואָס איך האָב געהערט, אז יסורים קומען נישט ווי א שטראָף פאַר זינד און שלעכטיקייט, נאָר ווי א פֿאַר־גיטיגונג פאַר אויסצייכענונג, א לוין פאַר מצוות, און זיי זענען נישט א צייכן פון דערנידעריקונג און פֿאַרלאָזנקייט, נאָר פֿאַרקערט, א באַווײַז פון ליבע און אויסדערוויילטקייט. און דאָס איז געווען פאַר מיר עפּעס נײַס, וואָס איך האָב עס ביז איצט נישט געוואוסט און זיך נישט גע־קאָנט פֿאָרשטעלן. און איך האָב געזען ווי מײַנע פֿאָטערס אויגן האָבן ארויסגעלויכטן מיט א ליכט פון פֿרייד און האָפֿענונג אויס זייערע טרערן־טרייבלעך, אין וועלכע זיי זענען געווען אין געפֿאַנגענשאַפֿט, און ער האָט אָנגענומען זײַן פֿרײַנד שמעון בײַ זײַן לאַנגער האַנט און אים געפֿרעגט:

— שמעון, אין וועלכן בית־מדרש האָסטו געהערט די רייד? פון

וועלכן מויל זענען עס ארויסגעקומען די טרייסט־ווערטער? געבענטשט זאָלן די ליפּן זײַן, אויף וועלכע גאָטס ווערטער רוען.

און שמעון קוריני האָט אויפגעהויבן זײַן לאַנגן, הויכן קאָפּ פון זײַן ברוסט, און ער האָט געקוקט מיט זײַנע אויגן ווײַט אוועק, און זײַן ליסינע האָט זיך געגלאַנצט אין לעצטן זון־ליכט פון איר קראַנץ האָר ארויס.

— דאָס האָב איך געהערט פון מויל פון מײַן רבין, נקדימון בן נקדימון. ער לערנט מיט אונז יעדן שבת נאָך קריאת־התורה אין דער שול פון די קוריניער חסידים. דאָס האָט ער געדרשנט.

— וואו איז ער, דער געטלעכער מאַן? פיר מיך אויך צו אים, איך וויל טרינקען די רייד פון זײַן פרישן קוואַל.

— דו וועסט די זכיה האָבן צו זען דעם רבין מיט דײַנע אויגן. הײַנט אין אָוונט מאַך איך א סעודה פון דײַן כבוד וועגן און פאַר דעם כבוד פון דײַן זון, וואָס דו האָסט אויפגעבראַכט קיין ירושלים צו פאַרשן גאָטס וואָרט. האָב איך אײַנגעלאַדן א פּאָר פרײַנד, אז זיי זאָלן קומען און ברעכן מיט אונז צוזאַמען ברויט: יהודה איש קריות, דער טעפּער, א גאָטספאַרכטיקער מאַן, אן אייפעריגער פאַרשער פון גאָטס וואָרט, א פּרוש בן פּרוש, און אן אויסוואַרטער אויף משיחן; הלל, דער וואַסער־טרעגער, א גרויסער עניו און א צדיק; און אחרון אחרון חביב, דער רבי נקדימון בן נקדימון, וואָס דרשנט פאַר אונז יעדן שבת נאָך קריאת התורה און איז דער רבי פון מײַנע קינדער, אלכסנדר און רופוס. און פאַר אים וויל איך דיך פאַרשטעלן, אז ער זאָל אויך לערנען מיט דײַן זון תורה.

— גאָט זאָל דיר באַצאָלן פאַר דעם חסד, וואָס דו טוסט מיט מיר און מיט מײַן קינד, — האָט מײַן פאָטער זיך אָנגערופן. און צו מיר האָט ער זיך געווענדט: — ווער עס לערנט מיט וועמען תורה, איז ער געגליכן ווי ער וואָלט אים געבוירן. הויב דיך אויף, מײַן זון, און ברייט דיך פאַר מקבל־פּנים צו זײַן דײַן נײַעם פאָטער, דײַן רבין.

— מיר אַלע באַדאַרפן גיין און פאַרברייטן זיך מקבל־פּנים זײַן די אורחים, — האָט זיך אָנגערופן שמעון קוריני. — איך זע, די ווײַבער האָבן שוין אָנגעצונדן די אייל־לאָמפּן אין שטוב.

און שמעון און מײַן פאָטער האָבן זיך אויפגעהויבן און געוואַשן זיך בײַ דער הילצערנער כלי מיט וואַסער, וואָס איז געשטאַנען אין הויף, האָבן אויסגעשמירט די לײַבער מיט אייל, און איבערגעוועקסלט די קליידער, אין וועלכע מען אַרבעט. און אזוי האָב איך אויך געטאָן. איך האָב געוואַשן מײַנע הענט, מײַנע פיס און מײַן פּנים, און ארויסגענומען פון מײַן בינטל דאָס כתנת־פּסים, דאָס געפּאַרבטע העמדל, וואָס מײַן מאַמע האָט אויסגעוועבט פאַר מיר און מיר מיטגעגעבן אָנצוטון, ווען איך וועל גיין מײַן רבין מקבל־פּנים זײַן. און איך האָב שיין געלאָקט מײַנע פּאות און אָפּגענעצט מײַנע לאָקן מיט אייל, כדי איך זאָל שיין

אויסקוקן און געפעלן מײַן רבין. און איך האָב גאָט געבעטן מיט א באַוועגלעך האַרץ: „יהי רצון, עס זאָל זײַן באַוויליקט בײַ דיר, אַז איך זאָל געפינען חן אין מײַן רבינס אויגן און ער זאָל מיך דערנענטערן צו זיך און נישט דערווײַטערן". און איך האָב זיך געשטעלט אין שוועל פון הויז אָפּצוואַרטן דאָס קומען פון רבין בדחילא ורחימא.

די מאַנספאַרשוינען האָבן געהאָלפן אויסלייגן די מאַטראַצן אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע און אוועקשטעלן קליינע טישלעך לעבן די שלאָף־בענק. די ווײַבער האָבן פאַרענדיקט די לעצטע פאַרברייטונגען, האָבן אַרײַנגעטראָגן רויע און געקאָכטע גרינוואַרג אין קאָלירטע ערדענע כלים און טעלער, וועלכע קוריניער האָבן געמוזט מיטברענגען מיט זיך פון זייער מדינה, (וואָרעם בײַ אונז האָט מען אין קיין געפאַרבטע כלים נישט געגעסן, נאָר אין פשוטע). אויך האָבן זיי אויסגעפּוצט די שטוב און אפילו די טישן מיט גרינע צווײַגן פון איילבירטן לכבוד די אורחים. שמעונס ווײַב האָט זיך אײַנגעוויקלט אין וויאָלעטגעפאַרבטן טוך און באַדעקט זיך דעם קאָפּ מיט א האָר־שלייער. אויך האָט זי איילבירט־קרענץ אוועקגעלייגט אויפן אָרט, וואו דער רבי האָט געזאָלט זיצן, און פון מײַן פאָטערס וועגן, (דאָס איז געווען אזא מנהג אין דער מדינה, פון וואַנען זיי זענען געקומען). זי האָט אויסגעלייגט די מצה־פּלעצלעך, וואָס די ווײַבער האָבן געבאַקן, אײַנגעוויקלט זיי אין האַנטיכער. מײַן מוטער האָט דערלאַנגט אויף די ברעטער־טישן פון גוטן אייל און גוטן האָניק, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פון דער היים, און מײַן פאָטער האָט אין קירביסענע פלעשער אַרײַנגעגאָסן דעם ווײַן, האָט דערלאַנגט פלאָטן מיט איילבירטן און קערב מיט געטריקנטע פײַגן. ער האָט אַרויסגעשטעלט אינדרויסן פאַר דער אָפענער טיר קריגן מיט וואַסער אין הילצערנע כלים און האַנטיכער אויף צו וואַשן די פיס און די הענט. די אָנגעצונדענע אייל־לאָמפּן זענען געהאַנגען פון באַלקן אַראָפּ, ווי אויך אויף די טישן, און האָבן זייער צניעותדיק ליכט געגאָסן אַרום די געגרייטע טישן. אין דרויסן איבער דער אָפענער טיר האָבן די ווײַבער אַרויסגעהאַנגען א ווײַס־געוועבטן טישטוך, — וואָס איז געווען א צייכן, אַז מען דערוואַרט אין דער שטוב אורחים, און כל דכפין ייתא ויכול... — ווער עס איז הונגעריק, זאָל אַרײַנקומען און עסן.

און טאַקע באַלד האָבן זיך באַוויזן די ערשטע אורחים: א פּאָר פּאַרבער אין געוואַשענע קליידער, מיט די געפאַרבטע פעדעם אין די לעפּלעך פון זייערע אויערן, א פּאָר קוריניער לאַנדסלײַט אין זייער קורינישער טראַכט, אין וויאָלעט און שוואַרץ־געפאַרבטע טוניקעס, אין לעדערנע, הויך־געבונדענע סאַנדאַלן, די האָר געאיילט און די קעפּ באַזעצט מיט איילבירט־קרענץ. דאָס זענען געווען מתפללים פון קוריניער בית־הכנסת. זיי האָבן זיך באַגריסט מיט די אורחים און נאָכגעפרעגט זיך נאָך דעם שלום פון דער שטוב. דער בעל־הבית פון שטוב האָט זיי אָנגעוויזן יעדן זײַן אָרט: אָדער אויף די שלאָף־בענק אַרום די ווענט,

אָדער אויפן מאַטראַץ אין מיטן שטוב, יעדן לויט זײַן שטאַנד, זײַן עלטער און זײַן תורה־קענען. אויך איז באַלד אָנגעקומען הלל, דער וואַסער־טרעגער, וואָס שמעון האָט אים זייער מכבד געווען און ארויפגעבעטן אויבנאָן. ער איז צוזאַמען געקומען מיט דעם פּרוש, יהודה איש־קריות, וועמען אַלע האָבן מכבד געווען, וואָרעם ער איז גערעכנט געוואָרן צווישן די תלמידי־חכמים. שמעון האָט אויך אים געזעצט אויבנאָן. אַלע האָבן מיר אויסגעוואָרט אויפן אָנקומען פון רבין נקדימון, וואָרעם די נאַכט אינדרויסן איז שוין אינגאַנצן געווען צוגעפאַלן, און דער רבי האָט זיך פאַרשפּעטיקט. באַלד איז אויך אָנגעקומען דער רבי. ער איז געווען באַ־גלייט פון זײַנע צוויי תלמידים, די זין פון דעם בעל־הבית, אלכסנדר און רופוס, וועלכע האָבן געטראָגן קליינע אייל־לעמפּלעך פאַרן רבין, כדי צו באַלײַכטן אים דעם וועג. אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט לכבוד דעם רבין. נאָכדעם ווי אַלע האָבן זיך געוואַשן די הענט, האָבן זיי זיך צוריק אנידערגעזעצט, דער רבי האָט זיך אוועקגעזעצט אויף דעם אָנ־געגרייטן אָרט פאַר אים, אויבנאָן, אָנגעמערקט דורך דעם, וואָס די וואַנט פון זיך איז געווען באהאָנגען מיט וואָלענע טיכער. און זײַנע צוויי תלמידים, אלכסנדר און רופוס, האָבן זיך אוועקגעשטעלט פון זײַנע ביידע זײַטן אים צו באַדינען. ווי האָב איך מקנא געווען די צוויי תלמי־דים זײַנע, וואָס האָבן די זכיה געהאַט צו שטיין לעבן זייער רבין און אים משמש צו זײַן. ווי האָב איך אין מײַן האַרץ אויסגעוואָרט און אויס־געהאַפּט אויף דעם מאָמענט, ווען איך וועל אויך די זכיה האָבן דעם רבין משמש צו זײַן. איך האָב שוין מער קיין אויג נישט אראָפּגענומען פון אים. איך האָב נאָכגעקוקט זײַן יעדע באַוועגונג, וואָס דער רבי האָט געטון, האָב געלערנט ווי אזוי צו ברעכן דאָס ברויט, ווי אזוי צו זאַלצן די מוציא אין זאַלץ, ווי אזוי צו טונקען עס אין עסיג און אין האָניק, און ווי אזוי צו עסן דאָס ברויט מיט רואיקער קאָנצענטרירטער כוונה, ווי מען טוט אַן עבודה קדושה אויפן מזבח, וואָרעם דער טיש איז גע־גליכן צום מזבח פון גאָט און מען מוז זיך באַנעמען בײַ אים מיט דער זעלבער הייליקייט און ריינקייט; און יעדער מאָלצײַט, בײַ וועלכן עס ווערט נישט געזאָגט קיין תורה און עס ווערט נישט דערמאָנט גאָטס נאָמען, איז ווי א מאָלצײַט פון פגרים. און באַלד האָט טאַקע דער רבי זיך אָנגערופן צום דאַרשטיקן עולם און האָט זיי פאַרציילט די סיבה פון זײַן פאַרשפּעטיקן:

— דאָס יאָר איז דער פּסח ווידער אויסגעפאַלן אום שבת. און ווי יעדעס מאָל, ווען דער ערשטער טאָג פּסח פאַלט אויס אום שבת, קומט אויף א חלוקי־דעה צווישן די געלערנטע און די כהנים, צי דער קרבן פּסח איז דוחה שבת, אָדער מען מוז דעם קרבן פּסח אָפּלייגן אויף אַן אַנדער טאָג. די הלכה איז שוין געווען אָנגענומען פון אַלטע צײַטן, אז דער קרבן פּסח איז דוחה שבת, נאָך דעם פּסק נאָך פון הלל הזקן, וועלכער איז צוליב דעם באַרימט געוואָרן. הלל הזקן האָט זיך פאַר־

רופן אויף די צוויי גרויסע געלערנטע, שמעיה און אבטליון, וועמעס תלמיד ער איז געווען. אָבער די כהנים גדולים, וועלכע האָבן געהערט צו די צדוקים, האָבן יעדעס מאָל, ווען דער פסח איז געפאַלן אום שבת, אויפסניי אויפגעהויבן די פראַגע און אָפּגעפרעגט הללס באַשלוס. עס האָט זיך ביי זיי מער געהאַנדלט אין פּרעסטיזש, וויל דורך אָננעמען הללס פּסק האָבן די פּרושים באקומען א וויכטיקערן אָנזען און אָנגע־הויבן אריינצודרינגען אין דינים פון דער עבודה אין בית־המקדש, וואָס די כהנים זענען דערויף געווען אייפערזיכטיק.

צוליב דעם האָט דער רבי נקדימון זיך פארשפּעטיקט צום מאָל־צייט, וויל ער איז געווען פארנומען אין סנהדרין ביים פארהאנדלען דעם וויכטיקן ענין.

— קומט און זעט דאָס גרויסקייט פון הלל! — האָט דער רבי זיך אָנגערופן צו די פארזאַמלטע — מיט דער הלכה, וואָס ער האָט אונז איבערגעגעבן פון זיינע רביים, לערנט ער אונז נישט נאָר די הלכה אליין, אז דער קרבן פסח איז דוחה שבת, נאָר פיל מער. ער לערנט אונז, אז מיר באַדאַרפן טון גאָטס ווילן מיט ליבע און פרייקייט. און מיר באדאַרפן אָנווענדן דערביי אונזער שכל. מיר באדאַרפן זיך באַנוצן אין דינסט פון רבונו של עולם מיט אַלע מידות און מעלות, מיט וועלכע גאָט האָט אונז באשאַנקען. מיר זענען נישט קיין קנעכט ביי גאָט, וועלכע פירן אויס בלינד זיינע באפעלן, ווי די צדוקים מיינען, נאָר מיר זענען זיינע קינדער, ווי עס שטייט געשריבן: „בנים אתם לה׳ אלהיכם״. בני־חורין! נישט מיר זענען אוועקגעשאָנקען געוואָרן פאַר דער תורה, נאָר די תורה פאַר אונז. זי איז געגעבן געוואָרן צו אונז, אז מיר זאָלן זי פּאַרשן און אויסטייטשן. און אזוי אויך די מצוות. וחי בהם! — איר זאָלט לעבן אין זיי, מיינט מען, איר זאָלט זיי צופּאַסן צום לעבן. און דאָס איז אויך מיטן שבת. דער שבת איז נישט א בער אין וואַלד, וואָס איז געקומען צו אונז צו פארצוקן. נישט מיר זענען געגעבן פארן שבת, נאָר דער שבת איז געגעבן פאַר אונז, פאַר אונזער פארגעניגן.

דער עולם האָט געטרונקען מיט דאָרשט דעם רבינס ווערטער. און דער רבי האָט זיך געשאָקלט, געצויגן די האָר פון זיין קורצער באָרד, און זיינע אויגן האָבן געלויכטן ווי צוויי ליכטער. און ער האָט ווייטער געדרשנט:

— די חכמים האָבן מתקן געווען, אז מען זאָל זאָגן צוויי מאָל אין טאָג: „דו זאָלסט דינען דיין גאָט מיט דיין גאַנץ האַרץ, מיט דיין נשמה״. צו וואָס איז די זאַך געגליכן? די זאַך איז געגליכן צו א האַר, וואָס זאָגט צו זיין קנעכט: „איך וויל נישט, אז דו זאָלסט מיר דינען פאַר לוין, נאָר דו זאָלסט מיר דינען פאַר ליבע״. ווי אזוי אָבער ווייס דער האַר, וועל־כער קנעכט עס דינט אים פאַר לוין און וועלכער — אויס ליבע? ער לאָזט זיינע קנעכט פריי. די, וואָס קומען צוריק צו אים און באַהעפטן זיך אין אים, די זענען זיינע קנעכט, וואָס דינען אים אויס ליבע. גאָט

האָט דעם מענטשן געגעבן אַ פֿרײַען ווילן און געגעבן אים די בחירה אויסצוקלײַבן אַליין דאָס גוטע און דאָס שלעכטע, וואָרעם גאָט וויל, אַז דער מענטש זאָל קומען צו אים אַליין פֿון זײַן אייגענער בחירה, נישט צו זײַן ווי אַ קנעכט, וואָס דינט דעם האַר פֿאַר לוין, נאָר צו זײַן ווי אַ זון, וואָס דינט זײַן פֿאָטער אויס ליבע.

איך געדענק מײַן רבינס תורה, מיט יעדן וואָרט, וואָס ער האָט געזאָגט, ווײַל עס איז געווען די ערשטע תורה, וואָס איך האָב געהערט פֿון זײַן מויל, פֿון וועלכן איך האָב געקליבן אַזוי ווי פּערל. איך בין געשטאַנען הינטער מײַן פֿאָטערס רוקן און האָב געקוקט דעם רבין אין פּנים אַרײַן. איך האָב געשלונגען זײַנע ווערטער. שוין זײַנע באַוועגונגען, זײַן אַקצענטירן זײַנע געדאַנקען מיט די הענט האָבן מיך באַגײַסטערט. אַלץ אין אים האָט מיך באַגײַסטערט. און מײַן נשמה האָט זיך צוגעבונדן צו זײַנער פֿון ערשטן אויגנבליק, וואָס איך האָב געוואָרפֿן אויף אים, און איך האָב אים ליב באַקומען מיט מײַן גאַנצן יוגנטלעכן דאַרשט, ווי די ליבע, וואָס מען פֿילט צו אַ פֿרוי. שפּעטער האָט מײַן פֿאָטער מיך אָנגענומען פֿאַר דער האַנט און געבראַכט מיך פֿאַר אים און געזאָגט צו אים:

— רבי, דאָס איז מײַן זון, וואָס איך האָב געבראַכט צו דיר. און איך וויל, אַז דו זאָלסט זײַן אַ פֿאָטער צו אים, ווי דו וואָלסט אים געבוירן, און לערנען מיט אים תורה און פֿירן אין יידישן וועג.

מײַן האַרץ האָט געקלאַפּט אין מיר, אַז מען האָט עס געקאָנט הערן. מײַנע הענט האָבן געציטערט, מײַנע ליפּן האָבן געשטאַמלט, און אַלץ אין מיר האָט זיך געטרייסלט פֿאַר אימה און פֿרייד, וואָס איז געפֿאַלן אויף מיר. דער רבי האָט מיך באַרואיקט, אָנגענומען מיך בײַ דער האַנט, געקוקט אויף מיר מיט פֿרייד. איך געדענק, ער האָט באַרירט מײַנע לאָקן, און עס איז געווען ווי די האַנט פֿון אַ געליבטער וואָלט מיך באַרירט, און געזאָגט צו מיר:

— זאָג מיר דײַן פּסוק, תּנוקי!

וואָרעם עס איז געווען אַ מנהג, יעדעס ייִנגל האָט געהאַט זײַן אייגענעם פּסוק.

און איך האָב אים געענטפֿערט מיט אַ האַרץ־ציטער:

— להקשיב לחכמה אזניך, תטה לבך לתבונה, — נייג דײַן אויער צו פֿאַרנעמען די חכמה, קער דײַן האַרץ צום פֿאַרשטאַנד.

— און נאָך וואָס זוכסטו די חכמה, מײַן זון? — האָט מיך דער רבי געפֿרעגט.

— כדי צו דינען גאָט מיט אַן אָפֿן האַרץ, ווי אַ בן־חורין, און נישט מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, ווי אַ קנעכט, — אַזוי ווי דער רבי האָט געלערנט הײַנט דאָ בײַם טיש.

ער האָט אַרויפֿגעלייגט די הענט אויף מײַן קאָפּ און מיך געבענטשט:

— עס זאָלן זיך מערן אזעלכע ווי דו אין ישראל, און עס זאָל זײַן באַוויליקט, אַז דו זאָלסט זײַן אַ ווירדיקער זון פון אברהם.

און ער האָט מיך איבערגעגעבן אין די הענט פון זײַנע תלמידים און צו זיי געזאָגט:

— אײַער ברודער איז ער, נעמט אים אַרײַן אין אײַער מיט.

מײַן מוטער האָט מיר געגעבן מײַן פּעקל קליידער, און מײַן טאַטער — זײַן ברכה. און איך האָב זיך אָפּגעשיידט פון זיי און בין נאָכגע־גאַנגען מײַן רבינס טריט.

קאַפּיטל פינף

רופוס, דער ייִנגערער ברודער פון אלכסנדר, דער זון פון שמעון קוריני, איז געוואָרן מײַן נאָענטסטער חבר. אונזערע נשמות זענען באַ־האַפטן געוואָרן איינע אין דער אַנדערער פון דעם ערשטן טאָג אָן, וואָס מיר האָבן זיך באַגעגנט. איך זע אים פאַר מיר, רופוסן, מיט זײַנע ווי פּעך שוואַרצע לאָקן, וועלכע האָבן ווי פרישע קוואַלעדיקע שטראָמען זיך אַראָפּגעגאָסן איבער זײַן הויכן האַלדז און שטאַרקן נאַקן; זײַנע גלאַנצעדיקע, גרויסע אויגן האָבן געקוקט פרײַ און לאַכעדיק אין דײַנע אויגן אַרײַן, באַהאַפטן זיך מיט דײַנע טיפסטע געפילן און אַרויסגערופן די איידלסטע און שענסטע חלומות אין דיר. שלאַנק און דין, ווי אַ יונגע, בליִענדיקע פּאַלמע, איז ער געגאַנגען מיט זײַנע שטאָלצע טריט און האָט צוגעצויגן יעדעס האַרץ צו זיך. אַלע האָבן אים גערן געהאַט, וואָ־רעם ער איז געווען אײַליג ווי אַ הירש אויסצופירן די שליחותן פון די תלמידי־חכמים, וועלכע ער האָט מכבד געווען. מיר האָבן געגעסן צו־זאַמען, געלערנט צוזאַמען, איבערגעחזרט די פּסוקים, די הלכות און אגדות, וואָס מיר האָבן געהערט פון אונזער רבין. מיר האָבן צוזאַמען אַרומגעוואַנדערט אין די גאַסן פון ירושלים. האַנט אין האַנט, אָרעם אויף אַקסל, פלעגן מיר, פריילעכע און יונגע, אַרומבלאַנדזשען איבער די ירושלימער גאַסן, אַרומדרייען זיך אין בית־המקדש־הויף, אין געסל פון די גויים, צוקוקן זיך צום רוישנדיקן לעבן, אײַנהערן זיך צו די מדרשים, וואָס די רביים האָבן דאָרט געדרשנט. בײַ יעדן אָנגעלאָף זענען מיר געווען דערבײַ, בײַ יעדער פּאַסירונג, וואָס האָט געטראָפן אין די ירושלימער גאַסן, זענען מיר געווען עדות. מיר האָבן זיך געפונען צווישן די קרעמער אויפן ברייטן מאַרק, אָנגעשלאָגן זיך אין די טעפּ מיט אייל, אין די קריגן ווײַן. מיר האָבן זיך אויסגעמישט מיט די קערב פּרוכטן און גרינסן, אַרײַנגעשטעקט אונזערע נעז אין יעדן געוועלב־טיש פון די געפּאַרבטע וואָלן, צוגעהערט זיך צו די איינטעניקע געזאַנג־אויסגעשרייען פון די סוחרים פון פּערפומען, פּאַרפּאַר־שטאָפן און זיל־בער־צירונג, וועלכע האָבן געריִמט זייערע סחורות, וואָס פּאַרא כשוף־

רייצן זיי האָבן אויף די ווײַבער! מיר האָבן זיך געפונען אין די געפּער־לעכסטע ערטער, בײַם אַש טויער, בײַם וואַסער טויער. מיר זענען אָפט אַרײַנגעקומען אין דער „פונדקא" (אכסניה) פון די אייזל־ און קעמל־טרײַבער, וועלכע האָט זיך געפונען אין דער אַלטער מויער, בײַם מי־השלוח. — מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, געהאַט אונזערע קליינע בחורשע סודות, און מיר זענען אָפט אַרויסגעגאַנגען אין די גערטענער הינטער דער שטאָט, אויפן הר־הזיתים, וואו עס האָבן זיך באַוויזן די טעכטער פון ירושלים, פאַרהוילן אין זייערע האָר־שלייערן.

אונזער ערשטע עבודה אין טאָג איז געווען, נאָכדעם ווי מיר האָבן געוואַשן אונזערע הענט און געזאָגט דעם „שמע" פון דער פרי, משמש צו זײַן אונזער רבין, אין בית־הכנסת פון די קוריניער. דער בית־הכנסת איז באַשטאַנען פון צוויי חדרים. איין חדר, א גרויסער און א רוימיקער, איז געווען דער בית־הכנסת. דאָרט האָט זיך געפונען אין אַן ארון די ספר תורה, פון וועלכער מען האָט געלייענט יעדן שבת, ווי אויך יעדן מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, און דער בעלעמער פאַרן סגן־חזן. אין דעם קלענערן חדר איז געווען דער בית־המדרש. דאָרט האָבן די מלמדים געלערנט מיט די קינדער פון די בני־קוריני, אין כתות, — א מלמד, וועלכער האָט געלערנט מיט די קליינע קינדער, אונטער דער אויפזיכט פון מײַן רבין, און מײַן רבי נקדימון — מיט אייניקע דערוואַקסענע זין פון די קוריניער, וועלכע ער האָט אויסגעשטעלט פאַר תלמידי־חכמים. דער בית־מדרש האָט פאַרמאָגט אַן אָפּגעשלאָסענעם הויף, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען די חדרים פאַר דעם רבין און די תלמידים. דער רבי און די תלמידים האָבן דאָרט גענעכטיקט. זיי האָבן אויך גע־שפּײַזט זיך בײַ אַן אַלגעמיינעם טיש אין בית־מדרש, וועלכן די תלמי־דים האָבן באַזאָרגט. אין פּרינציפּ האָט יעדער רבי, ווי יעדער תלמיד, געמוזט קענען א מלאכה, פון וועלכער ער זאָל זיך מפרנס זײַן. מײַן רבינס מלאכה איז געווען, ווי איך האָב דאָס שוין פאַרציילט, נייען סאַנ־דאַלן. אָבער דאָס איז נאָר געווען אין פּרינציפּ. מײַן רבי פלעג זיך באַ־נוצן מיט דער מלאכה נאָר פון צײַט־צו־צײַט. לעצטנס, צוליב די באַ־שעפטיקונגען אין סנהדרין, ווי אויך מיט אונז, זײַנע תלמידים, איז ער געשטערט געוואָרן אין זײַן מלאכה. דערנערט האָט ער זיך פון דעם, וואָס מיר, זײַנע תלמידים, האָבן פון דעם געלט, וואָס די חברותא האָט צוגעשטעלט, באַזאָרגט אים מיט אַלעם נייטיקן. וואָרעם דער רבי נקדימון איז נישט נאָר געווען אונזער רבי, נאָר דער גייסטיקער אָנ־פירער פון אַלע מיטגלידער, וועלכע האָבן געהערט צו דעם בית־הכנסת. די מיטגלידער פון דער קוריניער שול זענען געקומען זיך שואל־עצה־זײַן מיט דעם רבין וועגן אַלע ענינים, וואָס זענען נוגע געווען זייערע רעליגיעזע נויטן, ווי אויך וועגן אַנדערע פּראָגעס, וואָס דאָס לעבן האָט אויפגעבראַכט. ער האָט אויסגעטיילט סמיכה צווישן די געלערנטע בעלי־בתים און זיי אַרײַנגענומען אין דער חברותא. נאָר אייניקע האָבן

די זכיה געהאַט צו קערן אין דער חברותא און צו קריגן דעם טיטול ח ב ר, אָבער דערפאַר זענען זיי געווען כשר פאַר אַלע ענינים בנוגע דעם ריטואַל פון דער יידישער אמונה. אַלע הצטרכותן פאַרן רבין האָבן באַזאָרגט זײַנע תלמידים. יעדער איינער פון אונז האָט אַן אַנדער טאָג געהאַט דעם רבין משמש צו זײַן. מיר האָבן געקאָכט פאַר אים. מיר האָבן געגרייט דעם טיש פאַר אים, מיר האָבן זײַן סדין געוואַשן, מיר האָבן אים די כלים אין באָד נאָכגעטראָגן, זײַן בעט אויסגעריכט. מיר האָבן געטון פאַר אים יעדע אַרבעט צו באַזאָרגן זײַן טאָג־טעגלעכן גע־ברויך. פינף זענען מיר געווען, זײַנע תלמידים, וואָס ער האָט אונז פאַר־געבערייט צו זײַן תלמידי־חכמים: די צוויי זין פון שמעון קוריני, אַלכ־סנדער און רופוס; צדוק, א זון פון הלל דעם וואַסערטרעגער, וואָס האָט געוואוינט בײַם טויער פון מיסט, ער איז אָבער געווען א ח ב ר און האָט אָנגעהערט צו דער חברותא פון רבין; א תלמיד פון בבל, וואָס דער פאָטער האָט איבערגעלאָזט בײַ מײַן רבין, ווען ער איז געקומען עולה־רגל־זײַן, שמעיה דער באַבילאָנער, און איך, דער קלענסטער פון זײַנע תלמידים. בײַם לערנען זענען מיר געזעסן אויף קליינע בענקלעך, אָדער אויף א מאַטראַץ פון באַמבוס, בײַ די פיס פון אונזער רבין, וועלכער איז געזעסן אויף א געהויבענעם אָרט, אין דער וואַנט פון בית־מדרש קעגנאיבער אונז, כדי מיר זאָלן האָבן פאַר אונזערע אויגן זײַן אָנגעזיכט און מיר זאָלן מורא האָבן פאַר אים. די לערע איז געווען אומזיסט, אָבער פאַר באַנוצן דעם בית־המדרש האָבן מיר, די תלמידים, געמוזט באַצאָלן א גערשטן־מטבע אײַנטריט־געלט, וואָס מיר האָבן זיך פאַרדינט דורך אונזערע מלאכות, אָדער באַקומען פון דער היים, אָדער פון די נשים־צדקניות און פרומע לײַט פון ירושלים, וועלכע האָבן אונטערגעשטיצט די לומדי־תורה. אונזער בית־המדרש האָט אָבער אויסגעהאַלטן דער רײַכער יוסף רמתי, וועגן וועלכן איך וועל שפּעטער פאַרציילן.

מיר האָבן איבערגעחזרט פאַר אונזער רבין פסוקים פון דער תורה, נביאים און כתובים, וועלכע מיר האָבן געלערנט אויף אויסנווייניק נאָכזאָגן, ציילן די ווערטער פון יעדן פסוק און די אותיות פון יעדן וואָרט, ווי עס איז איבערגעגעבן געוואָרן בקבלה. מיר האָבן אויך גע־חזרט די אַלע הלכות און דינים, וועלכע זענען שוין געווען אָנגענומען בקבלה דורך מסורה פון אַלטע צײַטן, און האָבן געגלאַנט ווי הלכות, געגעבן דורך משה רבינו אויפן באַרג סיני: די דינים פון האַנט־וואַשן, פון תפילין־לייגן, די הלכות וועגן מעשרות און תרומות, וועגן קרבנות, וועגן טהרה און טומאה. דאָס זענען אַלץ געווען תקנות, דינים און הלכות, וועלכע זענען שוין פעסטגעזעצט געוואָרן דורך די פריערדיקע חכמים, אָבער געהייליקט דורך דער מסורה. קיין אָפּפרעגן, קיין קשיות האָבן נישט געגאָלטן אויף זיי. דאָס זענען אויך געווען נאָר אַזעלכע הלכות, וואָס האָבן געהאַט א שייכות צום ריטואַל, זאכן, וועלכע מיר האָבן גע־רופן „בין אדם למקום”. עס זענען אָבער אויפגעשוואומען טאָג־טעגלעך

פראָבלעמען, וואָס דאָס לעבן האָט אויפגעוואָרפן, וואָס מיר האָבן באַ־דאַרפט זיי צופּאַסן צו די רעגלען, מיט וועלכע מען האָט אויסגעטײַטשט די תורה, לויט דעם גייסט פון די אַלטע מסורות. דאָ האָבן מיר געהאַט א פרײַע האַנט צו באַהאַנדלען די פראַגעס, לויט אונזער אײַנזען און ווי אונזער שכל האָט מחייב געווען, באַנוצנדיק זיך מיט די מעטאָדן פון די זיבן מידות, מיט וועלכע הלל האָט אויסגעטײַטשט די תורה. אָט די פרײַע לערע האָט פארנומען אונזער מערסטע צײַט, וואָרעם די פרײַע לערע האָט ארומגענומען אַלע פראַגעס פון לעבן — פון פעלד־מעסטן ביז צו אַנאַ־טאָמישע שטודיעס פון מענטשן־געביין, וואָס מיר האָבן באַדאַרפט וויסן צוליב היגיענע־ און ריינקייט־פראַגעס; פון ציוויל־געזעצן וועגן פשוטע טעגלעכע פאַרפאַלן ביז צו מאָרד און רויב. זייער אַן אַנגעזעענע פעלד אין אונזערע שטודיעס זענען געווען באָטאַנישע און זאָאָלאָגישע עסקים. די באָטאַנישע עסקים זענען געווען וויכטיק. מיר האָבן געמוזט האָבן א ברייטע ידיעה וועגן גרינסן, גראָזן און פרוכטן, ספּעציעל האָבן מיר גע־מוזט קענען דעם גאַנצן שלל מינים פון דער רײַכער פלאָרע אין ארץ־ישראל — צו וועלכער משפחה יעדער מין געהערט, פון וועלכן שיכט ער שטאַמט, כדי זיי נישט צו פארמישן און נישט פארדאַרבן זייער אור־מין. דאָס זעלבע אויך מיט די פעטע פּאַשע־גרעזער פון אונזערע פעלדער, וואָס מיר האָבן באַדאַרפט אויפהאַלטן אין זייער ריינעם אור-שפרונג. א גרויסער טייל פון אונזערע שטודיעס איז אויך אָפּגעגעבן געוואָרן פאר מאַטעמאַטישע עסקים און פיל מער נאָך פאר אַסטראָנאָ־מישע אויספאָרשונגען איבער די שטערן, איבער די צײַטן, וואָס מיר האָבן עס באַדאַרפט וויסן, כדי פעסטצוזעצן אונזערע חדשים און יום־טובים, ווי אויך צוליב אַנדערע צוועקן. מיט איין וואָרט, עס איז נישט געווען קיין פעלד פון וויסנשאַפט, וואָס מיר האָבן עס נישט באַרירט מער אָדער ווינציקער אין אונזער בית־המדרש.

דאָס אַלץ האָבן מיר געלערנט טיילווײַז אויף אויסנווייניק, איבער־געגעבן בקבלה, אָדער אין כתב־יד־שריפטן אויף פאַרמעט און פּאַפּי־רוסן, וועלכע זענען איבערגעגאַנגען בירושה פון רבין צום תלמיד, אויף וועלכע עס זענען אָנגעצייכנט געוואָרן אַלע דערגרייכונגען אויף די געביטן. צו לערנען מיט אונז די אַלע מינים קרײַטעכצער און גרינסן, פלעגט אונז דער רבי ארויספירן הינטער דער שטאָט. אָפטמאָל האָבן מיר גענעכטיקט אין ווײַנגערטענער, אָדער אפילו אויפן פרײַען פעלד, — און דער רבי האָט אונז אָנגעוויזן גרעזער און געוויקסן און געלערנט אונז, וועלכעס געהערט צו דעם מין און וועלכעס געהערט צו אן אַנ־דער מין. ער פלעגט אונז אויך פירן צו די פאַרמערס און באַקענען אונז מיט אַלע דעטאַלן פון אַקערן, זייען, שנײַדן, פון באַפעסטיקן דעם באָדן, באַוואָסערן די ערד. ער פלעגט אונז ארײַנפירן אין די ווײַנגערטענער, אין די אייל־גערטענער, וואו מען מאָלט סײַ די פראָסטע אייל אין פשוטע אייל־מילן, געשלעפט דורך אייזלען אָדער דורך שקלאַפן, סײַ די

איידעלע שמעקעדיקע איילן, וועלכע ווערן אויסגעהאַמערט אין שטויסן פון מירמלשטיין, און וועלכע מען האָט באַנוצט פאַר רעליגיע־ אָדער שיינקייט־צוועקן. ער פלעגט אונז אויך פירן צו פאַרשיידענע בעלי־מלאכות, צו די שפינער, די פאַרבער, די גאַרבער, צו די טעפּ־קלעפּער, און אונז ווײַזן ווי אַזוי כלים ווערן געמאַכט. אַ ביטערע צײַט האָבן מיר נאָר געהאַט מיט די וועבשטולן. די וועבערס האָבן בײַ אונז אין ירושלים זיך נישט געפרייט מיט קיין זייער גוטער רעפּוטאַציע, פּונקט ווי אַלע אַנדערע בעלי־מלאכות, וועלכע האָבן געהאַט צו טון מיט ווײַבער. די חכמים האָבן געראָטן זייערע תלמידים צו האַלטן זיך פון דער ווײַטנס פון זיי, וואָרעם בנוגע ווײַבער איז בײַ אונז, געלערנטע, אומגעגאַנגען אַ שפּרוך: „בעסער שוין נאָכלויפן נאָך אַ לייב איידער נאָך אַ יידענע״. צוליב דעם האָבן זיך מיט די מלאכות פאַר ווײַבער אָפּגעגעבן נאָר גראָבע יונגען, עמי־הארצים, שלעגער, אויסוואורפן. אָבער פאַר לערן־צוועקן האָבן מיר זיי נישט געקאָנט אויסמײַדן, און מיר האָבן געמוזט אַרײַנגיין צו די וועבער־שטולן, צו די גאַרבערס, אפילו צו די שייטן־מאַכערס, צוקוקן זיך צו די מלאכות און לערנען ווי אַזוי זיי אויס־צופירן, כדי מיר זאָלן וויסן ווי אַזוי צו האַנדלען, ווען עס וועט אונז אויסקומען צו משפּטן וועגן זיי בײַ אַ דין.

כדי צו לערנען די נאַטור פון זאַכן, האָבן מיר געמוזט מער נאָך ריזיקירן. מיר האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט זיך אַרונטערצולאָזן אין טאָל פון גי־הנום, וואו עס זענען געזעסן די קרעציקע, אָפּגעצוימט אין שטרענגע צוימען, און לײַט מיט קלימפּערלעך זענען געשטאַנען אַרום די צוימען און האָבן געוואָרנט נישט צו דערנענטערן זיך. און מיר האָבן געמוזט שטודירן די הייל־נאַטור פון קרײַטעכצער, וואָרעם נישט נאָר פּסקענען שאלות, נאָר היילן פיל קרענק מיט רפואות פון קרײַטעכצער אָדער מיט היגיענישע רעקאָמענדאַציעס האָבן מיר געלערנט. צוליב דעם צוועק האָט אונז דער רבי געפירט אין די פעלדער אויסער דער שטאָט, וואו מיר האָבן געזאַמלט קרײַטעכצער, דערנער, געוויקסן און בשמים־ריטלעך. דער רבי האָט אונז געלערנט ווי מען מישט זיי, ווי מען גרייט פון זיי צו זאַלבן ווייך צו מאַכן די מכות. מיר האָבן געמוזט קענען אָן אַ שיעור איילן, וועלכע מען באַנוצט צו פאַרשיידענע צוועקן, פון אייל־לאָמפּן ביז צו פּערפומען, ביז צו ווײַבערישער קאָסמעטיק, וואָרעם דער רבי האָט געמוזט אַלצדינג קענען, נישט נאָר שאלות פּסקענען און געריכט־שפּרוכן אַרויסגעבן, נאָר קראַנקע היילן, אָפּ־שפּרעכן פון אַ שלעכט אויג, רוחות פאַרטרײַבן, טרויעריקע געמיטער טרייסטן, און אפילו כשוף מאַכן.

נאָר די אַלע דינים, קבלות, וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען זענען נאָר געווען איין טייל פון דער לערע, וועלכע איז אַרונטערגעגאַנגען אונ־טער דעם טיטל הלכה. עס איז אָבער געווען נאָך אַ צווייטער טייל פון דער לערע, צו וועלכער מײַן רבי האָט געווידמעט נישט ווינציקער צײַט

ווי צו דער הלכה. דאָס איז געווען די אגדה. צו דער אגדה האָט גע־הערט אלצדינג, וואָס האָט געהאט צו טון מיט אויסאיידעלן דעם מענטש. נישט נאָר צו מאַכן פון אים אַן אינטעלעגענטע חיה, וואָס די וויסנשאַפט האָט דערצו געשטרעבט, נאָר אים נענטער צו ברענגען צו דעם הימלישן פאָטער און איינפלאַנצן אין אים די מידות און מעשים־טובים, וואָס זאָלן אויס דעם מענטש מאַכן א כּלי פון גאָט, מיט וועלכער די געטלעכקייט באַנוצט זיך אויף דער ערד. צוליב דעם צוועק פלעגט אונז דער רבי פאַרציילן פאַרשידענע אגדות, וואָס זענען איבערגעגאַנגען בירושה פון אַלע צייטן, און וואָס האָבן געשטרעבט צו געבן דעם לעבן א העכערן ציל, צו דערהויבן עס פון דער ערדישער נידעריקייט, וואו אַלץ וואָס האָט לעבן, זינקט איין, און אָנבינדן עס אין די הימלישע הויכקייטן דורך דערציען מאָראַלישע גוטסקייט, רחמנות פון איין באַשעפעניש צום אַנדערן, דורך איינפלאַנצן די מורא און ליבע צו גאָט, דורך אריינברענ־גען דעם גוף פון הײַנט אין דעם לעבן פון דער נשמה אויף יענער וועלט. דער עיקר אָבער איז געווען — צו האַלטן די מענטשן אין אייביקער, ציטערדיקער דערוואַרטונג אויף אַן אויסלייזער, א משיח, וואָס וועט קומען נישט נאָר אויסצוגלײַכן די נישט־גלײַכע מאָסן פון דער וועלט, צו פאַרגיטיקן פאַר גוטע און צו באַשטראָפן פאַר שלעכטע מעשים, צו פאַרטיליקן אדום, דאָס הויז חנן, אָדער אַן אַנדער שלעכטע ממשלה, און אויפצושטעלן צוריק דאָס גערעכטע הויז פון בית־דוד, נאָר דער עיקר: אַלע פעלקער צו פאַראייניקן און אריינצוברענגען אין א הייליקן בונד מיט גאָט, אויפצוהויבן דאָס לעבן צו א העכערן מיסטישן צושטאַנד, וואָס זאָל זײַן א לעבן פון לויטער גוטס, אונטער א קעניגרײַך פון א מלכות־שמים, אונטער וועמעס חופּה די גאַנצע מענטשהייט זאָל זײַן ווי איין הייליקע משפּחה, אַזוי ווי די נביאים האָבן נביאות געזאָגט. אין דעם זינען פלעגט דער רבי פאַר אונז פאַרציילן די אגדות, דרשנען און אויסטײַטשן די פּסוקים פון די נביאים. אָבער נישט נאָר פאַר אונז, — יעדן שבת און יום־טוב פלעגט דער רבי דרשנען פאַרן ברייטן עולם. אין די אונטן אָבער — אין „סוד" פון זײַנע אויסדערוויילטע, די חברים, וועלכע ער האָט סומך געווען און וועלכע האָבן געבילדעט די „חברותא" פון די, וואָס וואַרטן אויף משיחן.

צו דער חברותא האָבן געהערט פאַרשיידענע לײַט, אָרעמע און רײַכע. אַלע זענען זיי געווען צוזאַמען אויסגעמישט און אַלע זענען זיי געווען גלײַך. איינער האָט דעם אַנדערן אונטערגעשטיצט און זיי האָבן זיך ליב געהאט ווי ברידער און געלעבט ווי איין משפּחה, אונטער דער פירערשאַפט פון אונזער רבין, וועלכער האָט אויף זיי אכטונג געגעבן ווי א פאָטער אויף זײַנע קינדער. פיר פון זיי האָב איך געקענט און וועגן זיי וויל איך דאָ פאַרציילן: איינער פון זיי איז געווען דער רײַכער, אָנ־געזעענער יוסף רמתי, וואָס האָט אויסגעהאַלטן א טייל פון די הצטר־כותן פון דער חברותא. א צווייטער איז געווען דער וואַסערטרעגער הלל.

א דריטער איז געווען א מאַן, וואָס מיר האָבן גערופן יהודה איש קריות. א פערטער איז געווען דער פאָטער פון מײַן חבר, שמעון הקוריני. אויך מײַן אייגענער פאָטער האָט געהערט צו זיי. נאָר איידער איך גיי פאַרציילן וועגן זיי, וויל איך נאָך אייניגעס צוגעבן וועגן מײַן רבין נקדימון. און כדי מיר זאָלן פאַרשטיין, ווער ער איז געווען אזעלכער, מוזן מיר וויסן, ווער עס זענען געווען די רביים, פון וועלכע ער האָט געלערנט, די קוואַלן פון וועלכע ער האָט געשעפּט זײַנע וואָסערן וואָס ער האָט אונז, זײַנע תלמידים, אָנגעטרונקען מיט זיי.

מײַן רבינס רבי איז געווען הלל הזקן. מײַן רבי איז צו יונג געווען צו זײַן זײַן פּאַקטישער תלמיד, נאָר ער האָט דעם אַלטן הלל געהאַלטן פאַר זײַן גייסטיקן רבין ווי, איבריקנס, אַלע געלערנטע און רביים פון די פּרושים. אָבער מײַן רבי האָט פאַרמאָגט א באַזונדער ליבע און א טיפע פאַרערונג פאַרן באַגרינדער פון דער פּרוש'ער מעטאָדע אויסצולייגן די תורה. ער האָט געזאַמלט און געוואוסט פון אַלע תקנות, וואָס דער רבי הלל האָט מתקן געווען בחייו, פון אַלע אויסטײַטשונגען און מעטאָדעס פון זײַן לערע, און נישט פאַרפעלט, פאַרשטייט זיך, יעדעס מאָל צו דערמאָנען זײַן רבינס נאָמען בדחילא ורחימא, יעדעס מאָל ווען עס איז אים אויסגעקומען נאָכצוזאָגן עפּעס פון זײַן רבין אָדער צו באַרופן זיך אויף א באַשלוס פון אַלטן. עס זענען שוין דענסטמאָל ארומגעגאַנגען לעגענדעס וועגן דעם גרויסן געלערנטן, וואָס די ליבע צו אים האָט באַקרוינט זײַן נאָמען מיט פאַנטאַסטישע אגדות. און דער רבי, אונזער רבי נקדימון, האָט ליב געהאַט זיי אונז נאָכצופאַרציילן, כדי מיר זאָלן זיך א מוסר אַרונטערנעמען פון דעם געטלעכן מאַנס אויפפירונג און מיר זאָלן גיין אין זײַנע וועגן. זײַן מויל איז פול געווען מיט האָניק, ווי א זיסער ווײַנטרויב, און זײַנע אויגן מיט באַגייסטערונג, ווען ער האָט פאַרציילט פון רבי הללס מידות, אָדער פון זײַן אויסגעפּרוווטער געדולד אין אומגיין מיט מענטשן, — וואָס עס איז געוואָרן א געוועט־געיעג צווישן לײַט, ווער עס וועט זײַן געדולד קאָנען ברעכן. אונזער רבי נקדימון איז נישט מיד געוואָרן אונז צו פאַרציילן וועגן זײַן רבינס פרומקייט און באַשיידנקייט. ווען ער האָט געוואָלט אין אונז דערוועקן דעם דאָרשט נאָך וויסן, האָט ער פאַר אונזערע אויגן אוועקגעשטעלט זײַן רבין ר' הלל און אונז אָנגעוויזן אויף אים ווי אויף א מוסטער פון דער מי און פּײַן, וואָס עס האָט אים געקאָסט צו דערווערבן זיך וויסן. ער פלעגט אונז אָפט דערמאָנען יענעם עפּיזאָד פון זײַן רבינס יוגנט, ווען ער איז געווען אָרעם און האָט נישט געהאַט צו באַצאָלן די פּרוטה אײַנטריטגעלט אין בית־המדרש, וואו די רביים האָבן געלערנט: — איז ער אַרויפגעקראָכן אויפן דאַך פון בית־המדרש און זיך צוגעהערט דורך א לאָך אין דאַך צו די אויפטועכצן פון זײַנע רביים, שמעיה און אבטליון. ביז איינמאָל, אין א ווינטער, איז א געדיכטער שניי אויסגעפאַלן און האָט

אים פאַרדעקט, אַז מען האָט אים קוים אַ לעבעדיקן אויסגעקאָפּיעט פון שנײ אַרויס.

אין זײַן באַגײַסטערונג פאַר דעם אַלטן ר׳ הלל איז מײַן רבי נישט געווען דער אײנציקער פון די רביים. אַלע געלערנטע האָבן דעם לעגענדאַרישן ר׳ הלל זיך געשטעלט פאַר אַ מוסטער. און עס איז געווען גענוג צו באַרופן זיך אויף זײַן נאָמען — און דער דין איז געבליבן ווי ר׳ הלל האָט געפּסקנט. די פאַרערונג פאַר דעם אַלטן הלל בײַ די תלמידי־חכמים איז געגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז זיי האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פּלאַן צו באַשאַפן אַן אײגענע רבנישע דינאַסטיע, וואָס זאָל זײַן אַ קעגנגעוויכט קעגן דער הערשאַפט פון די כהנים־גדולים. דאָס האָט, פאַרשטײט זיך, אַרויסגערופן אומרואיקײט צווישן די כהנים גדולים. זיי האָבן שוין פון לאַנג מיט קנאה און זאָרג געקוקט אויף דעם וואַקסנדיקן אײַנפלוס פון די פּרושים אויפן פאָלק, מחמת די פּרושים האָבן איבערגעוואויגן די מאַכט פון די כהנים־גדולים נישט נאָר אין לערנען, נאָר אפילו אין דער עבודה פון בית־המקדש. אין דעם פאַרלאַנג אײַנצוזעצן אַ רבנישע צענטראַלע אויטאָריטעט האָבן די כהנים־גדולים געזען מיט רעכט אַן אַטענטאַט אויף זייער אײגענער מאַכט, און זיי האָבן געקעמפט קעגן דעם. דערווײַל האָבן די פּרושים נישט געוואַגט אויף דעם שריט. זיי האָבן אָבער דעם אײניקל פון הלל, דעם רבן גמליאל, באַקלײדט מיט קעניגלעכן כבוד: האָבן זיך אויפגעשטעלט בײַ זײַן אַרײַנקומען, האָבן אים אָנגעבאָטן דעם ערשטן פּלאַץ אין דער ישיבה פון בית־המדרש, האָבן אים אויסגעקליבן צו זיצן אין גרויסן סנהדרין. די אויטאָריטעט אויסצוטײַטשן דאָס געזעץ און די לערע אין דעם גײַסט פון דעם אַלטן הלל איז אָבער איבערגעבליבן אין די הענט פון זײַן תלמיד, יוחנן בן זכאי, וועלכן זיי האָבן געקרוינט מיט העכסטן טיטל „רבן”. אַלע האָבן געקוקט אויף אים ווי אויף דעם היטער און פאָרזעצער פון דער הללשער טראַדיציע, און אים אָנערקענט פאַר זייער גײַסטיקן פירער.

דער נאָמען פון דעם באַרימטן תלמיד פון הלל איז שוין אַלײן געווען אַ צויבער, וואָס האָט צוגעצויגן צו אים אומצײליקע תלמידים פון אַלע פּראָווינצן, וואו יידן האָבן געלעבט.

ער איז נאָך דענסטמאָל געווען פאַרהעלטניסמעסיק יונג דער ר׳ יוחנן בן זכאי, אַ מיטליאָריקער, און אַלע האָבן זיך געוואונדערט, ווי געלערנט ער האָט עס געמוזט זײַן, אַזוי יונג אויפגענומען צו ווערן צווישן די תלמידים פון ר ׳הלל. דאָס האָט אָבער נישט געשטערט זײַן רעפּוטאַציע, נאָר פאַרקערט, זי האָט זיך נאָך געשטאַרקט. וואָרעם נישט געקוקט דערויף, וואָס אין ירושלים האָבן זיך געפונען צו דער צײַט פיל באַרימטע חכמים, וועלכע זענען געווען פיל עלטער אין יאָרן פון ר׳ יוחנן בן זכאי, האָט אָבער דער לעגענדאַרישער נאָמען פון זײַן רבין ר׳ הלל, וואָס האָט גערוט אויף אים, אים באַשטראַלט מיט אַזאַ גלאָריע פון באַרימטקײט, אַז חכמים, פיל עלטערע און געלערנטערע פון אים,

האָבן געהאַלטן יוחנן בן זכאי פאַר זייער גייסטיקן פירער און געהאַלטן זייערע אויערן וואַך אויף דעם הויך פון זײַנע ליפּן, כדי צו פאַרנעמען א וואָרט, אַן אויסטײַטשונג אָדער א טאַט פון דעם באַרימטן געטלעכן מאַן, וועמען ער, יוחנן בן זכאי, האָט די זכיה געהאַט משמש צו זײַן. דער רבי יוחנן בן זכאי איז נאָך פאַר דעם אין אַלע בתי־מדרשים פון ירושלים און צווישן אַלע געלערנטע געזעץ־אויסטײַטשער און שרײַבער געווען די אָנגעזעענסטע אויטאָריטעט אין געזעץ. אפילו דער צדוקישער סנהדרין, וואָס האָט זיך נישט געפרייט מיט קיין גרויסער רעפּוטאַציע, האָט זיך אויך געמוזט רעכענען מיט די געזעץ־שפּרוכן, מיט די דינים־אויסטײַטשונגען פון רבי יוחנן בן זכאי, אפילו אין זאַכן, וועלכע האָבן אָנגעהערט זייער אייגענער ספערע, ווי די עבודה אין בית־המקדש, וואָס זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר די היטער פון אָט דער טראַדיציע. די אויטאָריטעט אָבער פון דעם אַלטן ר׳ הלל, וואָס איז געפאַלן אויף זײַן תלמיד, האָט דעם יונגן ר׳ יוחנן בן זכאי אויך אויף דעם פעלד איבער־געגעבן די פירערשאַפט.

איך האָב אים אָפטמאָל געזען נאָר פון דער ווײַטנס, אַרומגערינגלט מיט דער אומצייליקער מענגע פון זײַנע תלמידים, וועלכע זענען אויפ־געגאַנגען אין בית־המקדש־הויף צו באַגלייטן אים צו די זיצונגען פון סנהדרין. אויך אָפטמאָל האָט ער געלערנט אונטערן פרײַען הימל אין בית־המקדש־הויף, פאַרשטייט זיך, נישט די אויסטײַטשונגען פון געזעץ. אָבער די אַלע תקנות, וואָס די אַלטע האָבן מתקן געווען און זיי זענען געווען איבערגעגעבן אין טראַדיציע, — דאָס האָט ער געלערנט פאַר זײַנע אומצייליקע תלמידים אין זײַן גרויסן בית־מדרש. איך האָב אים נאָר געהערט דרשנען אָפטמאָל אין די בתי־כנסת, פיל אָפטער אין די יום־טובים אין בשעת די עולי־רגלניקעס האָבן זיך געפונען אין ירו־שלים, אין בית־המקדש־הויף, אונטער די באַדעקנס פון די אַרקאַדן; ער איז דאָ געווען אַרומגערינגלט אין א ים קעפּ און לײַבער פון זײַנע תלמידים און צוהערער, וועלכע האָבן, ווי די אײַנגעשטילטע וועלן, זיך געלייגט צו זײַנע פיס.

אָפטמאָל האָבן זײַנע דרשות אַרויסגערופן דעם צאָרן פון די אָפּי־ציעלע פאָרשטייער פון בית־המקדש; פיל מער נאָך פון די פּאַטריאָטן, וועלכע האָבן געוואָלט באַפרײַען דאָס פאָלק דורך אויפשטאַנד. דער רבי ר׳ יוחנן איז געווען אָ דאָרן אין די אויגן פון די בני בר־אבא. זיי האָבן אים פאַרשריגן כמעט פאַר א פאַרעטער, און ווען נישט זײַן גרויסע אוי־טאָריטעט, — נאָך מער נאָך צוליב דעם נאָמען פון זײַן הייליקן רבין, וואָס האָט גערוט אויף אים, — וואָלט זײַן סוף געווען, אז זיי וואָלטן אים פאַריאָגט פון בית־מקדש־הויף מיט חרפּות און בושות, אויב נישט פאַר־שטיינערט. וואָרעם אין די דרשות האָט ר׳ יוחנן בן זכאי אַרויסגעבראַכט געדאַנקען, וועלכע האָבן זיך ראַדיקאַל אָפּגעטיילט פון די אָנגענומענע פּאָליטישע טענדענצן, וועלכע האָבן דענסטמאָל געלעבט אין א גרויסן טייל פון יידישן פאָלק.

איינע אַזאַ דרשה געדענק איך. איך האָב זיך דערנסטמאָל געפֿונען אין בית־מקדש־הויף מיט די אַנדערע תּלמידים. דער רבי אונזערער פֿלעגט אונדז אָפֿט אַרויספֿירן אין בית־מקדש־הויף, ווען רבי יוחנן בן זכאי האָט געדרשנט. ער האָט געוואָלט, אַז מיר זאָלן זיך צוהערן צו זײַנע רייד, אַז מיר זאָלן זיי אײַנקריצן אין אונדזערע הערצער. איך געדענק זיי — נישט נאָר ווײַל זיי האָבן אַרויסגערופֿן אין מיר דערשטוינונג, נאָר ווײַל זיי האָבן אויך אַרויסגערופֿן אויפֿרעגונג און גערודער בײַ אַ טייל צוהערער. פֿיל האָבן געשריען, אַז דער רבי איז מחלל דעם בית־המקדש. איך געדענק ווי אַ פּאָר האַלב־נאַקעטע, אויפֿגערעגטע לײַט פֿון בר־אבא האָבן אפֿילו געפּרוּווט אַנטקעגן אים צו רעדן, אַרײַנצושרײַען און אויפֿרייצן דאָס פֿאָלק, נאָר די מענגע תּלמידים פֿון רבי יוחנן בן זכאי האָבן זיי שטום געמאַכט.

רבי יוחנן בן זכאי, מיט זײַן גרויסער, ברייטער, באַגרויטער באָרד, אין זײַן טונקל לאַנג קלייד, דער קאָפּ אַרומגעהילט מיט זײַן ברייטן, ווײַסן טוך, דעם צייכן פֿון זײַן ראַנג, איז געזעסן אין אַ שוואַרצן ים פֿון תּלמידים, העכער פֿון אַלע, אויף אַ שוועל פֿון אַ טיר. די אַנדערע זענען געזעסן אויף דער רצפּה. ער איז געווען העכער מיט זײַנע אַקסלען און מיט זײַן הייך פֿון גאַנצן פֿאָלק. ער האָט געדרשנט דערנסטמאָל וועגן דעם שפּרוך, אַז „נישט דאָס אָרט באַשײַנט דעם מענטש, נאָר דער מענטש באַשײַנט דאָס אָרט״, — נישט דער אָדער יענער ערדישער ווינקל איז דער עקשטיין פֿון דער וועלט, נאָר די גאַנצע וועלט איז דאָס פֿונסבענקל פֿון גאָט. דאָס לעבן פֿון דער יידישער נאַציע, — האָט ער געזאָגט — איז נישט אָפּהענגיק אין קיין אָרט און קיין צײַט. זי קאָן זיך אויסלעבן אויף אַלע ערטער און איז אַלצײַטלעך אונטער אַלע אומשטענדן. ווײַל דאָס לעבן פֿון דער יידישער נאַציע איז נישט געבונדן מיט קיין מאַטעריעלע גיטער, ווי דאָס לעבן פֿון אַלע אַנדערע פֿעלקער, נאָר איז ריין־גייסטיק. דאָס יידישע פֿאָטערלאַנד ראַמט זײַן גייסט נישט אײַן אין גרענעצן פֿון אַ געוויסן שטח, וואָס ווען מען פֿאַרטרײַבט דאָס פֿאָלק פֿון דעם שטח, שטאַרבט אָפּ די אומה, ווי עס איז דער פֿאַל מיט אַנדערע פֿעלקער. דאָס יידישע פֿאָטערלאַנד איז אָן גרענעץ, ווײַל עס רוט נישט אויף דער ערד, נאָר אין הימל.

— מיר ווילן זײַן ווי אַנדערע פֿעלקער. מיר ווילן נישט האָבן קיין פֿאָטערלאַנד אין הימל, נאָר דאָ, אויף דער ערד. השמים שמים לה׳ והארץ נתן לבני אדם! — האָבן זיך געהערט קולות, וואָס האָבן גערופֿן צום רבין פֿון דער מענגע.

— שטעכערס הענגט ער מיר אָן אויף די אויגן און שלאַנגען לייגט ער מיר אין די אויערן־לעכער אַרײַן מיט די ווערטער. ווער קאָן זיי הערן? גאָט האָט אונדז צוגעזאָגט אַן ארץ זבת חלב ודבש אויף דער ערד, נישט אין הימל! — האָט אַן אַנדערער אויסגערופֿן.

— דעם רבין וואָגן זיי איבערצורײַסן. ווער האָט געהאַט אזא חוצפה קעגן הימל?

— דער רבי האָט רעכט! רחמנא ליבא בעי, — גאָט באַדאַרף נאָר האָבן דאָס האַרץ פון מענטשן.

איינציקווײַז האָבן די תּלמידים אײַנגעשטילט די „רשעים". א פּאָר פון זיי האָט מען פאַרטריבן. און אז עס איז שטיל געוואָרן, האָט דער רבי ווײַטער געדרשנט:

— עס זענען דאָ צוויי ירושלימס, — א קליין־ירושלים און א גרויס ירושלים. דאָס קליינע ירושלים באַשטייט פון הײַזער און ווײַנגער־טענער, אין וועלכע די רײַכע וואוינען, און די אָרעמע ליגן אויף דער גאַס. אין דעם קליינעם ירושלים האָבן נאָר אייניקע א חלק, אָבער אין גרויסן ירושלים האָבן אַלע זייער חלק. ווײַל דאָס גרויסע ירושלים באַ־שטייט נישט פון הײַזער און גערטענער און פעלדער און איילבירטן און ווײַן־סעדער, נאָר עס באַשטייט פון דער לערע פון גאָט. און די, וועלכע האַלטן פון דער לערע פון גאָט, געהערן צו דעם פאָטערלאַנד. די אַנדערע, וועלכע זענען מבזה די לערע פון גאָט, מעגן זיי וואוינען אין האַרץ פון ירושלים, געהערן זיי נישט צום פאָטערלאַנד פון דער יידישער אמונה. דורך דעם באַדאַרף מען זיך גאָרנישט אזוי אנטקעגנשטעלן דער פרעמ־דער מאַכט, וואָס האָט אונז באַצוואונגען. וואָרעם דאָס ריכטיקע פאָטער־לאַנד, די לערע פון גאָט, קאָנען זיי פון אונז נישט צונעמען. און אזוי לאַנג ווי זיי שטערן אונז נישט צו לעבן אין אונזער גייסטיקן פאָטער־לאַנד, אין יידישן דת, באַדאַרפן מיר זיך נישט אנטקעגנשטעלן זייער אויסערער מאַכט, אָדער פּרווון אראָפּוואַרפן דעם יאָך פון די פרעמדע מיט אייגענע כוחות, נאָר מיר באַדאַרפן געדולדיג וואַרטן ביז גאָט וועט אויספירן זײַן פאַרשפּרעכן און ער וועט שיקן זײַן דערלייזער, נישט נאָר אונז אליין, נאָר די גאַנצע וועלט צו באַפרײַען פון די שנורן פון זינד, און די גאַנצע וועלט און אַלע פעלקער זאָלן דערקענען דעם איינ־ציקן, לעבעדיקן גאָט. ביז דענסטמאָל אָבער מוזן מיר זיצן און שווײַגן און טראָגן אויף זיך דעם עול פון גאָט מיט ליבע און הכנעה און אונ־טערטעניקייט.

מען קאָן זיך פאָרשטעלן דעם שטורעם, וואָס די ווערטער האָבן ארויסגערופן בײַ די פּאַטריאָטן און די קנאים. עס זענען געוואָרן אָנגע־לאָדן אויף אים ברענענדיקע שפּיזן־בליקן אויס פאַרברענטע, טונקעלע פּנימער פון די קנאים, וועלכע האָבן אָנגעהויבן זיך זאַמלען קיין ירושלים אויף דעם יום־טוב פון דער וויסטע אַרויס; וואָרעם עס איז געווען סוכות־צײַט, ווען א גרויסער עולם עולי־רגלניקעס זענען געקומען קיין ירושלים אויף דעם יום־טוב פון וואַסער־שעפּן — בית השואבה. די שטימונג פון דעם פריילעכן יום־טוב, וואָס איז געווען דער רוישנדיקסטער און דער לוסטיקסטער פון אַלע יידישע יום־טובים, האָט זיך שוין געפילט אין דער לופט. די בר־אבאס האָבן געוואָלט אויסנוצן יענע גליקלעכע טעג,

ווען די פרעמדע עולי־רגלניקעס זענען געווען פארשכורט פון דער פרייד, פון די זעטיקע פרוכטן, פון די וויַינען, פון דער הערלעכקייט, מיט וועלכער ירושלים איז באגאָסן געוואָרן. אין יענע טעג פון בית־שואבה זענען אפילו צענומען געוואָרן אויף א קורצער וויַיל די אַלע צוימען פון צניעות און אָפגעהיטקייט צווישן מאַן און פרוי, וואָס די חכמים האָבן געצויגן, און דאָס גאַנצע פאָלק איז געווען ווי איין משפחה, אויסגעמישט אָרעם און ריַיך, פרעמדע און היימישע. יעדע שטוב אין ירושלים איז געווען אָנגעפאַקט מיט פרעמדע. מען האָט געגעסן אַלע פון איין טאָפּ, געטרונקען פון איין כוס, מען איז געשלאָפן אויף איין בעט. אין דעם פריילעכן יום־טוב האָט מען געקאָנט ביַים באגייסטערטן עולם אין ירושלים ארויסרופן יעדע מין האַלדז־ברעכערישע, ריזיקאַלישע אונטערנעמונג, וואָס וואָלט געקאָנט זיך פארוואנדלען אין א בלוט־באָד. די בר־אבאס האָבן געוואָלט ארויסרופן אן אויפשטאַנד. די מאַכט איז געווען פאָרגעברייט. אויף דעם יום־טוב זענען די וואַכן פון דער רוימישער סאָלדאטשינע פארטאָפלט געווען. לאנגע, געדיכטע קייטן פון רוימישע לעגיאָנערן, געמישט מיט אשקלונישע און סירישע, האָבן גע־האַט אָפגעשלאָסן די טורעמס פון הורדוס־פּאַלאַץ ביז צו דער אנטאָניא. דאָס בית־מקדש־געסל האָט געווימלט מיט וואַכן. די שטימונג איז געווען אָן אָנגעצויגענע. עס זעט אויס, אז יוחנן בן זכאי האָט געוואָלט באַרו־איקן דעם עולם, און ער האָט געדרשנט דאָס וואָס ער האָט געדרשנט מיטן וויסן פון די חכמים.

אָבער יוחנן בן זכאי איז אָפטמאָל נאָך וויַיטער געגאַנגען. נישט נאָר האָט ער אָפגעלייקנט די הייליקייט פון ארץ־ישראל, נאָר אפילו דעם בית־המקדש האָט ער בארויבט פון צו זיַין דער מיטלפונקט פון גאָטס זיץ אויף דער ערד. יאָ, געוויס איז ארץ־ישראל הייליק, פלעגט ער זאָגן, נאָר הייליק פארן געזעץ. די הייליקייט פון געזעץ רוט דערויף, וויַיל יידן וואוינען אין איר. דאָס איז נישט קיין ערדישע, פארגעטערטע היי־ליקייט, מיט וואָס די אַנדערע אומות־העולם באַשענקען די פיר איילן, אויף וועלכע זיי וואוינען, און מאַכן זיי פאר דעם לעבן־באַדינג פון זייער עקזיסטענץ, פאר וועלכע זיי וועלן מאָרדן, ברענען, רויבן און בלוט פאַר־גיסן. די הייליקייט פון ארץ־ישראל האָט דערמיט גאָרנישט וואָס צו טון. דאָס איז א ריין־גייסטיקע הייליקייט און איז חל אויף די יידן, וואָס באַוואוינען די ערטער. נישט דאָס אָרט איז הייליק, נאָר די יידן, וואָס וואוינען אויפן אָרט, זענען הייליק. און אזוי איז אויך דער בית־המקדש. געוויס איז דער בית־המקדש דאָס אָרט, אויף וועלכן אברהם אבינו האָט געזאָלט מקריב זיַין זיַין זון יצחק, דאָס אָרט, אויף וועלכן דער רבונו של עולם האָט געלאָזט זיַין כבוד רוען, הייליק. נאָר אומעטום, וואו צען יידן געפינען זיך און זיי רופן זיַין נאָמען, רוט די שכינה, און גאָט קומט און בענטשט זיי. מה־דאָך די זון, וואָס איז נאָר איינס פון זיַינע באשעפענישן, באשיַינט איינציַיטיק די גאנצע וועלט, אַלע לענדער,

אַלע זײַנע ברואים, מכּל־שכּן דער רבונו של עולם, וואָס איז דער באַ־שעפער פון אַלע באַשעפענישן. עס איז נישטאָ קיין הויך, קיין שפּאַלט, וואו ער איז נישטאָ. מיר קאָנען נישט משיג זײַן מיט אונזערע חושים קיין מקום, אפילו אזוי גרויס ווי א שפּיץ פון א נאָדל, וואָס זאָל זיך געפינען מחוץ דער גרענעץ פון דעם איינציקן יש. ער איז אומעטום, — „און אומעטום, וואו דו וועסט דערמאָנען מײַן נאָמען, וועל איך קומען און דיך בענטשן".

מײַן רבי נקדימון, וואָס האָט פאַרערט דעם רבין ר' יוחנן שוין דערפאַר, ווײַל ער האָט געהאַט די זכיה צו זיצן בײַ די פיס פון רבין ר' הלל, האָט אים אָבער אויך זייער פאַרערט צוליב דער לערע, וואָס ער האָט געלערנט, וועלכע איז געווען אין אײַנפאַרשטענדעניש מיט די מיינונגען פון מײַן רבין ר' נקדימון. זייערע דעות האָבן זיך אויס־געגליכן. מײַן רבי ר' נקדימון האָט זיך געהאַלטן פאַר א תלמיד פון דעם רבין ר' יוחנן. און נישט געקוקט דערויף, וואָס זיי זענען געווען גלײַך אין יאָרן און אויך גלײַך אין וויסן, דאָך ווען מײַן רבי ר' נקדימון איז געזעסן בײַ די פיס פון ר' יוחנן און האָט אים געהערט דרשענען, האָט ער זיך אויפגעפירט ווי א תלמיד פאַר זײַן רבין. און צוליב דעם, וואָס אונזער רבי האָט זיך געהאַלטן פאַר א תלמיד פון רבין ר' יוחנן, האָבן מיר, די תלמידים פון רבין ר' נקדימון, זיך אויך געהאַלטן פאַר תלמי־דים פון רבין ר' יוחנן, וואָרעם „אַלץ וואָס דער רבי איז, זענען אויך זײַנע תלמידים".

קאַפּיטל זעקס.

אין בית־המדרש, וואו מײַן רבי האָט געלערנט מיט אונז, האָט זיך געפונען א שטיינערנע באַנק, אײַנגעמויערט אין דער וואַנט. מען האָט גערופן די באַנק: די באַנק פון משיח. און פאַרוואָס האָט מען זי אזוי גערופן? ווײַל אויף דער באַנק האָט מײַן רבי געדרשנט וועגן עניני של משיח פאַר דער חברותא.

צו מײַן רבינס חברותא האָט אויך געהערט דער רײַכער, אָנגע־זעענער אריסטאָקראַט, יוסף רמתי, — יוסף פון אָרט רמת. אַלע האָבן זיך געוואונדערט, ווען מען איז געוואָר געוואָרן וועגן דעם: ווי אזוי קומט עס, וואָס דער נגיד, וועלכער איז געווען אסימילירט מיט דער העלע־ניסטישער קולטור, האָט פאַרקערט אין די קרײַזן פון די רוימישע באַ־אַמטע און געהאַלטן בײַ זיך גריכישע פילאָזאָפן, — זאָל ארײַנטרעטן אין א חברותא פון א רבין א פרוש, זאָל ווערן אפילו א ח ב ר און זיך אונ־טערוואַרפן דעם שטרענגן ריטועלן רעזשים, וואָס די חברשאַפט פאַרלאַנגט?

דער אמת איז, אז דער יוסף רמתי האָט שוין פון לאַנג געפּאַרשט גאָט. ער פלעגט קומען צו אונזער רבין אין בית־מדרש אַרײַן און זיך אוועקזעצן אויף איינער פון די לעצטע בענק בײַ דער טיר, צוזאַמען מיט די אָרעמעלײַט, און זיך צוהערן צו די דרשות פון מײַן רבין אין די שבתים און יום־טובים אין דער קוריניער שול. ער איז געוואָרן ביסלעכווײַז אַרײַנגעצויגן אין דעם קרײַז פון דורשי־משיח, איז געוואָרן איינער פון די אייפריגסטע אָנהענגער פון מײַן רבין. שפּעטער איז ער אַרײַנגעטראָטן אין זײַן חברותא. ער האָט אויסגעהאַלטן דעם בית־מדרש. ער פלעגט אָפּט קומען צו אונז אין בית־מדרש אַרײַן, אָדער מײַן רבי און זײַנע תלמידים פלעגן אָפּט קומען צו אים אַהיים, נאָכדעם ווי ער איז געוואָרן א חבר און זײַן הויז איז געווען בחזקת כשרות. יוסף רמתיס הויז איז געווען א בית־ועד לחכמים. דאָרט האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן די אָנגעזעענסטע לײַט פון שטאָט, נישט נאָר פון דער יידישער אַריס־טאָקראַטיע און פון יידישע געלערנטע אַליין, נאָר אויך פון יענע רוי־מישע באַאַמטע און גריכישע חכמים, וועלכע האָבן זיך אינטערעסירט מיט העכערע ענינים און געפּאַרשט גאָט. דאָרט האָבן די יידישע חכמים געהאַט א געלעגנהייט צו טוישן זייערע מיינונגען מיט די גריכישע פילאָזאָפן, וואָס נישט ווייניק פון זיי האָבן זיך געפונען אין שטאָט, ווי אָנגעשטעלטע, — אָפּטמאָל פרײַגעלאָזענע קנעכט, — אין די הײַזער פון די יידישע אַריסטאָקראַטן. פון הורדוסעס צײַטן אָן איז געווען א מנהג בײַ די יידישע אַריסטאָקראַטן צו קויפן גריכישע פילאָזאָפן אויף די אשקלונער און צידונער שקלאַפן־מערק פאַר דערציִער פון זייערע קינדער, צו פירן זייערע געשעפטן און צו געבן זייערע הײַזער אַן אָנזען פון העלעניסטישער קולטור. אין די מערסטע פאַלן האָבן זיי באַפרײַט די גריכישע קנעכט, כדי זיי זאָלן נישט אַרונטערפאַלן אונטער דעם שטרענגן יידישן געזעץ בנוגע נישט־יידישע שקלאַפן, און זיי געהאַלטן ווי באַפרײַטע, אָבער דאָך אָפּהענגיקע הויז־פרײַנד.

די גריכן זענען געווען אין ירושלים די טאָנגעבער אין די אַריס־טאָקראַטישע הײַזער. זיי און די רוימישע באַאַמטע האָבן אויסגעמאַכט א געוויס גרויסן עלעמענט אין ירושלים, וואָס האָט מיט דער הילף און שטיצע פון די ירושלימער צדוקישע און גרויס־כהנישע קרײַזן אונטער־געהאַלטן די העלעניסטישע קולטור־אַנשטאַלטן, דאָס טעאַטער וואָס הורדוס האָט אויפגעבויט, די געיעג־שפילן און גימנאַסטיק פאַר דער יוגנט, אָפּטמאָל אויך אָלימפּישע שפילן. אָבער צוליב דעם פאַרביטערטן ווידערשטאַנד צו די העלעניסטישע קולטור־אַנשטאַלטן מצד די רבנים, האָט דער העלעניסטישער לעבנשטייגער זיך נישט אָנגעזעצן אויף די ירושלימער גאַסן; דערפאַר אָבער האָט ער טיפע וואָרצלען געשלאָגן אין די הײַזער פון די יידישע אַריסטאָקראַטן, נישט נאָר פון די צדוקים, נאָר אויך אין די הײַזער פון די רײַכע לײַט און די משפחות פון די כהנים־גדולים, און אפילו אין די הײַזער פון די פרושים. עס פאַרשטייט זיך, אַז

די רוימישע באאמטע אין ירושלים האָבן אונטערגעשטיצט די באַוועגונג און דערמוטיקט די גריכן. וואָרעם ווי גרויס עס איז נישט געווען די שנאה פון די גריכן צו די רוימישע באַצווינגער אין זייער אייגן לאַנד, האָבן אָבער אין די פרעמדע פּראָווינצן, ווי אין ארץ ישראל, די גריכן געזען אין דער רוימישער מאַכט א באַשיצערין פון זייער קולטור און אמונה, און די רוימער האָבן באַנוצט דעם גריכישן עלעמענט צו אסימילירן די דעראָבערטע פּראָווינצן מיט דער העלעניסטישער קולטור און זיי פאַרײַנטלעך מאַכן צו רוים. די רוימער און די גריכן זענען געגאַנגען האַנט־אין האַנט. וויפיל די חכמים האָבן זיך נישט אנטקעגנגעשטעלט דעם גריכישן אײַנפלוס און געשאַפן צוימען אויף צוימען צו האַלטן די יידן אָפּגעזונדערט פון דעם העלעניסטישן סם, האָט די גריכישע קולטור זיך דאָך ארײַנגעכאַפּט דורך טויזנטער קאַנאַלן אין יידישן לעבן: אין טאָג־טעגלעכן שטייגער, אין די צווײַגן פון הויז־לעבן, אין אײַנריכטן מאַלצײַטן, אין קליידונג, אין פריזיר־מאָדעס, אין געזאַנג, אין שפּילן, אין איילן זיך און פּערפומירן זיך. מען האָט מער געוויכט געלייגט אויפן געזונט, און אָנגעהויבן באַטראַכטן דעם קערפּער נישט נאָר ווי א כלי, וואָס האַלט אין זיך די נשמה, נאָר פאַר א גוטס, פאַר א געשאַנק פון גאָט, וואָס איז ווערט צו קולטיווירן. אפילו דאָס לשון האָט אָנגעהויבן צו פאַרמישן זיך מיט גריכישע ווערטער און באַגריפן. גריכיש האָט אָנגעהויבן ארויסצושטופּן דעם אַראַמישן דיאַלעקט אין די געבילדעטע קרײַזן.

דערפאַר אָבער האָבן די גריכן אין ירושלים, וועלכע זענען געקומען צום ערשטן מאָל אין באַרירונג מיטן יידישן צניעותדיקן לעבן, מיט דער יידישער אמונה, מיטן באַגריף פון אן איינציקן, לעבעדיקן גאָט, אָנגעהויבן פאַראינטערעסירן זיך מיט דער יידישער אויפפאַסונג פון לעבן, צוהערן זיך צו דער לירישער בענקשאַפט נאָך א צווייט לעבן, פאַרטראַכטן זיך וועגן דער האָפענונג פאַרן מענטשן, וואָס עס טראָגט אין זיך די מעסיאַנישע אידייע. די ליידנשאַפטלעכע, אומבאַדינגטע איבערגעגעבנקייט פון יידישן מענטשן צו זײַן גאָט, דאָס פרײַוויליקע נעמען אויף זיך אן אַסקעטיש לעבן פאַר דעם גאָט, דאָס טראַגישע געראַנגל מיט צײַטיקייט און פאַרניכטונג, וואָס דער יידישער מענטש פירט דורך זײַן קלאָמערן זיך אין דער אייביקייט, — דאָס האָט געמאַכט א שטאַרקן אײַנדרוק אויפן דענקענדיקן גריכישן מוח און איז ארײַנגעדרונגען מיט א וועקנדיקער, בענקענדיקער אומרואיקייט אין דער אָפּגעשלאָסענער שלמות פון גריכישן געמיט. עס האָט זיך געשאַפן אן אײַנדרוק, ווי אין דער קאַלטער, שטיינערנער, שלמותדיקער גריכישער סטאַטוע איז ארײַנגעבלאָזן געוואָרן א לעבעדיקע נשמה, וועלכע האָט אפשר צעטרייסלט די שטרענגע האַרמאָניע פון די ליניעס, אָבער דערפאַר באַלעבט מיט ציטערדיק לעבן דעם טויטן שטיין. עס איז געווען אין דעם עפּעס מערקווירדיקס. די צוויי פײַנדלעכע וועלטן האָבן געבענקט איינס נאָכן אַנ־

דערן, זיי זענען געווען ווי צוויי העלפטן פון איין וועזן, וועלכע האָבן זיך לאַנג ארומגעשלאָגן און באטראַכט זיך פאר ביטערע פּײַנט, איידער זיי האָבן זיך דערקענט; און ווען זיי האָבן, ענדלעך, זיך צוזאַמענגעטראָפן אויף דעם ארץ־ישראלדיקן באָדן, האָבן זיי דורך די שטעכערס פון קעגנזײַטיקער באַקעמפונג געשאַפן איין הארמאָניש־גאַנצעס, וואָס האָט דערגאַנצט איינס דאָס אַנדערע.

דאָס געזאַנג פון דעם באַריר פון די צוויי וועלטן האָט מען געהערט אין זײַנע פולע טענער אין דעם הויז פון יוסף רמתי.

יוסף רמתי איז געקומען קיין ירושלים פון זײַן פאַמיליע־זיץ, וואָס איז געווען אין רמת גלעד, (נאָך וועלכן ער האָט געפירט זײַן נאָמען). ער האָט איבערגעלאָזט זײַן גרויסן באַזיץ פון ווײַנגערטענער און אייל־וועלדער, געטריבן פון באַגער צו דערפאַרשן גאָט און אויסגעפינען דעם ריכטיקן וועג, אין וועלכן ער האָט צו גיין.

ער האָט געשטאַמט פון אַן אָנגעזעענער, יחוסדיקער משפחה. זײַן פאָטער, אנטיגנוס רמתי, האָט געלעבט אין דער הורדוס־תקופה. ער האָט געהאַט אויסגעפונען, אז די איינציקע מעגלעכקייט וואָס ער האָט, אויסצומײַדן די קאָנספּיראַציע איבער זײַנע רײַכע גיטער, נאָר וועלכע דער כיטרער, אייביק גייציקער הורדוס האָט געלעכצט, ווי נאָך אַנדערע אָנגעזאַמלטע פּריוואַטע פארמעגנס, איז אויסצוגעבן זיך פאר א פרײַנד פון קעניג און צו זוכן זײַן חסד.

דער רײַכער רמתי האָט אין גייסט פון די אריסטאָקראַטישע פאַמיליעס פון זײַן צײַט זיך צוגעניגט צו דער העלעניסטישער קולטור, אַסימילירט זײַן הויז אין דעם גריכישן גייסט. ער האָט נאָכגעטון דעם קעניג און געהאַלטן פאר זײַן זון, אחוץ א יידישן רבין, וואָס האָט אים דערצויגן אין דער יידישער לערע, אויך א גריכישן דערציער, פּיליפּוס פון גדרה. דער דערציער האָט באַגלייט דעם יונגן אריסטאָקראַט אין זײַנע שטודיע־רײַזעס קיין אלעקסאַנדריע, קיין גדרה, קיין דמשק, אפילו אין די ווײַטע גריכישע פּראָווינצן, וואוהין דער פאָטער האָט געשיקט זײַן זון צו באקענען זיך מיט דער וועלט און מיט מענטשן און צו פארשאפן זיך פאַרבינדונגען. דער אלטער רמתי האָט זיך געמיט, אז זײַן זון זאָל צוגעלאָזן ווערן צום הויף פון קעניג און ווערן דער פרײַנד און יונגט־חבר פון די קעניגלעכע קינדער. דער אַלטער רמתי האָט געוואוסט דעם בייזן קעניג צו באַזאַנפטיקן און צו שטילן זײַן דאָרשט נאָך פארמעגנס מיט רײַכע מתנות. יוסף האָט געשפּילט מיט דעם קעניגס קינדער אין פערד־געיעגן און אַנדערע אַטלעטישע ספּאָרטן. נאָר ווען דער אַלטער קעניג איז אייפערזיכטיק געוואָרן אויף זײַנע קינדערס געזעלשאַפטלעכע דערפאָלגן אין רוים, און ארום זייערע קעפּ האָבן אָנגעהויבן זיך זאַמלען די וואָלקנס פון זייער פאָטערס רשעות, — האָט דער כיטרער רמתי אײַנגעזען, אז עס איז די קליגסטע זאַך זײַן זון צו האַלטן דערווײַטערט פון דעם שטורעם אין הויף. כדי אויסצומײַדן דעם גורל פון דעם קעניגס

קינדער, האָט ער געהאַלטן זײַן זון בײַ זיך אויפֿן לאַנד, האָט אים חתונה געמאַכט מיט א רײַכער אַלכּסנדרישער פֿאַמיליע און געלאָזט אים פֿאַר־וואַלטן דעם פֿאָטערס גיטער.

א גרויסער נסיון פֿאַר דעם יונגן יוסף איז געווען אונטערצודריקן אין זיך די פּאָליטישע לײַדנשאַפֿטן און נישט אַרײַנצומישן זיך אין די פּאָליטישע שטורעמס, וואָס האָבן זיך אויפֿגעהויבן אין לאַנד נאָכן קעניגס טויט. מען האָט באַדאַרפֿט דערצו האָבן גרויס טאַקט, אויסגעהאַלטנקייט, גלײַכגעוויכט און, דער עיקר, אינעווייניקסטע רו צו מאַנעווּרירן צווישן די פּאָליטישע פּאַרטייען און נישט צו ווערן מיטגעריסן אין איינעם פֿון די שטראָמען, אין דעם קאַמף, וואָס די פּרושים האָבן געפֿירט קעגן הורדוסעס יורש אַרכילעאוס, ביז די רוימער האָבן, ענדלעך, איבערגענומען די יהודהשע פּראָווינץ. יוספֿס העלעניסטישע דערציאונג, זײַן קולטורעלע אומגעבונג, זײַן ברייטע האַנט צו פֿאַרטיילן מתנות האָבן אים באַלד געמאַכט פֿאַר א פֿאַרטרויעלעכע פֿערזאָן אין די פּראָקוראַטאָרישע הויפֿן. זײַן פֿרומקייט אָבער, זײַן אָפּהיטן די יידישע מנהגים נאָך דעם שטרענגן פּרושים־ריטואַל, זײַן שטיצן ברייט די תּלמידי-חכמים, זייערע בתי־מדרשים און תּלמידים, דער עיקר אָבער, וואָס ער האָט זיך נישט געמישט אין די רעגירונגס־ענינים פֿון דעם כּהן־גדול אויס דעם צדוקישן הויז פֿון חנן, — אין וועלכן די געלערנטע האָבן געזען די פֿאַרזעצונג פֿון דער הורדוסשער רויבער־פּאָליטיק, — דאָס האָט אים געמאַכט פֿאַר א חשובֿן, באַליבטן מאַן אין די געלערנטע פּרושים־קרײַזן.

דאָס אָנהאַלטן גוטע באַציאונגען צווישן די צוויי קעגנגעזעצטע כּוחות, וואָס האָבן באַהערשט דאָס לאַנד, האָט אים באַלד געמאַכט פֿאַר דעם אומאָפֿיציעלן, אָבערווירקלעכן פֿאַרמיטלער צווישן די רוימער און די פּרושים. די פּרושים האָבן זיך געווענדט צו יוסף רמתי וועגן יעדער זאַך, וואָס זיי האָבן באַדאַרפֿט אונטערהאַנדלען מיטן מלכות, כּדי אויסצומײַדן דאָס פֿײַנדלעכע הויז פֿון כּהן גדול, דעם אָפֿיציעלן פֿאַר־טרעטער פֿון די יידן. יוסף רמתי פֿלעגט טאַקע דורך זײַנע גוטע באַציאונגען מיט די רוימער ארויסבאַקומען פֿאַר די פּרושים פּריווילעגיעס און הנחות פֿון דער רוימישער מאַכט, וואָס דער אַלטער חנן האָט נישט געקאָנט, אָדער נישט געוואָלט, ארויסבאַקומען פֿאַר די חכמים צוליב דער קאָנקורענץ פֿאַר דעם אײַנפֿלוס אויפֿן פֿאָלק, וואָס איז אָנגעגאַנגען צווישן דער געלערנטער וועלט און די כּהנים גדולים. די פּרושים האָבן יוסף רמתי מוחל געווען זײַנע העלעניסטישע נייגונגען און זיי האָבן דורך די פֿינגער געקוקט אויף זײַנע עבֿרות, וואָס ער איז באַגאַנגען קעגן די ריינקונג־געזעצן מיט זײַן אַרײַנקומען אין גריכישע און רוימישע הײַזער, — דורך ריינקונג־קרבנות האָט ער מכפּר געווען אויף זיך די זינד. מען האָט זיך אפֿילו געמאַכט פֿאַרגעסן אין זײַנע יונגע טעג, ווען ער איז געווען צוגערעכנט צו הורדוסעס הויף, — און נישט געקוקט

אויף זײַן גרינג וויסן אין יידישע ענינים, האָט מען אים צוגעצויגן צום גרויסן ראָט.

דער טראַגישער געראַנגל צווישן דער יידישער וועלט און דער גריכישער האָט זיך אָפּגעשפּילט אין יוסף רמתי׳ס האַרץ. וואָרעם צוויי וועלטן האָבן געלעבט אין זײַן האַרץ, וואָס האָבן עס צעריסן, און ער האָט געפּרוווט פאַר זיך אַליין בויען א בריק איבער דעם אָפּגרונט, וואָס איז געלעגן צווישן די צוויי וועלטן, צו שפּרייזן איבער די שפּיציקע צאַמען, וואָס די חכמים האָבן ארומגעצויגן ארום דעם יידישן דת, און איבער דער נשמה־פאַרפאַלנקייט, דער האָפענונגסלאָזיקייט, וואָס די גריכישע צוגעהעריקייט האָט געדראָט.

שוין פון זײַן קינדהייט אָן האָט יוסף ארײַנגעהויכט אין זיך די גריכישע קולטור. רמת גלעד, די שטאָט, פון וועלכער ער איז געקומען, איז געווען ארומגערינגלט מיט גריכן. א שפּאַן וועג פון רמת גלעד האָט זיך אויסגעצויגן די דעקאַפּאַליס, — די צען גריכישע שטעט, וועלכע האָבן ארומגענומען ווי א שונאדיקע ארמיי די גרענעצן פון גלעד, — ארײַנגעריסן זיך אין האַרץ פון ארץ ישראל מיט איר געצנדינערײַ, מיט איר פאַרשײַטקייט, מיט איר ליבע צום לעבן, מיט איר פאַרכאַפּנדיקער, אָנשטעקיקער באַגייסטערונג פאַר שיינקייט, יוגנטלעכקייט, אייביקן פרילינג, גלײַך ווי דער טויט און זײַנע שליחים, די קראַנקהייטן, וואָלטן דאָ נישט געהאָט קיין צוטריט, קיין רשות. דעם גאַנצן שלל פון לעבנספרייד און לעבנס־געגוס, וואָס די העלעניסטישע קולטור האָט געהאָט צו פאַרטיילן, האָט זי פאַרשפּרייט ארום יוסף רמתי מיט הונדערטער כשופן. א שפּאַן וועג פון זייער גוט איז געלעגן בית־שאן מיט אירע פערד־געיעגן, מיט אירע אַטלעט־שפּילן, מיט אירע עשתרות־טעמפּלען; קעגנאיבער דעם ברעג פון ים כנרת האָט זיך געגלאַנצט אין דער זון דער ווײַסער טעמפּל פון גאָט צעאוס, אויף די הויכן פון גדרה. דאָס קאָכעדיקע לעבן, די יוגנט און די פרייד, וואָס האָבן זיך איבערגעגאָסן פון די גריכישע שטעט, די שיינקייט און די פאַרשאַרטקייט פון גדרה, — מיט איין וואָרט, דער גאַנצער שלל פון העלענישן לעבן האָט פאַרמאָגט גענוג דינאַמישע כוחות צו שטורעמען און צו צעשמעטערן די פעסטונגס־מויערן פון יידישן דת, אין וועלכע די יידישע געלערנטע האָבן געהאַלטן געפאַנגען דעם יונגן אריסטאָקראַטס נשמה. אָבער נאָך א גרעסערע געפאַר, איידער דער אויסערער גלאַנץ פון העלענישן לעבן, זענען געווען פאַר דער נשמה פון דעם יונגענמאַן די חכמים פון גדרה. די שטאָט גדרה איז נישט נאָר געווען א שטאָט פון שפּיל און זינד, פון לעבן און גענוס, נאָר אויך א שטאָט פון געלערנטע און פילאָזאָפן. נישט איינמאָל האָט דער יידישער יונגערמאַן, ווען ער האָט זיך געפונען אין שטאָט, אָדער איז צוליב דעם צוועק געבראַכט געוואָרן אהין פון זײַן דערציער פּילפּוס, זיך צוגעהערט צו די וויכוחים, וואָס עס האָבן געפירט אין גדרהשן פאָרום, אין שאָטן פון די זײַלן אין עשתרות־טעמפּל, די תלמידים פון פי־

לאָדעמוס דעם עפּיקורעער איבער זײַן רבינס תורה, אָדער צו די רעטאָ־ריקער, וואָס דער גדרהשער געלערנטער טעאָדאָרוס האָט באַגרינדעט אין זײַן שול, אײדער ער איז אוועק קיין רוים צו ווערן דער דערציער פון טיבעריוס, אָדער צו דעם בײַסנדיקן סאַטיריקער מעניפּרוס. דער גע־פּערלעכסטער גיפט פאַר דעם יונגענמאַנס נשמה איז געווען זײַן גריכי־שער דערציער, וואָס דער פאָטער האָט צו אים צוגענומען און פון וועלכן ער האָט זיך שוין נישט געשיידט דאָס גאַנצע לעבן; ער האָט אים גע־מאַכט שפּעטער, לויט דעם מנהג פון די אַריסטאָקראַטישע הײַזער, (וועל־כע האָבן אין דעם נאָכגעטאָן דעם קעניג הורדוס), פאַר דעם פאַרוואַל־טער פון זײַנע גיטער.

אײַנציקווײַז, אײַנציוויײַז האָט דער גדרהשער געלערנטער פיליפּוס אַרײַנגעבראַכט אין זײַן תלמידס באַוואוסטזײַן, אַז נישט די יידן אַליין זענען די אײַנציקע אויסדערוויילטע, וואָס די געטלעכקייט האָט זיי אי־בערגעגעבן די פאַרטרעטערשאַפט אויף דער ערד, און נישט נאָר די יידן אַליין האָבן צו פאַרטיילן די אייביקייט פון דער נשמה און אַנדערע גוטע זאַכן, וואָס קיינער האָט נישט געזען, נאָר מען גלויבט אין זיי אויפן וואָרט. ער האָט אים אויפגעעפנט אַ שפּאַלט אין דעם גריכישן הימל און געוויזן, אַז אויך זיי האָבן צו פאַרטיילן גוטער פון יענער וועלט. די פּלאַטאָנישע געשפּרעכן האָבן אויף דעם יונגענמאַן געמאַכט אַזאַ אײַנדרוק, אַז נישט געקוקט אויף זײַן טראַדיציאָנעלער יידישער דערציאונג, וועלכע האָט אים געפאַנגען אין די ראַמען פון יידישן דת, איז ער אָבער אין זײַן האַרץ געווען מער גוי ווי ייד.

נישט פריער ביז יוסף רמתי האָט זיך נישט באַקענט מיט מײַן רבין נקדימון און איז פון אים געוואָר געוואָרן וועגן דער גרויסער משיח׳שער האָפענונג, וואָס איז דער צוועק פון אַלע פאַרברייטונגען, וואָס דער יידי־שער דת ברייט פאַר דעם יידישן מענטש פאַר איר; נישט פריער ביז ער האָט זיך נישט באַקענט מיטן גרויסן צוועק פון לעבן, דאָס מלכות השמים, — ביז דענסטמאָל איז ער אין האַרצן געווען פרעמד צום יידישן דת און האָט נישט פאַרשטאַנען דעם טעם פון די פיל חוקים און משפּטים, וועלכע מען גײט אים צו האַלטן. ער האָט זיי באַטראַכט פאַר אַן אָנשי־קעניש, פאַר צעשטערער פון לעבן. ערשט די האָפענונג, דאָס אייביקע גוטס, די אַבסאָלוטע גערעכטיקייט, דער לויטערער צוועק פון לעבן, די פאַרבונדנקייט מיט דער געטלעכקייט, וואָס די משיחישע אידייע האָט מיטגעבראַכט מיט זיך, זענען געווען ווי דערפרישנדיקע קוואַלן, וואָס האָבן אָנגעטרונקען די דאָרשטיקע נשמה פון יוסף רמתי.

וואָרעם דער אַריסטאָקראַט, ווי ער איז נישט קאַליע געוואָרן פון זײַן אומגעבונג, האָט פאַרמאָגט אין זיך אַן אומבאַפלעקטע נשמה, אַ דאָרשטיק זוכן נאָכן אמת, אַ פאַרצווייפלט בענקען צו דערגרייכן דעם תכלית און דעם צוועק פון לעבן.

איך האָב אָפּט זיך געפונען אין זײַן הויז. דער רבי נקדימון האָט

אונז מיטגענומען אין זײַן הויז אַרײַן, כדי מיר זאָלן זיך צוהערן צו די וויכוחים, וואָס ער פירט מיט דעם גריכישן פילאָזאָף, און מיר זאָלן זיך אָפּלערנען ווי אַזוי אָפּצוענטפערן אַן אפיקורס. אויך איז מיר אָפּטמאָל אויסגעקומען בײַצוזײַן, ווען דער רבי האָט אָפּגעהאַלטן אין יוספס הויז אַ זיצונג פון דער חברותא, צו וועלכער מיר זענען אָפטמאָל צוגעלאָזן געוואָרן.

דאָס הויז פון יוסף רמתי האָט זיך געפונען אין דעם נײַעם טייל שטאָט, וואָס האָט זיך געבויט הינטער די טורעם־מויערן, אויף יענער זײַט פון דער אַנטאָניא־פעסטונג אין בי־זיתא. דאָס אָרט איז איצט געוואָרן דאָס אָרט פאַר דער רײַכער ירושלימער אַריסטאָקראַטיע, ווײַל זיי האָבן נאָך דאָ געפונען גענוג פרײַ לאַנד וואו אויסצושפּרייטן זייערע גערטענער און זייערע וואַסער־באַסיינען און דאָך צו זײַן נישט ווײַט פון שטאָט. דאָס הויז פון יוסף רמתי איז שוין געבויט געווען אין נײַעם סטיל, אין גריכישן, העלעניסטישן, וואָס האָט אָנגעהויבן וואָס מער צו באַווײַזן זיך אין ירושלים, זינט הורדוס האָט איבערגעבויט די שטאָט. די נײַע הײַזער זענען שוין נישט געווען געבויט אין דעם שטרענגן אומ־היימלעכן סטיל — נאַקעטע מויערן ווי די טורעם־פּאַלאַצן אין ירושלים, — נאָר די געביידעס זענען באַצירט געווען מיט רײַכע זײַלן־אַלייען — לויט דעם פאָרום וואָס הורדוס האָט אויפגעשטעלט אין נאַבלוס. צוליב דעם האָט מען דעם סטיל גערופן „הורדוס־אַרכיטעקטור". זי איז בײַ שטאַנען אין דעם, וואָס זי האָט צוגעגעבן דער שטרענג־גריכישער אַר־כיטעקטור אַ פאַרווייכערונג דורך טורעם־שפּיצן, וועלכע האָבן זיך אויפ־געהויבן פון די פלאַכע דעכער דורך באַלקאָן־טעראַסן, וואָס האָבן אויס־געזען ווי אַ פאַרברייטערונג פון דער פאַסאַדע, דורך טאָפּלט־שורהדיקע יאָנישע זײַלן, וואָס האָבן געדינט אַלס שאָטן־זיץ פאַר דעם דורכגייער. זענען טאַקע די טירן און טויערן פון די רײַכע הײַזער שטענדיק באַ־לעבט געוואָרן דורך דורכגייער, היימלאָזע בעטלער; און בשעת די ימים־טובים, ווען ירושלים איז פול געוואָרן מיט עולי־רגלניקעס, זענען די זײַלן־אַלייען באַנוצט געוואָרן ווי שלאָף־פּלעצער פאַר די פרעמדע. מען האָט זיי נישט געקאָנט אוועקיאָגן און עס האָט אויך געהערט צום שלעכטן טאָן, ווען אַ בעל־הבית האָט געלאָזט פאַרטרײַבן אין דער שאָטן־קאָרגער שטאָט די פרעמדע אָדער די אָרעמע, וועלכע האָבן געזוכט שוץ פאַר די זון־שטראַלן אָדער פאַר דער נאַכט־קעלט אונטער דער קאָלאָ־נען־באַדעקונג פון זײַן הויז.

ווי יעדעס גריכיש הויז איז יוספס באַשטאַנען פון צוויי שטאָק. אין אונטערשטן שטאָק האָבן זיך געפונען די געמיינשאַפטלעכע צימערן: פאָדער־שטובן, אייל־קאָמערן, באַנקעט־האַלן, רו־צימערן און די ביב־ליאָטעק. די מענערישע און ווײַבערישע שלאָף־קוואַרטירן האָבן זיך געפונען אויפן אויבערשטן שטאָק. די געביידעס האָבן אַרומגערינגלט אַ קליינעם גוט־געפּלעגטן הויף־גאָרטן. רייען זײַלן האָבן אָפּגעצאַמט דעם

זון-גאָרטן און געשאַפן א פּלאַץ וואו אויסצובאַהאַלטן זיך אין שאָטן. דער גאָרטן, באַצירט מיט בייטן בלומען, באַקראַנצט מיט הויכע, גרינע ציפּרעסן, האָט אויך געהאַט א וואַסער־פאָנטאַן, אַלץ ווי אין א גריכישן הויף־גאָרטן, אחוץ, פאַרשטייט זיך, וואָס עס האָבן דאָ געפעלט די געטער־סטאַטועז.

איך האָב זיך אָפט געפונען אין דעם הויז און אָפטמאָל געהאַט די מעגלעכקייט צו באַטראַכטן דעם בעל־הבית, יוסף רמתי, ווען ער איז געזעסן און האָט זיך צוגעהערט צו די וויכוחים צווישן מײַן רבין און דעם גריכישן פילאָזאָף, וואָס האָבן זיך געפירט אין זײַן הויז: בײַטאָג — אין זײַן גאָרטן־הויף, צווישן די זײַלן־געגנג, אין די אָוונטן — אין באַנקעט־זאַל אָדער אין זײַן גרויסער ביבליאָטעק, אין ליכט פון די געדעמפטע אייל־לאָמפּן, וואָס האָבן זיך געלויכטן אין בעקנס אויף הויכע זײַלן. די חכמים זענען געלעגן אין צווייען אויף די ליג־שטולן און האָבן געפירט בנחת זייער געשפּרעך.

ער איז שוין נישט געווען דענסטמאָל קיין יונגערמאַן, יוסף רמתי, — איבער די פופציק, ווען איך האָב אים באַגעגנט, נאָר זײַן קערפּער האָט נאָך דערהאַלטן פון זײַן יוגנט די גאַנצע מענלעכע גבורה, וועלכע האָט אַרויסגעשפּריצט פון זײַנע שטאַרקע, מוסקלדיקע גלידער. פירעקיג, ווי אויסגעהאַמערט אָדער אויסגעשניטן אויס א ריזן־צעדערבוים, האָבן זײַנע גלידער דאָך נאָך פאַרמאָגט די גאַנצע באַוועגלעכע עלאַסטישקייט, וואָס זײַנע אַטלעטישע איבונגען האָבן אים פאַרשאַפט אין זײַן יוגנט. אַן אייביקע יוגנטלעכקייט האָט דערפרישט אפילו זײַן האַלב־גרויען, געקרײַזלטן קאָפּ האָר און קורץ־אַרומגעשוירענע, געקרײַזלטע באָרד, וועלכע ער האָט, אין קאָמפּראָמיס מיטן יידישן געזעץ, נישט געגאָלט, נאָר געהאַלטן זי קורץ אַרומגעשניטן, נאָכן רוימישן סטיל. זײַן פּנים אָבער איז געווען איין גרויסע מאַסקע פון זאָרג, פול מיט קנייטשן, וועלכע האָבן ווי שטורעמדיקע וועלן זיך געקליבן אַרום זײַנע אויגן. זײַן גלײַכע, רוימישע נאָז און זײַן לאַנגע גאָמבע זענען געווען די איינציקע גלידער, וואָס ער האָט אַרויסגעראַטעוועט פון דעם שטורעמדיקן קנייטשן־ים, וואָס האָט באַגאָסן זײַן פּנים. ער איז געווען אינגאַנצן אויער. אין זײַן גריכישער הילע, וועלכע ער האָט געפּאַלדעוועט נאָכן גריכישן סטיל, איז ער געזעסן אין דער הויכער שטול פון בעל־הבית און האָט ערנסט זיך צוגעהערט צום געשפּרעך פון די חכמים. הילפלאָזער צער האָט אַרויסגעקוקט פון זײַנע שיינע, גלאַנציקע אויגן. מער נאָך ווי די חכמים האָט ער גענומען ערנסט דעם געשפּרעך, וואָס זיי האָבן געפירט. מען האָט אָנגעזען אין אים, אַז מער ווי זיי נויטיקט ער זיך אין די אויספירן פון זייער וויכוח, גלײַך ווי עס וואָלט זיך געווען געהאַנדלט נישט וועגן א פילאָזאָפישן דיספּוט, וואָס עס פירט זיך צווישן צוויי חכמים, נאָר וועגן א משפט איבער זײַן אייגענער נשמה, וועלכע ווערט פאָרגעבראַכט פאַר א בית־דין, וואָס באַדאַרף אַרויסגעבן א פּסק־דין. וואָרעם איבער

זײַן נשמה האָבן געפירט קריג די צוויי חכמים — נישט ווי עס וואָלט זיך געוווען געהאַנדלט וועגן דער נשמה פון א יחיד, נאָר וועגן דער נשמה פון דער וועלט בכלל. ווי א מלאך מיט א פֿײַערדיקער שווערד האָט מײַן רבי מיט זײַן אמונה, מיט זײַן אײנציקן גאָט און מיט די האָפענונגען אויף משיחן זיך אַרײַנגעריסן אין דעם גן־עדן, וואָס זײַן גריכישער דער־ציער האָט געפלאַנצט פאַר אים, וואָרעם דער גאָט, וואָס זײַן גריכישער דערציער פיליפּוס האָט אים געגעבן, איז געווען בלויז שיינקייט, און זײַן העכסט געזעץ — הארמאָניע. „די האַרמאָניע, וואָס פליסט ארויס פון שיינקייט, האָט זײַן גריכישער רבי אים געלערנט, איז דאָס העכסטע גוטס, וואָס מען האָט נאָר צו פאָלגן. די נשמה, וואָס די געטער האָבן אין אונז אַרײַנגעגעבן, איז א טייל פון דער שלמות פון די געטער. די נשמה באַזיצן נאָר די חכמים, וועמען די געטער האָבן באַשאָנקען מיט א הע־כערן אינטעלעקט. פון דער נשמה פליסט ארויס די האַרמאָניע, וועלכע האָלט אײַן דײַנע תאוות, צוימט דײַנע אויסברוכן, ברענגט ארונטער דעם צוואַנג פון באַלאַנס. זי אײדלט אויס דײַנע שטרעבונגען, פירט דיך אויפן גאָלדענעם וועג, אין וועלכן דער חכם האָט צו גיין״.

מערקווירדיק: דער מאַן, וואָס האָט געפּרעדיקט דעם אמת, — דער מאַן, וואָס האָט נאָר אנערקענט איין גאָט — די געטלעכע שיינקייט, און איר העכסטן אַטריבוט — די האַרמאָניע, ווי דאָס העכסטע גוטס, וואָס דער מענטש באַדאַרף נאָכפאָלגן, איז מיט שטיפמוטערישער האַנט באַהאַנדלט געוואָרן גרויזאַם פון זײַנע געטער; פיליפּוס פון גדרה איז, נעמלעך, געווען א קאַליקע: א הויקערל פון פאָרנט און א הויקערל פון הינטן. די הויקערלעך האָבן אפּגעקוקט פון זײַן צו קורץ גריכיש העמדל, וואָס האָט אויפגעדעקט זײַנע קרומע, האָריקע פיס. דאָס הוי־קערל וואָלט מען נאָך געקאָנט פאַרדעקן מיט די פאַלדן פון דער טאָגע, האָט אָבער א מעכטיקע האַנט גענומען זײַן קאָפּ און געבויגן אים צו דער ערד און ער איז שוין געבליבן נידערגעדריקט אויפן גאַנצן לעבן, אז די אויגן זײַנע זאָלן נאָר זען די טריט פון זײַנע פיס, נישט די הערלעכקייט פון הימל, צו וועלכן ער האָט געשטרעבט. איך ווייס נישט, צי ער איז געווען אזוי געבויגן צו דער ערד פון זײַן געבוירן אָן, אָדער עס איז געווען א מום, וואָס ער האָט זיך אײַנגעשאַפּט אויפן וועג פון זײַן לעבן אין לויף פון יאָרן. וואָרעם איך האָב זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן ווי אזוי ער האָט, אזוי געבויגן צו דער ערד, געקאָנט אויספירן זײַנע פאַראַנטוואָרטלעכע פונקציעס, צוערשט ווי דערציער און באַגלייטער פון יוסף רמתי, דערנאָך ווי פאַרוואַלטער פון זײַנע גיטער. עס קאָן אָבער גרייט־לעך זײַן, אז ער איז שוין געווען באַשאָנקען מיט דעם מום, ווען ער איז אָנ־געקומען אין דינסט פון דעם אלטן רמתי. און אפשר טאָקע צוליב דעם מום האָט ער געמוזט זוכן זײַן ברויט אין ירושלים, וואו מען האָט נישט אזוי מקפיד געווען אויף דער שלמות פון קערפּער, וואָס ער אליין, פּי־ליפּוס, האָט געפּרעדיקט און געוואָלט, אז מען זאָל דערויף אַכט לייגן

אין זײַן נײַ־דערוואָרבענער אומגעבונג.

דער קערפּער־פעלער האָט אָבער פאר פּילפּול פון גדרה נישט געקאָנט זײַן א מניעה פאר זײַנע פונקציעס, וואָרעם נישט געקוקט אויף זײַן געבויגנקייט צו דער ערד, איז ער געווען זייער רירעוודיק, פלינק, און האָט, דאכט זיך, מער געזען ווי די, וואָס האָבן די אויגן אין שטערן, אנשטאָט אין זייער הויקער. און אפשר טאַקע צוליב זײַן פעלער האָט ער עס געזוכט דעם גאָט פון שלמות, וואָרעם ווי גערדיקט און געהויקערט דער גריך איז נישט געווען, האָט ער דאָך נישט געמאכט קיין אײַנדרוק פון א בעל־מום.

עס זענען פאראַן מענטשן, וועלכע זענען שלמותדיק אין זייער קערפּער־געביי, אָבער זיי מאַכן בײַ דער ערשטער באַגעגנונג דעם אײַנדרוק פון א קאַליקע, פון א בעל־מום, ווען אפילו זיי זענען גאַנץ אין זייער קערפּער. עס זענען ווידער פאראַן אזעלכע, וואָס ווי שטרענג און שלעכט זיי זענען נישט באַהאַנדלט געוואָרן פון גאָט, קאָנען זיי אָבער מיט זייערע גײַסטיקע, דערוואָרבענע מעלות אזוי קאָרעגירן זייערע פיזישע פעלערן, אז זיי מאַכן צורעכט מיט זייער האַלטן זיך דעם טעות פון זייער באַשעפער. זיי ברענגען זייערע פעלערן אין האַרמאָנישן אײַנקלאַנג מיט זייער פערזענלעכקייט, און דער מום, וואָס האָט געזאָלט ווערן א חסרון, ווערט גאָר א מעלה בײַ זיי. מיט זײַן אייגענער פּערזענלעכקייט האָט פּילפּול דער גריך ווידערגעשפּראָכן די היידישע לערע, וועלכע ער האָט פאַרטראָטן.

איך זע אים פאר מײַנע אויגן — דעם אויסגעדאַרטן, אויס ביינער און הויט צוזאַמענגעשטעלטן קינדישן קערפּער, ווי ער באַוועגט זיך פלינק אויף זײַנע דינע פיס, און אנשטאָט דעם קאָפּ, שטאַרצט דאָס הויקערל ארויס צום הימל. דער קאָפּ איז געזונקען צו דער ערד. זײַנע באַוועגונגען מיט זייער ריטמישער גראַציע באַשאַפן ארום זיך אזא שטילע מנוחהדיקייט, אז עס דאכט זיך, אז זײַן מום איז נישט קיין קללה, נאָר אן עלעגיש ליד, וואָס באַגלייט אים ווי א פערזענלעכער מאָטיוו. זײַן פנים, ווען ער האָט עס אויפגעהויבן פון דער ערד און אפירגעקוקט צו די מענטשן, האָט ארויסגעשטראַלט פון זיך א גייסטיקע רואיקייט, א דערהויבנקייט, וואָס האָט נישט באַאומרואיקט, נאָר ארײַנגעבראַכט אין א מנוחהדיקער שלמות. זײַן הויכער שטערן, זײַנע שיינע, שווארצע אויגן, וועלכע האָבן ארויסגעקוקט מיט ליבע און מחילה פון זײַן כמעט קינדישן פנים, פון די אויסגעוועלבטע, איידל־געבויגענע ברעמען מיט אויסערגעוויינלעך איידעלע בליקן, האָבן געוועקט נאָבלקייט אין יעדן האַרץ. און ווי קאַל זײַן קאָפּ איז נישט געווען, האָט ער דאָך פאַרמאָגט א קראַנץ גרויע האָר ארום זײַן ליסינע, וועלכע האָט אזוי זיך צוגעפּאַסט צו אים, ווי ער וואָלט באַקראַנצט געוואָרן פון דער נאַטור מיט א נצחון־קראַנץ, דערפאר וואָס ער האָט גובר געווען דעם פעלער, וואָס זי, די נאַטור, האָט אויף אים אָנגעוואָרפן.

איך האָב תמיד זיך געפרעגט: וואָס איז דאָס כאַראַקטעריסטישע אין אים, דאָס ספּעציפישע, וואָס גיט צו נאָבלקייט צו זײַן פּערזאָן? און איך האָב זיך איבערגעצייגט, אַז דאָס איז דער איידעלער טרויער, וועל־כער שײַנט ארויס פון זײַן פּנים, באַשײַנט זײַן קערפּער מיט האַרמאָני־שער גאַנצקייט. דער טרויער פון דעם גריך האָט גערירט יעדעס האַרץ, וואָס איז נאָר געקומען אין באַרירונג מיט אים; דער טרויער איז נישט געווען קיין רעזולטאַט פון דעם דעפעקט פון זײַן קערפּער, אָדער פון עפּעס אַנדערע מאַטעריעלע לײַדן, ניין, עס איז נישט געווען דער טרוי־ער פון פעלן, נאָר דער טרויער פון שלמות, דער טרויער וואָס קוועלט ארויס פון חכמה. די חכמה, וואָס האָט ארויסגעקוקט פון זײַנע גרויסע אויגן, האָט פאַרשפּרייט דעם טרויער, ווי א שלייער ארום אים. וואָרעם די חכמה, וואָס האָט ארויסגעקוקט פון זײַנע אויגן, איז נישט געווען קיין האָפענונג־ברענגענדיקע, ווי די חכמה וואָס האָט געשײַנט אויף מײַן רבינס פּנים. דער קלוגער בליק פון דעם גריכס אויגן איז געווען א יאושדיקער, פאַרצווייפלטער, — אויגן, וואָס האָבן שוין אַלצדינג גע־זען, און זייער בליק האָט אדורכגעשטאָכן אַלע נעבלען, וואָס רינגלען אונז ארום, דערגרונטעוועט ביז צום אין־סוף און דאָרט אַנגעטראָפן אויף פינצטערניש.

ווי ווײַט עס זענען זיך נישט פונאַנדערגעגאַנגען די וועגן פון מײַן רבין און פון דעם גריכישן פילאָזאָף, האָט זיי אָבער פאַרבונדן איין גרויסע תשוקה נאָך וויסן. פּונקט ווי מײַן רבי, האָט דער גריכישער פי־לאָזאָף זיך אויך עוסק געווען בײַטאָג און בײַנאַכט אין זײַן תורה און פון איר געוואָלט דערגייין דעם תכלית פון מענטשן, נאָר מיט דעם חילוק, וואָס מײַן רבי האָט געבלאָנדזשעט אין די פאַרצווײַגטע וועגן פון זײַן לערע, און אים האָט באַגלייט דאָס ליכט פון זײַן גלויבן; זײַן גריכישער אָפּאָנענט אָבער האָט זיך ארויסגעלאָזט אין דעם פינצטערן, צעבושעטן ים, וואָס רינגלט אונז ארום, ווען א שטערן, וועלכער זאָל אָנווײַזן דעם וועג וואָס זײַן שיף האָט זיך צו קערעווען, אָן דעם באַוואוסטזײַן, אַז עס איז ערגעץ־וואו דאָ א ברעג אָנצוקומען. דער פאַרצווייפלטער אומבאַ־וואוסטזיין האָט באַגלייט דעם גריך, ווי א טרויעריקער מאָטיוו. אָבער די תשוקה צו דערגייין דעם אמת איז בײַביידן געווען דיזעלבע. פּונקט ווי מײַן רבי, האָט דער פרעמדער געווידמעט זײַן לעבן פאַר אַן עולה תמימה צו זײַן חכמה. ער האָט נישט געהאַט קיין אַנדער באַגער. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע הנאה׳ס פון דער וועלט, האָט געהאַלטן זײַן גוף פאַרשקלאָפט צו דער נשמה, האָט געהאַסט אַלץ, וואָס קאָן אים אָפּציען פון זײַנע רעיונות און אַרײַנברענגען אים אין די שקלאַפן־שטריק פון דער וועלט, ווי דאָס ווײַב, וכדומה. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט חתונה צו האָבן, ווען אפילו דער רײַכער יוסף רמתי האָט אים געוואָלט שענקען איינע פון זײַנע שקלאַפינס, ער זאָל האָבן קינדער. ער האָט זיך אויס־געהיט פון לעבן, ווי ער וואָלט נישט געוואָלט דערמיט זיך מטמא־זײַן;

נאָר זײַן גאַנצן נפש געהאַלטן אין אַן אומבאַפּלעקטער בתולהשאַפט, ווי זיי האָבן דאָס געררופן, בתולה־נצחית — אייביקע יונגפרוילעכקייט, און זײַן ווידמענען זיך דער וויסנשאַפט האָט ער באַטראַכט ווי אַ הייליקע חתונה־האָבן מיט דער חכמה, אָדער ווי ער האָט עס אָנגערופן, מיט דעם אמת.

אין דעם פּרט איז ער ענלעך געווען צו מײַן רבין. זיי ביידע האָבן פאַר גאָרנישט געהאַט קיין אינטערעס, ווי נאָר צו דערקענען דעם אמת. און כאָטש די וועגן, דורך וועלכע זיי האָבן געזוכט דעם אמת, זענען בײַ זיי זיך פונאַנדערגעגאַנגען ווי מזרח און מערב, דאָך די תשוקה צום אמת האָט זיי ביידע צוזאַמענגעבונדן ווי ברידער. זיי האָבן געזוכט איינער דעם אַנדערנס חברותא. און ווען אפילו אין היץ פון וויכוח האָבן זיי אָפּטמאָל פאַרגעסן, אַז די רייד פון דער חכמה ווערן געפירט בנחת, האָבן זיי אָבער דאָך נישט געקאָנט לעבן איינס אָן דעם אַנדערן. זיי האָבן זיך אויפגעזוכט, און איינער האָט געפּרוווט פון אַנדערן לערנען און דער־גיין זײַן וועג.

פון וואָס האָבן זיי גערעדט און וואָס האָבן זיי געלערנט? אַלץ. מײַן רבי האָט געזוכט פון דעם גריכישן פילאָזאָף צו לערנען און צו דערגיין די ידיעות, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט פון זײַנע רביים וועגן די געזעצן פון דער נאַטור, וועגן אַלץ, וואָס עס האָט צו טון מיט גאָטס באַשעפענישן אויף דער ערד, וואָס די גריכישע פילאָזאָפן האָבן אויסגעפאָרשט און פאַרשריבן אין זייערע כתבים. וואָרעם וואָס מער זאַמלען וויסן, — האָט אונזער רבי געלערנט — אַלץ מער הייסט עס דערקענען גאָט. און וואָס מער מען דערקענט גאָט, אַלץ מער ליבט מען אים און מען האָט מורא פאַר אים, ווײַל מען זעט זײַן אומענדלעכע גרויסקייט. און ווי אַזוי קאָן מען דערקענען גאָט ווען נישט דורך זײַנע מעשים? ״די מעשים פון דײַ־נע הענט פאַרציילן פון דײַן הערלעכקייט״. — און ווי פיל זענען דײַנע מעשים, גאָט! — פלעגט ער אויסרופן, ווען ער איז געוואָר געוואָרן פון אַ נײַעם נאַטור־געזעץ, אָדער פון אַ מאַטעמאַטישער אויסרעכענונג, וואָס דער גריך האָט אים באַקאַנט געמאַכט מיט איר, — מײַן רבי האָט דעם טאָג געפילט זיך גליקלעך. דער גריכישער פילאָזאָף ווידער האָט פון מײַן רבין געוואָלט דערגיין דעם יסוד פון דער יידישער אמונה, אין וואָס עס באַשטייט די מאַכט פון יידישן גלויבן, וועגן די מצוות און מעשים פון הייליקן פון ישראל, און אויף וואָס די יידן שטיצן און באַ־גרינדן זייער אמונה אין דעם אומגעזעענעם אַלמעכטיקן. וואו זענען די לאָגישע אויספירן פאַר זײַן קיום און וואָס זענען די נישט־אָפּפרעג־לעכע באַווײַזן, אַז עס איז טאַקע דאָ אַן אויג, וואָס זעט, און אַ האַנט, וואָס פירט די וועלט.

וואָרעם אַלע שלעסער, וועלכע עפענען די אוצרות פון וויסן, האָט דער פילאָזאָף געקאָנט עפענען מיט דעם שליסל, וואָס זײַנע רביים האָבן אים איבערגעגעבן. נאָר איין שלאָס איז געווען פאַר אים שטענדיק פאַר־

שלאָסן. און דאָס איז געווען דער שלאָס, וואָס איז געהאָנגען אויף דער טיר פון גלויבן. און אָן גלויבן זענען אַלע ידיעות אונזערע ווי איינצלנע, צעוואָרפענע שטיינער, אפילו גאַנצע ווענט־פּאַסאַדן, אָבער קיין בנין איז עס נישט, — האָט מײַן רבי געלערנט, — „דו קאָנסט נישט וואוינען דערין". ערשט דער גלויבן בויט אַ בנין אויס די איינצלנע שטיינער. די אמונה איז געווען פאַרשלאָסן פאַרן גריך אויף זיבן שלעסער, ווען אפילו זייערע חכמים זענען דערגאַנגען דורך זייער תשוקה צו דעם אמת דורך דעם טייל פון חלק אלה' ממעל, וואָס איז אין זיי, ביז צו די טירן, וואָס פירן צו דער געטלעכקייט, — זענען זיי דאָך אינעווייניק קיינמאָל נישט אַרײַנגעקומען, ווײַל דאָס לעצטע טירל וואָס פירט צו די אינעווייניקסטע חדרי־חדרים, קאָן קיין חכמה, קיין תשוקה, קיין אויס־דערווײלטקייט נישט אויפעפענען, ווי נאָר דער בלויזער גלויבן. אַ פּראָסטער בשר־ודם, וואָס האָט נישט קיין וויסן, ווען ער האָט אָבער דעם גלויבן, קאָן יאָ אַרײַנקומען אין די חדרי־חדרים, — האָט מײַן רבי גע־לערנט — און דער גרעסטער פילאָזאָף, וועלכער האָט אָנגעזאַמלט חכמה אַזויפיל ווי די וואַסערן פון ים, ווען ער האָט אָבער נישט די אמונה, קאָן ער אין די חדרי חדרים נישט אַרײַנקומען.

און דער פילאָזאָף איז געשטאַנען אין דרויסן. נאָר די גרויסקייט זײַנע איז געווען, וואָס ער האָט געוואוסט, אַז ער שטייט אין דרויסן (אַנ־דערע וויסן עס נישט). און זײַן תשוקה אַרײַנצוקומען אינעווייניק איז געווען זייער שטאַרק, אַזוי ווי עס שטייט געשריבן: „ונפשי חשקה בה'", איז עס אפילו געזאָגט אויף די אומות־העולם, — אַזוי ווי אונזערע חכמים האָבן געלערנט, אַז דער פון די אומות־העולם, וואָס פאַרשטײט גאָט, איז גרעסער פון אַ כהן־גדול, און זײַן תשוקה קאָן אים דערבערענגען אונטער די פליגלען פון דער שכינה.

מײַן רבי נקדימון האָט גיזען דעם ניצוץ פון זײַן נשמה, האָט דער־פילט די תשוקה אין איר צו דערגיין דעם אמת, און ער האָט אים דורך דעם מקרב געווען. וואָרעם אונזער רבי האָט געזאָגט, אַז יעדע נשמה פון אַ מענטש איז אַ טייל פון דער געטלעכקייט און יעדע נשמה איז מסוגל מתקרב צו זײַן זיך צום געטלעכן פאָטער. און ווען אפילו זי איז נישט געשטאַנען בײַם באַרג סיני און האָט נישט גענומען אויף זיך דעם עול פון מלכות־השמים, אַזוי ווי די נשמות פון יידן, איז זי אָבער ראוי דורך דעם געטלעכן ניצוץ, וואָס זי האָט אין זיך, אַדורכצומאַכן פון זיך אַליין אַלע מדרגות, וואָס די יידישע נשמה האָט אַדורכגעמאַכט דורך דער לאַנגער קייט פון אונזערע דורות, צו דערפילן אין זיך דעם נאַ־טירלעכן כוח און מיט איין שפרונג זיך דערנענטערן צו איר מקור. דענסטמאָל איז זי אַזוי ריין און שטייט אויף דערזעלבער מדרגה ווי די יידישע נשמה, און נאָך העכער, ווײַל זי איז געקומען צו דער מדרגה מיט איר אייגענעם כוח און איר אייגענעם ווילן, און די נשמות פון אַלע אבות און אַלע נביאים און אַלע תלמידי־חכמים, וועלכע האָבן געלײַ־

טערט און דערהויבן אונזערע נשמות, זענען אויך אין איר. און ווער רעדט נאָך, ווען די נשמה איז פון א חכם, איז זי אוודאי מסוגל צוצוקו־מען צו איר מקור. און דער רבי נקדימון האָט געוואָלט העלפן דער נשמה פון חכם, וועלכע האָט זיך, נעבעך, געפּלאָגט אין איר פינצטערניש, צו באַפרייען זיך פון די שנירן פון זינד און עבודה־זרה, וועלכע האָבן זי געהאַלטן געבונדן. און ער האָט דורך דעם אים נישט אָפּגעשטויסן פון זיך און נישט אָפּגעשראָקן אים מיט חומרות און דינים, ווי די תּלמידים פון שמאי האָבן געטון, וואָס פלעגן שווער מאַכן דעם עול פון מלכות־שמים, נאָר ווי די תּלמידים פון הלל פלעגן זיך נוהג זײַן מיט גרים.

אָפטמאָל איז מיר אויסגעקומען דערבײַ צו זײַן, ווען מײַן רבי האָט געפירט וויכוחים מיט דעם גריכישן חכם איבער וועלטלעכע דינים. נאָר איינמאָל בין איך געווען אַן עדות פון א וויכוח צווישן רבין און דעם פרעמדן חכם איבער דער נצחיות פון דער מענטשלעכער נשמה. יאָ, אויך ז י י האָבן געהאַלטן פון דער אייביקייט פון דער נשמה, נאָר זיי האָבן געוואָלט דערגיין צו דער מדרגה נישט דורך דער אמונה, נאָר על־פּי־שכל, און זיי האָבן אָנגעווענדט דערבײַ סברות, וואָס, פאַר זיך גענומען, קאָן מען זיי אָפּפרעגן מיט אַנדערע סברות, וואָרעם דער מענטשלעכער לשון לאָזט זיך פיל אויסטײַטשן. און פונקט ווי מיט דער השגה פון אונזער שכל קאָן מען מחייב־זײַן דעם קיום פון דער נשמה, אזוי קאָן זי אָבער אויך מחייב־זײַן, חלילה, פאַרקערט.

דער געשפּרעך האָט זיך געדרייט ארום דעם, וואָס איז בעסער פאַר דעם מענטשן, — צי די בחירה, וואָס גאָט האָט אים געגעבן איבער דער בהמה און איבער דער חיה צו זוכן און צו געפינען אים, אָדער, חלילה, די בלינדקייט פון דער בהמה. דער פילאָזאָף האָט געטענהט:

— מיר האָבן קיין באַווײַז נישט, אַז מיר זענען טאַקע אַנדערש ווי די בהמה. מיר האָבן גאָרנישט אין דער האַנט, וואָס זאָל אונז באַרעכ־טיקן צו דעם שטאָלצן אויספיר. אונזער אינטעלעקט? יעדע חיה און יעדער וואָרעם איז באַשאָנקען פון דער נאַטור מיט א מיטל און א פאַר־טעל אײַנצושאַפן זיך חיונה און זיך ווײַטער צו מערן. אנשטאָט נעגל און ציין, זענען מיר באַשאָנקען געוואָרן מיט אביסל מער כיטרעקייט, וואָס מיר רופן עס שכל, און מיט אָט דעם מיטל האָבן מיר באַזיגט די שטאַר־קערע חיות. אָבער אין דער אמתן זענען מיר ווערעם, צו וועלכע עס איז מיט א קאַרגער האַנט אויסגעטיילט געוואָרן ספּק־טעג, געוואָרפן פון געבוירן אָן, פון אונזערע מוטערס בײַכער, אויף א פעלז, פול מיט שטרויכ־לונגען. אַלע זענען מיר געוואָרפן געוואָרן אין א שלאַנגען־גרוב, וואו דער שטאַרקערער פרעסט דעם שוואַכערן, און סײַ דער שטאַרקערער, סײַ דער שוואַכערער, איז א קערנדל, וואָס פאַלט אין דער לאָך פון דער מיל צעריבן צו ווערן אונטער דיזעלבע מילשטיינער. וואו איז דער באַ־ווײַז, אַז מיר זענען בעסער פון די ווערעם, אויב אויך בײַ אונז הערשט דאָס געזעץ פון כל דאלים גבר?

אָבער אונזער רבי האָט אים אָפּגעענטפערט:

— קומט און זעט די גרויסקייט פון באַשעפער. דורך דעם באַשאַף דערקענט מען אים, — האָט מײַן רבי אָנגעהויבן, — א וואָרעם האָט ער דעם מענטשן געמאַכט און מער ווי א מלאך וויל ער זײַן. אויב מיר זענען נישט מער ווי ווערעם, פאַרוואָס האָט ער אין אונז געוואָרפן דעם פאַר־לאַנג און דעם דאַרשט אים צו זוכן? נאָך אים צו בענקען? אים צו גע־פינען? הלמאי באַגניגענען מיר זיך נישט, מיר מענטשן, מיט דעמזעלבן גורל ווי די בהמה און די חיה. מיר וואָלטן דענסטמאָל בלינדערהייט אונזער גורל אָנגענומען פאַר גוט ווי יעדע חיה. מיר וואָלטן געפרעסן מיט לוסט דאָס ביסעלע פלייש, וואָס מיר באַדאַרפן פאַר אונזער חיונה, און מיר וואָלטן אָן קלאָג און אָן תרעומות געוואָרן די שפּײַז פאַרן שטאַר־קערן. צי ווייסט דען דער שטויב, אז ער ווערט צעשפּרייט פון ווינט איבער די פיר עקן? עס פרייט זיך יעדע בהמה מיט דעם ביסעלע גראָז, וואָס גאָט שיקט איר צו, דער וואָרעם — מיט דעם אינזעקט, וואָס פאַלט אים אין זײַן מויל ארײַן. פאַרוואָס האָט ער אונז נישט באַשאַפן ווי זיי? אין דעם דאָרשט נאָך גאָט איז שוין דאָ גאָט. קומט און זעט די אומות־העולם, וואָס מאַכן זיך געצן, ווערק פון זייערע הענט, און בוקן זיך צו זיי. פאַרוואָס טוען זיי דאָס? ווײַל זיי זוכן גאָט, זיי בענקען נאָך אים. דורך זייער עבודה־זרה דינען זיי דעם איינציקן לעבעדיקן באַשעפער. זייערע אויגן זענען טאַקע בלינד, זיי זוכן אין שלעכטע וועגן, אָבער זייערע הערצער בענקען דאָך נאָך גאָט. זיי דאַרשטן דאָך נאָך אים. און אז עס איז דאָ דער דאָרשט, איז אויך דאָ דער געטראַנק. אָן געטראַנק וואָלט קיין דאָרשט נישט געווען. דאָס איז דער חסד, וואָס דער גאָט פון ישראל האָט געטאָן מיט דעם מענטשן, דעם בחיר־היצירה.

— מיר ווייסן נישט, אויב מיר זענען די געטער א דאַנק שולדיק פאַר דעם דאָרשט, וואָס זיי האָבן ארײַנגעוואָרפן אין אונז. אפשר איז עס גאָרנישט קיין חסד, וואָס זיי האָבן געטון מיט אונז, נאָר א רעה. מיר ווייסן נאָך נישט, וועמעס גורל עס איז בעסער, — דעם מענטשנס, וואָס ער איז באַשאָנקען מיט א שכל צו אַנאַליזירן און צו פאָרשן, אָדער טאַקע דער בהמה׳ס. דער מענטשלעכער שכל איז מער א חסרון ווי א מעלה, און מיר באַדאַרפן אים אָפּשוואַכן אין אונז, און אפשר טאַקע גאָר צוקער־מען צו דער מדרגה פון דער בהמה. וואָס נוצט אונז דער שכל, אז מיר קאָנען מיט אים נישט אדורכשפּאַרן די וואַנט, אין וועלכער מיר זענען אײַנגעשלאָסן ווי אין א רינג, ווי יעדע אַנדערע בהמה, ניין, דעם אמת קאָן מען סוף כל סוף קיינמאָל נישט דערגייין.

— אָן גאָט — צו וואָס דאַרף מען האָבן דעם אמת? — האָט אונזער רבי געפרעגט.

— איז דער אמת נישט ווערט, אז מען זאָל אים זוכן פאַר אים אליין, נישט צו קוקן דערויף, אויב ער וועט אונז צופירן צו די געטער אָדער קעגן זיי?

— אָן גאָט איז נישטאָ קיין אמת. אָן אים זענען דאָ א סך אמתן. דער אמת איז איינער, ווי גאָט.

— אָבער, איר וועט מיר מוחל זײַן, לויט אונזער שכל, וואָס מיר באַנוצן, קומט אונז אויס, אז דאָס איז אָן ערגערע געצנדינערײַ ווי די, וואָס עס טרײַבן די באַרבאַרן. יענע, צום ווינציקסטן, ווייסן ווי זייערע געצן זעען אויס, אין וועמעס נאָמען זיי פירן אויס זייערע ווילדע מעשים, — זיי האָבן זייער באגרענעצטן אמת. איר אָבער ווייסט נישט, ווער אײַער גאָט איז, וואָס פאר א פאָרם ער האָט. דאָס איז נישט קיין דינען דעם איינציקן אמת, עס איז א געשריי אין דער פינצטערניש. איר ווייסט דאָך אפילו נישט, אויב עס איז דאָרט פאראן ווער, וואָס הערט אײַער רוף.

— נישט אין דער פינצטערניש, נאָר אין דער אומענדלעכקייט אַרײַן. און מיר גלויבן, אז דאָרט איז דאָ אָן אויער, וואָס הערט, אָן אויג וואָס זעט.

— אָבער דאָס איז דאָך בלינדע אָנערקענונג.

— יאָ, נישט נאָר בלינדע אנערקענונג, נאָר בלינדע ליבע.

— אָבער ווי אזוי קאָנט איר ליב האָבן דאָס, וואָס איר ווייסט נישט וואָס עס איז?

— מיר דערקענען אים לויט זײַנע מידות. און זײַנע מידות ליבן מיר; כאָטש מיר ווייסן נישט, ווער ער איז, און מיר קאָנען זיך נישט פאָרשטעלן אין אונזער מחשבה קיין פאָרם, וואָס קאָן אים דערהאַלטן. אונזער ליבע צו אים ווערט נישט ארויסגערופן דורך דער אָדער יענער מעלה, וועלכע די געטלעכקייט באַזיצט, ווי עס איז דער פאַל בײַ אײַך. אונזער ליבע צו אים איז אומבאַדינגט, אָן־תנאימדיק. דורך דעם איז זי די איינציקע, די אמתדיקע ליבע, ווײַל זי איז אומענדלעך, ווי דער אין־סוף.

— אָבער דאָס איז דאָך א געטער־פאַרערונג פון א מוילקראָט און נישט פון קיין מענטשן; פון א מוילקראָט וואָס האָט קיינמאָל נישט געזען די ליכטיקע שײַן, און דער ערד־קאַנאַל, אין וועלכן ער נאָרעט זיך, איז פאר אים די גאַנצע וועלט. אזוי זוכט איר אײַער גאָט מיט פאַרמאַכטע אויגן און אָן באַוואוסטזײַן. אָבער אונז, מענטשן, האָבן די געטער באַשאָנקען מיט דעם ליכט צו זען די הערלעכע שטראַלן פון דער זון, די רײַכע פאַרבן פון דער ערד, די שטערן און די בלומען, די וואָלקנס און די פעלדער, דעם גאַנצן שלל קאָלירן, וואָס אונזער אויג־אפּל נעמט אויף, — און דאָס פאַרזאָגט איר אײַער גאָט. מיר, מענטשן, וואָס די געטער האָבן אונז באַשאָנקען מיט דעם געפיל פאר ליניע, וואָס מיר פרייען זיך מיט אַלע ניואַנסן פון באַוועגונג, פון ציטער, פון טאַנץ און ריטם; מיר, וואָס פאַרמאָגן דעם חוש און דאָס געפיל פון הארמאָנישער גאַנצקייט, וואָס מיר פרייען זיך מיט דעם געזאַנג, וואָס די וועלן־פאַלדן וואַרפן אָן אויף אָ נאַקעטן קערפּער; מיר, וואָס קאָנען פעסטזעצן פאַר־

מען; מיר, וואָס די געטער האָבן אונז באַשאָנקען מיט דער העכסטער סגולה פֿון אַרײַנברענגען אָרדענונג אין כאַאָס, און מיט די געטער צוגלײַך ברענגען מיר אַרײַן האַרמאָניע אין באַוועגלעכע טײלן און גיסן דאָס אויס אין איין גאַנצקייט, — זאָלן מיר זיך אָפּזאָגן אין אונזער דינסט, אין אונזער פֿאַרהערלעכונג, אין אונזער געזאַנג צו די געטער פֿון די אַלע אַטריבוטן, וואָס די געטער האָבן אונז באַשאָנקען מיט זיי? מיר דינען אונזערע געטער מיט די העכסטע מעלות, וואָס די געטער האָבן אונז באַשאָנקען מיט זיי, מיט אונזערע אויגן, אויערן, געפֿילן, חושים, מיט דעם איידעלסטן און העכסטן, וואָס דער מענטש פֿאַרמאָגט, — מיט אונזער קונסט. נישט ווי איר. אײַער געטער־דינסט איז אַ געטער־דינסט פֿון מוילקרעט און אַנדערע ערד־ווערעם!

מײַן רבי האָט אַ ווײַל געשוויגן. זײַן פּנים, וואָס האָט קיינמאָל נישט פֿאַרלוירן דעם ליכטיקן אָנזען פֿון נחתדיקער מנוחה, איז פֿינצטער געוואָרן און טרויעריק, אָבער נאָר אויף איין סעקונדע. ער האָט זײַן שיינעם, גרויסן קאָפּ אויסגעבויגן צום באַלקן. די ווײַסלען פֿון זײַנע פּײַכטע, טונקעלע אויגן האָבן אַ גלאַנץ געגעבן, און ער האָט זיך אָנגערופֿן מיט אַ שמייכל אין זײַן געדיכטער באָרד אַרײַן:

— יעדער איינער פֿון אונז דינט זײַן געטלעכקייט לויט די אַטריבוטן, וואָס ער שרײַבט צו זײַן געטלעכקייט. אײַער באַגריף פֿון געטלעכקייט באַשטייט אין די אידעאַלע מענטשלעכע מעלות און איר מיט זיך צו דינען איר דורך די אידעאַלע מענטשלעכע מעלות, דורך שיינקייט, גבורה, האַרמאָניע. מיר שרײַבן צו אונזער געטלעכקייט נישט קיין מענטשלעכע, נאָר הימלישע אַטריבוטן: אומענדלעכקייט, אומצײַטלעכקייט, אומפֿאַרדאָרבנקייט. צוליב דעם קאָן אונזער פֿאַרהערלעכונג, אונזער דינסט צום לעבעדיקן גאָט נישט זײַן קיין מעלה, וואָס איז צײַטלעך, ערדיש, ענדלעך און פֿאַרענדערלעך. מיר זוכן אויס אין אונז דעם טייל, וואָס איז נישט מענטשלעך, וואָס איז אַ טייל פֿון דער געטלעכקייט אין אונז, אונזערע נשמות, און דורך דעם דינען מיר דער געטלעכקייט. מיר ווייסן נישט, וואָס פֿאַר אַ ליניע עס באַזיצט די נשמה, וואָס פֿאַר אַ קאָליר זי פֿאַרמאָגט, וואָס פֿאַר אַ פֿאַלדן איר קלייד וואַרפֿט, וואָס פֿאַר אַ באַוועגונגען איר קערפּער מאַכט. און דורך דעם נשמה־לשון רעדן מיר צו אונזער גאָט. דורך די נשמה־אויגן זעען מיר אונזער גאָט און דורך דעם נשמה־געפֿיל פֿאַרהערלעכן מיר אונזער גאָט. אונזער באַגריף וועגן גאָט איז געטלעך, ווײַל דער באַגריף איז אַ טייל פֿון אים. יאָ, מיר פֿאַרמאַכן אונזערע אויגן פֿאַר דער שיינקייט פֿון דער וועלט, כדי מיר זאָלן דערזען די אייביקע שיינקייט פֿון הימל. מיר פֿאַרשליסן אונזערע חושים פֿאַר דער האַרמאָנישער גאַנצקייט פֿון ד ע ר וועלט, כדי מיר זאָלן דערפֿילן די אייביקע שלמות פֿון יענער וועלט.

— אָבער וואָס רעדט איר זיך אײַן, אַז נאָר איר אַליין באַזיצט די סגולה פֿון נשמה? אויך מיר גלויבן אין דער אייביקייט פֿון דער נשמה,

אָבער די נשמה קאָן נישט זײַן א פּוסטער, הוילער עכאָ פון אן אומבאַוואוסטן אין סוף. די נשמה קאָן נאָר זײַן א סך־הכּל פון דעם גאַנצן סכום שיינקייט, דערהויבנקייט, גבורה, ליבע, פרײַנדשאַפט, מיט איין וואָרט, פון די אַלע אידעאַלן, וואָס מיר פאַרהערלעכן אין מענטשן. זי איז די וואָגשאָל, אויף וועלכער מיר וועגן די מעלות. מיר משפּטן זיי, לויט דער האַרמאָנישער גאַנצקייט, וואָס מיר דערפילן דורך אונזער נשמה. די האַרמאָנישע גאַנצקייט, וועלכע באַלאַנסירט אונזערע געפילן, איז אייביק און אומפאַרגענגלעך, ווײַל זי איז די שלמות, דאָס אידעאַלע אין אונז.

— יאָ, ווען מען גלויבט, אז עס איז דאָ א שר פון שלמות, ווען מען גלויבט, אז עס איז ערגעץ־וואו דאָ א קוואַל, פון וועלכן די שלמות קוועלט ארויס, קאָן מען אויך גלויבן אין דער שלמות פון דער נשמה. ווען איך מיין, אז עס איז דאָ דער כּולו־טוב, קאָן איך גלויבן אין דעם ניצוץ אין מיר, וואָס איז א טייל פון אים, וואָס באַזיצט זײַן אייגנשאַפט. ווען אָבער איך גלויב נישט, אז עס איז ערגעץ־וואו פאַראַן א מיטלפּונקט, וואָס איז דער איינציקער, דער אייביקער, דער נישט־אָפּפרעגלעכער אמת, דער איינציקער כּוח, וואָס איז כּולל אין זיך כּולו־טוב, און מײַן נשמה איז אָנגעבונדן אין אים און זי שעפּט אירע כּוחות פון אים, — איז פון וואַנען ווייס איך, אז דער כּוח פון מײַן נשמה איז טאַקע דער ריכטיקער, וואָס איך זאָל זיך איבערגעבן אין זײַן רשות? ווען אפילו איך זאָל אָננעמען, אז מײַן נשמה באַזיצט האַרמאָניע, איז ווער קאָן מיר זאָגן, אז איר האַרמאָנישע גאַנצקייט איז טאַקע דאָס גוטע, וואָס איך האָב נאָכצופאָלגן, אז דאָס, וואָס זי באזיצט, איז טאַקע די שלמות? טאָמער איז עס גאָר פאַרקערט, און נישט זי האָט רעכט און נישט זי באַדאַרף מען האָרכן, נאָר די תּאוות פון קערפּער, וואָס ווילן אונזער גוטס, און נאָך זיי באַדאַרף מען נאָכגיין? אז עס איז נישטאָ קיין דין ודיין, וואָס מען זאָל קאָנען משפּטן נאָך זיי!

דער חכם האָט זיך געמיט אויפצוהויבן זײַן געזונקענעם קאָפּ און פון זײַנע אויגן האָט ארויסגעשײַנט דאָס גוטע, אַלוויסנדיקע שמייכעלע, מיט וועלכן ער האָט באַזאָנפטיקט אַלע זײַנע קעגנער. ער האָט געקוקט אויפן רבין, וועלכער האָט זיך צעהיצט און צעקאָכט אין זײַנע רייד, מיט א רחמנותדיקן בליק, ווי מען קוקט אויף קינדער, און ער האָט זיך אָנגערופן:

— די געטער זענען געווען קאַרג צו אונז. אין דער פינצטערער נאַכט, אין וועלכער זיי האָבן אונז ארײַנגעשיקט, האָבן זיי נאָר איין לאַמטערנע אָנגעהאָנגען אויף אונזערע העלדזער, — און דאָס איז, דער שכל. מיט דער הילף פון דעם ליכט האָבן מיר אויפגעהויבן א קליינעם שטח פון אונזערע וואָלקנס. דער שכל באַלײַכט נאָר אונזערע נאָענטסטע טריט, אָבער א שפּאַן ווײַטער ווי אונזער שכל דרינגט ארײַן, איז ווידער פינצטער. רבי, איר שפּרינגט ארײַן אין דער אָן־סופדיקער געדיכטעניש

פון דער פינצטערניש, וועלכע איז פארמאַכט פאַר אונזערע אויגן מיט שוואַרצע ווענט, דערנאָך קומט איר ארויס פון דאָרט און איר זאָגט: „ביי דער ענד פון דער נאַכט איז אייביקער טאָג". די שטראַלן פון מיין ליכט ווערן אויסגעלאָשן ביי מיין נאָענטסטן טראָט. ווי אזוי קאָן איך וויסן, וואָס עס איז דאָרט אין דער נאַכט, אז איך בין דאָרט נישט געווען, אז איך קאָן זי נישט זען מיט מיינע אייגענע אויגן, אָדער דערפילן זי מיט אן אַנדער חוש, אחוץ די, וואָס זענען מיר פון די געטער איבער־געגעבן געוואָרן צו געווינען דערפאַרונגען?

— דורך דער פינצטערער וואַנט אדורכשפּרינגען קאָן מען נאָר מיט איין כוח, — און דאָס איז, דער כוח פון דער אמונה. אזוי ווי דער זינגער פון ישראל זאָגט: „צדיק באמונתו יחיה".

— אָבער וואָס איז אמונה, רבי? וואו געפינט מען זי? דורך וועלכע סגולה דערגרייכט מען צו דער מדרגה פון דער אמונה?

— דער וועג צו דער אמונה איז די אמונה אליין. דורך דער תשוקה צו גאָט דערפילט מען גאָט. ער אנטפּלעקט זיך פאַר אַלע, וואָס זוכן אים. בענקט נאָך אים, דאָרשט נאָך אים — און איר וועט אים דערפילן.

דער חכם איז שטיל געוואָרן. ער האָט ווידער געזונקען זיין קאָפּ צו דער ערד און איז געבליבן זיצן און שווייגן. זיינע אויגן האָבן אויס־געזען פאַרמאַכט און זיין גאַנצער גוף איז געווען אָפּגעשלאָסן און פאַר־כאַפּט אין איין־אייניציקן ריטם פון מנוחה, ווי ער וואָלט אוועק איינגאַנצן אין אן אַנדער וועלט. נאָך א לאַנגער ווייל האָט ער פּלוצלינג אויפגע־הויבן זיין קאָפּ פון אונטער דער נישט־געזעענער שווערער האַנט, וואָס האָט געדריקט זיין נאַקן. און פון אונטער זיין גרויסן שיינענדיקן שטערן האָבן זיינע אויגן געקוקט אויפן פּנים פון מיין רבין. דאָסמאָל האָבן זיי געהאַט פאַרלוירן דעם אַלוויסנדיקן בליק, און דער בטולדיקער, רחמ־מנות־אויסדריקנדיקער שמייכל איז אָפּגעווישט געוואָרן פון זיינע דינע ליפּן. דאָסמאָל זענען זיינע אויגן ברייט אָפּן געווען, ערנסט געווען, און זייערע שוואַרצאַפּלען האָבן ארויסגעפינקלט פון א פייכט־שטראַלנדיקן וואַסער־ים. ער האָט לאַנג געקוקט אויף מיין רבין מיט אן אויסדרוק פון צער און האָפענונג און האָט זיך אָנגערופן:

— אפשר איז דאָס דער וועג? אפשר באַהאַלט זיך דער אמת אין אומוויסן, און דערגרייכן קאָן מען אים נאָר דורך א שפּרונג אין דער נאַכט ארײַן, — ווי איר טוט עס, רבי?

— נישט אין דער נאַכט, נאָר אין אייביקן טאָג ארײַן.

דורך דער גאַנצער צייט, וואָס מיין רבי האָט געפירט דעם וויכוח מיט פּילפּוס פון גדרה, האָט דער נגיד יוסף רמתי געשוויגן. ער האָט מיט קיין וואָרט נישט געשטערט זייער געשפּרעך. נאָר זיינע אומרואיקע, שוואַרצע, לייכטנדיקע אויגן פון דעם ים קנייטשן ארויס — האָבן זיך געוואָרפן פון איינעם צום אַנדערן; אין זיינע דיקע ליפּן האָט מען גע־פילט דעם דאָרשט נאָך וויסן, ווי דעם דאָרשט נאָך וואַסער. זיין פּנים

איז געווען באַשאַטן מיט איידעלער זאָרג, וועלכע האָט צעשטערט די רואיקייט, ווי די שטראַלן פון דער לבנה רודערן אויף די כוואַליעס פון אַ טײַך. נאָכן געשפּרעך האָט ער זיך אויפגעהויבן פון זײַן אָרט, — נישט פריער איידער די חכמים האָבן זיך אויפגעהויבן, — און איז ארויסגעגאַנגען מיט די חכמים אויף דער זײַלן־טעראַסע, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט פון זײַן ביבליאָטעק ארויס. די נאַכט איז געווען אַ וואַרעמע און אַ ליכטיקע. די זאַמדיקע ווענט פון די מואב־בערג האָבן געגלימערט אין ליכט פון די שטערן, ארויסהויבנדיק זיך אין דער נאַכט ווי שטרענגע ווענט, וואָס שליסן אָפּ די וועלט. יוסף רמתי איז געשטאַנען צווישן די זײַלן אויף זײַן טעראַסע און האָט געקוקט צו די בערג, — נאָר זײַן בליק, האָט זיך גערדאַכט, וואַנדלט ווײַטער און וויל דערגיין וואָס עס איז אויף יענער זײַט וואַנט.

ער האָט געשוויגן, נאָר דער טאָפּלטער, געדיכטער שאָטן פון זײַן קערפּער איז געפאַלן איבער דער מאָזאַיִק־אויסגעלייגטער רצפה פון דער טעראַסע און געבראָכן זיך אויף אַ ווײַסער מאַרמאָר־זײַל. דער שאָטן האָט נאָך מעכטיקער אויסגעזען ווי זײַן קערפּער און האָט, דאַכט זיך, אויך געקוקט אריבער די מואב־בערג צו דערגיין, וואָס עס איז אויף יענער זײַט...

קאַפּיטל זיבן

און פיליפּוס פון גדרה, וועלכער האָט קיינמאָל נישט געוואַגט קיין טריט צו טון, ווען דער טריט איז נישט באַלויכטן געוואָרן פון „דער לאָמפּ, וואָס די געטער האָבן אויפגעהאָנגען אויף זײַן האַלדז — דעם שכל", איז וואָס אמאָל אַלץ מער געוואָרן געצייגט נאָכצוטון די רביים און „צו געבן אַ שפּרונג אין דער פינצטערניש", ווי ער האָט עס אָנגערופן דאָס באַקערן זיך צו דעם אומבאַוואוסטן גאָט, וואָס די יידן האָבן געפּרעדיקט. ער איז וואָס אמאָל אַלץ מער באַצויבערט געוואָרן פון די הערלעכקייטן, וואָס די רביים האָבן ארויסגעשעפּט פון דער אומבאַוואוסטער נאַכט ארויס. דער הערלעכסטער צויבער אָבער, וואָס האָט אים באַוועגט צו טון דעם שריט, איז געווען דאָס וואַרטן אויף אַ משיח, וואָס זאָל קומען ווי אַ שליח פון הימל און האַלטן אין זײַן האַנט די לעצטע וואָג, וואָס גאָט האָט אים געגעבן, נאָך איר צו וועגן די באַגריפן פון גוט און שלעכט, לויט אירע וואָג־שטיינער אויסצוגלײַכן אַלע אומגלײַכקייטן, צו ברענגען די גאַנצע מענטשהייט אונטער אַ הימל, וואָס דאָס אייביקע גוטס וועט דאָרט הערשן.

פיליפּוס פון גדרה, וועלכער איז דערצויגן געוואָרן אין אַ וועלט,

וואָס האָט נישט געקענט דעם באַגריף פון רחמנות, וועלכער האָט צוגע־זען פון זײַן קינדהייט אָן ווי מענשלעכע לעבנס ווערן געוואָרפן צו די פּיס פון ווילדע חיות, צום שפּיל פון אַנדערע מענטשן, נישט נאָר אין די אַרענעס, נאָר אויך אין די גאַסן, ער, וואָס איז אויך געווען א קרבן, אליין א געוואָרפענער אונטער די פּיס פון דער חיה נויט, גע־שלעפּט פון זײַן היים און פאַרקויפט אויפן שקלאַפן־מאַרק פון טירה ווי די נידעריקסטע בהמה, — און עס האָט אים קיינמאָל נישט אויסגע־וויזן, אז עס באַדאַרף אַנדערש צו זײַן, — האָט, אונטער דעם אײַנפלוס פון מײַן רבינס לערע, אָנגעהויבן זיך צוקוקן צום גאַנג פון לעבן, און־טערשיידן צווישן גערעכט און אומגערעכט, איז סענסיטיוו געוואָרן אויף עוולות, אייפערזיכטיק אויף דער גערעכטיקייט פון גאָט. ער האָט אָנ־געהויבן וואָס אמאָל אַלץ מער זיך פאַראינטערעסירן מיט דער יידישער לערע. דער אַראַמייאישער דיאַלעקט איז אים געווען באַקאַנט. באַלד האָט ער זיך אויך אויסגעלערנט דעם העברעאישן דיאַלעקט, און אונטער דער פירערשאַפט פון מײַן רבין איז ער באַקאַנט געוואָרן מיט דער לערע פון גאָט, ווי זי דריקט זיך אויס דורך דער תורת־משה און דורך די רייד פון די נביאים.

מײַן רבי האָט אָפּגעגעבן פאַרן חכם זייער פיל צײַט. ער האָט מיט אים געלערנט די געזעצן פון דער תורה, אויסגעטײַטשט פאַר אים די שווערע שטעלן און געלערנט אים צו גיין אין גאָטס וועגן, ווי מען לערנט א קינד, וועלכער שטעלט די ערשטע טריט. ער פלעגט אָפט פאַרנאַכ־לעסיקן זײַנע תלמידים צוליב דעם פרעמדן. ער האָט אַרויסגעוויזן פאַר אים א מערקווירדיגע געדולד, האָט פאַרבראַכט מיט אים טעג און נעכט און אָפּגעענטפערט אויף אַלע זײַנע שטעכעדיקע פראַגעס, אַבי נאָר צו ברענגען דעם פרעמדן אַליין צו דערפילן גאָטס ליבע אין זײַן האַרץ, אז ער זאָל מיט זײַן אייגענעם גוטן ווילן אַרײַנקומען אין ברית פון אברהם.

מיר, זײַנע תלמידים, האָבן זיך געוואונדערט איבער דעם, וואָס דער רבי גיט אָפּ אזוי פיל צײַט פאַר דעם איין־איינציקן פרעמדן און פאַרנאַכלעסיקט אונז, זײַנע תלמידים. און ווען אפילו מיר האָבן פאַר־באָרגן אונזערע טענות אין אונז און, חלילה, מיט קיין וואָרט נישט אַרויסגעוויזן אונזער אומצופרידנהייט, האָט עס דער רבי דאָך דערפילט. ער האָט אונז איינמאָל אויפגעקלערט די זאַך אזוי:

— איר וואונדערט זיך, וואָס איך גיב זיך אזוי פיל אָפּ מיט דעם איין־איינציקן גוי אים צו דערנענטערן צו גאָט און איך פאַרנאַכלעסיק אײַך, מײַנע תלמידים, וויל איך אײַך דערויף ענטפערן מיט א משל, וואָס איך האָב געהערט פון מײַנע רביים: — דוד המלך האָט געזונגען: ה׳ שומר את הגרים — גאָט היט די פרעמדע. צו וואָס איז די זאַך געגליכן? די זאַך איז געגליכן צו א מלך, וואָס האָט פאַרמאָגט א גרויסע סטאַדע קליין־פי. יעדן פרימאָרגן האָבן דעם קעניגס שעפער־יונגען געפירט די סטאַדע אויף דעם שאָף־פעלד צו פאַשען זיך און יעדן אָוונט האָבן די

שעפּער־יונגען אײַנגעזאַמלט די סטאַדע צוריק אין קעניגס שטאַלן אַרײַן אויף צו נעכטיקן. איינמאָל האָט אַ קליין הירשעלע זיך צוגעחברט צו די ציגן און אָנגעהויבן זיך צו פּיטערן מיט זיי צוזאַמען. אין אָוונט, ווען די שעפּער האָבן די סטאַדע אהיימגעבראַכט אונטערן דאַך, איז דאָס הירשעלע מיטגעקומען. אין פרימאָרגן איז דאָס הירשעלע ווידער אַרויס־געגאַנגען מיט די שאָף צו פּאַשען זיך אין פעלד. און אַזוי האָט עס שוין געטון יעדן טאָג. דער קעניג האָט באַמערקט דאָס הירשעלע און האָט עס זייער ליב באַקומען. ער איז אַרויסגעגאַנגען אין פעלד אַרויס און צוגעזען ווי עס פּיטערט זיך צוזאַמען מיט זײַנע שאָף. אַזוי האָט ער גענומען אַן אייגענעם שעפּער־יונג און באַשטימט אים צו פּיטערן דאָס הירשעלע און אָנגעזאָגט אים, אַז ער זאָל אויפּפּאַסן דערויף, אַז קיינער זאָל אים קיין שלעכטס נישט טון. איינמאָל, ווען דאָס הירשעלע איז מיט די שאָף געקומען אין אָוונט צוריק אין הויף אַרײַן, און דער קעניג האָט דערזען דאָס הירשעלע אינמיטן פון זײַנע שאָף, האָט ער באַפוילן דעם שעפּער: „גיי און טרינק עס אָן פריער פאַר אַלע שאָף". אַזוי האָבן די שעפּער־יונגען זיך געוואונדערט דעריבער און געפרעגט דעם קעניג: „אָ, האַר, דו האָסט אַזוי פיל שאָף, ציגן און רינדער, און דו האָסט אונז קיינמאָל נישט געזאָגט, ווי אַזוי מיר זאָלן אויפּפּאַסן אויף זיי, און איבער דעם איינציקן הירשעלע באַפעלסט דו אונז יעדן טאָג?" — האָט זיי דער קעניג געענטפערט: „עס איז די געוואוינשאַפט פון שאָף אַרויסצוגיין יעדן פרימאָרגן צו פּאַשען זיך אויף די לאָנקעס און יעדן אָוונט אהיימ־צוקומען צו שלאָפן אונטער באַדעקנס. הירשן אָבער נעכטיקן דרויסן אין מדבר. עס איז נישט זייער דרך צוצוקומען צום מענטשנס געצעלט. דאָס איינע האָט פאַרלאָזט דעם גאַנצן גרויסן מדבר, אַלע זײַנע ברידער און שוועסטער־חיות, און איז צו אונז מיט זײַן אייגענעם גוטן ווילן גע־קומען אונטער דעם צאָם פון אונזער הויף. זאָלן מיר זיך נישט אָננעמען פאַר אים מער ווי פאַר אונזערע שאָף?" און אַזוי, — האָט דער רבי אויס־געפירט, — מוזן מיר מיט באַזונדער האַרציקייט אומגיין מיט אַ גר, וואָס האָט פאַרלאָזט זײַן פאַמיליע, זײַן פאָטערס הויז, זײַן פאָלק און די גאַנצע וועלט, און איז מיט זײַן גוטן ווילן געקומען צו אונז צו גיין.

ווען פיליפּ פון גדרה איז געווען אַרײַנגעטראָטן אין ברית פון אברהם אבינו און האָט דורך דעם באַקומען דעם נאָמען „אברהם בן אברהם", האָט ער מער נאָך פון די אײַנגעבוירענע יידן זיך איבערגע־געבן אינגאַנצן דער משיחישער אידייע. ער איז אָנגעשטעקט געוואָרן מיט די פאַנטאַסטישע האַלוצינאַציעס וועגן משיחן, און אָנגעהויבן, ווי איינער פון די יידן, אויסצוואַרטן אויף דעם, וואָס באַדאַרף באַלד קומען די וועלט אַרײַנצוברענגען אין שלמות אַרײַן. ער האָט אויף משיחן אויפּ־געהאַנגען אַלע זײַנע האָפענונגען, וואָס ער האָט געוואָרעמט אין די באַהעל־טענישן פון זײַן האַרץ, פאַרשטעלט דורך דרויסנדיקער רואיקייט, — די האָפענונגען, וואָס ער האָט געטראָגן נישט נאָר פאַרן כלל, נאָר אויך פאַר

זיך אַליין. דער קאַלטער סטאָ‏יִקער, וואָס האָט אויסגעזען אײַנגעפרוירן אין זײַן דיסציפּלינירטן באַלאַסט, וואָס ער האָט אַליין אָנגעוואָרפן אויף זיך, האָט אָנגעהויבן זען וויזיעס און רעדן וועגן דער אייביקער שלמות, וואָס וועט אַרײַנטרעטן מיט דעם קומען פון ד ע ם, וואָס ווערט דערוואַרט. און גערעדט האָט ער נישט וועגן א פילאָזאָפישער שיטה, אין וועלכער זײַן גלויבן האָט זיך באַהאַלטן ביז איצט, אָדער פון אַן אויסגעחלומטן אידעאַל, נאָר וועגן א זאַך פון רעאַלערווירקלעכקייט, וואָס באַדאַרף טרעפן הײַנט אָדער מאָרגן, יעדער מינוט פון אונזער לעבן.

מען האָט אים באַדאַרפט זען, דעם געהויקערטן חכם, וועלכער האָט איצט פאַרשטעלט זײַנע צוויי פוקלען מיט דעם לאַנגן ציצה־כנפות, וואָס ער האָט געטראָגן אויף זײַן קלייד, ווען ער איז געגאַנגען אין בית־המקדש הויף צו ברענגען זײַן רייניקונגס־קרבן. ער האָט מיט שטרענגקייט געהאַלטן די געזעצן פון ריינקייט, מיט א פעדאַנטישקייט, וואָס זײַן נאָטור האָט אויפגעצויגן אין זיך דורך האַרטער דיסציפּלין. ער האָט אויפגעפּאַסט אויף אַלע דינים, נישט נאָר אויף די לײַכטע און ווינציקע, וואָס ער האָט, ווי א צוגעהעריקער צו א יידישער שטוב, געהאַט אויפצופּאַסן אויף זיי ביז איצט, — די דינים, וואָס די פּרוי האָט אויפצופּאַסן אויף זיי, — נאָר אויך אויף די קאָמפּליצירטע רייניקונגס־געזעצן, נישט ווינציקער ווי א שטרענגער פּרוש, אבי נאָר צו זײַן פאַרגעברייט אויפצונעמען משיחן, ווען ער וועט אָנקומען.

מערקווירדיק: מער פון אַלע אַנדערע אין מײַן רבינס קרײַז איז ער אָנגעשטעקט געוואָרן מיט דער מעסיאַנישער אידייע פון דעם חבר אין מײַן רבינס חברותא, יהודה איש קריות. דער יהודה איז געווען א מאָדנער מענטש, א וויזיאָנער, א טרוימער, וואָס האָט געגלויבט אין משיחן מיט אזא רעאַליסטישקייט, אז ער האָט זיך אײַנגערעדט, אז ער באַגעגנט משיחן יעדן טאָג אין גאַס, אין שול, אין בית־המקדש־הויף. יהודה פלעגט זיצן מיטן גריכישן פילאָזאָף אין יוסף רמתיס הויז און מיט אים אזוי אײַנטענהן, אז די צײַט פאַר משיחן איז רייף און ער מוז יעדן אויגנבליק זיך באַווײַזן, אז דער אָרעמער פילאָזאָף האָט פאַרלוירן גאָר אינגאַנצן דעם לעצטן רעשט פון זײַן האַרט־דערוואָרבענעם, סטאָ‏יִשן לעבנסבאַנעם, און זיך אָנגענומען מיט אילוזיעס ווי איינער פון די יידן. זײַן אײַנגעפרוירענע, סטאָ‏יִשע נאַטור איז צערונען געוואָרן אונטער די וואַרעמע שטראַלן פון יהודהס אָריענטאַלישער פאַנטאַזיע. יהודה האָט געגלויבט, אז משיח איז שוין דאָ מיט אונז, נאָר מיר דערקענען אים נישט. און ער פלעגט אַלעמאָל קומען אַרײַנצולויפן צו אונז אין בית־מדרש אַרײַן מיט אַן אויפגעריסענעם מויל, פול מיט פרייד: עס האָט זיך אים אָפּגעדאַכט, אז ער האָט אים געזען. ער האָט אויך מיט זײַנע פאַנטאַסטישע אילוזיעס אָנגעשטעקט דעם טרוקענעם פילאָזאָף. זיי האָבן ביידע זיך אַרויסגעלאָזט צו זוכן משיחן. זיי האָבן אויסגעקוקט צו די בערג אַרום ירושלים, אָבער עס האָט זיך נישט באַוויזן אליהו הנביא, וועלכער

באַדאַרף אָנקומען ווי א הירש צו שפּרינגען איבער די בערג און אָנזאָגן די בשורה. די פֿײַער־פֿלאַמען, וואָס די חכמים פון די סנהדרין האָבן געלאָזט ברענען בײַנאַכט אין די בערג אויף אָנצוזאָגן די פּראָווינצן דאָס אָנקומען פון ערשטן טאָג פון חודש, האָבן זיי, יהודה איש־קריות און פיליפּוס פון גדרה, אָנגעגנומען פאר משיח־צייכנס און איבערגעשראָקן מײַן רבין מיט איבערגעאײַלטע בשורות. עס איז געווען, ווי זיי וואָלטן ביידע געוואָלט אקעגנלויפן משיחן, פאָרויסלויפן דער צײַט, כדי אים ארויסצוכישופן פון דער אומבאַשטימטער צוקונפט.

א מאָדנער מענטש איז ער געווען, דער יהודה. ווען איך בין אָנגעקומען צו מײַן רבין, איז ער שוין פון לאַנג אָן געווען א חבר אין דער חברותא. ער האָט געהאַלטן אין זײַן האַנט א מלאכה, ער איז געווען א טעפּ־קלעפּער. א האַלבן טאָג האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט זײַן מלאכה, ווי יעדער תלמיד־חכם, וואָס איז זיך מפרנס מיט זײַנע הענט. ווי מײַן רבי, האָט ער אויך נישט געהאַט קיין ווײַב. ער האָט נישט געוואָלט באַזיצן קיין משפּחה. ער האָט אפילו נישט געהאַט קיין היים. זײַן גאַנץ לעבן, זײַנע אַלע טעטיקייטן, דערוואַרטונגען און וואונשן זענען באַשטאַנען אין דער איינאיינציקער תשוקה: מ ש י ח! ער פלעגט ארומגיין ווי א פארחלומטער. איך פלעג אים אָפּט זען, ווי ער איז געזעסן איינער אליין אין א ווינקל פון בית־מדרש מיט פארמאַכטע אויגן. איך האָב געמיינט, אז ער שלאָפט. ווען מען איז אָבער צוגעקומען צו אים נענטער, האָט מען געהערט, אז ער רעדט צו זיך אליין. ער האָט איבערגעחזרט פּסוקים פון ישעיה הנביא אָדער פון ספר חנוך, וואָס באַציִען זיך אויף דעם קומען פון משיח. ער האָט געמאַכט אָן אײַנדרוק פון א מענטשן, וואָס לעבט נישט אין ד ע ר וועלט, נאָר אין די משיחישע צײַטן. ער פלעגט אָפּטמאָל אליין לאַכן פון זיך, טרויעריק ווערן אָן א סיבה און אויך פריילעך ווערן אָן סיבה. די אילוזיעס איבער משיחן האָבן אים ארײַנגעטריבן אָפּטמאָל אין א צושטאַנד פון עקסטאַז; ער פלעגט אוועקפאַלן אויף דער רצפה פון בית־מקדש, א שוים האָט זיך געזעצט אויף זײַנע ליפּן, און ער האָט אָנגעהויבן נביאות צו זאָגן וועגן ביאת־משיח. א ווײַל שפּעטער האָט ער זיך ארומגעדרייט אין בית־המקדש־הויף און האָט דאָרט ארומגענישטערט, ארומגעשפּאַנט, געזוכט צווישן די פיל פרעמדע, וואָס זענען געקומען עולה־רגל זײַן, האָט זיך נאָכגעפרעגט, נאָכגעפאָרשט, — און יעדעס מאָל איז ער געקומען אין בית־מדרש ארײַן און האָט אונז איבערגעשראָקן מיט א נײַער בשורה: ער האָט געפונען משיחן!

אין בית־המקדש־הויף און אין גויים־געסל, צווישן די האַליעס, האָבן צווישן די פיל פרעמדע עולי־רגלניקעס, די רבנים און געלערנטע, זיך געפונען, פאַרשטייט זיך, פיל בעלי־חלומות, האַלב־ און גאַנץ־באַזעסענע, וועלכע האָבן געהאַלטן אין איין נביאות־זאָגן אויף משיחס קומען. פיל פון זיי האָבן זיך אליין אײַנגערעדט, אז זיי זענען די אויס־

דערוויילטע. דאָס בית־המקדש־געסל איז געווען א מקום־מסוגל פאר די בעלי־חלומות. דאָס אָרט איז געווען תמיד ווי אָנגעצויגן מיט דערוואַרטונג און האָפענונג. די עולי־רגלניקעס, אויסגעהונגערטע נאָך ישועה, דאָרשטיקע נאָך גאָטס אנטפלעקונג אין דער שלעכטער צײַט, אין וועלכער יידן האָבן געלעבט, האָבן תמיד, ווען זיי זענען געקומען עולה־רגל זײַן פון די נאָענטע און ווײַטע ערטער, דערוואַרט, אז בשעת זייער פארווײַלונג אין ירושלים וועלן געשען גרויסע נסים. זיי האָבן זיך ארומגעטראָגן מיט פארבאָרגענע האָפענונגען, אז זיי וועלן זײַן די גליקלעכע די זכיה צו האָבן צו זען משיחן אָנקומען אין בית־המקדש־הויף, אראָפּנידערן אויף א וואָלקן פון הימל. זיי זענען געווען א דאַנקבאַר פעלד פאר כלערליי אַוואַנטוריסטן, פאַנטאַסטישע וויזיאָנערן, מיט וועלכע עס האָט געווימלט אין בית־המקדש־הויף. די בית־המקדש־אויפזעער, די לוויימשע טויער־היטער, די רייניקער, די זינגער און די אַנדערע בית־מקדש־באַדינער, וועלכע זענען באַשטאַנען פון דעם שטיפמוטערלעך באַהאַנדלטן שבט, די אָרעמע לוויים, אזוי אויך די אָרעמע כהנים, וואָס די גרויס־כהנישע משפחות האָבן אונטערגעדריקט, — זיי, די באַדינער, האָבן נישט ווייניק מיטגעהאָלפן די מאַסן ארײַנצואַרבעטן זיך אין עקסטאַז פאר יעדן וויזיאָנער. די בית־המקדש־אויטאָריטעטן האָבן געהאַט א שווערע אויפגאַבע צו באַזײַטיקן אַלע וויזיאָנערן איידער זיי האָבן נאָך צײַט געהאַט אויפצופלאַמען די מאַסן. אָפטמאָל האָט מען געמוזט אָנווענדן גרויס טאַקט, מאַנעווורירן אזוי, אז די מאַסן זאָלן נישט רעוואָלטירן און נישט אָננעמען זיך פאר זייערע באַליבטע פירער. פיל מאָל איז עס געקומען צו געשלעגן, צו אויפשטאַנדן, וועלכע מ׳האָט געמוזט דערשטיקן איידער די רוימישע מאַכט איז געוואר געוואָרן וועגן דעם און האָט אָנגעהויבן זיך ארײַנצומישן צו מאַכן אָרדענונג, וואָס דאָס האָט שטענדיק זיך געענדיקט מיט בלוטפאַרגיסונג מצד דער רוימישער וואַך, וועלכע האָט נאָר אויסגעוואַרט אויף א געלעגנהייט צו שטילן איר בלוטדאָרשט אויף די פאַרהאַסטע יידן.

יהודה איש־קריות האָט תמיד זיך ארומגעדרייט צווישן די וויזיאָנערן, האָט זיך צוגעהערט צו זייערע פאַנטאַסטישע רייד, — און ער האָט געגלויבט אין זיי. איך זע אים, ווי ער וואָלט איצט געשטאַנען פאר מיר. ניין, ער איז נישט געווען קיין געלער און ער האָט נישט געהאַט קיין פלאַמעדיק־רויטע באָרד. ער איז געווען א טונקעלער, א הויכער, אן אויסגעדאַרטער, אן אויסגעמאָגערטער. זײַן שוואַרצע, מיט גרויע האָר באַצויגענע, באָרד איז באַשטאַנען אויס טראָלדן. מען האָט אָבער אָנגעזען, אז די גרויקייט פון זײַנע האָר איז געקומען איבער אים נישט פון עלטער, נאָר פון צרות און זאָרג. וואָרעם זײַנע אויגן זענען געווען נאָך יונג־פלאַמעדיקע, אומרואיקע, זוכנדיקע אויגן. זײַנע אויערן, גרויסע, ברענענדיקע אויערן, זענען געהאָנגען ווײַט־אָפּשטייענדיק פון זײַן פנים. זײַנע הענט האָבן קיינמאָל נישט גערוט, ער האָט זיי געשיקט

פאַרויס פאַר זיך. און אז ער איז געגאַנגען, זענען די ציצית פון זײַן ציצה־כּנפות, פאַרוואָרפן איבער זײַן זאַק־הילע, געשפּרונגען, ווי לעבע־דיקע שלאַנגען, און האָבן זיך געפּלאָנטערט צווישן זײַנע פיס. ער האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק פון א מײַלן־געשווינדן, יאָגנדיקן ווינט. זײַן מעיל איז קיינמאָל נישט געווען אויף אים אין אָרדענונג: אײַנגעהילט אין איין עק אירן, האָט די רעשט איבערקלייד זײַנס זיך געשלעפּט נאָך אים אויפן ברוק, און עס האָט זיך געדאַכט, ווי אן אָפּגעפּאַלענער פליגל, וואָס האָט זיך אָפּגעבראָכן פון זײַנע פלייצעס, שלעפּט זיך נאָך נאָך אים.

אָבער ווי ענטוזיאַסטיש ער איז נישט געווען, איז ער צוגלײַך אויך געווען דער גרעסטער סקעפּטיקער. די צוויי קעגנזאַצן האָבן זיך פאַר־קנאָטן, ווי זײַנע אָנגעצויגענע אָדערן, אין איין פּערזאָן. מײַן רבי נקדי־מון האָט געזאָגט אויף אים: „ער איז א מוטער, וואָס עסט אויף אירע אייגענע קינדער". אָט נאָר וואָס איז ער געקומען צולויפן צו אונזער רבין אין בית־מדרש אַרײַן מיט צעפּלאָמטע אויגן. איך זע אים איצט: זײַנע אויגן זענען געווען רויט, ווי נישט־אויסגעשלאָפן; די האָר פון זײַן קאָפּ זענען געשטאַנען ווי שטעכערס און די שטיקער שוואַרצע האָר פון זײַן פּנים אַראָפּ האָבן זיך אויפגעהויבן; מיט צערודערטע הענט, מיט דער פליענדיקער הילע פאַרוואָרפן אויף זיך, א שנירל פון זײַנע סאַנ־דאַלן אויפגעבונדן, — ער האָט זיי תמיד געהאַלטן אין איין פאַרלירן.

— איך האָב אים געזען! ער איז דאָ! ער איז צווישן אונז! מיט מײַנע אויגן געזען: ער שטייט אין בית־המקדש־הויף און דרשנט פאַר עולם. ד אָ ס א י ז ע ר ! — האָט ער געהאַלטן אין איין אויסרופן, ווען ער איז נאָך געשטאַנען הינטער דער טיר פון בית־מדרש.

מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם האָט ער אָנגעכאַפּט דעם רבין אונזערן בײַ זײַנע ציצות און ווײַטער גערופן:

— קום מיט מיר, נקדימון! משיח איז געקומען!

ער האָט אים אָבער באַלד פאַרלוירן. נאָך דעמזעלבן טאָג איז ער ווי־דער געקומען אין בית־מדרש אַרײַן מיט אן אַראָפּגעהאנגענעם קאָפּ, מיט אן אויסגעלאָשן פּנים, א פאַרשלאָסענער אין זיך, און האָט געשעמט זיך די אויגן אויפצוהייבן, אזוי ווי ער וואָלט צום עגל געדינט. ער האָט שוין נישט גערעדט וועגן משיחן. און האָט אים ווער געפרעגט: „וואָס איז מיט משיחן?" — האָט ער אָפּגעזיפצט מיט א זיפץ, וואָס האָט צעבראָכן זײַן לײַב, און אָפּגעענטפערט: — ווידער זיך טועה געווען.

אין דער היגזיכט האָט ער גאָרנישט געמאַכט קיין אײַנדרוק פון א תלמיד־חכם און איז אוודאי געווען דער קעגנזאַץ פון מײַן רבין, ר' נקדימון. מײַן רבי, ר' נקדימון, האָט, ווי דער דרך איז פון א תלמיד־חכם, נישט ארויסגעזאָגט קיין מיינונג, ביז וואַנען ער האָט נישט פריער חוקר־ודורש געווען. מײַן רבי האָט געציילט זײַנע ווערטער, ווי א קאַר־גער זײַנע רענדלעך. „דאָס וואָרט פון מויל איז א מעשה און מאַכט א רושם אין חלל. קיין כּוח אין דער וועלט קאָן עס נישט מער אויסמעקן",

— פֿלעגט ער אָפט זאָגן. און נאָך פֿלעגט ער זאָגן: „דער רבונו של עולם האָט איבערגעגעבן דעם מענטשן אין רשות צו באַשאַפֿן וועלטן מיט די ווערטער פֿון זײַן מויל. דורך דעם זײַט אָפּגעהיט מיט די ווערטער, וואָס איר ברענגט אַרויס פֿון אײַער מויל, וואָרעם איר קאָנט מיט זיי בויען אָדער צעשטערן וועלטן". צוליב דעם האָט מײַן רבי פֿאַראיבל געהאַט אויף יהודהן. און יעדעס מאָל, ווען יהודה איז געקומען אַ צעפּלאַמטער פֿון בית־מקדש־הויף מיט אַ נײַעם משיח אין זײַנע הענט, פֿלעגט דער רבי נקדימון אים דערמאָנען: יהודה, יהודה, געדענקסטו נישט, וואָס די חכמים האָבן געזאָגט? — „חכמים, זײַט אָפּגעהיט מיט אײַערע רייד!"

אָבער יהודה האָט נישט געקאָנט לעבן קיין איין טאָג, קיין שעה אפֿילו, אָן משיחן, און ער האָט שטענדיק געמוזט האָבן וועמען, וואָס ער האָט געקאָנט אויף אים אויסגיסן זײַן ענטוזיאַזם. מײַן רבי האָט אויף אים געזאָגט: „יהודה באַדאַרף האָבן אַ נאָגל, אויף וועלכן אָנצוהענגען זײַן גלויבן. דער רבונו של עולם איז אים ווייניק". אָבער יהודה אָן משיחן האָט קיין חיות נישט געהאַט אין זיך. קוים איז אַדורכגעגאַנגען אַ טאָג און יהודה האָט נישט געפֿונען קיין נײַעם משיח, איז ער געזעסן אויף דער שוועל פֿון בית־מדרש, זײַן קאָפּ אײַנגעקאָרטשעט צווישן זײַנע ביינערדיקע, שאַרפֿע אַקסל, ווי דער קאָפּ פֿון אַ פֿויגל צווישן זײַנע פֿליגל, זײַנע אויגן זענען געווען אויסגעלאָשן, און ער האָט געברומט אין זײַן באָרד אַרײַן: „מתי יבוא? מתי יבוא?". מײַן רבי פֿלעגט אים צוגלײַך טרייסטן און חוזק מאַכן אויס אים. ער פֿלעגט אים דערמאָנען דאָס פֿאָלקס־ווערטל, וואָס איז אַרומגעגאַנגען צווישן די וואַרטנדיקע מאַסן איבער דעם אַזוי לאַנג פֿאַרשפּעטיקטן משיח: „דער זון פֿון דוד וועט נישט פֿריער קומען, ביז עס וועט זיך אויסלאָזן די פּרוטה פֿון בײַטל"; אָדער: „דער זון פֿון דוד וועט נישט פֿריער קומען, ביז דער דור וועט נישט זײַן אינגאַנצן זכאי, אָדער אינגאַנצן חייב". און מײַן רבי האָט צוגעגעבן פֿון זיך: „גיי אַרויס אין גאַס, נעם צו דאָס געלט פֿון די מענטשן; מאַך די גאַנצע וועלט פֿאַר צדיקים אָדער פֿאַרוואַנדל אַלע אין רשעים, — און דער בן־דוד וועט קומען".

אַ געוויסע צײַט איז יהודה נאָכגעגאַנגען נאָך בר־אבאן. בר־אבא, דער פֿישערמאַן פֿון דער שטאָט יפֿה, האָט געחלומט צו ווערן אַ צווייטער יהודה קנאי. ער האָט געוואוסט, אַז דער זכרון וועגן דעם פֿאָלקס־העלד, וואָס האָט צוגערויבט דאָס געלט פֿון די רײַכע אויף די וועגן און צעטײלט עס צווישן די אָרעמע, איז נאָך נישט אויסגעלאָשן צווישן די מאַסן. דער שטאָלצער פֿאָלקס־רויבער, וואָס האָט געוואָרפֿן דאָס וואָרט קעגן רוים: „עס איז נישטאָ קיין אַנדער האַר ווי גאָט", לעבט נאָך צווישן די מאַסן. זיי האָבן געהערט פֿאַרציילן וועגן זײַנע מעשים פֿון זייערע עלטערן. און די יידישע מאַסן, אונטערגעדריקט סײַ פֿון פֿרעמדע, סײַ פֿון אייגענע הערשער, האָבן שטענדיק אויסגעקוקט אויף אַ פֿאָלקס־העלד, וואָס וועט קומען און פֿירן זיי קעגן די באַצווינגער, סײַ די פֿרעמ־

דע, סײַ די הײמישע. אין בית־מקדש־הויף האָבן שטענדיק זיך געפֿונען געגנוג אומצופֿרידענע, הײמלאָזע, באַרויבטע פֿון זײער האָב־און־גוטס, אַנטלאָפֿענע פֿאַר הלוואות און גנבות, אַנטלאָפֿענע קנעכט, — און בר־אבא האָט צווישן זײ געזוכט זײַנע אָנהענגער. ער האָט געגומען דאָס גרויסע וואָרט פֿון אַלטן הלל, וועלכער האָט געזאָגט: „אויב נישט איצט — ווען דען?”, און מיט דעם געזוכט אויפֿצופֿלאַמען די מאַסן נישט אַזוי קעגן דער הערשאַפֿט פֿון רוים, וואָס קעגן איר, האָט ער געוואוסט, קאָן ער זיך נישט פֿאַרמעסטן, נאָר קעגן די הײמישע טיראַנען, קעגן דעם הויז פֿון חנן און קעגן זײַן אײדעם, דעם הײַנטיקן כהן גדול, כיפא.

ער האָט געמײנט, אַז מיט זײַן באַגרענעצן דעם קאַמף קעגן די פֿאַרהאַסטע כהנים גדולים וועט ער געווינען אויף זײַן זײַט אויך די געלערנטע, די פּרושים, וועלכע זענען זײער פֿאַרזיכטיק און האָבן געראָטן דאָס פֿאָלק צו טראָגן דעם יאָך פֿון רוים מיט געדולד. זײ האָבן געוואוסט, אַז דאָס ײדישע פֿאָלק קאָן נאָר רעאַליזירן זײַן אידעאַל צו באַפֿרײַען זיך פֿון רוים נישט אויף דעם נאַטירלעכן וועג, נאָר דורך דעם קומען פֿון משיח. בר־אבא האָט דעריבער געוואוסט, אַז מיט אַ דירעקטן אָנפֿאַל אויף רוים וועט ער האָבן קעגן זיך דעם געלערנטן קלאַס. ער האָט אָבער זײַן ציל געוואָלט באַהאַלטן דורך אַ נעענטער און לײַכטער מיטל, דורך דעם קאַמף קעגן דעם הויז חנן: ווען דער קאַמף וועט זיך צעפֿלאַקערן, וועט אים שוין קײנער נישט קאָנען לעשן.

אַלײן אַ קינד פֿון די אונטערדריקטע ײדישע מאַסן, אַרויסגעשטופּט פֿון זײַן הײם, באַרויבט פֿון זײַן שיפֿל, וואָס ער האָט געפֿירט פֿון יפֿה־ברעג, זײַן אײנציקער פּרנסה־געבער, צוליב די שווערע מסים, וואָס די מוכסים האָבן בײַ אים צוגענומען, — אויפֿגעפֿרעסן פֿון די צינזן, וואָס די מלווה׳ס, נישט געקוקט אויפֿן שטרענגן געזעץ פֿון דער תורה, האָבן געריסן פֿון אים, — איז בר־אבא געקומען קײן ירושלים אויפֿמאָנען זײַן עוולה דורך אַן אויפֿשטאַנד קעגן רוים. ער האָט אָבער אײַנגעזען, אַז די לײַכטזיניקע צײַטן פֿון יהודה הגלילי זענען אַוועק. די פּרושים האָבן באַקומען מער מאַכט און אײַנפֿלוס אויף די מאַסן, — און זײ האַלטן זײ אין צוים. איבעריקנס, זענען נאָך פֿריש געווען אין זכרון וואָרוסעס שטראָף־עקספּעדיציעס; יעדער האָט נאָך געדענקט די פֿיל צלמים, אויף וועלכע מענטשן האָבן אויסגעהויכט אין גרויסע עינויים זײער לעצטן אָטעם, די צלמים, וואָס וואָרוס הרשע האָט פֿאַרזײט מיט זײ די ארץ־ישראל־וועגן.

קעגן רוים האָט בר־אבא געגרופֿן צו אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד דורך אויפֿהערן צאָלן שטײַערן. דערפֿאַר אָבער האָט ער זײַן כלי־זיין געשפּיזט קעגן דעם הויז פֿון חנן. די כהנים גדולים זענען קײנמאָל נישט געווען שטאַרק באַליבט בײַ די ײדישע מאַסן, נאָר די פֿאַרביטערטקייט, וואָס דאָס הויז פֿון חנן האָט אַרויסגערופֿן קעגן זיך, קאָן זיך נאָר פֿאַרגלײַכן מיט דער פֿאַרביטערטקייט, וואָס דער כהן גדול האָט אַרויסגערופֿן צו

זיך אין די צײַטן פון מתתיהו המכבי. די רויבערישע ממשלה פון די „בני־עלי“, ווי דאָס פאָלק האָט גערופן דאָס הויז פון חנן, האָט דענסטמאָל דערגרייכט איר העכסטן פונקט: אויף אַלץ האָבן זיי ארויפגעלייגט זייער רויבערישע האַנט, ארומנעמענדיק מיט א נעץ פון מאָנאָפּאָלן אפילו די געברויכן פון טעמפּל־דינסט.

קיינע מעשים־תעתועים זייערע האָבן אָבער נישט ארויסגערופן אזא פארביטערונג פון די מאַסן קעגן זיי, ווי דער וויסטער האַנדל, וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן פירן מיט דעם הייליקן אייגנטום פון בית־המקדש. די געקליבנסטע, די אויסגעזוכטסטע איילן, וואָס א טייל פון זיי האָט געטראָגן די לעגענדאַרישע טראַדיציע, אז זיי שטאַמען נאָך פון אהרן הכהנס צײַטן, זענען געווען פארעכנט פאר פאָלקס־אייגנטום; און נאָך פיל מער פון די איילן האָט דאָס פאָלק פארהייליקט דעם אַש פון דער רויטער קו, דעם אַש, וואָס איז געווען אן אבסאָלוטע נויטיקייט צום ריטואַל פון רייניקן זיך בײַם אָנרירן א טויטן קערפּער. דאָס פאָלק האָט געגלויבט, אז דורך באַשפּרענקלען זיך מיט וואַסער, וואָס האָט אין זיך כאָטש נאָר איין שטויבעלע אַש פון דער רויטער קו, ווערט מען נישט נאָר גערייניקט, נאָר אַלע זינד קאָנען דורך אזא רייניקונג פארטיליקט ווערן.

עס איז בײַ אונז, יידער, געטריבן געוואָרן א קולט פון טויטע. די לעבעדיקע האָבן גאָרנישט געקאָנט זיך שיידן פון א באַליבטן געשטאָרבענעם. עס פלעגט אָפט טרעפן, אז מוטערס האָבן געטראָגן מיט זיך ביינער פון זייערע געשטאָרבענע קינדער, נישט קאָנענדיק זיך גאָר שיידן מיט דעם לעצטן אָנדענק פון זייערע געליבטע. דער טויטן־קולט איז איבערגענומען געוואָרן פון די היידנישע שכנים, און די רבנים האָבן אים באַקעמפט. דאָס אָנרירן א טויטן קערפּער האָט געמאַכט א מענטשן אומריין, און כדי צו רייניקן זיך, האָט ער געמוזט זיך באַשפּרענקלען מיט וואַסער, וואָס האָט געהאַלטן אין זיך אַש פון דער רויטער קו. אָבער דער אַש פון דער רויטער קו איז געווען זייער קאָסטלעך צוליב דער געוואַלדיקער זעלטנהייט צו געפינען אן אַבסאָלוט־רויטע קו, ווײַל אויב א רויטע קו האָט פארמאָגט נאָר צוויי ווײַסע האָר אין איר פעל, האָט זי, נאָכן דין, זיך שוין נישט געפּאַסט פאר דעם צוועק. די באַזיצער פון אזא זעלטענער בהמה האָבן אויסגענוצט אזא גליקלעכן טרעף און געהייסן זיך באַצאָלן פאַנטאַסטישע סומעס. שליחים פון בית־המקדש זענען שטענדיק געווען אין וועג, נישט נאָר אין ארץ־ישראל אליין, נאָר אפילו אויסער אירע גרענעצן, ווי אין צור און צידון, און האָבן נאָכגעפאָרשט די שפּורן פון אזא רויטער קו. אמאָל אין א יובל האָט געטראָפן אזא גליקלעכער צופאַל. צוליב דעם איז דער אַש פון דער רויטער קו אין בית־המקדש געווען ווי איינער פון די טײַערסטע און הייליקסטע אוצרות, ווי א ירושה, וואָס די פארגאַנגענע דורות האָבן איבערגעלאָזט. ביז די בני־חנן זענען געקומען צו דער מאַכט איז דער אַש פון דער

רויטער קו באַנוצט געוואָרן פאַר רייניקונג־קרבנות, אָן חילוק סײַ פאַר אָרעם, סײַ פאַר רײַך, ווי אַ פּריווילעגיע פאַר יעדן יידן, וואָס האָט אַ רעכט אויף דעם פאָלקס־אוצר. די בני־חנן האָבן אָבער אײַנגעפירט אַזאַ הויכן אָפּצאָל פאַר באַנוצן דעם אַש פון דער רויטער קו צו אַ רייניקונג־קרבן, אַז אַן אָרעמאַן איז גאָרנישט ביכולת געווען דאָס צו דערגרייכן. דאָס האָבן זיך געקאָנט פאַרגינען נאָר די מעכטיקע און די רײַכע, זיי האָבן געקאָנט אָנרירן די טויטע. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, ארויסגע־רופן בײַ די מאַסן גרויס פאַרביטערונג און פּראָטעסטן.

בר־אבא האָט אויסגענוצט די אומצופרידנקייט פון די מאַסן. און עס זענען ארומגעגאַנגען ידיעות אין ירושלים, אַז אים שטיצן אויך אַנ־דערע כהנים־משפחות, וועלכע זענען אייפערזיכטיק געווען אויף דער לאַנג־דויערנדיקער הערשאַפט פון הויז פון חנן. אָן זייער שטיצע וואָלט ער אוודאי נישט געקאָנט זיך האַלטן אַזוי לאַנג אויף דער פרײַ און אויסשפּרייטן זײַן נעץ פון אײַנפלוס אויף אַזעלכע ברייטע שיכטן.

אַליין איז בר־אבא געווען אַ גראָבער, אומגעבילדעטער מענטש. אחוץ זײַן פאַרביטערטקייט, זײַן פּראָטעסט, זײַן אומפעיקייט צו טראָגן אַ שקלאַפן־צוים איבער זײַן מויל, וואָס דאָס איז, אגב, כאַראַקטעריסטיש פאַר יעדן יידישן מענטשן, האָט ער קיין אַנדערע אייגנשאַפטן נישט פאַרמאָגט: אַ גרויס מויל, וואָס האָט אין חוצפּהדיקע, אומגעהובלטע, גראָבע פראַזעס ארויסגעוואָרפן די ביטערקייט פאַר די מאַסן, וואָס איז בײַ יעדן איינעם אָנגעזאַמלט אויפן האַרצן. ער האָט אוודאי זײַן טעטי־קייט נישט געקאָנט אָנפירן עפנטלעך אויפן בית־המקדש־הויף, אין געסל פון די גויים. די שפּיאָנען פון כהן־גדול, די אומצייליקע אָפענע און גע־היימע אויפזעער, וועלכע האָבן זיך ארומגעדרייט צווישן די מאַסן אין בית־מקדש־הויף, האָבן געהאַלטן אויגן און אויערן וואַך פאַר יעדן וואָרט, פאַר יעדער באַוועגונג. די שומרים און שוטרים מיט זייערע בלײַערנע ריטער און שטעקנס זענען געווען אויפן אָרט, וואו עס האָט זיך נאָר פאַרזאַמלט אַ רעדל אויפגערעגטע מענטשן, און האָבן צעטריבן מיט אַ רעגן קלעפּ איבער די קעפּ די ארומשטייענדיקע צוהערער. דערפאַר אָבער האָט בר־אבא געפונען אַ ברייט פעלד פאַר זײַן טעטיקייט אין דעם אונטערשטן טייל שטאָט, בײַ דער זומפּיקער געגנט פון נחל־קדרון, בײַם מיסט־טויער, וואו די אָרעמקייט האָט געוואוינט, בײַ די שטענדערס פון די בעלי־מלאכות, בײַ די געוועלבלעך פון די מעל־ און אייל־קראָמען. אומגעריכט האָט בר־אבא זיך דאָרט באַוויזן. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ מילשטיין פון אַן אייל־דרעשער, אָדער אויף אַ קלאָץ פון אַ פאַרבער, און גערופן די מאַסן נישט צו צאָלן קיין מס צו רוים, צו אַן אויפשטאַנד קעגן די בני־חנן. ער האָט אויסגערעכנט אַלע עוולות, וואָס דאָס הויז פון חנן טוט קעגן זיי, ווי די פרײַז־העכערונג אויף טויבן־קרבנות, אויף מעל. און ווען ער האָט זיי דערמאָנט דעם אַש פון דער רויטער קו, וואָס חנן האָט פאַרשלאָסן פאַר זיי, האָט ער זיי אַזוי פונאַנ־

דערגעפלאָמט, אז ער האָט זיי געקאָנט דענסטמאָל פירן אויף א שטורעם קעגן די חנן־געוועלבער, ווען די משרתים פון כהן גדול וואָלטן נישט געווען פריער אָלאַמירט געוואָרן און פאַרטריבן די אויפגעברויזטע מאַסן מיט זייערע בײַטשן און שטעקנס.

איך האָב אים דענסטמאָל אָפט אָנגעטראָפן. אונזער בית־מדרש איז געווען אין דער שול פון די קוריניער, אין בשמים־געסל, אן אָפּנויג פון אַלטן מאַרק. אָפטמאָל בין איך אליין אן עדות געווען פון אזעלכע סצענעס: א טומל פון גאַס האָט זיך אַרײַנגעריסן אין אונזער בית־מדרש. אז מיר זענען ארויסגעקומען, האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף בר־אבאן, ווי ער שטייט, א צעשויבערטער, צווישן אן אויפגערודערטער מענגע. די האָר פון זײַן באַוואָקסענער ברוסט שטייען ווי אָנגעפיקעוועטע שפּילקעס. א פירקאַנטיקער, מיט ברייטע, שטאַרקע פּלייצעס. פון ברייטן מויל שיטן זיך ווערטער איבער די קעפּ פון די מאַסן, ווערטער פון פּײַן, פון שאַנד, פון אונטערטעניקייט, פון אָנמאַכט, ווערטער פּראָסטע, גראָבע, רויע, אומהיימלעכע ווי די גאַס, ווי די אָרעמקייט אליין. און זי, די מענגע, מיט פאַראָפּיעטע אויגן, מיט אויסגעקראַכענע האָר פון קאָפּ און באָרד — דורך פאַרשידענע קראַנקהייטן, — מיט אָשיג־בלוי־בלייכע פּנימער פון זומפּיקע היימען, די שאַנד זייערע באַקלײדט מיט צערי־סענע, פאַרפוילטע זאַק־העמדער, פון וועלכע עס הענגען אראָפּ שמוציקע, אין בלאָטע אויסגעווייקטע ציצית, — די מענגע הערט זיך צו צו די דונערדיקע רייד, וועלכע קומען ארויס פון צעשפּרייטע, באַבאָרדטע ליפּן, ווי געהאַקט מיט א האַקמעסער:

— „אײַערע ווײַבער גייען ארום טמאדיקע, באַפלעקטע מיט דעם בלוט פון זייערע ערשט־געבוירענע קינדער. זיי זענען אסור אויף אײַך, ווײַל זיי קאָנען נישט ברענגען דעם רייניקונג־קרבן; דער כהן גדול האָט אויפגעהויבן די פּרײַזן אויף די טויבן־קרבנות. ווער פון אײַך האָט די זכיה געהאַט צו ווערן באַשפּרענקלט מיט וואַסער, געמישט מיט דעם אַש פון דער רויטער קו נאָך דער קבורה פון אײַערע נאָענטע? איר זענט דאָך אלע טמאַ! איר טאָרט זיך דאָך נישט דערנענטערן צו דער עזרה פון בית־המקדש! אפילו צו דער דרויסנדיקער וואַנט קאָנט איר נישט צוקומען. איר זענט פאַרשטויסן געוואָרן פון גאָטס אָנבליק, אויסגע־שלאָסן פון גאָטס מחנה דורך דעם שלאָס, וואָס די בני־חנן האָבן אויפ־געהאַנגען אויף דעם טויער פון בית־המקדש. נאָר א גאָלדן שליסל קאָן אויפעפענען דעם שלאָס. און צו דעם הונגער, צו דער נויט און דער דחקות פון אײַערע לײַבער האַלטן נאָך אדומס קנעכט אײַערע נשמות אין שטענדיקער אומריינקייט. ער האָט אײַך געמאַכט מיט נבלות צו־גלײַך! עס שטינקט פון אײַך די טומאה, ווי מצורעים זענט איר!״

ער האָט געקאָנט פּיסקעווען, דער בר־אבא. פײַערן האָבן זיך אָנ־געצונדן אין די פאַרלאָשענע אויגן. פויסטן פון האַמערדיקע הענט האָבן זיך אויפגעהויבן אין דער הויך. דאָ און דאָרט האָבן די ווײַבער ארויס־

געגעבן פון זיך כּאַרכלדיקע יללות, נאָז־ און קעל־קלאַנגען ווי די גע־וויינען בײַ א טויטן. עס גליט זיי צוזאַמען איין כוח און שלעפּט זיי נאָך זיך ווי א שמאַטע. באַלד אָבער קומען אָנצולויפן די שוטרים. מען הערט דאָס ריפן און דאָס בלאָזן פון די שופרות, די סיגנאַלן אויף הילף, וואָס זיי גיבן אין בית־מקדש־הויף. אָפּטמאָל קומט מיט מיט זיי א פאַרשטאַר־קונג פון דעם רוימישן לעגיאָן, לעגיאָנערן אין קורצע, געפּאַנצערטע העמדער, מיט קורצע שווערדן; און אפילו גערמאַנישע רײַטער לאָזן זיך אמאָל אַראָפּ פון הורדוסעס פּאַלאַץ. זיי רינגלען ארום די אויפגערו־דערטע מאַסן און — בלײַערנע קאַנטשיגעס רעגענען איבער די קעפּ, קורצע שווערדן אַרבעטן. דאָ און דאָרט פּרווווט א גרופּע צו שטעלן א ווידערשטאַנד. זי ווערט אָבער באַלד איזאָלירט און אויפגעריבן אין איינצלנע פּגרים, וועלכע וואַלגערן זיך אין זייער אייגן בלוט צווישן צעטראָטענע טעפּ, האָניק־קריגן, מיט פאַרב באַפּלעקטע קליידער, אויף דעם אויפגעראַמטן, שטילן מאַרק־פּלאַץ.

אָבער בר־אבאן קאָנען זיי נישט באַקומען. הויכע פּרײַזן זענען גע־שטעלט געוואָרן פון כהן גדול פאַר זײַן קאָפּ, געמערט מיט דעם פּרײַז פון דער פּראָקוראַטור. טויזנט קעפּ האָט בר־אבא. איינעם האַקן זיי אַרונטער, הונדערט וואַקסן אויס. אין א מינוט ווערט ער צוגעדעקט מיט די פּלאַכטעס פון די מאַסן, פאַרשטעלט מיט זייערע קליידער, און ער שלײַכט זיך אדורך דורך היטערגעסלעך, קאַנאַלן, שפּרינגט אי־בער דעכער, לאָזט זיך אין קאַלוזשעס אַרײַן, באַהאַלט זיך אין א לערן קרוג פון האָניק אָדער אין א ווײַן־פאַס, פאַרשווינדט אין דעם לאַבירינט פון געביידעס, פּלאַטן, קאַלך־דעכער, וואָס לאָזן זיך אַרונטער ווי א קאַסקאַד פון שאַנד און שמוץ פון דעם אונטערשטן טייל שטאָט צום נחל־קדרון אַרונטער. די אָרעמקייט באַהאַלט אים צווישן זיך, דעקט אים צו פון דער אויבערפלאַך פאַר א פּאָר טעג, ביז וואַנען ער וואַקסט ווי־דער אויס.

אפילו אין בית־מקדש־הויף, אין פּנים פון די אויפזעערס, וואַגט ער טייל מאָל צו באַווײַזן זיך. איידער זיי האָבן נאָך צײַט אַרומצוקוקן זיך, וואַקסט ער אויס אין א קרײַז פון עולי־רגלניקעס, אַגיטירט קעגן מס־צאָלן און וואַרפט זײַן קללה אויפן הויז חנן. יאָ, אפילו אין די הײַזער פון די רײַכע, ווען זיי זיצן אָנגעלענט אויף זייערע ליג־שטולן בײַ מאָל־צײַטן מיט זייערע פרײַנד, באַווײַזט ער זיך פּלוצלינג, אדורכגעריסן דורך די וועכטער־טירן. מיט צעפּלאַמטע אויגן, מיט אַן אויפגעפּויסטער האַנט, וואַרפט ער זײַן קללה, וועלכע ווירקט ווי אַן אויפשריפט אויף דער וואַנט, וואָס שרײַבט אָן דעם פּסק־דין.

עס פאַרשטייט זיך, אז יהודה איש־קריות איז איינער פון זײַנע ערשטע אָנהענגער. אז ער האָט אים געהערט רעדן, ווי ער האָט אויפ־געברויזט די מאַסן קעגן רוים און דעם כהן גדול, איז ער געקומען אָן

ענטוזיאַסטישער, א באַפליגלטער מיט האָפענונג, צולויפן אין בית־מדרש פון רבי נקדימון און האָט אויסגערופן:

—איך האָב אים געפונען! איך האָב אים געפונען! אינדרויסן שטייט משיח און זאַמלט זײַנע שאַרן!

אוודאי איז געווען געגנוג, אז דער רבי נקדימון זאָל זיך צוהערן צו איינער פון די דרשות, וואָס בר־אבא האָט געפּרעדיקט, און צוזען איינע פון די בלוט־פאַרגיסונגען, וואָס ער האָט ארויסגערופן מיט זײַן אומ־פּרוכטבאַרער אַגיטאַציע, און ער האָט זיך אָפּגעשאָקלט פון אים ווי פון עפּעס אומריינס און זיך אָנגערופן צו יהודהן:

— יהודה, יהודה, פון דעם טיג וועט קיין ברויט נישט ווערן, ווײַל דאָס טייג איז אויפגעגאַנגען נישט פון די הייוון פון גאָט, נאָר פון די הייוון פון שטן. פון דעם טאָג אָן, ווען גאָט האָט אָפּגענומען די נבואה פון ישראל און זי איבערגעגעבן צו קינדער, האָט ער באַשאָנקען די חכמים מיט א כוח־הרוח, אז זיי זאָלן ארויסדערפילן דאָס, וואָס עס איז פאַרשלאָסן פאר זיי מיטן שכל. יהודה, יהודה, וואו איז דײַן כוח־הרוח? פילסטו דען נישט דעם געשטאַנק פון טויט, וואָס גייט אויף פון בר־אבאן? ניין, יהודה, השומר נפשו ירחק מהם.

און באַלד האָט יהודה אַליין זיך איבערגעצייגט, ווי תמיד, אין דעם טעות, וואָס ער האָט געהאַט אין בר־אבאן. עס האָט זיך אויסגע־לאָזט, אז אונזער רבי האָט רעכט געהאַט. בר־אבא האָט זיך נישט באַ־ניגנט מיט ווערטער אַליין, ער איז איבערגעגאַנגען צו מעשים. ער האָט געלויערט מיט זײַנע לײַט אויף די וועגן, וואָס האָבן געפירט קיין ירו־שלים, און איז באַפאַלן רײַכע סוחרים, וואָס האָבן געפירט סחורות, און האָט זיי בארויבט. עס האָט געהייסן, אז ער גייט אין די וועגן פון יהודה־קנאי, אז ער צעטיילט די צוגערויבטע גיטער צו אָרעמעלײַט. און מען האָט אים איצט געזוכט פאר זײַנע רויבערישע מעשים נישט נאָר פון כהן גדול, נאָר אויך פון סנהדרין.

ווען איך בין אָנגעקומען פאר א תלמיד צו מײַן רבין, האָב איך שוין געהאַט געהערט, אז א מאַן פון די איסיים האָט זיך באַזעצט בײַ א קוואַל וואַסער אין מדבר־יהודה, דאָרט, וואו די מערסטע פון די איסיים האָבן זיך אויפגעהאַלטן, און ער האָט געלייענט אויף זיך דעם פסוק פון יהושע: „איך בין דאָס קול, וואָס רופט אין מדבר: פנו דרך!" — און פיל מענטשן, די וואָס האָבן אויסגעוואַרט אויף משיחן, געלערנטע און נישט־גע־לערנטע, זענען ארויסגעגאַנגען צו אים אין מדבר, און יוחנן, — אזוי האָט דער מאַן געהייסן, — האָט זיי געפירט צום ברעג פון ירדן, וואָס איז בײַם אויסגאַנג פון די רײַכע, פעטע טייטל־ביימער פון יריחו, און ער האָט זיי טובל געווען. ער האָט געטובלט זייערע גופים, נאָכדעם ווי זייערע נשמות האָבן תשובה געטון, נישט צוליב ריייניקונג, נאָר כדי זיי באַרייט צו מאַכן אויפצונעמען משיחן, וועלכער האָט באַדאַרפט אָט באַלד אָנקומען. קיין גרויסן אײַנדרוק האָט יוחנן המטביל אין אונזערע

קרייזן, דאָס הייסט, אין די קרײַזן פון די פרושים, נישט געמאַכט. די חכמים האָבן נישט פיל געהאַלטן פון די איסיים, וועלכע זענען זיך פורש פון לעבן, האַלטן זיך אין איין טובלען, זאָגן זיך אָפּ פון ווײַבער און לעבן אין באַזונדערע חברותאס. די חכמים האָבן זיי גערופן חסידים שוטים — נאַריש־פרומע. די פרושים האָבן געלערנט, אז גאָט וויל, מען זאָל לעבן אין זײַנע מצוות, נישט שטאַרבן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק: „וחי בהם". די פרושים האָבן געלערנט, אז גאָטס לערע איז געגעבן געוואָרן פאַר מענטשן, נישט פאַר מלאכים.

מיר האָבן אָבער געוואוסט, אז דער יוחנן איז א פרומער ייד, א בעל־תורה. און אזוי ווי דער ביאת־המשיח, וואָס ער האָט געפּרעדיקט, איז געווען נאָענט צו יעדנס האַרץ, זענען אויך פיל בעלי־תורה אַרויס־געקומען צו אים זיך טובל־זײַן. זייער ערנסט האָט אָבער קיינער די זאַך נישט גענומען. ערשט נאָכדעם ווי מיר האָבן דערהערט אין ירושלים, אז יוחנן המטביל האָט געוואָגט צו קומען פאַרן טעטראַרך פון גליל און אים צו שילטן און צו זידלען פאַר דעם, וואָס ער האָט צוגענומען בײַ זײַן ברודער דאָס ווײַב, — ערשט דענסטמאָל איז דער יוחנן זייער דער־הויבן געוואָרן אין די אויגן פון די חכמים. זײַנע ווערטער האָבן באַקו־מען מער געוויכט און מען האָט זיך צו זיי גאָר אַנדערש צוגעהערט. מען האָט אָנגעהויבן האַלטן אים פאַר איינעם, וואָס האָט אַרויסגעוויזן די מידות פון א נביא. ווען עס האָט זיך דערהערט, אז הורדוס אַנטיפּא האָט געלאָזט יוחנן פעסטנעמען און געוואָרפן אים אין דער תפיסה אַרײַן, אין קעלער פון זײַן פּאַלאַץ, איז יוחנן המטביל דערהויבן געוואָרן אין אונזערע אויגן צו א נביא א קדוש. און ווען זײַנע שליחים, וועלכע ער האָט אַרויסגעשיקט, האָבן דערגרייכט דעם בית־מקדש־הויף מיט דער בשורה, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן דורך די לעכער פון זײַן קעלער־תפיסה, אז מיר זאָלן נישט פאַלן אין אונזער גייסט און נישט לאָזן זיך פאַרטרינקען פון דעם שלעכטס, וואָס רינגלט אונז אַרום, נאָר מיר זאָלן זיך שטאַרקן אין די לעצטע כוחות און נישט אויפהערן צו וואַרטן אויף דעם מלכות־השמים, וואָס קומט אָן און נענט זיך, — האָבן מיר אַלע אין ירושלים מיט פרייד אויפגענומען די בשורה פון דער גאולה, און מיר האָבן פון דענסטמאָל אָן יעדן טאָג אויסגעוואַרט, אז אליהו הנביא זאָל זיך באַווײַזן אויף די בערג און אָנזאָגן די בשורה פון שלום, אזוי ווי עס איז אונז צוגעזאָגט געוואָרן פון דעם נביא.

מיר האָבן דענסטמאָל דערוואַרט, אז יעדן טאָג, יעדן אויגנבליק זאָל עפּעס געשען. אז מיר האָבן זיך אויפגעהויבן אין פרימאָרגן און מיר זענען געוואָר געוואָרן, אז משיח איז דורך דער נאַכט נישט געקו־מען, האָבן מיר זיך געוואונדערט און זיך געזאָגט: „געוויס קומט ער דורך דעם הײַנטיקן טאָג". און אז דער טאָג האָט זיך גענייגט אונטער־צוגיין און משיח איז אַלץ נישט געקומען, האָבן מיר זיך געוואונדערט און זיך געזאָגט: „געוויס קומט ער דורך דער נאַכט". אזוי אָנגעצויגן

איז געווען די דערוואַרטונג, אַז מענטשן האָבן אויסגעקוקט אין הימל אַרײַן און געוואָלט אויפדעקן סימנים אין די שטערן. איינמאָל איז אַ פרעמדער שטערן אָנגעקומען און האָט ברייט געלויכטן איבערן בית־מקדש, איבערגעוואָרפן זײַן גלאַנץ איבערן שיינעם טויער. זענען מחנות מענטשן זיך צונויפגעלאָפן מיט ווילדע געשרייען: „משיח איז געקומען!" אַ גרויסע פּאַניק איז געוואָרן אין ירושלים. מען האָט אַרומגערינגלט די מויערן און פאַרלאַנגט פון די טויער־היטער, אַז זיי זאָלן עפענען די טירן, וואָס פירן אַרײַן צו די עזרות, וואָס אַזוינס איז שטרענג פאַרבאָטן צו טון בײַנאַכט. מען האָט געמוזט די מענגע פאַרטרײַבן מיט געוואַלד.

עס איז געווען יהודה איש־קריות, וואָס האָט דער ערשטער אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן די בשורה וועגן אַ וואונדערלעכן מאַן, וואָס האָט זיך באַוויזן אין גליל. ער האָט אַזוי לאַנג זיך אַרומגעדרייט צווישן די עולי־רגלניקעס, האָט זיי אַזוי פיל אויסגעפרעגט, אויב עס באַווײַזט זיך נישט קיין צייכן פון משיח אין זייערע מקומות, — ביז ער האָט איינמאָל דערהערט פון די גלילער לאַנדסלײַט וועגן אַ רבין פון דער שטאָט נצרת, וואָס פאַרשפּרייט זײַן תורה און טוט וואונדער אין דער שטאָט כּפר־נחום. איך געדענק, אַז מיר האָבן צום ערשטן מאָל דערהערט וועגן דעם רבין פון דער שטאָט נצרת, וואָס יהודה האָט געהאַלטן אין איין פאַרציילן וועגן זײַנע נסים און נפלאות, האָבן מיר מיט די אַקסל געשאָקלט: „אַ רבי פון נצרת! פון גליל זאָל קומען די ישועה?" — אָבער יהודה האָט געבראַכט צו מײַן רבין נקדימון יעדן טאָג אַנדערע גלילער, כּפר־נחומער, וועלכע האָבן עדות געזאָגט אויף דעם רבין פון נצרת, אַז ער טוט וואונדער אין זייערע מקומות: נישט נאָר היילט ער קראַנקע, טרייסט דערשלאָגענע, פאַרטרײַבט רוחות־רעות, נאָר ער קומט אין די שטובן פון די אָרעמע, זעצט זיך מיט עמי־הארצים בײַ איין טיש עסן, לאָזט אפילו צו די מוכסים צו זיך, און איז זיי מדריך אויפן דרך־הישר; ער רינגלט זיך אַרום מיט קינדער, בענטשט זיי. נאָר וואָס עס האָט אונדז צום מערסטן געוואונדערט, זענען געווען איינצלנע זאַצן פון זײַן תורה, וואָס זענען דערגאַנגען צו אונדז, אַ תורה, וואָס איז נאָענט געווען צו אונדזער האַרץ: „משפּט נישט, כּדי איר זאָלט אַליין נישט געמשפּט ווערן". אויך האָבן מיר געהערט פון משלים, וואָס ער פאַרציילט. מײַן רבי האָט באַלד דערקענט אין אים, אַז ער איז פון די תּלמידים פון הלל. באַלד אָבער זענען דערגאַנגען צו אונדזערע אויערן ווערטער, וואָס דער רבי פון גליל האָט געלאָזט פאַלן, — ווערטער, וואָס האָבן אויפגעציטערט דאָס האַרץ פון יעדן פון אונדז.

— „שיקט מיך צו אים, איך וויל אויסגעפינען, ווער ער איז" — האָט יהודה געמאָנט.

און ער איז אַזוי לאַנג צוגעשטאַנען צו מײַן רבין, ביז דער רבי האָט פאַרופן די חברותא. עס זענען געקומען די חברים יוסף רמתי און שמעון

קוריני און הלל, אויך אברהם בן אברהם, דער גר, איז צוגעלאָזן געוואָרן צו זיי. און זיי האָבן באַשטימט צו שיקן יהודה איש־קריות אויסצופאָרשן די זאַך.

— יהודה, גיי, ווער געוואָר פון זײַן טועכץ, הער זיך צו צו זײַן לערנען, פאָרש זײַנע וועגן. נאָר איין זאַך זאָלסטו אָבער אײַנזינען האָבן: זאָלסט געדענקען דעם פּסוק, וואָס דער קליגסטער פון אַלע מענטשן, שלמה המלך, האָט באַשוואוירן מיט אים די טעכטער פון ירושלים: „אם תעירו ואם תעוררו את האהבה עד שתחפץ" — זאָלסט נישט וועקן און דו זאָלסט נישט אויפמונטערן די ליבע ביז זי וועט נישט אליין וועלן. ליבע מיינט מען משיחן. זאָגסטו מיר צו?

— יאָ, יאָ, — האָט יהודה זיך געשאָקלט בדחילא ורחימא.

— גיי מיט גאָטס נאָמען. אפשר וועט דער רבונו של עולם זיך מרחם זײַן אויף זײַן פאָלק ישראל, וואָרעם דאָס וואַסער דערגרייכט שוין צום האַלדז.

און יהודה האָט גענומען זײַן שטעקן און אָנגעבונדן זײַן פּעקל און איז אויפגעגאַנגען קיין כפר־נחום. דער רבי נקדימון האָט אים באַגלייט איינער אַליין אָן די תלמידים, ווײַל יהודהס גאַנג איז געווען אין גרויס סוד און מען האָט צו דער זאַך נישט געוואָלט געבן קיין פּרסום.

קאַפּיטל אַכט

ווי עס איז געווען צו דערוואַרטן, איז יהודה באַלד געוואָרן אַן איבערגעגעבענער חסיד פון דעם רבין פון גליל. זײַן נשמה איז געווען אויסגעדאַרשט, אויסגעטריקנט, ער האָט געבענקט און געלעכצט צוצוקומען צו א קוואַל פון וועלכן ער זאָל שעפּן יניקה. — פאָרשן האָט מען אים געשיקט, און ער איז באַלד געוואָרן איינער פון די הייסטע אָנהענגער פון דעם נײַעם רבין. יהודה האָט אָנגעהויבן שיקן צום רבין נקדימון און צו דער גאַנצער חבֿרותא בריוו איבער די נסים ונפלאות פון זײַן רבין. ער האָט איבערגעגעבן זײַן רבינס תורה. ער איז געווען פול מיט תהלות ותשבחות איבער זײַן רבין. יעדעס מאָל, ווען אזא בריוו פון יהודהן איז אָנגעקומען, געשיקט בסוד־סודות דורך א שליח פון גליל, — וואָרעם מען האָט נישט געוואָלט געבן קיין פּרסום צו דער זאַך, — האָט דער רבי נקדימון צונויפגערופן די חבֿרותא. דער רבי האָט זיך געזעצט אויף דער באַנק פון משיח — די חבֿרותא ארום אים, און רבי נקדימון האָט פאָרגעלייענט פאַר זיי די בריוו פון יהודה. אונז, די תלמידים, האָט מען נישט צוגעלאָזן צו דער ישיבה, וואָרעם די זאַך איז געהאַלטן געוואָרן בסוד־סודות. מיר האָבן נאָר געהערט וועגן דעם, וואָס מיר האָבן געקאָנט

אויפכאַפּן פון הינטערן טויער, דאָס הייסט, וואָס מיר האָבן אונטערגעהערט דורך א שפּאַלט אין טיר פון בית־מדרש, וואָרעם מיר האָבן געוואוסט, אז עס האַנדלט זיך אין גרויסע זאַכן, וואָס שטייען אין מיטן דער וועלט, און דורך דעם האָבן מיר זיך דערלויבט אונטערצוהאָרכן זיך הינטער דער טיר.

צו יענער צײַט האָבן מיר באַמערקט אן ענדערונג אין אונזער רבינס אויפפירונג. ווען אפילו זײַנע ליפּן זענען געווען פארשלאָסן אויף זיבן שלעסער, האָבן גערעדט זײַנע אויגן. זיי האָבן געלויכטן מיט אן אויסטערליש ליכט און ער איז געווען פול מיט פרייד. מיר האָבן אָבער צוגלײַך אויך באַמערקט א געוויסע אומרואיקייט אין אים, וואָס מיר האָבן נישט געקענט ביז איצט, — אן אומגעדולדיקייט. ער איז שוין נישט באַשטאַנען אויף אויסטײַטשן דאָס געזעץ אין אַלע דעטאַלן, ווי עס איז געווען דער מנהג ביז איצט. ער האָט זיך מער אָפּגעגעבן מיט אגדה, מיט אויסטײַטשן די פּסוקים פון די נביאים בדרך רמז, און ער האָט אָנגעדײַט אויף עפּעס, וואָס מיר האָבן קלאָר נישט פארשטאַנען. באַלד איז א גרויסע אויפשטורעמונג געקומען אין אונזער קליינעם בית מדרש: צי מען איז געוואָר געוואָרן פון די בריוו, וואָס יהודה האָט געשיקט צו אונזער רבין און וואָס אונזער רבי האָט זיי פאָרגעלייענט בחדרי־חדרים פאר די יחידי־סגולה, אָדער וואָס אַנדערש, — עס איז דערגאַנגען צום כהן גדול און צום סנהדרין וועגן די מעשים פון דעם רבין אין כפר־נחום. מיר זענען געוואָר געוואָרן, אז די סנהדרין קלייבן זיך צו שיקן קיין כפר־נחום א שליחות. אונזער רבי איז דענסטמאָל זיך אָפּט צוזאַמענגעקומען מיט די תלמידים פון יוחנן בן זכאי און האָט עפּעס וואָס מיט זיי אײַנגעטענהט. מיטאמאָל האָט אונזער רבי גענומען פון אונז אָפּשייד און איז אוועק אין א שליחות פון סנהדרין. וואָס עס האָט אונז אָבער צום מערסטן געוואונדערט, איז געווען — וואָס ער האָט אונז נישט מיטגענומען קיין כפר־נחום, ווי עס איז געווען דער מנהג, אז די תלמידים גייען נאָך נאָכן רבין אומעטום, וואו ער גייט. ער האָט אונז אפילו נישט געלאָזט אים ארויסבאַגלייטן, ווי עס קומט אים, לויט זײַן כבוד. און ווען מיר האָבן דורכאויס געוואָלט באַגלייטן אונזער רבין א גרויס שטיק וועג, כדי אים משמש צו זײַן, ווי עס איז דער דין געווען, אז א רבי, ווען אפילו ער איז מוחל אויף זײַן כבוד, ווערט זײַן מחילה נישט אָנגענומען, — האָט ער אויף אונז גוזר געווען, אז מיר זאָלן זיך אָפּהאַלטן דערפון. נאָך מער: ער האָט אונז אָנגעזאָגט, אז מיר זאָלן פאר קיינעם נישט מגלה זײַן דעם סוד, אז אונזער רבי האָט אונז פאַרלאָזט און איז געגאַנגען קיין גליל אין א שליחות פון סנהדרין, אפילו פאר אונזערע משפחות נישט, וואָרעם די זאַך איז פון גרויס וויכטיקייט און פון גרויס געהיימעניש.

מען קאָן זיך פאָרשטעלן, ווי מיר האָבן אָפּגעוואַרט אונזער רבינס צוריקקומען. דורך דער צײַט פון אונזער רבינס אויפהאַלטן זיך אין דער

פרעמד זענען מיר געגליכן געווען צו שאָף אָן א שעפער. די תלמידים זענען געקומען אין בית־מדרש אַרײַן און האָבן ווידער געחזרט איינער פאַרן אַנדערן דעם רבינס תורה, די הלכות, וואָס ער האָט אונז איבער־געגעבן פון זײַנע רביים, די אגדות, די דרש׳ן און פשט׳ן פון די פסוקי־תורה און פון נבואה; עס איז אָבער געווען, ווי מיר וואָלטן זיך פאַרצײלט וועגן זונענשטראַלן אין א פינצטערן חדר, אַנשטאָט מיר זאָלן געניסן פון דעם ליכט פון הימל. ווען אונזער רבי איז נאָך א פּאָר וואָכן געקומען צוריק, האָבן מיר אים נישט דערקענט. די פריילעכקייט איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן פון אים. ער, דער מאַן, וואָס איז שטענדיק געווען אָפן פאַר זײַנע תלמידים און פאַר דער גאַנצער וועלט, ווי אן אָפן ספר, וואָס יעדער איינער האָט געקאָנט לייענען אין דעם, — איז פאַרשלאָסן געוואָרן אויף זיבן שלעסער. ער, וואָס האָט נישט צוגעלאָזט די מרה־שחורה צו זיך און זי געהאַלטן ווי א בייזן משחית אויף צען טריט פון זיך; ער, וואָס האָט געלערנט, אז דעם מענטשנס גרעסטער שונא איז די עצבות און אפילו אין די ערגסטע מינוטן טאָר מען זיך נישט לאָזן פאַנגען אין דער נעץ פון עצבות, וואָס דער שטן פאַרשפּרייט איבער דיר, — ער פלעגט שעהן לאַנג אליין זיצן און שווײַגן. דאָך האָבן מיר באַמערקט, אז דאָס שווײַגן און די פאַרשלאָסנקייט אין זיך זענען געקומען איבער אים מחמת ער האָט עפּעס וואָס דערוואַרט. ער האָט געהאַלטן אין איין נאָכקלערן, וואָרעם זײַנע אויגן, ווען אפילו זיי זענען איצט געווען ווי עס וואָלט געווען געפאַלן אויף זיי א הייטל־וואָלקן און פאַרשטעלט פאַר זיי די שײַן פון דער וועלט, האָבן נאָך אַלץ נישט פאַרלוירן דאָס ליכט, וואָס האָט געברענט אין זיי. זיי זענען געווען פאַרחלומט, אונטער אן אויסטערלישן שײַן. דער רבי נקדימון איז געוואָרן ווי א בעל־חלומות: ער האָט גערעדט צו זיך אליין ווערטער, וואָס מיר האָבן נישט פאַר־שטאַנען; בײַם קלענסטן רויש פון דער טיר האָט ער אויפגעצאַפּלט, גלײַך ווי ער וואָלט אויסגעוואַרט אומגעדולדיק אויף ווער ווען, אויף א שליח. אָפטמאָל האָט ער זיך אויפגעכאַפּט אינמיטן דער נאַכט פון שלאָף און איז אַרויס אין גאַס און געבלאַנדזשעט אליין, גלײַך ווי ער וואָלט וועמען געזוכט אין די ליידיקע, אין די נאַכט־שאָטנס אײַנגעהילטע גאַסן פון ירושלים. ביז ענדלעך איינמאָל האָט א שליח זיך באַוויזן אין דער טיר פון בית־מדרש. עס איז געווען א ייד פון גליל. מיר האָבן אים דער־קענט לויט זײַן אויסשפּראַך, ווי אויך לויט זײַן קליידונג. דער רבי האָט זיך אײַנגעשלאָסן מיט אים בחדרי־חדרים. זיי האָבן לאַנג צוזאַמען פאַר־בראַכט. ענדלעך איז דער רבי אַרויסגעקומען, א צעפלאַמטער, ווי די שכינה וואָלט געשײַנט אויף אים, און ער האָט אונז דערקלערט, אז ער מוז גלײַך זיך לאָזן אין וועג אַרײַן. דיזעלבע נאַכט האָט ער פאַרופן די חברותא און אין פרימאָרגן האָט ער, נישט באַגלייט פון קיינעם, זיך אוועקגעלאָזט אין וועג אַרײַן. ווי דערשטוינט זענען מיר אָבער געווען, ווען דער רבי איז געקומען צוריק פריער ווי מיר האָבן זיך געהאַט גע־

ריכט אויף אים. און אז ער איז געקומען צוריק, איז ער צוריק געווען דערזעלבער רבי נקדימון, ווי מיר האָבן אים געקענט פון אנומלט, איידער עס האָבן אָנגעהויבן זיך באַווײַזן די בריוו פון יהודה. ער איז איצט געווען רואיק, אינגאַנצן שלמות, אוועק די פארחלומטקייט, אוועק די פאַרשלאָסנקייט. זײַן פּנים האָט צוריקבאַקומען די גדולהדיקע ליכטיקייט, וואָס איז אויף אים שטענדיק געלעגן, און די אויגן — זייער פרײַען, זיכערן בליק, דעם בליק, וואָס פארשטייט אַלץ, וואָס לאָזט צו וויסן, אז אַלץ איז רעכט. זײַן גאַנץ וועזן איז ווידער פול געוואָרן מיט בטחון און אמונה, און ער האָט ווידער אָנגעהויבן לערנען מיט אונז די הלכות און די דינים און די תקנות, וואָס די ערשטע רביים האָבן מתקן געווען און וואָס זיי זענען געוואָרן אָנגענומען בדרך־קבלה, ווי זיי וואָלטן געווען הלכות פון משה רבנו פון באַרג סיני. מיר האָבן דערפון פאַרשטאַנען, אז עס איז נאָך נישט געקומען די צײַט אויפצוהייבן דעם דין, וואָס הענגט ווי א שווערד איבער דער וועלט פון וועגן די זינד פון אדום.

עס פארשטייט זיך, אז מיר האָבן פון די אַלע זאַכן געהאַט נאָר א נעבלדיקן באַגריף. מיר האָבן אָבער מיט אונזער רבין אדורכגעמאַכט אַלע זײַנע דערהויבונגען און אַלע זײַנע פאַלונגען. אונזערע הערצער זענען געווען אָנגעבונדן אין זײַן האַרץ, האָבן געשלאָגן אין איין טאַקט. גלײַך ווי מיר וואָלטן געווען באהאָפטן אין אונזער רבין מיט בשותפותדיקע אָדער־קאַנאַלן, זענען מיר, אזוי ווי ער, אויך מעוברת געוואָרן מיט די אַלע האָפענונגען און דערוואַרטונגען און האָבן אדורכגעלעבט מיט אים זײַנע אנטוישונגען און זײַן געפאַלנקייט. מיר האָבן אָבער נישט פאַרמאָגט די טיפע אמונה פון אונזער רבין, וואָס האָט אים באַשיצט פון אַלע שטורעמס. עס האָט גענומען צײַט, ביז וואַנען מיר האָבן געוואונען צוריק די שלמות־הנפש, וואָס מיר זענען געוואָרן ארויסגעשטויסן פון איר דורך די טעג פון דערוואַרטונג.

און דענסטמאָל איז געקומען דער מאָמענט, ווען מיר אליין האָבן די זכיה געהאַט צו זען דעם רבין פון נצרת פּנים־אל־פּנים.

אומפאַרגעסלעך וועט בלײַבן בײַ מיר יענער שבת אינדערפרי, אין דער שול פון די קורינער, ווען פלוצלינג, צו קריאת־התורה, האָט זיך באַוויזן דער ווײַסער מעיל פון דעם רבין פון נצרת, ווי ער האָט ארויסגעשײַנט פון צווישן די תלמידים, וועלכע האָבן אים באַגלייט אין אונזער שול. די מתפללים זענען אַלע געווען פארזאַמלט בײַ דער שטיינערנער באַנק, אין מערב־זײַט, וואָרעם אונזער שול איז געשטאַנען מיט איר מערב־זײַט צום בית־המקדש. פאר דעם בעלעמער זענען געווען פאַרזאַמלט די פּני. דער אב־הכנסת איז געווען ר' יוסף רמתי,— איז ער און מײַן רבי נקדימון געשטאַנען צו דער רעכטער און צו דער לינקער זײַט בײַ דער תורה. און דער סגן האָט ארויסגעלייענט פון דער תורה די סדרה פון דער וואָך. און א שטילער רעש איז פלוצלינג געוואָרן צווישן די מתפללים.

מען האָט שוין געהאַט געוואוסט אין ירושלים, אז דער רבי פון גליל איז דאָ אין שטאָט; וועגן דעם וואונדער, וואָס ער האָט געטון בײַ דער ברכה, וואו די געבראָכענע און קראַנקע האָבן זיך געוואַלגערט, איז דענסטמאָל שוין באַוואוסט געווען. דער וואונדער האָט געהאַט ארויסגע־רופן גרויס אויפזען און געטיילט די מיינונגען וועגן דעם רבין פון נצרת צווישן די תלמידי־חכמים, וואָרעם ער האָט געטון דעם וואונדער אום שבת. מחמת דעם האָט זײַן באַווײַזן זיך פלוצלינג אין שול געמאַכט א רושם צווישן די רייען פון די מתפללים. אָבער מײַן רבי האָט באַלד אײַנגעשטילט דעם עולם. ער האָט ארונטערגעשיקט איינעם פון די סגנים, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים בײַ קריאת־התורה, ארויפצובעטן דעם פרעמדן רבי אויף דער געמויערטער באַנק, וועלכע איז געווען אין א האַלבער לבנה צו בײדע זײַטן פון דעם ארון־קודש, און וואָס די חשובי־העדה זענען אויף איר געזעסן. אליין האָט מײַן רבי נישט געקאָנט אראָפּ־גיין פון בעלעמער, וואָרעם די תורה איז אָפן געלעגן און ער האָט זי נישט געקאָנט מבייש־זײַן. דער רבי פון נצרת איז טאַקע עולה געווען און ער האָט זיך געזעצט אויף דער באַנק פון חשובי־העדה. די תלמידים האָט ער געלאָזט בײַ דער טיר.

איך האָב דענסטמאָל געהאַט די ערשטע געלעגנהייט צו באַטראַכטן אים. איך בין געשטאַנען מיט מײַן חבר רופוס, און מיר האָבן געקוקט בײדע אויף דעם וואונדערלעכן מאַן, וואָס זײַן שם איז געגאַנגען פאָרויס פאַר אים, און ער האָט אונזערע הערצער צעגאָסן אין אַנגסטן פאַר זײַן אָנבליק. עס האָט זיך אונז אויסגעוויזן, אז פון זײַן שטראַלנדיקן ווײַסן מעיל בלישטשען פונקען. זײַן פּנים איז געווען לענגלעך, אויסערגעוויינ־לעך בלאַס, אײַנגעפאַסט אין א קורץ, שיטער, שוואַרץ בערדל, וואָס איז שוין געווען אדורכגעוועבט מיט פיל ווײַסע האָר. זײַנע געלאָקטע פּאות האָבן זיך געבאַמבלט איבער דעם בערדל. א ווייטאָגדיקער שמייכל האָט געציטערט איבער דעם דינעם שניט פון זײַנע ליפּן, וואָס האָט זיך קוים ארויסגעזען פון זײַנע וואָנצעס ארויס. ער האָט מיט פרומקייט און גרויס דבקות אײַנגעהערט זיך צו דער קריאת־התורה. די קינדער אין דער שול, צוגעצויגן פון דעם מאָנס פרעמדקייט, פון זײַן ווײַסן קלייד, פון זײַן שם, וואָס איז פאָרויסגעגאַנגען פאַר אים, האָבן אָנגעהויבן זיך זאַמ־לען אין גרופּעס, זענען געשטאַנען פאַר אים און האָבן געגאַפט אויף אים מיט גרויס יראת־הכבוד. איינער פון די סגנים האָט זיי געוואָלט אוועק־טרײַבן פון דעם רבין, אָבער דער רבי האָט מיט א לײַכטנדיקן בליק פון זײַנע אויפגעהויבענע אויגן אנטוואָפנט און אײַנגעשטילט דעם שטרענגן סגן, און מיט א שמייכל פון זײַנע ליפּן האָט ער פאַרבעטן די קינדער צוצוקומען נענטער צו אים, וואָס זיי האָבן טאַקע באַלד געטון, צוערשט שעמעוודיק, מיט יראת־הכבודיקער עקשנות, וועלכע איז אָבער באַלד צעגאָסן געוואָרן אין דעם שטראַלנדיקן, צאַרט־גלעטנדיקן בליק אויס דעם רבינס אויגן, און שוין זענען זיי געווען לעבן זײַנע פיס, האָבן

זיך געהאַלטן אין זײַן מעיל, — און דער רבי האָט ארויפגעלייגט זײַנע הענט אויף זייערע קעפּלעך און געבענטשט זיי מיט שטילע ברכות.

דער סגן האָט אויסגערופן דעם רבינס נאָמען און האָט אים טיטו־לירט מיטן טיטל „רבן״: — מורנו רבן ר׳ ישוע בן ר׳ יוסף, מבוקש לעולה לתורה. — און דער רבי פון נצרת האָט זיך אויפגעשטעלט פון זײַן אָרט, האָט די קינדער, וועלכע האָבן אים נישט געוואָלט שוין מער אָפּלאָזן, מיט א שמייכל און א ברכה לײַכט אָפּגעטון פון זיך, און ער איז אויפגעגאַנגען אויפן בעלעמער צו דער תורה. דער סגן האָט אים דער־לאַנגט א טלית, און ער האָט זיך אײַנגעוויקלט אין טלית, פאַרמאַכט די אויגן און געזאָגט א תפילה בלחש. און ער איז צוגעגאַנגען צו דער תורה, האָט געמאַכט איבער איר א ברכה, געלייענט זײַן פּסוק, פאַרענדיקט מיט א ברכה, — און ער האָט אראָפּגענידערט פון בעלעמער, אזוי ווי דער דין איז.

עס איז געווען נאָך קריאת־התורה, איז מײַן רבי צוגעגאַנגען צום רבין פון נצרת און ער האָט אים געבעטן, ער זאָל ארויפגיין אויפן בע־לעמער און זאָל דרשנען פאַרן עולם, ווי דער מנהג איז געווען, ווען א פרעמדער רבי קומט אין שטאָט ארײַן. און דער רבי פון נצרת האָט באַוויליקט דאָס צו טון.

ער איז צוריק ארויפגעגאַנגען אויפן בעלעמער. און ער איז געווען אײַנגעוויקלט אין זײַן טלית אזוי ווי פריער. ער האָט אויפגעעפנט זײַן מויל און געזאָגט א תפילה בלחש. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום סגן, וועלכער האָט געהאַלטן די ספר־תורה. און ער האָט גענומען די תורה פון סגנס האַנט, און ער האָט זיך אוועקגעזעצט מיט דער תורה אויף משהס שטול, וועלכע איז געווען אײַנגעמויערט אין בעלעמער, וואָס אויף איר איז דער אב־בית־דין געזעסן בײַם משפּט, אָדער בײַם פּסקנען שאלות. און ער האָט גענומען די ספר־תורה און געלייגט זי אין זײַן שויס ארײַן, און ער האָט אָנגעהויבן צו דרשנען.

אויב דער עולם מתפללים איז געווען אין געשפּאַנטער דערוואַר־טונג שוין פון דעם בײַזײַן אליין אין שול פון דעם מאַן, וואָס אזעלכע פאַרשיידענע, ווידערשפּרעכיקע ידיעות זענען פאַרשפּרייט געווען וועגן אים און וועגן זײַנע וואונדער, — האָט דאָס אויפפירן זיך פון דעם פרעמדן רבין גאָר ארויסגערופן בײַ זיי די העכסטע פאַרוואונדערונג. דאָס, וואָס דער פרעמדער רבי פירט זיך נישט אויף ווי יעדער אַנדערער, וועלכער שטייט פאַרן עולם, בשעת ער דרשנט, נאָר ער זיצט מיט דער ספר־תורה אין זײַן שויס, אויף משה רבינוס שטול, אזוי ווי א מלך, — דאָס איז שוין גענוג געווען אויפצורודערן די געמיטער. עס איז געווען א צייכן, אז דער רבי האַלט זיך גאָר אַנדערש, ווי אַלע אַנדערע רביים, און נעמט זיך אזעלכע רעכט, וואָס מאַכן אויפצוציטערן יעדעס יידיש האַרץ און וועקן אין דעם די העכסטע האָפענונגען.

ווען נישט די ערנסטע און פרומע מינע פון מײַן רבין נקדימון, ווי

ער איז געשטאַנען אויפן בעלעמער און האָט באַוואַקט די געמיטער מיט זײַנע ליכטנדיקע אויגן, וואָלט דאָס בלויזע אויפפירן־זיך פון דעם פרעמדן רבין עלול געווען ארויסצורופן פּראָטעסטן און געשרייען. דער עולם אָבער איז שטיל געווען, אז מען האָט נאָר געהערט דאָס שלאָגן פון די הערצער אין דערוואַרטונג. איך האָב געזען הלל וואַסערטרעגער, ווי ער האָט זיך ארויסגערוקט פון די הינטערשטע רייען מתפללים, וואו ער איז געשטאַנען בײַ דער סאַמע טיר, און איז אָנגעקומען ארויפצו־שווימען אויבנאָן, צום בעלעמער צו. הינטער אים האָב איך אויך געזען שמעון קוריני און דעם גר אברהם בן אברהם, וועלכער איז געשטאַנען, א פאַרלוירענער, דער הויקער זײַנער אײַנגעהילט אין טלית. יהודה איש־קריות, איינער פון די תלמידים, וואָס האָט באַגלייט זײַן רבין אין אונזער שול, האָט זיך אָנגעהאַלטן אין די לייסטלעך פון בעלעמער און זיך געשאָקלט פרום. און פון דער אַנדערער זײַט בעלעמער האָט געהיט די טרעפּלעך שמעון בר־יונה, וואָס האָט זיך געשאָקלט אזוי ווי יהודה, מיט די בני־זבדי הינטער אים.

אין אָנהויב זענען די רייד פון דעם רבין פון נצרת געווען בנחת, שטיל. ער האָט גערעדט וועגן דעם כוח פון דער אמונה, וועגן בטחון אין רבונו של עולם און וועגן דער וויכטיקייט פון תפילה:

„בעט — און עס וועט אײַך געגעבן ווערן. קלאַפּט — און עס וועט אײַך אויפגעמאַכט ווערן. וואָרעם איטלעכער וואָס בעט, קריגט, און דער, וואָס זוכט, געפינט, און פאַר דעם, וואָס קלאַפּט אָן, ווערט אויפגעעפנט".

זײַנע רייד האָבן געהאַט אײַנגעשטילט די געמיטער ,וואָרעם ער האָט זיי באַזיסט מיט שיינע משלים: אז ער האָט גערעדט, למשל, וועגן בטחון אין רבונו של עולם, האָט ער געהייסן אראָפּנעמען זיך א משל פון די ראָבן אין פעלד, וועלכע זייען נישט און שנײַדן נישט, און האָבן נישט קיין קעלערס און שײַערס, און גאָט שפּײַזט זיי. „און וויפיל מער זענט איר ווערט ווי די פייגל?" — האָט ער געזאָגט — „און ווער פון אײַך קאָן מיט זײַנע זאָרגן מערן אויף איין איל זײַן הייך?"

דאָס רוב מתפללים אין אונזער שול זענען טאַקע באַשטאַנען אויס אָרעמע אַרבעטער, צום מערסטן פאַרבער, וואָרעם די קורינער האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך פון זייער היים־שטאָט די קונסט פון פאַרבן וואָלן אין פאַרשיידענע קאָלירן, און אויך זילבער־ און בראָנז־שמידן זענען געווען צווישן זיי, און זאָטל־מאַכער, און געצעלטן־נייער. פאַר זיי, פאַר אָט דער אָרעמקייט, זענען די ווערטער געווען, ווי אייל צו זייערע וואונדן. אויך די תלמידי־חכמים, וועלכע האָבן זיך געפונען אין שול, האָבן גרויס נחת־רוח געהאַט פון דעם נצרתער רבינס רייד. זיי האָבן געזען זײַן גרויסן בטחון און זײַן שטאַרקע אמונה, און זיי האָבן געליבט זײַנע ווערטער און געזאָגט, אז ער שטאַרקט דורך זיי די שוואַכע הענט און הויבט די געפאַלענע געמיטער. זיי זענען שוין אפילו גרייט געווען אים מוחל צו זײַן די ביטערע אנטוישונג, וואָס דער אָנהויב פון זײַן

דרשה האָט זיי פאַרשאַפט, וואָס ער האָט אָנגעהויבן מיט זיך אַליין, נישט ווי עס איז דער דרך פון תּלמידי־חכמים, בשעת זיי דרשנען אָדער לערנען מיטן עולם, אָנצוהויבן מיט א פּסוק פון דער תּורה, אָדער פון די נביאים, אָדער פון תּהלים, אפילו אויך פון בן־סירא, צו זאָגן און צו דערמאָנען די נעמען פון די רביים, וואָס פון זייערע קוואַלן האָבן זיי געטרונקען. די תּלמידי־חכמים האָבן זיך אוודאי געטראַכט, אז דאָס איז דער סגנון זײַנער, אזא שטייגער דרשנען, אָבער אין די רייד גופא שיידט ער זיך גאַרנישט אָפּ פון די אַנדערע רביים און תּלמידי־חכמים.

באַלד, באַלד אָבער האָט מען אײַנגעזען, אז פאַר אונז אין בית־הכּנסת שטייט אָדער זיצט אַן אַנדער רבי. א רבי? ניין! טויזנט מאָל העכער. ווער קאָן מעסטן? זאָל עס זײַן די העכסטע יידישע האָפענונג, וואָס שטייט פאַר אונז? און פון זײַן מויל הערן מיר ווערטער, וועלכע זענען נישט געהערט געוואָרן פון משהן אויפן באַרג סיני. ווער איז דאָס, וואָס זיצט פאַר אונז מיט דער ספר־תּורה אין זײַן שויס? אונזערע הערצער זענען צעגאַנגען פאַר לויטער אַנגסט און שרעק, און אונזערע קני האָבן געציטערט. מיר האָבן אָנגעקוקט איינס דאָס אַנדערע מיט פלאַ־מעדיקע אויגן און דערשראָקענע פּנימער. און מיר האָבן נישט געוואוסט, צי גאָט הויבט אונז אויף צו די טויערן פון הימל, און באַלד וועלן זיי זיך עפענען פאַר אונז און מיר וועלן זען די שײַן פון דער מאַכט, וואָס אונזערע אויגן קוקן אויס נאָך איר אזוי לאַנג אין דאָרשט, אָדער, חלילה, מיר ווערן געוואָרפן אין דעם טיפסטן אָפּגרונט אַרײַן.

ער האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן זיך מיט א טאָן און מיט א מאַכט, ווי ער וואָלט באַזעסן דעם רשות פון די העכסטע הויכקייטן.

ער האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן דער אויסוואַרטונג אויף דער הילף: „מיר מוזן שטענדיק זײַן גרייט אויפצונעמען, שטענדיק אויסהאַרן אין אַנגסטיקער דערוואַרטונג", — „שלאָפט נישט און וואַכט, זאָלן אײַערע לענדן זײַן געגורט און אײַער ליכט ברענען. האַלט אויס אין שטענדיקן וואַרטן. עס קאָן קומען מיטן בליץ פון הימל — יעדן אויגנבליק".

קולות האָבן אָנגעהויבן פרעגן:

— ווען וועט דאָס מלכות פון הימל קומען?

און ער האָט געענטפערט:

— דאָס קעניגרײַך פון הימל קומט נישט מיט באַמערקונגען. מען קאָן נישט זאָגן, עס איז דאָ אָדער דאָרט, וואָרעם, זע, דאָס קעניגרײַך פון הימל איז אין אײַך. — אזוי ווי דער בליץ, וואָס בליצט פון איין עק אונטערן הימל און שײַנט ביז צום אַנדערן עק אונטערן הימל, אזוי וועט דער בן־אדם זײַן אין זײַן טאָג.

און ווי א בליץ פון הימל, אזוי האָט דאָס וואָרט אונז געטראָפן. א ציטערדיקער מורמל איז אדורכגעגאַנגען צווישן עולם.

— דאָס מיינט ער דאָך דעם בר־אנוש, דעם עתּיק־היומים, דעם, וואָס ער האַלט זיך אויף מיט גאָט אין הימל פון איידער נאָך די וועלט

איז באַשאַפֿן געוואָרן.

— דאָס מיינט ער דעם בר־אנוש, וואָס וועט קומען צו פֿליִען צו אונז מיט די וואָלקנס פֿון הימל, — האָט אַן אַלטער ייִד זיך געשאָקלט.

— דאָס מיינט ער דעם „אָדלער, וואָס וועט אויפֿגיין פֿון ים", דעם חזיון פֿון דניאל.

און קולות האָבן זיך געהערט אין א געמורמל:

— אויף וועמען ווינקט ער? וועמען מיינט ער?

— וואָס האַלט ער אונז אין דער פֿינצטער?

עס האָט זיך דערהערט דעם רבינס שטים:

— איך בין דאָס ברויט פֿון לעבן. דער, וואָס קומט צו מיר, וועט נישט הונגעריק זײַן, און דער, וואָס גלויבט אין מיר, וועט קיינמאָל נישט דאָרשטיק זײַן. איך בין דער בוים, וואָס גאָט האָט פֿאַרפֿלאַנצט, — די אַלע, וואָס זענען באַהאָפֿטן אין מײַנע וואָרצלען, וועלן בליִען און געדײַען; די אַלע, וואָס זענען נישט באַהאָפֿטן אין מיר, מוזן פֿאַרוועלקן. ווער עס איז דאָרשטיק, זאָל ער צו מיר קומען און זאָל ער טרינקען, וואָרעם איך בין דער קוואַל פֿון לעבן. איך בין דאָס ברויט, וואָס איז אַראָפּגעקומען פֿון הימל. באמת, זאָג איך אײַך, דער, וואָס גלויבט אין מיר, וועט האָבן דאָס אייביקע לעבן.

ווען דער הימל וואָלט זיך געשפּאָלטן איבער אונזערע קעפּ און די שאַרן מלאכים וואָלטן אַראָפּגעקומען און געשטעלט זיך צו זײַן רעכטער און צו זײַן לינקער האַנט, וואָלט דער וואונדער נישט געקאָנט אַרויסרופֿן בײַ אונז קיין גרעסערע שטוינונג, ווי די ווערטער פֿון דעם נצרתער רבין. א לאַנגע ווײַל איז דער עולם שטיל געוואָרן, פּשוט פֿאַרגליווערט אין שווײַגן, ביז וואַנען איינער פֿון די אַלטע, וואָס זענען געזעסן אויף דער געמויערטער וואַנט פֿאַרן בעלעמער, האָט זיך אויפֿגעהויבן און געפֿרעגט:

— איז דאָס נישט ישוע, דער זון פֿון יוסף? קענען מיר דען נישט זײַן פֿאָטער און מוטער? איז ווי אזוי זאָגט ער עס: „איך בין אַראָפּגעקומען פֿון הימל"? וואָס זענען דאָס פֿאַר א ווערטער?

און א צווייטער האָט זיך אויפֿגעהויבן און געפֿרעגט:

— עס איז געקומען צו אונז משה און ער האָט געזאָגט, אז מיר זאָלן גלויבן אין דער תורה, וואָס ער האָט געבראַכט צו אונז פֿון באַרג סיני. עס זענען געקומען צו אונז די נביאים און זיי האָבן אונז געהייסן גלויבן אין דעם לעבעדיקן גאָט. דער הייסט אונז גלויבן אין אים אליין. ווער איז ער? איז ער דען גרעסער פֿון משהן? פֿון די נביאים?

צווישן די מתפּללים איז אדורכגעגאַנגען א געמורמל, ווי א רוישן פֿון וועלן אין א שטילער נאַכט, און זיי האָבן געזאָגט איינס צום אַנדערן:

— ווען ער רעדט אזעלכע ווערטער, איז ער דאָך געוויס א נביא?

— ניין, ווען ער וואָלט געווען א נביא, וואָלט ער אזעלכעס נישט גערעדט. אזעלכע ווערטער קאָן רעדן נאָר משיח!

— משיח! משיח! ווער האָט דאָס געזאָגט דאָס שרעקלעכע וואָרט? ערד אין זײַן מויל! האָט נישט די שריפט געזאָגט, אַז משיח וועט אַרויס פֿון זרע־דוד און פֿון דער שטאָט בית־לחם?

און איצט האָבן זיך הענט אויפֿגעהויבן און זיך אויסגעשטרעקט צום רבין פֿון נצרת, און צעשראָקענע אויגן האָבן זיך באַהאָפֿטן אין זײַן ווײַסן קלייד, און ליפּן האָבן גערעדט אין אַ ציטערדיקן געמורמל:

— ווער ביסטו?

דער נצרתער האָט אַרומגענומען דעם עולם מיט זײַן בליק און אָפּגעענטפֿערט:

— איך בין דערזעלבער, וואָס איך האָב אײַך געזאָגט פֿון אָנהויב. איך האָב פֿיל אײַך צו זאָגן און אײַך צו משפּטן. דער, וואָס האָט מיך געשיקט, איז וואָר. און דאָס, וואָס איך האָב געהערט פֿון אים, דאָס זאָג איך צו דער וועלט.

דער זקן, וואָס האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון דער באַנק פֿון די זקנים, האָט איצט געפֿרעגט, — נישט דעם רבין פֿון נצרת האָט ער געפֿרעגט, נאָר מײַן רבין נקדימון, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים:

— רבי נקדימון, ביזט אַ רבי אין ישראל, און דו הערסט ווי דער־אָ איז מחרף ומגדף דעם הייליקן אין ישראל, — און דו שווײַגסט?

— איך הער נישט קיין חירוף וגידוף פֿון זײַן מויל, חלילה, — האָט רבי נקדימון אָפּגעענטפֿערט. — יעדער ייד האָט דאָס רעכט צו רעדן אין נאָמען פֿון הייליקן פֿון ישראל, ווען ער איז מיט אַ שליחות צו אונז געשיקט.

אָבער דאָ האָט דער רבי פֿון נצרת זיך אויפֿגעשטעלט פֿון זײַן שטול. אַרומגעהילט אין זײַן טלית, מיט דער ספֿר־תּורה אין זײַנע הענט, האָט ער אויסגערופֿן צום פֿאָלק:

— דאָס קול איז אַרויסגעגאַנגען, ווער וועט עס קאָנען צוריקנעמען? דאָס ווערק האָט זיך אָנגעהויבן, ווער וועט עס קאָנען אײַנהאַלטן? — איך בין די טיר, — ווער עס וועט דורך מיר אַרײַנקומען, דער וועט נצול ווערן. באמת, זאָג איך אײַך, איך בין די טיר פֿון די שאָף. איך בין דער גוטער שעפֿער. דער גוטער שעפֿער לייגט זײַן לעבן אַנידער פֿאַר זײַנע שאָף. אַזוי ווי דער פֿאָטער קען מיך און איך קען דעם פֿאָטער, — און איך לייג מײַן לעבן אַנידער פֿאַר די שאָף.

ווי ער האָט די ווערטער אויסגערעדט, איז געוואָרן אַ גרויסער רעש.

— וועמען רופֿט ער אָן „דער פֿאָטער”? ווער איז דער פֿאָטער?

— איר זעט דאָך, אַ שד זיצט אין אים. ער איז משוגע! וואָס הערט איר זיך אײַן צו זײַן פּלאַפּלען?

— רעדט אַזוי אַ שד? קאָן אַ שד בלינדע זעעוודיק מאַכן?

— מיר קאָנען נישט הערן די רייד! — האָבן די קעגנער אויסגע־רופֿן, און אַ טייל זייערע האָט אויס פּראָטעסט פֿאַרלאָזט דעם בית־הכּנסת.

אָבער דער נצרתער איז אַלץ געשטאַנען אויפֿן בעלעמער, אַרומגע־

הילט אין טלית, מיט דער ספר־תורה אין דער האַנט, און ער האָט ווײַטער געדרשנט.

— מער ווי דאָס קאַלב וויל זויגן, נאָך מערער וויל עס די מוטער אַנזויגן. מער ווי איר האָט נאָך מיר געבענקט, נאָך מערער האָב איך נאָך אײַך געלעכצט. פון די וואָלקנס אין הימל האָט אײַער פאָטער געזען אײַער נויט, און ער האָט געאײַלט צו אײַער הילף. איצט, ווען די ישועה קלאַפּט אין אײַער טיר, שליסט איר די טיר פאַר איר? צי דען האָט איר נישט אויסגעקוקט אײַערע בליקן נאָך מיר?

אַזוי האָבן ווידער די מתפללים געהויבן מיט די אַקסל און אָנגע־קוקט איינס ס׳אַנדערע אין פאַרוואונדערונג און געפרעגט איינס בײַם צווייטן:

— ווער איז ער, וואָס ער רופט זיך אָן די ישועה?

און ווידער האָבן זיך די הענט אויסגעשטרעקט צו אים און געבעטן זיך בײַ אים:

— זאָג אונז, ווער דו ביסט!

אָבער דער רבי האָט ווײַטער געדרשנט:

— עס דערקענען די שאָף דעם קול פון זייער שעפער. איך בין דער גוטער שעפער און איך קען די שאָף מײַנע, און די שאָף דערקענען מיך. אַזוי ווי דער פאָטער קען מיך, אַזוי קען איך דעם פאָטער, און איך לייג מײַן לעבן אַנידער פאַר די שאָף. — און אויך אַנדערע שאָף האָב איך, וואָס זענען נישט פון דער סטאַדע, און איך מוז זיי פיטערן, — און זיי וועלן הערן מײַן שטים, און עס וועט זײַן איין טשערעדע און איין שעפער.

ווי עס האָבן זיך דערהערט די ווערטער, איז דער געמורמל אין דער שול געוואָרן הויך אפילו צווישן די אָרעמע און פּראָסטע לײַט, וועלכע האָבן אים ביז איצט געהאַט צוגעהערט מיט גלויביקע פּנימער, און אייניקע שטימעס האָבן אים געפרעגט:

— זענען מיר נישט די קינדער פון אברהם, וואָס די גאולה איז זיי צוגעזאָגט געוואָרן? און האָט דען אונז גאָט נישט אויסגערופן פאַר דעם עם־סגולה? און טראָגן מיר דען צוליב דעם נישט דעם עול פון דער תורה אויף אונזערע פּלייצעס?

און אַנדערע האָבן געפרעגט:

— וואָס וויל ער, צו די גויים גיין? צו די יוונים? אָדער צו די בני־צור־וצידון?

און דער רבי האָט אויפגעהויבן זײַן קול און האָט אויסגערופן:

— האָרכט מיך אויס! צו וואָס איז די זאַך געגליכן? די זאַך איז געגליכן צו אַ פאָטער, וואָס האָט געהאַט זעקס זין, און אַלע זענען געווען בלינד פון געבוירן, נאָר איינער, דער זיבעטער זון, איז געווען זעעוודיק. און עס איז געווען, ווען דער פאָטער איז געווען פאַרטון אין פעלד און אין שײַער, האָט ער איבערגעלאָזט די זעקס זין אויף דער השגחה פון דעם

יִנגסטן, דעם זעעוודיקן, אז ער זאָל זיי ארויספירן אין פעלד צו דער אַרבעט און פירן זיי אהיים צום פאָטערס טיש. די בלינדע זין האָבן פּײַנט געהאַט דעם יִנגסטן, דעם זעעוודיקן, ווײַל זיי האָבן זיך מתקנא געווען אין אים. און עס איז געווען, ווען ער האָט זיי פאַרציילט וועגן דער זון, וואָס שײַנט אין הימל בײַטאָג, און וועגן דער לבנה און די שטערן בײַנאַכט, און וועגן די קאָלירן פון די בלומען, און וועגן דעם גרינס אין פעלד, — האָבן זיי געזאָגט, אז נאָר ליגן, ליגן זאָגט דער יונג: עס איז נישטאָ קיין ליכט פון דער זון און קיין שײַן פון דער לבנה, און עס זענען נישטאָ קיין קאָלירן פון די בלומען און קיין גרינס אין פעלד, נאָר אַלץ האָט עס דער יונג אויסגעטראַכט, וואָרעם די נאַכט הערשט איבער אַלץ. און עס איז געווען אמאָל — און דער פאָטער האָט געהערט, אז א זעער האָט זיך באַוויזן אין דער שטאָט, אזוי האָט ער געזאָגט צו זײַן יִנגסטן זון: — זע, אויף דײַן האַנט לאָז איך דײַנע ברי־דער. איך וועל גיין אין שטאָט און איך וועל בעטן דעם זעער, אפשר וועט ער מיר העלפן דורך זײַן האַנט און ער וועט עפענען די אויגן פון מײַנע קינדער. דו אָבער היט דאָס ליכט פון דײַן אויג, וואָרעם, ווען אויך דײַנע אויגן וועלן ווערן אויסגעלאָשן, אזוי וועל איך האָבן א פינצטער געשלעכט געבראַכט אויף דער וועלט. און עס איז געווען, ווען דער פאָטער האָט פאַרלאָזט זײַן הויז און ער האָט זיך געזאַמט לאַנג, און איז נישט געקומען אהיים, אזוי האָבן די בלינדע ברידער געזאָגט זיך: קומט, לאָמיר זיך שטאַרקן אויפן זעעוודיקן, און לאָמיר אויך אים די אויגן אויסשטעכן און אים באַרויבן פון דער שײַן פון ליכט, וואָרעם רייצן רייצט ער זיך נאָר מיט אונז, — און עס איז נישטאָ קיין ליכט, גאָט האָט אײַנגעדעקט זײַן וועלט אין פינצטערניש. און זיי האָבן זיך גע־שטאַרקט אויפן יִנגסטן ברודער און זיי האָבן מיט זייערע פינגער גע־טאַפּט זײַן פּנים און זיי האָבן דערלאַנגט צו זײַנע אויגן, און זיי האָבן גערופן צו אים: — זאָג, אָפּגענאַרט האָסטו אונז? עס איז גאָרנישט דאָ, נאָר פינצטערניש אויף דער וועלט. — אָבער דער יִנגערער ברודער האָט זיך געשטאַרקט און ער האָט געשריגן און ער האָט געזאָגט: — באַ־רויבט מיך נישט פון לעצטן ליכט, וואָס איז אין אונזער געשלעכט דער־האַלטן, וואָרעם עס וועט זײַן, אז איר וועט אויך מיר די אויגן פאַרשליסן, וועט קיינער מער נישט זײַן, וואָס זאָל האָבן געזען דאָס ליכט פון דער וועלט צו קאָנען עס ארויסברענגען צו די דורות, וואָס וועלן קומען נאָך אונז. — אָבער די ברידער האָבן צו אים געזאָגט: — ליגן, ליגן זאָגסטו נאָר אונז. זײַ מודה, אז דו האָסט קיינמאָל קיין ליכט נישט געזען, אז פינצ־טער, פינצטער הערשט איבער דער וועלט. און עס איז געווען, ווען ער האָט זיי נישט געוואָלט הערכן, און ער האָט געשריגן: — איך זע גאָטס ליכט! — האָבן זיי גענומען און אויך אים די אויגן אויסגעריסן. אָבער ער האָט אײַנגעהאַלטן גאָטס ליכט אין זײַן האַרץ און געהאַלטן אין אײן פאַרציילן פון ליכט פון דער זון און פון שײַן פון דער לבנה, און פון

די קאַלירן פון די בלומען און פון דעם גרינס פון גראָז, און ער האָט געזאָגט: — איך זע, איך זע! — וואָרעם דער, וואָס האָט געזען איינמאָל, האָט אַלעמאָל דאָס ליכט אין זיך, און קיין כוח קאָן פון אים דאָס ליכט נישט אויסלעשן. אזוי האָט ער דערהאַלטן דעם אָנדענק פון ליכט דורך דער לאַנגער פינצטערער נאַכט, ביז דער פאָטער איז געקומען צוריק פון דער שטאָט מיט דער ברכה פון זעער. און עס איז געווען, ווען דער פאָטער איז געקומען צוריק און האָט געפונען, אז אויך זײַן ייִנגסטער זון איז בלינד, אזוי האָט ער געקלאָגט און געוויינט: — איצט וועט מײַן אַלטקייט אראָפּנידערן אין גרוב אין דער פינצטערניש! — אָבער דער ייִנגסטער זון האָט אים געטרייסט און געזאָגט: — פאָטער, אין מײַן פינצטערניש זע איך דאָס ליכט פון גאָט, וואָרעם איך האָב אויפגעהאַלטן דעם אָנדענק פון דעם ליכט אין מײַן האַרץ און נישט געלאָזט זיך פאַר־פלייצן פון דער פינצטערניש, וואָס איז אַרום מיר. און יעדעס מאָל, ווען מײַנע ברידער האָבן גערופן: — פינצטער, פינצטער! — אזוי האָב איך גערופן: — איך זע ליכט, ליכט! — האָט דער פאָטער זיך אָנגע־רופן און ער האָט געזאָגט: — זײַ געבענטשט, מײַן זון. דײַן שכר איז גרויס, האָסט אויפגעהאַלטן דאָס ליכט פון גאָט דורך דער פינצטערער נאַכט. איצט וועלן עס אויך דײַנע ברידער דערזען, און זיי וועלן גלויבן, אז גאָטס ליכט שײַנט איבער דער וועלט, וואָרעם איך האָב מיטגעבראַכט מיט זיך די ברכה פון זעער. און עס איז געווען, וואָס זיי זענען ביז איצט בלינד געווען, איידער זיי זאָלן זען ליכט, וואָס איז פאַלש, וואָרעם בלינדע קאָן מען זעעוודיק מאַכן, אָבער ווי צו די, וואָס זעען פאַלש. זיי בלײַבן אייביק בלינד. — דער פאָטער האָט איבערגעגעבן זײַנע זין די ברכה פון זעער, און די אויגן פון די פינצטערע ברידער האָבן זיך אויפגעעפנט, און זיי האָבן דערזען די שײַן פון גאָט, וואָס לײַכט איבער דער וועלט. אזוי האָבן זיי זיך פאַרשעמט איבער די מעשים, וואָס זיי האָבן געטון אין דער פינצטער, און זיי האָבן געזאָגט צום ייִנגסטן ברו־דער: — ברודער, ברודער, זײַ אונז מוחל פאַר די צרות און פאַר דעם פּײַן, וואָס מיר האָבן דיר אָנגעטון אין דער פינצטער. וואויל איז דיר, וואָס דו האָסט אויפגעהאַלטן דאָס ליכט פון גאָט דורך אונזער פינצטערער נאַכט. מיר זענען דיר אַלע אונזער דאַנק שולדיק, וואָרעם דו ביסט גע־ווען אונזערע אויגן דורך אונזער פינצטערער נאַכט. אין אונזער נאַ־רעשקייט האָבן מיר דאָס ליכט געוואָלט אויסלעשן. דו האָסט עס דער־האַלטן. — איז דיר ווייניק, ישׂראל, וואָס דו האָסט דאָס ליכט דערהאַלטן? גאָט האָט דיר אָנפאַרטרויט דאָס ליכט פון דער וועלט פון אַלע דײַנע ברידער. דײַן שכר איז גרויס, ישׂראל. מיט דײַן נאָמען וועלן זיך בענטשן די פעלקער פון דער וועלט.

און עס איז געווען, ווען דער עולם מתפּללים האָבן אויסגעהערט דעם רבינס משל, אזוי האָבן זייערע געמיטער זיך באַרואיקט, און זיי האָבן געזאָגט איינס צום אַנדערן:

— לאָמיר אָפּוואַרטן די זאַך. אפשר, ווער ווייסט, האָט גאָט אויף אונז רחמנות געהאַט און אַן אויסלייזער געשיקט אין אונזער נויט? זײַנע רייד זענען גוט, איצט וועלן מיר אָפּוואַרטן זײַנע מעשׂים.

קאַפּיטל נײַן.

געוויס האָבן די רייד, וואָס דער רבי האָט געדרשנט אין אונזער בית־הכּנסת, זיך פאַרשפּרייט באַלד איבער ירושלים. טייל תּלמידי־חכמים האָבן פּאַראיבל געהאַט אויף מײַן רבין, וואָס ער האָט אויסגע־הערט די רייד פון דעם נצרתער, און נישט פאַרוועדט אים. אָבער די לײַט פון פאָלק און די מתפּללים פון אונזער שול האָבן אויסגעוואַרט, אַז איצט, נאָך די רייד פון דעם רבין פון נצרת, זאָלן קומען זײַנע מעשׂים. דערווײַל איז זײַן שם געגאַנגען פאַרויס פאַר אים. עס איז גענוג געווען, אַז ער זאָל זיך באַווײַזן אין געסל פון בית־מקדש, — און עס האָבן זיך באַלד געזאַמלט אַרום אים שאַרן. נישט אַזוי צו הערן זײַנע תּורהס, אָדער זײַנע שיינע משלים זענען זיי געקומען, נאָר אויסצוקוקן מיט קלאָפּנדיקע הערצער אין די הימלען, צי זיי שפּאַלטן זיך נישט און עס באַווײַזן זיך נישט דאָרט די געטלעכע חיילות, אָדער אַן אַנדער אויסערגעוויינלעכע דערשײַנונג.

ווען עס איז אַדורכגעגאַנגען אַ שטיקל צײַט און עס איז גאָרנישט געשען, האָבן די מיינונגען וועגן דעם נצרתער זיך געטיילט. אַ טייל פון עולם האָט אָנגעהויבן חוזק צו טרײַבן סײַ איבער דעם רבין, סײַ אי־בער זײַנע תּלמידים. אַז דער נצרתער — ווי מען האָט דעם רבין גע־רופן אין ירושלים — האָט זיך באַוויזן אין בית־מקדש־הויף און אָנגע־הויבן צו פאַרציילן זײַנע משלים אָדער ער האָט געהאַט אַ וויכּוח מיט די צדוקים וועגן תּחית־המתים, האָט מען אים נאָכגערופן דאָס שפּריכ־וואָרט, וואָס איז אַרומגעגאַנגען איבער דער שטאָט: „קאָן דען עפּעס גוטס אַרויסקומען פון נצרת?" — און ווען זיי האָבן אָנגעטראָפן אויף זײַנע תּלמידים, האָבן זיי געפּרעגט: „ווען וועט אײַער רבי דאָס מלכות־השמים אויף דער ערד אַראָפּנידערן?" — אַנדערע, ווידער, האָבן געזאָגט: „מען קאָן קיינמאָל נישט וויסן, וואָס אַזאַ איינער פאַרמאָגט אויפן דעק פון זײַן פּעקל. דעריבער זײַט פאָרזיכטיק מיט די רייד". אָבער סײַ די, וואָס האָבן חוזק געמאַכט פון אים, סײַ די, וואָס האָבן נאָך נישט אויפגעגעבן די האָפענונג, האָבן מורא געהאַט פאַר אים און געהאַלטן זיך אַ טפח אָדער צוויי פון דער ווײַטנס פון אים. מען האָט מורא געהאַט זײַן קלייד צו באַרירן, וואָרעם דער שם פון זײַנע נסים האָט אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף אַלעמען.

די חכמים ווידער, האָבן זיך געראַנגלט גאַנץ ביז זיי האָבן זיך דערנעענטערט צום רבין פון גליל און געפּרוּווט מיט אים צו פֿאַרפֿירן א געשפּרעך וועגן זײַן תּורה און זײַן אויפֿפֿירונג, כּדי צו דערגרונטעווען זײַן נאַטור, האָט ער אי יאָ אָפּגעענטפֿערט צו דער זאַך, אי נישט. איינמאָל האָט עס אויסגעזען, אַז ער שטייט אײַנגאַנצן אויף תּורת־משה און לערנט זײַן תּורה אין גייסט פֿון דער קבּלה; אַז ער איז פֿון די תּלמידי־הלל און טײַטשט אויס די תּורה ווי איינער פֿון זיי. באַלד אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט זײַן אייגענעם וועג, און זײַן וועג איז געווען אַזוי נײַ, אַזוי נישט־געוויינלעך, אַז עס האָט אַרויסגערופֿן דערשטוינונג בײַ אַלעמען. ווען מען האָט אים געפֿרעגט, אויף וואָס ער איז סומך זײַנע רייד, האָט ער געענטפֿערט מיט אַזאַ זיכערקייט, גלײַך ווי ער וואָלט געהאַט רשות, גלײַך ווי מן השמים וואָלט מען אים איבערגעגעבן זאַכן, וואָס זענען קיינעם פֿאַר אים נישט איבערגעגעבן געוואָרן, אַחוץ צו משה־רבּינו אויפֿן באַרג סיני. עס זענען צוליב דעם אַרויסגעקומען שטענדיק מחלוקות צווישן אים און די תּלמידי־חכמים. ער האָט געפֿירט קעגן זיי א האַרב לשון. די מיינונגען פֿון די תּלמידי־חכמים וועגן אים זענען אויך געוואָרן געטיילט, אַזוי ווי בײַם פֿאָלק. טייל האָבן געזאָגט, אַז ער טײַטשט אויס די תּורה פֿאַר די אומוויסנדיקע, זאָל א ברכה קומען אויף זײַנע הענט; אַז זײַנע משלים דערנענטערן דעם מענטשן צום הימל. אַנדערע, ווידער, האָבן געזאָגט, אַז ער מאַכט ביליק די תּורה, און זיי האָבן געלייענט אויף אים דאָס שפּריכוואָרטל: „נישט פֿון דײַן האָניק און נישט פֿון דײַנע שטעכערס".

איינמאָל בין איך געווען אַן עדות פֿון אַזאַ פֿאַרפֿאַל:

אויפֿן ברייטן מאַרק, אין דעם נידעריקן טייל שטאָט, וואו עס שטייען די קרעמער מיט זייערע גרויסע קריגן אייל, די סוחרים מיט זייער ווײַן, איז געוואָרן אַן אָנגעלויף. איך בין דעמסטמאָל גראָד אַרויסגעגאַנגען פֿון בית־מדרש מיט מײַן חבר רופֿוס, דעם ייִנגערן ברודער פֿון אלכּסנדר, און מיר זענען צוגעלאָפֿן צו די מענטשן געוואָר ווערן, וואָס עס איז געשען. אַז מיר זענען צוגעקומען, האָבן מיר אין דעם געדרענג פֿון מענטשן דערזען שטיין דעם רבין פֿון נצרת. מיר האָבן אים דעמסטמאָל שוין גוט געקענט. ער האָט זיך אויסגענומען פֿון אַלע אַנדערע רביים מיט זײַן ווײַסן אומבאַפֿלעקטן געוואַנט, וואָס ער האָט געטראָגן. דער עולם האָט זיך געדרענגט אַרום אים. לעבן אים איז געשטאַנען א צעשלאָגענער מאַן, וואָס מען האָט פֿון דער שאָפֿנפֿעל, מיט וועלכער ער האָט צוגעדעקט זײַן לײַב, דערקענט אויף אים, אַז ער איז נישט קיין ירושלימער. דאָס פּנים זײַנס, ווי אויך זײַן לײַב, איז געווען צעשלאָגן. עס האָט גערונען בלוט פֿון אים. די תּלמידים פֿון דעם רבין האָבן דעם מאַן אַרויסגעראַטעוועט פֿון זײַנע מערדערס הענט. א ווײַן־הענדלער האָט געהאַלטן אין איין רײַסן פֿון דעם צעשלאָגענעם זײַן צעריסענע, פֿאַרשמוציקטע שעפּסענע פֿעל. דער סוחר האָט געטענהט פֿאַרן עולם,

אז דער צעשלאָגענער האָט אים גרויס היזק אָנגעטאָן. אז מיר האָבן זיך נאָכגעפרעגט בײַם ארומיקן עולם וועגן דעם פּאַרפאַל, זענען מיר גע־וואָר געוואָרן, אז עס האַנדלט זיך ווידעראַמאָל אין א געשעעניש, וואָס איז אַזוי אָפט פאָרגעקומען אויפן ברייטן מאַרק: א גלילער עם־הארץ, וואָס האָט געבראַכט אַרײַנצוטרײַבן קיין ירושלים א סטאַדע שאָף, איז אָנגעקומען אויפן ברייטן מאַרק, צווישן די קריגן ווײַן און האָניק. מען האָט געזען, ווי ער האָט א רעשט פון זײַן עסן, וואָס איז בחזקת טרפה, אַרײַנגעוואָרפן אין איינעם פון די קריגן. אזוי ווי מען האָט נישט געוואוסט, אין וועלכן קרוג ער האָט אַרײַנגעוואָרפן דאָס עסן, האָט ער, דעריבער, טמא געמאַכט דעם גאַנצן ווײַן אויפן מאַרק. די סוחרים פון ווײַן און האָניק אין ירושלים זענען געווען פרומע לײַט, שטאַרק אויסגעהיט אין הלכות טהרות. די סוחרים האָבן חושד געווען דעם עם־הארץ, אז ער האָט עס געטון בכיוון, און זיי האָבן אים גענומען שלאָגן און רײַסן פון אים דאָס איינציקע מלבוש, וואָס האָט צוגעדעקט זײַן נאַקעט לײַב. עס האָט טאַקע אָפט געטראָפן, אז צוליב קנאה צו די ירושלימער סוחרים, וואָס ווייסן ווי אומצוגיין מיטן דין, און זענען פאַרעכנט דערפאַר בחזקת כשרות, און קענען דעריבער פאַרקויפן זייערע ווײַנען און אייַלן אין ירושלים — וואָס די עמי־הארצים קענען נישט — האָבן דעריבער די עמי־הארצים טמא געמאַכט די כלים און די סחורה פון די ירושלימער, און עס זענען דורך דעם אָפט אַרויסגעקומען מחלוקת און געשלעגן אויף די מאַרק־פּלעצער אין ירושלים.

דער רבי, וואָס איז פּונקט דענסטמאָל פאַרבײַגעגאַנגען מיט זײַנע תלמידים, האָט געזען ווי די ווײַן־סוחרים שלאָגן א מאַן. האָט ער גע־הייסן זײַנע תלמידים, אז זיי זאָלן דעם געשלאָגענעם אַרויסראַטעווען פון זײַנע שלעגער. געוואָר געוואָרן אין וואָס זיי באַשולדיקן אים, איז אנשטאָט ער זאָל אים פאַראורטיילן איבער זײַן רשעות, האָט ער זיך גאָר אָנגענומען פארן עם־הארץ. דאָס איז געווען א נײַס: א רבי אין ישראל האָט צום ערשטן מאָל זיך אָנגענומען נישט פאַר די באַוווּסטע סוחרים פון ווײַן און אייל און נישט געהייסן די שומרים צו שלעפּן דעם עם־הארץ פארן קליינעם בית־דין, וואָס איז געזעסן אין איינעם פון די בתי־מדרשים, — נאָר ער האָט זיך גאָר אָנגענומען פארן עם־הארץ; אַרויסגעראַטעוועט פון די סוחרים הענט, האָט ער דעם מיט פויסטן און נעגל צעשלאָגענעם עם־הארץ, וואָס די צעפּלאָשעטע האָר זענען געשטאַנען אויף זײַן קאָפּ ווי שפּילקעס, — געטרייסט און אים רעכט געגעבן. דאָס האָט אַרויסגערופן א שטורעם פון פּראָטעסט נישט נאָר בײַ די אַזוי שווער באַשעדיקטע ווײַן־ און אייל־הענדלער, נאָר אויך די אַנדערע סוחרים און דער אַרומשטייענדיקער עולם האָבן אויסגעדריקט אומצופרידנהייט און א געמורמל.

— נעכטן ערשט האָט מיר אזא עם־הארץ צען קריגלעך טמא גע־מאַכט, — האָט געשריגן א טאָפּ־קלעפּער מיט א שנאָפּלדיקער שטימע,

וואָס מען האָט קוים פאַרשטאַנען וואָס ער זאָגט צוליב די פּאַרפּוילטע און אַרויסגעפאַלענע ציין פון זײַן מויל. — אַלע קענען מיך אין ירושלים. איך וואוין אין דער געגנט אַרום ירושלים, לעבן מדיה. איך קען די דינים פון טבילה און מײַנע כלים זענען בחזקת כשרות פאַר די מהדרין פון די מהדרין. קומט אַזאַ עם־הארץ און זעצט זיך אַוועק מיט זײַן אכילה צווישן מײַנע טעפּ. עס איז גענוג נאָר, אַז איין שפּריץ פון זײַן מויל־שפּײַעכץ זאָל באַרירן מײַנע כלים, און זיי זענען טמא. צען טעפּלעך האָב איך געמוזט צעברעכן, — האָט דער טעפּער געשריגן און דערבײַ מיט אַ פאַנטאַן שפּײַעכץ, וואָס האָט געשפּריצט פון זײַנע אָנצייינערדיקע יאַסלעס, באַשפּיגן אַלעמען, וואָס זענען געשטאַנען אַרום אים.

— און מיר האָט מען נישט פאַריקע וואָך פיר מעסטלעך גערשטן טמא געמאַכט? אַלע קענען מיך. איך ברענג אויפן מאַרק נאָר תבואות, פון וועלכע עס זענען אָראָפּגענומען געוואָרן תרומות און מעשרות. איך וואוין לעבן ירושלים, בײַם דאָרף מדיה, וואָס איז בחזקת כשרות. — קומט אַזאַ עם־הארץ און גיט אַ מיש צונויף זײַנע מעסטלעך תבואה מיט מײַנע. בכיוון האָט ער דאָס געטון.

— און מיר האָט אַן עם־הארץ אַ שטיק נבלה אין מײַנע בשמים אַרײַנגעוואָרפן! בכיוון טוען זיי דאָס! צום משפּט מיט אים!

דער נצרתער איז געשטאַנען און געקוקט טרויעריק, מיט באַדויער, אויף די אויפגערעגטע סוחרים. ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף זיי. אין זײַן שוואַרצער באָרד, וואָס האָט אַרומגענומען זײַן אויסגעבלייכט פּנים, האָבן שוין אָנגעהויבן אַדורכצופּלעכטן זיך גרויע האָר. די פּרי־צײַטיק־גרויע באָרד האָט נאָך מער אַרויסגעבראַכט דעם צער און דעם ווייטאָג, וואָס זענען געלעגן אויסגעגאָסן איבער זײַן פּנים. ער האָט זײַן האַנט אויסגעשטרעקט צו דער זײַט פון בית־המקדש און אויסגערופן:

— **ווײ צו אײַך, פּרושים!** אײַערע תקנות זענען בײַ אײַך טײַערער און וויכטיקער ווי די מצוות פון גאָט. איר צעשטערט דאָס וואָרט פון גאָט דורך אײַערע תקנות.

דער עולם, וואָס האָט זיך צוגעהערט צו די ווערטער, איז נבהל ונשתומם געוואָרן. טייל האָבן זיך אָנגערופן:

— וואָס האָט עס מיט די פּרושים צו טון, אַז די עמי־הארצים זענען אונדז מטמא די ווײַנען און די איילן?

— נישט די מויז איז דער גנב, נאָר די לאָך, אין וועלכער זי באַ־האַלט זיך, זאָגט דאָס שפּריכוואָרט, — האָט ווער פון זײַנע תלמידים אָפּגעענטפערט (ווי מיר האָט זיך אויסגעוויזן, איז עס געווען יהודה איש־ קריות: אין דעם געמיש פון דער מענגע האָב איך געקענט באַ־מערקן ווי זײַן בערדל באַוועגט זיך בשעת ער רעדט).

דער רבי פון נצרת האָט איצט זיך געווענדט צום עולם און געזאָגט צו זיי:

— הערט מיך אַלע צו און פאַרשטייט: קיין זאַך פון דרויסן, וואָס

קומט אַרײַן אין דעם מענטשן, קאָן אים נישט אומריין מאַכן, נײַערט די זאַכן, וואָס קומען אַרויס פון דעם מענטשן, די מאַכן אים אומריין.

דער עולם, אין דערשטוינונג און שרעק, האָט געעפנט די מײַלער איבער די ווערטער.

— וואָס הייסט דאָס? — האָבן זיך געהערט שטימען — איז שוין נישטאָ קיין ריין און אומריין בײַ יידן? זאָלן מיר זײַן גלײַך מיט די גויים?

— נאָוף, ליגן, בייזע געדאַנקען, וואָס איר ברענגט פון אײַער מויל אַרויס, — דאָס מאַכט אײַך אומריין! אָבער נישט די שפּײַז, וואָס איז פון גאָט פאַרן מענטשן באַשאַפן געוואָרן, — האָבן די תּלמידים געפּרוווט צו געבן פאַרשטיין דעם רבינס ווערטער פאַרן אויפגערעגטן עולם.

— דער קומט און וואַרפט אום גאַנץ תּורת־משה און די חכמים שטייען, הערן צו זײַנע רייד און שווײַגן, — האָט ווער פון עולם אויסגערופן.

— ניין, דער וואַרפט נישט אום תּורת־משה. איר ווייסט דען נישט, ווער עס רעדט? דאָס איז דאָך דער נביא פון גליל.

— דער, וואָס מען זאָגט אויף אים, אַז...

— יאָ, לויטער רמזים, וואָס מיר קאָנען זיי נישט פאַרשטיין. — אַז משיח בן־דוד וועט קומען, וועט זיך אַלץ אויפקלערן, — האָט יהודה אײַנגערוימט די אַרומשטייענדיקע.

דאָס וואָרט „משיח בן־דוד" איז געוועזן ווי דער באַריר פון אַ מאַגיש צויבער־שטעקעלע. אַ פלאַטערדיקע שושקערײַ איז געגאַנגען פון אויער צו אויער, ווי אַ שאָרכן פון ווינט. מען האָט אָנגעהויבן זיך אָפּצורוקן פון אים, געלאָזט אים אַליין אין זײַן ווינקל, אַזוי ווי ער וואָלט געווען אומ־באַרירלעך־הייליק. דער שם פון זײַנע נסים, וואָס איז פאַרויסגעגאַנגען פאַר אים, האָט אַ מיסטישן שלייער געוואָרפן אויף אים. מען האָט אים פאַרשוויגן אַזוינס, וואָס מען וואָלט יעדן אַנדערן פאַרשטיינערט דערפאַר.

ווען מיר זענען ביידע, רופוס און איך, אַרײַנגעקומען צו לויפן אין אונזער בית־מדרש אַרײַן און האָבן דערציילט אונזער רבין נקדימון, אַז אינדרויסן שטייט דער רבי פון נצרת און רעדט, חלילה, קעגן די יסודי־התורה, האָט זיך נישט דערוועקט אין מײַן רבין דער אייפער און דער ברען פאַר דער תּורה און ער איז נישט געגאַנגען פאַדערן איר כּבוד, ווי עס איז געווען צו דערוואַרטן. נאָר אונזער רבי נקדימון האָט זיך פאַרטראַכט איבער די רייד פון דעם רבין פון גליל, וואָס מיר האָבן אים איבערגעגעבן, און ער האָט באַרויקט אונזערע געמיטער מיט ווערטער פון שלום, און ער האָט געזאָגט צו אונז אַזוי:

— אפילו די געוויינלעכע רייד פון אַ תּלמיד־חכם באַדאַרף מען דאָך שטודירן. און ווען אפילו מען הערט אָדער מען זעט פון אַ תּלמיד־חכם זאַכן, וואָס מיר פאַרשטייען נישט פון דעם ערשטן אויגנבליק, און עס דאַכט זיך אונז אויס, אַז זיי שטייען, חלילה, אין סתירה מיט דער תּורה, טאָר מען דאָך אים נישט חושד זײַן אין, חלילה, צעשטערן די

תורה. נאָר מען מוז דאָס צושרײַבן צו אונזער נישט־פאַרשטיין און זיכער זײַן, אַז עס וועט, חלילה, נישט אַרויסגיין פון מויל פון אַ תּלמיד־חכם אַ וואָרט, וואָס זאָל ברענגען צו אַ מכשול. און וואָס איז נוגע דעם רבין פון גליל, איז ידוע, אַז ער איז אַ פרומער און אָפּגעהיטענער ייד. און עס איז אויך ידוע פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז ער נעמט זיך אָן פאַרן כבוד פון דער תורה, ווי ער האָט עס אַליין מעיד געווען אויף זיך: „פריער וועט די וועלט אונטערגיין, איידער, חלילה, איין־איינציק פּינ־טעלע פון תורת־משה". מן הסתם איז דאָך דאָ אַ טעם צו זײַנע רייד. און ווען אַפילו מיר פאַרשטייען זיי נישט, וועט ער זיי אוודאי אויפקלערן, און עס וועט זיך אַרויסווײַזן, אַז עס זענען די רייד פון דעם לעבע־דיקן גאָט.

אַזוי האָט אונז אונזער רבי אײַנגענומען און באַרואיקט.

עס האָט געטראָפן אַן אַנדערס מאָל, אַז מיר, די תּלמידים פון אונ־זער רבין, האָבן נאָכגעטראָגן זײַנע כּלים אין מרחץ אַרײַן, ווי דער מנהג איז געווען, — דאָס פלעשעלע אייל צו זאַלבן אים, זײַן העמד, זײַן מעיל, וואָס מיר האָבן אויסגעוואַשן, כּדי דער רבי זאָל האָבן אַ געוואַשן העמד אויף איבערצוטון, ווען ער וועט אַרויס פון מרחץ, — זענען מיר פאַר־בײַגעגאַנגען איינע פון די געסלעך, וואָס לענקען אָפּ פון ברייטן מאַרק, וואו עס שטייען די גרינס־הענדלער, וואָס ברענגען זייערע פּראָדוקטן פון די גרינס־גערטענער פון דרויסן קיין ירושלים צו פאַרקויפן. מיר האָבן אָנגעטראָפן אַ געדרענג פון מענטשן לעבן אַ געוועלבל. צווישן זיי איז געשטאַנען דער רבי פון נצרת און האָט געדרשנט הויך, מיט גרויס אויפרעגונג. עס האָבן זיך געקליבן אַרום אים מאַרק־ווײַבער, אייזל־טרײַבער, קעמל־פירער, טרעגער און שלעפּער. אַפילו די קרעמער האָבן איבערגעלאָזט זייערע קראָמען און זענען געקומען צו לויפן צוצוהערן זיך צו זײַנע רייד. צו אונזער פאַרוואונדערונג האָט אונזער רבי זיך אויך אָפּגעשטעלט, אויסגעמישט זיך מיט דער מענגע און זיך צוגעהערט צו די רייד פון גלילער. אַזעלכע ווערטער, וועלכע מיר האָבן געהערט אַרויסגיין פון מויל פון רבי פון נצרת, זענען נאָך נישט געהערט גע־וואָרן. ווי שמיץ פון בלײַערנע ריטער איבער די קעפּ זענען זיי געפאַלן קעגן די תּלמידי־חכמים, קעגן די פּרושים און סופרים.

— די סופרים און די פּרושים, — האָט ער געדונערט, — זיצן טאַקע אויף דעם שטול פון משה. דערום, וואָס זיי הייסן אײַך האַלטן, דאָס האַלט און טוט. אָבער היט זיך נאָכצוטון זייערע מעשים, וואָרעם זיי אַליין זאָגן עס און טוען עס נישט. זיי בינדן שווערע לאַסטן, וואָס מען קאָן נישט דערטראָגן, און לייגן זיי די מענטשן אויף די אַקסל, אָבער זיי אַליין וועלן אַפילו מיט קיין פינגער נישט אָנרירן. און אַלע מעשים טוען זיי, אַז מענטשן זאָלן עס דערזען. זיי מאַכן ברייט די רצועות פון זייערע תפילין, פאַרלענגערן די ציצות פון זייערע קליידער און האָבן ליב אויבנאָן צו זיצן אויף די סעודות און צו שטיין אויבנאָן אין די שולן.

זיי האָבן ליב, אַז מען זאָל זיי גריסן אין די גאַסן און די לײַט זאָלן זיי רופן: ״רבי, רבי!״. איר אָבער זאָלט זיי נישט רופן „רבי״! — האָט ער אויסגערופן צום פאָלק — וואָרעם איינער איז אײַער לערער, און דאָס איז — דער משיח, און איר אַלע זענט ברידער. און איר זאָלט קיינעם נישט אָנרופן אײַער פֿאָטער אויף דער ערד, וואָרעם איינער איז אײַער פֿאָטער, דער פֿאָטער אין הימל.

איך האָב געקוקט אויף מײַן רבין נקדימונס פּנים און איך האָב באַמערקט, ווי דאָס בלוט איז אַנטלאָפן פֿון זײַן פֿלייש. זײַן הויט איז בלייך געוואָרן ביז אונטער די וואָרצלען פֿון זײַנע האָר. ער האָט אָנגעהויבן זיך דערוועטערן, מיר — נאָך אים. מיר האָבן געהערט הינטער אונדז די דונערדיקע שטימע פֿון דעם נצרתער קעגן די פּרושים און די סופרים, און זיך געוואונדערט, וואָס קיינער שטעלט אים נישט אָפּ און קיינער זאָגט אים גאָרנישט און אַפילו אונדזער רבי, וואָס דאָס פֿאָלק האָט אים געקענט און געמאַכט אַ וואָרע פֿאַר אים, ווען מיר האָבן זיך דערנענט, האָט געהערט, ווי ער פֿאַרלייקנט די רבנימשאַפֿט פֿון די פּרושים, און ער האָט דאָס פֿאַרשוויגן. מיר האָבן זיך געוואונדערט, וואָס קאָן דאָס אַלץ זײַן.

נאָר קוים האָבן מיר זיך דערוועטערט, איז לעבן אונדז אויסגעוואַקסן יהודה איש־קריות. ער האָט באַמערקט אונדזער רבין צווישן דער מענגע, און ער האָט פֿאַרלאָזט זײַן אָרט אַרום זײַן רבין און איז צוגעקומען צו אונדזערן.

— וואָס איז געשען? — האָט דער רבי נקדימון געפֿרעגט יהודהן.

— פּויערים האָבן געבראַכט אויף אייזעלעך צו פֿירן זייער גרינוואַרג צום מאַרק אַרויס. זיי האָבן פֿאַרקויפֿט ביליקער ווי די פֿאַרם־לײַט פֿון אַרום ירושלים. האָבן זיך באַוויזן די אויפֿזעער פֿון די רבנים און דערקלערט זייער גרינוואַרג פֿאַר טריף. האָבן די פּויערים פֿון דער פֿרעמד געפֿרעגט בײַ די שליחים פֿון די חכמים, פֿאַרוואָס פֿרעגן זיי זיך נישט נאָך אויף די דינים פֿון כלאים בײַ די פֿאַרם־לײַט אַרום ירושלים, האָבן די שליחים אָפּגעענטפֿערט: „די פֿאַרם־לײַט פֿון ירושלים, וואָס וואוינען ביז צום דאָרף מדיה, זענען בחזקת כשרות. איר אָבער וואוינט אויפֿן לאַנד, ווייסט איר נישט ווי אָפּצוהיטן די כללים״. אַזוי איז געוואָרן אַ ביטער געשריי פֿון די פּויערים פֿון דער פֿרעמד אויף די תּלמידי־חכמים. און זיי האָבן געזאָגט, אַז די חכמים זענען, חלילה, נושא־פּנים. און אַז די אָרעמע מאַרק־ווײַבער, וועלכע האָבן די פֿרעמדע סחורות אײַנגעקויפֿט ביליקער פֿאַר זייערע הויזגעזינטן, האָבן געמוזט דאָס עסנוואַרג אויסשיטן פֿון זייערע קערב, — איז געוואָרן אַ גרויס געוויין צווישן זיי. דער רבי פֿון גליל איז פּונקט אַדורכגעגאַנגען און ער האָט צוגעזען די זאַך, איז ער געוואָרן מלא כעס, איז אַרויפֿגעגאַנגען אויף אַ שוועל פֿון אַ געוועלב און האָט אָנגעהויבן רעדן קעגן די פּרושים.

מײַן רבי האָט מיט אַ נידעריקער שטימע געזאָגט יהודהן אויפֿן

אויער (דאָך האָבן מיר נישט־ווילנדיק געהערט זײַנע ווערטער):
— נישט דאָס געדרודער מיין איך, יהודה, און אויך נישט זײַנע רייד קעגן די פּרושים. זייער כבוד רוט אויף זייער אָרט. האָסטו אָבער גע־הערט, יהודה, וואָס ער האָט געזאָגט וועגן דעם איינעם לערער, וועגן משיחן? האָט ער בדעה נתגלה צו ווערן אין ירושלים?
— אזוי האָט ער געזאָגט אין כּפר־נחום.
— ווען?
— איך ווייס עס נישט, ער האָט נאָך וועגן דעם מיט אונז נישט גערעדט.
ווען אונזער רבי איז געקומען פון מרחץ, האָבן מיר געוואָגט צו קומען פאַר אים און אים צו פרעגן:
— לערן אונז, רבי. מיר האָבן געזען, ווי דו ביסט געווען אַן עדות, ווי מען האָט מזלזל געווען דעם כבוד פון די תלמידי־חכמים און די סופרים, און דו האָסט זיך נישט געוועהרט און זיך נישט אָנגענומען פאַר זייער כבוד. ווי אזוי זאָל מען דאָס פאַרשטיין?
האָט דער רבי אונז אָפּגעענטפערט:
— עס האָט געזאָגט דער קלוגסטער פון אלע מענטשן, שלמה המלך: „די שטראָפער זענען זיס, און אויף זיי וועט קומען די ברכה פון גאָט". איז פון דאַנען געדרונגען, אז דער, וואָס שטראָפט זײַן חבר און וויל טאַקע מיטן גאַנצן האַרץ, אז ער זאָל תשובה טון, איז עס א שטראָף לשם שמים, און עס קומט אים די ברכה דערפאַר. ווײַל בעוונותינו הרבים געפינען זיך צווישן די תלמידי־חכמים טאַקע זייער פיל, וואָס צירן זיך מיט דער קרוין פון דער תורה, אָבער טראָגן נישט דעם עול פון דער תורה. זיי האָבן זי נאָר געמאַכט פאַר א רוט, כדי צו הערשן איבערן פאָלק. די תלמידי־חכמים, וועלכע טוען מעשי־זמרה און פאַרלאַנגען שכר ווי פּנחס, — זיי וועלן אים פײַנט האָבן פאַר די רייד. אָבער די, וואָס מיינען טאַקע אַלץ פון דעם הימל וועגן, וועלן אים ליב האָבן. ווי שלמה המלך האָט געזאָגט: „שטראָף א חכם, וועט ער דיך ליב האָבן". און אז דער רבי פון גליל האָט עס געמיינט לשם־שמים, איז דער בעס־טער באַווײַז, וואָס ער האָט געזאָגט צום פאָלק: "די סופרים און די פּרו־שים זיצן אויף דער שטול פון משה. און דערום, וואָס זיי זאָגן אײַך, האַלט עס און טוט עס". נישט קעגן דער תורה איז ער ארויסגעטראָטן און נישט קעגן אמתע אויסטײַטשער, נאָר קעגן די פאַלשע געלערנטע, וואָס האָבן געמאַכט אויס דער תורה א קלייד, מיט וועלכן זיי דעקן צו די שאַנד פון זייער נאַקעטקייט.
איך האָב מיר באַין אופן נישט געקאָנט דערקלערן, פאַרוואָס די תלמידי־חכמים האָבן דעם רבין פון גליל פאַרשוויגן זײַנע רייד. יעדער איינער אויף זײַן אָרט, ווען ער וואָלט געוואָגט ארויסצוטרעטן מיט די ווערטער קעגן די אָנגענומענע געזעצן פון טהרה און טומאה, וואָלט גע־ווען א בן־מות. אָפּטמאָל האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז דער „נביא פון

גליל״, ווי מען האָט אים אָנגעהויבן אויך צו רופן אין פאָלק, האָט גע־וואָלט ארויספאָדערן דעם מלאך־המות און קעמפן קעגן אים, ווי ער האָט געקעמפט קעגן די מענטשן. נישט נאָר האָט ער זיך נישט געשראָקן פארן טויט, נאָר עס האָט אויך געמאַכט אַן אײַנדרוק ווי ער וואָלט אים געזוכט. נישט נאָר האָט ער געפירט די האַרטע רייד קעגן די חכמים אין מאַרק, אין די שולן, ער האָט זיי אויך ארײַנגעבראַכט אין בית־מקדש־הויף. די רבנים האָבן אָבער זיך נישט אומגעקוקט אויף אים. אָפטמאָל האָב איך געזען, ווי די תלמידים פון יוחנן בן זכאי זענען פאַר־בײַגעגאַנגען, ווען ער איז געזעסן אונטער א דעכל, א באדעקעכץ פאַר א רעגן, און האָט געדרשנט פאַר זײַנע צוהערער וועגן תחית־המתים, וועגן גן־עדן און גיהנום, אָדער ער האָט זיי פאַרציילט א משל. דער אָדער יענער פון די תלמידים האָט זיך אָפגעשטעלט און מיט נײַגערי־קייט זיך צוגעהערט. די תלמידי־חכמים האָבן טיילמאָל געצויגן מיט בטול די אַקסל אויף אים און אים פאַרלאַזט. טייל האָבן אים גערופן חסיד שוטה. עס זענען אָבער געווען אַנדערע, אפילו תלמידי־חכמים, וועלכע האָבן עפּעס דערוואַרט פון אים און געטראָגן אין זייערע הער־צער באַהאַלטענע האָפענונגען אויף דעם וואונדערלעכן מאַן. עס איז געווען געוויס דער שם, וואָס איז פאַרויסגעגאַנגען פאַר אים, וואָס האָט באַשאַפן די האָפענונג אין פאָלק; אָבער נישט נאָר זײַן שם אליין, נאָר אויך זײַן פערזענלעכקייט, זײַן אויפטרעטן. ווען מען האָט אים דערזען אין זײַן ווײַסן קלייד, אין זײַן טלית ארומגעהילט, ווי ער איז געשטאַ־נען אין בית־מקדש־הויף, צווישן די זײַלן, און האָט גערעדט מיט א נביאישן טאָן וועגן מעשים, וואָס רירן אָן די הייליקסטע האָפענונגען פון יידישן פאָלק, האָט מען זיך פאַרטראַכט. איינער האָט געזאָגט צום אַנדערן: „ווער ווייס, אפשר איז עס ער?״ נאָר דערמיט קאָן מען דער־קלערן, פאַרוואָס די תלמידי־חכמים האָבן פארשוויגן זײַנע האַרטע רייד, און אויך זײַנע שווערע באַשולדיקונגען. אָפטמאָל אָבער האָבן זײַנע ווער־טער ארויסגערופן גרויס אויפרעגונג בײַ די קנאים צווישן די תלמידים פון שמאי.

די צדוקים ווידער, האָבן דעם רבי פון גליל געהאַלטן פאַר חסר־דעה. די אריסטאָקראַטישע צדוקים, ווען זיי זענען געקומען אין בית־מקדש־הויף און דערזען דעם רבין פון גליל, ווי ער איז געזעסן ארום גרופּעס אָרעמעלײַט און האָט געפּרעדיקט פאַר זיי וועגן תחית־המתים, — האָבן זיי זיך געבייזערט אויף די לוויים, די אָרדענונג־היטער, וואָס מען לאָזט אזא איינעם ארײַן אין בית־מקדש־הויף צו דרשנען אומגע־שטערט די נאַרעשקייטן פון תחית־המתים. זיי האָבן אפילו זיך געקלאָגט פארן סגן, וואָס איז געווען דער היטער איבער דער אָרדענונג. ווי מיר האָבן געהערט, האָט מען טאַקע געוואָלט פאַרווערן דעם רבין פון גליל צו פּרעדיקן תחית־המתים אין בית־מקדש־הויף, נאָר די פּרושים האָבן זיך אָנגענומען פאַר אים: זיי האָבן געזאָגט, אז יעדער ייד האָט א רעכט

צו דרשנען די תורה, ווען ער האָט זיך נאָר אין אירע ראַמען, און תחית־המתים, האָבן זיי געהאַלטן, איז פון דער תורה. די אויטאָריטעטן פון בית־המקדש האָבן זיך גערעכנט מיטן אָרעמען פאָלק, וואָס האָט אים נאָכגעפאָלגט. דאָס אָרעמע פאָלק פון נחל־קדרון האָט גאָרנישט גע־האָט אין דעם לעבן, עס זאָל זיי לוינען צו קלאַמערן זיך אין דעם. פאַר זיי איז דאָס לעבן פון דער צווייטער וועלט, וואָס דער נביא פון גליל האָט אויסגעמאָלט פאַר זיי אין אזוינע לעבעדיקע פאַרבן, געווען די איינציקע פאַרגיטיגונג פאַר זייער מאַטעריעל אויף דער וועלט. ווען דער נביא פון גליל האָט זיך נאָר באַוויזן אין בית־המקדש־הויף אָדער אויפן מאַרק, אזוי איז פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן די אָרעמקייט צוצוהערן זיך צו זײַנע רייד. די אויטאָריטעטן פון בית־המקדש האָבן באַמערקט, אז עס איז בעסער, אז דער „נאַר פון נצרת„ ווי זיי האָבן אים טיילמאָל גערופן, זאָל פאַרוויגן די אומצופרידענע, אָרעמע מאַסן מיט חלומות פון א צווייטן לעבן, איידער זיי זאָלן זוכן צו פאַרווירקלעכן דעם חלום אויף דער־וועלט דורך בונטן און אויפשטאַנדן קעגן רוים און בית־חנן, צו וועלכע עס האָט זיי אויפגעהעצט בר־אבא. דורך דעם האָבן זיי דעם רבין פון גליל נישט פאַרבאָטן זײַנע דרשות אין בית־מקדש־הויף. פאַרקערט, עס איז זיי ניחא געווען. זיי האָבן אויך צוליב דעם אָפטמאָל פאַרמאַכט די אויערן נישט צו הערן די רייד, וואָס דער גלילער האָט געוואָרפן צו די מאַסן, און פאַר וועלכע מען וואָלט אים געקאָנט שטעלן פאַרן משפט פון סנהדרין; וואָרעם דער נביא פון נצרת האָט געפּרעדיקט וועגן דעם לעבן פון יענער וועלט, וועגן מלכות־השמים, ווי דאָס וואָלטן געווען זײַנע פּריוואַטע גיטער און ער קאָן זיי צעטיילן יעדן איינעם, וואָס טוט זײַן רצון און הערט זיך צו צו זײַנע רייד. ער האָט אין זײַנע דרשות ארײַנגעפלאָכטן רמזים, וואָס האָבן געמאַכט ציטערן דאָס האַרץ פון די צוהערער, זיי איבערגעשראָקן. ער האָט אָפטמאָל זיך אידענטי־פיצירט מיט דער העכסטער הייליקייט פון ישראל, וואָס האָט, פאַר־שטייט זיך, באַגעגנט דאָס נישט־פאַרשטיין פון די צוהערער און אָפטמאָל ארויסגערופן בײַ זיי פאַרביטערטקייט. עס פלעגן אָפט ארויסקומען צו־ליב דעם מחלוקת.

אן אַנדערס מאָל בין איך געווען אן עדות פון א צוזאַמענשטויס צווישן דעם רבין פון גליל און די תלמידי־שמאי. בײַ דעם צוזאַמענשטויס איז דער רבי נקדימון אליין שיר נישט באַליידיקט געוואָרן, ווײַל ער האָט זיך אָנגענומען פאַר דעם רבין פון גליל. עס איז אזוי געווען:

עס איז געווען אין מיטן דער רעגן־צײַט אין ירושלים. די חכמים האָבן געלערנט מיט זייערע תלמידים אונטער באַדעקנס פון האַליעס פון בית־מקדש־הויף, וואו די רביים זענען געזעסן בײַ די וואָרעמע טעפּ, און די תלמידים זענען געשטאַנען פאַר זיי און זיך צוגעהערט צו זייערע רייד. מײַן רבי, באַגלייט פון זײַנע תלמידים, איז געקומען אין בית־מקדש־הויף צו הערן די דרשה פון יוחנן בן זכאי, וואָס ער האָט דענסט־

מאָל געהאַלטן פאַר זײַנע תּלמידים. מיטאַמאָל דערהערן מיר א גערודער. איינער פון די תּלמידי־שמאַי, טודרוס, וואָס מיר האָבן געקענט פאַר א גרויסן קנאַי, איז געקומען ארויסצולויפן פון אונטער א באַדעקנס פון א האַליע און האָט גערופן:

— דאָס איז דאָך חוצפּה כּלפּי שמים. מען באַדאַרף אים פאַרן משפּט שטעלן, מלקות באַדאַרף מען אים שלאָגן דערפאַר! — האָט ער גוואַלדעוועט, און זײַנע לאַנגע פּאות האָבן זיך געטרייסלט און די תּפילין פון זײַן קאָפּ זענען שיִר נישט אראָפּגעפאַלן.

אויך אַנדערע האָבן גערופן:

— ווער האָט דאָס געהערט אזעלכע רייד ארויסגיין פון מויל פון א רבין אין ישׂראל?

מיר האָבן זיך אומגעקוקט. מיר האָבן דערזען אונטער א באַדעקנס פון א האַליע, אין זײַלן־גאַנג פון בית־מקדש־הויף, שטייט דער רבי פון גליל און דרשנט פאַר אַן עולם. צווישן זײַנע צוהערער געפינען זיך פיל תּלמידים פון רביים, אויך פּרחי־כּהונה, יונגע לוויים, זייער פיל בעלי־מלאכות, וואָס האָבן זיך געפונען אין בית־מקדש־הויף. עס איז א גרויסע אויפרודערונג צווישן זײַנע צוהערער. פיל מאַכן מיט די הענט, טייל פאַרהאַלטן זיך די אויערן, טייל שרייען אויס אלערליי אויסרופן. אַנדערע באַרואיקן זיי. מײַן רבי איז אָפּגעגאַנגען פון זײַן וועג, נישט אריַינצומישן זיך אין דעם גערודער פון דער גאַס. אָבער דאָס איז נישט געווען קיין גאַס, דאָס איז געווען דער בית־מקדש־הויף. מיר האָבן שוין לאַנג נישט געהאַט געזען אזא אויפרודערונג צווישן עולם אין בית־מקדש־הויף, סײַדן נאָר א יום־טוב־צײַט, ווען עס זענען דאָ א סך עולי־רגלניקעס. מײַן רבי איז צוגעגאַנגען צום אויפגערודערטן עולם, מיר — נאָך אים. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט. מיר האָבן דערזען דעם רבין פון גליל, ווי ער שטייט, ארומגערינגלט מיט זײַנע תּלמידים, און דרשנט פאַר אַן עולם. ניין, עס איז נישט געווען קיין דרשה, עס זענען געווען שטראָף־רייד, וואָס מיר האָבן נאָך קיינמאָל אזעלכעס נישט געהערט, — ווי א נביא וואָלט אויפגעשטאַנען און געשלײַדערט זײַנע דונערדיקע שלאָגווערטער. דער רבי האָט געטראָגן זײַנע תּפילין אויפן קאָפּ, פאַרוואָרפן אויף זיך זײַן באַציצותדיקטן טלית. זײַנע נאַקעטע אָרעמס האָבן זיך ארויסגעריסן פון די ברייטע אַרבל פון זײַן אויבערקלייד. ער האָט זיי געהויבן איבער די קעפּ פון דער מענגע, וועלכע האָט זיך ארום אים אויסגעגאָסן ווי א טײַך איבער די טרעפּלעך פון דער האַליע און פאַרנומען דעם גאַנצן דורכגאַנג פון הויף. ער איז געשטאַנען העכער מיט זײַן קאָפּ פון אַלעמען. און פון זײַנע אויגן זענען שטראַלן־פײַלן געפאַלן, און פון זײַן צעווייטעקט מויל, וואָס האָט ווי א וואונד זיך געקרימט צווישן זײַנע באַוואַקסענע באָרד און פּאות, האָבן זיך געשאָטן ווערטער, ווערטער, וואָס האָבן זיך געלייגט ווי שווערע שטיינער אויף יעדן יידישן האַרץ.

— מיינט איר, אז איך בין געקומען צו געבן שלום אויף דער ערד? איך זאָג אײַך, ניין. נײַערט א מחלוקה. וואָרעם פון אצינד אָן וועלן פינף צעטיילט זײַן אין איין הויז, דרײַ קעגן צוויי און צוויי קעגן דרײַ, דער פאָטער קעגן דעם זון און דער זון קעגן דעם פאָטער, די מוטער קעגן דער טאָכטער און די טאָכטער קעגן דער מוטער, די שוויגער קעגן דער שנור און די שנור קעגן דער שוויגער.

דער עולם איז נבהל ונשתומם געוואָרן, און טייל האָבן אים גע־פרעגט:

— וואָס זאָלן מיר טון? זאָג אונז!

און דער רבי האָט זיי אָפּגעענטפערט:

— באָמיט אײַך, איר זאָלט דורך דער ענגער טיר אַרײַנקומען. וואָ־רעם איך זאָג אײַך, פיל וועלן זוכן אַרײַנצוקומען און וועלן נישט קאָנען, ווען דער בעל־הבית וועט אויפשטיין און וועט די טיר צושליסן. איר וועט פון דרויסן שטיין און וועט אין דער טיר קלאַפּן און זאָגן: „האַר, האַר, עפן אונז". אזוי וועט ער ענטפערן און צו אײַך זאָגן: „איך קען אײַך נישט. פון וואַנען זענט איר?". דערנאָך וועט איר זאָגן: „מיר האָבן געגעסן און געטרונקען מיט דיר, און דו האָסט געלערנט אין אונזערע גאַסן". אזוי וועט ער זאָגן: „איך קען אײַך נישט. ווער זענט איר? קערט אָפּ פון מיר אַלע, איר שלעכט־טוער". דאָרט צווישן אײַך וועט זײַן גע־וויין און ציין־קריצעניש ,ווען איר וועט זען אברהם, יצחק און יעקב און אַלע נביאים אין דעם קעניגרײַך פון גאָט, און איר אליין וועט זײַן אַרויסגעוואָרפן. און עס וועלן קומען פון מזרח און פון מערב, פון צפון און פון דרום, און וועלן זיך אנידערזעצן אין דעם קעניגרײַך פון גאָט. — די לעצטע וועלן זײַן די ערשטע און די ערשטע וועלן זײַן די לעצטע.

דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— איך בין דאָס ליכט פון דער וועלט. ווער עס פאָלגט מיר נאָך, וועט נישט ארומגיין אין דער פינצטער, נײַערט ער וועט האָבן דאָס ליכט פון דעם לעבן.

ביז איצט האָט דער עולם זיך נאָך פאַרהאַלטן רואיק. נאָר מיטאמאָל האָט זיך צוגעריסן צו אים א מאַן מיט הויכע, אָפּשטייענדיקע פּאות, און ער האָט אים אין פּנים אַרײַנגעשריגן:

— דו זאָגסט עדות אויף זיך אליין. דײַן עדות־זאָגן איז נישט וואָר!

דער רבי פון נצרת האָט אים אָפּגעענטפערט:

— ווען אפילו איך זאָג עדות אויף זיך אליין, איז מײַן עדות דאָך וואָר. וואָרעם איך ווייס פון וואַנען איך קום, וואוהין איך גיי. אָבער איר ווייסט נישט פון וואַנען איך קום, וואוהין איך גיי. איר טוט ריכטן נאָכן פלייש נאָך, אָבער איך בין נישט אליין, נײַערט איך און דער פאָטער, וואָס האָט מיך געשיקט. און עס שטייט אויך געשריבן אין דער תורה: דורך צוויי עדות זאָל באַגלויבט ווערן די זאַך. איך זאָג עדות אויף זיך אליין, און אויך דער פאָטער, וואָס האָט מיך געשיקט.

די רייד האָבן אויפגערודערט די געמיטער. דאָ און דאָרט האָבן אָנגעהויבן אויגן זיך אָנצינדן. און איינער האָט אויסגעשריגן:

— וואו איז דײַן פּאָטער?

דער רבי האָט געענטפערט:

— איר קענט מיך נישט, אויך נישט מײַן פּאָטער. ווען איר וואָלט מיך געקענט, אַזוי וואָלט איר אויך מײַן פּאָטער געקענט.

מען האָט באַדאַרפט זען דעם שטורעם, וואָס די רייד האָבן אַרויס־גערופן בײַם עולם. אין אָנהויב זענען אַלע פאַרשטומט געוואָרן, ווי זיי וואָלטן פאַרכאַפּט געווען פון א גרויסער וואונדערלעכער געשעעניש, וואָס זיי זעען צום ערשטן מאָל און ווייסן נישט, וואָס דאָס איז אַזוינס. דערשראָקענע אויגן האָבן איינע די אַנדערע אָנגעקוקט. בלייכע פּנימער, צעפּלאַטערטע פּאות און בערד. מען האָט געהערט דעם סאַפּעדיקן אָטעם פון די בריסטן. פּלוצלינג האָט איינער פון עולם געהאָלפן נאָכצולאָזן די שטײַפע שטריק, מיט וועלכער די ווערטער פון רבין האָבן זיי אײַנ־געצויגן. ער האָט זיך ארומגעקוקט און געפרעגט מיט דערשטוינונג די אַנדערע:

— ווער האָט געהערט אַזעלכע רייד אַרויסגיין פון א יידישן מויל?

— אויב ער איז דאָס, וואָס ער מיינט, אַז ער איז, קאָן ער אַלץ זאָגן, ער האָט רשות דערויף, — האָט אַן אַלטער, האַלב־אײַנגעהויקער־טער מאַן מיט בלינד־רויטע אויגן געזאָגט, טײַטלענדיק מיט א פינגער.

— ווער איז ער? ווער איז ער, וואָס רעדט אַזעלכע רייד? זאָגט מיר, ווער איז ער? — האָט דער ערשטער ווידער אויסגערופן.

דאָס האָט געגעבן דעם עולם א שטויס. און עס האָבן צום רבין זיך אויסגעשטרעקט הענט מיט דערשראָקענע, בלייכע, אויסגעמאַטערטע פּנימער, און מענטשן האָבן מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם אים געפרעגט:

— זאָג אונז, ווער ביסטו? ווער ביסטו?

א מינוט האָבן מיר אַלע אָפּגעוואַרט אויף דעם גרויסן וואָרט, וואָס עס וועט אַרויס פון זײַן מויל, אָבער דער רבי האָט אָפּגעענטפערט מיט רמזים ווי תמיד:

— דערזעלבער, וואָס איך האָב אײַך געזאָגט אין אָנהויב. איך האָב פיל פון אײַך צו זאָגן און צו ריכטן. דער, וואָס האָט מיך געשיקט צו אײַך, איז וואָר. און וואָס איך האָב געהערט פון אים, דאָס זאָג איך צו דער וועלט.

— דו זעסט דאָך, אַז ער איז חסר־דעה, אַז ער פּלאַפּלט רייד אין דער וועלט אַרײַן! — האָט א תלמיד־חכם געשריגן.

— ניין, אַז ער זאָגט אַזוי, מוז דאָך עפּעס זײַן דערין, מוז ער דאָך פון וועמען רשות האָבן.

— צום משפּט באַדאַרף מען אים שטעלן פאַר אַזעלכע רייד. עס איז א חוצפּה כלפּי שמים, — האָט אַן אַנדערער געשריגן.

דאָס האָט אויפגעעפנט די געבונדענע הענט.

— ער וויל אונז אויסשליסן פון מלכות־השמים. ער האָט אייגענע יידן. אַנדערע וויל ער ארײַנגנעמען. ער האָט זײַנע אייגענע בני־אברהם. איר האָט דאָך געהערט, וואָס ער האָט געזאָגט: „פיל וועלן קומען פון מזרח און פון מערב, און זיי וועלן זיצן מיט אברהם, יצחק און יעקב". וואָס מיינט ער דערמיט? אז אונז וויל ער ארויסוואַרפן אינדרויסן ארויס!

— צום משפט מיט אים!

— זענען מיר דען נישט די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב, וואָס דו ווילסט אונז ארויסוואַרפן פון מלכות־שמים?

דער רבי פון גליל האָט געענטפערט:

— ווען איר וואָלט געווען די קינדער פון אברהם, וואָלט איר געטאָן די מעשים פון אברהם.

דאָס איז שוין נישט געווען מער צו דערלײַדן. עס האָבן זיך דער־הערט קולות:

— א שד זיצט אין אים! ער איז משוגע!

און אַנדערע האָבן געזאָגט:

— אָט די רייד זענען נישט פון איינעם, וואָס האָט א שד.

מיטאמאָל האָט זיך דערהערט א שטים. א גרופּע פון עולם האָט זיך ארויסגעריסן, האָט ארומגערינגלט דעם רבין מיט בעטנדיקע פּנימער:

— ווי לאַנג וועסטו אונז האַלטן אין ספק? ווען דו ביסט משיח, זאָג עס אָפן!

— ווער האָט עס דערמאָנט דאָס שרעקלעכע וואָרט?

— פארשטומט זאָל ווערן די צונג!

אָבער אַנדערע הענט האָבן זיך שוין צו אים אויסגעצויגן. ארום דעם רבין פון גליל איז געוואָרן א שטורעמדיקער ים, וואָס האָט גע־שלאָגן מיט וועלן פון בערד און הענט:

— וואָס האַלטסטו אונז אין ספק? זאָג אונז!

ווער ווייסט, צו וואָס עס וואָלט געווען געקומען, ווען די תלמידים פון דעם גלילער רבין וואָלטן אים נישט געווען ארומגערינגלט. איך האָב געזען דעם קרעפטיקן, קליינעם פישער־ייד פון גליל, שמעון, ווי ער האָט זיך געשטעלט זײַן רבין צו באַשיצן מיט זײַנע קרעפטיקע הענט. אויך דער מעכטיקער יוחנן פון די זבדיס, מיט די ברייטע פּלייצעס, וואָס האָט דעם רבין שטענדיק באַגלייט, איז שוין געווען לעבן אים. און שמעון הקנאי און די אַנדערע תלמידים. אויך די אָרעמעלײַט, די בלינדע, אפילו די קאַליקעס, וואָס האָבן אים געהערט, האָבן זיך גע־רוקט און געשאַרט צום רבין און אים ארומגערינגלט. מיט געבײַלטע פויסטן זענען זיי געשטאַנען ארום, ווי זיי וואָלטן מיט נעגל און ציין געוואָלט באַשיצן זייער רבין. דער עולם איז געווען צעקאָכט, ווי א שטורעמדיקער ים. דאָ און דאָרט האָט מען געזען אויפטויכן א פויסט. בײַ אַנדערע האָבן די אויגן געשפּראָצט מיט פײַער פון אייפער. מען האָט שוין אָנגעהויבן צו רײַסן די זעק און די לײַלעכער איינס פון אַנדערן.

נאָר פּלוצלינג האָט אונזער רבי נקדימון זיך אדורכגעריסן דורך די צוזאַמענגעקנאָטענע ליפּבער פון דער מענגע, און ער האָט פונאַנדערגע־פירט די אויסגעשטרעקטע הענט און אויסגערופן:

— טוט אונזער תורה א מענטשן ריכטן, איידער מען האָט אים פאַרהערט און מען ווייסט נישט, וואָס ער האָט געטון?

זיי האָבן אפילו קיין צייט נישט געהאַט זיך אומצוקוקן אויף דעם, וואָס האָט גערעדט די רייד, און זיי האָבן גערופן צו רבי נקדימון מיט בייזע, שלעכטס־צוזאָגנדיקע בליקן:

— ער האָט די בני־אברהם אויסגעשלאָסן פון מלכות־השמים. ער וויל פאַרטוישן די ריכטיקע בני־אברהם אויף אַנדערע.

— אין אונזער תורה שטייט: „בחוץ לא ילין גר — א גר זאָל נישט נעכטיקן אין דרויסן". וואָס מיינט עס, אין דרויסן? דאָס מיינט, אז איר זאָלט קיין גר נישט אויסשליסן פון דער יידישער געמיינשאַפט. א גר, אז ער אנערקענט דעם איינציקן לעבעדיקן גאָט, אז ער באַקערט זיך צום יידישן גאָט, איז ער מיט אַלעם געגליכן צו א יידן, איז ער פון די קינדער פון אברהם אבינו, ווי יעדער ייד. אברהם איז דער פאָטער נישט נאָר פון די געבוירענע יידן, נאָר פון אַלע גרים, — די מידה פון אברהם אבינו איז געווען מגייר צו זיין גרים, — האָט דער רבי נקדימון גערופן.

— איך אליין האָב געהערט פון אים, ווי ער האָט געזאָגט: „דער, וואָס וועט זיך צוהערן צו מיינע רייד, — דער וועט קיינמאָל נישט שטאַרבן". איז ער דען גרעסער פון אברהם? אברהם און די נביאים זענען גע־שטאָרבן, און ער זאָגט, אז מען וועט קיינמאָל נישט שטאַרבן.

— ער מיינט, דאָס אייביקע לעבן, וואָס איז אויף יענער וועלט, אין מלכות־השמים — דערקלערט אונזער רבי.

— פאַרוואָס פאַרניקט ער אונז מיט רמזים? פאַרוואָס זאָגט ער נישט, ווער ער איז, ווען ער נעמט זיך דעם רשות אזוי צו רעדן?

— ווער ער איז? א שומרוני איז ער!

דאָס איז געווען די גרעסטע באַליידיקונג, וואָס מען האָט געקאָנט אויף א יידן זאָגן.

— אויך אויף א שומרוני איז געזאָגט געוואָרן: „ואהבת לרעך כמוך" — האָט דער רבי אָפּגעענטפערט.

מען האָט זיך אומגעקוקט, ווער עס האָט געוואָגט די ווערטער צו רעדן. זיי האָבן דערקענט מיין רבין און זענען שטיל געוואָרן.

— ער מאַכט זיך פאַר א בעל־הבית, וואָס ער אליין וועט נאָר אריינ־לאָזן דורך דער ענגער טיר. ווער האָט אים געגעבן רשות דערויף?

— האָסט דאָך געהערט, — ער האָט געזאָגט: „איך טו נישט קיין זאַך פון זיך אליין, נאָר דאָס, וואָס מיין פאָטער האָט מיך געלערנט. דאָס זאָג איך אייך!"

— ער מאַכט זיך פאַר גאָטס זון. ער רופט אָן די גבורה: „מײַן פאָטער".

— יעדער ייד האָט א רעכט זיך אָנצורופן גאָטס זון. עס שטייט געשריבן „בנים אתם לה' אלהיכם" — האָט מײַן רבי אָפּגעענטפערט.

— אָבער ער רעדט קעגן בית־המקדש און קעגן מזבח און קעגן די קרבנות, — האָט געשריגן א רײַכער צדוקי (מען האָט אים דערקענט אין די פיל רינגען, וואָס ער האָט געטראָגן אויף זײַנע פינגער, און אין זײַן וואָרעמען היל־ראָק, אין וועלכן ער איז געווען אײַנגעהילט אין די פײַכטע טעג).

— אויך דער נביא האָט געזאָגט: „חסד חפצתי ולא זבח". און ווער איז פון אונז גרעסער פון ירמיהון? און ירמיהו האָט אָנגערופן דעם בית־המקדש א הייל פון מערדער, — האָט מײַן רבי אָפּגעענטפערט.

— ירמיהו איז געווען א נביא!

— יעדער ייד קאָן זײַן א נביא.

— האָסטו אָבער שוין געהערט, אז פון גליל זאָל קומען א נביא?

— עס שטייט אין פסוק: „כל הארץ מלאה כבודו — די גאַנצע ערד איז גאָטס". אויף דער גאַנצער ערד פאַרשפּרייט ער זײַן כבוד און זײַן חסד, און פון אומעטום, פון יעדן ווינקל פון דער ערד קאָן אויפשטיין א נביא, וואָס גאָט האָט אים איבערגעגעבן זײַן וואָרט, — האָט מײַן רבי אָפּגעענטפערט.

— ווער זאָגט דאָס? ביסטו אויך א גלילער? — האָבן זיי אָנגעהויבן שרײַען אויף מײַן רבין, — וואָס דו נעמסט זיך אָן פאַר אים?

און מען האָט אָנגעהויבן זיך אײַנרוימען אין אויער: „דאָס איז דאָך רבי נקדימון, רבי נקדימון!" — און דער עולם האָט אים אָפּגעטראָטן מיט דרך־ארץ דעם וועג און איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען.

ער האָט שוין איצט, דער נביא פון גליל, ארויסגערופן אן אויפרודערונג יעדעס מאָל, וואָס ער האָט זיך באַוויזן אין בית־מקדש־הויף. די מיינונגען וועגן אים האָבן וואָס אמאָל זיך אַלץ מער געטיילט. זיי זענען געוואָרן אייפעריקער, גערייצטער: ער האָט וואָס אמאָל אַלץ מער באַקומען הייסע אָנהענגער, אָבער אויך וואָס אמאָל אַלץ מער פאַרביטערטע קעגנער. געוויס האָבן זיך געפונען אזעלכע קנאים צווישן די תלמידי־שמאי און אנדערע געלערנטע, וואָס האָבן אים געוואָלט כאַפּן בײַ דער האַנט מיט עפּעס א נישט־געהעריקן זאַך.

פון איינער אזא סצענע, וואו א פּאָר קנאים האָבן אים געוואָלט כאַפּן בײַ דער האַנט, ווי ער זאָגט עפּעס קעגן דער תורה, בין איך אליין געווען אן עדות: דער רבי פון נצרת האָט זיך אמאָל באַוויזן אין באַגלייטונג פון אייניקע תלמידים, — אויך א פרוי איז געווען מיט זיי. פרויען האָבן געהאַט זייער באַזונדערע עזרת־נשים, די פרוי אָבער איז געגאַנגען נאָכן רבין אין בית־מקדש־הויף. זי איז געווען פאַרהילט אין א טיפן שלייער, פאַרשטעלנדיק דאָס פּנים און די הענט, ווי עס איז דער מנהג, ווען

פרויען באַווייזן זיך אין בית־מקדש־הויף. די פרוי האָט געפירט איינעם פון זיינע תּלמידים, וואָס איז געווען בלינד. זי איז נאָכגעגאַנגען הינטער די תּלמידים. דאָסמאָל האָט דער רבי פון גליל נישט גערדרשנט. ער איז געגאַנגען מיט זיינע תּלמידים צו דער קופּה פון בית־מקדש־אוצר און האָט זיך דאָרט אוועקגעשטעלט מיט די אַנדערע יידן, וועלכע האָבן געבראַכט זייער אָפּצאָל פאַרן בית־המקדש־קאַסירער, וואָס איז געזעסן בײַם טויער פון בית־מקדש־אוצר, וואָרעם עס איז געווען די צײַט, ווען מען האָט געצאָלט דעם בית־המקדש־מס. אויך די פרוי, וואָס איז געווען מיט זיי, האָט געבראַכט איר נדבה צו דער קופּה פון בית־המקדש. אײי־נער פון עולם, וואָס איז געשטאַנען בײַם טויער פון דער קופּה, האָט די פרוי געמוזט דערקענען, וואָרעם ווען אַפילו זי איז געווען טיף פאַרשלײי־ערט, האָט ער דאָך דערקענט לויט איר גאַנג, ווער זי איז, און ער האָט אויסגערופן מיט וואָרנונג צום בית־המקדש־קאַסירער:

— נעמט נישט פון דער פרוי קיין מתּנה. עס איז אַ מתּנת־זונה, און איר נדבה פאַרן בית־המקדש איז טריף.

ארום דער לשכה, וואו עס איז געזעסן דער גזבר, וואָס האָט צוגע־נומען דעם מס און די מתּנות פאַרן בית־המקדש, איז שטענדיק געווען געפּאַקט מיט עולים, וואָס האָבן געבראַכט אָפּצאָלונגען פאַרן בית־המקדש. ווען זיי האָבן דערהערט דאָס וואָרט „מתּנת זונה", איז געוואָרן אַ באַוועגונג, אַן אויפרעגונג, און מען האָט זיך אומגעקוקט, געוואָלט וויסן, ווער מען דער אויסרופער מיינט. דער אויסרופער האָט אָנגעוויזן אויף דער שוועור־פאַרשלײיערטער, אין שוואַרצן אײַנגעהילטער פרוי, וואָס איז געווען אין באַגלייטונג פון דעם רבין פון גליל, און האָט אויס־געריפן:

— איר ווייסט נישט, ווער די פרוי איז, וואָס געפינט זיך מיט אים? דאָס איז דאָך די באַרימטע מרים פון מגדל!

ווי נאָר דאָס וואָרט איז געפאַלן, אַזוי האָט דער עולם פון גאַנצן בית־מקדש־הויף גענומען זיך צוזאַמענגיסן און זיך דרענגען אַרום דער פרוי און דעם רבין. אַלע האָבן געהערט פון מרים פון מגדל, וואָס איז געווען אַ באַרימטקייט אין שטאָט; וועגן איר רײַכטום, מיט וועלכן אירע ליבהאָבער האָבן זי באַשאָנקען, זענען אַרומגעגאַנגען אגדות, נאָך מער— וועגן אירע איילן, שוין אָפּגערעדט פון איר שיינקייט און פאַרפירערישקייט. דער נאָמען „מרים מגדלנה" איז געווען אַ כשוף־וואָרט, און אַלע זענען נײַגעריק געווען צו זען די פרוי. אויך איך בין צוגעלאָפן און האָב געקוקט אויף דער שוועור־פאַרשלײיערטער, וועלכע איז פּלוצלינג אַרומ־גערינגלט געוואָרן מיט אַ מויער פון מענטשן. דער נאָמען פון דער פרוי האָט אַזוי אָפּגעקלונגען, אַז אַלע האָבן זי געוואָלט זען. און דאָ פירן שוין צוויי מענער די פרוי צום רבין, גלײַך ווי מען וואָלט זי ערשט איצט געכאַפּט בײַ דער עבירה פון זנות.

— רבי, די פרוי וואָס דו זעסט, איז געוואָרן אָפּטמאָל געכאַפּט בײַ

מעשי־נאוף און זנות. און משה האָט אונז געלערנט אין זײַן תורה, אַז מען זאָל פֿאַרשטיינען אַזעלכע פֿרויען. וואָס זאָגסטו, רבי, דערויף? — האָבן זיי געפֿרעגט דעם רבי פֿון נצרת.

דער עולם האָט געוואַרט מיט אײַנגעהאַלטענעם אָטעם. אַלע האָבן געקוקט אויפֿן רבינס פּנים. עס איז בלייך געוועזן ביז צו די וואָרצלען פֿון זײַן באָרד. פּלוצלינג האָט ער זיך געגעבן אַ ריס פֿון אָרט, וואו ער איז געשטאַנען, האָט צוגעאײַלט צו דער פֿרוי און זי באַפֿרײַט פֿון די פֿרעמדע מענערס הענט. ער האָט זי צוגענומען צו זיך, און מיט אַ פֿינגער פֿון זײַן האַנט האָט ער אויף דעם אָרט, וואו זיי זענען געשטאַנען, גע־צייכנט אַן אָפּגעדאַכטן צירקל אַרום זיך און דער פֿרוי. אינסטינקטיוו, אין גרויס שרעק, האָט דער עולם זיך אָפּגערוקט און געלאָזט די פֿרוי מיטן רבין אין דעם צירקל, וואָס ער האָט געצויגן אַרום זיך.

אַלע האָבן גענומען אויסוואַרטן מיט פֿאַרכאַפּטע אָטעמס, וואָס דער רבי וועט דאָ טון. דער רבי האָט גאָרנישט געטון, נאָר ער איז געשטאַנען מיט דער פֿרוי אין צירקל, אָפּגעזונדערט פֿון אַלעמען, ווי ער וואָלט דערמיט געוואָלט געבן אָנצוהערן, אַז ער טיילט מיט איר איר גורל און נעמט אויף זיך איר זינד, אַז זי און ער זענען איצט איינס. דער עולם האָט עס דערפֿילט און געשוויגן, אָבער דער תלמיד פֿון שמאַי האָט אַלץ געמאָנט און געפֿרעגט:

— רבי, זאָגסטו, מיר זאָלן זי נישט פֿאַרשטיינען, נאָכן געזעץ פֿון משה?

דענסטמאָל האָט דער רבי אויפֿגעהויבן זײַנע אויגן, אָנגעקוקט דעם עולם אַרום און געזאָגט:

— ווער פֿון אײַך איז אָן זינד, זאָל וואַרפֿן אויף איר דעם ערשטן שטיין!

די לײַט זענען שטיל געוואָרן.

נאָר עס האָבן זיך דערהערט שטימען וואָס האָבן גערופֿן: זאָל די פֿרוי אַראָפּנעמען פֿון זיך דעם שלייער, כדי מיר זאָלן זען, אויב זי איז נישט די מרים פֿון מגדל.

און דער רבי האָט זיך אָנגערופֿן צו דער פֿרוי:

— מרים, נעם אַראָפּ דעם שלייער פֿון דײַן קאָפּ און דעק אויף דײַן פּנים, כדי דאָס פֿאָלק זאָל דיך זען און דיך דערקענען.

ווען די פֿרוי האָט אַראָפּגענומען דעם שלייער און דער עולם האָט דערזען איר פּנים, אַזוי זענען אַלע אַרום געשטאַנען מיט אויפֿגעעפֿנטע מײַלער און גערופֿן אין דערשטוינונג און שרעק:

— איז דאָס מרים פֿון מגדל?

אויך איך בין דערשטוינט געוואָרן. איז דאָס די מרים פֿון מגדל, וואָס גאַנץ ירושלים האָט גערעדט פֿון איר שיינקייט? פֿאַר אונז איז געשטאַנען אַן אַלטע פֿרוי. איר לענגלעך, געל־אָפּגעמאָטערט פּנים איז פֿול געווען מיט קנייטשן, ווי אַ שטורעמדיקער ים וואָלט אַדורכגעגאַנ־

געז דעריבער. אירע, נאָך ליכטיקע, גרויסע אויגן האָבן זיך באַהאַלטן אין טונקעלע לעכער, מיט לויזע טאָרבעלעך, וואָס האָבן ווי וואָלקנדלעך, זיך געקליבן ארום זיי, ווי זיי וואָלטן געוועזן אויסגעגאָסן פון זיך אַלע טרערן, וואָס האָבן אדורכגערונען דורך די דינע קנייטשן פון איר פּנים, און זיי זענען לער און לויז געוואָרן. נאָר אירע ליפּן אַליין, דינע, דעלי־קאַטע ליפּן, אויסגעבויגן אין א צערדיקן שמייכל, די לאַנגע, דינע, אין פאָרעם דערהאַלטענע נאָז, און די גאַמבע האָבן עדות געזאָגט אויף אמאָליקער שיינקייט.

— דאָס איז נישט מרים פון מגדל, דאָס איז נעמי, — האָט א פרוי אויסגערופן. — מרים איז ווי א פול־צעבליטע רויז, אירע בריסטן פול און איר בויך געבענטשט. זעט, ווי זי שטייט איינגעפאַלן, ווי א פרוי, וואָס האָט פאַרלוירן איר טראַכט.

— זעט, וואָס עס איז געוואָרן פון איר! — האָט א צווייטע פרוי אויסגערופן.

— א רות איז זי ארויסגעגאַנגען צו אים און געקומען צוריק איז זי א נעמי! — האָט א דריטע געקרעכצט.

יאָ, פאַר דעם עולם מיטן רבין איז געשטאַנען נישט די באַרימטע, זינדיקע מרים פון מגדל, נאָר א מיט צרות געזעטיקטע נעמי.

די לײַט ארום איר האָבן אראָפּגעלאָזט פאַרשעמט די קעפּ און זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען.

קאַפּיטל צען

נישט שטענדיק איז דער רבי פון גליל געווען שטורעמדיק ווי דער ים אין א ווינטער־טאָג. ער האָט אויך געקאָנט זײַן לויטער ווי די זון אין א מיטאָג־שעה, אין א זומער־טאָג. ווי פאַר די שטאָלצע און מעכטיקע האָט זײַן צונג זיך פאַרוואַנדלט אין א שווערד, — אזוי האָט זי פאַר די נידעריקע און פאַרשטויסענע געטריפט מיט טרייסט און האָפענונג.

דער רבי פון גליל האָט זיך באַוויזן אין ערטער, וואָס קיין אַנדער רבי אין ישראל האָט דאָרט קיין פוס נישט געשטעלט. ער האָט זיך גע־זעצט בײַם טיש מיט לײַט, וואָס די אַנדערע רביים האָבן זיי באַטראַכט פאַר רשעים און וואָס עס איז אויף זיי געזאָגט: „השומר נפשו ירחק מהם".

פון דעם אַלעם האָט מען געוואוסט אין ירושלים. נאָר אז א רבי אין ישראל זאָל ארײַנגיין אין דער פונדקא (אכסניה) פון די אייזל־טרײַבער און קעמל־טרײַבער, און זאָל זיך אוועקזעצן מיט זיי בײַ איין טישל טרינקען, — דאָס האָט קיינער זיך נישט געקאָנט פאַרשטעלן, דאָס איז נאָך נישט געשען.

אין דעם ווינקל פון מערב און דרום, אין דעם נידעריקן טייל שטאָט, האָט זיך געפונען דער מיסט־טויער. דער טויער האָט אָפּגעשלאָסן די מויער, וועלכע האָט ארומגערינגלט ירושלים ביז צום ווינקל פון נחל־קדרון, ווי אויך דעם טאָל פון הנום, וואו עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן די ארויסגעוואָרפענע מצורעים פון שטאָט. דאָס איז געווען די צווייטע מויער. אָבער אין דער שטאָט אליין האָבן זיך געצויגן רעשטן פון אן אלטער מויער, וואָס מען האָט גערופן די ערשטע מויער און וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָסן אין געסל פון די וואַסער־טרעגער ארום דעם טײַכל השילוח. די ערשטע מויער איז געווען א גאַנץ אַלטע און האָט געשטאַמט נאָך פון דודס און פון שלמה המלכס צײַטן.

אויף דעם שטיקל פּלאַץ, צווישן דער ערשטער און דער צווייטער מויער, האָט זיך באַזעצט דאָס אָפּפאַלעכץ פון ירושלים. דאָס אָרט איז באַשטאַנען פון א גראָבן, וועלכער האָט זיך אראָפּגעלאָזט צום טײַכל שילוח. אין ווינטער, אין דער צײַט פון רעגנס, איז דאָס טײַכל שילוח אָנגעקוואָלן געוואָרן מיט וואַסער און האָט פאַרפלייצט די געגנט, וואָרעם דאָס רעגן־וואַסער האָט אָפּגעשווענקט פון דעם אויבערשטן טייל שטאָט און געלאָזט זיך אין שטראָמען צום גראָבן ארונטער. די פײַכט־קייט האָט אין ווינטער אויסגעגעסן די פונדאַמענטן פון די הײַזער און אָנגעפילט די לעכער־קעלערס מיט וואַסער. זומער־צײַט, ווען די היץ האָט אויסגעטריקנט די בלאָטעס, אויסגעשעפּט דאָס טײַכל שילוח, — האָט זיך אויפגעהויבן א שטויב, וואָס האָט פאַרעיפּושט די לופט מיט געשוואָלענע, אויסגערפּהטע זומפּ־געשטאַנקן. דער שטויב האָט זיך געלייגט אין דיקע שיכטן אויף מענטשן און זאַכן, האָט אויסגעגעסן די אויגן פון די קינדער און פאַרשפּרייט קראַנקהייטן. אין דעם טייל האָט געוואוינט די אָרעמסטע באַפעלקערונג פון שטאָט.

די אַלטע מויער פון דוד המלכס צײַטן האָט געהאַט פיל נישעס, באַהעלטענישן, שוין אָפּגערעדט פון טרעפּן, געזימסן, באַלקנס, לעכער, וואָס זענען דורך דעם לויף פון יאָרן ארײַנגעמויערט געוואָרן אין זיי. אויך האָבן זיך געפונען אין דער מויער פיל אויסגעהאַקטע לעכער, וואָס די מעכטיקע מויער־שטורמער פון אלע מלוכות אין מזרח האָבן געמאַכט אין איר אין פאַרגאַנגענע מלחמות. די שפּורן פון פאַרגאַנגענע מלחמות האָבן די אַלטע קעניגלעכע מויער באַקליידט מיט אָנזען, ווי זי וואָלט געווען געטראָגן אויף זיך דאָס פּנים פון אַלטן יידישן פאָלק. צו דער מויער האָט די אָרעמע באַפעלקערונג פון ירושלים זיך געקלאַמערט ווי צו דעם איינציקן פאָלקס־אייגנטום, וואָס איז זיי איבערגעבליבן פון דער רײַכער ירושה פון זייערע באַרימטע עלטערן. זיי האָבן אין דער מויער אײַנגעמויערט זייערע קברים־שטיבלעך, האָבן דאָרט צוגעקלאַפּט דרענ־גער, אָנגעבונדן געפלאָכטענע שטריק פון ריטער־צווײַגן, איבערגעהאנ־גען מיט ראָגעזשעס, געפלאָכטן פון פּאַלמען-צווײַגן, אָדער מיט טיכער

און פלאַכטעס, און זיי האָבן געהויזט אין זיי. אַפּטמאָל זענען ארויסגע־קומען קריגערייען און געשלעגן צווישן דער אָרעמער באַפעלקערונג איבער די „חזקות״, וואָס משפּחות האָבן געהאַלטן אויף דער מויער בירושה פון דורות, וואָרעם אַלע האָבן זיך געהאַלטן באַרעכטיקט זוכה צו זײַן פון פאַלקס־אייגנטום פאַר זייער געברויך ווי פון הפקר.

די ענגשאַפט צווישן די אײַנוואוינער אין דוד המלך׳ס מויער איז געווען אזוי גרויס, אז עס זענען אָפטמאָל ארויסגעקומען צוליב דעם אומגליקן. זיי האָבן אויסגעהאַקט קאָרידאָרן גאַנצע, כדי זיי זאָלן קאָנען זיך דאָרט אויפהאַלטן ווי די מוילקראָטן. פון צײַט צו צײַט פלעגן די לויז־געוואָרענע שטיינער זיך אָפּשיטן און פאַלן איבער זיי. אין מײַן צײַט איז דאָרט געשען א שרעקלעכע קאַטאַסטראָפע. אַכצן לײַט, וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין א פאַרלאָזענעם טורעם פון מויער, זענען פאַרשאָטן געוואָרן. דער דאַך פון טורעם, אונטערגעמינעוועט פון צופיל אונטערגראָבונגען, האָט זיך אראָפּגעלאָזט איבער זיי און זיי לעבע־דיקערהייט באַגראָבן.

בײַ דער מויער, נישט ווײַט פון טײַכל שילוח, האָט זיך געפונען די פונדקא פון די אייזל־טרײַבער און די קעמל־טרײַבער אין ירושלים. עס איז געווען א גרויסער הויף, ריכטיקער, א לאַבירינט פון הויפן, אָפּגעטיילט איינס פון אנדערן מיט צווײַגן־ווענטלעך. די אכסניה אליין איז, ווי אַלע אנדערע געביידעס, אויך געווען אײַנגעמויערט אין דער אַלטער מויער. א שטענדיקער, עפּושדיקער רויך פון געקאָכטע און גע־בראָטענע עסנס האָט געקנוילט פון די טירן ארויס און פאַרשוואַרצט די מעכטיקע, אין די ראַנדן אָפּגעשליפענע שטיינער, פאַרפינצטערט דאָס טויזנט־יאָריקע פנים פון דער וואַנט. אין דער פונדקא האָבן זיך געפונען נישט נאָר די אייזל־טרײַבער און די קעמל־טרײַבער, וועלכע האָבן גע־בראַכט פון אַלע פּראָווינצן פּראָוויאַנט און פּאַסאַזשירן קיין ירושלים (אזוי ווי דאָס אָרט האָט זיך געפונען, אזוי צו זאָגן, אויסער דער שטאָט־מויער, האָבן די חכמים זיי, דעריבער, געלאָזט איבערנעכטיקן מיט זייערע בהמות); עס זענען דאָרט אויך אײַנגעשטאַנען שעפער־יונגען, וועלכע האָבן געבראַכט סטאַדעס שאָף פון דער פּראָווינץ אויפן שאָפן־מאַרק. נישט קיין גוטע רעפּוטאַציע האָבן די אייזל־טרײַבער און די קעמל־טרײַבער געהאַט אין ירושלים, אָבער נאָך אן ערגערן שם האָבן געהאַט די שעפער־יונגען. מען האָט זיי חושד געווען, אז זיי באַגייען אָפט די עבירה פון „לא תגנוב״, — זיי פלעגן אראָפּגנבענען פון די סחו־רות, וואָס זיי האָבן געפירט. מען האָט נישט געטאָרט קויפן קיין מילך, קיין קעז, קיין וואָל, קיין ציגעלעך פון די שעפערלײַט, ווײַל מען האָט געהאַלטן, אז זיי גנבענען דאָס פון זייערע בעלי־בתים. אחוץ די טרײַ־בער פון אייזלען און קעמלען און די שעפער־יונגען, פלעגן נאָך אין דער אכסניה זיך שטענדיק אויפהאַלטן פאַרדעכטיקע לײַט, וואָס זענען געקומען קיין ירושלים צולויפן פון דער פּראָווינץ, — אנטלאָפענע פון

זייערע מלווה׳ס, אנטלאָפענע קנעכט, גלילער עמי־הארצים, וואָס מען האָט זיי דערקענט אין זייער אויסשפּראַך. אויך האָט פון צײַט־צו־צײַט אהין פאַרוואָגלט א שומרוני, אַמאָל אויך א מואבי אָדער א גריכישער אַראַבער פון דער פעלזן־שטאָט פּיטרא, וואָס דער אָדער יענער עסק האָט זיי געבראַכט קיין ירושלים. אין דער אכסניה זענען אַראָפּגעקומען פּאָ־ליטישע אַגיטאַטאָרס צו ווערבירן צווישן די לײַט אָנהענגער פאַר זייערע אידעען, אָדער ווער עס האָט געוואָלט מיט אימיצן זיך אָפּרעכענען — צו דינגען דאָרט שלעגער. אָפּטמאָל האָט מען דאָרט אויך געקאָנט אָנטרעפן אויף רוימישע לעגיאָנערן, הויכע אשקלאָנער יונגען, וועלכע זענען אַרונטערגעקומען טרינקען אין דער פונדקא ווײַן געמישט מיט האָניק, זויפן ביר. אָפּטמאָל פלעגט אויסברעכן א מחלוקה, וואָס האָט זיך גע־ענדיקט מיט מעסערשטעך צווישן א לעגיאָנער און א בר־יונא — נישט אַזוי איבער פּאָליטישע סיבות ווי פיל מער איבער אַן אַראַבישער, שוואַרצער זונה אָדער איבער א ווײַסלײַביקער, שומרונישער פּרוי, וואָס דער הויף האָט געווימלט מיט זיי.

מיר איז אויסגעקומען צו געפינען זיך אין דער אכסניה. מײַן רבי האָט מיך אָפּט געשיקט מיט א שליחות צו הלל דעם וואַסער־טרעגער, וועלכער האָט זייער אָפּט זיך געפונען אין דעם הויף פון דער אכסניה. א מערקווירדיקער מענטש איז געווען אָט דער הלל. מײַן רבי האָט גע־לייענט אויף אים דעם פּסוק: „יושב בדד וידום כי נטל עליו״. שטענדיק האָט ער געשוויגן. איך האָב אים אָפּט געזען אין דער חברותא פון מײַן רבין, אין דער ישיבה אין אונזער בית־מדרש. ער איז געזעסן ווי אַן אָרעמאַן בײַ דער טיר, און האָט זיך צוגעהערט צו די דרשות פון מײַן רבין, אָדער צו די קשיות פון די תלמידים, און שטענדיק געשוויגן: ער האָט קיינמאָל נישט געפרעגט קיין קשיא, קיינמאָל האָט מען קיין וואָרט פון אים נישט געהערט. נאָר ווען מען האָט אים געזען זיצן, דעם קאָפּ פאַרגראָבן צווישן זײַנע אײַנגעבויגענע אַקסל, וועל־כע זענען געווען אַראָפּגעדריקט צו דער ערד פון טראָגן די לאָגלען וואַסער, האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע מענטשלעכע צרות זענען אָנגע־האָנגען געוואָרן אויף זײַן רוקן. נאָר ער טראָגט דעם יאָך אָן תרעו־מות, קוקט מיט זײַנע צעשראָקענע אויגן און אָפענעם פּנים, ווי ער וואָלט מחילה געבעטן פאַר דעם, וואָס ער וואָגט אויך צו געפינען זיך אויף גאָס וועלט. הלל וואַסער־טרעגער האָט אויך געהאַט זײַן וואוי־נונג אין דער מויער פון דוד המלך. ווי די לײַט פון פּיטרא, האָט ער אין דער מויער געהאַט אַן אויסגעהוילטע לאָך, וואָס מען איז אַראָפּ־געקראָכן אהין מיט טרעפּלעך. דאָרט, אין דער מויער, האָט ער גע־וואוינט אין א געגנוג גרויסער מערה, וואָס איז איבערגעגאַנגען צו אים בירושה פון זײַנע עלטערן. ער האָט אָבער זייער אָפּט זיך געפונען אין דער אכסניה, אין הויף צווישן די אייזלען און די קעמלען. דעם גאַנצן טאָג האָט ער, אינאיינעם מיט אנדערע וואַסער־טרעגער, געטראָגן

וואַסער פֿון מי־השילוח צו די הײַזער פֿון דער אױבערשטער שטאָט אין לאָגלען, אױפֿגעגײט פֿון אײזעלשע פֿעלן, װאָס האָבן אױסגעקוקט װי געשװאָלענע בהמות, געלאָדן אױפֿן װאַסער־טרעגערס אַקסלען. װען ער איז אַהײמגעקומען נאָך זײַן טאָג אַרבעט, איז ער נישט פֿריער געגאַנגען אין זײַן הײל אַרײַן, אײדער ער האָט אָנגעטרונקען די דאָרשטיקע בהמות, װעלכע האָבן זיך געפֿונען אין הױף פֿון די אײזל־ און קעמל־טרײַבער. אָפֿטמאָל פֿלעגן די טרײַבער זיך אָנשיכורן אין דער פֿונדקא אָדער פֿאַרשלאָפֿן אין הױף אױף די קופּעס, װאו זײ זענען געלעגן אײנער אױפֿן אַנדערן, און פֿאַרגעסן אָנצוטרינקען זײערע בהמות. הלל דער װאַסער־טרעגער האָט נישט געקאָנט אַריבערטראָגן דעם צער פֿון די דאָרשטיקע בהמות. ער האָט געהערט דאָס שרײַען פֿון אײזל און דאָס גאָרגלען פֿון קעמל, — און ער פֿלעגט יעדן פֿרימאָרגן, אײדער ער איז געגאַנגען צו דער אַרבעט, און יעדן פֿאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט, אָנטראָגן אין זײַן לאָגל װאַסער פֿון מי־השילוח און אָנפֿילן די קאָרעטעס פֿאַר די דאָרשטיקע בהמות. דערפֿאַר, אַז מען האָט געװאָלט געפֿינען הלל דעם װאַסערטרעגער, האָט מען אים גיכער געקאָנט געפֿינען אין הױף פֿון די אָנטרײַבער, אײדער אין זײַן מויער־הײם.

מײַן רבי איז איצט זײער אָפֿט זיך צוזאַמענגעקומען מיט הללן. ער האָט זיך אָפּגעשלאָסן מיט אים אין בית־מדרש און זיך געסודעט מיט אים. איך האָב צוערשט נישט געװאוסט דעם טעם דערפֿון, דערנאָך בין איך געװאָר געװאָרן. הלל װאַסער־טרעגער האָט דעם רבין איבערגע־געבן װעגן די טועכצן פֿון דעם רבין פֿון גליל, װאָרעם הלל װאַסער־טרעגער האָט איצט זײער אָפֿט זיך געטראָפֿן מיט אים, און טאַקע אין דער פֿונדקא פֿון די אײזל־ און קעמל־אָנטרײַבער.

איך קאָן קײנמאָל נישט פֿאַרגעסן דעם אײַנדרוק, װאָס עס האָט געמאַכט אױף מיר, װען איך האָב דעם רבין פֿון גליל אָנגעטראָפֿן אין אַן אָװנט אין דער פֿנדקא. איך בין דענסטמאָל געװען אין דער אכסניה, אין דער אַלטער מױער. איך האָב דאָרט געװאַרט אױף הלל דעם װאַ־סער־טרעגער, װאָס מײַן רבי האָט אים באַדאַרפֿט װעגן עפּעס האָבן. אין דער אכסניה איז געװען דעמפּיק און רױכיק. אַ שװערע, געדיכטע לופֿט איז געשטאַנען אין חלל, װאָס די קלײנע, דינע פֿלעמלעך פֿון די אײל־לאָמפּן האָבן קוים געקאָנט אַדורכדרינגען. װי אין אַ װאָלקן־שטױב האָבן די לאָמפּן באַלױכטן נאָר דאָס טישל, אױף װעלכן זײ האָבן געברענט. דער רױך איז אױפֿגעגאַנגען פֿון אַ דרײַפֿוס, אױף װעלכן דער בעל־אכסניה און זײַנע צוהעלפֿער־קעכער האָבן געבראָטן מאכלים, שעפּסן־פֿלײש, געקאָכט אין מעל, גרינסן און אײלבירטן. פֿון דעם גע־קעכץ איז אַרױסגעגאַנגען אַ סװאָנד און אַ רױך, װאָס האָבן, װי אַ גע־דיכטע קאָלדרע, זיך געלײגט אין דעם טונקעלן חלל און אַלצדינג פֿאַר־רױכערט. פֿון אָט דעם געדיכטן באַדעקנס, װאָס איז געשטאַנען אין חלל, האָט מען אַרױסגעזען די פֿיל לײַט, אַ צעװישעטע מאַסע, אױסגעלײגט

אין קופּעס בײַ די װענט פֿון דער אכסניה. די מער גליקלעכע זענען געזעסן באַזונדער בײַ טישלעך. אַ מענגע אַנדערע לײַט זענען װי געדיכטע שאָטנס געלעגן אָנגעװאַליעט איינס אויפֿן אַנדערן אויף בענק אַרום די װענט. טייל זענען געװען געקליידט, אַנדערע — האַלב־נאַקעט, האַריקע בריסטן, קאַלטנװאַטע בערד, צעשױבערטע האָר, הענט, פֿיס און רוקנס, רוקנס, רוקנס. אַלץ האָט גערעדט, געליאַרעמט, געװאָרפֿן װערטלעך פֿון איין טישל צום אַנדערן.

עפּעס אַן אומבאַקאַנטער, רײַכער מאַן איז אַרײַנגעקומען אין דער אכסניה, האָט זיך צוגעזעצט צו אַ טישל און זיך געהייסן דערלאַנגען אַ מאכל, אומגעװיינלעך פֿאַר דעם פּלאַץ, — אַ קערה מיט צװיי שטיקער שעפּסן־פֿלייש, װאָס דער בעל־אכסניה האָט איצט צוגעגרייט אויף זײַן דרײַפֿוס, אויפֿהויבנדיק דעם רויך און דעם סװאָנד אין שטוב. נישט נאָר דאָס טײַערע שעפּסן־פֿלייש, נאָר אַ מאָס קונדיטין־װײַן האָט דער מאַן זיך געהייסן דערלאַנגען און די באַרימטע איילבירטן פֿון דער שטאָט שפּכני, — און דווקא זאָל מען אים דערלאַנגען שפּכני־איילבירטן און בישני־איילבירטן, װאָס נאָר די רײַכע קאָנען זיך אַזוינס פֿאַרגינען. דאָס האָט, פֿאַרשטייט זיך, אַרויסגערופֿן קנאה בײַ די אַנדערע, געװאַסערט זייערע מײַלער. װען דער בעל־הבית פֿון דער אכסניה האָט דערלאַנגט די קערה מיט דעם פֿלייש, האָבן די לײַט פֿון די אַנדערע טישלעך און װינקלען זיך אויפֿגעשטעלט, זענען צוגעגאַנגען נענטער אײַנצואָטעמען אין זיך דעם ריח און דעם געשמאַק, װאָס האָבן זיך געטראָגן פֿון דער קערה.

— אַן אָרעמאַן איז געגליכן צו אַ טויטן, — האָט אַ הונגעריקער צוקוקער אויסגערופֿן מיט קנאה.

— „װער איז אַ נגיד? דער, װאָס פֿרייט זיך מיט זײַן טייל". בעל־הבית, גיב מיר אַ קערה מיט אַרבעס און אַ פּלעצל, — האָט אַ גליקלעכער אָפּגעענטפֿערט.

— „צי! אָפּ אַ נבלה אין דער גאַס, אַבי קום נישט אָן צו מענטשן". אַפֿילו אַז ער זאָל מיך בעטן צו דער סעודה דורך אַ שליח, אַפֿילו אַז ער זאָל מיר שיקן אַ גאָלדענעם קראַנץ אויף צו באַקראַנצן מײַן קאָפּ, זעץ איך זיך נישט אַװעק מיט אים עסן בײַ איין טיש, — האָט אַ שטאָלצער הונגעריקער זיך געטרייסט מיט די װערטער און דערבײַ זיך געװישט דאָס שפּײַעכץ, װאָס די גוטע מאכלים האָבן געװאַסערט אין זײַן מויל. — „דאָס פּלעצל, װאָס דער אָרעמאַן פֿאַרדינט זיך מיט זײַנע הענט, איז זיסער װי געשלאָגענער האָניק", — האָט דער שטאָלצער קבצן אַרויסגעזאָגט באַליידיקט און גענומען זיך קײַען זײַנע טריבע באָב.

— דו, בעל־אכסניה, ברענג מיר נאָך אַ מאָס קונדיטין־װײַן, דאָסמאָל געמישט מיט האָניק פֿון סיקאַמאָר־פֿײַגן. דער פֿײַגן־האָניק גיט צו דעם װײַן אַ גוטן געשמאַק, — האָט דער מאַן, װאָס האָט זיך געהאַט באַשטעלט די צװיי שטיקער שעפּסן־פֿלייש, פּראָװאָצירט װײַטער מיט

זײַנע אַרויספֿאָדערונגען.

— העי, ברענג מיר אַ געשטאָפּטע הון, פֿאַרווירצט מיט בשמים און סערווירט אויף אַ צידונישער שיסל, און אַ קרוג ציפּריס־ווײַן, — האָט ווער אָפּגעשפּאָסט פֿון דעם רײַכן פּרעסער.

— „ווער עס מערט אויף זיך פֿלייש, דער מערט ווערעם", — איז אַ סקעלעט־אויסגעטריקנטער אַלטער אַדורכגעגאַנגען פֿאַרבײַ דעם טיש פֿון דעם פֿלייש־עסער און האָט אים אַרײַנגעוואָרפֿן דאָס וואָרט אין טעלער אַרײַן.

— לאָז מיך הנאה האָבן פֿון ד ע ר ־וועלט, וועט מיך נישט אַרן, אַז די ווערעם וועלן פֿון מיר הנאה האָבן אויף יענער וועלט, — האָט זיך דערהערט אַ ברייטער געלעכטער פֿון דעם מאַן, וואָס האָט געגעסן דאָס פֿלייש.

— די מערסטע ממזרים זענען קלוגע, — האָט אים ווער צוגעוואָרפֿן.

— ווער האָט עס געוואָגט צו וואַרפֿן אַ חשד אויף מײַן מוטער? — האָט דער פֿלייש־עסער זיך צעבייזערט.

— שקלאַפֿן האָבן נישט קיין פֿאָטער און נישט קיין מוטער, — האָט מען אים אָפּגעענטפֿערט.

— בעל־אכסניה, דערלאַנג מיר אַ קרוג מיט טייטל־ווײַן פֿון יריחו. און שיק מיר נאָך אַ פֿײַפֿל־שפּילער. איך באַדאַרף האָבן מוזיק צו מײַן סעודה! — האָט דער מאַן זיך געריצט מיט די אָרעמע.

— און שיק אים נאָך די קלאָגווײַבער אויך! דער מלאך־המות שטייט נישט ווײַט פֿון זײַן כוס.

— דער האָט זײַן געלט לײַכט, ער האַנדלט מיט דמאי (תבואות, וועלכע זענען אין ספֿק, צי מען האָט פֿון זיי אָפּגעגעבן מעשרות).

— ער איז אַ משרת בײַ די בני־חנן. ער שינדט אָפּ די הויט פֿון די אָרעמע. דורך דעם קומט עס אים אָן אַזוי לײַכט.

— אַ מוכס!

— אַ שומרוני!

— אַ רשע!

— וואָרט, וואָרט, ווען בר־אבא וועט נאָר צונויפֿנעמען זײַנע שאַרן, וועלן מיר זיך אָפּרעכענען מיט אײַך. אַז מען האַקט אָפּ דעם שטאַם, פֿאַלן די צווײַגן ממילא.

— ווער האָט דערמאָנט דאָס שרעקלעכע וואָרט? מיר קענען נישט קיין בר־אבא! — האָט דער בעל־אכסניה אַרויסגעזאָגט דערשראָקן.

— איך האָב נישט קיין מורא. עס איז שוין סײַ־ווי־סײַ קיין חילוק נישט דורך וועלכן טויט צו פֿאַלן, דורך דער שווערד פֿון הונגער, צי דורך דער שווערד פֿון אדום.

— ברענגט נישט קיין אומגליק אויף מײַן קאָפּ! מיר קענען נישט קיין בר־אבא, מיר האָבן אים קיינמאָל נישט געזען. מיר ווייסן נישט פֿון זײַן געביין, — האָט דער בעל־הבית פֿון דער אַכסניה זיך געבעטן.

— געוויס קענען מיר אים. איך האָב האָב נישט קיין מורא. איך געהער אויך צו זײַנע שאַרן. און זאָלן נאָר די גלילער קומען עולה־רגל זײַן אויף פּסח, וועט עס זײַן א צווייטער יציאת־מצרים.

— גוטע לײַט, ברענגט נישט קיין אומגליק אויף מײַן קאָפּ! די הינט פון די בני־חנן זענען אויף אונזער שפּור, — בעט זיך דער בעל־אכסניה.

— איצט ווייס איך, וואו איך געפין זיך. דאָס איז א הייל פון די בר־אבאס, — האָט געזאָגט דער פליישׂ־עסער און זיך אויפגעהויבן פון זײַן טיש. — מיט מעסער־לײַט זיץ איך נישט. די בר־אבאס וועלן צום קרייץ געשלאָגן ווערן, און איר מיט זיי! — און ער האָט, נישט באַצאָלנדיק, פאַרלאָזט פלינק די אכסניה.

— לאָזט אים נישט, לאָזט אים נישט! מײַן געלט, מײַן געלט! גע־פּרעסן, געזויפט און נישט באַצאָלט! — איז דער בעל־אכסניה אים נאָכגעלאָפן.

— דער שיכור טראָגט זײַן אויג אין כוס, דער קרעמער — אין כיס, — האָבן די לײַט געלאַכט אויס אים.

דער מאַן איז שוין נישט געווען.

אין אָנהויב האָט מען גאָרנישט באמערקט, ווער עס איז ארײַנגע־קומען, צוליב דער טונקלקייט אין יענעם ווינקל. מען האָט נאָר געהערט א שאָרכן, ווי א ווינט וואָלט אדורכגעגאנגען, ווען דער מאַן האָט זיך באַוויזן אין ראַם פון דער טיר. באַלד איז ער ארויסגעטראָטן. עס האָט געשײַנט זײַן ווײַס קלייד, ווי א ליכט אין דער פינצטערניש. נאָך אים זענען נאָכגעגאנגען עטלעכע לײַט. איך האָב זיי דערקענט: שמעון, יוחנן, יהודה, און אויך הלל דער וואַסער־טרעגער איז געווען מיט זיי.

איך האָב מײַנע אויגן נישט געגלויבט: דער רבי פון גליל זאָל זיך דאָ געפינען אויף אזא אָרט, צווישן אזעלכע לײַט?

אָבער קוים האָט ער זיך נאָר באוויזן, ווי די לײַט האָבן זיך אײַנ־געשטילט. זיי זענען, קאָנטיק, געווען געוואוינט צום רבינס דערשײַנען. איינער פון זיי, נאָך אָנגעשטעקט מיט דער פרייליכער שטימונג, וואָס האָט א ווײַלע פריער געהערשט אין דעם אָרט, האָט פון א ווינקל ארויס געלאָזט פאַלן דאָס ווערטל:

— וואָס טוט א כהן אויף א בית־הקברות?

אָבער זײַנע שכנים, וועלכע זענען געלעגן לעבן אים, האָבן אים באַלד פאַרשטילט מיט א שטורכען און א שטויסן פון הענט און אָרעמס. פון דעם און פון יענעם ווינקל האָבן נאַקעטע קעפּ זיך אויפגעהויבן פון דער פינצטערניש ארויס און נאָכגעקוקט דעם רבינס גאַנג. דער רבי האָט זיך אוועקגעזעצט. דער בעל־אכסניה האָט צוגעשאַרט צו אים און צו זײַנע באַגלייטער א קליין טישל און ארויפגעשטעלט דערויף אַן ערדן רויכערדיק אייל־לעמפּל. צו מײַן גרויסער פאַרוואונדערונג, האָט ער אויך דערלאַנגט א קירבעס־פלאַש מיט ערדענע כוסות. יהודה האָט

ארויסגענומען דאָס געלט־זעקל פון זײַן גאַרטל און באַצאָלט דעם בעל־אכסניה. שמעון האָט אָנגעגאָסן דעם כוס פאַר זײַן רבין.

א טייל פון די לײַט האָבן אים געמוזט קענען פון פריער, וואָרעם באַלד האָבן אָנגעהויבן אויס די פאַרהוילטע ווינקעלעך ארויסצוקריכן פאַרשיידענע ברואים און זיך גערוקט נענטער צום רבינס טיש און ארומגעזעצט זיך אין א קרײַז ארום אים. עס זענען געווען געווייגלעכע אייזל־ און קעמל־טרײַבער. טייל פון זיי האָבן נאָך געהאלטן זייערע בײַטשן און ריטער אין די הענט. דער רבי האָט זיי אויסגעפרעגט אויף דעם שלום פון זייערע בני־בית און אויף דעם שלום פון זייערע בהמות. ער האָט באַפוילן יהודהן, אז ער זאָל באַשטעלן בײַם בעל־אכסניה מער טייטל־ווײַן און מער כוסות.

איך בין נבהל ונשתומם געוואָרן. דאָס האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געזען, אז א נאמן, א חבר, שוין אָפּגערעדט פון א רבין, זאָל זיך אוועקזעצן צווישן פּראָסטע אייזל־ און קעמל־טרײַבער, אזוי אויך צווישן מוכסים, האלבע גויים, עמי־הארצים, וועלכע זענען אָנגענומען פאַר אומריין; דאָס שפּײַעכץ פון זייערע מײַלער, דער אָנריר פון זייערע הענט מאַכן דעם ווײַן און דאָס ברויט אומריין. און דאָ טוט ער נישט נאָר רעדן מיט זיי, נאָר ער טרינקט מיט זיי פון איין כוס, גלײַך ווי זיי וואָלטן געווען חברים פון איין חבורתא, וועלכע זענען אלע בחזקת כשרות.

דער רבי האָט גערעדט מיט זיי וועגן זייער טעגלעכן לעבן, וועגן זייערע בהמות. מיטאמאָל האָט ער באמערקט אין דער האַנט פון אַן אייזל־טרײַבער א שטאָלענע אָל, מיט וועלכער די אייזל־טרײַבער שטעכן זייערע בהמות, ווען זיי ווערן פויל צו לויפן; זיי האָבן פאַר דעם געמאַכט א וואונד אין לײַב פון דער בהמה און נישט געלאָזט די וואונד זיך פאַרהיילן; ווען אַן אייזעלע האָט זיך אונטערגעפוילט זיך אויפצוהייבן פון זײַן הויער־אָרט, אָדער זיך אײַנגעשפּאַרט און נישט געוואָלט גיין, האָט דער אָנטרײַבער געשטאָכן מיט דער אָל אין דער בהמהס וואונד, כדי איר יסורים אָנצוטון, וואָס זאָלן זי הויבן פון אָרט. דער רבי האָט ארויסגענומען די אָל פון דעם אייזל־טרײַבערס האַנט און אָנגעהויבן רעדן צו זיי וועגן צער־בעלי־חיים: ווען זיי פּײַניקן די בהמה, אזוי שרײַט די בהמה צו גאָט, און גאָט ברוך הוא הערט איר קלאָגן און פאָדערט דין וחשבון פאַר איר פון די הענט פון איר בעל־הבית, וואָרעם יעדעס באַשעפעניש איז זײַנס, און ווען ער גיט איבער דאָס באַשעפעניש צו אַן אַנדער בשר־ודם, אזוי איז דער בשר־ודם פאַראַנטוואָרטלעך פאַר איר; און ווי מיר האָבן רחמנות אויף גאָטס באַשעפענישן, אזוי האָט גאָט רחמנות אויף אונז. — און נאָך אזעלכע רייד האָט ער געזאָגט צו זיי, ביז וואָנען עס האָט זיך דערהערט א שטימע, אויסכאַרכלענדיק מיט תרעומות פון א ווינקל ארויס:

— אז ער האָט נישט רחמנות אויף דעם בחיר־היצירה, וועט ער רחמנות האָבן אויף דער בהמה? מיר קענען גוט די רייד פון די חכמים.

א טראָפן האָניק גיבן זיי אונז אויף זייערע צינגער און א יאָך טוען זיי אָן אויף אונזערע העלדזער מיט זייערע חוקים.

אַלע האָבן זיך ארומגעקוקט אויף דעם, וואָס האָט געוואָגט די ווערטער צו רעדן, און א טייל האָבן אויסגערופן:

— פארמאַכט זײַן מויל, וואָס שיט פון זיך עקדישן און שלאַנגען!

אָבער דאָס מויל, וואָס האָט געשאָטן עקדישן און שלאַנגען, האָט זיך נישט געלאָזט פארמאַכן:

— וואו איז ער, אײַער גוטער גאָט? פארוואָס זעט ער צו, ווי דער רשע טרעט מיט זײַן פוס אויפן נאַקן פון גערעכטן, און ער שווײַגט? — האָט געדונערט פון דער פינצטערניש ארויס.

— קומט צו מיר איר אַלע, וואָס איר האָט דערנידעריקטע געמיטער! — האָט דער רבי גערופן.

פון דער פינצטערניש האָט זיך אויפגעהויבן א קאָלאָס, א שמשון, נישט קיין בלינדער, נאָר א זעעוודיקער, און ער האָט צוערשט געשיקט פאר זיך זײַן מויל, פון וועלכן עס האָט געשלאָגן מיט שוים און גאַוווער; א טונקעלע, גרויסע מויל־עפענונג, וואו עס זענען געזעסן האַלב־אויסגעהאַקטע, פארפוילטע שטיקער ציין, ווי די וואָרצלען פון אָפגעהאַקטע ביימער. א שמשון מיט פאַראָפיעטע, רויטע אויגן, וועלכע האָבן נישט געקאָנט זיך צוגעוויינען צום ליכט פון די לעמפלעך, און האָבן זיך געזשמורעט, אויפצוקנדיק די ברעמען. א ברייט־ביינערדיקער, מעכטיקער שמשון, באקליידט נאָר מיט א צעריסענעם זאַק־העמד, ארומגעגאָרטלט מיט א שטריק פון רויער קאָנאָפּאָליע, וואָס האָט מיט א פאָרהאנגל פון א שמוציק שטיק פעל פארשטעלט זײַן שאַנד. ער האָט אויסגעשטרעקט צום רבין זײַנע מעכטיקע הענט און ארויסגעשנאַפּט אויס זײַן גרויסן מויל אָן ציין — אָפּגעהאַקטע זאַצן:

— אז עס איז דאָ א גערעכטיקייט אין הימל, וויל איך דערמיט צום מִשפּט גיין ווי איוב!

דער רבי האָט אויסגעשטרעקט צו אים די האַנט:

— קום צו מיר, פארצייל מיר, וואָס עס באַדריקט דײַן האַרץ. ווער האָט דיך אזוי פאַרשעמט?

— ווער האָט מיך פאַרשעמט? אָט די אַלע לײַט, די כהנים, די חכמים.

— פארצייל מיר, וואָס איז געשען מיט דיר?

דער רבי האָט אים געזעצט לעבן זיך. שמעון האָט געשטעלט פאר אים א כוס, און דער מאַן האָט אָנגעהויבן פארציילן:

— יוסף איז מײַן נאָמען אין ישראל, און איך קום פון דער משפחה אפרתים אין ישראל. מײַן נחלה האָב איך געהאַט אין יהודה. א טייטלוואַלד האָב איך באַזעסן. מײַן זיידע האָט אים פארפלאַנצט, מײַן פאָטער האָט שוין געגאָסן זײַנע פּרוכטן. צוועלף מעסטלען טייטלען האָב איך אָפּגעגעבן דעם כהן און די לווים מעשרות: מעשר ראשון און מעשר שני.

פאה האָב איך איבערגעלאָזט פאַר אַרעמעלײַט. פעט זענען געווען מײַנע טייטלען. דער זאַפט האָט זיך געגאָסן פון זיי. א ווײַב האָב איך געהאַט, איז זי געווען גלוסטיק אַנצוקוקן. פאַר צוויי הונדערט דינאַרן האָב איך געשריבן א כתובה, אחוץ וואָס איך האָב איר פאָטער און איר עלטערן ברודער געלט געגעבן, מיט קליידער באַשאַנקען. א נאָמען האָב איך געהאַט אין ישראל. איצט האָב איך גאָרנישט מער. דאָס קלייד, וואָס איז אויף מיר, געהער נישט מיר. פאַר א קנעכט בין איך פאַרקויפט, איינגעשפּאַנט אין יאָך מיט געבונדענע אויגן, ווי א בהמה, צו שלעפן די קיזלשטיינער פון אן איילמיל. צו דעם האָבן זיי מיך געבראַכט.

— ווער, מײַן זון?

— אַלע. די כהנים, די חכמים, די מעכטיקע לײַט.

— פאַרצייל מיר, מײַן זון.

— מײַן נחלה האָב איך געהאַט צווישן צוויי רײַכע לײַט, צדוקים, גרויסע מיוחסים. זיי האָבן זיך משדך געווען מיטן הויז פון חנן. זיי האָבן טייטל־וועלדער, וואָס ציען זיך אויף מײַלן, שפּרייטן זיך אין פעטן טאָל פון יריחו; ווײַנגאָרטענער, הײַזער, לוסט־בעדער. אויף מײַן קליינער נחלה האָבן זיי געוואָרפן אן אויג. זיי האָבן געוואָלט דערנענטערן די גרענעצן איינס צום אַנדערן און מיך ארויסשטופן פון מײַן פאָטערס נחלה. זיי האָבן מיר אַנגעבאָטן אן אחוזה אויף אן אנדער אָרט, אין בית־שבע. איך האָב אָבער געוואָלט זיך האַלטן אין מײַן נחלה. פון מײַן פאָטער האָב איך זי געירשנט, צו מײַנע קינדער וועל איך זי איבערגעבן, — האָב איך זיך געזאָגט. זיי האָבן מיר יעדן טאָג די אויפזעער פון כהן געשיקט. מען האָט געריסן בײַ מיר מעשרות, מעשר ראשון, מעשר שני. מען האָט יעדן טאָג נײַע מסים אויף מיר ארויפגעלייגט. זיי האָבן דער־קלערט מײַנע פײַגן פאַר דמאי, און איך האָב זיי נישט געקאָנט פאַרקויפן. וואָס אמאָל מער האָבן זיי מיך געענגט מיט נײַע מעשרות. איך האָב זיך געווענדט צו די חכמים. זיי האָבן גאָרנישט געקאָנט טון קעגן די רײַכע צדוקים, ווײַל יענע האָבן געהערט צו דער יריחושער אריסטאָקראַטיע און רעכענען זיך גאָרנישט מיט די רייד פון די חכמים. אין יריחו האָבן זיי זייערע אייגענע חוקים. דער כהן גדול איז מיט זיי, פון איין משפחה. האָט מען מיך געדריקט וואָס אמאָל מער מיט מעשרות. איידער מײַנע טייטלען זענען פאַרטיק געוואָרן אויפן בוים, זענען די כהנים געקומען באַקוקן. זיי האָבן אָפּגעוואָרט בײַם אראָפּנעמען, און צוגענומען צענפאַך אזוי פיל, וואָס עס איז זיי געקומען. און ווען זיי האָבן דאָך געזען, אז זיי קאָנען גאָרנישט מיט מיר טון, האָט דער ייִנגערער פון זיי, צדוק, גע־וואָרפן אן אויג אויף מײַן ווײַב. מײַן גאָרטן און מײַן ווײַב האָט ער גע־וואָלט ירשנען. ער האָט זי צוגערעדט, אז זי זאָל מיך אָפּגטן. ער האָט איר צוגעזאָגט, אז ווען זי וועט קריגן פון מיר א גט, וועט ער זי נעמען פאַר זײַן געליבט ווײַב. האָט מײַן ווײַב אָנגעהויבן פאַרלאַנגען פון מיר, אז איך זאָל איר מתנות קויפן, איך זאָל איר די כתובה פאַרטאָפּלען.

יעדן טאָג האָט זי פאַרלאַנגט נײַע קלײדער, קלײדער, געשפּונען פון די טײַערסטע צידונישע װאָלן, געקרעמפּטע אין פאַלדן, געצװירנט מיט געפאַרבטע טראַלדן. זי האָט מיר געװיזן, װי שײן זי װעט אױסקוקן אין די קלײדער און אין דעם צירונג. טאָמער האָב איך נישט געהאַט דאָס געלט, האָט שױן אונטער דער האַנט זיך צוגערוקט א מלוה מיט זײַן גאָלד־בײַטל, װאָס צדוק האָט אים אונטערגעשיקט. באַלד בין איך אַרײַנגעפאַלן אין חובות. פאַר ביטערקײט האָב איך זיך איבערגעגעבן צום כוס. די מעשרות און די מסים, די בעלי־חובות, די מוכסים און די אױפזעער פון די כהנים, — אַלץ בײַנאַנד האָט מיר די נחלה צוגענומען. מען האָט מיך אַרױסגעװאָרפן פון מײַן פאָטערס הױז. איך בין געקומען װאָס אַמאָל נידעריקער, ביז צו גנבה בין איך דערגאַנגען. מײַן װײַב האָט געגומען די כתובה און מיך אָפּגעגט. מיך האָט מען פאַרקױפט פאַר א קנעכט.

דער רבי האָט אױסגעהערט זײַנע רײד. דערנאָך האָט ער אַרױפגעלײגט זײַן האַנט אױף אים און האָט צו אים געזאָגט:

— פאַרװאָר, איך זאָג דיר, יוסף: נישט דו ביסט א קנעכט, נאָר די, װאָס האָבן דיך פאַרקױפט. זײ זענען פאַרקנעכט צו די זינד. און מיט שטריק פון זײער קנעכטשאַפט װעלן זײ אַראָפּנידערן אין קבר אַרײַן.

— און ער האָט אױפגעהױבן זײַן האַנט און געדראָט: — װײ צו אײַך, סופרים און פרושים, איר פעלשער! װאָרעם איר גיט מעשר פון מינט, אַניס און קימעל, אָבער איר פאַרלאָזט די שװערע זאַכן פון דער תורה, דאָס געריכט, די באַרמהאַרציקײט און דעם גלױבן. די זאַכן קערט איר צו טון און יענע אױך נישט צו פאַרלאָזן. דו אָבער, מײַן זון, זײַ געטרײסט. דו האָסט אָפּגענומען דײַן מאָס מיט דער פולער האַנט.

און דער רבי האָט גערופן צו די אַלע אַנדערע לײַט, װעלכע האָבן זיך צוגעהערט צו די רײד פון יוסף:

— קומט צו מיר, איר אַלע פאַרשטױסענע און פאַרטריבענע. געבענטשט זענען די אַלע, װאָס האָבן א טריבן געמיט, װאָרעם דאָס קעניגרײַך פון הימל איז זײערס. געבענטשט זענען די, װאָס טרױערן, װאָרעם זײ װעלן געטרײסט װערן. געבענטשט, געבענטשט זענט איר אַלע, געפּלאָגטע און פאַרשעמטע, — גרױס איז אײַער שכר אױף יענער װעלט, װען איר װעט אהײמקומען פון אײַער שװערער אַרבעט דורך דעם טאָג פון אײַער לעבן.

איך האָב באַמערקט, אַז דער עולם האָט אָנגעהױבן זיך אײַנשטילן און זיך שאַרן װאָס אַמאָל נעענטער צו אים. יוסף דער עבד האָט געפרװוט דאָס מויל עפענען, ער האָט עס אָבער באַלד פאַרמאַכט. אונטער די רײד פון רבין איז ער זאַנפטיג געװאָרן װי א געצױמטע חיה. ער האָט געקוקט צעמישט, פאַרװאונדערט אױפן רבין, װי ער װאָלט אין זיך געקעמפט קעגן דער צורן, װאָס די זאַנפטיגע רײד טוען אָן אױף זײַן רעבעלישן געמיט. נאָר װי א שלאָף־דאָרשטיקער האָט ער ביסלעכװײַז

זיך איבערגעגעבן דעם געטראַנק פון שלאָף, וואָס איז געקומען אויף אים פון רבינס מויל. און אזוי אויך זענען אַלע אַנדערע געוועז.

אין א ווײַלע ארום זענען זיי שוין אַלע געלעגן, ווי עס ליגן שאָף צו די פיס פון א גוטן שעפער. דער רבי האָט זיי אײַנגענומען, פאַרשלעפּערט זיי אין א זיסן דרימל. זייערע פּנימער זענען געווען ווי די פּנימער פון קינדער.

דער דיקער בעל־אכסניה האָט פאַרגעסן אַנצוגיסן די מאָס ווײַן, וואָס מען האָט געהאַט באַשטעלט בײַ אים, האָט פאַרלאָזט זײַן טיש, און מיט דער כלי אין דער האַנט זיך געענגט, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און זיך אײַנגעהערט אין דעם משל וועגן דעם מאַן מיט די צוויי זין, וואָס דער רבי האָט פאַרציילט:

„א מאַן האָט געהאַט צוויי זין. און דער ייִנגערער פון זיי האָט געזאָגט צום פאָטער:

— פאָטער, גיב מיר דעם חלק פון דעם פאַרמעגן, וואָס פאַלט אויס אויף מיר.

און דער פאָטער האָט דעם פאַרמעגן געטיילט צווישן די זין.

און נאָך עטלעכע טעג האָט דער ייִנגערער זון אַלץ צוזאַמענגענומען און איז אוועקגעפאָרן אין א ווײַט לאַנד, און ער האָט זײַן פאַרמעגן אומגעבראַכט אין א פאַרשווענדעריש לעבן.

ווען ער האָט אַלץ פאַרצערט, אזוי איז געווען א שטאַרקער הונגער אין דעם לאַנד. און ער האָט אַנגעהויבן אין דער נויט צו זײַן.

און ער איז געגאַנגען און האָט זיך פאַרדונגען צו אן אײַנוואוינער פון לאַנד. און יענער האָט אים געשיקט אין זײַנע פעלדער חזירים צו היטן.

און ער האָט געוואָלט זײַן בויך אָנפילן מיט די פלעוועס, וואָס די חזירים האָבן געגעסן, אָבער קיינער האָט אים נישט געגעבן.

און ווען ער איז צו זיך געקומען, אזוי האָט ער געזאָגט:

— וויפיל משרתים פון מײַן פאָטער האָבן ברויט גענוג און איבעריק, און איך קום אום פאַר הונגער. איך וועל אויפשטיין און וועל גיין צו מײַן פאָטער, און וועל צו אים זאָגן: „פאָטער, איך האָב געזינדיקט קעגן דעם הימל און קעגן דיר. און איך בין נישט ווערט דײַן זון צו הייסן. מאַך מיך ווי איינעם פון דײַנע משרתים“.

און ער איז אויפגעשטאַנען און איז געקומען צו זײַן פאָטער. און ער איז געווען נאָך ווײַט פון אים, אזוי האָט אים זײַן פאָטער דערזען, און ער האָט רחמנות באַקומען, און ער איז געלאָפן און איז אים אויף דעם האַלדז געפאַלן, און ער האָט אים געקושט. אָבער דער זון האָט צו אים געזאָגט:

— פאָטער, איך האָב געזינדיקט קעגן דעם הימל און קעגן דיר און בין נישט מער ווערט דײַן זון צו הייסן.

און דער פאָטער האָט געזאָגט צו זײַנע קנעכט:

— ברענגט ארויס דאָס בעסטע קלייד און טוט אים אָן, און גיט אים א רינג אויף זײַן האַנט און שיך אויף די פיס. און ברענגט דאָס פעטע קאַלב און שעכט עס. און לאָמיר עסן און לאָמיר זיך פרייען. וואָרעם אָט דער זון מײַנער איז געווען טויט, און ער לעבט ווידער; ער איז געווען פאַרלוירן און ער איז צוריקגעפונען.

און זיי האָבן אָנגעהויבן פריילעך צו זײַן.

אָבער זײַן עלטסטער זון איז געווען אין פעלד. און ווי ער איז גע־קומען נאָענט צום הויז, אזוי האָט ער געהערט זינגען און טאַנצן. און ער האָט גערופן איינעם פון זײַנע יונגען און האָט געפרעגט, וואָס דאָס באַדײַט. און ער האָט צו אים געזאָגט:

— דײַן ברודער איז געקומען, און דײַן פאָטער האָט געשאָכטן דאָס פעטע קאַלב, ווײַל ער האָט אים ווידער געטראָפן געזונט.

אזוי האָט עס אים פאַרדראָסן, און ער האָט נישט געוואָלט אַרײַנ־קומען. און זײַן פאָטער איז ארויסגעקומען און האָט אים געבעטן. אָבער ער האָט געענטפערט און האָט צום פאָטער געזאָגט:

— זע, איך דין דיר שוין אזוי פיל יאָר, און האָב נאָך קיינמאָל נישט עובר געווען דײַן געבאָט, און דו האָסט מיר נאָך קיינמאָל נישט געגעבן קיין ציקעלע, אז איך זאָל זיך פריילעך מאַכן מיט מײַנע פרײַנד. ווען אָבער אָט דער זון דײַנער איז געקומען, וואָס האָט דײַן פאַרמעגן אומ־געבראַכט מיט זונות, אזוי האָסטו אים געשאָכטן דאָס פעטע קאַלב.

אָבער דער פאָטער האָט צו אים געזאָגט:

— מײַן זון, דו ביסט שטענדיק מיט מיר, און אַלץ וואָס איך האָב, איז דײַנס. און דו דאַרפסט זיך פרייען און פריילעך זײַן, וואָרעם אָט דער ברודער דײַנער איז געווען טויט און ער לעבט ווידער, ער איז געווען פאַרלוירן און ער איז צוריקגעקומען".

— און אזוי וועט זײַן מיט דיר, יוסף — האָט דער רבי צוגענומען צו זיך דעם פאַרביטערטן קנעכט.

יוסף האָט באַגראָבן זײַן פנים אין זײַנע הענט, און האָט זיך צעוויינט.

שפּעטער, ווען דער רבי מיט זײַנע תלמידים האָבן פאַרלאָזט די אכסניה, ביז איך נאָכגעגאַנגען פון דער ווײַטנס. אין דרויסן, בײַם אַרײַנ־גאַנג אין דער פונדקא, האָבן אים אָפּגעוואַרט א געזעמל מענטשן. שכנים פון די אָרעמע הײַזער האָבן דערהערט, אז דער רבי פון גליל געפינט זיך אין דער אכסניה מיט די אייזל־טרײַבער, זענען זיי ארויס פון זייערע שטובן און האָבן געוואַרט אויף אים, וואָרעם דער גלילער רבי איז שוין דענסטמאָל געווען באַקאַנט אין גאַנץ ירושלים, און אומעטום, וואו ער האָט זיך באַוויזן, האָט דאָס אָרעמע פאָלק זיך געקליבן ארום אים; טייל האָבן געגלויבט אין אים, אז ווען ער וויל, קאָן ער יעדן איינעם באַגליקן מיט דעם בלויזן אָנריר פון זײַן האַנט, מיט א ברכה פון זײַן מויל, — צו־ליב דעם האָבן די ווײַבער ארויסגעבראַכט זייערע קינדער אויס די שטובן און געהאַלטן זיי לעבן זיך, די זויגנדיקע — אויף די הענט. און

ווען דער רבי האָט זיך באַוויזן, האָבן די מוטערס אים באַלויכטן מיט די הויז־לעמפּלעך, וואָס זיי האָבן ארויסגעטראָגן פון זייערע הײַזער. זיי האָבן זיך געשטופּט ארום אים און אים צוגעטראָגן די קינדער, אז ער זאָל זיי בענטשן. דער רבי האָט געלאָזט רוען זײַנע הענט אויף יעדערן פון זיי און זיי געבענטשט מיט דער יידישער ברכה: ער זאָל די זכיה האָבן אויסצוואַקסן לתורה, לחופּה ולמעשים טובים.

אָבער איינער איז דאָרט געווען אין דער מענגע — פון די תלמידי־חכמים. און ווען ער האָט געזען דעם רבין ארויסגיין פון דער פונדקא, האָט ער זיך געוואונדערט און געפרעגט דעם רבין:

— רבי אין ישראל, האָט נישט דוד המלך געזאָגט: „אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים ובדרך חטאים לא עמד ובמושב לצים לא ישב"?

דער רבי האָט אים געענטפערט, — נישט אים, נאָר צו די לײַט, וועלכע זענען ארויסגעקומען צו אים מיט די קינדער, אז ער זאָל זיי בענטשן:

— וועלכער מענטש, בײַ וועמען עס גייט פאַרלוירן איין שעפעלע, לאָזט נישט איבער נײַן און נײַנציק אין מדבר, און גייט נאָך דעם פאַר־לוירענעם, ביז וואַנען ער געפינט עס. אזוי זאָג איך אײַך: אזוי וועט אויך זײַן א שמחה אין הימל איבער איין חוטא, וואָס טוט תשובה, מער ווי איבער נײַן און נײַנציק צדיקים, וואָס באַדאַרפן נישט קיין תשובה.

ווען איך בין שפּעטער אהיימגעקומען צו מײַן רבין נקדימון, האָב איך אים פאַרציילט, וואָס איך האָב געזען און געהערט דעם טאָג אין דער פונדקא פון דעם רבין פון גליל. ווען איך האָב אים נאָכגעזאָגט די ווערטער פון דעם רבין פון גליל וועגן דעם, אז א מענטש, ווען עס גייט בײַ אים פאַרלוירן איין שעפעלע, לאָזט ער איבער נײַן־און־נײַנציק אין מדבר און גייט נאָך דעם פאַרלוירענעם, ביז וואַנען ער געפינט עס, האָט מײַן רבי מיך איבערגעפרעגט מיט וואונדער:

— האָט ער אזוי געזאָגט, אז מען פאַרלאָזט נײַן־און־נײַנציק און מען גייט זוכן דאָס איינע?

— יאָ, אזוי האָט ער געזאָגט. און ער האָט צוגעגעבן: „איך זאָג אײַך, אזוי וועט אויך זײַן א שמחה איבער איין חוטא, וואָס טוט תשובה, מער ווי איבער נײַן־און־נײַנציק צדיקים, וואָס באַדאַרפן נישט קיין תשובה".

מײַן רבי האָט זיך לאַנג פאַרטראַכט. איך האָב געזען זײַן פּנים, ווי עס איז ערנסט געוואָרן. איך האָב אים זעלטן אזוי געזען. זײַן הויכער, גרויסער שטערן האָט זיך געקנייטשט און ער האָט געהאַלטן אין איין איבערפירן מיט זײַן דלאָניע איבער זײַן קורצער, געדיכטער באָרד. און ער האָט געזאָגט צו אונז:

— אויך אונזערע חכמים האָבן געזאָגט: ווער עס פאַרלירט איין נפש, איז ווי ער וואָלט פאַרלוירן די גאַנצע וועלט. און ווער עס ריכט

אויף איין נפש, איז ווי ער וואָלט אויפגעריכט די גאַנצע וועלט. און נאָך האָבן אונזערע חכמים געזאָגט: „אדם אחד שקול כנגד כל מעשי בראשית". יאָ, דער מענטש, וואָס איז געבוירן בצלם אלהים, איז אין יחידות ווי דער רבונו של עולם, זײַן באַשעפער. גאָט גייט אין סוד אַרײַן מיט יעדן יחיד באַזונדער — דורך דער נשמה, וואָס ער האָט אַרײַנגעגעבן אין יעדן יחיד. דאָס מיינט דער פּסוק: „ועיניך פקוחות על כל דרכי אדם". — אדם איז ביחידות דורך השגחה פּרטיות.

צו יעדן איינעם פון די תלמידים איז צוגעטיילט געוואָרן דער כבוד משמש צו זײַן איין טאָג דעם רבין. דענסטמאָל איז עס מײַן טאָג געווען, ווען איך האָב משמש געווען מײַן רבין. איך האָב געוואַשן מײַנע הענט און פיס און געאיילט מײַן לײַב. איך האָב זיך איבערגעטאָן אין א נײַ געוואַשן העמדל, וואָס מײַן מוטער האָט מיר געשיקט פון דער היים, האָב זיך ארומגעהילט אין דעם סדין, וואָס איך האָב געהאַט אָנגעגרייט אין מײַן קאַסטן פאַר יום־טוב, וואָרעם עס האָט זיך נישט געפּאַסט משמש צו זײַן דעם רבין אין די קליידער, וואָס מען האָט געטראָגן א גאַנצן טאָג. איך האָב געגרייט פאַרן רבין דעם טיש און האָב ארויסדערלאַנגט פאַר אים דאָס געקעכץ פון אַרבעס, וואָס אלכסנדר און רופוס האָבן אָפּגעקאָכט פאַר אים. און איך האָב זיך פאַר אים געשטעלט אים משמש צו זײַן. און עס איז געווען, ווען איך האָב אָנגעגאָסן פאַר מײַן רבין דעם כוס, האָב איך געוואָגט זיך אָנצורופן:

— לערן מיך, רבי! די ווערטער, וואָס איך האָב געהערט הײַנט פון מײַן רבין, זענען דיזעלבע, וואָס איך האָב געהערט פון דעם רבין פון גליל. זיי זענען נאָר א פּירוש איינע אויף די אַנדערע. און אַזוי איז אויך מיט אַנדערע רייד סײַ אין דער הלכה, סײַ אין דער אגדה, וואָס איך האָב געהערט פון מויל פון מײַן רבין, וואָס פון זײַן קוואַל האָט מיך גאָט מזכה געווען צו טרינקען, אַזוי אויך פון די אַנדערע תלמידי־חכמים. זיי קומען זיך אַלע צונויף מיט די רייד, וואָס עס לערנט אונז דער רבי פון גליל. איינס איז ממלא דאָס צווייטע. וואָס איז, ווידער, די מחלוקה, וואָס איז צווישן די תלמידי־חכמים און דעם רבין פון גליל? פאַרוואָס איז עס, וואָס יעדעס מאָל, ווען דער רבי פון גליל קומט זיך צונויף מיט די תלמידי־חכמים, פירן זיי איינס קעגן אַנדערן האַרטע רייד, וואָס זענען שווער פאַרן אויער צו פאַרנעמען?

— ביידע, מײַן זון, סײַ די רייד פון די חכמים, סײַ די רייד פון דעם רבין פון גליל, זענען די רייד פון דעם לעבעדיקן גאָט. נאָר די וועגן פון די תלמידי־חכמים זענען אַנדערש, און די וועגן פון דעם רבין פון גליל זענען אויך אַנדערע. די וועגן פון די תלמידי־חכמים קענען מיר, מיר האָבן זיי בקבלה פון אונזערע עלטערן. די וועגן, וואָס עס גייט אויף זיי דער רבי פון גליל, זענען פאַר אונז נײַע און אומבאַקאַנטע. נאָר וויסן זאָלסטו, מײַן זון: יעדע מחלוקה, וואָס קומט ארויס פון הימלס וועגן, מוז סוף־כל־סוף זיך אויסגלײַכן.

נאָך אָט די ווערטער האָט דער רבי אויפגעהויבן די הענט צום הימל און האָט געזאָגט א קורצע תפילה:

„רבונו של עולם, עס איז באוואוסט פאר דיר, אז נישט פון אונזער כבוד וועגן און נישט פון וועגן דעם כבוד פון אונזער פאָטערס הויז פירן מיר די מחלוקת, נאָר פאר דײַן ליבן נאָמען, כדי צו טון דאָס גוטע אין דײַנע אויגן. דערגנען דעריבער אונזערע הערצער צו דיר, וואָרעם נאָר אין דיר אליין קאָן מען געפינען דעם שלום. — זע, מיר האָבן געלייגט אלע האָפענונגען אויף דיר. אלץ, וואָס מיר האָבן, האָבן מיר עס פון דיר. — עס איז נישטאָ גאָרנישט אָן דיר, פאָטער אין הימל!"

קאפיטל עלף.

קיינער האָט נישט געוואוסט וואו דער רבי פון גליל האַלט זיך אויף. פלוצלינג האָט ער זיך באוויזן אין די בתי־כנסת, אויפן מאַרק, אָדער אין בית־מקדש-הויף, אמאָל באַגלייט פון א טייל זײַנע תלמידים, אָפטמאָל ארומגערינגלט מיט א כאַליאַסטרע אָרעמעלײַט. און פלוצלינג איז ער פארשוואונדן, טיילמאָל אויף טעג, אויף וואָכן. מען האָט אים נישט געזען. זײַנע תלמידים זענען געווען צעשפרייט צווישן די אָרעמע פון די אָרעמסטע אין דעם אונטערשטן טייל שטאָט, צווישן די באַוואוי־נער פון נחל קדרון. די הײַזלעך דאָרט זענען ענלעך געווען צו לעבעדיקע קברים: זיי זענען באַשטאַנען פון קאַלך־ליימען, געבאַקן אויף דער זון, די ווענטלעך אין דער ערד, באַקלעפּט פון מיסט מיט ריטער. זיי האָבן באַדעקט דעם גאַנצן אָפּהאַנג פון נחל־קדרון. עס איז זייער שווער געווען זיך אויסצוגעפינען דאָרט, צווישן די געדרייטע, ענגע קאָרידאָר־געס־לעך; מען האָט זיך פארלוירן דאָרט ווי אין א לאַבירינט. וויפיל מאָל מיר זענען נישט נאָכגעגאַנגען איינעם פון זײַנע תלמידים, האָבן מיר אים פארלוירן פון די אויגן.. אזוי ווי זיי וואָלטן זיך געווען אויסגעהיט פאַר וועמען, זענען זיי נישט געגאַנגען צוזאַמען, נאָר באַזונדער, כדי מען זאָל נישט קומען אויף זייער שפּור.

איינמאָל איז עס אונז דאָך געלונגען נאָכצוגיין דעם רבין פון גליל און אייניקע תלמידים זײַנע, ווען זיי האָבן פארלאָזן דעם בית־מקדש־הויף. מיר זענען זיי נאָכגעלאָפן און געמיט זיך נישט צו פארלירן זיי פון אויג אין דעם געדרענג פון די מאַסן אין דעם אונטערשטן טייל שטאָט. זיי האָבן זיך געאיילט, געשטעלט זייער שנעלע טריט, דער רבי פאָרויס, מיט שמעונען, די בני־זבדי, יוחנן און יעקב, הינטער אים. איינער מיט א מעכטיקן קאָפּ, מיט שטייענדיקע, צעשויבערטע, שוואַרצע האָר, ווי א וואַלד אויף א באַרג, וועלכער האָט ארויסגעקוקט פון זײַנע

ברייטע פּלייצעס; דער צווייטער — אַ דינינקער, אָבער אויך אַ הויכער, מיט אַ בלייך, אויסגעאיידלט פּנים. ווי מיר זענען געווען געוואָר געוואָרן שפּע־טער, זענען דאָס געווען זיינע באַליבטע דריי תלמידים, וואָס ער האָט זיך פון זיי קיינמאָל נישט געשיידט. זיי האָבן אים תמיד באַגלייט. זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט מיט דער שאַרף־אָפּגעהאַקטער וואַנט, וועלכע איז אַראָפּגעפאַלן פון הר־הבית שטייל אין טאָל אַרונטער; זיי האָבן פאַר־לאָזט די מויער, זענען אַדורך דעם מיסט-טויער און האָבן געאיילט אַרויף צום הר־הזיתים.

מיר האָבן געפּרוווט אָנצוהאַלטן אונזערע טריט מיט זייערע. עס איז אונז שווער אָנגעקומען, ווייל זיי האָבן פּשוט געשלונגען דעם וועג מיט זייערע פעסטע טריט. מיר זענען אַדורכגעגאַנגען די אָרעמקייט, וואָס האָט זיך אַרויפגעצויגן פון נחל־קדרון צום הר־הזיתים אַרויף. דער גאַנצער משופּעדיקער באַרג, כאָטש ער איז שוין געלעגן אויף יענער זייט טויער, איז נאָך אַלץ געווען באַשאָטן מיט אָרעמקייט; מיט פיל קליינע ווערקשטעלן פון לעדער־וואַלקערס, פאַרבער, וועבער. אַביסל אַרויף אויף דעם באַרג האָבן אָנגעהויבן זיך באַווייזן גערטענדלעך מיט גרינוואַרג, איינצלנע הייזער, אַרומגערינגלט מיט וועלדלעך פון ציפּ־רעסן. מיר זענען פאַרבייגעגאַנגען די געוועלבער פון די בני־חנן. דאָס זענען געווען די שפּייכלערס, די קאָמערן און די מאַגאַזינען, וואו דאָס מעכטיקע כהן־גדולשע הויז האָט געהאַלטן די פּראָדוקטן צו פאַרקויפן צו אָרעמעלייט. ענדלעך, זענען מיר אָנגעקומען צום אָרט, וואָס האָט געהייסן בית־פּגה, — עס איז געלעגן ווייט אַרויס פון די מויערן פון ירושלים, דאָך האָט ביז צו דעם אָרט געגילטן דער קרייז פון ירושלים. מען פלעגט אין ירושלים זאָגן אַ ווערטל: „דו וועסט מיך געפינען ביז צו בית־פּגה״, דאָס הייסט, אין גאַנץ ירושלים. פון די מויערן פון בית־פּגה, דאָס הייסט, מחוץ דעם דאָרף, — האָט שוין געגאָלטן „אויסער דער שטאָט״. צום אָנדענק פון דעם נאָמען פון אָרט האָבן אַ פּאָר אָרעמע פייגנביימער געפירט דאָרט אַן אומגליקלעך לעבן. דער הייסער ווינט, וואָס בלאָזט פון מדבר־יהודה, מאַכט רייף די פּרוכט פאַר דער צייט און וואַרפט זי גרינערהייט אַראָפּ פון בוים. צוליב דעם הייסט טאַקע דאָס אָרט — „דאָס הויז פון די אומרייפע פייגן״. איצט, אין ווינטער, האָבן טויטע פייגן־צווייגן זיך געשלענגלט אַרויס פון די ביימער, אויס־געשטרעקט זייערע נאַקעטע צווייגן־הענט צום וועג אַרויס, ווי זיי וואָלטן זיך געבעטן רחמים...

אין דעם דאָרף האָט זיך געפונען אַ הויז, וואָס האָט זיך גערופן בית עינה, דאָס הויז פון עינה. דאָרט האָט געוואוינט אַן אַלטער מאַן מיטן מאָדנעם נאָמען שמעון דער קרעציקער. ער האָט זיך אַזוי גערופן נישט ווייל ער איז געווען קרעציק, — אין אַזאַ פאַל וואָלט ער נישט געקאָנט זיך אויפהאַלטן אין אַ ישוב, — נאָר ווייל ער האָט געהאַט אַ טבע צו זאַמלען אַרום זיך מענטשן-אָפּפאַל. עס איז קיינער נישט געווען

צו נידעריק, אז דער אַלטער שמעון זאָל אים נישט אַרײַננעמען אין זײַן הויז, נישט אָנערקענען פאַר א ברודער און נישט טיילן מיט אים זײַן טיש, אפילו זײַן בעט. ער פלעגט ליגן צוזאַמען מיט מצורעים אויף איין געלעגער און זיך נישט מיאוסן צו טונקען זײַן ברויט מיט קראַנקע און פאַרפוילטע מענטשן פון איין שיסל. — „מיר וועלן אַלע צוזאַמען טיילן איין בעט, — די ערד. איז פאַרוואָס זאָל איך זיך מיאוסן פון אימיצן“, — פלעגט ער זאָגן. אַנדערע האָבן אים דערפאַר גערופן שמעון דער צנוע, שמעון דער פרומער, נאָר אנשטאָט „צנוע“ האָבן זיי פאַרגרײַזט דאָס וואָרט אויף „צרוע“. בײַ אָט דעם שמעון מצורע האָט זיך עס דער רבי פון גליל אויפגעהאַלטן.

אין הויף פון שמעון דעם מצורע האָבן מיר טאַקע אָנגעטראָפן קופּעס אָרעמע, קראַנקע מענטשן. מיר זענען דאָך געוויינט געווען אין ירושלים צו אָרעמקייט, נאָר אזעלכעס האָבן מיר נאָך נישט געזען. עס האָט אויסגעזען, ווי דער בעקן פון אָרעמקייט, דער טאָל קדרון, האָט אויסגעשפּיגן זײַנע בלאָטעס, וואָס ער האָלט אין זיך, און האָט זיי ארויס־געשיקט אהער, אין הויף פון שמעון מצורע. עס זענען געווען צווישן זיי האַלב־מענטשן, מענטשן מיט פאַרפוילטע אברים, מענטשן וואָס האָבן גאָרנישט מער געהאַט, וואָס גאָרנישט האָט געהערט צו זיי, אפילו זייערע גופים האָבן נישט מער געהערט צו זיי, נאָר צו זייערע קראַנקהייטן.

שוין אויפן וועג האָבן מיר אָנגעטראָפן גרופּעס אָרעמעלײַט, קאַ־ליקעס, וועלכע האָבן געשטיצט איינס דאָס אַנדערע: בלינדע, געפירט פון הינקענדיקע, געלענט איינס אויפן אַנדערן, זענען גאַנצע פּראָצעסיעס געגאַנגען אויפן באַרג. דאָ האָבן מיר זיי געטראָפן, זיצנדיק ארום אין קופּעס, אין דעם צעגייענדיקן, פײַכטן טוי־געפּריר, וואָס האָט באַדעקט דעם הויף. מען האָט באַדאַרפט זען די פרייד, וואָס האָט געשפּילט אויף זייערע פּנימער, די אויסגעשטרעקטע הענט, די אויסרופן, דאָס געלאַף, וואָס איז געוואָרן, ווען זיי האָבן דערזען אָנקומען דעם רבין אין זײַן ווײַסן קלייד, באַגלייט פון זײַנע תלמידים. זיי האָבן אַלע זיך געדריקט ארום אים. ער האָט זיי באַרירט מיט זײַנע הענט, צוגעדריקט ארום זיך, און אזוי צוזאַמען, אײַנגעקנאָטן ווי איין קנויל, האָט ער זיי אַלע אַרײַנ־געבראַכט אין דעם קליינעם, נידריקן חדר פון שמעון דעם מצורע. באַלד איז דאָס חדר איבערגעפילט געוואָרן. די אָרעמקייט האָט זיך אויסגעגאָסן, ווי ווײַן פון א כוס, און אריבערגעשוימט אויפן הויף ארויס. אין הויף האָט איצט אָנגעהויבן בלאָזן א ווינט. עס איז געווען גענוג קאַלט אין דעם ווינטער־פאַרנאַכט, נאָר קיינער פון זיי האָט נישט גע־ציטערט פאַר קעלט, קיינער פון זיי האָט אפילו נישט געפּרוווט פאַר־דעקן זײַן אויסגעבלייזט לײַב מיט די שמאַטעס, וואָס זענען נאָכגעהאַנ־גען אויף אים. וואָרעם זיי זענען אַלע אָנגעוואַרעמט געוואָרן פון אַן

אינעווייניק ליכט, וואָס איז אויפגעגאַנגען אין זיי, ווען זיי זענען גע־קומען אין באַרירונג מיט דעם מאַן.

מיר האָבן דאָך שוין געהאַט געהערט אין ירושלים פון די נסים און נפלאות, וואָס דער מאַן האָט געטון אין גליל: ווי ער האָט געהיילט קראַנקע מיט דעם בלויזן אָנריר פון דער האַנט; ווי ער האָט נוטה למות אויפגעהויבן מיט א באַפעל פון זײַן מויל; ווי ער האָט געשפּײַזט הונ־געריקע און ארויסגעטריבן רוחות פון באַזעסענע. מיר זענען געווען זיכער, אז מיר וועלן זײַן עדות פון א גרויס וואונדער, אז אַט באַלד וועט ער אַלע קראַנקע געזונט מאַכן. מיט איין וואָרט, — האָבן מיר געגלויבט, — וועט ער אראָפּכישופן פון הימל קערב מיט ברויט און וועט אַלעמען אָנזעטיקן. אָבער קיין זאַך האָט ער איצט נישט באַוויזן. אזוי ווי די אָרעמעלײַט וואָלטן אויך גאָרנישט געווען דערוואַרט פון אים קיין פּי־זישע הילף, נאָר עפּעס גאַנץ אַנדערש, זענען זיי אַלע אײַנגעשטילט געוואָרן, ווען ער איז געקומען צווישן זיי.

באַלד האָט זיך דערהערט זײַן שטימע. און דאַסמאָל איז זײַן קול גאַנץ אַנדערש געווען, ווי איך בין עס געוויינט געווען צו הערן אין בית־מקדש־הויף אָדער אין ברייטן מאַרק, ווען ער האָט געשטראָפט די געלערנטע אָדער גערעדט קעגן די רײַכע און די כהנים. דאַסמאָל איז זײַן קול געווען זיס ווי מוזיק, ווי ער וואָלט מיט א טרויעריק־טיפן ניגון געזונגען. האָט ער ארומגענומען די נאָענטסטע אָרעמע מענטשן: אן אַלטן בלינדן, וועלכער האָט מיט די פינגער זיך אָנגעכאַפּט אין זײַן קלייד און עס נישט אָפּגעלאָזט; א געשלאָגענעם מיט מכות, וואָס האָבן ארויסגע־קוקט פון זײַנע שמאַטעס, וועלכע האָבן געקלעפּט צו זײַן לײַב אזוי, אז עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געשלאָגן געווען מיט צרעת. דער רבי האָט אים געדריקט צו זײַן ברוסט. ער האָט באַרירט מיט זײַן באָרד יענעמס נאַקעטן קאָפּ. און שאָקלענדיק זיך, האָט ער אָנגעהויבן זיי צו טרייסטן:

— איך זאָג אײַך, בעט און עס וועט אײַך געגעבן ווערן, זוכט און איר וועט געפינען; קלאַפּט אָן און עס וועט אײַך אויפגעמאַכט ווערן. וואָרעם איטלעכער, וואָס בעט, דער קריגט; דער, וואָס זוכט, געפינט; דעם, וואָס קלאַפּט אָן, וועט אויפגעמאַכט ווערן. ווער פון צווישן אײַך, ווען זײַן זון וועט בעטן בײַ אים ברויט, וועט ער אים געבן א שטיין? ווען ער וועט בעטן בײַ אים א פיש, וועט ער אים געבן א שלאַנג?

— איז טאַקע דאָ ווער, וואָס הערט אונזער געוויין? איז דאָ ווער, וואָס זעט צו אונזערע יסורים? איז דאָ ווער, וואָס צו זײַנע אויערן דער־גייען אונזערע קרעכצן? רבי! רבי! — האָט גערופן אן אַלטער בלינדער מאַן. אין שמאַטעס באַקליידט, א האַלב־נאַקעטער, איז ער צוגעקראָכן, טאַפּנדיק מיט די הענט זײַן וועג צו אים.

— יאָ, מײַן זון, גלויב און דו וועסט געהערט ווערן.

— פאַרוואָס אָבער די יסורים, דער פּײַן? לערן אונז, רבי, וואָס איז

דער טעם פון די יסורים, וואָס גאָט שיקט אויף די מענטשן? — האָט געפרעגט אַן אַנדער מאַן, וואָס זײַן פּנים איז געווען ווי געגאָסן אויס אײַזן, אָן איין האָר, און שוואַרץ, ווי דאָס פלייש אונטער זײַן הויט וואָלט פאַרברענט געווען.

— יסורים, מײַן זון, דאָס איז דער קוואַל פון ליבע. יסורים — דאָס איז דער גרויסער חסד, וואָס דער פאָטער אין הימל האָט געטון. וואָרעם יסורים ברענגען דעם מענטשן צו האָבן אַן אונטערטעניק האַרץ. דער, וואָס לײַדט נישט, מיינט, אַז ער שטייט אויף אַ פעלזן־שטיין, וואָס ער אליין האָט זיך אויפגעשטעלט. ער זעט נישט זײַן חבר, נאָר זיך אליין. ער גלויבט אין קיינעם נישט, נאָר אין זײַנע אייגענע כחות. זײַן האַרץ ווערט אַ זומפּ, וואָס עס ווימלען אין אים ווערעם: גאווה, עקשנות, אייגנליבע. און ווען דאָס פוסבענקל ווערט פון זײַנע פיס צוגענומען, זינקט ער מיט די ווערעם אין זײַן האַרץ אין שאול־תחתיה אַרײַן. אָבער דעם, וואָס גאָט באַשענקט מיט יסורים, באַשענקט ער מיט זײַן ליבע. די יסורים זענען די שטריק, וואָס האַלטן אונז אָנגעבונדן אין דעם פאָטער אין הימל. ער באַדריקט אײַך, כדי איר זאָלט גרויס זײַן אין הימל.

דער רבי האָט אויפגעהויבן זײַנע הענט, ווי ער וואָלט זיי געהאַלטן איבער די קעפּ פון די געשלאָגענע, וועלכע זענען געלעגן אויסגעגאָסן ווי אַ טײַך פון אייטער און בלאָטערס צו זײַנע פיס, און ער האָט צו זיי אויסגערופן:

— וואויל איז אײַך, געשלאָגענע, וואָס איר קומט אָפּ פאַר אײַערע זינד אויף ד ע ר וועלט. ווי ליכטיק וועט אָבער דערפאַר זײַן אײַער טייל אויף דער צווייטער וועלט, אין אייביקן לעבן. אַ קלאָג איז צו די רײַכע, וואָס נעמען אָפּ זייער ביסל שכר אויף ד ע ר וועלט. ווי פינצטער עס וועט זײַן זייער טייל אויף דער צווייטער וועלט! צו וואָס איז די זאַך געגליכן? עס איז געווען אַמאָל אַ רײַכער מאַן, וואָס האָט זיך געקליידט אין פּורפּור און אין פײַנעם לײַוונט און האָט יעדן טאָג שמחות געמאַכט. און עס איז געווען אַן אָרעמאַן, וואָס האָט געהייסן אליעזר, איז ער געלעגן בײַם טויער פון דעם רײַכנס הויז, פול באַדעקט מיט בלאָטערס. און ער האָט געוואָלט זיך זעטיקן נישט מער ווי מיט די קרישקעלעך, וואָס פאַלן אַרונטער פון דעם רײַכן מאַנס טיש, אָבער נאָר די הינט פון רײַכן מאַן זענען געקומען און האָבן באַלעקט זײַנע בלאָטערס. און עס איז געווען, ווען דער אָרעמאַן איז געשטאָרבן, אַזוי האָבן אים די מלאכים געטראָגן אין אברהם אבינוס שויס אַרײַן. דער רײַכער איז אויך געשטאָרבן און מען האָט אים באַגראָבן. און עס איז געווען, ווען ער האָט זיך געפונען אין גיהנום, אין זײַנע יסורים, האָט ער אויפגעהויבן זײַנע אויגן און געזען אברהמען פון דער ווײַטנס און אליעזרן אין זײַן שויס. האָט ער געשריען און געזאָגט: „מײַן פאָטער אברהם, דערבאַרעם זיך איבער מיר. שיק אליעזרן, ער זאָל אײַנטונקען דעם שפּיץ פון זײַן פינגער אין וואַסער, און זאָל ער דערמיט מײַן צונג קילן, וואָרעם איך

ווער פארלענדט אין דעם דאָזיקן פּלאָם". אָבער אברהם האָט געזאָגט: „געדענק, מײַן זון, דו האָסט דײַן גוטס אָפּגענומען בײַ דײַן לעבן, און אליעזר האָט אָפּגענומען זײַן שלעכטס. איצט ווערט ער געטרייסט, און דו האָסט יסורים. אחוץ דעם איז א טיפער טאָל געזעצט צווישן אונז און אײַך. די, וואָס ווילן פון דאַנען צו אײַך איבערגיין, קאָנען נישט; און די, וואָס געפינען זיך אויף יענער זײַט קאָנען צו אונז נישט אריבער־קומען". האָט דער רײַכער געזאָגט: „אויב אזוי, שיק אליעזרן צו מײַן פאָטערס הויז, ווארעם איך האָב פינף ברידער, און זאָל ער זיי צוזיסן טון, אז זיי זאָלן אויך נישט ארײַנפאַלן אין דעם טרויעריקן אָרט". האָט אברהם אָפּגעענטפערט: „זיי האָבן תורת־משה און די נביאים, זאָלן זיי צו זיי זיך צוהערן. אז זיי האָבן נישט צו משהן און צו די נביאים זיך צוגעהערט, וועלן זיי אויך נישט גלויבן אין איינעם, וואָס איז אויפגע־שטאַנען פון טויט".

מען האָט באַדאַרפט זען די פּנימער פון די לײַט, ווי זיי זענען עס צעמישט געווען. אונטער דעם כישוף פון זײַנע רייד האָבן זיי זיך איצט פארוואַנדלט אין פרינצן. א ליכט איז אויפגעגאַנגען אין זייערע אויגן. עס האָט זיך געדאכט, אז זייערע צעבראָכענע גלידער זענען גאַנץ גע־וואָרן, די קרומע האָבן זיך אויסגעגלײַכט, די בלינדע האָבן אָנגעהויבן זען, — אזוי האָבן געלויכטן זייערע פּנימער. ווי די מענטשן וואָלטן מיטאַמאָל באוואוסט געוואָרן, אז זיי זענען נישט אָרעם, נאָר זיי פאַר־מאָגן עפּעס אזעלכעס, וואָס קיין עשירות קאָן זיך דערמיט נישט פאר־גלײַכן, זענען זיי פריילעך געוואָרן און גליקלעך אונטער דעם כישוף.

— רבי, רבי, אויך מיך וועט דער מלאך פון הימל זעצן אין אברהם אבינוס שויס? — האָט זיך אָנגערופן א שטים פון א קליינעם קאַליקע, וואָס איז געשטאַנען אינדרויסן פון דער שטוב.

— פאַרוואָס דען נישט, מײַן זון? ביסטו דען נישט קיין קינד בײַ גאָט?

— איך האָב נישט קיין מצוות, קיין מעשים־טובים, איך קען נישט לערנען, איך בין גאָרנישט!

דער רבי האָט אַלעמען איבערגעלאָזט, האָט אדורכגעשאַרט זיך זײַן וועג דורך די מחנות אָרעמעלײַט צו דער טיר צו, וואו עס איז געשטאַנען א קליינער קאַליקע אויף געקרימטע פיס, מיט א קליינעם גוף, דערפאַר אָבער מיט א גרויסן וואַסערדיקן קאָפּ.

— דו ביסט רײַכער פון די רײַכסטע. עס וועלן דיר מקנא־זײַן אויף יענער וועלט די, וואָס גייען ארום מיט פולע בײַכער מיט תורה, ווארעם נישט די האָבן, וואָס מיינען, אז זיי האָבן, נאָר די, וואָס גלויבן, אז זיי האָבן גאָרנישט. די פארלוירענע זענען די געפונענע.

און א פרוי איז צוגעקומען צו אים און האָט זיך געדריקט פון דער ווײַטנס, נישט געוואַגט צו דערנענטערן זיך, און פון אונטער איר שלייער, וואָס האָט געהאַט באַדעקט איר פּנים, האָט זי געפרעגט:

— און אויך מיך וועט א מלאך ארײַנזעצן אין אברהמס שויס?
— אויך דיך, מײַן טאָכטער.
די פרוי האָט זיך צעוויינט.
— איך בין א זינדיקער מענטש, — האָט זי געזאָגט.
און דער רבי האָט איר אָפּגעענטפערט:
— וואויל איז דיר, מײַן טאָכטער, וואָס דו ווייסט, אז דו ביסט זינדיק.
און דער רבי האָט אויפגעהויבן זײַן שטים און האָט גערעדט צו זיי:
— דוד המלך האָט געזאָגט: „קרוב ה׳ לנשברי לב״. וואויל אײַך, איר צעבראָכענע הערצער, גאָט איז צווישן אײַך. עס איז דאָ א שכר פאר אײַער מי. איר האָט אָפּגענומען אײַער שטראָף מיט דער פולער מאָס. אויסגעוויילט זענט איר בײַ גאָט, געצייכנט פון אים מיט די יסורים, וואָס ער האָט געשיקט אויף אײַך. זיס איז אײַער לאַסט, וואָרעם איר טוט טאָג־אַרבעט, און דער טיש וועט זײַן געגרייט פאר אײַך, ווען איר וועט אין אָוונט צום בעל־הבית אהיימקומען.
שפּעטער, אז דער טאָג האָט אָנגעהויבן אונטערצוגיין, האָט דער רבי, באַגלייט פון זײַנע נאָענטע, פארלאָזט דאָס הויז פון שמעון דעם מצורע, וואָרעם ער איז געווען זייער אויסגעמוטשעט פון דער עבודה, וואָס ער האָט געטון. עס איז געווען, ווי ער וואָלט מיט זײַן עבודה דאָס חיות פֿון זיך אַרויסגעבן. זײַן פּנים איז שלאַבריק־בלייך געווען, ווי יעדער טראָפּן בלוט וואָלט פון אים געגעבן געוואָרן דורך זײַנע רייד; זײַנע ליפּן זענען דינער געוואָרן און די לעפּלען זענען געפאַלן איבער זײַנע אויגן. זײַן תלמיד און משמש, שמעון בר־יונה, האָט דעם עולם אהיימגעשיקט. מיט שווערקייט האָט דער עולם זיך אָפּגעטיילט פון אים. אין זייערע אויערן האָט נאָך געקלונגען דאָס געזאַנג פון זײַנע ווערטער, און שיכורע נישט פון ווײַן, נאָר פון דער פרייד, וואָס האָט אָנגעפילט זייערע הערצער, האָבן זיי פארלאָזט דאָס אָרט און זענען געגאַנגען צוריק אין שטאָט אַרײַן.
רופוס און איך זענען איבערגעבליבן. ווען אפילו די נאַכט איז שוין געווען צוגעפאַלן, זענען מיר דאָך איבערגעבליבן דאָ. מיר האָבן געוואָלט זען און לערנען, וואָרעם מיר זענען געווען זיכער, אז עפּעס גרויס און וואונדערלעכס גייט פאָר פאַר אונזערע אויגן.
אין שכנות מיט בית־עינה, וואו עס האָט געוואוינט שמעון דער קרע־ציקער, האָט זיך געפונען דער כפר־מרים. דאָרט איז געשטאַנען דאָס הויז פון מרים און מרתא. אז עס איז נאַכט געוואָרן, האָבן שמעון בר־יונה, יוחנן און יעקב, די תלמידים, וועלכע זענען געווען מיט אים, גע-נומען אהין זייער רבין. שמעון האָט אים כמעט געטראָגן אויף זײַנע אָרעמס, — וואָרעם דער רבי האָט קוים געקאָנט גיין פאר שוואַכקייט נאָך דער עבודה, — און ארײַנגעבראַכט אים אין דער שטוב פון מרים און מרתא. עס זענען אויך מיטגעגאַנגען א טייל אָרעמעלײַט, וועלכע

זענען איבערגעבליבן נעכטיקן. די שטוב ביי מרתאן און מרימען איז שוין געווען צוגערואמט. א טיש איז געשטאַנען געגרייט, און נידעריקע בענקלעך אָנגעשטעלט פאר דער סעודה פון אָוונט. מרתא מיט די ווייבער זענען געווען פארנומען מיטן פאַרברייטן דאָס אָוונט־עסן, וואָס זיי האָבן, נישט געקוקט אויף דער קעלט דרויסן, געהאָט צוגעריכט אין הויף פארן הויז, אויף דעם שטיינערנעם קאַך־אויוון. מרתאס שוועסטער, מרים, איז געווען פארנומען אין שטוב מיט אָנצינדן די אייל־לאָמפן, מיט באפוצן און פאַרברייטן דעם טיש פארן רבין. און ווען די תלמידים האָבן אוועקגעזעצט זייער רבין בײַם טיש, האָט זי זיך געשטעלט ביי איין זײַט פון רבין און אליעזר, איר ברודער, ביי דער צווייטער זײַט, — אים צו באַדינען.

בשעת איך האָב געזען דעם באַליכטענעם טיש, ווי עס שטייען צו זײַן רעכטער און צו זײַן לינקער זײַט מרים און אליעזר און באַדינען אים, איז מיר אויפגעקומען א גרויס ליכט אין מײַן געדאַנק. מיר האָט זיך געדאכט, אז איך זע נישט נאָר די שוועסטער, וואָס ער האָט געראַטעוועט פון זינד, און דעם ברודער, וואָס מען האָט געזאָגט, אז ער האָט אים אויפגעוועקט פון טויט, נאָר איך זע פיל מער.

אין דעם ליכט פון די אייל־לאָמפן איז דאָס פּנים פון מרים נישט געווען אזוי אַלט און אײַנגעשרומפּן און אירע אויגן נישט אזוי אויסגעלאָשן, ווי עס האָט זיך אויסגעדאכט, בשעת זי האָט אראָפּגענומען דעם שלייער פון איר קאָפּ אין דעם הויף פון בית־המקדש. איצט, אין דעם ליכט פון די אייל־לאָמפן, אין דעם שלום פון דער שטוב, אין דער שטילקייט און אין דעם הייליקן ערנסט, וואָס האָבן געהערשט ארום דעם טיש, ביי וועלכן זיי האָבן אוועקגעזעצט זייער רבין, איז מרימס פּנים, ווי זי איז געשטאַנען לעבן רבין, געווען אויסגעלייטערט, ווי דאָס פּנים פון א קינד, וואָס האָט געוויינט און איז געטרייסט געוואָרן: די טרערן זענען נאָך געהאנגען אין די אויגן, עס זענען אָבער נישט געווען מער טרערן פון צער, נאָר פון פרייד. אירע אויגן האָבן געלויכטן מיט אַן אויסטערליש־פארגײַסטיקטן שײַן און געוואָרפן א ליכט איבער איר טונקל־הויטיקן פּנים. עס האָבן זיך אויסגעפילט די אַלע גריבער, וואָס חרטה, צער און ליבע האָבן געגראָבן ארום אירע אויגן. און דאָס ליכט פון אירע אויגן האָט צוריק אויפגעוועקט דעם יוגנטלעך־קוועלנדיקן אַליוון־קאָליר פון איר הויט און באַצויגן אירע באַקן מיט א יונגמיידלשער פרישקייט. אויפסנײַ אויפגעשײַנט האָט דאָס שוואַרצע פײַער פון אירע האָר. א באַפרײַאונג איז געקומען איבער איר, ווי זי וואָלט אויסגעלייזט געוואָרן פון אַנגסטלעכע שרעקן, און איר צוריקגעגעבן די בייגעוודיקייט פון אירע גלידער. זי איז ווידער געווען, די מרים מאַגדאַלענאַ פון אַמאָל, אָבער איר געלײַטערטע שיינקייט איצט האָט, ווי שטילער, איידעלער געזאַנג, געדרונגען אין יעדן אויג, וואָס האָט זי געזען, געוועקט אין מענטשלעכן האַרץ די לויטערסטע און גליק־

לעכסטע געפילן, אריבערגעטראָגן אהין נישט די אומרו, דעם דאָרשט, וואָס זי האָט אמאָל געצונדן מיט אירע אויגן אין די הערצער פון אירע געליבטע; נאָר אַ זינגענדיקע מנוחה האָט איצט געשטראָמט פון איר געלײַטערט לײַב, פון איר גאַנצער דערלייזטער פערזאָן, און אָנגעשטעקט מיט פרייד אַלע די, וואָס האָבן זי געזען.

מיטאמאָל האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז נישט נאָר זי אליין שטייט איצט פארן רבין, נאָר דורך דעם געלײַטערטן בליק פון מרים מאגדאַ־לענא שמייכלען ארויס אַלע די, וואָס ער האָט אויסגעלייזט פון זינד, אַלע די, וואָס ער האָט באַפרײַט פון די נעגל פון שטן און זיי צוריק־געבראַכט צום פאָטער אין הימל.

און דאָסזעלבע איז אויך געווען מיט איר ברודער אליעזר.

עס פארשטייט זיך, אַז איך האָב געהאָט געהערט פון דעם נס, וואָס דער רבי פון גליל האָט געטון מיט אליעזרן. מען האָט דענסטמאָל זיך געסודעט אין די אויערן, אַז אליעזר איז נישט געווען טויט, נישט מער ער איז געווען אוועקגעפאַלן אין א לאַנגער שלאָף־אָנמאַכט. ווי די זאַך זאָל נישט געווען זײַן, זינט עס האָט זיך געהאָט פארשפרייט איבער אים די ידיעה, אַז אליעזר איז געווען טויט, אַז די קלאָג־ווײַבער האָבן אים שוין געהאָט באוויינט, אַז מען האָט אים שוין געטראָגן צו דער קבורה און דער רבי האָט אים צו תחית־המתים אויפגעוועקט, האָט מען באַ־זונדערן אַפשיי באַקומען פאר אַט דעם אליעזרן, אַן אַפשיי, אויסגעמישט מיט אימה: א מענטש, וואָס איז שוין געווען טויט! מען האָט מורא געהאַט צו קומען אין זײַן נאָענטקייט, ווער רעדט שוין, אים אָנצורירן. עס איז אפילו געווען א חשד, אַז מען איז זיך מטמא, ווען מען רירט אים אָן, ווי דאָס איז, ווען מען רירט אָן א טויטן, וואָרעם זינט עס האָט געטראָפן מיט אים די מעשה מיטן תחית־המתים, האָבן מענטשן אָנגעהויבן זען אין אים א לעבעדיקן מת. ער האָט טאַקע אויך אזוי געמאַכט דעם אײַנ־דרוק, ווי ער וואָלט נישט געהאָט זײַן אייגענע דעה, נאָר זײַן דעה איז געווען אָנגעבונדן אין דער דעה פון אימיצן אַנדערש. אַז מען האָט געזען דעם היכן, אויסגעדאַרטן אליעזר, וואָס האָט געהאָט א גוף ווי א בר־מנן, ווי ער שטייט הינטער זײַן רבין אין בית־מקדש־הויף, האָט מען געזאָגט: „דאָ גייט דער רבי מיט זײַן גולם, וואָס ער האָט געשאַפן!"

דעם אָוונט אָבער, ווען ער איז געשטאַנען בײַ דער רעכטער זײַט פון זײַן רבין, און האָט מיט זײַנע לאַנגזאַמע באַוועגונגען משמש געווען זײַן רבין, מיט הענט, ווי זיי וואָלטן געווען געמאַכט אויס האָלץ, — איז זײַן אויסגעבלייכט פנים באַגאָסן געווען מיט א שמייכל פון גליק. זײַנע גרויסע, קעלבערנע אויגן, וועלכע זענען געהאַנגען ווי פולע לבנות אין זײַנע נאַקעטע אויגנלעכער, זענען באַלעבט געווען און זיי האָבן נישט גע־שראָקן ווי אַן אַנדערש מאָל מיט זייער אומהיימלעכן, נאַקעטן בליק. זיי האָבן נישט געבעטן אונטערטעניק מחילה פאר זייער זײַן ווי תמיד. זיי זענען געווען גליקלעך, וואָס זיי זענען דאָ. דער שמייכל אויף זײַנע

פֿאַרקרימטע ליפּן האָט נישט אויסגעזען אידיאָטיש און חסר־דעה ווי שטענדיק, נאָר ער איז געווען ווי דער אַלוויסנדיקער שמייכל פֿון אַ חכם, וואָס האָט דערגרונטעוועט אַלע סודות און איז דערגאַנגען צו שלמות; דער שמייכל, וואָס האָט געזען דעם טויט פּנים־אל־פּנים און איז גובר געווען; דער שמייכל, וואָס האָט געלייזט אַלע סודות און איז געקומען צו דער החלטה, אַז אין סוף פֿון אַלע סופֿן וואַרט דאָס אייביקע לעבן. עס איז געווען דער שמייכל פֿון אַלע קראַנקע און געשלאָגענע, פֿון אַלע פֿאַרשעמטע און דערנידעריקטע, וועלכע זענען געשטאַנען בײַם ראַנד פֿון זייערע קברים, האָבן געזען די שאול־תחתיה מיט זייערע אייגענע אויגן — און זענען אויפֿגעוועקט געוואָרן צום אייביקן לעבן.

דאָ, אין דער שטוב פֿון מרים און מרתא, בײַם טיש צווישן זײַנע תלמידים און נאָענטע, צווישן די לײַט, וואָס ער האָט געהיילט און געטרייסט, איז עס נישט געווען דער רבי פֿון דונער און בליץ, ווי מיר זענען אים געוווינט געווען צו זען אין בית־מקדש־הויף, אָדער אין די בתי־כנסת, אָדער אויף די מערק, ווען ער האָט געשטורעמט קעגן די תלמידי־חכמים. ער איז נישט געווען דער רבי פֿון קריג און צאַנקערײַ, ווי מיר זענען געוווינט געווען אים צו הערן, נאָר דאָס איז געווען דער רבי פֿון סליחה און מחילה, דער רבי פֿון שלום און מנוחה. נאָכדעם ווי ער האָט געוואַשן זײַנע הענט, האָט ער געבענטשט דאָס ברויט, וואָס מען האָט דערלאַנגט פֿאַר אים, האָט דעריבער געזאָגט זײַן געבעט פֿאַר אונזער פֿאָטער אין הימל, האָט געמאַכט דעריבער „המוציא", האָט געטונקען דאָס ברויט אין זאַלץ, האָט טועם געווען, האָט עס געבראָכן און צעטיילט צווישן די אַרומיקע. שפּעטער האָט ער געדרשנט פֿאַרן עולם.

— און ווי זיס עס זענען געווען זײַנע ריייד! איך האָב נאָר באַדויערט, וואָס די תלמידי־חכמים זענען נישטאָ דערבײַ, וואָס מײַן רבי נקדימון איז נישטאָ דערבײַ און הערט זיך נישט צו צו די רייד. עס האָט זיך מיר געדאַכט, ווי איך וואָלט געוווען געהאַט די זכיה צו זיצן בײַם טיש פֿון אַלטן הלל און זיך צוהערן צו זײַן לערע, וואָס איך האָב וועגן איר אַזוי פֿיל זיך אָנגעהערט פֿון מײַן רבין און פֿון אַנדערע. ער האָט געדרשנט איבער תפֿילה; ער האָט געזאָגט זײַנע תלמידים, אַז די תפֿילה איז די אײנציקע שנור, וואָס דורך איר קאָנען מיר זיך באַהעפֿטן מיטן פֿאָטער אין הימל. דערנאָך האָט ער גערעדט וועגן דער גרויסקייט פֿון דעם מענטשן, וואָס איז מבטל זײַן דעה פֿאַר דער דעה פֿון זײַן חבר: ווען צוויי פֿון אײַך, — האָט ער צו זיי געזאָגט, — וועלן אייניק ווערן אויף דער ערד, אַזוי וועט יעדע זאַך, וואָס זיי וועלן בעטן, פֿאַר זיי געטון ווערן פֿון פֿאָטער, וואָס איז אין הימל. און ווען דײַן ברודער זינדיקט קעגן דיר, אַזוי שרײַ אויף אים אָן; און ווען ער וועט חרטה האָבן, אַזוי זײַ אים מוחל. און ווען ער וועט זיבן מאָל אין איין טאָג קעגן דיר זינדיקן, און ער וועט זיבן מאָל אין טאָג צו דיר קומען און ער וועט זאָגן: „איך האָב חרטה", — אַזוי זאָלסטו אים מוחל זײַן. — דערנאָך האָט ער

זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן נישט זײַן ווי קנעכט, וואָס דינען צו זייער האַר פאַר לוין, נאָר ווי קנעכט, וואָס דינען צום האַר אָן יעדן לוין. און ער האָט איבער דעם פאַרציילט אַ משל פון אַ האַר מיט זײַנע קנעכט. און ווען זײַן באַליבטער תּלמיד שמעון האָט געהערט זײַנע ווערטער, און ער האָט געפרעגט דעם רבין בדחילא ורחימא: — וויפיל מאָל זאָל ער זײַן שונא מוחל זײַן, זיבן מאָל? — האָט דער רבי אים געזאָגט: „זיבן־און־זיבעציק מאָל"! דערנאָך האָט דער רבי גערעדט וועגן דעם כּוח פון מחילה און ער האָט אַזוי געזאָגט: „ווען איר שטייט און בעט, אַזוי זײַט מוחל יעדן, וואָס האָט אײַך שלעכטס געטון, און דער פאָטער אין הימל וועט אײַך מוחל זײַן אײַערע פעלערן. ווען אָבער איר וועט נישט מוחל זײַן, אַזוי וועט אײַער פאָטער אין הימל אײַערע פעלערן אויך נישט מוחל זײַן".

ווען רופוס און איך האָבן פאַרלאָזט דאָס דאָרף בית־פגה, איז שוין געווען טונקל. די נאַכט איז געקומען אַרויסצושווימען פון טאָל פון יריחו אַרויס און האָט זיך געצויגן קיין ירושלים, וועלכע האָט נאָך געלויכטן אין די לעצטע פלאַמען פון דער זון, וואָס איז אונטערגעגאַנגען הינטער די הרי־יהודה אין ים־הגדול. מיר האָבן געזאָלט קיין ירושלים, וואָס האָט, ווי אַ לייכטנדיקער טײַך, זיך אויסגעגאָסן איבער בערג און טאָלן. פון די הײַזלעך האָבן אַרויסגעלויכטן די צניעותדיקע ליכטלעך פון די אייל־לאָמפּן און אײַנגעלאַדן צו זיך. זיי האָבן עדות געזאָגט, אַז דער פּועל האָט געטון זײַן טאָג אַרבעט און ער זיצט איצט מיט זײַן הויזגעזינט בײַם אָוונט־עסן. פון הר־מוריה האָט צום טיפן, אויסגעשטערנטן הימל זיך געהויבן דאָס הויז, וואָס גאָט האָט דאָרט געמאַכט זײַן וואוינונג צווישן מענטשן. די שימערנדיקע ליכטער פון די מויערן־היטער האָבן אַרומגערינגלט די ערנסטע, אין נאַכט פאַרפאַלענע, גאָלדיק־פינקלדיקע שפּיצן פון די געביידעס, מויערן און טעראַסן פון בית־המקדש. אַ קאַסקאַדע ליכט האָט געשלאָגן שימערנדיק אַנטקעגן די הימלען. דער כּבוד פון גאָט האָט געשײַנט פון הימל. דער שלום האָט געררט אין דער נאַכט איבער ירושלים.

קאַפּיטל צוועלף

איך בין דורך דעם ווינטער זייער אָפט אַרויסגעקומען צום בית־עינה. עס איז געווען אַ פײַכטער ווינטער. די רעגנס האָבן לאַנג אָנגעהאַלטן. די ערד איז געווען אַדורכגעווייקט ווי אַ שוואָם. רינשטאָקלעך האָבן זיך געמערט און צעאַקערט די ערד ווי אַן אַקעראײַזן וואָלט דורך איר אַדורכגעגאַנגען. די עטלעכע פײַגנביימער, וואָס האָבן זיך אויסגע־

שטעלט אויף די וועגן, זענען געווען נאַקעט. זיי האָבן שוין עטלעכע מאָל געהאַט געפּרוּווט דעם ווינטער אַרויסצוגעבן פון זיך גרינע קעפּ־לעך פון קנאָספּן נאָך איידער אַ בלאַט האָט זיך באַוויזן אויף זיי. נאָר זיי זענען באַלד פאַרוועלקט געוואָרן.

אין הויז פון שמעון המצורע האָבן זיך אַלץ געקליבן די אָרעמעלײַט.

אַ טייל פון זיי האָט זיך דאָרט אויפגעהאַלטן טעג לאַנגע. זיי האָבן געהויערט אַרום די שטאַלן פון הויף, זענען געלעגן אויף פאַרפוילטער שטרוי אין די קאַמערן. די געזינטערע האָבן געפּרוּווט זיך מאַכן נוצלעך אין הויף פון שמעון אָדער אין כפר־מרים, וואו עס האָט זיך געפונען אַ הויף, אַ גאָרטן פון גרינס און אַן אייל־וועלדל. זיי האָבן געיעטעט דאָס ווילדקרויט אין די בייטן פון קרײַטעכצער, האָבן גערייניקט די ביימער, אויפגעגראָבן די ערד. אַנדערע האָבן געשטויסן קרײַטעכצער און בשמים־בלעטער אין מערזשלען אויף אַרויסצוקריגן אייַלן, — און זיי האָבן זיי געטראָגן אין שטאָט צו פאַרקויפן. איך האָב דאָרט אָנגע־טראָפן אָפּטמאָל דעם בלינדן בר־תלמי, איינעם פון דעם רבינס תלמי־דים, וועלכער האָט געלערנט די לײַט צוצוגרייטן די בשמים. די אַלע אָרעמעלײַט, וועלכע האָבן זיך געקליבן אַרום דעם רבין, האָבן געגעסן בײַ איין טיש און גענאָסן פון אַלץ, וואָס האָט געהערט צו דער חברותא.

אין שטוב בײַ די שוועסטער מרים און מרתא האָבן זיך אויפגע־האַלטן עטלעכע פרויען, וועלכע זענען מיטגעקומען מיטן רבין פון גליל. איין פרוי איז געווען שושנה, די מוטער פון יוחנן און יעקב. זי איז געווען אַ רײַכע פרוי. מען האָט געזאָגט, אַז אין אָנהויב איז זי געווען קעגן דעם, וואָס אירע זין האָבן פאַרלאָזט זייער פאָטערס פישער־שיפן, וואָס זיי האָבן געהאַט אויפן ים כנרת, און האָבן נאָכגעפאָלגט דעם רבין. שפּעטער איז זי געקומען צום רבין בעטן בײַ אים, אַז ער זאָל אירע צוויי זין זעצן צו זײַן רעכטער און צו זײַן לינקער האַנט אין מלכות־שמים. און ווען זי האָט געזען דעם רבין, איז זי שוין געבליבן לעבן אים. זי האָט פאַרקויפט אירע שיפן און איז נאָכגעגאַנגען די קינדער קיין ירושלים. איר געלט האָט זי אַרײַנגעגעבן אין דער קופּה. איצט האָט זי געוואוינט מיט די שוועסטער מרים און מרתא. זי האָט זיי געהאָלפן פירן די באַלעבאַטישקייט. באַלד האָט זי גענומען פירן די גאַנצע באַ־לעבאַטישקייט אַליין, האָט אַרײַנגענומען די לייצעס אין די הענט אַרײַן, וואָרעם ביז איר קומען איז דאָס הויז פון מרתאן און מרימען געווען ווי אַ שיף אָן אַ רודער; ווער עס האָט נאָר געוואָלט, איז אַרײַנגעקומען און האָט געגעסן און געטרונקען; עס האָבן זיך דאָרט אויפגעהאַלטן כאַ־ליאַסטרעס אָרעמעלײַט, וועלכע האָבן צעטראָגן דאָס הויז. שושנה האָט די אָרעמעלײַט, וועלכע זענען נאָכגעגאַנגען דעם רבין, געלאָזט אַרבעטן. מען האָט זי שטענדיק געזען געבן באַפעלן אין שטוב. אָנגעטון אין אַ דיקלעך וואָלן קלייד, אײַנגעהילט אין אַ פילץ־טוך, אין פילץ־זאָקן און סאַנדאַלן (וואָרעם זי איז נישט געוווינט געווען צו דעם רויען, פײַכטן

ווינטער פון ירושלים, וועלכן זי האָט איבערגעטוישט פאַר די זוניקע ברעגן פון כנרת), האָט זי מיט אַ שטרענגן טאָן באַפוילן יעדן איינעם, וואָס ער זאָל טון:

— העי, דו, פּוליאַק, וואָס מיינסטו, ווײַל דאָס מלכות־שמים קומט מאָרגן אָן, באַדאַרפסטו שוין הײַנט נישט דאָס פעלד רייניקן? ווען דאָס מלכות־שמים וועט אָנקומען, וועסטו קאָנען פליקן פאַרטיקע ברויטלעך פון די פעלדער; הײַנט אָבער באַדאַרפסטו זיי פון דער ערד אויסגראָבן מיט דער נאָז! העי, דו, וואָס דרייסטו זיך אַרום און טוסט גאָרנישט? גיי, קלײַב אויף טרוקענע בלעטער, אָפּגעפאַלענע צווײַגן. נעם צונויף פאַרטריקנט מיסט פון די בהמות אויף אונטערצוהייצן דעם באַק־אויוון. — האָט זי זיך געשאַפן מיט אַ פוילן אַלטן, וואָס האָט געהאַלטן אין איין אַרײַנשטעקן זײַן נאָז אין קיך אַרײַן.

— און דו, מײַן יפפיה, וואָס מיינסטו, ווײַל דאָס מלכות־שמים קומט אָן, באַדאַרף מען שוין אין דער פינצטער זיצן? גיי, פּוץ אויס די לאָמפּן, גרייט אָן די שנויצלעך און קוק דיך אַרום אויפן אייל. האָט ער דען נישט געזאָגט, אַז „קלוגע כלות האַלטן זייערע לאָמפּן אָנגעגרייט, אַז זיי זאָלן גרייט זײַן דעם חתן אַנטקעגנצוגיין”? — האָט זי געשריען אויף אַ ווײַב, וואָס איז געזעסן ליידיק.

אפילו אויף מרים מאַגדאַלענאַ האָט זי אָנגעשריען. זי האָט פאַרלאַנגט פון איר, אַז זי זאָל אויפהערן זיך הנדלען, נישט אָפּגעבן זיך מיטן איבערגיסן אירע פּערפומען און אייַלן פון איין כּלי אין דער אַנדערער, נישט וואַשן נאָכאַנאַנד די סדינס פאַרן רבין און אויסנייען פאַר אים העמדער, נאָר זי זאָל ליבערשט מיטהעלפן אין דער הויז־אַרבעט;

— ווען דאָס מלכות־שמים וועט קומען, — האָט שושנה געזאָגט — וועלן מיר דענסטמאָל אַלע זײַן גרויסע מיוחסים. איך וועל זײַן די מוטער פון צוויי פירשטן. הײַנט אָבער באַדאַרף מען אַרבעטן.

וואָרעם די אַלע, וועלכע האָבן זיך געפונען אַרום דעם רבין, האָט אָנגעכאַפּט אַ סטאַגנאַציע, אַ געטלעכע פוילקייט. יעדער איינער האָט געגלויבט, אַז יעדן אויגנבליק קומט אָן דאָס מלכות־שמים, — און אויב אַזוי, צו וואָס באַדאַרף מען אַרבעטן, צו וואָס זיך פאַרברייטן פאַרן מאָרגנדיקן טאָג, אפילו פאַר דער נאָענטסטער סעודה? האָט ער דען נישט געזאָגט: „העננגט אָן אַלע זאָרגן אויף אײַער פאָטער אין הימל”; „פרעגט נישט, וואָס איר וועט עסן מאָרגן”; „ער ווייסט אין וואָס איר נויטיקט זיך”? דערווײַל אָבער האָט מען באַדאַרפט עסן, מען האָט באַדאַרפט אַ העמד די נאַקעטקייט צו פאַרשטעלן, אַ דאַך, אונטער וועלכן דעם קאָפּ אויף בײַנאַכט צו שיצן, — נישט נאָר פאַר די נאָענטסטע אַרום דעם רבין, נאָר אויך פאַר די פיל אָרעמעלײַט, וואָס זענען אַרויסגעקומען צו אים און האָבן זיך שוין געהאַלטן אַרום אים. און דאָ איז קיינער נישט געווען, וואָס זאָל מיט טאָג־טעגלעכע זאָרגן זיך אָפּגעבן. קיינער האָט פאַר גאָרנישט געזאָרגט, אחוץ די צוויי פרויען.

אין דעם הויז פון די צוויי שוועסטער האָט זיך געפונען נאָך א פרוי, וואָס איר נאָמען איז אויך געווען מרים. כדי אָפּצושיידן זי פון מרים מאַגדאַלענאַ, האָט מען זי גערופן „די מוטער פון יעקב און יוסף". זי האָט געמוזט זײַן דעם רבינס א נאָענטע קרובה. זי איז געקומען פון גליל. מענטשן האָבן אפילו זיך גערוימט אויפן אויער, אַז זי איז דעם רבינס מוטער. אויף געוויס האָט קיינער נישט געקאָנט זאָגן. מען האָט נאָר געזען, ווי דער רבי טיילט איר צו גרויס כבוד; ער האָט זי געזעצט לעבן זיך בײַם טיש. און אַזוי האָבן אויך די אַנדערע זיך פאַרהאַלטן צו איר מיט גרויס אײַנזען. זי איז געווען פון א הויכער געשטאַלט. א שוואַרצער האָר-שלייער האָט צוגעדעקט איר פּנים, ווען זי האָט זיך באַוויזן פאַר מענטשן, וואָס האָט עדות געזאָגט, אַז זי איז א בת־נדיבים. זי האָט, ווי די אַנדערע מרים, זיך אויך אָפּגעגעבן נישט מיט הויזלעכע זאַכן, נאָר מיט פאַרברייטן דעם רבינס בגדים און מיט צוריכטן זײַן שפּײַז. ארויסהעלפנדיק מרים מאַגדאַלענאַ. די צוויי מרימס האָבן דאָס באַטראַכט פאַר אַן עבודה קדושה. זיי האָבן פון זייער באַדינען דעם רבין געשאַפן א קולט. יעדער מלבוש, וואָס דער רבי טוט אָן, איז געווען פאַר זיי הייליק, ווי די קליידער פון כהן־גדול. דער רבי האָט שטענדיק זיך געקליידט אין ווײַסן, ווי עס שטייט געשריבן: „צו יעדער צײַט זאָלן דײַנע קליידער זײַן ווײַס און אייל אויפן קאָפּ זאָל נישט פעלן". נישט נאָר זײַנע סדינים האָבן זיי געוועבט פאַר אים, נאָר אפילו זײַנע סאַנדאַלן האָבן זיי גענייט. די מאכלים, וואָס זיי האָבן צוגעגרייט פאַר אים, זענען צוגעגרייט געוואָרן מיט רעליגיעזן עקסטאַז, ווי מען ברייט פאַר א קרבן. וואָרעם דער רבי פון גליל האָט גרויס כבוד געלייגט אויף זײַנע קליידער און געפירט זײַן טיש ווי א מזבח פאַר גאָט. ער האָט ליב געהאַט צו הערן דעם וואוילגערוך פון בשמים ארום זיך, זײַן לײַב און האָר צו זאַלבן מיט איילן. דער טיש פאַר אים איז געווען געדעקט מיט שיינע לײַוונטן. אפילו די הענט האָט ער, נאָכן וואַשן, געטריקנט מיט אײדעלע לײַוונטן. די צוויי ווײַבער, דיביידע מרימס, האָבן דאָס אַלץ פאַרגעברייט מיט הייליקן געפיל. זיי זענען אַרומגעגאַנגען אַרום זייער עבודה, פאַרחלומטע, האָבן געפּליסטערט שטיל פאַר זיך ווי כהנות אין א טעמפּל, בשעת זיי האָבן פאַרגעברייט פאַר אים די מלבושים.

די גאַנצע גראָבע אַרבעט, וואָס די שטוב, די ווירטשאַפט, דאָס פעלד, דאָס באַשפּײַזן די פיל אַרעמעלײַט האָבן געפאָדערט, איז, דער־ריבער, געפאַלן אויף די אַנדערע צוויי פרויען, מרתא און שושנה. אין דער היים האָט זיך געפונען נאָר איין מאַנספּאַרשוין, אליעזר. אָבער ער, נאָך מער ווי די פרויען, איז ארומגעגאַנגען א פאַרחלומטער. דער רבי האָט אים נאָר געהאַט אויפגעוועקט פון דעם שלאָף פון טויט, ער האָט אים אָבער איבערגעלאָזט אין דעם חלום פון טויט: ער האָט נאָר געזען יענע, די אַנדערע וועלט. מען האָט אים געהערט רעדן צו גײַסטער,

וואָס ער האָט געזען אין זײַנע פאַרחלומטע אויגן. ער איז, דעריבער, געווען אין הויזלעכע זאַכן אַ קליינע הילף.

אויך די תּלמידים פון רבין האָבן ווייניק־וואָס מיטגעהאָלפן אין שטוב. קודם כּל האָבן זיי זיך געפונען אַ גאַנצן טאָג אין שטאָט. פיל פון זיי זענען געגאַנגען פאַרדינען און אהיימגעבראַכט דאָס פאַרדינסט אין דער קופּה אַרײַן. אַנדערע זענען אַרומגעגאַנגען צווישן אָרעמקייט און פאַרשפּרייט דעם רבינס תּורה, אחוץ שמעון און די צוויי ברידער זבדי, וואָס דער רבי האָט זיי געהאַלטן תּמיד לעבן זיך.

מרתא אַליין איז געווען די פאַרקערפּערונג פון דער אַרבעט. איך קאָן זי זען ווי זי שטייט אין הויף, אין דער קילער פאַרכטקייט פון ווינ־טערדיקן טאָג און וואַשט איר וועש אין אַן „ערבה", אַ הילצערן שעפל, אָדער איבערגעבויגן איבער דעם שטיינערנעם אויוון אין הויף, אויף וועלכן זי באַקט די מצה־פּלעצלעך, אָדער בײַ אַ גרויסן ערדענעם טאָפּ, קאָכנדיק אַ געקעכטס פון אַרבעס און גרינסן, — איר קורצער, דיקער, קרעמפּלדיקער קערפּער אײַנגעהילט אין אַ זאַק־קלייד, די נאַקעטע פיס, וועלכע קוקן אַרויס פון דער צו קורצער הילע, רויט אַנגעשוואָלן, אַזוי אויך אירע נאַקעטע הענט, איר פּנים רוי, פאַרהאַרטעוועט, אויפגעגעסן פון רויך און קעלט, אירע האָר גראָב, פאַרפּלאָנטערט אין קאַלטענעס פון שטויב און פּלעווס, וואָס דער ווינט טראָגט אָן דערויף. דערינען, אין דער שטוב, שטייט איר שוועסטער מרים. באַקליידט אין זײַדנס, באַשוכט אין לאַאָדיקישע סאַנדאַלן, דער קאָפּ פאַרהילט מיט אַ האָר־הילע, וואָס דעקט זי צו אינגאַנצן, ברייט זי מיט ציטערדיקע פינגער פאַר די בשמים אין די רויכער־כּלים אויף אויסצוּרויכערן די שטוב פאַרן רבין, אָדער ווי אַ כּהנ׳טע גרייט זי פאַר די שפּײַזן פאַרן רבין: שפּאַרגל־תּרדין, שפּינאַט, געבראָטן אויף אַ פאַן איבער אַ פלעמל, וואָס קומט פון דעם איידלסטן אייל. מרתאן האָט מען קיינמאָל אויף קיין איין מינוט נישט געזען ליידיק שטיין. שטענדיק, שטענדיק איז זי געווען פאַר־נומען מיט עפּעס אַן אַרבעט. האָט זי נישט געקאָכט, האָט זי געשײַערט כּלים, געוואַשן וועש. זי האָט געבויגן איר רוקן, יעטנדיק דאָס ווילד־גראָז אין פרכטן גאָרטן, בשעת איר שוועסטער מרים איז געזעסן מיט דער אַנדערער מרים אין דער וואַרעמער שטוב דערינען און האָט איר פאַרציילט די חלומות, וואָס זי האָט געחלומט, און די וויזיעס, וואָס זי האָט געזען פון דעם רבינס מלוכה אין מלכות־שמים. געוויס האָט עס מרתאן פאַרדראָסן אויף איר שוועסטער. מען האָט געזאָגט, אַז זי האָט אפילו אַמאָל זיך באַקלאָגט פאַרן רבין אויף דער שוועסטער, וואָס זי העלפט איר נישט אין דער אַרבעט. דער רבי האָט איר אָבער געענט־פערט: „דײַן שוועסטער האָט גענומען פאַר זיך דעם בעסטן טייל". פון דעמאָלט אָן קלאָגט זיך נישט מער מרתא און זי טראָגט מיט אונטער־טעניקייט, אָן טענות, דעם טייל, וואָס איז אויסגעפאַלן אויף אירע אַקסל.

*

דער רבי פֿון גליל האָט בײַטאָג זיך געפֿונען אין ירושלים. ער האָט געדרשנט אין די שולן, אין בית־מקדש־הויף, צווישן די זײַלן־באַדעקנס. אין די אונטן איז ער ארויסגעגאַנגען קיין בית־עינה. צווײ וועגן האָבן געפֿירט פֿון בית־מקדש־הויף קיין בית־עינה: איינער — א קורצער, א שטילער, וואָס האָט זיך אראָפּגעלאָזט אויף טרעפּלעך, ווי א קאַסקאַדע, פֿון די מויערן פֿון הר־הבית צום נחל־קדרון; דער אַנדערער — א לאַנגער, וואָס האָט זיך געצויגן איבער דעם נידריקן טייל שטאָט, דורך דעם טויער פֿון מיסט. דער רבי איז שטענדיק געגאַנגען מיט דעם לאַנגן װעג, מחמת דער לאַנגער וועג האָט געפֿירט איבער די ענגע, געקרימטע געסלעך. מען האָט זיך דאָרט געקאָנט פֿאַרלירן און נישט וויסן וואו מען גייט. דער רבי פֿון גליל האָט געהאַלטן פֿארבאָרגן דאָס אָרט, וואו ער האַלט זיך אויף אין ירושלים. קיינער האָט נישט געוואוסט, וואו ער געפֿינט זיך. די תּלמידים האָבן, זעט אויס, שטאַרק געזאָרגט, אז קיינער זאָל נישט געוואָר ווערן, וואו דער רבי פֿון גליל געפֿינט זיך. און ווען אפילו ער האָט זיך שוין געהאַט געפֿונען עטלעכע חדשים אין שטאָט און מען האָט דעם רבין פֿון גליל גוט געקענט, ווײַל מען האָט אים אומעטום געזען, האָט אַלץ קיינער פֿון די תּלמידי־חכמים נישט געוואוסט װעגן דעם הויז פֿון שמעון דעם מצורע, וואו עס קומען צו אים קראַנקע און אָרעמע, אזוי אויך נישט וועגן כפֿר־מרים. אפילו מײַן רבי האָט נישט געוואוסט דערפֿון. ווען איך האָב פֿאַר מײַן רבין מגלה געווען, אז איך האָב אנטדעקט דאָס אָרט, וואו דער רבי פֿון גליל האַלט זיך אויף, און װעגן די קראַנקע און אָרעמע, וואָס קומען ארויס צו אים אין דעם הויז פֿון שמעון דעם מצורע און אין כפֿר־מרים בײַ מרתאן און מרימען, האָט מיר מײַן רבי אָנגעזאָגט, אז איך זאָל דאָס האַלטן אין גרויס סוד און קיינעם נישט מגלה זײַן, וואָרעם דער רבי פֿון גליל וויל נישט, מען זאָל װיסן, אז ער איז א מכניס־אורח, און ער טוט עס ווי צדקה בצינעה, — מן הסתם האָט ער א טעם דערבײַ.

דורך די ווינטערדיקע חדשים האָט דער רבי פֿון גליל ווײַטער געדרשנט אין די שולן און אין הויף פֿון בית־המקדש וועגן דעם אָנקומען פֿון מלכות־שמים. קיינער האָט אים גאָרנישט געטון. מען איז צוגעװיינט געוואָרן צו דעם נוסח פֿון זײַנע דרשות און מען האָט געזאָגט אויף אים, אז ער מיינט דאָס אַלץ בדרך רמז. די חכמים האָבן אים אפילו מוחל געווען זײַנע שאַרפֿע רייד קעגן זיי. מען האָט זיך צוגעוויינט צו זיי. מען איז געוואָר געוואָרן, אז דער רבי פֿון גליל איז מקיים אַלע מצוות פֿון דער תּורה, אפילו די קלענסטע, וועלכע זענען נאָר אָנגענומען בדרך קבלה. און ווען אפילו ער פֿירט האַרבע רייד קעגן די פּרושים, דאָך הייסט ער אַלעמען אין זײַנע דרשות, אז מען זאָל מקיים אַלע מצוות, לויט די פּרושים, און זיך צוהערן צו זיי, „וואָרעם זיי זיצן אויפֿן שטול

פון משה רבינו". מען האָט געוואוסט פון זײַן טיפֿער פֿרומקייט, פון זײַן מתפּלל זײַן, פון זײַן צדקה, פון זײַן אָנבעמען־זיך פאַר באַעוולהטע לײַט. און כאָטש ער האָט קיין נסים נישט באַוויזן אין ירושלים, אחוץ וואָס ער האָט א פּאָר קראַנקע געהיילט, און האָט זיך אויפגעפירט ווי יעדער אַנדער רבי, האָט מען דאָך אַלץ געוואָרט אויף אים, אז ער זאָל ממלא זײַן, וואָס ער זאָגט אָן בדרך רמז. אפילו די קליינגלויביקע, וועלכע האָבן מיט די ליפּן געלאַכט אויס אים, האָבן אָבער אין האַרץ אויסגעוואָרט, אז ער זאָל נתגלה ווערן, וואָרעם די צײַט איז רייף געווען פאַר עפּעס גרויסעס און אומגעווײנלעכס; און צו וואַרטן איז מען געווען צוגעוויינט.

צווישן די, וואָס האָבן אויסגעוואָרט יעדן טאָג, אז דער רבי פון גליל זאָל נתגלה ווערן, איז אויך געווען מײַן רבי נקדימון. איך האָב באַמערקט, אז זינט דער רבי פון גליל האָט זיך באַוויזן אין די ירושלימער גאַסן און אָנגעהויבן זײַן טעטיקייט, האָט מײַן רבי נקדימון אויפגעהערט פאַרלוירן זײַן רואיקייט, וואָס ער האָט געהאָט צוריקגעפונען בײַ זײַן אומקערן זיך פון זײַן לעצטער רייזע קיין גליל. א היילי קער פיבער האָט אין אים געפלאַמט, ווי א הייליק פײַער. ער האָט געהאַלטן אין איין אויספרעגן זיך אויף דעם רבין פון גליל, האָט נאָכגעפאָלגט זײַן יעדן טראָט, זיך צוגעהערט צו זײַן יעדן וואָרט, וואָס ער האָט ארויסגעלאָזט פון זײַן מויל. ער האָט אַלץ נאָכגעקלערט אין זיך און פיל מתפּלל געווען. ער האָט ווידער באַנײַט זײַנע משיחישע דרשות און גאָר אָפּט פאַררופן זיין חברותא. ער האָט אויך דעמאָלט זיך אָפּט אָפּגעשלאָסן מיט יהודהן. יוסף רמתי איז אויך אָפט געקומען, אין באַגלייטונג פון דעם גר אברהם בן אברהם, און האָט אָפּגעהאַלטן ישיבות מיט מײַן רבין. נאָך מער וואונדער איז אָבער געווען, וואָס דער שטילער, שווײַגנדיקער, באַהאַלטענער הלל דער וואַסערטרעגער האָט אָנגעהויבן שפּילן א גרויסע ראָלע אויף די פאַרזאַמלונגען. מײַן רבי האָט אונז אָפט געשיקט אים אויפזוכן. טיילמאָל איז ער אליין געקומען צו מײַן רבין און האָט זיך אָפּגעשלאָסן מיט אים. זיי האָבן פאַרבראַכט צוזאַמען א האַלבע נאַכט. הלל וואַסערטרעגער האָט אים עפּעס איבערגעגעבן, וואָס מיר, די תּלמידים, האָבן נישט געוואוסט דערפון. עס האָט אָבער געמוזט זײַן עפּעס פון זייער גרויס וויכטיקייט, וואָרעם יעדעס מאָל, ווען הלל וואַסערטרעגער איז געקומען צום רבין אין בית־מדרש אַרײַן, האָט דער רבי אונז אוועקגעשיקט און איז פאַרבליבן מיט אים אליין. שפּעטער, ווען הלל איז אוועק, האָב איך באַמערקט אויפן פּנים פון מײַן רבין, ווי א שטילע פרייד האָט עס באַקליידט, ווי די שײַן פון דער שכינה וואָלט דערויף אריבערגעגאַנגען, — אזוי האָבן זײַנע אויגן געלויכטן.

און אנומלט האָט ער צונויפגעבראַכט אונזער רבין מיט דעם רבין פון גליל. קיינער פון זײַנע תּלמידים האָט דאָס נישט געטון, אפילו יהודה נישט, נאָר דווקא הלל דער וואַסערטרעגער. די צוזאַמענקונפט איז פאָרגעקומען אין גרויס סוד. מיר, רופוס און איך, זענען געוואָר געוואָרן

דערפון בדרך־אגב: עס איז אונז אויפגעפאַלן, וואָס דער רבי האָט זיך געהייסן געבן זײַן בגד של כבוד, די ברייטע און לאַנגע שוואַרצע „אצטלא“, וואָס ער האָט זי נאָר אָנגעטון, ווען ער איז געגאַנגען צו גרויסע לײַט, און מיר האָבן געזען אין דעם א סימן, אז ער גייט אין עפּעס א וויכטיקער שליחות. ווי גליקלעך זענען מיר געווען, ווען דער רבי האָט אונז באַפוילן צוצולײַכטן פאר אים דעם וועג, ווײַל עס איז געווען נאַכט! מיר האָבן פאַרויסגעטראָגן פאַר אים די אייל־לעמפּלעך. הלל האָט דעם רבין אוועקגעפירט צו דוד המלכס טויער. ער האָט אים ארײַנגעבראַכט אין זײַן עליה, וואָס ער האָט געהאַט אויף דער טעראַסע פון דער מויער. מיר האָבן צוגעלויכטן דעם רבין דעם אויפשטײַג אויפן לייטער, וואָס האָט געפירט צו הללס וואוינונג. נאָר ארײַנגעגאַנגען אהין זענען מיר נישט. דער רבי האָט אונז געהייסן וואַרטן מיט די לעמפּלעך אין דרויסן. מיר האָבן אָבער געוואוסט, אז אין דער וואוינונג בײַ הללן געפינט זיך דער רבי פון גליל, ווײַל מיר האָבן אָנגעטראָפן שטיין בײַם ארײַנגאַנג אייניקע תלמידים זײַנע, וואָס האָבן אים אָפּגעוואַרט. קיינער איז נישט געווען בײַ דער צוזאַמענקונפט פון מײַן רבין מיטן רבין פון גליל, אפילו נישט שמעון בר־יונה. אויך הלל איז געשטאַנען אין דרויסן. דער רבי פון גליל און אונזער רבי זענען געווען אָפּגעשלאָסן א לאַנגע ווײַלע. וואָס זיי האָבן דאָרט גערעדט, ווייס מען נישט. מײַן רבי האָט עס נישט מגלה געווען. די זאַך איז געהאַלטן געוואָרן אין גרויס סוד, און אונזער רבי האָט אונז פאַרזאָגט נישט צו זאָגן קיינעם דערפון.

ווי נשתומם זענען מיר, רופוס און איך, געוואָרן, ווען אין עטלעכע טעג אַרום נאָך מײַן רבינס צוזאַמענטרעף מיטן רבין פון גליל, זענען מיר בסתר ארויסגעקומען קיין כפר־מרים און האָבן דעם רבין פון גליל דאָרט מער נישט געטראָפן. אין דעם הויז פון כפר־מרים זענען געווען נישט מער ווי די ווײַבער אליין. בחינם זענען געהאנגען ארום דעם הויז די אָרעמעלײַט, — מען האָט זיי געזאָגט, אז דער רבי האָט אָפּגעצויגן פון דאָרטן אויף אן אומבאַקאַנט אָרט.

מיט דעם רבין איז אויך יהודה איש־קריות נישט געוואָרן.

און די צײַט איז געווען אין אָנהויב אָדר, ווען מען הויבט אָן אײַנצאָלן די חצי־שקלים אין דער קופּה פון בית־מקדש. פרילינג־ווינטן האָבן געבלאָזן אין ירושלים. די אָוונטן זענען ליכטיקער געוואָרן און לײַכטער. די שטראַלן פון דער זון האָבן לענגער זיך אויפגעהאַלטן איבער די גילדערנע שפּיצן פון די בית־מקדש־טויערן. און דער רויך פון גרויסן מזבח איז געשטיגן אין הימל ארײַן פרײַ ווי א פײַערדיקע זײַל. און איבערן הימל האָבן געשטיפּט זיך בלוי־רויטלעכע וואָלקנס ביז שפּעט אין דער נאַכט ארײַן. און פון די ירושלימער הײַזער האָט מען אָנגעהויבן אויסראַמען דעם ווינטער און זיי אויסריכטן אויף אויפצו־

נעמען פֿרעמדע לײַט, וואָס וועלן אָנקומען עולה־רגל־זײַן אויף פּסח קיין ירושלים.

און דעם רבין פֿון גליל איז נישט געווען צו זען.

קאַפּיטל דרײַצן

ווער האָט דאָס אַרויסגעלאָזט אַ בת־קול, אַז דאָסמאָל וועט דער פּסח אין ירושלים זײַן אַ צווייטער יציאת־מצרים? אין דער אמתן, האָט מען דאָס געזאָגט אויף יעדן פּסח, נאָר דאָס יאָר איז דאָס בת־קול געשטאַנען אין דער לופֿט. עס איז געווען ווי דער הימל און די ערד וואָלטן מבשר געווען די בשורה. נאָך קיינמאָל האָט די זון אַזוי ליכטיק נישט געשײַנט. עס איז געווען ווי גאָט וואָלט די הימלען באַקליידט מיט אַ נײַ, ליכטיק קלייד לכּבֿוד דעם יום־טובֿ פֿון באַפֿרײַאונג, וואָס קומט אָן. די גאַסן זענען באַגאָסן געוואָרן מיט צעבערס ליכט, און די ווענט פֿון די הײַזער האָבן געלויכטן, ווי עס וואָלט געשײַנט אויף זיי דער חסד פֿון באַנײַונג. די זון־שטראַלן האָבן זיך אָנגעשלאָגן אין די שטויב־זעמדלעך, וואָס האָבן זיך געטראָגן אין דער לופֿט, און זיי פֿאַרוואַנדלט אין זילבערנע פֿונקען, — זענען די טעראַסן, די דעכער, די וואַסער־זאַמלונגען אויף די דעכער און די שטיינערנע ווענט פֿון די טויערן און פּאַלאַצן באַשימערט געוואָרן מיט אַ זילבער־שײַן, ווי באַשלאָגן מיט זילבערנע פּאַנטאָנען.

און די גאַנצע שטאָט איז מיטאַמאָל אַרומגעגאַרטלט געוואָרן מיט טונקעלע ציפּרעסן־וועלדער, מיט זילבער־שײַנענדיקע איילבירט־ביימער. וואו נאָר עס איז געווען אַ ליידיק שטיקל פּלאַץ, איז עס געוואָרן באַדעקט מיט גראָז און גרינס, רויט־באַפּלעקט מיט מאָן־קעפּלעך. פֿון די הייפֿן פֿון רײַכע און אָרעמע האָט זיך געטראָגן דער ריח פֿון געעפֿנטע קנאָספּן פֿון פֿײַגנביימער. די לופֿט איז פֿול געוואָרן מיט בשׂמים פֿון בתולותדיקער בליִונג. דאָס גרינס, באַזייט מיט פֿײַערדיקע מאָן־קעפּלעך, האָט זיך אַרײַנגעריסן אין דער אָרעמקייט, האָט באַדעקט דעם גאַנצן נחל־קדרון, דעם גיא־הנום, אַרויפֿגערוקט זיך אין שטאָט אַרײַן. אַרום די מי־שילוח האָבן אַלטע, אָפּגעלעבטע, פֿאַרפֿאַלענע אַלעאַנדרען אָנגעהויבן צו בליִען. בעזעמלעך לאַווענדל האָבן זיך פֿאַרקליבן אַזש ביז הינטער דער אַלטער „דודס מויער”. און הינטער יעדן פּלויט פֿון דער אַלטער שטאָט האָבן זיך אַרויסגעהויבן קראַנצן אַרבעס־בלומען און שקאַרמיצלעך אַנעמאָנען און ציקלאַמענען. דער יאַסמין האָט פֿאַרבלאָנדזשעט אַזש אונטער די טריט פֿון די אייזעלעך אין דעם פֿונדקא־הויף פֿון די אייזל־ און קעמל־טרײַבער. און פֿון די אָפֿענע בליטן האָט זיך געטראָגן אַ לעבן־וועבנדיקע דופֿטיקייט, וואָס האָט אָנגעפֿילט מענטשן

מיט לוסט צו טעטיקייט, און דאָס ליכט פון הימל האָט זיי אָנגעשטעקט מיט אומרואיקער דערוואַרטונג.

ירושלים האָט זיך באַקליידט מיט א נײַ קלייד און ברייט געעפנט אירע טויערן פאר אירע קינדער, וועלכע האָבן געגומען שטראָמען צו איר פון אַלע עקן וועלט. איבער די גאַסן האָבן אָנגעהויבן זיך באַווײַזן די באַבילאָנער. זיי זענען געווען פון די פרײַע אַנקומער. מען האָט זיי דערקענט אין די געדיכטע, שוואַרצע, געקאַרבטע בערד און אין די לאָקן, וואָס זענען ווי גלאָקן אַראָפּגעהאַנגען איבער זייערע רוקנס. זייערע פנימער זענען געווען טונקל־גלאַנצנדיקע, ווי באַשמירט מיט בוימל, און געטראָגן האָבן זיי ווײַסע, אויס קעמל־האָר געוועבטע מאַנט־לען אָן אַרבל, פאַרהעקלט ביז צום האַלדז מיט גאָלדענע העקעלעך, אַזוי לאַנג, אז זיי האָבן צוגעדעקט די סאַנדאַלן זייערע. זיי זענען געווען דאָס רוב רײַכע לײַט, מען האָט זיי דערקענט אין די זייערע צילינדער־געפּאַ־רעמטע דיאַדעמען אויף די קעפּ און אין די טײַערע רינגען, וואָס זיי האָבן געטראָגן אויף זייערע פינגער. זיי האָבן זיך אויפגעהאַלטן צווישן זייערע רײַכע קרובים אין דעם אויבערשטן טייל שטאָט; אַזוי אויך — די יידן פון צור און צידון, פון דעם אינזל צפּרון און פון אַנדערע פע־ניצישע פּראָווינצן. די האָבן געטריבן א קולט מיט זייערע בערד. אַלערליי פאָרמען, וואָס די סירישע מייסטער־פריזירער האָבן אויסגע־פונען אין זייער רײַכער קונסט פון בערד־פלעכטערײַ, האָט מען גע־קאָנט געפינען בײַ די פעניצישע יידן. טייל פון זיי האָבן זייערע בערד געפלאָכטן אין קליינע, דינע ראָזעטן, וואָס האָבן ווי א בלומענקראַנץ אַרומגענומען זייערע פנימער. אַנדערע האָבן די בערד געלאָזט אַראָפּ־גיסן זיך איבער זייערע בריסטן אין בייטן, ווי א גאָרטן. אַנדערע האָבן זייערע בערד אין וועלנדיקע טײַכן פאַרוואַנדלט, — איין וועל איבער־גיסנדיק זיך איבער דער אַנדערער. נאָך אַנדערע האָבן געקאָרבט זייערע בערד אין פּערל־שנירן, וואָס האָבן ברייט און לאַנג זיך געשלענגלט איבער זייערע בריסטן. ווי מיט די בערד, אזוי האָבן די צור׳ער און די צדונ׳ער געטריבן שפּיל מיט זייער קליידונג: אַלערליי חיות און פלאַנצן זענען געווען אויסגעהאַפטן אויף זייערע מאַנטלען, טוניקעס און גאַרט־לען. די חכמים האָבן גרויס ספק געהאָט, צי זייערע קליידער זענען ריין פון שעטנז, און זיי האָבן געאסרט צו טראָגן אין ירושלים קליידער מיט צורות פון חיות און בהמות; עס האָט אָבער ווייניק־וואָס געהאָלפן. די צדונער זענען געווען אזוי צוגעוויינט צו די געפאַרבטע און אויסגע־האַפטענע קליידער זייערע, אז זיי האָבן נישט געקאָנט זיך שיידן פון זיי, און זיי האָבן די צורות פון בהמות אויף זייערע קליידער ביז צו דער עזרה פון בית־מקדש אַרײַנגעטראָגן; אַזוי אויך די עולי־רגלניקעס פון די גריכישע און די אַפריקאַנישע פּראָווינצן, אָדער די, וואָס זענען געזעסן אין די שטעט פון דעקאַפּאָליס, וואָס פּאָמפּעאוס הרשע האָט אָפּגענומען פון אונז. זיי אַלע האָבן געטראָגן, לויט דעם דרך פון די

גוים, רײַך־געפּאַרבטע און מיט צורות פון חיות אויסגעהאַפּטענע קליידער. אויך די ייִדן, וואָס זענען געקומען פון דער פעלזן־שטאָט פּטרא, האָבן אָנגענומען די מדות און מנהגים פון זייערע גוייִשע שכנים אין זייער קליידונג, אין זייער שמירן־זיך מיט דופּטיקע אײלן, ווי אויך אין זייער אומגיין מיט טהרה. דאָס האָט אויפגערעגט די תלמידי־חכמים. מען האָט זיי געהאַלטן פאַר אומריין, — און די חכמים האָבן פאַרלאַנגט, אַז זיי זאָלן ברענגען די רייניקונג־קרבנות און זיך לאָזן באַשפּריצן מיט וואַסער, געמישט מיט דעם אַש פון דער פּרה־אדומה, איידער זיי גייען אויף אין בית־מקדש אַרײַן צו ברענגען זייער קרבן פּסח.

דאָס זענען אָבער אַלץ געווען די רײַכע עולי־רגלניקעס, וואָס זענען געקומען פון די ווײַטע פּראָווינצן און האָבן זיך אויפגעהאַלטן בײַ זייערע קרובים אָדער האַנדל־פרײַנד, וואָס זיי האָבן געהאַט צווישן די נגידים און די אַריסטאָקראַטן אין דעם אויבערשטן טייל שטאָט אָדער אין דעם אַריסטאָקראַטישן פּערטל אויפן הר־הצופים. אין דעם אונטערשטן טייל שטאָט און אויפן ברייטן מאַרק האָט מען געזען די אָרעמע עולי־רגלניקעס: די ייִדישע פּרויען פון דעם טאָל פון ירדן, די בערג־לײַט פון די הרי־יהודה, די פּאַרמער פון שרון, די ווײַן־פּלאַנצער פון שפּולת, די אַקערלײַט פון גליל און בית־שמן, די אייזל־ און קעמל־אויפּציער פון דעם לאַנד פון סדום, וואָס איז אויף יענער זײַט ים־המלח, די פישערלײַט פון ים־כנרת, די ים־פּאָרער פון יפה, פון עכה. אַנדערע פּנימער, אַנדערע לײַבער, אַן אַנדער באַקליידונג. פּנימער, וואָס די זון האָט באַלעקט מיט פײַערדיקע צונגען; פּנימער, וואָס דער ווינט האָט געשמיסן אין זיי און די נויט האָט געגראָבן אין זיי אירע גריבער. זייער נאַקעטקייט איז געווען באַדעקט מיט פעלן פון שאָף אָדער מיט שטיקער קעמל־פעל, אָדער מיט א פעל פון א חיה פון מדבר, וואָס האָט באַדעקט נאָר זייער שאַנד. זייערע נאַקעטע לײַבער זענען געווען אויסגעשטעלט צו דער זון, נישט געווען באַדעקט מיט צעפּוילטע זאַק־קליידער. זייערע בערד זענען נישט געווען געקאַרבט און געקעמט אין וועלן, אין בייטן, אין פּערל־שנירן. זייערע בערד זענען געווען געקעמט פון ווינט, באַשווערט מיט שטויב און פּלעוועס, מיט ציגן־האָר און שעפּסן־וואָל. זייערע קעפּ זענען נישט באַדעקט געווען מיט העלמעטן, געהאַמערט אויס זילבער און גאָלד, נאָר ווי די קעפּ פוןביימער באַוואַקסן מיט טראָלדיק־געקרײַזלטע לאָקן. זייערע ווײַבער האָבן נישט געשפּרייט אַרום זיך די אויפרייצנדע דופּטיקייט פון אײלן, וואָס דער גאַנצער אויבערשטער טייל שטאָט איז געווען פול מיט זיי. דער ריח פון ארץ־ישׂראלס פעלד, פון זײַן וואַסער, דער ריח פון זײַנע שאָף און רינדער האָט זיך געטראָגן פון דעם לײַב פון זײַן פויער. די הענט פון די לײַט זענען נישט באַהאַנגען געווען מיט גאָלדענע רינגען. די פינגער זייערע זענען האַרט געווען מיט קרעמפּלדיקע מוסקעלן פון אַרבעט און שווייס. זייערע ווײַבער האָבן נישט געטראָגן דאָס זײַדנס פון פּערסיע, פון אינדיע, זענען נישט גע־

זען געגאַרטלט מיט גאָלדענע גאַרטלען פון תרשיש און נישט באַהאַנגען מיט קייטן, וואָס האָבן געהאַלטן זייערע פלאַקאַנען פערפום. די ווײַבערשע קליידער זענען באַשטאַנען פון זייערע האָר־שלייערן. צוזאַמענגעוועבט מיט זייערע האָר־לאָקן, האָבן זיי צוגעדעקט דעם אויבערשטן טייל פון זייער נאַקעטקייט. דאָס אָרעמע זאַק־קלייד, געוועבט פון קאָנאָפּטשינע און אדורכגעשלאָגן מיט געפאַרבטע פעדעם, האָט באַדעקט דעם אונטערשטן טייל לײַב. זייערע פיס זענען נישט באַשיצט געווען מיט לאַאָדיקישע סאַנדאַלן: באָרעוועסע פיס, אָפּגעריבן און צעהאַקט פון שטיין, ווי דער נאַקעטער וואָרצל פון איילבירט־בוים, וואָס דערלאַנגט אויף די וועגן ארויס. דערפאַר אָבער האָבן זיי אָנגעפילט די ירושלימער גאַסן. ווי די שטראָמען פון אַן אָנגעשוואָלענעם טײַך אין רעגן־צײַט, האָבן זיי ארויסגעשוימט איבער די ברעגן פון די ירושלימער מויערן. יעדער ווינקל איז פול געווען מיט זיי. זיי האָבן געהויערט אין קופּעס, אין מחנות, — לאַנדסלײַט, משפחות, חברותאַס. זיי האָבן, ס׳רוב, זיך אויפגעהאַלטן צווישן אייגענע, וואָס זיי האָבן געהאַט אין שטאָט. יעדע משפחה, יעדעס הויז, יעדער הויף האָבן ארײַנגענומען די פרעמדע, אויף וויפיל דאָס אָרט האָט נאָר געקאָנט אויפנעמען — און מער. אין דעם פּרט זענען די ירושלימער געווען זייער גאַסטפריינדלעך. זייער פיל עולי־רגלניקעס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין די קעלערס, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער די געוועלבטע בויגנס, אויף וועלכע עס איז געשטאַנען דער גרויסער בית־מקדש־פּלאַץ. אָבער נאָך מער פון די, וואָס האָבן נישט געפונען מער קיין אָרט פאר זיך צווישן משפחות, האָבן פאר זיך געפונען א היים גאָר פשוט אויף דער גאַס. מען האָט זיי געזען הויערן אין גרופּעס מיט זייערע ווײַבער און קינדער, מיט זייערע פּעקלעך, מיט זייערע קריגן אייל און שעפּסעלעך, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך פארן קרבן פסח, אונטער יעדן געוועלבטן בויגן, אויף די שוועלן, צווישן די זײַלן, צווישן די דורכגענג פון די שטאָטישע געביידעס, אויף די אויסגעפלאַסטערטע פאַסאַדן פון די שטאָטישע פּלעצער, אונטער די בריקן אפילו, וואָס האָבן פארבונדן דעם אויבערשטן טייל שטאָט מיט דעם בית־מקדש־פּלאַץ; אפילו ביז צו די שוועלן פון די פּאַלאַצן אין דער אויבערשטער שטאָט זענען זיי דערגאַנגען, ביז אפילו צו די שאָטנס פון הורדוסעס טורעמשלעסער. אפילו צווישן די זײַלן פון דעם טעאַטער און דעם היפּאָדראָם, וואו קיין ייד האָט נישט ארײַנגעשמעקט, האָט זיך געגאָסן דער שטראָם פון די פרעמדע, שוין אָפּגערעדט פון די משופּעדיקע טאָלן־וועגט פון נחל־קדרון, פון גי־הנום. אויס צווײַגן פון איילבירט־ביימער און ציפּרעסן האָבן זיי זיך אויפגעשלאָגן צײַטווײַליקע איבערדעקן. אַלע מויערן פון ירושלים זענען באַהאַנגען געווען מיט די פרעמדע. אין יעדער לאָך פון א שטיין האָבן זיי אויסגעמויערט א היים פאר זיך.

און דאָך האָט קיינער נישט געזאָגט: „עס איז מיר ענג דאָס אָרט״. דער הימל האָט געפליצט מיט צעבערס ליכט בײַטאָג, און פאַרנאַכט האָבן זיך געשלענגלט די רויך־וואָלקנדלעך, אויפגייענדיק פון די פײַערן, וואָס זיי האָבן אָנגעצונדן בײַ זייערע געצעלטן. פון די טיפע טאָלן, וואָס רינגלען ארום ירושלים, האָבן זיך געלויכטן קליינע אייל־לעמפלעך און צווישן געגעבן פון די לײַט, וואָס זיצן לעבן זיי. פון אַלע שפּיצן בערג אַרום ירושלים האָט מען געזען אויפגיין וואָלקנדלעך רויך, בלויע און רויטע פײַער־פלעמלעך, וואָס האָבן עדות געזאָגט, אַז מענטשן זענען געקומען קיין ירושלים. עס איז געווען, ווי עס וואָלטן מקוים געוואָרן די רייד פון נביא: „אין דעם טאָג וועלן שטראָמען די פעלקער פון דער וועלט צו דעם הייליקן באַרג״.

דעם גרויסן קבוץ יידן האָט מען אָבער ערשט אָנגעזען אויפן בית־מקדש־הויף. דאָס געסל פון די גויים איז געווען אַזוי געפּאַקט מיט די פאַרשיידענערליי עולי־רגלניקעס, אַז עס איז אוממעגלעך געווען אַ שפּילקע צו פאַרשטעקן צווישן דער געפּראָפּטער מאַסע. אַלע האָבן זיך געאײַלט פאַרצובערייטן זיך פאַר דעם גרויסן, הייליקן יום־טוב, צו רייניקן זיך, צו באַצאָלן זייערע נדרים און נדבות, צו ברענגען זייערע קרבנות, אָפּצוצאָלן די מסים פאַרן בית־המקדש. פאַר דעם בית־מקדש־אוצר איז געווען אַ גרויס געדראַנג פון מענטשן, וואָס האָבן געבראַכט אין בית־מקדש אַרײַן זייערע געשאַנקען. פיל גזברים פון בית־מקדש זענען געווען אויסגעזעצט צוצונעמען די נדבות אין גאָלד און זילבער, אין טײַערע שטיינער, אין די פײַנסטע געוועבטע זײַדן־שטאָפן, אין אויסטערלעשע איילן, וואָס די לײַט פון די ווײַטע פּראָווינצן האָבן געבראַכט צום הייליקטום. אויך זענען אויסגעשטעלט געוואָרן די טישלעך פון די חלפנים, — און אויך דאָ איז געווען אַ גרויס געדרענג פון מענטשן, וואָס האָבן אויסגעוועקסלט זייערע דינאַרן, דראַכמעס, טעטראַדראַכמעס, מטבעות פון אַלע לענדער, וואָס האָבן געטראָגן אויף זיך צורות פון געטער, מענטשן און חיות, אַזוי אויך קופּערנע יידישע מטבעות, אויף אײַנצוצאָלן די שקלים פאַרן בית־מקדש־אוצר. זייער פיל לײַט זענען אויך געווען פאַרזאַמלט ארום די טישלעך, בײַ וועלכע עס זענען געזעסן די סגנים פון בית־מקדש־אוצר. יעדעס געלט, וואָס מען האָט געוואָלט האַלטן אין זיכערקייט, האָט מען אײַנגעלייגט אין בית־מקדש־אוצר, און עס זענען פאַרשריבן געוואָרן אין פּנקסים אויף פּאַפּירוס און פּאַרמעט די נעמען און די אײַנגעלייגטע סומעס. באַלד לעבן דעם בית־מקדש־אוצר, אין די זײַלן־גענג אונטער די דעקן, האָבן די בני־חנן אויפגעשלאָגן זייערע געוועלבלעך איבער די יום־טובים. צוליב דער גרויסער נאָכפראַגע אויף קרבנות האָט דאָס גרויס־כהנישע הויז אריבערגעטראָגן די געוועלבלעך, וואָס זיי האָבן געהאַט געווײנלעך אויפן הר־הזתים, אין בית־מקדש־הויף, פאַר דער באַקוועמלעכקייט פון עולם. אין די געוועלבלעך זענען געווען צום פאַרקויפן טויבן, איילן,

מעל, בשמים־בלעטער און אַנדערע געווירצן, וואָס מען האָט באַדאַרפט געברויכן פאַר די רייניגונג־קרבנות. פיל ווײַבער פון דער פּראָווינץ האָבן, נאָכן געבערן, אָפּגעוואַרט מיטן ברענגען זייערע רייניגונג־קרבנות ביז זיי זענען עולה־רגל געווען קיין ירושלים. אויך האָבן פיל לײַט, איידער זיי האָבן געבראַכט זייער קרבן־פּסח, געוואָלט פריער זיך רייניקן פון דער אומרייניקייט, מיט וועלכער זיי זענען געוואָרן אָנגעשטעקט פון אַנרירן טמאדיקע זאַכן דורך דעם גאַנצן יאָר. די נאָכפראַגע אויף רייניגונג־קרבנות איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַ גרויסע פײַערדיקע זײַל איז אויפגעגאַנגען פון מזבח אַ גאַנצן טאָג איבערן בית־המקדש אין הימל אַרײַן. די רייניגונג־קרבנות האָט מען באַדאַרפט קויפן אויסשליסלעך אין די געוועלבער פון כהן־גדול, וואָס האָבן פאַר פּסח פאַרנומען דעם גאַנצן בית־מקדש־הויף. מיט צער און צאָרן האָבן די תלמידי־חכמים געמוזט צוקוקן ווי די בני־חנן האָבן זיך צעלייגט איבערן בית־מקדש־הויף מיט זייערע געוועלבער; — אין די זײַלן־האַלעס, וואו אַ גאַנץ יאָר איז אויפגעגאַנגען דאָס קול־התורה, איז איצט אויפגעגאַנגען דאָס קול פון די הענדלער און קרעמער; און דאָרט, וואו די תלמידי־חכמים זענען געשטאַנען און האָבן געדרשנט אַ גאַנץ יאָר פאַר די תלמידים און פאַרן פאָלק גאָטס לערע, זענען איצט געשטאַנען די גאָלד־וועקסלער. זיי האָבן אָבער גאָרנישט געקאָנט טון, די תלמידי־חכמים. דאָס הויז פון חנן איז דענסטמאָל געווען זייער שטאַרק, און די הענט פון די תלמידי־חכמים זענען נאָך געווען שוואַך, — זיי האָבן נאָך נישט געהאַט קיין איין צענטראַלע אויטאָריטעט, וואָס זאָל זיך אַנטקעגנשטעלן קעגן דעם כהן־גדול, ווי זיי האָבן דאָס שפּעטער באַוויזן אין דער פּערזאָן פון הללס אייניקל, רבן גמליאל; דערצו נאָך איז הינטער די חננס געשטאַנען די רוימישע מאַכט, גרייט זיי צו באַשיצן.

יאָ, מען האָט זי, די רוימישע מאַכט, שוין אָנגעזען אין ירושלים. אינאיינעם מיט דער פרילינג־זון, אינאיינעם מיט דעם שטראָם עולים, האָבן זיך געמערט די רוימישע קאָהאָרטן. אדומס הענט און אדומס אײַזן האָבן געהאַלטן גאָטס הויז אײַנגעקלעמט אין זייער קלעם. קוים האָבן אָנגעהויבן זיך באַווײַזן די ערשטע עולי־רגלניקעס, אַזוי זענען אַראָפּגעקומען קיין ירושלים די קאָהאָרטן פון יריחו, פון קסריה, פון שומרון, אַפילו מעבר הירדן. מען האָט דערזען די אַשקלונישע אָפּגעברענטע פּנימער. איבערן גאַנצן בית־מקדש־הויף זענען געווען אויסגעשטעלט די רוימישע וואַכן. אין האָרץ פון ישראל האָט געשטעקט אַ מעסער, און דאָס האָרץ האָט נישט אויפגעהערט בלוטיקן. אויפן האַרץ פון ישראל, אין בית־המקדש, איז געשטאַנען אדומס פוס און האָט געטראָטן אויף יעדער הייליקייט. די וואַכן אין דער אַנטאָניא זענען געוואָרן פאַרטאָפּלט, פאַרדרײַפאַכט. מען האָט זיי אָנגעזען אויף די באַלקאָנען, אויף די געזימסן. פון די אויסקוק־לעכער האָבן זיי אַרויסגעקוקט צו אונז מיט זייערע קורצע שווערדן געשאַרפט, זייערע פּאַנצערס גע־

איילט און זייערע הערצער איבערגעפילט מיט האַס און קנאה. דאָס אויג פון דער אַנטאָניא האָט אַ גאַנץ יאָר באַוואַכט דעם בית־המקדש פון אינווייניק; איצט איז עס אַרויסגעקומען אין דרויסן. די קאַהאָרטן האָבן זיך אַרויסגעשאָטן פון דער אַנטאָניא און זיך אויסגעמישט מיט דער ייִדישער באַפעלקערונג אין בית-מקדש־הויף. שווערע וואַכן זענען אָבגעשטעלט געוואָרן בײַ אַלע אַרײַנגענג פון די אינעווייניקסטע און דרויסנדיקע טויערן. אפילו האָרט צום היכל האָבן זיי דערגרייכט. מיט שטרענגער דיסציפּלין האָבן זיי געטראָגן זייערע פּיס אין דעם גאַנג פון דער וואַך, געקלימפּערט מיט די קלאַפּן פון זייערע פּאַנצערס, געבלענדט מיט די בלאַנקעדיקע חלפים פון זייערע שווערדן. און בײַנאַכט, האָבן זיך אָנגעזען די פלאַקערדיקע פײַערן פון די אויפגעשטעלטע שטורקאַצן איבער די באַוואַכטע מויערן, — און זיי האָבן באַדראָט יעקבן און באַשווערט דאָס האָרץ פון ישראל.

אין דעם יאָר האָט דער פּראָקוראַטאָר זיך פריער אײַנגעשטעלט אין ירושלים ווי אַן אַנדערס מאָל. אַ גרויסער שטאָב פון באַאַמטע האָט געמוזט מיטקומען מיט אים: מען האָט עס געקאָנט זען נאָך דער גרויסער באַוועגונג פון דעם רוימישן עלעמענט אין ירושלים. די צאַמען אַרום דעם הורדוס־פּאַלאַץ זענען געוואָרן אָפּגעשלאָסן מיט וואַכן. מען האָט קיינעם נישט צוגעלאָזט נאָענט נישט צו דער פּראָקוראַטור און אויך נישט צו אַלע אַנדערע הורדוסשע טורעם־פּאַלאַצן, וועלכע זענען געוועזן באַזעצט מיט רוימישן מיליטער, מיט באַאַמטע, מיט ציווילע און געזעלשאַפטלעכע באַגלייטער פון דעם פּראָקוראַטאָר. אין אָוונט האָט מען געזען שטורקאַצן ברענען און שײַנען אַרויס פון די לעכער פון די הויכע, שווערע מויערן. אויך אַנדערע פּאַלאַצן אין ירושלים, וואָס אַ גאַנץ יאָר האָבן זיי זיך געהילט אין טונקלקייט, זענען אין די אָוונטן באַלויכטן געוואָרן. אויך דער אַלטער, ערנסטער חשמונאים־פּאַלאַץ האָט אָנגעהויבן אַרויסצווײַזן סימנים פון לעבן. ער איז באַוואוינט געווען מיט הורדוסשע טויער־היטער, וואָס הורדוס האָט מיטגעבראַכט פון טבריה. מען האָט אויך געוואוסט, אַז די פּרינצן פון הורדוסשן הויז שטייען דאָ אײַן, ווען זיי קומען קיין ירושלים. אויף דער דאַך־טעראַסע פון פּאַלאַץ, אַרומגעצאַמט מיט אַ שפּיציקן געזימס, האָט מען באַמערקט שפּאַצירן הורדוס אַנטיפּאַ, פון זײַן הויפּט־שטאָט טבריה אַרונטערגעקומען, מיט זײַן קעפּסוויײַב הורודיה. מען האָט זיך פאַרציילט, אַז עס זענען שוין סקאַנדאַלן אויסגעבראָכן אַרום דעם חשמונאים־פּאַלאַץ. הויך־געוואַקסענע כהנים האָבן באַמערקט פון בית־המקדש, ווי דער אדומער, — ווי מען האָט גערופן הורדוסן, — איז געזעסן אונטער זײַן באַלדאַכין אויף דער דאַך־טעראַסע פון דעם חשמונאים־פּאַלאַץ מיט זײַן קעפּס־ווײַב, דער אויסגעלאַסענער הורודיה, און געקוקט אַרונטער גלײַך אין בית־המקדש אַרײַן. די כהנים זענען געקומען אין שטאָט אַרײַן און האָבן עס פאַרציילט די קנאים. מען האָט גענומען באַוואַרפן דעם פּאַלאַץ מיט

שטײנער און שרײען: „אדומי, אדומי, פאַרלאָז דײַן אָרט!“. די װאַכן האָבן די קנאים פעסטגענומען, אָבער די רוימישע מאַכט, אויפן װאונק פון דעם פּראָקוראַטאָר פּילאַטוס, האָט זײ שפּעטער באַפרײַט, װײַל זײ בײדע, פּילאַטוס און הורדוס, האָבן געהאַט גרויס פֿײַנדשאַפט אײנס פאַרן אַנדערן. צוזאַמען מיט דעם פירשטלעכן הויף, מיט דעם פּראָקוראַטאָרישן שטאַב, זענען אָנגעקומען שאַרן סירישע קוכער, כאַלדײיִשע פריזירער, גריכישע טענצערינס, עגיפּטישע פלײטן־שפּילערינס, אַראַבישע זונות, אײלשמירער און פּערפומען־מישער. דער גאַנצער אויבערשטער טײל שטאָט האָט געװימלט מיט זײ. עס איז באַלעבט געװאָרן דער גרויסער פּאַלאַץ פון כהן־גדול. די משפּחה איז זיך צונויפגעקומען. אַלע זין האָבן זיך באַװיזן אויף זײערע אַמטן, מחמת יעדערער פון זײ האָט פאַרנומען א זײער הויכן פּאָסטן אין בית־המקדש. דער אײדעם כּיפא איז געװען כהן גדול. דער אַלטער חנן און זײַן עלצטער זון, אליעזר, בײדע געװעזענע כהנים גדולים, זענען געװען גלײַך צום רעגירנדיקן כהן־גדול אין זײער אַמט. אָבער דעם העכסטן רעגירנדיקן פּלאַץ, נאָכן כהן־גדול, האָט פאַרנומען דער צװײטער זון, יוחנן; ער האָט געזאָלט װערן כהן-גדול און ער האָט, דעריבער, געמוזט פריער זײַן דעם כהן־גדולס סגן. דער דריטער זון איז געװען גזבר, קאַסירער. נאָך א זון — דער אויפזעער איבער די קאַמערן פון אײלן און געהילץ. נאָך אײנער — אַן עלצטער איבער דער בית־מקדש־װאַך. כּיפאס פּאַלאַץ, אין דעם אויבערשטן טײל שטאָט, איז געװען דער צענטער פון דעם מענטשן־געװירבל, װאָס האָט אויסגעבראָכן אין ירושלים מיט דעם אָנקומען פון יום־טוב. יעדן אָװנט האָט מען דאָרט געפּראַװעט באַנקעטן, שמחות, פֿײַערלעכע מאָלצײַטן פאַר די פיל מעכטיקע, אײַנפלוסרײַכע לײַט, װאָס זענען אָנגעקומען אויף יום־טוב קײן ירושלים. די ירושלימער אַריסטאָקראַטיע, אומקערנדיק זיך צוריק אין שטאָט אַרײַן פון זײערע װינטער־רעזאָרטן אין יריחו, האָט נאָכגעטון דעם כהן־גדול; זײ האָבן אויך אויפגענומען די פיל פרעמדע אין זײערע פּאַלאַצן און זײ פאַרװײַלט מיט באַנקעטן. פון אַלע טירן און פענצטער האָט אין די אָװנטן זיך געהערט פלײטן־שפּיל. די פּאַלאַצן־מויערן זענען באַלויכטן געװאָרן מיט אײל־לאָמפּן. דאָס ליכט האָט זיך אַראָפּגעגאָסן פון באַלקאָנען, פון די טעראַסן. איבער די אַרײַנגענג פון די הײַזער זענען אַרויסגעהאנגען געװאָרן אײדל־געװעבטע טישטיכער, װעלכע האָבן צװויסן געגעבן, אז אינעװײניק אונטערהאַלט מען די געסט מיט סעודות.

דאָס הורדוסשע טעאַטער, װאָס האָט זיך געפונען אין דעם אויבערשטן טײל שטאָט, װאָס א גאַנץ יאָר איז עס געשטאַנען װי א דאָרן אין יידישע אויגן, האָט, צו דער ביטערקײט פון די רבנים און די תלמידי חכמים, זיך געקליבן צו געבן פאָרשטעלונגען. מען האָט גערעדט, אז אפילו חננס קינדער באַטײליקן זיך אין די שפּילן, אין די מאַסקן־פאַראַדן, פּאַנטאָמימעס, רעטאָריקעס, װאָס דער כהן־גדול לאָזט אויפ־

פירן מיט פּראָפעסיאָנעלע און אַמאַטאָרן־שפּילער אויף צו פאַרווײַלן די פרעמדע געסט. פּילאַטוסעס הויף האָט געהאַט זײַן אייגענעם טעאַטער. דער כהן־גדול האָט גענומען אין באַזיץ דעם גרויסן הורדוסשן היפּאָדראָם. עס זענען נאָך דאָרט געווען די סטאַטועס פון די צעזאַרס, וואָס הורדוס הרשע האָט אויפגעשטעלט אין ירושלים. דער היפּאָדראָם איז עס געווען דער שטורעם־באָק פון די פרומע ירושלימער ייִדן. יעדן פּסח האָט מען זיך געקליבן אים צו שטורעמען, פונאַנדערוואַרפן, פונאַנדערנעמען א שטיין נאָך אַ שטיין. דעם יום־טוב האָט פּילאַטוס געלאָזט דעם היפּאָדראָם זייער שטאַרק באַוואַכן מיט אשקלונישע פוסגייער און גערמאַנישע רײַטער. מען האָט גערעדט אין ירושלים, אז פּילאַטוס האָט בדעה דעם יום־טוב דורכצופירן אין היפּאָדראָם אַ געראַנגל צווישן גלאַדיאַטאָרס און חיות, וואָס פאַר דעם האָט מען שוין געהאַט געבראַכט קיין ירושלים לייבן אין שטײַגן. נאָר דאָס, — האָט מען גערעדט צווישן די ייִדן אין בית־מקדש־הויף, — וועט מען קיינמאָל נישט צולאָזן אין ירושלים, מען זאָל אפילו וויסן צו באַצאָלן פאַר דעם מיטן לעבן; אנשטאָט מיט חיות, וועט מען, הייסט עס, דאָסמאָל זיך ראַנגלען מיט מענטשן. בר־אבאס לײַט האָבן אויסגענוצט די אַלע רייד וועגן דעם שפּיל מיט חיות. זיי האָבן זיך ארומגעדרייט צווישן די אָרעמע עולי־רגלניקעס אויפן ברייטן מאַרק, האָבן פאַרשפּרייט אזעלכע ידיעות און צוויסן געגעבן, אז דער שטורעם אויפן היפּאָדראָם וועט זײַן דער סיגנאַל פאַר גרויסע געשעענישן, וואָס אַלע האָבן דערוואַרט דעם פּסח אין ירושלים. נאָר וואָס די געשעענישן וועלן זײַן, האָט קיינער נישט געוואוסט.

דענסטמאָל איז פּלוצלינג עפּעס געשען:

איך געדענק עס ווי הײַנט. עס איז געווען אין פרימאָרגן, צו תפילת שחרית, דעם צווייטן טאָג פון דער וואָך, נאָך שבת־הגדול. מיר האָבן נאָך געהאַט פיר טעג צו יום־טוב. פּסח איז דאָס יאָר אויסגעפאַלן אום שבת, ריכטיקער, ערב־שבת אין אָוונט. מײַן רבי נקדימון איז געזעסן אויף זײַן שטול אין בית־מדרש און האָט פאַר אונז, זײַנע תלמידים, וועלכע זענען געזעסן צו זײַנע פיס אויף בענקלעך בײַ דער ערד, דערקלערט די דינים פון קרבן פּסח, די תקנה, וואָס הלל האָט מתקן געווען, אז קרבן פּסח איז דוחה שבת. עפּנט זיך אויף די טיר און עס פאַלט, ווי א שטורעמווינט, ארײַן — יהודה איש־קריות. זײַנע אויגן זענען געווען רויט, נישט אויסגעשלאָפן, און האָבן געברענט מיט אַ ווילדן פײַער. זיי זענען פײַכט געווען, ווי זיי וואָלטן זיך געווען געבאָדן אין פײַער־וואַסער. זײַן פיגור איז נאָך געווען דינער, אויסגעטריקנטער, לײַכטער, ווי ער וואָלט געווען געשוועבט אין דער לופטן. נאָכשלעפּנדיק נאָך זיך זײַן מאַנטל, שטרעקט ער אויס צו אונז אפריער זײַנע דינע,

ביינערדיקע הענט און שרייט אויס, איידער נאָך ער איז פֿאַר אונזער רבין געקומען און איידער נאָך ער האָט אים שלום אָפּגעגעבן:

— עס האָט זיך אָנגעהויבן!

מיר זענען אַלע נשתומם געוואָרן פון דעם וואָרט. דער רבי האָט אים געפרעגט בנחת, זיצנדיק אויף זיין גלייכגעמויערטער שטול ביי דער וואַנט פון בית־מדרש:

— וואָס איז מיט דיר, יהודה? וואָס האָט זיך אָנגעהויבן, יהודה?

— די גאולה! — האָט יהודה אויסגערופן.

דאָס בלוט איז אנטלאָפן אויס אונזערע פּנימער פון דעם וואָרט. מיר האָבן איינס ס'אַנדערע אָנגעקוקט מיט ציטערדיקן שרעק פאר דעם גרויסן וואָרט.

— פאַרצייל, וואָס עס איז געשען, יהודה, — האָט אונזער רבי ווייטער געזאָגט בנחת, — וואו ביסטו דאָס געווען די גאַנצע צייט, יהודה? און וואו איז דיין רבי, יהודה?

— מיין רבי? דער מלך־משיח שטייט ביי די טויערן פון ירושלים. ער קומט היינט אריינצורייטן, עני רוכב על חמור, אזוי ווי דער נביא האָט נביאות געזאָגט אויף אים, צו נעמען די שטאָט אין זיין באַזיץ.

און איידער מיר האָבן נאָך צייט געהאַט אים א וואָרט איבערצו־פרעגן, הויבט יהודה אויף זיינע הענט, און זיינע פיס נעמען זיך באַוועגן ווי אין א טאַנץ. ער פּאַטשט מיט די הענט און ברומט פאר זיך אין התפעלותדיקן געזאַנג: „דרך כוכב מיעקב! ילד יולד לנו! היום יום ה'! הקמותי את סוכת דוד הנופלת!“.

אָבער מיין רבי האָט זיך נישט באַוועגט פון דעם אָרט. ער האָט אָנ־געקוקט יהודהן און האָט געזאָגט צו אים שוין נישט מער בנחת, נאָר באַפעלעריש:

— פאַרצייל, יהודה, וואָס איז געשען? עס איז נישט קיין צייט פאר ווערטער!

יהודה איז געקומען צו זיך פון דעם רבינס שטרענגן וואָרט און האָט אָנגעהויבן פארציילן אַן אָטעם. דאָסמאָל האָט מען אונז נישט געהייסן פארלאָזן דאָס חדר. מען האָט געפילט, אז עס איז מער קיין סוד נישט און די זאַך איז גלוי:

— מיר האָבן פארלאָזט ירושלים פאַר צוויי טעג. דער רבי האָט אונז צוזאַמענגענומען און אונז ארויסגעפירט אין מדבר־יהודה. דאָרט זענען מיר אָנגעקומען אויף אַן אָרט, וואו עס האָט געלערנט יוחנן. דער רבי האָט אונז געהייסן גיין ווייטער, צום ברעג פון ירדן, און וואַרטן אויף אים. קיינעם האָט ער נישט איבערגעלאָזט לעבן זיך. נישט אפילו זיינע באַליבטסטע תלמידים, — נישט שמעונען, נישט יוחנן, נישט יעקבן. איינער אַליין איז ער איבערגעבליבן אין מדבר. מיר האָבן אים נישט איבערגעלאָזט נישט קיין ברויט, נישט קיין וואַסער, ניי־ערט דאָס וואַסער, וואָס רינט דאָרט פון א קוואַל און איז געצוג הויך אויף צו

טובל-זײַן זיך אין דעם. און ער איז געווען מיט זיך אליין דרײַ טעג און דרײַ נעכט. און ווען ער איז געקומען צו אונז פון מדבר, האָבן מיר זיך געבוקט פאַר אים. מיר האָבן אים נישט דערקענט. דער פּחד פון גאָט איז געלעגן אויף אים, ווי די כרובים וואָלטן אים געהויבן אין דער הייך און אַדורכגעגאַנגען מיט אים אַלע פּמליאס פון די הימלען. זײַן פּנים האָט געברענט מיט ווײַסן פײַער און זײַנע גלידער האָבן געציטערט, אַזוי ווי דער תהלים זאָגט: כל עצמותי תאמרנה ה׳. אַלץ אין אים איז געווען אַנדערש ווי פריער. און מיר האָבן באַלד אײַנגעזען, אַז עפּעס־וואָס גרויס און פרעמדס איז געשען מיט אים. נאָר וואָס עס איז געווען, האָבן מיר נישט געוואוסט. מיר האָבן נישט געוואוסט, וואָס דער רבי האָט געטון אליין אין מדבר. ער איז מיט אונז נאָך געווען דרײַ טעג בײַם ירדן. ער האָט זיך טובל געווען אין די וואַסערן און זיך זייער מכין געווען פאַר עפּעס. און מיר האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן: „איצט קומט זײַן צײַט!" — און אַזוי איז עס טאַקע געווען. ווען מיר זענען פון ירדן אויפגעגאַנגען קיין יריחו, האָבן אים די לײַט דערקענט, נישט נאָר די זעעוודיקע, נאָר אויך די בלינדע.

„עס איז דאָרט געזעסן אויפן וועג דער בלינדער בר־תלמי, וואָס מיר אַלע קענען אים פאַר בלינד פון זײַן מוטערס בויך. ער האָט זיך אויפגעזעצט אויפן וועג. און ווען דער רבי איז פאַרבײַגעגאַנגען פאַר אים, איז עס געווען ווי ער וואָלט אים געווען געזען. וואָרעם דער בלינדער האָט אויסגעשטרעקט צו אים די הענט און גערופן: „בן־דוד, דערבאַרעם זיך אויף מיר!". און ווען מיר האָבן דערהערט דאָס שרעק־לעכע גרויסע וואָרט אַרויסגיין פון דעם מויל פון בלינדן, האָבן מיר אים געוואָלט אײַנשטילן, אָבער שמעון האָט זיך אָנגערופן: „עס איז אַ גוטער סימן. עס איז אַ סימן, אַז זײַן צײַט איז אָנגעקומען און די ממשלה פון מלכות־השמים הויבט זיך אָן, וואָרעם די בלינדע דערזעען דאָס, וואָס די זעעוודיקע זעען נישט".

„דער רבי האָט צוגערופן דעם בלינדן צו זיך און האָט געזאָגט צו אים: „דײַן אמונה האָט דיך געהיילט!". און פון דענסטמאָל אָן גייט נאָך נאָך אים דער בר־תלמי, וואָס מיר אַלע קענען אים פאַר אַ בלינדן. און ער רופט און שרײַט: „איך זע, איך זע... ישוע בן דוד, דערבאַרעם זיך איבער אונז!" — און קיינער שטילט אים שוין נישט אײַן. און אַזוי איז עס געווען, ווען מיר זענען קיין יריחו אָנגעקומען. ווי אַ בת־קול וואָלט פאַרויסגעגאַנגען פאַר אים און אָנגעזאָגט די בשורה פון זײַן קומען, אַזוי האָבן די לײַט געשטראָמט אַרויס פון די הײַזער, האָבן אָנ־געפּראָפּט די גאַסן, געשטרעקט די הענט צו אים. אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען דערפילט אין אים די גבורה, מיט וועלכער ער איז געווען באַ־קליידט, האָבן זיי אים געבענטשט. זיי האָבן גאַרנישט געוואָלט פון אים. נאָר די מוטערס האָבן אים אַנטקעגנגעטראָגן די קינדער. און די לײַט האָבן זיך געריסן איבער אים: יעדער איינער האָט געוואָלט, אַז

אונטער זײַן באַלקן זאָל דער צדיק קומען, כדי זײַן הויז זאָל געבענטשט ווערן פון זײַנעט וועגן. דער רבי אָבער האָט דערזען א קלײנעם מאַן, וואָס האָט זיך ארויפגעדראַפּעט אויף א פײַגנבוים, אז ער זאָל קאָנען זען דעם רבין, ווארעם איבערן געדרענג פון פאָלק האָט דער מאַן נישט גע- קאָנט זען. האָט דער רבי גערופן צו אים: „קום געשווינד אראָפּ, זאכיוס, איך מוז הײַנט אין דײַן הויז בלײַבן״. ווי דער מאַן האָט דאָס דערהערט, אזוי איז ער פאר גרויס פרייד אראָפּגעשפּרונגען ווי א ייִנגל פון בוים אראָפּ, האָט זיך געוואָרפן צום רבינס פיס און זיך געבוקט צו אים. דער־ נאָך האָט ער באַגלייט דעם רבין צו זיך אהיים. די לײַט פון יריחו זענען נשתומם געוואָרן און זיי האָבן געמורמלט און זיי האָבן געזאָגט: „זעט, ער גייט ארײַן צו זײַן א גאָסט בײַ א זינדיקן מאַן!״ — ווארעם זאכיוס איז געווען דער אויבערשטער פון אַלע מוכסים.

„אָבער זאכיוס איז געשטאַנען פארן רבין און ער האָט זיך מודה געווען פאר אים און ער האָט געזאָגט: „זע, האַר, איך גיב די העלפט פון מײַן פארמעגן צו די אָרעמע לײַט. און ווען איך האָב פון אײנעם עפּעס גערויבט, אזוי גיב איך אים אָפּ פירפאַכיק״. דער רבי ישוע האָט אים געטרייסט און געזאָגט צו אים: „הײַנט איז די ישועה ארײַנגעקו־ מען אין דעם הויז ארײַן, ווארעם דו ביסט א זון פון אברהם״. און צו די לײַט, וואָס האָבן זיך געוואונדערט, וואָס דער רבי שטײַגט אָפּ בײַ א מוכס, האָט ער געזאָגט: „ווארעם דער בן־אדם איז געקומען צו זוכן און צו ראַטעווען, וואָס עס איז געווען פארלוירן״. און דער רבי האָט באַ־ וויליקט צו זיצן בײַ דעם מוכס דרײַ טעג. און ער האָט געגעסן דאָרט, און ער איז געשלאָפן דאָרט, און ער האָט גערוט דאָרט. און מיר זענען געווען מיט אים, ווארעם דאָס הויז פון מוכס איז געווען גרויס און רײַך. און אויפן פערטן טאָג, ווען דער רבי ישוע האָט זיך געהאַט אָפּגערוט פון זײַן מאַטערניש אין מדבר און איז געקומען צוריק צו זײַנע כחות, האָט ער אונז גענומען און איז אויפגעגאַנגען מיט אונז קיין ירושלים. און מיר האָבן געוואוסט, אז איצט איז עס געווען דער לעצטער גאַנג. מיר האָבן געוואוסט, אז איצט האָבן געוואַרט אויף אונז גרויסע מעשים אין ירושלים.

„און אזוי איז עס טאַקע געווען, ווען מיר זענען הײַנט אינדערפרי אָנגעקומען ביז צו די גרעניצן פון ירושלים, קיין בית פּגה, אויפן הר־ הזתים. דאָרט האָט דער רבי גערוט א ביסל אין בית־עינה, בײַ שמעון דעם מצורע. דערנאָך האָט ער גענומען צוויי פון זײַנע תלמידים און גע־ שיקט זיי און געזאָגט: „גייט אין דעם דאָרף, וואָס איז קעגנאיבער אײַך. ווען איר וועט דערינען ארײַנקומען, וועט איר דאָרט געפינען א יונג אייזעלע, וואָס קיין מענטש איז נאָך נישט געזעסן דערויף. בינדט עס לויז און ברענגט עס צו מיר. און ווען אײנער וועט אײַך פרעגן, פאַרוואָס איר לאָזט לויז דאָס אייזעלע, אזוי זאָלט איר זאָגן צו אים: — דער האַר האָט עס נויטיק״. און די תלמידים האָבן זיך געוואונדערט

און געפרעגט איינס בײַם אַנדערן: „צו וואָס באַדאַרף ער אַן אייזעלע? אויף אַן אייזעלע זאָל ער אַרײַנטרעטן קיין ירושלים? און מיר האָבן געמיינט, אַז אויף אַ וואָלקן, ווי אליהו התשבי, וועט ער קומען צו פליען איבער ירושלים". אָבער איך האָב זיך דערמאָנט אין דעם פסוק און איך האָב צו זיי געזאָגט: האָט איר דען נישט אין אײַער קינדהייט געלערנט, ווי דער נביא זכריה זאָגט נביאות אויף משיחן, ווי אַזוי ער וועט קיין ירושלים אַרײַנקומען? אַזוי זאָגט דער נביא: „גילי מאוד, בת־ציון, הריעי, בת־ירושלים! הנה מלכך יבוא לך. צדיק ונושע הוא, עני ורוכב על החמור, ועל עיר בן אתונות". און ווי די תלמידים האָבן דערהערט, אַז דער נביא האָט אַזוי נביאות געזאָגט אויף אים, איז זייער שמחה זייער גרויס געווען און זיי האָבן געאײַלט צום אָרט צו זוכן דאָס אייזעלע. און איך אַליין האָב געאײַלט צו קומען אהערצו אײַך אָנזאָגן די בשורה, אַז הײַנט קומט דער מלך־משיח אַרײַנצורײַטן אין די ירושלימער גאַסן, כדי אָנצוהויבן די ממשלה פון גאָט, ווי דער נביא האָט נביאות געזאָגט אויף אים, צו פאַרטיליקן די פײַנט פון גאָט, צו צעברעכן זייער געניק מיט זײַן פעסטער האַנט און צו ברענגען זייער קאַרק אונטער די פיס־טריט פון צדיק. די חילות פון די הימלען וועלן פאַרויסגיין פאַר אים!"

שוים האָט געזעצט אויף יהודהס ליפּן, ווען ער האָט געענדיקט זײַנע רייד. זײַן פּנים איז בלייך געווען און זײַנע פיס האָבן זיך געבראָכן אונטער אים ווי אומצופאַלן. ער האָט זיך געוואַקלט אין זײַן גאַנצן לײַב פון דעם הייליקן פײַער, וואָס האָט אים אַדורכגענומען.

אויך אויף אונז איז געפאַלן דער פּחד פון גאָט, ווען מיר האָבן דערהערט די רייד. אויך מיר האָבן געציטערט אינגאַנצן אין הייליקן פײַער. נאָר דער רבי נקדימון איז אַלץ געזעסן אויף זײַן שטול, ווען אפילו דאָס בלוט איז אַנטלאָפן פון זײַן פּנים און די הויט פון זײַנע באַקן האָט זיך געבלייכט אונטער די וואָרצלען פון זײַן באָרד. ער איז אָבער געווען אינגאַנצן מנוחה. און ער האָט זיך אָנגערופן צו יהודהן:

— יהודה, האָט דײַן רבי געזאָגט, אַז ער גייט אויף קיין ירושלים צו צעברעכן די מאַכט פון אדום און צו מאַכן אים אונטערטעניק אונטער די פיס פון צדיק?

— ניין, דאָס האָט דער רבי נישט געזאָגט.

— פאַרוואָס, ווידער, לייגסטו אַרײַן ווערטער אין דײַן רבינס מויל, וואָס ער האָט זיי נישט געזאָגט? האָסטו פאַרגעסן, וואָס מען האָט דיך געלערנט: „חכמים, זײַט אויסגעהיט מיט אײַערע רייד"?

— עס דרינגט זיך אָבער אַרויס פון זיי. וואָס דען וועט דער בן־דוד טון אין ירושלים? וואַרטן מיר דען נישט אויס אויף אים? האָט מען דען אונז דאָס נישט צוגעזאָגט?

— יהודה, עס איז נישט אַזוי ווי מיר ווילן, נאָר ווי גאָט וויל. און נישט אַזוי ווי אונז דאַכט זיך עס אויס, נאָר ווי עס איז גוט אין זײַנע

אויגן. אויף א געפּערלעכן וועג גייט דײַן רבי, נאָר מן־הסתם ווייס ער וואָס ער טוט און דעם רשות, וואָס ער האָט דערויף. איז די זאַך פון גאָט, וועט זי באַשטיין; איז זי, חלילה, נישט פון גאָט, — בחינם מיען זיך זײַנע מויערער. גיי, יהודה, טו דײַן רבינס באַפעל! און אונז בלײַבט גאָרנישט מער איבעריק ווי נאָר אָפּצוואַרטן און צו האָפן.

און צו אונז האָט דער רבי זיך אָנגערופן און געזאָגט:

— גייט און זעט וואָס עס טוט זיך, וואָרעם גרויסע מעשים געשעען אין אונזערע טעג.

קאַפּיטל פערצן.

נישט פלינקער קאָן פליִען א פײַל פון א בויגן, ווי מײַן פרײַנד, רופוס, און איך זענען האַנט־איין־האַנט געשפּרונגען אַרונטער די טרעפּ וואָס לויפן משופּעדיק צום נחל־קדרון. מיר האָבן גענומען דעם קיר־צערן וועג פון דער בית־מגדל־מויער. די משופּעדיקע וואַנט צום טאָל אַראָפּ איז געווען באַלייגט מיט געצעלטן, וואָס די עולי־רגלניקעס האָבן אויפגעשלאָגן. מיר זענען געשפּרונגען ווי די ציגן איבער מענטשן, בהמות, געצעלטן און פּלויטן, אויסגעקירעוועט זיך א וועג דורך די גע־דרייטע, ענגע געסלעך, וואָס לויפן פאַזע דעם אויסגעטריקנטן, שטיי־נערנעם, פאַרשאָטענעם טײַכל, — און יהודה אָן אָן אָטעם נאָך אונז, — ביז וואַנען מיר האָבן דערגרייכט דעם פוס פון הר־הזתים און זענען אַרויף, אָן אָן אָטעם, צו דער בית־עינה. אויפן וועג, בײַ די חניות פון די בית־חנן, האָבן מיר אָנגעטראָפן דעם צוג. ניין, עס איז נישט געווען קיין גרויסער צוג, ווי עס פּאַסט פאַר א מלך־משיח, וואָס ציט אַרײַן קיין ירושלים. אָן אייזעלע איז פאַרויסגעגאַנגען, געפירט פון שמעון בר־יונה, א גרוי, אונטערטעניק אייזעלע מיט א פּנים פון א קאַלב. עס האָט געקוקט פאַרויס פאַר זיך, נאַיִוו, מיט תמימותדיקע, בהמהשע אויגן. און ווען אפילו עס איז געווען נאָך יונג און נישט דרעסירט, — און איי־זעלעך זענען געוויינלעך ווילדע, — האָט אָבער דאָס אייזעלע, ווי עס וואָלט נאָר געוואוסט וועמען עס פירט, געהאַלטן דעם קאָפּ אַרונטער־געבויגן צו דער ערד און געשטעלט מיט שטאָט זײַנע פיס איבער דעם שטיינערדיקן וועג. עס איז געווען באַלאָדן מיט קליידער און טיכער, — און אויף זיי איז געזעסן דער רבי פון גליל. זײַנע נאַקעטע, דאַרע, ווײַסע פיס, וועלכע האָבן אַרויסגעקוקט פון אונטער זײַן ווײַסן סדין, האָבן כמעט דערלאַנגט ביז צו דער ערד. כאָטש דאָס אייזעלע איז געווען גענוג הויך פאַר זײַן עלטער, האָט דער רבי, רײַטנדיק, אויסגעקוקט ווי ער וואָלט מיט זײַן קאָפּ און אַקסלען אַרויסגעשטיגן איבער די אַלע לײַט,

וואָס האָבן אים ארומגערינגלט. ער איז מאָדנע הויך געווען, העכער ווי איך האָב אים ווען־עס־איז געזען, דאַר, — לויטער הויט און ביינער, — און זײַן פּנים, אײַנגעראַמט אין זײַן שוואַרצער, גרוי־באַשפּרענקלטער באָרד, איז געווען אַזוי ווײַס און בלייך, ווי דער ווײַס־געוואַשענער סדין, וואָס איז געהאַנגען אויף זײַנע פּלייצעס. זײַן פּנים איז זייער ערנסט געווען, ערנסט און טרויעריק. ער האָט באַוועגט די ליפּן ווי ער האָלט מתפּלל געווען פאַר זיך. ער האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק, ווי ער וואָלט געווען אײַנגעטאַנצן תּפילה. און די לײַט, וואָס האָבן אים באַגלייט, האָבן אויך אַזוי זיך אויפגעפירט ווי זיי וואָלטן געווען אָפּגעריכט אַן עבֿודה פאַר גאָט. זיי האָבן געהאַלטן הושענהס אין די הענט, יונגע איילבירט־צווײַגלעך, וואָס זיי האָבן אָפּגעבראָכן פון די ביימער אויפן וועג, פון די איילבירט־ביימער, וואָס האָבן אריבערגעקוקט אריבער די פּלויטן פון די גערטנער, און זיי געוואָרפן פאַר די טריט פון דעם אייזעלע. א טייל פון זיי האָבן אויך אויסגעטון זייערע קליידער, זייערע זאַק־מאַנטלען, און זיי אויסגעשפּרייט אויפן וועג פאַר אים. דער צוג איז געווען נישט זייער גרויס, אויך נישט זייער אימפּאָזאַנט, ווי עס וואָלט זיך געפּאַסט פאַר דעם מלך־משיח, וואָס קומט אַרײַנצוצײַטן קיין ירו־שלים אָנצוהויבן זײַן ממשלה. ער איז געווען ארומגערינגלט פון זײַנע תּלמידים און א פּאָר פון די אָרעמעלײַט, וואָס איך האָב געזען אויבן אין דאָרף, בײַ שמעון דעם מצורע. עס האָבן זיך דאָרט אויך געפונען א פּאָר קראַנקע, וועלכע האָבן זיך נאָכגעשלעפּט, אָנגעלענט אויף זייערע שטעקנס אָדער געפירט פון קרובים, א פּאָר בלינדע, וואָס יינגלעך האָבן זיי געפירט, און א פּאָר מוכסים, וואָס מען האָט זיי געקאָנט דערקענען אין זיערע אַמטלעכע שילדלעך, וואָס זיי האָבן געטראָגן אויף זייערע בריסטן. עס זענען נאָך געווען א פּאָר צענדליק ווײַבער, וועלכע זענען נאָכגעגאַנגען נאָך די מאַנספּאַרשוינען, אויך מיט הושענהס און פעלד־בלימלעך אין די הענט. צווישן די ווײַבער האָב איך דערקענט מרים פון מגדל, וועלכע האָט געפירט בײַ דער האַנט, אנשטאָט דעם בלינדן בר־תּלמי, ווי מען איז אָפט געווייַנט געווען צו זען, די צווייטע מרים, וועלכע האָט מיט איר טונקל־פאַרשלייערטער הויכער פיגור זיך ארויסגעהויבן איבער די אַנדערע ווײַבער. באַלד הינטער זיי איז גע־גאַנגען שושנה, די מוטער פון די זבדים, וואָס האָט פאַר דיקקייט שווער געאָטעמט און נישט געקאָנט מיטהאַלטן אין גאַנג מיט דער יינגערער און שטאַרקערער מרתאן. מרתא האָט געשלעפּט שושנהן נאָך זיך, ווײַל זי האָט מורא געהאַט, אַז זי זאָל נישט אָפּשטיין און פאַרבלייבן אונטער־וועגס. נאָר מער פון אַלע באַגלייטער האָט זיך אויסגעטיילט מיט זײַן אָפּשרעקעדיקער און פרעמדער דערשײַנונג אליעזר, מרתאס ברודער. ער איז געגאַנגען באַלד הינטער דעם רבין. זײַן געל־אַשיק פּנים האָט זיך ארויסגעזען פון אַלע אַנדערע פּנימער. עס האָט, ווי זײַן גאַנצער קערפּער, אויך געהאַט דעם סקעלעטן־כאַראַקטער. א סקעלעט, אָנגעטון

אין קליידער. מיט הילצערנע, שטײַפֿע פּיס, ווי א גולם, האָט ער גע־טראָטן הינטער דעם אייזעלע.

אין אָנהויב האָבן די באַגלייטער זיך געהאַלטן רואיק. זיי האָבן טאַקע געפּאַטשט מיט די הענט און געזונגען פּסוקים פֿון הלל אָדער פֿון תהלים, עס איז אָבער געווען נישט מער ווי א תפילה-אָפּריכטן. וואָס ווײַטער אָבער זיי זענען אַראָפּגעקומען פֿון באַרג און זיך דערנענטערט צו דער שטאָט, אַלץ מער האָט די פֿרייד פֿון די באַגלייטער זיך גע־שטאַרקט. די ווײַבער האָבן אַרויסגעגעבן פֿון זיך כאַרכלדיקע טענער, נאָז-טענער, יעלות, וואָס זיי רופֿן בשעת חדוה, און די חדוה־קולות האָבן אָנגעשטעקט די מענער. איך האָב געזען ווי מרים פֿון מגדל איז אַרויס פֿון דער גרופּע ווײַבער, איז פֿאַרויסגעלאָפֿן פֿאַר דער פּראָצעסיע, האָט אַרונטערגעכאַפּט פֿון זיך די זײַדענע, קאָלירטע פּערסישע שאַל, און זי אויסגעשפּרייט אין שטויב אויפֿן שטיינערנעם וועג, אַז דאָס אייזעלע זאָל אַריבערטרעטן דערויף, און זי האָט געהאַלטן אין איין בוקן זיך פֿאַר דעם רײַטנדיקן רבין. נאָך א רגע, האָט זיך געדאַכט, וועט זי אײַנגאַנצן זיך אוועקלייגן אויף די שטיינער, אַז דאָס אייזעלע זאָל אַרויפֿ־טרעטן אויף איר. זי האָט נאָכאַנאַנד געפּאַטשט מיט די הענט און גע־רופֿן: „זעט, זעט, ווער עס קומט! דער מלך קומט אין זײַן פּראַכט!”.

דאָס איז געווען אַזוי ווי א צייכן. און יהודה איש־קריות איז עס געווען דער ערשטער, וואָס פֿון זײַן מויל איז עס אַרויסגעגאַנגען דאָס שרעקלעכע גרויסע וואָרט. ווען ער איז צוגעקומען און האָט דערזען די פּראָצעסיע מיט דעם רײַטנדיקן רבין אַרויסקומען פֿון דער שטיי־נערנער וואַנט, וואָס האָט באַגלייט דעם גאַנצן וועג אַראָפּ פֿון הר־הזתים, איז ער אַרײַנגעפֿאַלן אין אַזא התלהבות, אַז ער איז פֿאַרויסגעלאָפֿן פֿאַר דער פּראָצעסיע, האָט אַראָפּגעכאַפּט פֿון זיך זײַן מאַנטל און אים אויס־געשפּרייט פֿאַר די פּיס פֿון אייזעלע. ער האָט זיך געבוקט טיף פֿאַרן רײַטנדיקן רבין, האָט צוגעפּאַטשט מיט די הענט און אויסגעשריען:

„געלויבט איז דער, וואָס קומט אין דעם נאָמען פֿון דעם האַר גאָט! הושענה אין דער הויך! געלויבט איז דאָס קעניגרײַך פֿון אונזער פֿאָטער דוד, וואָס קומט אין דעם נאָמען פֿון דעם האַר גאָט! הושענה אין דער הויך!”

ווען די באַגלייטער האָבן דערהערט דאָס וואָרט אַרויסגיין פֿון יהודהס מויל, זענען זיי ווילד געוואָרן פֿאַר פֿרייד, ווי דאָס וואָרט „דאָס קע־ניגרײַך פֿון דוד” וואָלט אַרײַנגעדרונגען אינעווייניק אין זיי, ווי א גײַסט, וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסשרייען פֿון זיי. זיי האָבן שוין איצט געלאָזט פֿאַלן די פּסוקים פֿון תהלים און פֿון די נביאים, וואָס זיי האָבן געהאַט געזונגען. זיי זענען אַרויס פֿון דער פּראָצעסיע און אַנטקעגנ־געשפּרונגען דעם קעניג, וואָס קומט אַרײַנצורײַטן קיין ירושלים איבער־צונעמען די ממשלה פֿון גאָט, האָבן געשטרעקט צו אים די אייל־בירט־צווײַגן. און שמעון האָט אויסגערופֿן פֿאַר זיי אַלע:

„געלויבט איז דער קעניג, וואָס קומט אין נאָמען פון דעם האַר גאָט! שלום אין הימל, כבוד אין דער הויך!"

נאָר פלוצלינג איז עפּעס וואָס געשען. די פּראָצעסיע איז איצט אַרויסגעקומען פון דער שטיינערנער וואַנט, וואָס האָט פאַרשטעלט דעם אָנבליק פון ירושלים, איז אָנגעקומען צופוסנס פון הר־הזתים. און פאַר די אויגן פון די אָנקומענדיקע האָט זיך אויפגעעפנט, ווי פאַר א פונאַנדערגערוקטן פאָרהאַנג, דאָס הערלעכע בילד פון ירושלים. ירושלים איז געווען געגליכן צו א הירש, וואָס שפּרינגט איבער בערג. די שטאָט האָט זיך געהויבן אין דער הייך און גענידערט אין די טאָלן מיט אירע הײַזער, פּאַלאַצן, טורעמס, ציטאַדעלן, מויערן און בית־מקדש־דעכער. עס איז געווען די ערשטע מיטאָג־שעה. די יונגע פרילינג־זון האָט געהערשט איבערן גרויסן, ברייטן הימל און האָט, ווי א הון איבער הינדעלעך, מיט אירע ווײַס־שימערדיקע הימל־פליגל באַשירעמט און באַשיצט די שפּיצן און די טאָלן פון ירושלים. די שטאָט האָט אויסגעקוקט ווי זי וואָלט נישט געבויט געווען אויס שטיין און קאַלך, נאָר אויס זילבער. אויף פיל דעכער פון ירושלימער הײַזער האָבן זיך געפונען וואַסער־זאַמלונגען אין ציסטערנען. די וואַסער־שפּיגלען פון די דעכער האָבן אָנטקעגנגעשלאָגן זייער ליכט צו די הימלען אַרויף, שימערירט מיט רעגנבויגן־פאַרבן; די זילבערנע הײַזער זענען געווען אײַנגעפאַסט, ווי א יוועל, אין די קייטן־מויערן, וואָס האָבן אַרומגעהאַלטן ירושלים ווי גאַרטלען. אָבער ירושלים, ווי א ווילדער טײַך, האָט געבראָכן די דאַמבן־מויערן, אין וועלכע מען האָט זי געוואָלט האַלטן אײַנגעצוימט, און זיך געגאָסן אַרויף אויפן הר־הצופה — צום וועג אַרויס קיין בית־לחם, איז אַריבער די מויער פון דער אַנטאָניא, געקראָכן אויף גי־זיתא. פון די מויערן האָבן זיך געהויבן, ווי גרויסע בריסטן, די טורעמס און די וואַך־שלעסער. העכער פון אַלע האָבן אַרויסגעשטיגן הורדוסעס טורעם־שלעסער. אָבער די גאַנצע שטאָט, די הײַזער, די שלעסער, די מויערן, זענען, ווי אַן אונטערטעניקע אַרמיי, געלעגן צופוסנס פון דעם פלאַמענדיקן הר־הבית. דער בית־מקדש מיט זײַנע גאָלדענע טויערן, מיט זײַנע גאָלדענע גאַניקעס און דעכער האָט געפלאַקערט אין דער זון ווי פײַער. ער האָט אויסגעקוקט פון צופוסנס פון הר־הזתים נישט ווי ער וואָלט באַשטאַנען פון בנינים, געבויט פון מענטשלעכע הענט, מיט ערדישע מאַטעריאַלן, נאָר ווי א דערשײַנונג, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון הימל, — פלאַמענדיקע ווענט, פלאַמענדיקע טויערן, פלאַמענדיקע דעכער. פון מיטן האַרץ פון דעם גאָלדענעם הויז איז אויפגעגאַנגען א זײַל רויך. זײַן אָנהויב איז געווען געלער פלאַם און זײַן עק איז געווען א דורכזיכטיקער, גרויער וואָלקן, אין וועלכן עס האָבן זיך געקנוילט טיפע, בלויע רינגען פון געדיכטן רויך. די גאַנצע דערשײַנונג פון בית־המקדש איז געווען פאַרן אויג אומערדיש, פרעמד, נישט־פאַרשטענדלעך, הימלדיק. נאָר איבער דער הימלישער דערשײַנונג פון בית־המקדש האָט

געוואַכט אַ הויכער, שטיין־גרויער ציטאַדעל, וואָס האָט מיט זײַן פּרעכן, הויכן טורעם זיך געהויבן ווי אַ שפּיז אין הימל אַרײַן איבער אַלע געבײדעס פֿון בית־המקדש און באַשאָטנט גאָטס הויז מיט דער מאַכט פֿון זײַן פֿויסט, וואָס האָט זיך שווער געלייגט איבערן בית־המקדש.

די גאַנצע פּראָצעסיע איז געבליבן שטיין אַ ווײַל בײַם אָנבליק פֿון ירושלים. ווי אַ רייפֿער, פֿולער מילגרוים, איז ירושלים געוואַקסן אויף די בערג פֿון ציון אין די טעג פֿון יום־טוב. טרערן פֿון פֿרייד און פֿון צער האָבן געפֿינקלט אין אַלעמעס אויגן. די הענט האָבן זיך געהויבן צום הימל. די ווײַבער האָבן אַרויסגעגעבן פֿון זיך חדוה־יללות: „אָ, ירושלים!". אויך דער רבי האָט אַ ווײַל אײַנגעהאַלטן זײַן אייזעלע. ער האָט געקוקט אויף ירושלים, אויפֿן בית־המקדש. אַלץ איז שטיל געוואָרן, האָט פֿאַרהאַלטן דעם אָטעם. צוויי גרויסע טרערן האָבן אַרויסגעשפּראָצט פֿון זײַנע אויגן און געקוילערט זיך איבער זײַנע באַקן. ער האָט געפֿילט, וואָס מיר אַלע האָבן געפֿילט אין דער מינוט. אונזערע נשמות זענען געווען דערלייזט און האָבן געקאָנט זיך באַהעפֿטן אין זײַנער. מיר זענען אַלע צוזאַמענגעגליט געוואָרן צו אונזער רבינס טרער און צו זײַן געבעט: „אָ, גאָט, דערבאַרעם זיך איבער ירושלים!"

נאָר איין מינוט האָט געדויערט די הפסקה. רײַט דען נישט דער קעניג אַרײַן אין די טויערן פֿון זײַן שטאָט — אדומס מאַכט צו צעברעכן ווי אַ שטעקן, צו באַפֿרײַען דעם געבונדענעם, צו פֿאַרטיליקן די זינד, אָפּצווישן די עוולה און אָנצוצינדן אַ נײַ ליכט איבער דער וועלט? מלך ביפֿיו תחזנה עיניך, — דעם קעניג אין זײַן שיינקייט זעען דײַנע אויגן! און ווידער האָבן זיך געהויבן די הושענות, עס האָבן זיך באַשאָטנט די גרינע צווײַגן, וואָס זענען אויסגעשטרעקט געוואָרן צו אים פֿון אַלע זײַטן.

„געלויבט איז דער קעניג, וואָס קומט אין דעם נאָמען פֿון האַר גאָט! שלום אין הימל, כבוד אין דער הייך! הושענאַ!"

„געלויבט איז דאָס קעניגרײַך פֿון אונזער פֿאָטער דוד, וואָס קומט אין דעם נאָמען פֿון אונזער האַר גאָט! הושענאַ, אין דער הייך!"

אַז מיר זענען אַראָפּגעקומען צום נחל־קדרון, האָבן מיר אָנגעטראָפֿן אויף פֿיל פֿרעמדע לײַט, וועלכע האָבן געהויזט הינטער די מויערן צוליב דעם געדרענג אין שטאָט פֿון די עולי־רגלניקעס. דאָס רוב מענטשן, וואָס מיר האָבן אָנגעטראָפֿן אויפֿן וועג איבערן הר־הזתים, זענען אויך נישט געווען קיין ירושלימער, נאָר פֿון די ווײַטע פּראָווינצן. זיי האָבן נישט געהערט פֿון דעם רבין פֿון גליל און נישט געוואוסט, וואָס די פּראָצעסיע שטעלט פֿאָר מיט זיך. אייניקע פֿון זיי זענען מיטגעגאַנגען פֿון נײַגיריקייט, ווען זיי האָבן דערהערט דאָס שרעקלעכע וואָרט, אַז דאָ באַגריסט מען אַ קעניג, וואָס קומט קיין ירושלים. דאָס מלכות בית־דוד האָבן זיי נישט געוואוסט ווי אַזוי צו נעמען, אויף אַן ערנסט אָדער אין שפּאַס. די פֿון זיי, וואָס זענען געווען פֿריער אין ירושלים און בײַגעווען צוזאַמענ־

לויפן אין די גאַסן, אויפּרודערונגען אין בית־מקדש־הויף, — האָבן גע־וואוסט מיט וואָס דאָס שמעקט. זיי האָבן נאָך געפּילט די שמיץ פון די ריטער אויף זייערע לײַבער, וואָס זיי האָבן באַקומען פון די אויפזעער פון בית־המקדש, אָדער די מעסער־שטעך פון די רוימישע וואַכן אין בית־מקדש־הויף. זיי האָבן געוואוסט, אז אַזעלכע מאַניפעסטאַציעס האָבן זיך געווײנלעך געענדיקט מיט קרבנות, וואָס די רוימישע וואַכן האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך אויף די בריקן פון ירושלים אָדער אין בית־מקדש־הויף צו וואַלגערן זיך אין זייער אייגענעם בלוט. זיי האָבן זיך דערשראָקן פאַר די געפערלעכע ווערטער, און איינער האָט געוואָרנט דעם צווייטן:

— השומר נפשו ירחק מהם! — האָט אַ באַבילאָנער אויסגערופן און זיך געלאָזט לויפן, נאָכשלעפנדיק נאָך זיך זײַן לאַנגן, געקניפּטן באַבילאָנישן סדין, וואָס ער האָט אים אָנגעטון לכבוד ירושלים.

— איך שפּיר דעם טויט אויף אַ מײַל, לאָמיר בעסער נישט זײַן דערבײַ, — האָט אַ שרונער ייד געוואָרנט זײַן משפּחה, וועלכע האָט געהויזט אין אַ געצעלט בײַם וועג, וואָס דער רבי איז פאַרבײַגעגאַנגען, — שמעון, דוד, דאָ בלײַבט, — האָט ער גערופן צו זײַנע זין, וועלכע האָבן זיך געריסן נאָכצוגיין נאָך דער פּראָצעסיע.

אָבער דאָס איז אַלץ געווען ביז דער צוג האָט אַרײַנגעמאַרשירט דורך דעם מיסט־טויער אין דעם אונטערשטן טייל שטאָט. קוים איז ער אַרײַנגעקומען אין די ענגע געסלעך, וועלכע האָבן זיך געשלענגלט פאַזע דוד המלכס טויער, זענען די לײַט ארויס פון די לעכער, וואָס זיי האָבן פאַרנומען אין דער מויער, און פון די הייף. עס זענען גע־ווען צווישן זיי פיל פאַרבער, אייל־מישער, גאַרבער. פון דער פונדקא פון די אייזל־ און קעמל־טרײַבער זענען ארויסגעקומען פיל טרײַבער. אין וואַסער־געסל האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער פּראָצעסיע פיל וואַסער־טרעגער מיט ליידיקע אָדער פולע לאָגלען וואַסער, וואָס זיי האָבן גע־טראָגן אויף די פּלייצעס. זיי האָבן, אין אָנהויב, זיך אָפּגעשטעלט, פאַר־וואונדערט אויף דער מאָדנער דערשײַנונג, געפרעגט איינער דעם אַנ־דערן, וואָס דאָס איז אַזוינס. פון אַ געוועלבל איז ארויסגעקומען אַ קו־פּערשמיד, מיט דעם שטיק קופּער, וואָס ער האָט געהאַלטן אין אויס־שמידן, נאָך אין זײַן האַנט, האָט זיך געשטופּט צו די לײַט און זיך נאָכגעפרעגט:

— זאָגט מיר, גוטע לײַט, ווער איז דאָס דער, וואָס זיי פירן אין בית־מקדש ארויף, אַ רבי זייערער?

— אַ רבי? שוין איינמאָל אַ רבי! דו דערקענסט אים נישט? דאָס איז דאָך דער נביא פון נצרת!

— וואָס פאַר אַ נצרת? ווער האָט דאָס געהערט, אַז פון גליל זאָל קומען אַ נביא?

— יאָ, דאָס איז דער גלילער, וועלכער פלעגט אָפט קומען אין אונזערע הייף בענטשן די קינדער.

— דעם נביא פון גליל פירן זיי אין בית־מקדש ארויף צו קרויגען פאַר א קעניג! — האָט א טאָכטער ארויפגעשריגן אין דער הייך צו איר מוטער, וועלכע האָט ארויסגעקוקט פון אַן אויסהייל אין דודס אַלטער מויער.

באַלד האָט זיך פארשפרייט דאָס קול ביז צו די טיפענישן פון די ווײַסטסטע לעכער, וואו די אָרעמקייט איז געזעסן, אז מען פירט אין דרויסן אויף אַן אייזעלע דעם נביא פון נצרת אין בית־מקדש־הויף אריַין. און עס זענען ארויס וויַיבער, וועלכע האָבן געהאַלטן אין אויפראַמען און צוגרייטן זייערע חורבהדיקע שטובן אויף יום־טוב, מיט די שטוב־כלים אין די הענט; אַנדערע — מיט זייערע זויג־קינדער ביַי די בריסטן און תנוקות ביַי די קליידער, — און זיי האָבן אַלע זיך אריַינגעלאָזט אין דער פראָצעסיע אריַין. א פארבער, וועלכער האָט געהאַלטן אין פאַרבן א וואָלן געוועבס ביַי זיַין פאַרב־קעסל, האָט דעם פיַיכטן, פריש אין בלוט באַשפריצטן, אין שאַרלאַך איַינגעטונקענעם וועב־שטאָף אויסגעשפרייט אויף דער גאַס פאַר די פיס פון אייזעלע און אליין, באַשפריצט איַינגאַנצן מיט פאַרב, האָט ער זיך אוועקגעלאָזט מיט דער פראָצעסיע. א בשמים־מישער האָט זיַין שטויסל בשמים, וואָס ער האָט געהאַלטן אין שטויסן, אויסגעליידיקט אין גאָס פאַר די פיס פון אייזעלע. דער קופּערשמיד האָט אפילו זיַין שטיק קופּער אַנגעהאַנגען אויפן אייזעלע. עס איז געווען, ווי די לײַט וואָלטן באַזעסן געוואָרן פון דעם פארכישופטן וואָרט, וואָס דאָס מלכות בית־דוד האָט אין זיי אָנגעצונדן. ווי זיי וואָלטן שוין קיינ־מאָל מער נישט באַדאַרפט צוריקקומען צו זייער אָרעמקייט, צו זייער טאָג־טעגלעכער באַשעפטיקונג, האָבן זיי אַלץ געוואָרפן און זיך געלאָזט מיטן צוג. פון א וויַיטן הויף איז געקומען ארויסצולויפן יוסף דער קנעכט, דער, וואָס דער רבי האָט אים געהאָט געטרייסט אין דער פּונדקא פון די אייזל־טריַיבער. ער האָט אודאי געמוזט זיך אוועקריַיסן פון די מיל־שטיינער. אויף די הענט האָט ער נאָך געטראָגן די שטריק און אויף זיַין פּלייצע — דעם הילצערנעם עול, צו וועלכן ער איז געווען צוגע־שפּאַנט ביַי דער מיל־ראָד. און גליַיך ווי עס וואָלט געווען געקומען דאָס גרויסע שמיטה־יאָר, וואָס האָט אים געמאַכט פאַר א בן־חורין, האָט ער מיט א שטורעם, וואָס האָט געיאָגט פון זיַין אויפגעפּראַלטער ברוסט, פון זיַינע צעפּאַטלטע האָר, פון זיַין אויפגעריסענעם מויל, זיך אריַינגע־לאָזט אין דער פראָצעסיע און געהאָלפן מיטשריַיען: „הושענא, אין דער הייך!“ — און געפּאַכעט מיט זיַינע שטריק אין די הענט ווי מיט פּאַלמען־צוויַיגן.

פון דעם געסל, וואָס פירט אַראָפּ צום טיַיכל שלוח, האָב איך געזען ארויסקומען הלל דעם וואַסער־טרעגער, שלעפּנדיק זיַינע פולע לאָגלען אויף די פּלייצעס, איינאיינעם מיט אַנדערע וואַסער־טרעגער. ער האָט

באַלד זיך אָנגעשלאָסן אין דער פּראָצעסיע, פאַרגעסנדיק גאָר צו באַ־פרײַען זיך פון זײַן משא, — און אַזוי האָט ער שוין דעם גאַנצן וועג געשלעפּט די פולע לאָגלען וואַסער אויף זײַנע פּלייצעס.

אַזוי איז עס געווען מיט יעדן געסל. דער צוג איז געוואַקסן. דאָס קול איז פאַרויסגעגאַנגען פאַר אים און האָט אויסגערופן: „זיי פירן דעם נביא פון נצרת אין בית־מקדש אַרויף!" און די מענטשן זענען אַרויס אויף דער גאַס. אין וועבער־געסל האָבן די וועבער פּשוט אָפּגעשפּאַנט זייערע נאָך נישט פאַרטיקע וועב־שטאָפן פון די פאַכן פון די וועבשטולן און זיי אויסגעשפּרייט איבער דער גאַס. ווען דאָס אייזעלע איז אָנגעקומען מיטן רבין אין דעם ענגן געסל, האָט עס זיך געטראָגן ווי אויף אָנגעשוואָלענע כוואַליעס פון אַ שוימענדיקן ים. קאָלירטע, האַלב־פאַרטיקע וועב־שטאָפן זענען געווען אויסגעלייגט אויפן ברוק פון גאַס. פון די געזימסן פון די הײַזלעך, פון די טירן, פון די פענצטער־לעכער, פון די געוועלב־לײַסטלעך האָבן אַראָפּגעפלאַטערט טיכער און לײַלעכער, וועלכע האָבן אינאיינעם מיט זייער פרייד אויך מאַניפעסטירט זייער אָרעמקייט. וואו נאָר אַ פרוי האָט פאַרמאָגט אַ יום־טוב־קלייד, אַ שטיק פון איר חופּה־אויסשטײַער, אַ זילבערנעם פאַסעק, אַ קאָלירטן טוך, אַ האָר־שלייער, אַן אויסגעהאָפטענעם שווייס־טוך, האָט זי עס אַרויסגע־בראַכט פון איר באַהאַלטענעם קאַסטן און עס אויפגעהאַנגען אויף די לײַסטן און שוועלן פון איר טיר, אויסגעשפּרייט אויפן ברוק פון גאַס אָדער אָנגעהאַנגען אויפן אייזעלע. דאָס אייזעלע, באַהאַנגען מיט די קליידער, פירנדיק אויף זײַן רוקן דעם רבין פון נצרת, האָט אַן שרעק געשטעלט מיט שטאָט זײַנע טריט אויף די שטאָפן, ווי עס וואָלט גע־שוועבט אויף וועלן. דער עולם איז שוין איצט, מחמת דער ענגשאַפט פון די גאַסן, צוזאַמענגעקוועטשט געוואָרן אין איין אויסגעקנאַטענער מאַסע, — מאַן, ווײַב, קינד, געזונטע און קראַנקע, — פאַכנדיק ווער מיט אָפּ־געשלאָגענע אייל־בירט־צווײַגלעך, ווער מיט די הענט, און אַלע האָבן זיי געשריגן און גערופן מיט עקסטאַז. און אַזוי האָט דער צוג, ווי אַן אײַנגעפּרעסטער טײַך, זיך איבערגעגאָסן פון איין ענגן געסל אין דעם אַנדערן, און אין יעדן געסל איז דער צוג געוואַקסן, געוואָרן אַלץ מער אָנגעשוואָלן, ביז דאָס אייזעלע איז דערגאַנגען צו די גאַסן־טרעפּ, וואָס פירן פון דעם אונטערשטן טייל שטאָט אין בּרייטן מאַרק אַרײַן.

דער ברייטער מאַרק איז באַלעבט געווען — ווי נאָר ירושלים אין די יום־טוב־טעג. די קרעמער האָבן געהאַט אַרויסגעשטעלט זייערע סחורות אויף די טישן פאַר זייערע קראָמען און פאַרלייגט אַ האַלבן מאַרק. דער מאַרק איז אָבער אָנגעפּאַקט געווען מיט פרעמדע עולי־רגלניקעס, מיט די עלצטע פון משפחות, מיט אָנפירער פון חברותאס, מיט גרופּעס לאַנדסלײַט אויס די נאָענטע און ווײַטע פּראָווינצן, וועלכע זענען אַרויסגעקומען צו דעם באַרימטן מאַרק צו מאַכן די לעצטע אײַנ־קויפן פאַרן יום־טוב. אַנדערע זענען געקומען אהער צו פאַרקויפן זייערע

סחורות, וואָס זיי האָבן געבראַכט אויף זייערע קעמלען קיין ירושלים; נאָך אַנדערע זענען געווען נישט מער ווי נאָר צוקוקער פון דעם רוישן און קאָכן פון דעם שלל מענטשן אויס אַלע לענדער. א האַנדל־וואַנדל איז אָנגעגאַנגען ביי די טישן פון די גאָלדשמידן, — די ווייבער האָבן אהין געבראַכט זייערע מענער צו קויפן פאַר זיי רינגלעך, קייטלעך, פּערפום־פלאַקאָנען, דיאַדעמס און ברוסט-צירונג. די ווייבער האָבן אויס־געלייגט זייערע געפּאַרבטע שטאָפן, די שוסטער — זייערע סאַנדאַלן. די וויין־הענדלער האָבן געהאַט זייערע וויין־קריגן אויסגעשטעלט אויף די שוועלן פון זייערע געוועלבער, אזוי אויך די פּערפומען-מאַכער.

דער צוג, מיטן רבין אויפן אייזעלע אין פראָנט, געפירט פון שמעון בר־יונה, מיט די תלמידים און מיט דער אָרעמקייט פון דעם אונטערשטן טייל שטאָט ארויס, — דער צוג האָט זיך אריינגעגאָסן אין מאַרק אריין, ווי אויפגעקאָכטע, טיפע פאַרבן אין א קעסל הייס וואַסער. באַלד איז דער גאַנצער באַלעבאַטער מאַרק באַפאַרבט געוואָרן פון די ענטוזיאַסטישע משיח־באַגלייטער, וועלכע האָבן געזונגען, פאָכענדיק מיט די ריטער, וואַרפנדיק קליידער און שטאָפן פאַר די פיס פון אייזעלע, פּאַטשנדיק מיט די הענט אַרום זייער רבין. זינגענדיק די געפערלעכע סטראָפע: „גע־לויבט איז דער קעניג, וואָס קומט אין נאָמען פון דעם האַר גאָט!" — האָבן זיי אריינגעוואָרפן די קרעמער אין א פּאַניק, פאַרוואַנדלט דעם רואיק־ האַנדלענדיקן מאַרק אין אַן אויפגעקאָכטן, אויפגעברויזטן טייך. פלינק האָבן די וויין־הענדלער, די האַניק־סוחרים אריינגעכאַפּט זייערע קריגן אין זייערע געוועלבער אריין, וואָרעם פיל קריגן זענען שוין גע־ווען צעטראָטן מיט די פיס פון די משיח־באַגלייטער, וואָס האָבן אַלץ געשטראָמט אַרויס פון די ענגע געסלעך אַרום דעם מאַרק. דאָס רוב מענטשן אויפן מאַרק זענען געווען פון די פרעמדע, — באַבילאָנער, פעניציער, אַנטיאָכיער, קורינער. די פרעמדע זענען נשתומם געוואָרן, האָבן נישט געוואוסט, וואָס דאָס איז אזוינס. זיי האָבן זיך געווענדט צו די ירושלימער מיט פראַגעס: וואָס באַדייט דאָס אַלץ? וועמען פירט מען דאָס אין בית־המקדש ארויף מיט אַזעלכע ענטוזיאַסטישע אויסגעשרייען?

— אין כלום! — האָט א ירושלימער סדין־סוחר זיי בארזאיקט — דאָס זענען גלילער אויפרודערער, וואָס פירן זייערס א רבין אין בית־מקדש אריין. מיר דערקענען זיי אין זייער אויסשפּראַך. מיר זענען דאָ, אין ירושלים, שוין געוויינט דערצו. יעדן יום־טוב פירן זיי א משיח אין בית־מקדש ארויף. זייער חלק וועט זיין דער שטעקן, די רוט און די שווערדן פון אדום.

— יאָ, די וואָכן שטייען שוין אויסגעשטעלט.

אָבער אויפן מאַרק האָבן זיך געפונען גלילער, — פישער פון מגדל, בית־צדיה און כפר־נחום, מילנער פון נעים און פגה, — און פון אַלע אַנדערע שטעט און דערפער און הייפן, וואו דער רבי פון גליל האָט באַוויזן זיינע נסים און געטרייסט די לייט. געהערט און געזען, אז מען

פירט אויף זייער רבין, זייערן א לאַנדסמאַן, אין בית־מקדש אַרײַן צו קרוינען פאַר קעניג, — פאָטער אין הימל! — אַזוי האָבן זיי אויסגעטון זייערע זאַק־קליידער, געוואָרפן זייערע גאַרטלען אין דער הייך, ווי הייסן בליי, זיך אַרײַנגעגאָסן אין שטראָם פון די באַגלייטער מיט געשרייען:

— אונזער נביא, דער נביא פון נצרת, וואָס איז אין גליל!

זיי האָבן מיטגעשלעפּט מיט זיך די לײַט פון בית־שען, פון טבריה, די אַלע לײַט פון עמק־יזרעאל. זיי האָבן גערופן צו די אַנדערע לײַט, וועלכע זענען געשטאַנען אויפן מאַרק און האָבן זיך צוגעקוקט צום שפּיל:

— קומט, לאָמיר אויפגיין מיט זיי אויפן הר־הבית! מיטן הויך פון זײַן מויל וועט ער פאַרטיליקן אדום!

— אדום מיט די בני־הורדוס, מיט די בני־עלי, און אַלע די, וואָס דריקן דעם אָרעמאַן. ווי קורח בשעתו וועט ער זיי אין דער ערד פאַרזינקען.

— ווי אַזוי וועט ער דאָס מאַכן? מיט וואָס פאַרא חילות?

— חילות? די חילות פון הימל שטייען אים גרייט צו דינען. האָט ער דען נישט מיט א בלויזן באַריר פון זײַן האַנט קראַנקע, געליימטע לײַט בײַ אונז געזונט געמאַכט? און האָט ער נישט מיט צוויי ברויט טויזנטער לײַט געזעטיקט? — האָט א בית־צידהנער געשריגן.

— און מיט א באַפעל פון זײַן מויל האָט ער נישט בײַ אונז רוחות פון די לײַט אַרויסגעטריבן? זיבן משוגעים האָט ער געהיילט און פינף קרעציקע לײַט האָט ער ריין געמאַכט. און דרײַ בלינדע זענען זעעוודיק געוואָרן.

— און בײַ אונז אויף א חתונה האָט ער דען נישט וואַסער אין ווײַן פאַרוואַנדלט? — האָט אַ מאַן פון פגה געזאָגט — קומט אין אונזערע מקומות, וועט מען אײַך פאַרציילן, ווער דער נביא פון נצרת איז. יאָ, אויך פון גליל קאָן אויפשטיין א נביא! — האָט ער מיט שטאָלץ אויסגערופן.

— ע־ע־ר, ער איז אונ־ז־ונזערער, פון כפר־נחום, — בײַ אונז, בײַ אונז! — האָט אַ שטאַמעלדיקער פישער פון כפר־נחום געשלאָגן זיך אין האַרצן אַרײַן — פון אונז... בײַ אונז — לײַט געהיילט... גויים אפילו גלויבן אין אים... א רוימישער עלצטער! — מער האָט ער נישט געקאָנט פון זײַן מויל אַרויסברענגען און האָט זיך פאַרכלינעט.

— מיט דעם בליק פון זײַנע אויגן וועט ער די הימלען שפּאַלטן! און די חילות פון גאָט וועלן אַראָפּקומען צו קעמפן פאַר אים, ווי עס שטייט אין פסוק געשריבן.

— אוי, פאָטער אין הימל, רוימס שווערד איז געשאַרפט אויף יום־טוב! — האָט אַן אומגלויביקער אַרײַנגעוואָרפן א וואָרט פון ספק אין דעם ענטוזיאַסטישן עולם פון עולי־רגלניקעס — מיר האָבן שוין געזען אַזעלכע זאַכן. יהודה גלילער האָט אויך געוואָלט די ישועה ברענגען

צופרי. די וועגן זענען באזייט געוואָרן מיט געקרייציקטע יידן!

— רוימס שווערד וועט שטומפּיק ווערן! ע ר וועט זי צעברעכן ווי אַן אָפּגעשרפהטן שטעקן! ער וועט אדומען פאַרוואַנדלען אין שטויב און אַש, און אַלע זיינע פריינד מיט אים! קומט, לאָמיר אויפגיין מיט אים צום הר־הבית און צוזען דעם וואונדער פון גאָט מיט אונזערע אויגן.

זיי האָבן, די פּראָסטע גלילער, אָנגעשטעקט די שרונער, די חברונער, די בית־לחמער, די פון טאָל פון ישפט און די פון די בערג פון יהודה מיט די נסים און נפלאות, וואָס זיי האָבן פאַרציילט פון זייער רבין. און ווען דער צוג האָט זיך אַריינגעריסן פון דעםברייטן מאַרק איבער די בריקן און די קרומע געסלעך צו די אַריסטאָקראַטישע, אויס־געפלאַסטערטע גאַסן און פּלעצער פון דעם אויבערשטן טייל שטאָט, איז עס שוין נישט געווען מער קיין צוג פון בלינדע, לאָמע קאַליקעס, א צוג פון פּראָסטע אָרעמעלייט פון דעם אונטערשטן טייל שטאָט, א צוג פון תלמידים, וואָס פירן זייער רבין אין בית־מקדש אריין. עס איז געווען א פּראָצעסיע פון נאָך ישועה אויסגעהונגערטע, נאָך אויסלייז דאָרש־טיקע, פון א געפּייניקט און געמאַטערט פאָלק, וואָס אין זיין פאַרצווייפ־לונג קלאַמערט זיך עס אין דעם גלויבן אין זיין גאָט און גייט נאָך א נביא און א דערלייזער צום הייליקסטן פּלאַץ, אויף וועלכן דער אויס־געבענקטער וואונדער פון זיין דערלייזונג זאָל ווערן וואָר...

און אזוי האָט דער רבי פון נצרת אויסגעזען, ווען, איינגעהילט אין זיין טלית, מיט די אויגן געווענדט צום הימל, מיט זיין תפילהדיקן פּנים, מיט זיינע צום בענטשן אויסגעשפּרייטע הענט, איז ער אין שפּיץ פון אַן עקסטאַז־פאַרכאַפּטער, רוישנדיקער מאַסע אַריינגעריטן ווי אַן אָרע־מאַן אויף זיין אונטערטעניק אייזעלע אין די אַריסטאָקראַטישע, אויס־געפלאַסטערטע פּלעצער פון דעם אויבערשטן טייל שטאָט. אויך דאָ האָט דער יום־טוב ארויסגעלויכטן פון אַלע ווינקעלעך. נישט אָבער מיט רוישנדיקע מאַסן, וואָס פילן איבער די גאַסן, ווי אין די אָרעמע טיילן שטאָט. דאָ האָט מען דעם אָנקומענדיקן יום־טוב ארויסגעזען אין די פאַרבנרייכע, זיידענע דיוואַנען, אין די ווייס־געוועבטע איידעלע טיכער, מיט וועלכע די באַלקאָנען, די טויערן, די אַריינגענג אין די פּאַלאַצן זענען געווען באַהאנגען, וואָס עס האָט עדות געזאָגט, אז עס זענען געקומען אהין געסט און מען פּראַוועט פאר זיי סעודות. פרומע, טונקעלע ציפּ־רעסן האָבן זיך געוויגט אריבער די צוימען, פיין־געפּלעגטע פּאַלמען האָבן באַצירט די אַריינגענג. פאר די טויערן פון די פּאַלאַצן האָבן זיך געוויזן גרופּעס באַדינער, וועלכע זענען געקומען ארויסצולויפן אין דרויסן ארויס אויף דעם רויש פון דער מענגע, וואָס איז מיט ליאַרעמ־דיקע אויסרופן ארויפגעקומען, מיטן רבין אין דער שפּיץ, פון די געס־לעך אין דער נידער. אויף די טעראַסן־דעכער האָט זיך דאָ און דאָרט באַוויזן א פיין־פריזירטע באָרד פון א מאַנספאַרשוין, אָדער דער האָר־שלייער פון א פרוי. מיט שרעק און דערשטוינונג האָבן זיי ארונטער־

געקוקט צו דער גאָס אַראָפּ, זיך געוואונדערט, וואָס עס איז דאָס פאַר א מאַניפעסטאַציע. דערזען אָבער דעם מאַן, רײַטנדיק פּאָרויס אויפן אייזעלע, האָבן זיי זיך באַרואיקט און גענומען לאַכן איבער דער מאָד־דער דערשײַנונג. פון איין טעראַסע האָט א פריילעכע געזעלשאַפט יונגע־לײַט זיך געמאַכט לוסטיק בײַם דורכמאַרש פון צוג, טײַטנדיק מיט די פינגער אויף דעם ענטוזיאַסטישן עולם. בײַ אַנדערע אַרײַנגענג האָט מען פון זיכערקייט וועגן אַרויסגעשטעלט וואַכן פון דינער און קנעכט — צו־ריקצוהאַלטן דעם געדרענג פון דעם גלילישן און עם־הארצישן פעבל פון די פאַלמען, וואָס איז אזוי שווער אויפצוציען אין דעם קאַלטן ירושלימער קלימאַט, אז דער פעבל זאָל נישט אָפּברעכן קיין צווײַגן צו טראָגן זיי פון דעם רבינס כבוד וועגן, ווי זיי האָבן שוין דאָס געהאַט געטון מיט די פאַלמען פון אַנדערע רײַכע הײַזער.

דער אויפמאַרש פון דעם גלילישן רבין צום בית־המקדש האָט, קאַנ־טיק, קיין גרויסן אײַנדרוק אין דעם אויבערשטן טייל שטאָט נישט גע־מאַכט. מען האָט דאָרט העכסטנס זיך אַמוזירט מיט דער פאַרבנרײַכער פּראָצעסיע. דורכגייער אין די גאַסן האָבן זיך אָפּגעשטעלט א ווײַלע, האָבן אַרויסגעמורמלט זייער אנטוישונג, וואָס מען לאָזט גאָר אזעלכעס צו אין ירושלים, און זיך געגאַנגען ווײַטער זייער וועג. קיינער אָבער האָט דער פּראָצעסיע נישט געשטערט. אפילו די וואַך פון כהנישע קנעכט און פון רוימישע לעגיאָנערן, וועלכע זענען איבער די יום־טעג געווען אויסגעשטעלט פאַר דעם גרויסן פּאַלאַץ פון כהן גדול כּיפא, האָבן דעם צוג אדורכגעלאָזט אומגעשטערט. זיי האָבן נאָר אָפּגעהיט, אז דער פעבל זאָל זיך נישט אַרײַנרײַסן אין טויער אַרײַן און נישט צעטרעטן די בייטן גרינס און די בלומען-רייען, אויך נישט אָנרירן די פאַלמען־צווײַגן, וואָס דעם רבינס באַגלייטער האָבן געהאַט צו זיי גרויס חשק. דאָ, פאַר דעם פּאַלאַץ פון כּיפא, האָט די מאַסע באַגלייטער נאָך העכער געהויבן זייערע שטימען. אזוי ווי זיי וואָלטן געוואָלט דראָען דעם פאַרהאַסטן הויז פון חנן, האָבן זיי אויסגעשריגן:

„געבענטשט זאָל זײַן דער, וואָס קומט אין נאָמען פון האַר גאָט! הושע־נאָ אין דער הייך!"

איך האָב נאָר באַמערקט, ווי דער אָנפירער פון דער כהנישער וואַך, מיט דעם שווערן בלײַ־שטעקן אין זײַן האַנט, האָט אַרײַנגעברומט אין זײַן געדיכטער שוואַרצער באָרד אַרײַן, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ פאַר אויפרעגונג, וואָס מען לאָזט הײַנט צו אזאַ אומאָרדענונג. ער האָט געמוזט קריגן א שטרענגן באַפעל נישט צו שטערן די מאַניפעסטאַציע מיט מאַכט, וואָרעם ער האָט מיט קיין פינגער נישט א ריר געטון זי צו פאַר־ווערן אָדער פונאַנדערצוטרײַבן, וואָס עס האָט אונז אַלעמען שטאַרק גע־וואונדערט. דאָס זעלבע איז אויך געווען, ווען די פּראָצעסיע איז אָנגעקו־מען פאַר די ערנסט הויכע מויערן פון דעם חשמונאים פּאַלאַץ. מען האָט געוואוסט, אז דער „אַלטער פוקס", ווי מען האָט גערופן הורדוס אַנטיפּאַ,

געפינט זיך שוין אין פּאַלאַץ, אַז ער איז, באַגלייט פון אַ גרויסער סוויטע, שוין אָנגעקומען קיין ירושלים אין צײַט. די פּראָקוראַטאָרן האָבן פאַרוואַנדלט דעם הורדוס־פּאַלאַץ אין דער פּראָקוראַטאָריע, האָבן די הורדוסשע פּרינצן, ווען זיי זענען געקומען קיין ירושלים, באַוואוינט דעם אַלטן חשמונאים־פּאַלאַץ. דער אַרײַנגאַנג אין פּאַלאַץ איז געווען שווער באַוואַכט מיט רוימישע לעגיאָנערן, אָנגעפירט פון אַ רוימישן אָפיציר, וואָס דער טעטראַרך האָט מיטגעבראַכט אין זײַן סוויטע פון טבריה. אָבער אויך דאָ האָט די וואַך אומגעשטערט אַדורכגעלאָזט די מאַניפעסטאַציע, האַלטנדיק נאָר די מאַסע אַ טפח אָדער צוויי אָפּגערוקט פון די מויערן. דאָ און דאָרט האָט אַן אשקלונער אָדער סירישער לעגיאָנער אָפּגעלאַכט און חוזק געמאַכט פון דעם רבין, וואָס מען האָט באַגלייט מיט אַזאַ פּאַראַד, געטײַט אויף אים מיט די פינגער און נאָכגעשריגן מיט שפּאָט: „דאָס פירן זיי דעם יידישן קעניג אין בית־מקדש אַרויף". און אַזוי ווי צו באַשטעטיקן זייערע רייד, האָט די מאַסע באַגלייטער איצט נאָך העכער ווי פריער געזונגען, טאַנצנדיק פאַר דעם רבינס אייזעלע, שאָקלענדיק מיט די אייל־בירט־צווײַגן: „געלויבט איז דער קעניג, וואָס קומט אין נאָמען פון דעם האַר גאָט!"

דאָס וואָרט, וואָס האָט אָנגעקלאַפּט אין די שווערע מויערן, האָט אוודאי נישט דערגרייכט צו די אינעווייניקסטע חדרים; מען האָט דאָרט, אינעווייניק, אוודאי גאָרנישט געהערט און גאָרנישט געזען. נאָר איבער דעם הויכן טעראַסע־טורעם פון דעם חשמונאים־פּאַלאַץ, פון וועלכן מען האָט געקאָנט אַראָפּקוקן אין דעם בית־מקדש־הויף, האָבן אָנגעהויבן ציטערן און באַוועגן זיך, ווי זילבער אין דער זון, גלאַנצנדיקע טראָפּייען און פענער פון הורדוסשן הויז, — זיי האָבן באַצירט דעם פּאַלאַץ יעדעס מאָל, ווען דער טעטראַרך איז דאָרט געווען. צווישן די פלאַטערדיקע פענער האָט זיך באַוויזן אַ קאָפּ, וואָס האָט מיט נײַגיר און דערשטוינונג אַרונטערגעקוקט אויף דער רוישנדיקער מאַסע באַגלייטער. איז עס געווען דער קאָפּ פון דעם טעטראַרך, וואָס דאָס אומהיימלעכע וואָרט „דודס הויז", אויפרייצנדיק זײַן דינאַסטיש בלוט, האָט אַרויסגעבראַכט פון זײַן מנוחהדיקן זון־לאַגער, וואָס ער האָט אָפּגעהאַלטן מיט זײַנע לײַט אויף דער טעראַסע פון פּאַלאַץ־דאַך, צוצוזען מיט צערודערטן שרעק די פּראָצעסיע צום בית־מקדש־הויף? אָבער דער קאָפּ האָט זיך באַוויזן נישט מער ווי אויף איין מינוט: קאָנטיק, אַז דער אָנבליק פון דעם מאַן, וואָס די מאַסע האָט באַגלייט, האָט אים פאַרזיכערט, אַז פאַר דעם־אָ האָט ער נישט געהאַט וואָס צו שרעקן זיך.

די מאַסע איז דערווײַל וואָס אַמאָל אַלץ מער געוואַקסן. דאָס קול וועגן דעם, אַז מען פירט דעם נביא פון נצרת, וואָס איז אין גליל, אָנצוהויבן זײַן לאַנג־צוגעזאָגטע מלכות־שמים, האָט דערגרייכט אַרונטער אין דעם טאָל פון די קעדרון־טאָל... וואָס איז געווען אין מערב־זײַט פון ירושלים. איבער די גאַסן־קאַנאַלן האָבן אָנגעהויבן אַרויפשטראָמען פון

דאָרטן מאַסן מענטשן, וועלכע זענען געווען פּאַרנומען בײַ זייערע מלאכות אָדער בײַם האַנדל. אויך פֿון דעם שעפּסן־מאַרק, אין צפֿון־זײַט, וואָס איז געווען, איצט, פֿאַר יום־טובֿ, אוודאי פֿול מיט קונים און שעפּסן־הענדלער, זענען געקומען אָנצולויפֿן פֿיל פֿרעמדע שעפּסן־טרײַבער און שעפּסן־סוחרים. דאָס רובֿ אָנגעלאָפֿענע האָבן גאָרנישט געוואוסט, ווער עס איז דאָס געווען דער „נבֿיא פֿון נצרת", וואָס מען פֿירט אים אַזוי מיט פּאַראַד אין בית־מקדש אַרײַן. זיי האָבן צום ערשטן מאָל געהערט זײַן נאָמען. זיי זענען אָבער אָנגעשטעקט געוואָרן פֿון די ענטוזיאַסטישע אָנהענגער זײַנע, וועלכע זענען געווען געקומען פֿון די שטעט, וואָס דער נצרתער האָט דאָרט באַוויזן זײַנע נסים און געדרשנט אין די שולן. זיי האָבן מיטגעריסן די פֿרעמדע לײַט מיט זייערע האָפֿענונגען, וואָס זיי האָבן געלייגט אויף זייער לאַנדסמאַן, וואָס זיי פֿירן אים איצט אין בית־מקדש אַרײַן זיי צו רעאַליזירן. די מערסטע צושטראָמער זענען אָבער נישט געווען קיין ענטוזיאַסטישע מיטמאַכער, נאָר נײַגעריקע באָאָבאַכטער, וואָס מען האָט זיי צוגעזאָגט אַן אומגעוויינלעכע דערשײַנונג. זיי האָבן, דעריבער, געפֿאָדערט בײַ זייערע ענטוזיאַסטישע צוריידער דעם נבֿיאס נסים. „נו, ווען וועט ער שוין די הימלען שפּאַלטן?" — האָבן זיי געפֿרעגט איינס בײַם אַנדערן. און די באַגלייטער האָבן זיי פֿאַרזיכערט, אַז דאָס וועט געשען, ווען דער רבי וועט דערגרייכן דעם בית־מקדש־הויף. זײַנע אָנהענגער האָבן אַזוי אַרום דעם אויסערגעוויינלעכן אויפֿטו פֿון זייער רבין ווי אַ משכון אײַנגעלייגט בײַם גרויסן ערבֿ־רבֿ, וואָס איז אָנגעלאָפֿן בײַצוזײַן די פֿאָרשטעלונג, וואָס דער נבֿיא וועט באַווײַזן.

דערווײַל אָבער האָט דער מאַן אויפֿן אייזעלע, וואָס האָט אויפֿגעוועקט אַזעלכע אויסערגעוויינלעכע האָפֿענונגען, זיך אויפֿגעפֿירט גאָרנישט ווי אַ מלאך, וואָס איז אַראָפּגעקומען פֿון הימל און האָט אין זײַן מאַכט אַלע קרעפֿטן פֿון דער ערד און פֿון הימל, — נאָר ווי אַ געוויינלעכער בשר־ודם, ווי אַן אָרעמער רבי פֿון דער אומבאַוואוסטער, פֿאַרלאַכטער פּראָווינץ־שטאָט נצרת, וואָס זײַנע אָרעמע, גראָבֿ־יונגישע אָנהענגער באַגלייטן דאָס אים אין בית־מקדש אַרײַן. דער רבי, זיצנדיק אויפֿן אייזעלע, אײַנגעהילט אין טלית, וואָס זײַנע לאַנגע ציצית זענען אַראָפּגעהאַנגען ביז צו די פֿיס פֿון דעם אייזעלע, איז, וואָס מער ער האָט זיך דערנענטערט צום בית־המקדש, אַלץ מער אַרײַן אין דבֿקות. זײַנע אויגן האָט ער געהאַלטן פֿאַרמאַכט, ווי ער וואָלט מיט זיי אין זיך אַרײַנגעקוקט. זײַן פּנים איז וואָס אַמאָל בלייכער געוואָרן, און זײַנע ליפּן האָבן אַלץ נישט אויפֿגעהערט צו באַוועגן זיך אין אַ תּפֿילה. ווי ער וואָלט אינגאַנצן געווען אַוועקגעגאַנגען אין אַן אַנדער, אין אַ הימלישער וועלט, האָט ער גאָרנישט געזען, וואָס עס איז געווען אַרום אים. דעם רבינס האַלטן זיך האָט אָנגעשטעקט די נאָענטסטע באַגלייטער, זײַנע תּלמידים. זיי האָבן זיך פֿרום געשטעלט אַרום דעם אייזעלע, ווי בײַ אַ תּפֿילה,

פֿאַרמאַכט די אויגן בדחילו ורחימו, מכוון געווען זייערע כוונות מיט דעם רבינס, שאָקלענדיק מיט זייערע אָפּגעפּאַלענע איילבירט-צווײַגן פֿאַר אים, ווי סוכות מיט די הושענהס, און גערופֿן אין גרויס ציטערדיקייט: „הושענא, אין דער הויך!" — ווי זיי וואָלטן געוואָלט מיט זייער רופֿן שטאַרקן דעם רבינס הענט אין דער גרויסער, פֿורכטבאַרער זאַך, וואָס ער וועט באַלד באַווײַזן. נישט נאָר זײַנע תּלמידים, נאָר אַלע, וואָס האָבן געגלויבט אין אים באמונה־שלמה, אַז ער איז געשיקט פֿון הימל צו ברענגען די ישועה, זענען איצט, בײַ דעם גרויסן מאָמענט, אָנגעשטעקט געוואָרן מיט דעם ערנסט און מיט דער הייליקייט. זיי האָבן פֿאַרגעסן אַלץ, וואָס עס איז אַרום זיי, און זיך מכין געווען צו זײַן מיט זייער רבין אין איין דעה, די זכיה צו האָבן צו זײַן עדות פֿון די גרויסע הימלישע געשעענישן. פֿיל פֿון זיי זענען אַזוי בלייך געווען, ווי זיי וואָלטן געגאַנגען אין זייער לעצטן גאַנג מיט זייער רבין אין דעם הימלישן לעבן אַרײַן. איך האָב פּלוצלינג באַמערקט צווישן די נאָענטסטע באַגלייטער דעם גר, דעם גריך, אברהם בן־אברהם. זײַן קאָפּ איז, ווי תּמיד, געווען אײַנגעבויגן טיף צו דער ערד, נאָר די ענטוזיאַסטישע פֿרייד האָט אַראָפּגעשײַנט פֿון זײַנע אײַנגעהויקערטע אַקסל. ער איז געגאַנגען האַנט־אין־האַנט מיט הלל דעם וואַסערטרעגער. און ווי הלל דער וואַסערטרעגער, האָט ער זיך אין הייליקן ציטער געשאָקלט. אַזוי ווי ער וואָלט געווען אַ ייִד פֿון זײַן מוטערס טראָגן און פֿון זײַן מוטערס געבערן, איז ער פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון דעם הייליקן מאָמענט און האָט מיטגעפּאָכעט מיט זײַן הושענה, רופֿנדיק אין זײַן פֿרעמדן אַקצענט די העברעישע ווערטער: „הושענא במרום!" — און זײַן גאַנצער, צו דער ערד געבויגענער קערפּער איז דערבײַ פֿול געווען מיט הייליקער באַוועגונג. זיי ביידע, דער גר און הלל, האָבן אָנגעכאַפּט בײַם גאַרטל יהודהן, וועלכער איז אויך געווען פֿאַרכאַפּט אין עקסטאַז, און אַלע דרײַ האָבן זיי זיך גענומען בײַ די הענט און געטאַנצט מיט התפּעלות אַרום זייער רבין. און אַזוי אויך זענען געווען די אַנדערע תּלמידים, — יוחנן, יעקב, בר־תּלמי, וועלכער איז מיט זעעוודיקע אויגן געגאַנגען אַזוי ווי אַ בלינדער. שמעון דער קנאי האָט געבײַלט די פֿויסטן, געביסן די ליפּן, ווי ער וואָלט אַ דונער געהאַט אין זיך. ער איז געווען פֿול מיט דינאַמישער קראַפֿט, וואָס האָט געשלאָגן פֿון אים. און אַזוי איז אויך געווען יוחנן פֿון די זבדיס. נאָר שמעון, שמעון בר־יונה אַליין, וועלכער האָט געפֿירט דאָס אייזעלע, האָט נישט געטאַנצט, נישט געפּאַטשט מיט די הענט און נישט געזונגען: ער איז געגאַנגען ווי אַן עבד פֿאַר זײַן האַר, ווי אַ תּלמיד פֿאַר זײַן רבין. די זכיה און די פֿרייד פֿון דעם הייליקן גרויסן מאָמענט האָבן פֿאַרשנירט זײַנע ליפּן און אויפֿגעעפֿנט די קוואַלן פֿון זײַנע אויגן. ווי די מענער, אַזוי זענען אויך געווען די ווײַבער. זיי האָבן אויפֿגעבלאָזן די באַקן און געקלאַפּט אין זיי, און די אויפֿגייענדיקע, שאַלנדיקע רופֿן, וועלכע

האָבן זיך געהערט פון צײַט-צו-צײַט, האָבן, ווי אייל אויף פלאַקערדיקן פײַער, געוועקט די פרייד, געהויבן די באַגײַסטערונג.
אָבער נישט געקוקט אויף דער פרייד, דעם שטאָלץ, דעם בטחון און דער אמונה, נישט געקוקט אויף דער ליבע און דער איבערגעגעבנ־קייט, וואָס זענען געפלאָסן פון די באַגלייטער צו דעם, וואָס קומט ווי א האַר אַרײַן אין דעם נאָמען פון גאָט אין זײַן הייליקער שטאָט, איז די עניוות פון רבין דאָך געווען גאָר אין לשער, נישט צו פאַרשטיין. ער האָט זיך אויפגעפירט טאַקע ווי אַן עני רוכב על חמור. צוויי מאָל האָט אָפּגענייגט זײַן אייזעלע, אָפּגעהאַלטן דעם גאַנג און געלאָזט אַנדערע פאַרבײַגיין, זיי אָפּגעטראָטן דעם וועג. איין מאָל איז דאָס געווען אין ברייטן מאַרק. פון א זײַטן־געסל איז א חופּה־צוג אים אנטקעגנגעקומען. די מחותנים און די באַגלייטער האָבן געטאַנצט פאַר דער כלה, צום טאַקט פון די פלייטן־שפּילער, און געזונגען: „כלה נאה, כלה יפה!". ווען דאָס פּאַטשן פון די טאַצן און דאָס שפּילן פון די פײַפלעך איז דערגאַנ־גען צו אונז פון דעם געסל ארויס, האָט דער רבי אָפּגעשטעלט דאָס אייזעלע און די גאַנצע מאַסע הינטער אים, און אדורכגעלאָזט דעם חופּה־צוג: די כלה, די טאַנצנדיקע מחותנים, די כלי־זמרים, די באַגליי־טער, מיט אָנגעצונדענע לאָמפּן אין העלן טאָג. די תלמידי־חכמים, וועלכע זענען מיטגעגאַנגען מיטן רבין, האָבן אים דערפאַר געריכט און געזאָגט, אז דער רבי פון נצרת פירט זיך לויטן דין, מחמת אפילו א קעניג שטעלט אָפּ זײַן גאַנג פאַר א כלה. דאָס צווייטע מאָל איז עס אָבער נישט געווען קיין פריילעכער אָפּשטעל. אדומס רשעותדיקע האַנט האָט מיט געוואַלט, מיטן כוח פון שווערד אדורכגעשניטן זיך א וועג דורך דעם האַרץ פון דעם רבינס משיח־וועג. ווען די פּראָצעסיע האָט זיך שוין באַלד געהאַט דערנענטערט צום בריקל, וואָס פירט צו די דרויסנדיקע טויערן פון בית־המקדש־פּלאַץ פון מערב־זײַט, און אונזערע אויגן זענען מיט בענקעניש און האָפענונג געהאנגען אויף זיי, און אונזערע הערצער האָבן אויסגעוואַרט, — איז אומגעריכט געקומען די שטערונג. פון דער זײַט גאַס, וואו עס האָבן זיך געפונען די הורדוסישע טורעם-שלעסער, וועלכע זענען איצט, פאַר יום־טוב, געווען איבער־געפילט מיט פּראָקוראַטאָרישע באַאַמטע, מיט רוימס פּויסט־ און שווערד־יחוס, האָט איצט זיך באַוואויגן א קעגן־צוג פון באַוואָכטע טראָג־שטולן, וועלכע האָבן זיך געאײַלט צום הורדוסשן טעאַטער, וואו עס זענען געגעבן געוואָרן טעגלעכע שפּילן פאַר רוימס באַאַמטע, פאַר די כהנישע און ירושלימער אריסטאָקראַטן. אין די טראָג־שטולן האָבן זיך געמוזט געפינען גרויסע לײַט, אפשר דער אבי־אבות־הטומאה אליין, דער פּראָקוראַטאָר, וואָרעם א שווערע וואַך האָט זי באַגלייט. א הגמון אויף א פערד האָט פאַרויסגעריטן פאַר זיי, און הינטער אים זענען גע־גאַנגען רוימישע לעגיאָנערן מיט אויסגעשטרעקטע שווערדן און גע־מאַכט א וואַרע פאַר זייער עלצט־געזעצטן. די טראָג־שטולן אליין, גע־

טראָגן פון האַלב־נאַקעטע, שוואַרצע קנעכט, זענען באַגלייט געוואָרן פון רויע, גערמאַנישע רײַטער. אָבער פריער נאָך פאַר דעם מיליטערישן צוג איז געגאַנגען די הויזלעכע סוויטע. צוויי טרומפייטן־בלאָזער זענען בעגאַנגען פאַר א באַנדע הויזקנעכט, אָנגעפירט פון א הויז־מאַרשאַל. באַוואָפנט מיט באַמבוס־שטעקנס מיט שאַרפע מעטאַלענע שפּיצן, האָבן די הויזקנעכט אָפּגערוימט א וועג דורך דעם מענטשן־געדרענג פאַר די טראַג־שטולן. ווען עס האָט זיך דערהערט דער טראָמפּייטן־שאַל פון די אויסרופער, וואָס האָט אָנגעזאָגט דאָס אָנקומען פון צוג, זענען אונזערע הערצער שטיין געבליבן. מיר זענען אויסגעגאַנגען אין דערוואַרטונג פון דעם גרויסן, פּורכטבאַרן מאָמענט, וואָס דערנענטערט זיך. מיר האָבן אַלע געמיינט, אז איצט קומט עס אָן, די אזוי לאַנג, אין אזוי פיל טרערן און האָפענונג אויסגעוויטיקטע מינוט פון דער גאולה. אָ, וויפיל דורות זענען עס אָוועק אין אייביקן שלאָף און מיטגענומען אין זייער אומ־באַוואוסטן וועג אַרײַן די איינציקע האָפענונג אויף דעם מאָמענט פון דער ישועה, ווען זיי וועלן ווערן אויפגעוועקט פון זייער שלאָף דורך דעם קול־שופר פון דער גאולה. איצט קומט זי אָן, די מינוט. גאָט וועט אָפּשטעלן דעם גאַנג פון דער צײַט אין דער מינוט, ווען די צוויי צוגן וועלן זיך באַגעגענען. און אָט נעענטערן זיי זיך שוין. מען זעט שוין די ערשטע שפּיצן פון רוימס גאוודיקער מאַכט. עס טרעטן אַרויס די טרעגער פון די תרפים און סימבאָלן. אמת טאַקע, די סימבאָלן און די תרפים זענען באַהאַלטן אין זייערע הילצערנע שיידן פאַר דעם אָנ־בליק פון ירושלים, אָבער דאָך זענען זיי דאָ, זיי קאָנען יעדן אויגנבליק אויפגעפלאַטערט ווערן. און אָט באַלד, ווען זיי וועלן דערגרייכן דעם רבינס אייזעלע, וועט ער זײַן האַנט אויפהויבן, — ניין, נישט מער ווי מיט דעם הויך פון זײַן מויל אַליין וועט ער זיי אין אַש און אין שטויב פאַרוואַנדלען. און די ישועה וועט זיך אָנהויבן, — און אָט שוין וועלן מיר זײַן די עדות פון דעם גרויסן מאָמענט, וואָס פון אים וועט זיך אָנהויבן די אייביקע, קיינמאָל נישט מער אויסלעשלעכע פרייד, די אייביקע גערעכטיקייט. אָבער וואָס איז דאָס? וואָס זעען עס אונזערע אויגן? ניין, עס קאָן נישט זײַן! דער רבי אויף זײַן אייזעלע, געפירט פון שמעון בר־יונה, גייט אָפּ אין א זײַט, קירעוועט זיך אוועק אין א זײַ־טיקער גאַס. אָט שוין ווערט ער, דער שפּיץ פון גאַנג, פאַרשוואונדן! אָפּ־געראַמט איז דער וועג! פּנו דרך, — אָבער נישט פאַר דעם אויסדער־וויילטן פון גאָט, נישט פאַר דעם ברענגער פון דער ישועה, וועלכן מען פירט איצט צום בית־מקדש אַרויף, מיט דעם כוח און דעם רשות פון גאָט אין זײַן האַנט, נאָר פאַר רוימס פרעכן פוס, וואָס טרעט דעם שטאָלץ פון יעקב, פאַר רוימס פויסט און שווערד, וואָס פּײַניקן ישראל. איין אויגנבליק זענען די באַגלייטער געבליבן שטיין, ווי זיי וואָלטן זייערע אויגן נישט געגלויבט, ווי זיי וואָלטן מיט מער האָפן געוואָלט נאָך פאַר־לענגערן, אײַנהאַלטן די אזוי געשווינד אויסגייענדיקע האָפענונג. אָבער

דעם רבינס אָפּנייג פאַר אדומס מאַכט אַנטוישט די מיטלויפנדיקע לײַכטגלויביקע מאַסע. נאָך האַלט נאָך אָן בײַ זיי דער אימפּעט פון באַגייסטערונג, נאָך פאָלגן זיי נאָך דעם רבין, נאָר דער גלויבן און די דערוואַרטונג, וואָס האָבן זיי ווי מיט אַ שניר געהאַלטן אָנגעקניפּט אין נביא פון נצרת, זענען איצט געוועזן פאַרשניטן.

און דאָס איז נאָך נישט געווען אַלץ. צוליב דעם גרויסן געדרענג פון די מאַסן און דער שמאָלקייט פון דער זײַטיקער גאַס, האָט דעם רבינס צוג נישט געקאָנט געגוג פלינק אָפּרייניקן דעם ברייטן דורכגאַנג פאַר דעם רוימישן חייל, און די פאָדערשטע רייען פון דעם רוימישן צוג, די וועג־אויספּעכטער, האָבן זיך באַרירט מיט דעם רבינס אָפּציִענדיקע באַגלייטער. אָן יעדער נויט, נאָר אויס ריינער לוסט צו בלוטפאַרגיסונג, וואָס רוימער האָבן שטענדיק נאָך דעם אַרויסגעקוקט, זענען זיי אַרײַן מיט זייערע שפּיזן אין דער צוזאַמענגעפּרעסטער יידישער מאַסע, וועלכע האָט אָפּגעצויגן מיט אײַליקע טריט אין דעם זײַטיקן געסל אַרײַן. צו הילף די קנעכט, וואָס זיי האָבן זיך אין איר גאָרנישט געגוויטיקט, זענען אָנגעקומען די גערמאַנישע רײַטער. באַלד האָבן אונטער די פיס פון זייערע פערד זיך געוואַלגערט מענער און ווײַבער, נאָך אַלץ מיט די ענטוזיאַסטישע רופן אויף זייערע ליפּן און מיט די איילבירט־צווײַגן אין זייערע הענט. אַ פּאַניק האָט אויסגעבראָכן אין די הינטערשטע רייען פון דעם רבינס באַגלייטער, ווען אַפילו אין פראָנט האָט שמעון געפירט דעם רבין אויף זײַן אייזעלע מיט דער זעלבער ענטוזיאַסטישער פרייד, און אַרום דעם רבין האָט אַלץ געהערשט דער הייליקער עקסטאַז פון זײַנע נאָענטע אָנהענגער. גלײַך ווי עס וואָלט גאָרנישט געווען געשען. עס איז געווען ווי עס וואָלט באַדאַרפט צו זײַן, אַז דער צדיק זאָל טרעטן אויס דעם וועג פון רשע, — האָט אָבער די סצענע אַרויסגערופן גרויס אַנטוישונג צווישן דער צעלאָפּענער מאַסע באַגלייטער. אַ טייל פון עולם, וואָס איז געקומען בײַצוזײַן וואונדער, זענען מיט חוזק און שפּאָט אַרויסגעטראָטן פון צוג און אַוועק. אַנדערע האָבן גערופן צו די ענטוזיאַסטישע באַגלייטער און געפאָדערט פון זיי דעם משכון פון דעם רבינס נסים:

— איז דאָס דער, וואָס איר זאָגט אויף אים: „געלויבט איז דער קעניג, וואָס קומט אין נאָמען פון דעם האַר גאָט”?

— ער האָט געזען, ווי אדומס פוס טרעט אויף אונזער האַלדז, פאַרוואָס שווײַגט ער?

— פאַרוואָס צעברעכט ער נישט אדומס מאַכט, ווי אַן אָפּגעשרפהטן שטעקן, ווי איר האָט אונז צוגעזאָגט?

אַזוי האָבן זיי געפאָדערט דעם רבינס משכון בײַ זײַנע תלמידים. אָבער די תלמידים און די אַנדערע נאָכפאָלגער האָבן נישט געקוקט אויף זייערע רייד און זענען ווײַטער מיט באַגייסטערונג געגאַנגען און זיי האָבן ווײַטער געטאַנצט אַרום דעם רבין, ווי זיי וואָלטן מיט זייער

ענטוזיאַזם געוואָלט אָנצינדן אויפסניי דעם פײַער פון באַגייסטערונג אין דעם עולם, וואָס רוימס קנאַפּל האָט צעטראָטן:

— געלויבט איז דאָס קעניגרײַך פון אונזער פאָטער דוד, וואָס קומט אין נאָמען פון דעם האַר גאָט!

— הושע־נאָ, אין דער הויך!

— געלויבט איז דער קעניג, וואָס קומט אין נאָמען פון דעם האַר גאָט!

אָבער אייניקע פון די לײַט, וואָס האָבן צוגעזען די סצענע, זענען פאַרלאָפן דעם רבין דעם וועג און גערופן צו אים:

— רבי, שרײַ אָן אויף דײַנע תּלמידים! זאָלן זיי אויפהערן ריידן די רייד!

דער רבי האָט זיי געענטפערט און געזאָגט:

— איך זאָג אײַך, אז ווען די וועלן שווײַגן, אזוי וועלן די שטיינער אויסשרײַען!

ווען די תּלמידים האָבן דערהערט דעם רבינס ענטפער, זענען זיי ארײַנגעפאַלן אין נאָך גרעסערער באַגייסטערונג און זיי האָבן נאָך העכער גערופן די רייד, ווי זיי וואָלטן געוואָלט דערמיט מאַכן, אז די שטיינער פון די גאַסן און די ווענט פון די הײַזער זאָלן אויסשרײַען נאָך זיי דאָס געשריי פון דער גאולה. און אויך די אַנדערע האָבן געזאָגט: „לאָמיר וואַרטן און זען, וואָס דער רבי וועט טון, ווען ער וועט אין בית־מקדש ארײַנקומען".

אָבער ווי דערשטוינט און אנטוישט זענען זיי געוואָרן, ווען דער צוג האָט דאָס בית־מקדש־בריקל דערגרייכט, און דער רבי, ווי יעדער אַנדער ייד, איז אראָפּגעגאַנגען פון זײַן אייזעלע, איז ארײַן אין בית־מקדש־געסל, האָט זיך אויסגעמישט מיט דער גרויסער מאַסע פּרעמדע, וואָס האָבן אָנגעפילט דעם בית־מקדש־הויף, — און ער האָט קיין וואונדער נישט באַוויזן! — דער הימל האָט זיך נישט געשפּאָלטן, קיין חיילות האָבן פון דאָרט נישט אראָפּגענידערט, אַלץ איז געווען ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן.

דער מאַן פון דעם אייזעלע האָט אוועקגעפירט צוריק דאָס אייזעלע, וואָס מען האָט געהאַט צוגענומען פון אים, אינאיינעם מיט די קליידער און די טיכער, וואָס די לײַט האָבן דערויף געלייגט. און די, וואָס האָבן צוגעזען דעם מאַן מיט דעם אייזעלע, האָבן געזאָגט:

— די כלי־זמרים האָבן געשפּילט און די מחותּנים זענען געקומען, נאָר קיין חתונה איז נישט געווען!

קאַפּיטל פופצן.

איך בין אים נאָכגעגאַנגען די גאַנצע צײַט אין ירושלים. איך האָב אים נאָכגעפאָלגט אַלע זײַנע טריט. איך האָב געוואָלט אַלץ וויסן וועגן אים, אַלץ דערגיין. איך האָב זיך אויפגעהאַלטן צווישן זײַנע תּלמידים, און וואוהין זיי זענען געגאַנגען, בין איך מיטגעגאַנגען.

נאָכדעם ווי דער גרויסער המון, וואָס האָט אים באַגלייט אין בית־מקדש־הויף, מיינענדיק, אז ער וועט דאָרט באַווײַזן נסים ונפלאות, איז אָפּגעפאַלן פון אים און צוריק אַרײַן אין שטאָט, — האָבן אים באַגלייט נישט מער ווי זײַנע תּלמידים, א צאָל אַנדערע אָנהענגער און די ווײַבער, וועלכע זענען אַרײַנגעגאַנגען אין עזרת־נשים. דאָס געדרענג אין דעם הויף פון די גויים איז דענסטמאָל געווען אין־לשער — פון די פיל עולי־רגלניקעס פון אַלע לענדער. קיינער פון זיי האָט נישט געוואוסט וועגן דעם רבין פון גליל. ער האָט זיך אדורכגעשלײַכט מיט זײַנע תּלמידים אין דעם געדרענג, און קיינער פון דער מאַסע האָט נישט געוואוסט, אז דאָ געפינט זיך צווישן זיי דער, וואָס ערשט מיט א פּאָר מינוט פריער האָט ער געטראָגן די האָפענונג פון ישראל. טייל זענען אפילו אויפמערקזאַם געוואָרן אויף זײַן ווײַס קלייד און אויף דעם געדרענג פון זײַנע סוויטע נאָכפאָלגער. זיי האָבן אָבער געמיינט, אז דאָס איז איינער פון די פיל רביים, וואָס איז געקומען מיט זײַן חברותא קיין ירושלים עולה־רגל זײַן, און זיי האָבן באַלד פאַרלוירן דעם אינטערעס מחמת די פיל אַנדערע טעטיקייטן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין בית־מקדש־הויף און בײַ דער שיינער באַזיליקע פון הורדוס. די באַזיליקע, אין דרום־זײַט פון דעם בית־מקדש־הויף, וואָס אונטער אירע געוועלבטע צעדער־באַלקנס האָבן ווינטער און אין רעגנדיקע טעג זיך אויפגעהאַלטן די חכמים מיט זייערע תּלמידים, איז איצט געווען איבערגעפילט מיט קונים, וואָס האָבן זיך געדרענגט ארום די טויבן־בענק. די בני־חנן האָבן איבערגעפירט פאר די טעג פון פאר יום-טוב זייערע קראָמען פון קליינע קרבנות, וואָס זיי האָבן געהאַט אויפן הר־הזתים, און זיי פאַרלייגט אין דער באַזיליקע פון הורדוס. גרויסע שטײַגן מיט טויבן זענען דאָרט געווען אויסגעשטעלט. און דער פרעמדער עולם, מענער און פרויען, וואָס האָבן געוואָלט זיך רייניקן אויף יום־טוב, כדי צו קענען ברענגען דעם קרבן־פּסח אין ריינקייט, אין דערהויבנקייט, האָבן זיך געשטופּט ארום די שטײַגן און געקויפט ריינִיקונג־קרבנות, וואָס די געזעצטע פון די כהנים־גדולים האָבן, לויט דער נאָכפראַגע, געהעכערט זייערע פּרײַזן. די תּלמידי־חכמים האָבן אַפילו פאַראיבל גע־האַט אויף דעם חלול־השם וואָס מען פאַרוואַנדלט דעם בית־מקדש־הויף אין א מאַרק. זיי האָבן אָבער גאָרנישט געקאָנט אויסריכטן, מחמת די גאַנצע אײַנריכטונג פון די בית־מקדש־קרבנות איז געווען אויסשליסלעך אין די הענט פון דעם כהן גדולס באַמטע. לעבן די טויבן-בענק

זענען געווען אויסגעשטעלט די חלפנים־טישלעך. דער רבי פון גליל האָט צוגעקוקט דעם האַנדל, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין בית־מקדש־הויף, און עס איז געווען צו זען אויף זײַן פּנים, אַז די קנאה פון גאָט האָט גע־ברענט אין זײַן האַרץ איבער דעם, וואָס די כהנים גדולים האָבן פאַר־לייגט זייערע קראָמען אין דעם בית־מקדש־הויף. ער האָט אָבער דעם טאָג גאָרנישט געזאָגט און גאָרנישט געטון.

ווען דער טאָג האָט אָנגעהויבן אָפּנייגן, איז ער אַרויס פון בית־מקדש־הויף; די תלמידי־חכמים זענען נאָכגעגאַנגען נאָך אים. ער האָט זיך דורכגעדרענגט דורך די איבערגעפילטע גאַסן, און קיינער האָט אים שוין מער נישט דערקענט. ער איז אַרויסגעקומען צום נחל־קדרון. ער איז אַרויף אויפן הר־הזתים. איך און מײַן פרײַנד רופוס זענען מיט־געגאַנגען מיט די תלמידים.

אין מיטן וועג האָבן די תלמידים זיך אָפּגעשטעלט, גלײַך ווי דער שלאָג פון הימל וואָלט אויף זיי געפאַלן. זיי האָבן אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן, און זייערע ליפּן זענען געווען פאַרשנירט. איך האָב גע־קוקט אויף יהודהן. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז ער איז קלענער געוואָרן, אײַנגעקאָרטשעט, ווי די קני וואָלטן זיך געווען געבראָכן אונ־טער אים, — נאָך אַ ווײַל, און ער פאַלט אײַנגאַנצן אײַן. זײַן געל פּנים, וואָס איז דורך די לעצטע חדשים אין ירושלים שטאַרק פאַרעלטערט געוואָרן, איז געווען לויז און שלאַבריק, געקאַרבט אין קנייטשן, אַ שטורעמדיקער ים מיט אויפגעבריזטע כוואַליעס. זײַנע אויגן, וועלכע האָבן זיך טיף באַהאַלטן אין דעם געוועב פון די פאַלדן, האָבן זיך אינגאַנצן צוגעשלאָסן הינטער די געדיכטע ברעמען, אַזוי אויך די ליפּן. און אַליין האָט ער אינגאַנצן געציטערט, ווי אַ שטורעם־ווינט וואָלט דורך אים אַדורכגעגאַנגען.

איבער דעם גאַנצן וועג האָבן די תלמידים געשוויגן.

דער רבי איז געגאַנגען פאָרויס מיט ענערגישע טריט. זײַן קלייד האָט זיך געווײַסט אין דער פלינק צופאַלנדיקער נאַכט. ער האָט אויס־געמיטן דאָס אײַנלאַדנדיקע גת־שמן, וואָס האָט איצט אַרויסגעקוקט אין דעם לעצטן שימער פון טאָג מיט זײַנע טונקעלע ציפּרעסן־וועלדלעך און זילבער־שימערדיקע בלעטער פון די אייל־בירט־ביימער. ער האָט זיך אַרײַנגעלאָזט אין דעם קלעם פון די שטיינערנע ווענט, וועלכע פירן צום שפּיץ פון הר־הזתים, צו דער סומנער און טרויעריקער בית־גפנא. אַז דער רבי מיט די תלמידים זענען אָנגעקומען אין דעם הויף פון שמעון דעם צנוע, אין בית־עינה, אין דער אומגעבונג פון בית־גפנא, איז שוין געווען נאַכט. די שטערן האָבן ברייט געשײַנט אין דער קילער פרילינג־נאַכט, און אַ האַלב־פולע לבנה האָט גרויס און רויט זיך גע־שניטן אין הימל און איז געווען אַזוי נאָענט צו דער ערד, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי הענגט איבער איר ווי אַ לאָמטערן. פון דעם מדבר־יהודה איז געקומען אַרויסצובלאָזן אַ וואַרעם־שטיקנדיקער ווינט, וואָס

האָט צוגלײַך אי געקילט, אי באַשלאָגן מיט אַנגסטן פון שטיקעניש. פון דער ווײַטנס האָט מען אין דעם לבנה־שימער געקאָנט אפילו זען די שפּיגלען פון דעם ים־המלח, וואָרעם די לופט אין דער נאַכט, אונטער די פינקלדיקע שטערן, איז געווען אזוי קלאָר און לײַכט און דורכזיכטיק, אז מען האָט געזען אויף מײַלן ווײַט.

אין הויף פון שמעון דעם צנוע איז געווען טונקל, אפּנים, אז מען האָט זיך דאָרט נישט געריכט אויפן רבין. אַ טונקל, קאַרג, ערדן אײַל־לעמפּל האָט זיך געלויכטן אין דער טיר פון דעם געצעלט. די תלמידים האָבן געזוכט אײַל אין די כלים. קוים מיט צרות געפונען אַ פּאָר טראָפּן און אָנגעצונדן אַ פּאָר אַנדערע לאָמפּן. דער רבי איז געווען מיד. ער האָט זיך אוועקגעלייגט אויף אַ בעטל אין אַן אינעווייניקסטן חדר אויסצורוען זיך, און די תלמידים האָבן געזוכט שפּײַז — אַ סעודה פאַר דעם רבין פאַרצובערייטן. שמעון דער צנוע איז געווען אַן אָרעמאַן, און זײַן קאַמער איז געווען ליער. זיי האָבן דאָרט נאָר געפונען אַ זעקל מיט אַרבעס. אַ פּאָר פון די תלמידים זענען ארויסגעגאַנגען אין דעם אויבסטגאָרטן און האָבן אין דער טונקל פון דער נאַכט אויסגעריסן דאָרט אַ פּאָר סאַלאַט־בלעטער און אַ פּאָר יונגע, קליינע מערן, וועלכע זענען נאָר וואָס קוים רייף געוואָרן. מיט בלעטער־ווייסטע שטעכערס און געטריקנטן מיסט האָבן זיי מיט שוועריקייט אַ פײַער אָנגעצונדן אין דעם שטיינערנעם אויוון אין הויף און האָבן אין אַן ערדענער כלי אָפּגעקאָכט אַ געריכט פאַרן רבין.

די תלמידים האָבן געגרייט צום טיש. זיי האָבן געבראַכט פון אַ ציסטערנע וואַסער אין אַ כלי. דער רבי האָט געוואַשן זײַנע הענט און געזעצט זיך מיט זײַנע תלמידים צום אָרעמען מאָלצײַט. זיי האָבן דערלאַנגט די ערדענע כלי מיטן געקעכץ פון אַרבעס אויפן טיש. און דער רבי האָט אָפּגעריכט זײַן געבעט און אײַנגעטונקען זײַן האַנט אין דער כלי און ארויסגענומען מיט זײַן האַנט אַ פּאָר פון די געזאָטענע אַרבעס־באַבעס און האָט געגעסן. און נאָך אים האָבן די תלמידים אײַנגעטונקען זייערע געוואַשענע הענט אין דעם ערדענעם געפעס און ארויסגענומען הויפנס אַרבעס־באַבעס און געגעסן.

און דער רבי איז געווען שטיל בײַם טיש. קיין תורה האָט ער נישט געזאָגט, נאָר ער איז געווען פאַרטראַכט אין זיך די גאַנצע צײַט. און ווי זיי זענען געזעסן אזוי בײַם טיש, האָט די טיר זיך אויפגעעפנט און עס איז אַרײַנגעקומען מרים. איר פּנים איז געווען אויפגעדעקט און עס איז געווען יונג ווי אַמאָל, נאָר אירע האָר זענען שוין געווען שניי-ווײַס, ווי אַ טויב, און זי האָט געשײַנט אין דעם גלאַנץ פון חסד. זי האָט געהאַלטן אין דער האַנט אַ קליין קריגל פון אַלעבאַסטער און זי האָט אויסגעגאָסן דעם אײַל, וואָס איז געווען אין דעם קריגל, אויפן רבינס קאָפּ. ווי דער אײַל איז ארויסגעקומען פון דעם קריגל, אזוי האָט ער פאַרכאַפּט דאָס גאַנצע הויז מיט זײַן טיפן, שווערן ריח, וואָס איז געווען

ווי דער ריח פון גן־עדן. און א באַוועגונג איז געוואָרן צווישן די תּלמי־דים און זיי האָבן אויסגערופן איינער צום אַנדערן: „נישט אַנדערש נאָר דאָס איז דער טײַערער נאַרד!“ און נאַרד איז געווען דער אייל, וואָס מען האָט געזאַלבט מיט אים די מלכים בײַ זייער מלוכה, אויך די פירשטן צו זייער קבורה, און זײַן פּרײַז איז געווען דרײַ הונדערט דינאַרן דאָס געוויכט. און זיי האָבן גאַרנישט געוואוסט, אַז מרים האָט אין איר באַהעלטעניש אזא טײַערן אוצר, און זי האָט עס נישט ארויסגעגעבן אויף אַרײַנצולייגן אין דער קופּה אויף צו שפּײַזן די אָרעמעלײַט.

און ווי די תּלמידים האָבן דערזען די איילונג און דערשפּירט דעם ריח, האָבן זיי גערעדט איינער צום אַנדערן און האָבן געזאָגט: „צו וואָס זאָל אזא שאָדן געמאַכט ווערן? דער אייל האָט געקאָנט פאַרקויפט ווערן פאַר פיל געלט און צו די אָרעמעלײַט געגעבן ווערן“. און מרים איז געשטאַנען, פאַרשעמט פאַר די רייד, וואָס זי האָט געהערט פון די תּלמי־דים. און דער רבי האָט געזאָגט:

— פאַרוואָס זענט איר די פרוי מצער? זי האָט א גוט ווערק פאַר מיר געטון. די אָרעמעלײַט האָט איר שטענדיק מיט אײַך, אָבער מיך האָט איר נישט שטענדיק. וואָרעם ווען זי האָט דעם אייל אויף מיר אויס־געגאָסן, האָט זי דאָס געטון פאַר מײַן קבורה.

און ער איז אַרײַנגעגאַנגען אין זיך און ער האָט געזאָגט ווי צו זיך אַליין: „אַצינד איז מײַן זעל באַטריבט. און וואָס זאָל איך זאָגן? פאָטער, העלף מיר פון אָט דער שעה ארויס! אָבער איך בין פונדעסטוועגן צו אָט דער שעה געקומען“. און צו די לײַט, וועלכע זענען געווען ארום אים, האָט ער געזאָגט:

— און איך, ווען איך וועל אויפגעהויבן ווערן פון דער ערד, אזוי וועל איך אַלע מענטשן צו זיך ציען.

ווען עס איז שפּעט אין אָוונט געווען, האָבן זיי פאַר זייער רבין אויסגעבעט א געלעגער אונטער דעם באַלקן פון שמעונס שטוב, וואָרעם ער איז מיד געווען. און די תּלמידים זענען ארויסגעגאַנגען און זיי האָבן זיך געלייגט אין הויף וואו נאָר זיי האָבן געפונען אן אָרט, יעדערער אונטער א צודעק פאַר דער קעלט פון דער נאַכט, וואָס האָט געוויט פון מדבר אהער. און יהודה איש־קריות, און שמעון הקנאי, און נאָך אַנדערע פון די תּלמידים זענען ארויפגעגאַנגען אויף א בוידעם פון א שײַער איבערצונעכטיקן די נאַכט. איך בין מיטגעגאַנגען מיט זיי. עס איז געווען שפּעט צו מײַן רבין אהיימצוגיין, וואָרעם בית־עינה איז געלעגן א שעה און האַלב גאַנג פון דער שטאָט.

אין דער נאַכט איז פאַרוואָגלט געוואָרן דער שלאָף פון מײַנע אויגן. און איך האָב נאָכגעטראַכט וועגן די מעשׂים, וואָס איך האָב געזען פון דעם רבין פון נצרת דורך דעם טאָג, און איך האָב געלאָזט אדורכ־גיין דורך מײַן קאָפּ אַלע ווערטער, וואָס ער האָט געזאָגט: וועגן דעם בית־מקדש, וואָס וועט צעפּירט ווערן, און וועגן די זאַלבן פאַר זײַן

קבורה. איך האָב די ווערטער נישט פאַרשטאַנען, און עס איז מיר געווען טרויעריק אין מײַן געמיט. און איך האָב מיר געטראַכט: האָבן מיר נישט געהערט פון דער תורה, אז משיח וועט אייביק לעבן? און ער זאָגט: אז דער בן־אדם מוז אויפגעהויבן ווערן. ווער איז דער בן־אדם?

און ווי איך האָב געטראַכט, אַזוי האָבן געמוזט אויך די אַנדערע טראַכטן. און איך האָב געהערט, ווי יהודה, דער מאַן פון קריות, ליגט אויף זײַן געלעגער, צוגעדעקט מיט זײַן זאַק־הילע, און קרעכצט. און לעבן אים איז געלעגן שמעון דער קנאי און ער איז אויך נישט געשלאָפן. און ער האָט זיך אָנגערופן צו יהודהן:

— יהודה, יהודה, פאַרוואָס קרעכצסטו? און פאַרוואָס איז אַזוי טרויעריק דײַן געמיט?

האָט יהודה אים געענטפערט:

— האָסטו נישט געהערט דעם האַרס רייד וועגן דעם זאַלבן פאַר זײַן קבורה און וועגן זײַן אויפהויבן זיך פון דער ערד?

און שמעון האָט אים אָפּגעענטפערט:

— איך האָב זיי געהערט אַזוי ווי דו. זיי זענען דיזעלבע רייד, וואָס ער האָט געזאָגט דענסטמאָל אין פיליפּי, ווען ער האָט זיך געגעבן צו דערקענען צו אונז ווי משיח. און ווי דענסטמאָל קאָן איך זיי אויך איצט נישט פאַרשטיין. מיר האָבן געמיינט, אז עס קומט אָן דער טאָג פון אייביקער פרייד, דער טאָג פון אייביקן לעבן, דער טאָג פון דער גאולה, וואָס אונזערע עלטערן און מיר האָבן אַזוי אויסגעקוקט אויף דעם. און איצט, ווען דער טאָג דערנענטערט זיך און קומט אָן, זאָל ער ווערן פאַר אונז פאַרוואַנדלט אין א טאָג פון טויט און טרויער? דערקלער מיר דעם רבינס רייד!

און יהודה האָט זיך אָפּגערופן:

— שמעון, געדענקסטו נישט, וואָס די תלמידים האָבן געלערנט פון דעם רבינס רייד אין צעזאַריע פיליפּי וועגן די חבלי־משיח, וועגן דעם אײַזערנעם שטאַנג, וואָס דער געזאַלבטער פון גאָט מוז אויף זיך טראָגן, וועגן דער וואָך פון יסורים, וואָס משיח מוז אדורכגיין? זאָלסטו וויסן זײַן, אז די וואָך פון יסורים טרעט אַרײַן, און משיח מוז אדורכגיין אַלע קוואַלן פון פּײַן און צער, כדי ער זאָל אָנקומען צו דער ישועה, וואָרעם די העכסטע פרייד באַרירט זיך מיטן העכסטן צער, די גאולה מיטן עבדות, וואָרעם צער איז די מוטער פון פרייד. ער איז אָנגעקומען צום ציל. פאַרן ציל ליגט דער ים. בײַ דער ערשטער גאולה פון יציאת־מצרים האָבן די יידן געמוזט אדורכגיין דעם ים־סוף. בײַ דער איצטיקער גאולה מוז משיח אדורכגיין דעם ים איינער אליין, פאַר אונז אַלעמען.

— אָבער, יהודה, וואָס איז דער זין פון די יסורים?

— ער איז משיח. ער טראָגט די ישועה פון יעדן יחיד באַזונדער. ער ברענגט די גאולה פאַר אונז אַלעמען. איידער ער קאָן אויסלייזן

יעדן יחיד באַזונדער, מוז ער פֿילן די יסורים פֿון יעדן יחיד. ער מוז דורכגרונטעווען דעם צער ביז צו דער קבורה, און נאָך ווײַטער. כדי צו ברענגען די ישועה, מוז ער אַנקומען צו דער שאול־תחתיה.

— יהודה, וואָס רעדסטו? — האָט שמעון אויסגערופֿן אין דער פֿינצטער און צעוויינט זיך.

— וויין נישט, שמעון, פֿריי זיך. ער נעמט אויף זיך די יסורים מיט זײַן אייגענעם ווילן. עס איז אין זײַן האַנט אויסצומײַדן די יסורים. ער האָט די רשותים אין זײַן האַנט. דאָך באַנוצט ער זיי נישט. נאָר ער בייגט אײַן דעם רוקן אונטער דעם יאָך, ווי דער נביא האָט נביאות גע־זאָגט אויף אים: „מײַן לײַב האָב איך איבערגעגעבן צום שלאָגן און מײַן פּנים האָב איך נישט פֿאַרהוילן פֿון פֿאַרשעמונג און שפּײַעכץ". האָסטו נישט געזען, ווי ער האָט אָפּגעזייגט דעם וועג פֿאַר רוימס פּוסטן שטאָלץ? מיט איין הויך פֿון זײַן מויל האָט ער געקאָנט פֿאַרוואַנדלען אדומס פּראַכט אין שטויב. דאָך האָט ער דאָס נישט געטון. נאָר ווי אַן עני און אַן אביון אויף זײַן אייזל, איז ער אָפּגעריטן אין אַ זײַט. ער, דער מלך משיח, דער געזאַלבטער פֿון ישראל, פֿאַר אדומס קנעכט. דאָס איז די גרויסקייט פֿון משיח!

— אָבער ביז וואַנען? ביז וואַנען?

— ביז ער וועט האָבן אויסגעטרונקען דעם כוס פֿון טרערן ביז צו זײַן גרונט, ביז איבער זײַן לײַב וועלן אַדורכגיין אַלע פּײַנען, ביז ער וועט האָבן טועם געווען אַלע פּײַנען און אַלע ליידן, וואָס דער מענטש האָט ווען־עס־איז אויף דער ערד געליטן, און גאָט וועט צו אים זאָגן: „גענוג, מײַן זון! האָסט אָפּגענומען דײַן לוין כפֿל כפֿלים". — און דענסט־מאָל וועט גאָט אויסשטרעקן זײַן רעכטע האַנט און וועט צו אים זאָגן: „זיץ צו מײַן רעכטער האַנט, ביז איך וועל מאַכן די וועלט אַ פֿוס־בענקל צו דײַנע פֿיס".

און שמעון האָט זיך אָנגערופֿן מיט אַ שטאַמלדיקער שטימע, וואָס עס האָט זיך געהערט אין איר דאָס קלאַפּן פֿון זײַן האַרץ:

— וועט ער אויך טועם זײַן דעם טעם פֿון טויט?

— חלילה! — האָט יהודה אויסגערופֿן מיט שרעק — וואָס רעדסטו, משיח און דער טויט? קיינמאָל וועט משיח נישט טועם זײַן דעם טעם פֿון טויט. ער איז אייביק. עס וועט זײַן ווי אין פּסוק שטייט: "הן אדוני ה' יעזר לי. על כן לא נכלמתי, על כן שמתי פני כחלמיש ואדע כי לא אבוש". ער ווייסט, משיח, אַז גאָט וועט אים נישט פֿאַרלאָזן, אַז גאָט וועט אים נישט פֿאַרשעמען.

— אָבער פֿאַרוואָס רוקט ער אָפּ די צײַט? פֿאַרוואָס, ווידער, איז ער אַזוי טרויעריק, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געווען געוווּרעט, חלילה, קעגן זײַן מזל, וואָס איז אים באַשערט? האָסט געהערט, וואָס ער האָט געזאָגט וועגן דער שעה, וואָס קומט?

— כדי משיח זאָל פילן דעם גאַנצן צער פון מענטש, האָט אים גאָט באַשאַפן א בשר־ודם. ער איז ווי איינער פון אונז, און נאָך מער. ער דערפילט דעם צער פיל טיפער און פיל פײַנלעכער ווי יעדער איינער פון אונז. און דו זאָלסט וויסן זײַן, אַז גאָט האָט גענומען די גאַנצע נאַטור פון מענטשן און האָט זי אַרײַנגעגעבן אין מלך־משיח. כדי דער בן־אדם זאָל בכוח זײַן אויפצוהייבן דעם בן־אדם, מוז ער מיט אים אַרונטערלאָזן זיך אין די טיפסטע נידערן, אַז ער זאָל אים קאָנען דערנאָך אויפהויבן צו די העכסטע הייכן. ער איז כולל אונז אַלעמען. אַלע מענטשלעכע בּרואים, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין צלם-אלהים פון אַלע דורות און דורות, זענען אײַנגעזאַפּט אין אים, — זיי מיט אַלע זייערע יצרים. וואָרעם דו זאָלסט וויסן זײַן, אַז די חכמים האָבן געלערנט, אַז דער רבונו־של־עולם האָט באַשאַנקען דעם מלך־משיח מיט דער נאַטור פון יעדן בשר־ודם, אפילו מיט א יצר־טוב און א יצר־הרע, נאָר זײַנע יצרים זענען פיל שטאַרקער ווי בײַם געוויינלעכן בשר־ודם. דורך אים און אין אים פאַראייניקט זיך דאָס הימלישע און דאָס ערדישע, וואָס איז אין דעם מענטשן. און כאָטש וואָס עס איז נוגע די הימלישע ענינים, איז ער גרעסער פון אַלע מלאכים, איז ער אָבער בנוגע די ערדישע ענינים ווי א געוויינלעכער בשר־ודם, ווי יעדערער פון אונז. און כאָטש ער גלוסט נאָך דער ישועה, און זײַן גאַנצע משיחשע נאַטור איז גאולה און רײַסט זיך צו איר מיט זײַן משיחשן ווילן, דאָך שרעקט ער זיך פאַר איר, דאָך וויל ער זי דערווײַטערן פון זיך, מחמת דעם ים יסורים, וואָס ער באַדאַרף אדורכטרעטן אויפן וועג צו דער ישועה. וואָרעם די יסורים, וואָס שטייען אים פאָר, זענען אין לשער. גאָט האָט געוואָלט, אַז פונקט ווי ער וועט דערגרייכן צו דער העכסטער און לעצטער פרייד דורך דער גאולה, אזוי זאָל ער אויך דערגרונטעווען ביז צו דעם טיפסטן און העכסטן אָפּגרונט פון צער. ער זעט שוין דעם פלאַמענדיקן אײַזערנעם שטאַנג, וואָס ווערט אויסגעקאָוועט פאַר אים. ער שטייט און וואַרט אויף אים, אַז ער זאָל אים טראָגן אויף זײַנע פּלייצעס. און ער וויל עס, נעבעך, אָפּרוקן פון זיך אויף א טראָט אָדער צוויי, וואָרעם זײַן נשמה אַנגסט זיך. אָבער קיין אַנדער וועג צו דער ישועה איז נישטאָ, נאָר דורך די חבלי־משיח. דערום מוזן מיר אים צוהעלפן צו דערגרייכן צו זיי.

— יהודה, וואָס מיינסטו? — האָב איך געהערט שמעונס קול, און עס האָט זיך געהערט אין דעם קול דאָס ציטערן פון זײַן האַרץ, און זײַנע אויגן האָבן געגלאַנצט אין דער פינצטערניש פון שײַער מיט א מאָדנעם בליאַסק, ווי א שאַרפע שווערד.

— איך מיין, מען באַדאַרף אים העלפן מקרב צו זײַן דעם קץ.

א טאָפּלט־געדיכטער שאָטן פון א מענטשן איז געבליבן שטיין אין חלל פון דער נאַכט. איך האָב דערקענט אין דעם שאָטן — יהודה איש־קריות.

— יהודה!

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, און אַזוי ווי איך בין געווען, בין איך אַרויס פון שײַער. איך בין געלאָפן מיט אַלע כּוחות אַראָפּ פון באַרג, אין דעם ליכט פון די שטערן, צו דער שטאָט צו. דעם גאַנצן וועג האָט מיך נאָכגעיאָגט יהודהס טאַפּלטער שאָטן.

קאַפּיטל זעכצן

און איך בין געגאַנגען איבער דעם וועג צו מײַן רבין אַהיים, צו דעם איינציקן מענטשן, בײַ וועמען איך האָב געקאָנט געפינען באַשייד און אויפקלערונג, צו דעם איינציקן ווינקל, וואָס האָט מיר געקאָנט צו־ריקגעבן מײַן מנוחה. וואָרעם מײַן האַרץ איז געווען טיף באַטריבט, מײַן נשמה האָט געוויינט אין מיר איבער די רייד, וואָס איך האָב הײַנט געהערט אַרויסגיין פון יהודהס מויל, און איך האָב מיר געזאָגט: פאָטער אין הימל, דו, אונזער באַשיצער און באַהיטער, האָסט געטון דעם חסד מיט דעם אויסוואַל פון דײַן יציר, דעם מענטשן, און דו שיקסט צו אים אַ באַפרײַער און אַ דערלייזער. און פאַרוואָס זאָל עס ווידער אַזוי זײַן? פאַרוואָס האָסטו ווידער אַרומגערינגלט אונזער גאולה מיט צוימען פון שטעכערס און דערנער? פאַרוואָס מוז מען אויסטרעטן דעם וועג צו איר דורך בלוט און פּײַן? דו, וואָס דו ביסט דער קוואַל פון דער לוי־טערסטער פרייד; דו, וואָס דו ביסט דער מקור פון ליבע און פון אייביקן גליק, פאַרוואָס האָסטו אַזוי באַשווערט דעם וועג צו דער גאולה? פאָטער אין הימל, פאַרוואָס זאָל אויך דער, וואָס ברענגט דײַן שליחות צו אונז, פאַרוואָס זאָל אויך ער, מיט דײַן ליכט אין זײַן האַנט, מוזן אַדורכטרעטן דעם וועג צו דער ישועה דורך זײַן אייגן בלוט? פאַרוואָס קאָנסטו אונז נישט געבן קיין פרייד מיט דײַן פרייער, אָפענער האַנט? פאַרוואָס שטעלסטו אונז פאַר אַ צווייטן קריעת־ים־סוף? זאָל איך, חלילה, זאָגן, אַז עס זענען פאַראַן צוויי רשותים, — אַ רשות פון גוטס און אַ רשות פון שלעכטס? און דער שלעכטער רשות מישט זיך, חלילה, אַרײַן אין דײַנע ווערק? דער שר פון אדום האַלט מלחמה מיט דיר אויבן, ווי אדום מיט אונז, דײַנע באַשעפענישן, אונטן? ניין, ניין, ניין! גאָט, וואָס קלער איך? דו ביסט דער איין־איינציקער הערשער און געביטער איבער אַלע הימלען און איבער אַלע וועלטן. דו ביסט דער, וואָס דו ביסט, דער וואָס האָט כּורת־ברית געווען מיט אונזער פאָטער אברהם, און דו ביסט באַקליידט אין דײַנע הבטחות. אָבער פאַרוואָס שטעלסטו אונז אַזוי האַרט אויף דער פּריווונג? ווער זענען מיר, אַז דו זאָלסט אונז שטעלן אויף אַזאַ מדרגה, אַז מיר זאָלן אַליין דורך אונזערע נשמות צו דיר דערגייין? העלף אונז, פאָטער, העלף אונז, לאָז אונז נישט פון דרויסן שטיין!

אזוי האָב איך געטראַכט, און אזעלכע ווערטער האָב איך צו מיר גערעדט, ווען איך בין צוריקגעגאַנגען אויף דעם וועג פון בית־גפנא קיין ירושלים אין דעם פרימאָרגן פון יום־שלישי, וואָס איז געווען דער עלפטער טאָג פון דעם חודש פון אויסלייז, דעם חודש ניסן. אין דריי טעג אַרום וועט אָנקומען דער הייליקער יום־טוב פון יציאת־מצרים. און יעדן יום־טוב פון פּסח באַנייט זיך איבער אונז דער יציאת־מצרים. נישט נאָר אונזערע גופים זענען אין דעם טאָג אַרויסגעגאַנגען מעבדות לחרות, נאָר פיל מער אונזערע נשמות. אין דעם יום־טוב, וואָס שטייט אונז פאַר, וואָס קומט אָן, וועט אונז גאָט נאָכאַמאָל באַפרייען, — און דאָסמאָל וועט די באַפרייאונג זיין אַן אמתע און א שלמותדיקע, די לעצטע און ענטגילטיקע. אזוי טרייסט איך זיך אליין. און איך זע, ווי דער מאָרגנשטערן, וואָס קומט מיר אנטקעגן, שפּאַלט די נאַכט ווי מיט א פייערדיקער שווערד, גיסט ארויס פון זיך צעבערס בלוט־ליכט, — און זיי צינדן אָן די הימלען. עס הויבן אָן ארויסטיילן זיך פון די וואָלקנס פון דער נאַכט די גערטענער און די הייזער. און פּלוצלינג איז פאַר מיינע אויגן ירושלים אויפגעוואַכט געוואָרן, באַגאָסן מיט דעם ליכט פון די ערשטע זון־שטראַלן. איינציקווייז הויבן אָן זיך אויסלעשן די שטורקאַצן אַרום די מויערן פון בית־המקדש. דער דריי־עק פון דעם גרויסן היכל זעט אויס ווי א פלאַקערדיקער באַרג, נאָר איבער אים שטייט דער פויסט פון רוים און האַלט אים אין שאָטן, ווי א רשע איבער א געבונדענעם צדיק, — די פעסטונג אַנטאָניא.

איך האָב געאיילט איבער די אויפוואַכנדיקע געסלעך פון ירושלים צו דעם בית-מדרש פון מיין רבין, וואָרעם עס איז געקומען די צייט, אז איך זאָל מיין רבין משמש זיין.

איך האָב געפונען מיין רבין אין טלית און תפילין. ער האָט גע־האַלטן אין זאָגן דעם מאָרגן־שמע. איך האָב אָפּגעוואַרט ביז ער האָט געענדיקט, און בין, ווי אַ פאַרלוירענע שאָף, אַריינגעפאַלן אין די אָרעמס פון מיין שעפער. איך האָב מיין קאָפּ צוגעטוליעט צו זיין ברוסט און געוויינט פאַר אים און אויסגעגאָסן פאַר אים מיין האַרץ. איך האָב אים פאַרציילט פון אַלעם, וואָס איך האָב איבערגעלעבט דעם טאָג, און וואָס איך האָב געהערט פון גליליער רבינס מויל, און פון די רייד פון יהודה אויפן בוידעם פון שניער, וואָס ער האָט אריינגערעדט אין דעם אויער פון שמעון דעם קנאי. און ווי מיין רבי האָט געהערט וועגן די רייד פון יהודה איש קריות, אזוי איז ער געוואָרן פול מיט כעס, און זיין פנים האָט געברענט ווי פייער, און ער האָט אויסגעשריען:

— די אמתע, גרויסע ישועה וועט קומען נישט דורך יגון, נאָר דורך שמחה, וואָרעם דער, וואָס וועט קומען, וועט קומען מיט דער קראַפט פון גאָט. מלאכים און שרפים וועלן זיין זיינע אונטערפירער, און די חיילות פון הימל וועלן פאָרויסגייען פאַר אים, אזוי ווי די נביאים האָבן אונז נביאות געזאָגט: „זיינע קריגן וועל איך פירן און זיינע קינדער

וועל איך העלפֿן". וואָרעם נאָר אויף איין אויגנבליק האָט ער געצערנט אויף אונז, און אייביק איז זיין רחמים איבער אונז.

און דעמאָלט האָט דער רבי ווידער א ווײַלע געשוויגן, ווי ער וואָלט אַרײַנגעגאַנגען אין זײַנע מחשבות אַרײַן. דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופֿן צו מיר:

— אונזער וועג איז פֿול מיט שטרויכלונגען, ווי דער נביא האָט געזאָגט: „דײַנע בויער און דײַנע צעשטערער וועלן פֿון דיר אַליין ארויסקומען". גרויסע זאַכן געשעען אין אונזערע טעג. דאָך ווייסן מיר נישט, וואָס עס טוט זיך ארום אונז. אָן דעם חסד פֿון גאָט זענען מיר בלינדע, קום, מײַן זון, לאָמיר בעטן צוזאַמען, אַז מיר זאָלן נישט געשטרויכלט ווערן, וואָרעם גאָרנישט באַלײַכט אזוי דאָס האַרץ פֿון דעם מענטשן ווי תפילה. זינט די נבואה איז אָפּגענומען געוואָרן פֿון די יידן, קאָן מען דערגיין צו איר דורך תפילה. וואָרעם תפילה לײַטערט אונז און מיר ווערן דורך איר דערנענטערט צום פֿאָטער אין הימל.

און ער האָט זיך געוואָרפֿן אויף דער ערד, מיטן פּנים צום בית־המקדש, און איך — הינטער אים. און ער האָט געזאָגט א תפילה אין דער שטיל, און איך האָב אים נאָכגעזאָגט וואָרט נאָך וואָרט:

— פֿאָטער אין הימל, באַשאַפֿער פֿון אַלע קרײַטיכער, זע, אַלע הענט שטרעקן זיך צו דיר אין געבעט און אַלע הערצער ציען צו דיר. פֿאַרלאָז אונז נישט אין שעה פֿון נויט. אין דער צײַט פֿון פֿינצטערניש עפֿן אויף אונזערע אויגן. דערבאַרעם זיך איבער אונז, פֿאַרוואַרף אונז נישט פֿון זיך, וואָרעם אָן דיר זענען מיר ווי פּלעווע, וואָס ווערן געטראָגן פֿון ווינט, אָן ציל און אָן ענד. זאַמל אונז ארום דיר, דערנענטער אונזערע הערצער צו דיר, כדי מיר זאָלן פֿאַראייניקן אונזער ווילן מיט דײַנעם און דינען דיר מיט אונזער גאַנץ האַרץ און מיט אונזער גאַנצער נשמה. פֿורעם אונז נאָך דײַן פֿורעם, פֿיל אונז אָן מיט דײַנע מידות. שפּרייט אויס דײַן סוכה פֿון שלום איבער אַלע פֿעלקער פֿון דער וועלט און עפֿן אויף די אויגן פֿון אַלע גויים, אַז זיי זאָלן דערקענען, אַז דו נאָר אַליין ביסט דער אָנהויב און די ענד פֿון אַלע האָפֿענונגען און אַלע פֿאַרלאַנגען פֿון אַלע דײַנע באַשעפֿענישן. אמן!

און עס איז געווען ווי די תפילה פֿון מײַן רבין וואָלט געבראַכט היילונג צו מײַן פֿאַרוואונדעטער נשמה. איך בין געטרייסט געוואָרן פֿון איר. א לויטערקייט איז געקומען איבער מיר, און פֿון מײַנע אויגן און מײַן האַרץ איז אָפּגעטון געוואָרן דאָס הײַטל פֿון ספֿק, וואָס איז איבער זיי פֿאַרוועבט געוואָרן אין דער נאַכט אין בית־עינה. איך האָב זיך געפֿילט ווי א קינד, וואָס איז נאָך א קאַלטער נאַכט אין דרויסן אַרײַנגענומען געוואָרן אונטער דעם באַלקן פֿון זײַן פֿאָטערס שטוב און צוגעדעקט געוואָרן מיט דעם פֿאָטערס בגד.

נאָכדעם ווי מײַן רבי האָט מיט די תלמידים אונטערגעלענט דאָס האַרץ מיט ברויט און איילבירטן, האָט ער זיך אָנגערופֿן צו אונז:

— קומט, לאָמיר אויפגיין צום הר־הבית, וואָרעם צווישן די האַלן חזרט הײַנט איבער רבי יוחנן בן זכאי פאַר זײַנע תּלמידים די תּקנות, וואָס הלל הזקן האָט מתקן געווען וועגן קרבן פּסח, ווען פּסח פאַלט אויס אום שבת. און ווײַל עס איז מענינא דיומא, זאָלן מיר זיי נאָכאַמאָל הערן. מחמת דער פאָרצנטער טאָג אין ניסן פאַלט הײַ־יאָר אויס אום שבת, איז כדי אויסצומײַדן דאָס געדרענג ערבֿ־שבת בײַ די קרבנות, וואָס קאָן, חלילה, ברענגען צו חילול־שבת, זאָלן די רבנים מתּיר זײַן צו ברענגען דעם קרבן-פּסח דאָס יאָר אין יום ה׳ נאָך זון־פאַרגאַנג, וואָרעם די נאַכט געהערט דאָך צום טאָג צו. לאָמיר אויפגיין און הערן, וואָס די רבנים האָבן דעריבער צו זאָגן.

מיר האָבן געטראָגן נאָך אונזער רבין די כּלים און מיר זענען אויפ־געגאַנגען אין דעם בית־מקדש־הויף דורך די איבערגעפילטע גאַסן פון דעם אונטערשטן און דעם אויבערשטן טייל שטאָט, וואָס זענען שוין געווען אויפגעוואַשט און באַלעבט פון די פיל פרעמדע, וועלכע זענען געקומען עולה־רגל זײַן. אַז מיר זענען אָנגעקומען פאַר דעם בריקל, וואָס פירט דורכן טויער צו הורדוסעס באַזיליקע, האָט אונז דער רבי געהייסן אַרויסנעמען אונזערע זעקלעך מיט געלט, וואָס מיר האָבן גע־טראָגן אין די גאַרטלען פון אונזערע מאַנטלען, און זיי איבערגעבן איי־נעם פון אונזערע חברים תּלמידים, וועלכער איז דעם טאָג געווען דער גזבר. און דער רבי האָט געהייסן דעם גזבר, אַז ער זאָל בלײַבן אין דרויסן, וואָרעם מען טאָר נישט באַטרעטן דעם הויף פון בית־מקדש, ווען מען טראָגט אַ בײַטל מיט געלט מיט זיך, — און די מהדרין מן המהדרין טוען אויך אויס די פאַנטאָפל און לאָזן זיי איבער אין דער לשכה, וואָס איז פאַרן טויער, איידער זיי באַטרעטן אַפילו דעם דרויסנ־דיקן הויף, נאָר אַזוי ווי אין ווינטער איז דאָ אַ סכּנה צו פאַרקילן זיך, טרעטנדיק מיט הוילע פיס אויף דער פײַכטער רצפה, האָבן די חכמים מתקן געווען, אַז מען מעג, מחמת סכּנה, באַטרעטן דעם דרויסנדיקן הויף אין די סאַנדאַלן, נישט אָבער מיט בײַטלען און שטעקנס.

אָבער ווי איבעראַשט זענען מיר געוואָרן, ווען מיר האָבן נאָר באַ־טראָטן הורדוסעס באַזיליקע. עס איז אונז אַנטקעגנגעקומען דער רעש און דער גערודער פון דער דינגעניש און דעם האַנדל, וואָס איז דאָרט אָנגעגאַנגען מיט די קליינע קרבנות. קערבּ מיט געפּאַנגענע טויבן זענען געשטאַנען איינע אויף די אַנדערע אָנגעשטעלט. אַ געפּאַקטע מאַסע מענער און טיף פאַרשלייערטע פרויען האָבן זיך געשטופּט און געדריקט אַרום און געדונגען די טויבן פון די הענט פון די כּהנים. לוים אין ווײַסע מיצן האָבן יעדע טויב באַקוקט, איידער מען האָט זי איבערגעגעבן דעם קויפער, צי זי איז אָן אַ מום און איז ראוי צו זײַן אַ קרבן. ווינטער־צײַט, דערהויפּט אין חודש אדר, וואָס איז געווען די צײַט פון אײַנצאָלן דעם שקל פאַר דעם בית־המקדש־אָפּצאָל, האָט דער גזבר פון בית־מקדש-אוצר אַרײַנגעשטעלט אין דער באַזיליקע טישלעך פאַר די חלפנים

אויף צו טוישן אויסלענדישע געלטן. אויך טויבן פלעג מען פון צײַט־צו־צײַט פארקויפן, — דערהויפט פאר די יום־טובים, ווען דער געדראַנג פון די עולי־רגלניקעס איז געווען גרויס, — בײַם אַרײַנגאַנג אין דער עזרת־נשים, בײַם ווײַבער־טויער. דאָ אָבער, אין דער באַזיליקע, וואו עס האָבן דורכן ווינטער זיך אויפגעהאַלטן די רבנים מיט זייערע תלמידים, האָט מען קיינמאָל פריער נישט געזען קיין טויבן־האַנדל. מיר האָבן, דעריבער, זיך געווענדט צו אונזער רבין און אים געפרעגט:

— לערן אונז, רבי. ערשט־וואָס האָסטו אונז געהייסן איבערגעבן די זעקלעך מיט געלט אינעם פון די תלמידים, וואָרעם מען טאָר נישט באַטרעטן אפילו דעם דרויסנדיקן הויף פון בית־מקדש מיט געלט אין זעקל, און דאָ זעען מיר לײַט מיט געלט שטייען בײַ די טויבן־קערב און קויפן אײַן קליינע קרבנות. ווי שטימט עס מיט דער תקנה פון די רבנים?

—דאָס, וואָס איר זעט דאָ, האָט גאָרנישט צו טון מיט די רבנים. דאָס, וואָס איר זעט דאָ, האָט צו טון מיט תקנות פון כהן־גדול און מיט די סגנים פון בית-המקדש. פאר די יום־טובים, כדי לײַכטער צו מאַכן די לײַט, וואָס קומען עולה־רגל זײַן צו ברענגען זייערע רייניקונג־קרבנות, האָבן זיי די חניות פון די בני־חנן, וואָס זיי האָבן אויפן הר־הזתים, פארלייגט אין בית־מקדש־הויף. די רבנים האָבן נישט די מאַכט זיי צו שטערן. די תקנות פון דער בית־מקדש־פאַרוואַלטונג איז אין די הענט פון כהן־גדול און זײַנע סגנים. די אָבער, וואָס הערן זיך צו צו די רייד פון די תלמידי־חכמים, — זיי קויפן אײַן זייערע טויבן אויף די מערק און ברענגען זייערע קרבנות אין בית־מקדש אַרײַן. זיי פילן נישט אָן דאָס הויז פון גאָט מיט געשרייען פון האַנדל, ווי איר זעט עס אָט דאָ, נאָר שוין אפילו אין דעם דרויסנדיקן הויף פון בית־מקדש, וואו עס איז נישט הל די קדושה, פילן זיי אָן די הערצער מיט דער אימה פון גאָט, ווי דוד המלך האָט געזונגען: „שמחתי באומרים לי: בית ה׳ נלך״, — „איך האָב זיך געפרייט, ווען מען האָט מיר געזאָגט: אין גאָטס הויז גייען מיר אויף״. שמחה איז קדושה. און די, וואָס רייניקן זייערע הערצער שוין אין פרוזדור, כדי אַרײַנצוקומען בחדרי־חדרים בקדושה, — אויף די זאָל קומען די ברכה. אַנדערש אָבער איז עס מיט די, וואָס ברענגען זייער געלט אין בית־מקדש אַרײַן צו באַצאָלן זייערע שקלים, אָדער מיט די, וואָס טראָגן זייערע נדבות און זייערע משכנות אין בית-מקדש־אוצר אַרײַן. דענסטמאָל איז עס מער נישט קיין געלט, מיט וועלכען מען קאָן קויפן זאַכן, נאָר עס איז א קרבן, געווידמעט צו גאָט. און ווי אַזוינס, איז עס קודש.

נאָך קוים האָט דער רבי פאַרענדיקט זײַנע רייד פאר אונז אויפן וועג צו די זײַלן־גענג, וואו עס זענען פאַרזאַמלט די תלמידים, קוים זענען מיר נאָך א פּאָר טריט אָפּגעגאַנגען אין דעם געדרענג פון מענטשן,

האָבן מיר דערהערט א גערודער הינטער אונז, א געשריי, א רופן. מיט דערשטוינונג און שרעק האָבן מיר זיך אומגעקוקט. און מיר האָבן דער־זען, אז אין דער באַזיליקע, וועלכע מיר האָבן נאָרוואָס געהאַט פאַר־לאָזט, איז אַן אַנגעלאָף פון מענטשן. דער רבי האָט אפילו געוואָלט אין אָנהויב זיך מאַכן נישט־וויסנדיק איבער דעם גערודער און גיין ווײַטער זײַן וועג, ווי זײַן געוואוינהייט איז געווען. דאָסמאָל אָבער האָט געמוזט געשען עפּעס ערנסטעס, וואָרעם מיר האָבן באַמערקט, אז אפילו פון די אינעווייניקסטע עזרות זענען מענטשן געקומען ארויסצולויפן. מיר האָבן צוגעאײַלט צו דער באַזיליקע. און וואָס האָבן אונזערע אויגן געזען? דער נביא פון נצרת, אײַנגעהילט אין זײַן טלית, נאָך וועלכן די ציצות שלעפּן זיך נאָך, האַלט א געדרייטע שטריק אין דער האַנט, — יאָ, א שטריק, וואָס מען ציט מיט איר ארויף תבואות אין די אויבערשטע שפּײַכערן, אָדער מען שפּאַנט מיט איר א בהמה אין וואָגן אײַן, — און שלאָגט איבער די קעפּ פון די קונים און סוחרים פון טויבן, צעטרײַבט אַלעמען ארום זיך, לאָזט זיך צו מיט אימפּעט צו די טויבן־קערב, עפנט זיי אויף און לאָזט די טויבן פרײַ. די טויבן צעפליען זיך, הויבן אויף א ווינטיקן גערודער מיט זייערע פליגל און שוין קרייזלען זיי אין דער הייך פון דער געוועלבטער באַזיליקע, איבער די קעפּ פון מענטשן, אָנ־וואָרפנדיק שאָטנס מיט זייערע פונאַנדערגעלאָזענע פליגל, און פלאַ־טערן, איין קאָרב טויבן נאָכן אַנדערן, ארויס אין דער פרײַ. אָבער וואָס דער גרויסער וואונדער איז, — מען לאָזט דעם נביא פון נצרת טון, וואָס ער וויל. מיט שרעק און אַנגסט רוקן זיך אָפּ פון אים סוחר און קונה, טרעטן אים אָפּ דעם וועג און לאָזן זייערע געשטעלן און טישן אויף הפקר, אז ער זאָל טון מיט זיי, וואָס ער וויל. אזוי ווי דער שרעק פון גאָט וואָלט זיי געווען באַפאַלן, טרעטן אים אַלע אָפּ דעם וועג. און ער, ווי א ברענענדיקער שטראַל, וואָס איז פון הימל געפאַלן, ווי א שווערד פון גאָט, שנײַדט איבער די קעפּ מיט זײַנע שטריק ,פאַרטרײַבט די לײַט פון דער באַזיליקע ארויס. זיי לויפן פאַר אים מיט אימפּעט, גע־יאָגט פון שרעק.

עס שטייען די אויפּזעער לויים אין זייערע ווײַסע, קורצע הויזן, אין זייערע טוניקעס, די, וואָס זענען געזעצט פון די כהנים צו אונטערזוכן די טויבן, צי זיי האָבן קיין מום נישט. זיי שטייען, פאַרכאַפּט אין שרעק, אָפּגערוקט, אײַנגעקאָרטשעט, בײַ די ווענט פון דער באַזיליקע. עס שטייען די שוטרים, די אָרדענונג־היטער פון בית־המקדש, מיט זייערע בלײַערנע שטעקנס, און ציטערן, בלייך פאַר אימה, און עס ציטערן אויף זיי זייערע בערד און זייערע טראָלדן־האָר, ווי א שטורעמווינט וואָלט דורך זיי אדורכגעגאַנגען. א פּאָר מינוט — און די גאַנצע גרויסע באַ־זיליקע איז שוין אויסגעראַמט און אויסגעליידיקט פון מענטשן, פון סוחרים און קונים. עס וואַלגערן זיך ארום איבער דער באַזיליקע די אויסגעליידיקטע קערב, די איבערגעקערטע טישן און געשטעלן. אַלץ

איז געלאָפן און אנטרונען פון אים, ווי פון דעם שרעק פון גאָט, — און ער איז דער בעל־הבית פון דער באַזיליקע, ער אַליין.

אָבער באַלד טרעט ער ארויס פון דער באַזיליקע. א מינוט שטייט ער אויף דער שוועל און קוקט אַראָפּ אויף דער צוזאַמענגעפלאָכטענער, אײַנגעקנאָטענער מאַסע מענטשן, וואָס קוקן אויף אים, ווי אויף א דער־שײַנונג פון הימל. און ער זעט טאַקע אַזוי אויס. קיינמאָל נאָך האָב איך דעם רבין פון גליל נישט געזען אין דעם ליכט: אײַנגעהילט אין זײַן ווײַסן, פינקלדיקן מאַנטל, וואָס פון אונטער זײַן ברעג האָט מען ארויס־געזען זײַנע באָרוועסע פיס, מיטן טלית פאַרוואָרפן איבער זיך, — האָט זיך געדאַכט, אז ער איז העכער פון אַלעמען. זײַן פּנים איז בלייך געווען, ווי זײַן קלייד. אויך זײַן באָרד, האָט זיך געדאַכט, איז געווען ווײַס, אַלץ אויף אים איז געווען ווײַס. עס איז אָבער נישט געווען: נישט זײַן קלייד, נישט זײַן טלית, נישט זײַן פּנים, אַזוי אויך נישט זײַנע גרויסע אויגן, וועלכע האָבן איצט געשאָטן מיט אייפערדיקער פרייד פון גאָט, וואָס האָט אין די הערצער פון די מענטשן אזא שרעק אָנגעוואָרפן. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אז דורך דער נאַכט, וואָס איך האָב אים נישט געזען, איז עפּעס וואָס געשען מיט דעם רבין פון נצרת, וואָס איז געהיימניס־פול, אומפאַרשטענדלעך, ווי די שטריק אין זײַן האַנט וואָלט געווען די פײַערדיקע שווערד, וואָס דער האַר פון אַלע וועלטן האָט געגעבן אין זײַן האַנט אַרײַן דאָס רשעות פון דער ערד אָפּצוווישן, ווי מיט א בעזעם, די רשעים אונטערטעניק צו מאַכן און זייער געניק צו ברענגען אונטער די פיס פון זײַנע טריט. און אָט הויבט ער אָן זײַן מלכות־שמים. ער האָט עס אָנגעהויבן מיטן אָפּרייניקן דעם בית־מקדש פון די טויבן־סוחרים, און ער וועט ווײַטער גיין. אַלע קוקן אים אָן מיט שרעק: וואָס וועט ער איצט טון? די ניי־אָנגעקומענע, וואָס קענען אים נישט, וואָס זעען אים צום ערשטן מאָל, פרעגן מיט נידעריקע שטימעס די אַנדערע:

— ווער איז ער דאָס? ווער איז ער?

— דו זעסט נישט? א נביא פון גאָט. איז צו אונז געשיקט געוואָרן.

— דאָס איז דאָך דער נביא פון נצרת, וואָס אין גליל.

— דאָס איז אליהו הנביא, וואָס גאָט שיקט צו אונז די בשורה מבשר צו זײַן.

— דאָס איז יוחנן, וואָס איז פון קבר אויפגעשטאַנען.

— דאָס איז דער נביא פון נצרת, דער, וואָס איז געשיקט געוואָרן צו אונז אין אונזערע טעג.

— האָסטו נישט געזען, ווי ער איז נעכטן אויף זײַן ווײַס אייזעלע קיין ירושלים ארײַנגעריטן?

— דאָס איז ער אַליין, וואָס איז געשיקט געוואָרן די גאולה צו ברענגען. דו זעסט די שטריק אין זײַן האַנט? דאָס איז די פײַערדיקע שווערד פון גאָט, מיט וועלכער ער וועט אַלע רשעים אין כּף־הקלע יאָגן. און ער וועט אָנהויבן זײַן מלכות־השמים. וואָס וועט ער איצט

טון? וועט ער מיט זײַן שווערד פאַריאָגן די פּרעכע לעגיאָנערן־וואַכן, וועלכע שטייען אויפגעשטעלט בײַ די טויערן פון היכל?

און אָט טרעט ער שוין, דער נביא, מיט דער שווערד פון גאָט אין זײַן האַנט, אריבער די שוועל פון דער באזיליקע. זײַנע דינע, בלייכע ליפּן ציטערן, עפענען זיך. און פון זײַן מויל קומט ארויס צוגלײַך א געשריי און א געזאַנג, א קול, ווי געבלאָזן מיט דעם שופר פון דער גאולה.

— מײַן הויז, מײַן הויז! א הויז פון תפילה פאר אַלע פעלקער זאָל עס גערופן ווערן. און איר האָט געמאַכט דערפון א הייל פון רויבער.

און ער לאָזט זיך מיט דער שטריק אין זײַן האַנט, אָבער נישט אויף די שטאַרקע וואַכן פון די לעגיאָנען, וואָס שטייען בײַ די טויערן פון די אינעווייניקסטע עזרות, צו נעמען די שווערדן אויס זייערע הענט, זיי אין דער ערד פאַרזינקען, און פרײַ, פרײַ מאַכן דעם וועג צו גאָטס הויז אַרײַן פון דעם רשעס הענט.

און אָט טרעט ער מיט דעם אימפּעט פון גאָט, און זײַן שווערד איז אין זײַן האַנט. די מאַסע טיילט זיך, מאַכט א וואַרע פאר אים. ער גייט צו צו די טישן פון די וועקסלער, וועלכע שטייען אויסגעשטעלט פאר דער טיר פון בית־מקדש־אוצר, — און שוין זענען די טישן איבערגע־דרייט! עס הערט זיך א קלימפּערן פון געלט, געלט קײַקלט זיך אין אַלע זײַטן, נאָר קיינער וואָגט נישט אָנצובויגן זיך עס אויפצוהייבן. אַלע זענען פאַרכאַפּט פון דעם בילד. און פון דעם שרעק פון גאָט באַפאַלן, אַנטלויפן פאר אים די וועקסלער און לאָזן איבער זייערע אוצרות אויף הפקר.

איך האָב דערנאָך זייער פיל נאָכגעקלערט פון דער סצענע אין בית־מקדש־הויף, וואָס איך האָב צוגעזען מיט מײַנע אויגן, און נישט געקאָנט ריכטיק פאַרשטיין, וואָס עס האָט באַדײַט. איך האָב נישט גע־קאָנט פאַרשטיין, פארוואָס זיי האָבן אים געלאָזט דאָס אַלץ טון, און קיינער, קיינער האָט זיך נישט דערוועגט נישט נאָר אים צו שטערן, נאָר זיי זענען אנטלאָפן פאר זײַן אָנגעזיכט, ווי ער וואָלט מיט זײַן דערשײַ־נונג ארײַנגעיאָגט אין זיי די שרעקן פון דער וועלט. אין א פּאָר מינוט ארום איז ער געוואָרן דער איינציקער בעל־הבית, דער איינציקער האַר פון גאַנצן בית־מקדש־הויף. די בית־מקדש־אויפזעער, וועלכע זענען אזוי אייפערזיכטיק אויף זייער פקידות און פירן אויס זייערע פליכטן אַזוי שטרענג און אייפערדיק, גלײַך ווי דאָס האַלטן אָרדענונג אין בית־המקדש וואָלט זיי דירעקט פון גאָט איבערגעגעבן געוואָרן, זיי, וואָס זיי האָבן קיין אײַנזען נישט מיט יונג און אַלט, זענען פּשוט אָפּהענטיק געוואָרן, זיך צעלאָפן אין די ווינקלען און איבערגעלאָזט דעם בית־מקדש פאר אים. אפילו די רוימישע לעגיאָנערן, וועלכע זענען געשטאַ־נען אויף דער וואַך און האָבן מיט בייזער נײַגיריקייט זיך צוגעקוקט צו דער סומאטאָכע, וואָס איז געוואָרן אין בית־מקדש־הויף, זיי, וואָס

זענען תמיד גרייט געווען צו אַרבעטן מיט זייערע קורצע שווערדן אויף מענטשלעכע לײַבער, ווי נאָר עס איז זיי געגעבן געוואָרן די מינדסטע געלעגנהייט, האָבן מיט פאַרוואונדערונג געקוקט אויף זייערע אָנפירער, וועלכע זענען געשטאַנען פּאַסיוו און געשעמט זיך אַרויסצוווײַזן דעם שרעק, וואָס איז זיי באַפאַלן. עס האָט אויסגעזען, אַז נאָך אַ מינוט, ווען ער וועט נאָר זײַנע טריט ריכטן צו זיי, וועלן זיי פאַרלאָזן זייערע פּאָסטנס און אַנטלויפן פאַר אים, ווי פאַר אַ דונער. ווי אונזערע הערצער זענען עס אָנגעפילט געוואָרן מיט פריידיקע האָפענונגען, ווען מיר האָבן אָנגעקוקט און דערזען זייערע דערשראָקענע פּנימער, זייערע אימה־פאַרלאָפענע אויגן!

עס האָט זיך געמוזט דערטראָגן דאָס קול פון דעם רבינס מעשים אין די אינעווייניקסטע הייפן פון בית־מקדש ביז צום מזבח, וואָרעם פון דאָרט האָבן איצט אָנגעהויבן אַרויסקומען די באַאַמטע פון בית־המקדש. מען האָט געזען די גזברים און די גבאים, די חזנים און די פיל אויפזעער איבער די אַלע פאַרצווײַגטע אָפּטיילונגען פון בית-המקדש, וואָס זענען אין די טעג פון זייער פיל אַרבעט געווען פאַרנומען בײַ זייערע פאַרשיידענע אַמטן אין די אינעווייניקסטע לשכות. צווישן זיי האָט מען אויך געזען די בני־חנן, — דעם עלצטן זון, אליעזר, וועלכער האָט, ווי אַ צייכן פון זײַן אַמאָליקן הויכן אַמט פון כהן־גדול, געטראָגן אַ פּירפּעלנעם מאַנטל, אַזוי אויך חננס צווייטן זון, יוחנן, וועלכער האָט אין זײַן אַמט פון סגן, — דער צווייטער העכסטער אַמט נאָכן כהן־גדול כיפא, — אויך געטראָגן אַ הויך־געטורעמטע ווײַסע מיץ און אַ פּירפּעלנעם מאַנטל, איבער וועלכן זײַן סיריש־געקאַרבטע באָרד איז אַראָפּגעהאַנגען ווי אַ גלאָק, פון זײַן פּנים איבער זײַן ברוסט; זײַן ברודער טעאָפילוס, דער גזבר פון בית־מקדש־אוצר, זײַן ברודער, מתתיהו, דער אויפזעער איבער די קאַמערן פון קליידער, כלים, געהילץ, טײַערע איילן און אַנדערע מטלטלין; אַזוי אויך דעם יינגערן ברודער חנן בן־חנן, דעם פאַרוואַלטער איבער די קליינע קרבנות, וואָס מען האָט פאַרקויפט אין דעם בית־מקדש־הויף, און איבער אַנדערע כהן־גדולשע אונטערנעמונגען. אַלע זענען זיי געווען אין זייערע אַמטלעכע קליידער. אַרום זיי — די פיל קלענערע באַאַמטע און געהילפן, באַגלייט פון אַ גרויסער צאָל כהנים און פּרחי-כהונה, וועלכע האָבן נאָך געהאַלטן אין זייערע הענט די כלים, די פײַער־פאַנען, די אַש־קאַנען, די רויכער־לאָמפּן, די אַלע כלים, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין רייניקן און שײַערן פאַר דעם גרויסן יום־טוב. זיי זענען אַלע געשטאַנען איבער די הויכע, צוועלף־שטופנדיקע טרעפּ, וואָס פירן אַרויף צום היכל. ווי זיי וואָלטן נישט געוואָלט זיך אומריין מאַכן דורך אויסמישן זיך מיטן פאָלק אין בית־מקדש־הויף, האָבן זיי נאָר מיט דערשטוינונג און שרעק אָנגעקוקט, וואָס עס טוט זיך אונטן אין הויף. זיי האָבן געזען דעם חורבן, וואָס דער נביא פון נצרת האָט אָנגעמאַכט צווישן די טויבן־הענדלער און געלט־

װעקסלער, די צעװאָרפֿענע טישן, דאָס צעשאָטענע געלט, און װי דער שאַפֿער פֿון די אַלע מעשים שטײט, װי א שליח פֿון גאָט, אין זײַן טלית, מיט א שטריק אין זײַנע הענט, און די באַגײַסטערטע, אױפֿגעיובלטע מאַסע קוקט ארויף צו אים אין באַװאונדערונג, אין הונגעריקער דערװאַרטונג, װי אויף א נביא, װי אויף א מלאך פֿון הימל. די באַגײַסטערונג פֿון דער מאַסע האָט זײ אויך אָנגעשטעקט. אויף זײערע פּנימער האָט זיך אָפּגעשפּילט דאָס קלאַפּן פֿון זײערע הערצער, דער שרעק פֿון גאָט, װאָס איז זײ באַפֿאַלן, װי זײ װאָלטן געזען פֿאַר זיך עפּעס אומנאַטירלעכס און זײערע אײגענע אויגן נישט געגלויבט, אַז אַזױנס זאָל גאָר קאָנען געשען. אויך צװישן זײ איז דורכגעגאַנגען א באַגײַסטערטער געמורמל איבער דער געװאַגטקײט פֿון דעם מאַן, איבער זײַן זיכערקײט אין זיך. מען האָט אָנגעזען אין זײערע בלײכע, צעשראָקענע פּנימער, אין זײערע טרײסלענדיקע בערד, אַז זײערע הערצער װערן צעגאַנגען פֿאַר אומזיכערקײט. נאָר אײנער פֿון זײ, דער ייִנגסטער ברודער, חנן בן-חנן, האָט געביסן די ליפּן פֿאַר כּעס און געריסן זיך פֿאָרויס. מען האָט געזען, װי זײַן פּנים, װאָס קוקט ארויס פֿון דער געדיכטער, שװאַרצער ראַם פֿון זײַן געאײלטער, פֿינקלדיקער באָרד אין טראָלדן, איז אָנגעגאָסן מיט בלוט, װי ער בײַסט די פֿויסטן, װאָרעם עס איז געװען זײַן געביט, זײַן ממשלה, װאָס דער פֿרעמדער פּראָװינצער אויסלענדער האָט זיך אַהין אַרײַנגעריסן. אַלע שטײען מיט שטיל-שװײַגנדיקע הערצער, מיט פֿאַרכאַפּטע אָטעמס: די בײדע כּוחות קוקן זיך אָן, — דער רבי פֿון נצרת, מיט גאָרנישט װי נאָר די שטריק אין די הענט, קוקט ארויף צו זײ; און זײ, די העכסטע באַאַמטע פֿון בית-המקדש, באַקלײדט מיט דער העכסטער רעליגיעזער און ציװילער מאַכט, ארומגערינגלט מיט די פֿיל אָפּהיטער פֿון בית-מקדש-אָרדענונג, קוקן ארויף צו אים. א רגע געדויערט נאָר דאָס איבערקוקן זיך, עס איז אָבער א לאַנג-אויסגעצויגענע רגע, אַן אײביקײט. דער רבי פֿון נצרת װײַזט אָן מיט דער שטריק אין זײַן האַנט אויף זײ, אויף די כּהנים, און רופֿט אויס מיט א דונערדיקער שטימע, װי א קול פֿון הונדערט שופֿרות װאָלט ארויסגעקומען פֿון זײַן מויל:

— שטײט דען נישט געשריבן: „מײַן הויז זאָל גערופֿן װערן א הויז פֿון געבעט צו אַלע פֿעלקער”? און איר האָט עס געמאַכט צו א הײל פֿון רויבער!

שוין רײַסט זיך דער ייִנגסטער חנן בן-חנן צום פֿראָנט צו, װינקט צו די אָרדענונג-האַלטער מיט די בלײַערנע שטעקנס אין זײערע הענט, זײ זאָלן אים נאָכפֿאָלגן. א שטרענגער בליק פֿון זײַן עלטסטן ברודער, דעם סגן יוחנן, האַלט אים צוריק.

פֿון דעם האַרץ פֿון די מאַסן, װאָס האָבן ארומגערינגלט דעם רבין, האָט זיך אויפֿגעהויבן א יובל-געשרײ, װי דער רבי װאָלט זײערע הערצער אויסגעלײזט פֿון א שװער געװיכט, װאָס האָט זײ געדריקט. דאָס,

וואָס אַלע, סײַ די רבנים, סײַ דאָס פֿאָלק האָבן געדריקט אין זיך, די ביטערקייט, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין יעדן יידישן האַרץ אויפֿן הויז פֿון די בני־חנן, האָט דער רבי איצט גענומען, עס פֿאַרוואַנדלט אין א שטיין און געוואָרפֿן זיי, ווי א קללה, אין פּנים אַרײַן:

— דאָס הויז פֿון תּפֿילה פֿאַר אַלע פֿעלקער האָט איר פֿאַרוואַנדלט אין א הייל פֿון רויבער!

— אין א שעכטהויז האָבן זיי פֿאַרוואַנדלט דעם בית־המקדש, און דעם מזבח — אין א קאַכעדיקן קעסל מיט פֿלייש, אין אַן אָפֿן מויל, וואָס שרײַט: הבֿ! הבֿ! (גיב! גיב) — גאָרנישט איז אים גענוג.

— די בני־עלי, וואָס כאַפּן די שטיקער פֿלייש אַוועק פֿון מזבח אויף זייערע גאָפּלען!

— די בני־עלי! זייערע זין האָבן זיי געמאַכט פֿאַר גזברים, זייערע איידעמס פֿאַר גבאים און אויפֿזעער, און זייערע קנעכט שלאָגן אונז מיט שטעקנס. ווײ צו אײַך, בני־חנן!

— דאָס הויז פֿון גאָט, וואָס פֿאַר א בית־תּפֿילה זאָל עס אָנגערופֿן ווערן צו אַלע פֿעלקער פֿון דער וועלט, האָבן זיי אין אַ קראָם פֿאַרוואַנדלט. אויף דעם שטיין, וואָס אברהם האָט אויף אים יצחקן צו דער עקדה געבראַכט, האָבן זיי זייערע געוועלבער אויפֿגעעפֿנט.

— א קללה אויף אײַך, בני־עלי!

איינציקווײַז זענען זיי פֿאַרשוואונדן, די סגנים, די גזברים, אין זייערע זילבערנע מאַנטלען, מיט זייערע געפֿלאַכטענע, אייליק־גלאַנציקע בערד, הינטער די פֿאַרהאַנגען פֿון דעם היכל־הויף. דער רבי פֿון נצרת איז איבערגעבליבן דער איינציקער בעל־הבית פֿון בית־מקדש־הויף.

מיר אַלע האָבן געמיינט, אז איצט, נאָכדעם ווי ער האָט פֿאַרטריבן די בני־עלי מיט דעם כּוח פֿון גבֿורה און קדושה, וואָס שטראַלט אַרויס פֿון אים, נאָכדעם ווי ער האָט זיי געבונדן, די בני־חנן, די באַהערשער פֿון דעם בית־המקדש, מיט דעם הויך פֿון זײַן מויל, אַזוי וועט ער איצט דעם גרעסטן פֿײַנט, דעם מקור פֿון שלעכטס, דאָס רשעות פֿון דער וועלט, דעם פּויסט, וואָס האַלט גאָטס פֿאָלק אין זײַן קלעם, — דעם שר פֿון אדום וועט ער איצט פֿאַרטיליקן מיט דעם כּוח און מיט דעם רשות, וואָס זענען אים איבערגעגעבן, מיט דער שטריק אין זײַן האַנט. אָבער דער טאָג האָט עס נישט געבראַכט. ער האָט געזאַמלט זײַנע תּלמידים און פֿאַרלאָזט דעם בית־מקדש־הויף. ער איז צוריקגעגאַנגען אויפֿן הר־הזיתים. אָבער דאָס פֿאָלק האָט אים באַגלייט, ווי א מלך, און יעדער פּנים האָט געשײַנט, און אונזערע אויגן האָבן געלויכטן, און אונזערע הערצער האָבן אַרײַנגעצויגן די פֿרייד. איצט האָבן מיר אַלע באַשײַנפּערלעך געזען, אז די גאולה קלאַפּט אָן אין אונזער טיר, אז אויך צו אונז איז אויפֿגעשטאַנען א שיצער. און אַלע האָבן מיר אויסגעוואַרט זײַנע ווײַטערדיקע מעשים.

קאַפּיטל זיבעצן.

אין דעם טאָג האָבן אַלע הערצער געקערט צו אים. אין גאַנץ ירושלים האָט מען גערעדט פון דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען היינט אין דעם בית־מקדש־הויף. אויף אַלע גאַסן, אויף דעם מאַרק־פּלאַץ האָט מען דיסקוטירט איבער דעם. די געמיינע ליַיט, דער עיקר די גלילער, זענען געווען שטאָלץ מיט זייער לאַנדסמאַן. זיי, די פאַרשעמטע, די, וואָס צוליב זייער אומקלאָרקייט אין אויסשפּראַך און נישט־געניויאיקייט אין אויסדרוק אַליין האָט מען זיי פאַראַכטעט, האָבן מיטאַמאָל באַקומען אַן אַנזען ביַי אַנדערע, און וואָס וויכטיקער, אַ זיכערקייט אין זיך און אַ שטאָלצקייט. הע, אויך פון גליל קאָן אויפשטיין אַ נביא, אַ צווייטער יהודה גלילער, — מער, אַ צווייטער עמוס, וואָס וואָגט צו קומען פאַר די בני־חנן און זאָגן זיי אין פּנים אַריַין, אַז זיי האָבן פאַרוואַנדלט גאָטס הויז אין אַ הייל פון רויבער; אַ צווייטער ירמיהו, — און מיט דער שטריק אין זיַין האַנט פאַרטריַיבט ער די הענדלער פון די בני־חנן, רייניקט גאָטס הויז, און קיינער וואָגט נישט אים צו שטערן אין זיַין הייליקן אייפער, וואָרעם דער פּחד פון גאָט פאַלט אויף זיי פאַר זיַין אָנבליק. און ווער ווייס, וואָס די שטריק, וואָס ער האַלט אין זיַין האַנט, וועט נאָך אויפטון? זי איז דאָס שווערד, וואָס איז אים פון גאָט איבערגעגעבן. און נישט נאָר דאָס געמיינע פאָלק אַליין, נישט נאָר אויף די מערק, צווישן פרעמדע ליַיט אין בית־המקדש־הויף, — אויך אין די בתי־מדרשים פון די רבנים רעדט מען וועגן דעם פּראָווינצער רבילע, וואָס מען האָט געקוקט אויף אים פון אויבן אַראָפּ, גאָר מיט אַן אַנדער דרך־ארץ.

איך געדענק, איך בין נאָך דער געשעעניש אין בית־מקדש-הויף געקומען מיט מיַין רבין נקדימון אין דעם בית־המדרש פון יוחנן בן זכאי. די תלמידים פון יוחנן בן זכאי האָבן מיַין רבין ארומגערינגלט. זיי האָבן געוואוסט, אַז מיַין רבי קאָן זיי פאַרציילן וועגן דעם מיסטישן מאַן פון נצרת מער פון אַנדערע. עס איז געווען באַקאַנט, אַז מיַין רבי האָט זיך מיט אים געטראָפן און געהאַט מיט אים וויכוחים סיַי אין גליל, סיַי אין ירושלים. מען האָט זיך געסודעט אויפן אויער, אַז ער איז איינער פון זיַינע שטילע אָנהענגער אפילו.

— קאָנסטו אונז עפּעס פאַרציילן וועגן דעם אומבאַוואוסטן מאַן פון נצרת, וואָס האָט זיך דערוועגט אַריַינצוגיין אין פּרדס אַריַין און פאַר־טריַיבן פון דאָרט די שוואַרצע ראָבן, וועלכע עסן אויף די וויַינטרויבן? — האָבן זיי אים געפרעגט בדרך רמז.

— פיל קאָן איך אַיַיך נישט פאַרציילן. זיַינע וועגן זענען אין פאַר־באָרגעניש. נאָר זיַינע רייד און זיַינע מעשים אַליין זענען אַנטפּלעקט. אָבער אויך פון זיי קאָן מען גאָרנישט דערגיין, וואָרעם ער עפנט אויף אַ טפּח און פאַרהוילט צוויי.

— ווער ווייס, ווער ווייס, וואָס אזא איינער איז בכוח, וואָס פאַרא רשותים עס זענען אים איבערגעגעבן געוואָרן? — האָט א תּלמיד געפרעגט און פאַרשטעלט זיך מיט דער האַנט די אויגן.

— וואָס פאַרא רשותים? וואָס רעדט איר פאַר רייד? א רבּילע. ער האָט אביסל עלית־נשמה, מיינט ער, אז ער איז באַלד משיח. מיר האָבן שוין געזען אזעלכע זאַכן ביי אַנדערע תּלמידי־חכמים. זיי האָבן אויך געהאַט עלית־נשמה, זיי האָבן נישט גערעדט אזעלכע חוצפּהדיקע רייד כּלפּי תּלמידי־חכמים, און אוודאי נישט כּלפּי שמים. ווען ער וואָלט געוועזן דאָס, וואָס איר מיינט, אז ער איז, וואָלט ער נישט געוועזן גערעדט, נאָר געטון, ווי עס שטייט געשריבן אויף אים: „ולא ישמע בחוץ קולו״.

— ניין, דער איז עפּעס אַנדערש. אז ער רעדט אזוי, מן־הסתם האָט ער א רשות דערויף. איר האָט דאָך געזען, ווי ער האָט רשות...

— וואָס מיינסטו? ווער איז ער? — האָבן די תּלמידי־חכמים ארומגערינגלט מײַן רבין — דו קענסט דאָך אים. דו האָסט דאָך גערעדט מיט אים. פון וועמען שעפּט ער די כּוחות?

— איך ווייס נישט, איך ווייס נישט, — האָט מײַן רבי געטענהט נאָכאַנאַנד, — טייל־מאָל דאַכט זיך מיר אויס... נאָר איך וויל נישט. איך האָב מורא, אז מען זאָל נישט געשטרויכלט ווערן אין מײַנע רייד.

— פאַרוואָס זאָלן די תּלמידי־חכמים נישט גיין אים פרעגן, מיט וואָס פאַר אַ כּוח ער טוט די זאַכן? ממה־נפשך, אויב ער איז דאָס, וואָס מען מיינט, אז ער איז, מוז מען דאָך עס וויסן.

— מען מוז וויסן אויף אַלע אופנים, — האָבן אַנדערע צוגעשטימט.

— וואו וואוינט ער? אין וועלכן בית־מדרש דרשנט ער? וואו האַלט ער זיך אויף?

ערשט איצט האָבן די תּלמידי־חכמים זיך ארומגעזען, אז זיי ווייסן נישט, וואו דער תּלמיד־חכם פון נצרת האַלט זיך אויף. ער פלעג ארײַנפאַלן אין בית־מקדש־הויף, ווי א ליכט פון הימל, — פּלוצלינג, און פאַרשווינדן.

— מען מוז שיקן שליחים צו אים. מען מוז אויספרעגן. מיר מוזן וויסן, מיט וועמען מיר האָבן צו טון.

— אָבער וואוהין? וואו וואוינט דער חכם?

— ער וועט קומען אין בית־מקדש־הויף.

— נאָך דעם, וואָס עס איז געשען, וועט ער קומען צוריק אין בית־מקדש־הויף?

— אויב ער איז דאָס, וואָס מיר מיינען, אַז ער איז, וועט ער קומען צוריק און פאַרענדיקן דאָס ווערק, וואָס ער האָט אָנגעהויבן. ער וועט פאַר קיינעם זיך נישט באַהאַלטן, — האָט מײַן רבי מיט זיכערקייט ערב געווען פאַרן רבין פון נצרת.

— ווען ער וועט קומען צוריק, וועלן מיר וויסן, אז ער האָט א רשות אין זײַן האַנט. דאָס וועט זײַן דער סימן. ביז דענסטמאָל לאָמיר וואַרטן מיט דער שליחות צו אים, האָבן זיי באַשטימט.

דעם נאָכמיטאָג בין איך נישט ארויסגעגאַנגען קיין בית־פגה, נאָך די טריט פון דעם רבין פון נצרת, ווי איך האָב געוואָלט. איך בין גע־גאַנגען צום הויז פון שמעון קוריני, אין דעם טאָל פון קדרון, אָפּצוגעבן כבוד מײַנע עלטערן און מקיים צו זײַן די מצווה פון כבוד אב ואם, וואָרעם מײַנע עלטערן זענען געקומען עולה־רגל זײַן אויף פסח קיין ירושלים. זיי זענען שוין נישט געווען א פּאָר יאָר אין ירושלים, וואָרעם מײַן מוטער איז קראַנק געווען און מײַן פאָטער האָט א נדר געטון נישט אויפצוגיין קיין ירושלים אליין, אָן זײַן הויזגעזינד. זיי זענען איצט גע־קומען מקיים צו זײַן די מצוה פון עולה-רגל און צו ברענגען רייניקונג־קרבנות, אינאיינעם, פארשטייט זיך, מיט דעם קרבן פסח. מײַן פאָטער האָט מיטגעבראַכט מתנות, ווי תמיד, פארן הויזגעזינד פון שמעון־קוריני. און פאַר מײַן רבין האָט ער געבראַכט א קריגל מיט גוטן שרונער ווײַן, וואָס איז געווען בחזקת כשרות, און א שעפעלע פארן קרבן פסח. און מײַן מוטער האָט געבראַכט צען געוויכט אויסדערוויילטע בשמים, — מור, געמישט מיט אהלים, וואָס מען שטויסט דערפון אויס טײַערן שמיר־אייל, וואָס מײַן רבי האָט עס זייער גערן געהאַט. מײַנע עלטערן האָבן זיך זייער געפרייט מיט מיר, וואָס איך וואַקס אין דער תורה, און געבעטן צו גאָט, אז זיי זאָלן נאָך די זכיה האָבן צו זען מיך זיצן אויף א שטול פון רבנות אין ישראל. דאָס איז געווען זייער גרעסטער און הייליקסטער וואונש. מײַן מוטער האָט מיר איבערגעגעבן דעם רײַכן ברייטן וואָלענעם מעיל, וואָס זי אליין האָט אים אויסגעוועבט פאַר מיר דורך דער צײַט פון איר קראַנק־זײַן. און דעם אָוונט, צו דער קריאת־שמע פאַרנאַכט, האָב איך צום ערשטן מאָל געטראָגן דעם מיט ציצות באַקליידטן מעיל, דעם סימן פון א דערוואַקסענעם געלערנטן מאַן. נאָך קריאת־שמע האָבן די ווײַבער אָנגעצונדן די אייל־לאָמפּן, די מענער האָבן געוואַשן די הענט, און זיי האָבן זיך אויסגעזעצט אויף דער רצפה, בײַם נידעריקן טיש, צו ברעכן צוזאַמען ברויט. האָט די טיר מיטאַמאָל זיך אויפגעעפנט, און עס איז ארײַנגעקומען מיט גרויס אימפעט מײַן חבר רופוס, דער יינגסטער זון פון שמעון קוריני. ער האָט אָפּגעגעבן כבוד זײַנע עלטערן, בוקנדיק זיך פאר זיי טיף צו דער ערד און קושנדיק זיי אויף דער רעכטער באַק, דערנאָך האָט ער זיך באַגריסט מיט די אורחים. דער פאָטער האָט זיך געוואונדערט, וואָס דער זון איז גאָר פלוצלינג, נישט אָנזאָגנדיק, אהיים געקומען. ער האָט מורא געהאַט, טאָמער האָט עפּעס מיט אים געטראָפן. אָבער דער זון האָט אים באַלד באַרואיקט און געענטפערט, אז נאָר די בענקשאַפט צו זען דאָס פנים פון זײַנע עלטערן, וואָס האָבן אים געבוירן, און צו פאַרברענגען מיט זיי בײַ איין סעודה, כדי מקיים צו זײַן די מצוה פון כבוד אב ואם, איז געווען

דער ציל פון זײַן קומען. און זײַנע עלטערן האָבן, באַרואיקטע, אים גע־בעטן צום טיש. און ער האָט געוואַשן זײַנע הענט און זיך צוגעזעצט צו אונז.

בײַם טיש בײַ שמעון קוריני איז געוואָרן א גערייד וועגן די גע־שעענישן, וועלכע זענען הײַנט פאָרגעקומען אין בית־מקדש־הויף, און וועגן די האַפּענונגען, וואָס מען האָט אָנגעקניפּט אין זיי, וואָרעם עס איז געווען דער געשפּרעך פון טאָג אין גאַנץ ירושלים. און שמעון קוריני האָט זיך אָנגערופן:

— גרויסע זאַכן טוט מיט אונז גאָט אין די טעג. מיר הערן קולות און עס באַווײַזן זיך סימנים, וועלכע זאָגן עדות, אז די ישועה איז שוין נישט ווײַט און גאָטס האַנט איז הינטער אונז. וואָרעם אַנדערש קאָן מען נישט אויסטײַטשן, וואָס עס איז הײַנט פאָרגעקומען אין בית־מקדש־הויף. דאָס שעפּעלע איז געווען אין דעם מויל פון לייב, און דער לייב האָט נישט געוואַגט עס אראָפּצושלינגען, נאָר דערשראָקן זיך דערפאַר.

— און דערמיט האָט ער געמיינט, וואָס דער רבי פון נצרת האָט ארויס־געטריבן די הענדלער פון בית־מקדש־הויף און געשלײַדערט צו די בני־חנן זײַנע דונערדיקע ווערטער אין פּנים ארײַן, און זיי האָבן נישט געוואַגט אים אָנצורירן, נאָר דערשראָקן זיך און זענען אַנטלאָפן פון זײַן אָנגעזיכט.

— נישט אַנדערש, נאָר עס איז אַן אָנהויב פון דער גאולה, — האָט מײַן פאָטער מסכים געווען.

און די גאַנצע צײַט, בשעת זיי האָבן גערעדט וועגן דעם רבין פון נצרת, האָב איך געזען ווי דאָס פּנים פון מײַן חבר רופוס פלאַמט אין איין פרייד און זײַנע גרויסע שוואַרצע אויגן זענען גרעסער געוואָרן און פיל שוואַרצער, שײַנענדיקער. און עס האָט זיך געדאַכט, אז זײַן פּנים איז נאָר א ראַם צו זײַנע אויגן. און ער קוקט אויף מיר און פיבערט מיר עפּעס וואָס צו זאָגן. און מיר ביידע וואַרטן נאָר אָפּ די שעה, אז מיר זאָלן קאָנען נעמען אָפּשייד פון אונזערע עלטערן און זײַן צוזאַמען. וואָרעם איך דערפיל, אז דאָס, וואָס ער האָט מיר צו זאָגן, איז עס נאָר פאַר מיר אַליין, און ער וויל דאָס נישט מגלה זײַן פאַר קיינעם.

קוים האָבן מיר געענדיקט דאָס בענטשן און דאָס דאַנקען גאָט פאַר דעם ברויט, וואָס מיר האָבן געגעסן צו דער זאַט און נאָך איבערגעלאָזט, זענען מיר שוין געווען אין דרויסן.

די נאַכט איז געווען ליכטיק, די לבנה איז וואָס אמאָל פולער גע־וואָרן אין די טעג און זי האָט געשײַנט אין איר שלמותדיקן ליכט.

איך האָב זיך אָנגערופן צו מײַן חבר:

— אין דײַן פּנים האָב איך דערקענט, אז דו האָסט מיר עפּעס וואָס צו זאָגן, וואָס דו האָסט געוואָלט אויסבאַהאַלטן פון אונזערע עלטערנס אויערן. וואָס איז עס אזוינס?

— נאָך דעם נביא פון נצרת האָב איך געאײַלט, ווען ער האָט פאַר־לאָזט דעם בית־מקדש־הויף, נאָכדעם ווי ער האָט גערייניקט גאָטס הויז, אין די טריט פון זײַנע תּלמידים בין איך נאָכגעגאַנגען צו דעם אָרט, וואו ער האָלט זיך אויף, אין דעם הויז פון שמעון דעם צנוע, אין בית־עינה, וואָס איז אין בית־פגה. וואונדערלעכע זאַכן זענען הײַנט געשען, — און מײַן פרײַנדס אויגן זענען נאָך גרעסער געוואָרן און זיי האָבן איצט געלויכטן, ווי די ליכטער אין הימל, — ווען איך בין נאָר ארויפ־געקומען אויפן באַרג ארויף און איך האָב זיך דערנעענטערט צום הויז פון שמעון דעם צנוע, האָב איך דערהערט א גרויס יובל־געשריי, וואָס איך האָב נישט געוואוסט דעם באַדײַט דערפון. אז איך בין אָבער צוגעקומען צום הויז פון שמעון, האָב איך געזען ווי זײַנע תּלמידים שטייען ארום אן אויסגעדאַרטן, פאַרטריקנטן פײַגנבוים, וואָס שטייט דאָרט אויפן וועג פארן הויז, און זיי רופן איינער צום אַנדערן: „זעט דעם וואונדער, זעט, זעט!" — אז איך האָב זיך נאָכגעפרעגט, וואָס עס איז געשען, האָט מען מיר געגעבן צו וויסן, אז הײַנט נאָך אין פרימאָרגן איז דער פײַגנבוים געווען באַקליידט מיט גרינע בלעטער. דער רבי פון נצרת האָט הײַנט אין פרימאָרגן געזוכט אויף אים יונגע פײַגן. דער רבי האָט פאַרלאַנגט פון בוים, אז ער זאָל אים שפּײַזן מיט פײַגן, וואָרעם ער איז הונגעריק געווען. און ווען דער בוים האָט עס נישט געקאָנט באַווײַזן, וואָרעם די צײַט איז נאָך נישט געקומען, ווען די פײַגן ווערן רייף, און דיביימער האַלטן ערשט אין ארויסברענגען די בלעטער, האָט דער רבי פאַרשאָלטן דעם בוים, ער זאָל פאַרדאַרט ווערן. ווען זיי זענען אהיימגע־קומען הײַנט נאָך מיטאָג פון ירושלים, האָבן זיי געפונען, אז דער בוים, וועלכן דער רבי האָט פארשאָלטן, האָט פאַרלוירן אַלע בלעטער און ער שטייט אן אויסגעטריקנטער, א פאַרדאַרטער.

— אָבער ווייסטו דען נישט, רופוס, אז די פײַגנביימער אין בית־פגה פאַרלירן פרי די בלעטער און ווערן פאַרטריקנט פריצײַטיק, מחמת דאָס אָרט ליגט בײַ דער גרענעץ פון מדבר יהודה: די הייסע ווינטן פאַרשיטן מיט זאַמד די ערד און פארשטיקן די לופט־צוגן פון דער ערד, — ווערן, דעריבער, די וואָרצלען פרי פאַרדאַרט. מחמת דעם הייסט דאָס אָרט בית־פגה, דאָס אָרט פון די אומרייפע פײַגן, ווײַל קיינמאָל דערגרייכט נישט די פרוכט דאָרט צו איר רייפקייט.

— יאָ, אוודאי ווייסן מיר וועגן דעם. אויך די אַנדערע ביימער, וועלכע זענען געשטאַנען לעבן יענעם בוים, האָבן דורך דעם הײַנטיקן ערשטן הייסן טאָג, אָנגעהויבן פאַרלירן די בלעטער. אָבער דער בוים, וועלכן דער רבי האָט פאַרשאָלטן, איז גאָר גאַנץ אַנדערש געווען ווי די אַנדערע: ער האָט דורך דער צײַט פון דעם האַלבן טאָג נישט נאָר פאַרלוירן זײַנע בלעטער, נאָר זײַנע צווײַגן זענען אויסגעדרייט און הענגען אויפן בוים, ווי צעבראָכענע גלידער פון א מענטשן, וואָס מען

נעמט פון א צלם ארונטער. און דער בוים אליין האָט אויסגעקוקט ווי א „שתי־וערב״.

— ווי האָט ער אויסגעקוקט? — פרעג איך מײַן חבר דערשראָקן.

— ווי א שתי־וערב, ווי איינער פון די צלמים, וואָס דער בלוטיקער אדום פלאַנצט אויף די וועגן פון יהודה, ווי זיי שטייען אויף דער גלגלתא, און ער נאָגלט צו צו זיי לעבעדיקע מענטשן.

איך האָב שוין פריער געהאַט באַמערקט אין דעם געמיט־צושטאַנד פון מײַן חבר רופוס א גרויסע ענדערונג, זינט מיר האָבן אָנגעהויבן ארויפצוגיין אויפן הר־הזתים, אין דער בית־עינה. מײַן פרײַנד איז שטענדיק געווען א בעל־חלומות. בשעת אונזער רבי האָט פאר אונז געדרשנט וועגן די ימי־משיח, אָדער פאַרציילט אונז אגדות, וואָס די אַלטע האָבן אים איבערגעגעבן, איז מײַן חבר רופוס געזעסן מיט פאַר־חלומטע אויגן און ער האָט געקוקט אין אַנדערע וועלטן. נאָר פון דענסט־מאָל אָן, זינט מיר האָבן אָנגעהויבן נאָכגיין די טריט פון רבין פון גליל און געהאַט איבער אים אונזערע שטילע, באַהאַלטענע האָפענונגען, האָט ער גענומען זען אין אַלע מעשים פון רבין נסים און נפלאות, אויסטײַטשן יעדעס וואָרט, וואָס איז ארויסגעגאַנגען פון זײַן מויל מיט רמזים און אָנ־דײַטונגען. ער האָט געחלומט זייער אָפט וועגן רבין. בײַנאַכט פלעג ער רעדן ארויס פון שלאָף אומפארשטענדלעכע ווערטער, וואָס האָבן צו טון מיט די ימי־משיח. אָדער ער פלעג זיך אויפרײַסן אינמיטן נאָכט און פאַרציילן פון זײַנע חזיונות און די געשטאַלטן, וואָס ער זעט. איך האָב געלייענט אויף אים דעם פסוק: „בשוב ה׳ את שיבת ציון היינו כחולמים״. איך האָב נישט ערנסט גענומען זײַנע חזיונות. אָבער דאָס־מאָל האָט ער מיך געשראָקן, און איך האָב זיך אָנגערופן צו אים:

— רופוס, האָסטו נאָר אליין געזען די געשטאַלט פון בוים, ווי ער האָט זיך אויסגעפאַרעמט אין א שתי־וערב נאָך דעם רבינס קללה, אָדער עס האָבן דאָס אויך די אַנדערע באַמערקט?

— איך גלויב, אז א טייל פון די אַנדערע. אין יעדן פאַל קאָן איך עדות זאָגן, אז איינער פון זײַנע תלמידים, יהודה איש־קריות, האָט גע־מוזט באַמערקן די געשטאַלט פון בוים, וואָרעם ווען ער האָט אים דער־זען בשעת די אַנדערע האָבן געיובלט און געטאַנצט ארום זייער רבין מיט האַנט־קלאַטשערײַ און הושענא־רופן, איז יהודה געשטאַנען דער־שראָקן און פאַרציטערט, און זײַן פנים איז געווען בלייך. און אזוי איז אויך שמעון בר־יונה געשטאַנען פון דער צווייטער זײַט בוים און ער האָט זיך געטרייסלט פאר שרעק ווי א בלאַט.

— און די אַנדערע?

— די אַנדערע האָבן עס נישט באַמערקט.

— און וואָס האָט דער רבי געזאָגט?

— דער רבי האָט וועגן דעם נישט גערעדט. נאָר בשעת די תלמי־דים האָבן אים אָנגעוויזן: „רבי, זע, דער פײַגנבוים, וואָס דו האָסט פאַר־

שאַלטן, איז פאַרדאַרט געוואָרן״, — האָט ער צו זיי געזאָגט: „האָט גלויבן אין גאָט. וואָרעם פאַרוואָר, איך זאָג אײַך: ווער עס וועט זאָגן צו אָט דעם באַרג: — הויב זיך אויף און ווער אין ים אַרײַנגעוואָרפן! — און ער וועט נישט צווייפלען אין זײַן האַרץ, נײַערט ער וועט גלויבן, אַז דאָס, וואָס ער זאָגט, וועט געשען, אַזוי וועט ער האָבן, וואָס ער וועט זאָגן. דאַרום זאָג איך אײַך: אַלץ, וואָס איר וועט פאַרלאַנגען אין געבעט, גלויבט, אַז עס וועט אײַך געענטפערט ווערן, — און אַזוי וועט עס אײַך געשען״. און איינער פון די תּלמידים האָט אים געפרעגט: „רבי, קאָן מען אַלץ דערגרייכן דורך תּפילה?״ — האָט ער אים אָפּגעענטפערט: „יאָ, ווען אײַער תּפילה איז נאָר פון דעם הימל וועגן, ווען איר וועט אײַערע הערצער ריין־מאַכן פון יעדער פּניה, וואָס איר האָט קעגן וועמען. ווען איר שטייט און בעט, אַזוי זײַט מוחל, ווען איר האָט וואָס קעגן איינעם, כּדי אײַער פאָטער, וואָס איז אין הימל, זאָל אויך פאַרגעסן אײַערע פעלער״.

— און וואָס איז ווײַטער געשען? פאַרצייל מיר פון אַלעם, וואָרעם מײַן נשמה דורשט צו וויסן.

— עס איז אָנגעקומען פּילפּוס פון גדרה מיט א גרופּע גריכישע יידן אויפן הר־הזתים.

— ווער זאָגסטו? פּיליפּוס?

— יאָ, דער גריך פון יוסף רמתי, וועלכער האָט זיך מגייר געווען. איך האָב אים געזען אַרויפקומען אויפן באַרג, באַגלייט פון א פּאָר גריכישע יידן, זײַן קאָפּ געבויגן טיף צו דער ערד, ווי תּמיד. ער איז געגאַנגען אין א זײַט, ווי א צעבראָכענע, שטורעם־געטראָפענע שיף קומט אָן פון א כוואַליעדיקן ים אין איר פּאָרט אַרײַן, און ער האָט, ווי תּמיד, גערעדט באַלעבט צו די לײַט, וועלכע האָבן אים באַגלייט. איך האָב זיך געוואונדערט, פון וואַנען ווייס דער גר, וואו דער רבי האַלט זיך אויף. די זאַך ווערט דאָך געהאַלטן אין גרויס סוד. נאָר איך האָב באַמערקט, אַז זיי האָבן בײַ זייער אָנקומען זיך געסודעט מיט איינעם פון די תּלמידים, מיט פּיליפּוס פון בית־צדה, וועלכער האָט געקענט זייער לשון. ער, ווידער, האָט צוגערופן דעם ברודער פון שמעון, אַנדרעי.

— און אַנדרעי איז אַרײַנגעגאַנגען אין הויז פון שמעון, וואו דער רבי האָט זיך אויפגעהאַלטן צו באַשיצן זיך פון דעם קאַלטן ווינט, וואָס האָט אָנגעהויבן בלאָזן אויפן באַרג, וואָרעם די הימלען האָבן גענומען זיך פאַרוואָלקענען און טונקל ווערן און עס איז קיל געוואָרן. און דער רבי איז מיד געווען פון דער עבודה בײַטאָג. נאָך א ווײַל איז דער רבי אַרויסגעקומען און האָט זיך געשטעלט אויף דער שוועל פון הויז. און פּיליפּוס פון בית צדה האָט צוגעפירט צו אים די גריכן. און דער גר אברהם בן־אברהם האָט זײַן קאָפּ, וואָס איז געווען געקייטלט צו דער ערד, נאָך טיפער און טיפער געבויגן פאַר אים, אַזוי אַז ער האָט אויסגעזען בײַם רבינס פיס ווי א קליינער, אונטערטעניקער וואָרעם. און

הינטער אים — די גריכן, זייערע קעפּ אויך אָנגעבויגן פאַרן רבין. און דער רבי האָט זיך אָנגערופן און האָט געזאָגט צו זיי די ווערטער בדרך רמז: „די שעה איז געקומען, דער בן־אדם זאָל פאַרהערלעכט ווערן. פאַרוואָר, פאַרוואָר זאָג איך אײַך: ווען דער זאָמען פון ווייץ פאַלט נישט אין דער ערד און שטאַרבט, אַזוי בלײַבט ער אַליין. אָבער ווען ער שטאַרבט, אַזוי טראָגט ער פיל פרוכט. דער, וואָס ליבט זײַן לעבן, וועט עס פאַרלירן. אָבער ווער עס האַסט זײַן לעבן אין דער וועלט, דער וועט עס דערהאַלטן צום אייביקן לעבן. ווען איינער וויל מיר דינען, זאָל ער מיר נאָכפאָלגן. און וואו איך בין, דאָרטן וועט מײַן באַדינער אויך זײַן. און ווער עס וועט מיר דינען, דעם וועט מײַן פאָטער אין הימל ערן“.

„און ער האָט געשוויגן א ווײַל, דערנאָך האָט ער געזאָגט: — אַצינד איז מײַן זעל באַטריבט. און וואָס זאָל איך זאָגן? פאָטער, העלף מיר פון אָט דער שעה אַרויס, אָבער איך בין פונדעסטוועגן צו דער שעה געקומען. פאָטער, פאַרהערלעך דײַן נאָמען! — און ווי ער האָט דאָס אויסגערעדט, האָט זיך דערהערט א דונערן און א בליצן, און דער הימל האָט זיך געשפּאָלטן. אָבער עס איז נישט געווען קיין דונערן און קיין בליצן. פון דעם שפּאַלט, וואָס דער בליץ האָט געריסן אין הימל, האָט א פײַערדיקער מלאך אַראָפּגענידערט און איז געפלויגן צו אים“.

— דו ביסט א בעל־חלום, רופוס, — האָב איך אויסגערופן. אויך מיר האָבן אין ירושלים געהערט דונערן און געזען בליצן. גאַנץ ירושלים האָט געהאַפּט, אַז דער מלקוש וועט אַראָפּנידערן און אָנפילן די האַלב־ליידיקע וואַסער־זאַמלונגען אין די הייפן און אויף די דעכער. מיר האָבן זיך שוין געפרייט, נאָר עס האָט געדונערט און געבליצט, און קיין רעגן איז נישט געקומען.

אָבער מײַן חבר רופוס האָט זיך געהאַלטן בײַ ס'זײַניקע: דער הימל האָט זיך געשפּאָלטן און א מלאך האָט אַראָפּגענידערט. איך האָב זיך מיט אים נישט פיל געשפּאַרט. מיר אַלע זענען געווען אין די טעג ווי לײַט, וואָס גייען אַרום אין א דרימלדיקער וועלט. מיר אַלע האָבן געזען וויזיעס. אונזערע הערצער זענען אָנגעפילט געוואָרן מיט דעם זאַפט פון האָפענונג און דערוואַרטונג, זיי האָבן געשלאָגן הויך. מיר אַלע האָבן געטראָגן פליגלען אונטער אונזערע קליידער אין די טעג.

אין יענע נעכט פון פאַר־פסח און פרילינג האָבן מיר, מײַן חבר און איך, אַרומגעשפּרײַזט אין די געסלעך פון נחל קדרון. די לבנה האָט געשײַנט שיין אין איר פולן ליכט. און פון אומעטום, פון אַלע הײַזער און הייפן זענען אויפגעגאַנגען פריילעכע שטימעס, געזאַנג פון בחורים און מיידלעך, געלעכטער פון קינדער. די הערצער זענען אַלע געווען איבערגעפילט מיט פרייד. קיינער האָט זיך קיין חשבון נישט געקאָנט אָפּגעבן, פאַרוואָס אַלע האָבן דערוואַרט, אַז אָט־אָט וועט עפּעס גרויס און וויכטיקס געשען.

און ווי מיר גייען אזוי, מײַן חבר רופוס און איך, האַנט־אין־האַנט איבער די באַלעבטע, שפּילעוודיקע, אָנגעפּילטע, איבערגעגאָסענע געסלעך פון נחל קדרון, פאַלן מיר אַרײַן אין דעם געסל פון די קופּער־שמידן און אײַזנגיסער. זיי האָבן געהאַט זייערע שמיד־אַמבעסן אין הייל־געוועלבטע קעלערן, און מיר האָבן געזען, ווי פײַערן פלאַמען אויף פון דער קוילן־פאַן און ווערן פאַרלאָשן, און מיר האָבן געהערט א געקלאַפּערײַ און א געקלימפּערײַ פון האַמער איבער אײַזן. און מיר האָבן זיך געוואונדערט. אדום האָט געהאַלטן א וואַכעדיק אויג אויף די אײַזן־שמידן אין ירושלים. אויך די באַדינער פון כהן־גדול זענען אָפט אַרײַנגעפאַלן צו זיי, האָבן נאָכגעקוקט, וואָס זיי טוען, אויב זיי שמידן אויס בעקנס און בראָטפאַנען און אַנדערע שטוב־כלים, וואָס זייער מלאכה האָט געזאָלט זײַן, צי נישט עפּעס אַנדערש. די שטאָט־אויפזעער האָבן, צוליב דער ריינקייט פון שטאָט, זיי געהאַלטן דאָ, אין דעם נחל־קדרון, וואו די וואַלקערס, די פאַרבער, די וועבער און אַנדערע אומריינע מלאכות האָבן זיך געפונען. נאָך קיינמאָל פריער האָבן מיר נישט געהערט און נישט געזען אזא גרויסע באַוועגונג, אזא באַלעבטע טעטיקייט צווישן ד־ אײַזן-שמידן. מיר האָבן אַרײַנגעקוקט צו איינעם און צו א צווייטן אײַזנשמיד און מיר האָבן דערזען גאָר גאַנץ אַנדערע פּנימער, גאָר גאַנץ אַנדערע לײַט, באַשעפטיקט אין די אײַזן־שמידערײַען. קרעפטיקע הענט האָבן באַוועגט מיט גבורה די שטריק פון די בלאָז־זעק, און די אויפגעפלאַמטע פײַערן האָבן באַלויכטן אויפגעפראַלטע, באַהאָרטע בריסטן, שוואַרץ־שטאַרנדיקע, באַבאָרדעטע פּנימער, פײַערדיקע אויגן. מעכטיקע הענט האָבן מיט האַמערס אויסגעקלאַפּט אין די פײַערן שווערדן. אַ קלאַפּ פון האַמערס, — יעדער קלאַפּ א געשריי פון נקמה און נצחון, יעדער קלאַפּ א געשריי נאָך גאולה און ישועה. עס קלימפּערט דער שטאָל, עס פאַרען די אָפּגעקילטע פײַער־וואַסערן. מבינימדיקע, געניטע פינגער בויגן און פּרווון די קלינגען. איין שווערד פאַלט צו דער אַנדערער. לײַט קומען, שווערדן ווערן אויסגעטיילט. לײַט פאַרשווינדן. וואָס קאָן דאָס זײַן?

אָבער וואָס זעען אונזערע אויגן? צוויי לײַט שלײַכן זיך צום אײַזנשמיד אַרײַן, אײַנגעהילט אין זייערע זאַק־מאַנטלען. איינער — אן עלטערער, אַ נידעריקער, אָבער קרעמפּלדיק־האַרט געקנאָטן, אין וואָרצל־פאַרקניפּטע לײַב און גלידער, מיט אויגן, וואָס קוקן פון געדיכטע ברעמען אַפיר; דער צווייטער — א הויכער, א ברייט-פּלייציקער, מיט מעכטיקע, שטאָלענע גלידער. אויך זיי גרייפן צו צו די שווערדן, פּרווון די קלינגען, וואַרפן זייער געלט, פאַרשטעקן די שווערדן הינטער די קליידער און פאַרשווינדן.

— האָסטו נישט געזען, ווער זיי זענען? דערקענסט זיי נישט? צוויי פון זײַנע תלמידים!

— יאָ, שמעון און יוחנן. זע, דאָרט גייען זיי און פאַרשווינדן אין שאָטן פון נאַכט.

— אויך זיי? — זאָגט רופוס, מײַן חבר.

איך האָב אָנגעקוקט מײַן חבר, און מײַן חבר האָט מיך אָנגעקוקט. און מיר האָבן זיך געפרעגט איינס בײַם אַנדערן מיט אונזערע הערצער, אָבער נישט מיט אונזערע ליפּן: „וואָס זאָל דאָס אַלץ באַדײַטן?" — און מיט באַאומרואיקטע געמיטער זענען מיר צוריקגעקומען צו אונזערע עלטערן און האָבן פאַרבראַכט די נאַכט מיט זיי.

צומאָרגנס באַגינען האָבן מיר זיך אָפּגעשיידט פון אונזערע עלטערן. גענומען די מתנות פאַר אונזער רבין, — דאָס לעמעלע פאַרן קרבן פּסח, דאָס קריגל אייל און דאָס געוויכט געווירצן, וואָס מײַנע עלטערן האָבן געבראַכט, — און מײַן חבר רופוס און איך זענען צוריקגעגאַנגען צו אונזער רבין. ווען מיר זענען אָנגעקומען אין די געסלעך פון דעם אונטערשטן טייל שטאָט, זענען מיר פאַרוואונדערט געוואָרן אָנצוטרעפן דאָרט א שטילקייט און אן ערנסטקייט, וואָס האָבן פון אַרומטום געבלאָזן ווי א קאַלטער ווינט. עס איז פאַרשוואונדן די פרייד פון דעם אָנקומענדיקן יום־טוב, וואָס מיר האָבן ערשט דעם אָוונט פריער געהערט אַזוי ליכטיק אַראָפּהילכן פון די גאַסן. אנשטאָט דעם, האָבן מיר אין אַלע ווינקלען אָנגעטראָפן אויף טרויער און ביטערניש. די מענער זענען אַרומגעגאַנגען מיט פאַרשנירטע ליפּן, מיט געבײַלטע פויסטן. אין די ווינקלען און אויף די שוועלן פון די הײַזער האָבן מיר געהערט קלאָג־ווײַבער ווײנען. מיר האָבן אויך אָנגעטראָפן שפּילער אויף פײַפעלעך, וואָס באַגלייטן די לויות. מיר האָבן זיך נאָכגעפרעגט, וואָס איז די סיבה. און מיר זענען געוואָר געוואָרן, אז אין דער נאַכט איז עפּעס שרעקלעכס געשען. איצט האָבן מיר פאַרשטאַנען, ווער עס זענען געווען די לײַט, וועלכע מיר האָבן נעכטן אין אָוונט אָנגעטראָפן בײַ די אײַזנשמידער שאַרפן זייערע שווערדן. בר־אבא, דער אָנפירער פון די פאַרביטערטע־שאַרן, וועלכער פלעג באַרויבן די רײַכע און צעטיילן זייער גוטס צו די אָרעמע פון דעם אונטערשטן טייל שטאָט, איז געווען די האָפענונג פון יענע עלעמענטן, וועלכע זענען מיד געוואָרן צו טראָגן זייער גורל און צו וואַרטן געדולדיק אויף משיח דעם אויסלייזער, ווי די רבנים האָבן געלערנט. ער האָט צווישן די נידעריקע שיכטן פון די בעל־מלאכהס אין ירושלים געהאַט פיל אָנהענגער. עס זעט זיך אויס, אז ער האָט זיך מתקנא געווען אין דעם רבין פון נצרת. געזען, אז די לײַט פון כהן־גדול האָבן נישט געוואַגט דעם רבין פעסטצונעמען אין דעם הויף פון בית־המקדש, האָט ער גערעכנט, אז אויך זײַן צײַט איז געקומען. ער האָט באַוואָפנט זײַנע שאַרן און זיי געזאַמלט אין דעם הויף פון דער פונדקא פון די אייזל- און קעמל־טרײַבער. נאָר בײַנאַכט, בשעת זיי זענען געווען פאַרזאַמלט אין דער פונדקא, זענען זיי אַרומגערינגלט געוואָרן פון רוימישע חיילות. פיל פון זיי זענען געפאַלן. די

גאַסן ארום דער פונדקא זענען דערקלערט געוואָרן פאר אומריין, ווײַל פיל חללים וואַלגערן זיך דאָרט ארום. פיל פאַרוואונדעטע, וואָס זענען איבערגעלאָזט געוואָרן אין די גאַסן, זענען אין די הייפֿן געזאַמלט געוואָרן. בר־אבא אליין איז פון מלכות גענומען געוואָרן געפאַנגען, א לעבעדיקער.

די פֿאַרביטערטקייט פֿון די לײַט פֿון דער אַלטער שטאָט האָט דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה. אויף אַלע גאַסן, וואו מיר זענען אדורכגעגאַנגען, אויפֿן וועג צום בית־מדרש פֿון אונזער רבין, האָבן מיר געזען ווי לײַט זאַמלען זיך און ריידן וועגן בר־אבאַן. בר־אבא איז דורך דער נאַכט אויסגעוואַקסן אין אַ פֿאָלקס־העלד. פֿיל מעשים וועגן זײַנע גבורות, וועגן זײַן גוטסקייט, וועגן זײַן ברייטער האַנט זענען פאַרציילט געוואָרן צווישן פאָלק: ווי ער פלעג מיט מוטיקייט זיך אנטקעגנשטעלן די פאַרהאַסטע שוטרים פון כהן־גדול; ווי ער פלעג באַפאַלן די הײַזער פון די רײַכע, צונעמען די אָנגעגרייטע סעודה, די כלים, די אוצרות, און אוועקטראָגן, ווי אן אליהו הנביא, צו די אָרעמע אלמנות, אָדער ברענגען טײַערע איילן צו היילן פאַרלאָזטע קראַנקע. ווי תמיד אין אזעלכע פאַלן, איז זײַן גבורה, זײַן מוט און זײַן ליבע פאר די אָרעמעלײַט געוואָרן שטאַרק איבערגעטריבן. דער נעכטיקער רויבער איז אויסגעוואַקסן אין א פאָלקס־העלד, און ווען ער וואָלט נישט פאַראַטן געוואָרן פון אן אייגענער האַנט, וואָס האָט אים ארויסגעגעבן צום מלכות, אָנגעוויזן, וואו זײַנע שאַרן זענען געזאַמלט, וואָלט מען אים קיינמאָל נישט געקאָנט באַקומען. מען האָט זיך דערמאָנט זײַן געוואַגטקייט, ווי ער פלעג פלוצלינג, פון דער העלער הויט, זיך באַווײַזן אויף די גאַסן, אפילו אין בית־מקדש־הויף, און ריידן קעגן די בני־עלי, דעם הויז פון חנן. מען האָט אָנגעהויבן, ווי תמיד אין אזעלכע פאַלן, איבערטרײַבן אין פאַנטאַסטישע גוזמאות די שטאַרקייט פון זײַנע שאַרן, די פלענער, וואָס ער האָט געהאַט, ארײַנצוברײַסן זיך אין בית־מקדש־הויף בשעת דאָס פאָלק איז פאַרזאַמלט און איבערצופאַלן די וואַכן.

— ניין, נישט אין בית־מקדש־הויף האָט ער געוואָלט ארויסרופן דעם אויפשטאַנד. בר־אבא איז א פרומער ייד געוועזן. צוליב דעם האָט ער נישט געוואָלט ארויסרופן דעם אויפשטאַנד אין הויף, כדי נישט אומריין צו מאַכן דעם בית־מקדש־הויף מיט חללים פארן קרבן־פסח. ער האָט זיך געקליבן דאָס פראָקוראַטאָריום צו באַפאַלן און פילאַטוסן אַליין געפאַנגען צו נעמען, — האָבן אייניקע פרומע לײַט פאַרציילט וועגן אים.

— ניין, נישט דאָס פראָקוראַטאָריום, נאָר דאָס טעאַטער, בשעת זיי זענען דאָרט פארזאַמלט בײַ זייערע שפילן, האָט ער געוואָלט ארומרינגלען מיט זײַנע שאַרן און פארשפּרייטן זײַן נעץ איבער א גרויס געפאַנג, און מיט איין פאַרוואַרפן זײַן נעץ ארויספישן אי אדום, דעם רוימער, אי הורדוסן, אי די בני־חנן, זיי פאַרשליסן אין היילן פון דעם

מדבר־יהודה און האַלטן זיי דאָרט פאַר משכנות, — האָבן אַנדערע פאַנטאַזיאַרן פאַנטאַזירט.

— ווען נישט די פאַרעטערישע האַנט, וואָס האָט אים ארויסגעגעבן, ווער ווייס, אפשר וואָלטן מיר דעם פסח געוואָרן בני־חורין?

— ווער קאָן עס זײַן דער מסור?

אזעלכע און ענלעכע געשפּרעכן זענען געפירט געוואָרן אויף די גאַסן, פאַר די שטענדערס, פאַר די געווערקשטעלן פון די בעל־מלאכהס איבער דער אַלטער שטאָט. דער פּראָקוראַטאָר און דער כהן־גדול האָבן אָנגענומען עקסטרעמע מיטלען אויסצוהיטן פון אן אויפשטאַנד. אומעטום, אין אַלע ווינקלען, האָט מען איצט געזען פארשטאַרקטע וואַכן פון לעגיאָנערן. נישט נאָר אין בית־מקדש־הויף, נאָר אויך אויף די גאַסן, אויף אַלע פּלעצער, בײַ אַלע דורכגענג פון די שמאָלע געסלעך, בײַ די טויערן און בײַ די בריקן זענען געשטאַנען אָשקלונער, סיריער, באַוואָפנט מיט פּאַנצערס, מיט די קורצע שווערדן אין זייערע הענט. אויך די גערמאַנישע רײַטער זענען ארויסגערופן געוואָרן פון זייערע שטעלן אויף דער אַנטאָניא און געבראַכט געוואָרן אין שטאָט ארײַן. און איבער די גאַסן, אויף די מערק האָבן זיך געדרייט טאָפּלט־געשטאַרקטע אויפזעער פון כהן־גדול, מיט זייערע אָנפירער, די אָרדענונג-היטער, געשטאַרקט מיט לעגיאָנערישע חיילות. און ווי זיי האָבן געזען א געזעמל, א רעדל מענטשן, זענען זיי באַפאַלן מיט זייערע קאַנטשיק־ריטער און האָבן געשמיסן איבער די קעפּ. דער עולם איז זיך צעלאָפן איבער די הייפן, אין די ווינקלען, אויף אַלע פיר זײַטן. אויך מיר, רופוס און איך, מיט די מתנות אין אונזערע הענט, האָבן, אויפן וועג צו אונזער רבין, געמוזט נישט איינמאָל אנטרינען פאַר די שמיץ פון די אויפזעער, וועלכע האָבן קיינעם נישט געשאַנעוועט. מיר זענען מיט די אַנדערע אַרײַנגעלאָפן אין הייפן, האָבן זיך באַהאַלטן אונטער די טישן פון די קראָמען און די בעל־מלאכהס, ביז דער שטורעם פון די אויפזעער איז פאַרבײַ, און אָן אָטעם זענען מיר אַרײַנגעפאַלן אין דעם בית־מדרש פון אונזער רבין.

מיר האָבן געטראָפן אונזער רבין אין טלית און תפילין. ער האָט אָפּגעריכט זײַן שמע און ער האָט געקרעכצט בשעת תפילה, אז יעדער קרעכץ זײַנער האָט צעבראָכן אונזער גוף און אדורכגעווייטיקט אונזערע נשמות. אז ער האָט געענדיקט די תפילה, האָט ער זיך אָנגערופן צו אונז:

— הלוואי, הלוואי זאָל דער, וואָס די וועלט געהערט צו אים, געבן, אז מיר זאָלן האָבן א רואיקן יום־טוב, א יום־טוב של גאולה, נישט פון אונזערע לײַבער א פדות, נאָר אן אויסלייז פאַר אונזערע נשמות!

וואָרעם אויך דער רבי האָט שוין געהאַט געהערט, וואָס עס איז געשען די נאַכט.

קאַפּיטל אַכצן.

און דער טאָג איז געווען דער פערטער טאָג אין דער וואָך. מיר האָבן נאָך געהאַט צוויי טעג צום יום־טוב. און עס איז געווען, ווען מיר זענען געזעסן צופֿוסנס פֿון אונזער רבין און דער רבי — אויף זײַן שטול פֿון רבנות און האָט געלערנט מיט אונז מעניני דיומא, איז אַרײַנגעקומען א שליח פֿון בית־דין, וואָס איז געווען געזעסן אין בית־מקדש־הויף פֿון די סופֿרים און רביים, און האָט אויפֿגעפֿאָדערט, אַז מײַן רבי זאָל קומען פֿארן בית־דין, וואָרעם זיי באַדאַרפֿן אים האָבן פֿאַר זייער א נויטיקער זאַך. מײַן רבי האָט נישט געצעגערט. ער האָט אָנגעטון זײַן מלבוש פֿון כבוד און, באַגלייט פֿון צוויי תּלמידים זײַנע, האָט ער געאײַלט און איז אויפֿגעגאַנגען אין בית־מקדש־הויף.

ווען מיר זענען אָנגעקומען אין בית־דין, זענען מיר געוואָר געוואָרן, אַז דער נביא פֿון נצרת איז צוריקגעקומען אין בית־מקדש־הויף. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס עס איז בײַנאַכט פֿאָרגעקומען מיט בר־אבאן; נישט געקוקט וואָס די רוימישע וואַכן אין בית־מקדש־הויף זענען פֿאַרשטאַרקט און פֿאַרטאָפּלט געוואָרן און וואָס אין די אויגן פֿון זייערע אָנפֿירער זעט מען אָן, אַז זיי זענען זיך גרייט צו וואַרפֿן יעדן אויגנבליק אויף די יידן און וואַרטן נאָר אויס א געלעגנהייט; נישט געקוקט אויף דעם, וואָס עס איז נעכטן געשען און וואָס די אויפֿזעער פֿון כהן־גדול גייען אַרום מיט זייערע בלײַערנע קאַנטשיקעס און וואַרטן נאָר אויס, אַז עס זאָל ווער זיך אַרויסרופֿן, — איז דער נביא פֿון נצרת אַרײַנגעקומען אין בית־מקדש־הויף מיט זײַנע תּלמידים, און ער זיצט פֿארן אוצר פֿון בית־המקדש און דאָס פֿאָלק איז אַרום אים און ער לערנט מיט זיי. האָבן די סופֿרים און די עלטסטע באַשטימט צו שיקן צו אים שליחים אויסצוגעפֿינען פֿון אים אַליין, מיט וואָס פֿאַרא רעכט ער טוט די אַלע זאַכן, וואָרעם עס מוז דאָך עפּעס זײַן אין זײַן טועכץ, ווען ער נעמט זיך דעם רשות דאָס צו טון. ווער איז ער? אין וועמעס נאָמען טוט ער דאָס אַלץ? וואָרעם מיר מוזן דאָך די זאַך וויסן. אפֿשר, ווער וויים, אפֿשר האָט זיך גאָט אויף זײַן פֿאָלק מרחם געווען?

און איצט, נאָכדעם וואָס עס איז געשען דורך דער נאַכט, איז די האָפֿענונג נאָך גרעסער געוואָרן אויפֿן רבין פֿון נצרת נישט נאָר בײַם פֿאָלק, נאָר אויך בײַ די רבנים, און אפֿילו בײַ די כהנים־גדולים. זיי אַליין זענען אויך אומזיכערער געוואָרן, און זיי האָבן געשיקט שליחים צום בית־דין אויסצופֿאָרשן די זאַך.

און דאָס בית־דין האָט אויסגעקליבן שליחים, אייניקע פֿון די סופֿרים און אייניקע פֿון די זקנים, און אפֿילו אויך שליחים פֿון כהן־גדול, וואָס מען האָט זיי נישט דערקענט, כּדי אדום, וואָס זיצט אין הויף פֿון בית־מקדש זאָל נישט געוואָר ווערן דערפֿון. און זיי האָבן אויך מײַן רבין אויסגעקליבן, אַז ער זאָל זײַן איינער פֿון די שליחים, וואָרעם מען

האָט געוואוסט, אַז ער איז וואויל געניִיגט צום רבין פון נצרת און איז באַקאַנט מיט אים פון פריער, — זענען די חכמים באַשטאַנען דורכ־אויס, אז מײַן רבי זאָל מיטקומען מיט די שליחים פארן נביא פון נצרת.

און זיי זענען ארויסגעגאַנגען, די שליחי־בית־דין, און זיי האָבן געפונען דעם נביא פון נצרת זיצן פאר די טויערן פון דעם בית־מקדש־אוצר, און פיל פאָלק איז געווען אַרום אים, און ער האָט זיי געלערנט דורך משלים און רמזים.

און די שליחים פון די חכמים זענען געקומען און האָבן זיך געבויגן פאר אים. זיי האָבן זיך אָנגערופן צו אים:

— לערן אונז, רבי: מיט וואָס פאר א מאַכט טוסטו די אַלע זאַכן, וואָס דו טוסט, און דו רעדסט די ווערטער, וואָס דו רעדסט? און ווער האָט דיר געגעבן רשות דערויף? זאָג אונז, ווער דו ביסט, וואָרעם מיר זענען מיד איבערצובלײַבן אין דער פינצטערניש און צו פלאָטערן אין ספק, וואָרעם די טעג זענען פורכטבאַרע און גרויסע.

האָט דער רבי פון נצרת זיך אָנגערופן צו זיי און האָט צו זיי געזאָגט:

— איך וויל אײַך אויך איין זאַך פרעגן, און ענטפערט מיר. אזוי וועל איך אײַך זאָגן, מיט וועלכן כוח איך טו די זאַך.

האָבן זיי צו אים געזאָגט:

— פרעג, רבי.

האָט דער רבי פון נצרת זיי געפרעגט:

— זאָגט מיר, איז די טבילה פון יוחנן געווען מן השמים, אָדער פון בני-אדם? ענטפערט מיר!

האָבן די חכמים אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן און זיי זענען פאר־וואונדערט געוואָרן איבער דער פראַגע פון רבין פון נצרת, וואָרעם די חכמים, די סופרים און די עלטסטע האָבן נישט געהאַט פעסטגעזעצט די זאַך, אויב די טבילה פון יוחנן איז געווען מן־השמים אָדער פון בני־אָדם? און זיי האָבן אים אָפּגעענטפערט:

— מיר ווייסן נישט, רבי. געוויס איז יוחנן געווען א צדיק און א נביא און א קדוש, וואָרעם ער איז געטויט געוואָרן אויף קידוש־השם. אָבער מיר קאָנען נישט זאָגן, אויב זײַן טבילה איז מן־השמים אָדער נישט, וואָרעם אין אזא וויכטיקן ענין מוזן די חכמים און די סופרים אָננעמען דעם באַשלוס אין דעם ראָט פון די עלצטע. מיר אַליין האָבן נישט קיין רשות וועגן דער זאַך עפּעס צו זאָגן אָן דעם באַשלוס פון די עלצטע.

האָט ישוע זיי געענטפערט און געזאָגט:

— איך זאָג אײַך אויך נישט, מיט וועלכן כוח איך טו די זאַכן.

און ווען די שליחים זענען געבליבן נבהל ונשתומם איבער דעם רבינס ווערטער, האָט ישוע זיך געווענדט צום פאָלק, וואָס איז גע־

שטאַנען ארום, און האָט זיי פאַרציילט דעם משל פון ישעיה הנביאס ווײַנגאָרטן:

א מאַן האָט געבויט זײַן ווײַנגאָרטן. און ער האָט א צאַם דערום געמאַכט, געגראָבן א קעלטער, און ער האָט געבויט א טורעם. און ער האָט אים פאַרדונגען צו ווײַנגערטנער און איז אוועקגעפאָרן. און מיט דער צײַט האָט ער געשיקט זײַן קנעכט צו די ווײַנגערטנער, אז ער זאָל פון זיי נעמען די פרוכט פון דעם ווײַנגאָרטן. אָבער די לײַט האָבן גע־נומען דעם קנעכט און האָבן אים געשלאָגן, און האָבן אים ליידיק אוועקגעשיקט. און אזוי האָבן זיי געטון צום אַנדערן קנעכט: זיי האָבן אויף אים שטיינער געוואָרפן, האָבן אים דעם קאָפּ צעשפאָלטן און אים פאַרשעמט אוועקגעשיקט. דעם דריטן קנעכט האָבן זיי אומגעבראַכט. און דער מאַן האָט נאָר געהאַט אַן איין־איינציקן זון, זײַן געליבטן, אַזוי האָט ער אויך אים צולעצט געשיקט. און די ווײַנגערטנער האָבן גע־זאָגט איינער צום אַנדערן: — „דאָס איז דער יורש. לאָמיר אים אומ־ברענגען, און די ירושה וועט אונזערע זײַן". זיי האָבן אים גענומען און האָבן אים אומגעבראַכט און האָבן אים אויס דעם ווײַנגאָרטן ארויסגעװאָרפן. דערום, וואָס וועט דער האַר פון דעם ווײַנגאָרטן טון? ער וועט קומען און וועט די ווײַנגערטנער אומברענגען און וועט דעם ווײַנגאָרטן צו אַנדערע איבערגעבן. וואָרעם איר האָט נישט געגלויבט די שריפט, וואו עס שטייט געשריבן: „אבן מאסו הבונים היתה לראש פנה", — דער שטיין, וואָס די בויער האָבן פאַרוואָרפן, דער איז געוואָרן צום עקשטיין. דאָס איז געשען פון דעם האַר גאָט, און עס איז וואונדערלעך אין אונ־זערע אויגן.

און די סופרים און די זקנים און די כהנים, די שליחי־בית־דין, האָבן געהערט די רייד, זענען זיי גלײַך געוואָרן צעשראָקן. די אויגן זייערע האָבן זיך באַהאַלטן אונטער זייערע ברעמען, זייערע פּנימער זענען פאַרשאָטנט געוואָרן און זייערע הערצער האָבן געציטערט פאַר אומפאַרשטענדלעכקייט.

און דער עלצטער פון די שליחים, וואָס איז דאָרט געווען, האָט זיך אָנגערופן צום רבין פון נצרת:

— חלילה איז עס פון אונזערע הענט צו פאַרוואַרפן דעם שטיין. קיינער וויל דיר קיין שלעכטס נישט טון. זאָג אונז, ווער דו ביסט, ווער האָט דיך געשיקט, און מיר וועלן נעמען דעם שטיין און מיר וועלן בויען אויף אים די סוכה פון שלום, וואָס איז אונז צוגעזאָגט געוואָרן. זאָג אונז, רבי, ווער פון אונז האָט דיר געוואָלט אמאָל שלעכטס טון, ווער פון אונז האָט געוואָלט פאַרוואַרפן דעם שטיין? דו ווילסט, אז מיר זאָלן דיך אָנערקענען פאַר דעם העכסטן, וואָס איז געשיקט געוואָרן אין פּרדס ארײַן, מער פון משהן, און דו גיסט אונז נישט קיין צייכן, אז דו ביסט געשיקט. דו ווייסט וואויל ווי מיר, אז מיר זענען געבונדן מיט חוקים און משפטים און מיר האָבן א קלאָרן אָנווײַז דערויף אין דער תורה,

ווי אזוי מיר זאָלן זיך פירן, ווען עס באַווייזט זיך צו אונז א נביא אָדער א חוזה. און ווי א רבי אין ישראל, ווייסטו, אז מיר קאָנען נישט פאַרוואַרפן איין חוק אין דער תורה נישט אומצוּוואַרפן צוגלייך די גאַנצע תורה.

א טייל סופרים, וואָס זענען דאָרט געשטאַנען, האָבן געזאָגט:

— מיר האָבן נישט מער, וואָס צו טון מיט דעם מאַן. איר האָט דאָך געהערט זיין משל. ער האָט מחרף ומגדף געווען דעם לעבעדיקן גאָט.

אָבער רבי נקדימון האָט זיך אָנגערופן:

— מען גייט נישט אויף קיין משל.

און אזוי האָבן אויך צוגעשטימט די אַנדערע סופרים און פרושים. נאָר א טייל האָבן פאַרלאָזט דעם רבין פון נצרת אין כעס איבער די ווערטער, וואָס ער האָט גערעדט אויף זיך, און האָט קיין באַוויז נישט געבראַכט.

בשעת די חכמים זענען נאָך געווען ביי אים און דאָס פאָלק ארום איז געשטאַנען און האָט נישט געוואוסט, מיט וועמעס צד צו האַלטן, — זיי האָבן געהערט רייד און זיי נישט פאַרשטאַנען, — האָבן זיך ארויסגערוקט אייניקע פון בר־אבאס לייט, וואָס מען האָט זיי געקאָנט דערקענען נאָך די שניטן אויף זייערע פּנימער פון דער נעכטיקער שלאַכט. און עס האָבן זיך געפונען צווישן זיי אייניקע פון די פרושים און אפילו לייט, וואָס האָבן געהערט צום קרייז פון הורדוס אַנטיפּא, וועלכע זענען מיטגעגאַנגען מיט בר־אבאן קיין ירושלים, וואָרעם די ביטערקייט קעגן רוים האָט אַלעמען פאַראייניקט, און עס איז געווען באוואוסט צווישן די, וואָס קאָנען האַלטן א סוד, אז הורדוס זאַמלט איין געווער אין זיין פּאַלאַץ אין טבריה און קלייבט זיך ארויסצוטרעטן קעגן רוים. און דער נביא פון נצרת האָט ביי אַלעמען די האָפענונג ארויסגערופן מיט זיינע מעשים און רייד, האָבן זיי זיך געזאַמלט און זענען געקומען פאַר אים. און איינער פון זיי איז געווען דער ראש־המדברים און ער האָט זיך אָנגערופן צו די חכמים און סופרים:

— צי איז דען איצט א צייט אויף משלים? דער שונא שלאָגט אָן אין אונזערע טויערן פון דרויסן און דאָס פאָלק טאַפּט אין דער פינצטער פון אינעווייניק. איז איצט א צייט פון פירן וויכוחים? עס איז א צייט פון טון! — און ער האָט זיך געווענדט צום רבין און ער האָט זיך אָנגערופן צו אים: — רבי, מיר ווייסן, אז דו ביסט א וואָרהאַפטיקער מאַן און דו פרעגסט נאָך קיינעם נישט. דו ביסט קיין מענטשן נישט נושא־פּנים, נייערט דו לערנסט דעם וועג פון גאָט און וואָרהייט. זאָג אונז פריי און אָפן, אָן משלים: איז עס רעכט, אז מיר, דאָס פאָלק פון גאָט, זאָלן געבן מס דעם קיסר, אָדער נישט? זאָלן מיר צאָלן מס אדומען, אָדער נישט?

דאָס פאָלק ארום איז געשטאַנען מיט פאַרכאַפּטן אָטעם. ווען זיי האָבן נישט געקאָנט זיך פונאַנדערקלײַבן אין די רייד פון די חכמים, אין דעם משל פון רבין מיטן ווײַנטגאָרטן, און זיי האָבן נישט געוואוסט, מיט וועמעס צד צו האַלטן, — האָבן זיי אָבער דאָסמאָל געהערט קלאָרע און אָפענע דבורים און זיי האָבן אַלע דערוואַרט א קלאָרן און אָפענעם ענטפער. דער רבי פון נצרת האָט לאַנג געקוקט אויף די לײַט, וואָס האָבן אים געשטעלט די אָפענע פראַגע. ער האָט זיי געפּאָרשט מיט זײַן בליק און נישט געהאַט קיין צוטרוי צו זיי. ענדלעך, האָט ער זיך אָנגערופן:

— פאַרוואָס פּרוווט איר מיך? ברענגט מיר א דינר, אז איך זאָל אים אָנקוקן.

און איינער פון זיי האָט שוין פאר זײַנע אויגן אויסגעשטעלט די מטבע אויף דער פלאַך פון זײַן האַנט, מיט דער אומווירדיקער געשטאַלט פון קייסער טיבעריוס, וואָס איז געווען אויף איר אויסגעקריצט, אסור אין בית־מקדש־הויף צו ברענגען.

און דער רבי האָט גענומען דעם דינר, באַקוקט אים, דאָס בילד פון קייסער, די אויפשריפט, און ער האָט זיי געפרעגט:

— וועמעס בילד און וועמעס אויפשריפט איז דאָס?

און זיי האָבן געענטפערט:

— דעם קייסערס.

— גיט צום קייסער, וואָס איז דעם קייסערס, און צו גאָט, וואָס איז גאָטס!

א געמורמל איז אדורכגעגאַנגען צווישן עולם. הענט האָבן זיך אויסגעשטרעקט אין פאַרוואונדערונג, בערד האָבן זיך באַוועגט אין פאַרניינונג, ליפּן האָבן זיך פאַרביסן אין ביטערקייט. מען האָט זיך פאַרשטעלט די אויערן פאר די רייד.

— וואָס הייסט, דעם קייסערס? איז דער דינר דעם קייסערס? שענקט ער אונז זײַן דינר? פאַרצוועגן מיר דען נישט אויף אים? באַצאָלן מיר נישט פאר דעם פרעמדן געלט, וואָס מען צווינגט אויף אונז ארויף, מיט דעם שווייס פון אונזערע לײַבער, מיט אונזערע כוחות און בלוט? נעמט מען נישט פון אונז צו אונזער האַרעוואַניע, אונזער אייל, אונזער ווײַן, אונזער ווייץ, אונזערע שאָף און רינדער פאר דעם אומווירדיקן בילד פון קייסער? וואָס הייסט, מיר זאָלן אָפּגעבן דעם קייסער, וואָס איז דעם קייסערס? עס איז אונזער האַרעוואַניע.

— קיינמאָל נישט, קיינמאָל נישט! געגנוג מסים געצאָלט צו פרעמדע! מיר זענען די קינדער פון גאָט. מיר אָנערקענען נאָר איין קייסער!

— עס איז נישטאָ קיין מלך, אחוץ דעם רבונו־של־עולם! — האָט זיך דערהערט דער אַלטער קריג־געשריי פון יהודה הגלילי.

אָבער די חכמים פון די פרושים, וועלכע זענען געשטאַנען דאָרט, האָבן דאָס פאָלק באַרואיקט:

— דער רבי פון נצרת האָט געלערנט אין גייסט פון אונזער קבלה, וואָס איז אין אונזערע הענט. ניט קיין קלענערער ווי ירמיהו הנביא האָט אונז געהייסן צו פאַרשן און צו בעטן אין שלום פון מלכות. און אונזערע חכמים האָבן געלערנט: דער דין פון מלכות איז א דין.

אָבער פיל פון פאָלק האָבן נישט געוואָלט מער צוהערן זיך צו די רייד פון די חכמים און זיי האָבן געזאָגט:

— פון דעם נביא פון נצרת איז שוין גאָר נישטאָ וואָס מער צו דערוואַרטן. ווי צו אונז, נאָך אַ האָפענונג איז פאַרלוירן געגאַנגען! — און זיי האָבן פאַרלאָזט דעם רבין.

דענסטמאָל האָט זיך דערהערט צום ערשטן מאָל דאָס געשריי: „בר-אבא! גיט אונז צוריק בר־אבאן!" — און פיל עולם איז אָפּגעפאַלן פון רבין, נאָר די פרושים און א טייל עולם זענען געבליבן. אויך מיין רבי און מיר אַלע זענען איבערגעבליבן. מיר האָבן געוואָלט אָפּוואַרטן די זאַך און זען, וואָס עס וועט דערפון ווערן, וואָרעם די בית־מקדש־אויפזעער האָבן שוין מיט זייערע שטעקנס אָנגעהויבן פאַרטרייבן די, וואָס האָבן געשריגן נאָך בר־אבאן.

דענסטמאָל האָבן זיך דערנענטערט א טייל פון די צדוקים, וועלכע האָבן זיך געהאַט געפונען אין בית־מקדש־הויף און זיך צוגעהערט פון דער ווייטנס צו די וויכוחים צווישן די געלערנטע און דעם רבין פון נצרת. מען האָט זיי באַלד דערקענט אין זייערע פאַרשיידנאַרטיק־געפלאָכטענע בערד, וואָרעם די צדוקים האָבן געפראַוועט א קולט מיט זייערע בערד, ווי די פעניציער, אויך אין זייערע רייך־קאָלירטע מאַנטלען און די רינגען, וואָס זיי האָבן געטראָגן אויף די הענט. צווישן זיי האָבן זיך אויך געפונען איניקע פון זייערע סופרים און חכמים. אויך די צדוקים האָבן געהאַט זיערע סופרים און זייערע שריפט־אויסטייטשער. מען האָט זיי דערקענט אין זייערע געטורעמטע, פיראַמידן־אַרטיקע מיצן־הענלמען, אין די פעדערס הינטערן אויער. בשעת דער רבי האָט געפירט דעם וויכוח מיט די פרושים, האָבן זיי זיך געהאַלטן פונדערווייטנס און מיט ביטול זיך צוגעהערט צו די רייד פון די חכמים, וועלכע ווילן געפינען אַ רעטונג און זען אַ דערלייזער אין איינעם פון זייערע רבנים.

זיי האָבן געפרעגט דעם רבין פון נצרת זייער אייביק-לעכערלעכע פראַגע, וועלכע שפּאָט אויס דעם גלויבן אין תחית־המתים, וואָס סיי דער רבי פון נצרת, סיי די פרושים זענען געווען אין דעם איינפאַרשטאַנען. זיי האָבן אים געפרעגט: ווי וועט זיין, ווען זיבן ברידער, וועלכע זענען געשטאָרבן קינדערלאָז, האָבן איינער נאָכן אַנדערן חתונה געהאַט, נאָך תורת משה, מיט דער אלמנה, — צו וועמען פון די זיבן ברידער וועט זי געהערן, ווען זיי וועלן צו תחית־המתים אויפשטיין? זיי האָבן מיט דער פראַגע געוואָלט אויך די פרושים פאַרלאַכן, ווייל אויך די

פרושים האָבן גענלויבט אין תחית־המתים. דער רבי האָט זיי אָפּגע־ענטפערט און געזאָגט:

— איר קענט נישט די שריפט. ווען זיי וועלן תחית־המתים אויפ־שטיין, וועלן זיי נישט הייראַטן און נישט פאַרהייראַט ווערן, נאָר זײַן ווי די מלאכים, וואָס זענען אין הימל. האָט איר נישט געלייענט אין ספר משה, אַז גאָט האָט צו אים גערעדט פון דאָרנבוש: „איך בין דער גאָט פון אברהם, פון יצחק און יעקב". ער איז נישט דער גאָט פון די טויטע, נײַערט דער גאָט פון די לעבעדיקע. דערום טוט איר גרײַזן.

ווי די פרושים, וואָס זענען דערבײַ געשטאַנען, האָבן דערהערט דעם רבינס ענטפער צו די צדוקים, זענען זיי צו אים צוגעפאַלן. זיי האָבן באַלד פאַרגעסן, וואָס ער האָט גערעדט אויף זיי, און האָבן אים צוגערופן:

— רבי, רבי, יפה דרשת, האָסט שיין געדרשנט, רבי. זאָלן דײַנע הענט געשטאַרקט זײַן.

און איינער פון די פרושים האָט זיך אָנגערופן:

— אויך די חכמים האָבן אַזוי געלערנט. פון וואַנען ווייס איך, אַז תחית־המתים איז פון דער תורה? עס שטייט געשריבן: „און איך וועל באַשטעטיקן מײַן ברית מיט זיי צו געבן זיי דאָס לאַנד כנען". עס שטייט נישט „צו אײַך", דאָס הייסט, צו די הײַנטיקע יידן, נאָר „צו זיי". מיינט מען דאָס, צו אברהם, יצחק און יעקב. איז פון דאַנען געדרונגען, אַז תחית־המתים איז פון דער תורה.

און אַן אַנדער רבי האָט זיך אָנגערופן:

— וואָס באַדאַרפסטו גיין אַזוי ווײַט? אונזערע חכמים האָבן גע־לערנט: „כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא". און נישט נאָר ישראל, נאָר אויך חסידי אומות העולם האָבן חלק לעולם הבא. און וואָס איז חלק לעולם הבא? די צווייטע וועלט האָט נישט קיין עסן, קיין טרינקען, נישט קיין חתונה־האָבן און נישט קיין קינדער־געבערן. נאָר די צדיקים וועלן זיצן מיט די קרוינען אויף זייערע קעפּ און הנאה האָבן פון די שטראַלן פון דער שכינה.

און ווי עס איז באַוואוסט געוואָרן צווישן די תלמידי־חכמים, וואָס פאַר אַן ענטפער דער רבי פון נצרת האָט געגעבן צו די צדוקים איבער דער פראַגע פון תחית־המתים, אַזוי איז אַ גרויסע פרייד געוואָרן צווישן זיי, און זיי האָבן ווידער אָנגעהויבן זיך זאַמלען אַרום דעם רבין, און זיי האָבן געהאַלטן אין איין אויסרופן:

— רבי, רבי, יפה דרשת, זאָלן דײַנע הענט געשטאַרקט ווערן. דו האָסט די צדוקים שטיל געמאַכט.

— זאָמד האָט ער געשאָטן אין זייער מויל, — האָט אַ פּרושי זיך געפרייט.

און אויך דאָס פּראָסטע פאָלק, ווען זיי האָבן דערזען ווי די תלמידי־חכמים פרייען זיך מיט דעם רבינס ענטפער, זענען זייערע געמיטער לײַכטער געוואָרן, זייערע פּנימער געטרייסט, און די האָפענונג האָט זיך

באַנײַט אין זייערע הערצער.

און איינער פון די תּלמידים פון יוחנן בן זכאי, א פּרוש, איז צוגעקומען צו אים און האָט אים געפרעגט:

— לערן אונז, רבי: וועלכע איז די ערשטע מצווה פון אַלע מצוות אין דער תּורה?

און דער רבי האָט אים געענטפערט:

— די ערשטע פון אַלע מצוות איז: שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד. און דו זאָלסט דעם האַר דײַן גאָט ליב האָבן מיט דײַן גאַנצן האַרצן, מיט דײַן גאַנצער זעל, מיט דײַן גאַנצן פאַרשטאַנד און מיט דײַן גאַנצער קראַפט. דאָס איז די ערשטע מצוה. און די צווייטע איז גלײַך דערצו: ואהבת לרעך כמוך. עס איז קיין אַנדער מצוה נישט פאַראַן, וואָס איז גרעסער פון די.

ווי די חכמים האָבן דאָס געהערט, איז א גרויסע פרייד געוואָרן צווישן זיי. און דער סופר, וואָס האָט געשטעלט אים די פראַגע, האָט אים צוגערופן:

— יפה דרשת, רבי. דו האָסט די וואַרהייט געזאָגט. וואָרעם עס איז נאָר איין האַר גאָט און קיין אַנדערער איז נישטאָ אחוץ אים. און אים צו ליבן מיט דײַן גאַנצן האַרצן, מיט דײַן גאַנצער זעל, מיט דײַן גאַנצן פאַרשטאַנד און מיט דײַן גאַנצער קראַפט, און דײַן געזעל צו ליבן ווי זיך אַליין — איז מער פון עולות און זבחים.

און מײַן רבי האָט זיך אָנגערופן און געזאָגט:

— פון וואַנען ווייס איך, אַז ווען איינער פון די אומות־העולם איז מקיים דאָס געזעץ, איז ער אזוי גוט ווי א כהן־גדול? עס שטייט: „דאָס זענען די געזעצן, וואָס דער מענטש זאָל אויספירן און ער זאָל לעבן אין זיי״. עס שטייט נישט: דאָס זענען די געזעצן, וואָס א כהן, לוי אָדער א ישראל זאָל אויספירן, נאָר עס שטייט „דער מענטש״.

און א רבי, וואָס איז דאָרט געווען, האָט זיך אָנגערופן און געזאָגט:

— אונזערע חכמים האָבן געלערנט: עס שטייט געשריבן „פּתחו שערים ויבוא גוי צדק, שומר אמונים״; עס שטייט נישט געשריבן: „עפנט די טויערן און זאָל אַרײַנקומען א כהן, א לוי אָדער א ישראל״, נאָר עס שטייט געשריבן „גוי צדק״. איז פון דאַנען געדרונגען, אז ווען א גוי איז „שומר אמונים״, היט די אמונה, איז ער כישראל דמי.

און דער רבי פון נצרת האָט זיך אָנגערופן און געזאָגט:

— דו האָסט די וואַרהײַט געזאָגט. דו ביסט נישט ווײַט פון מלכות־אלהים. — און צום פאָלק האָט ער זיך געווענדט און געזאָגט: — אין די צוויי מצוות הענגט אָפּ די גאַנצע תורה און די נביאים.

און די חכמים האָבן צוגעשטימט צו אים און געזאָגט צו אים:

— יפה דרשת, רבי. אויך הלל הזקן האָט געזאָגט: „וואָס דיר איז נישט ליב, דאָס טו נישט דײַן חבר. דאָס איז די גאַנצע תורה. דאָס איבעריקע איז נאָר א פירוש. גיי און לערן״.

— ער איז פון די תלמידים פון הלל. וואויל איז דער טראַכט, וואָס האָט אים געבוירן, — האָט אַ רבי פון די תלמידים פון יוחנן בן זכאי זיך אָנגערופן.

— דעם קערן נעם איך צו, די פּלעווס וואַרף איך אוועק. איך נעם צו דאָס גוטע פון זײַנע רייד, די אַנדערע הער איך נישט.

— אַז אַ תלמיד־חכם האָט געזאָגט אַ דבר־תורה, וואָס איז אין איינקלאַנג מיט די חכמים און מיט דער קבלה, איז ער באַגלויבט אויף אַלץ, האָבן די אַנדערע געזאָגט.

און די תלמידי־חכמים האָבן זיך געפרייט מיט אים, און זיי האָבן אים מער קיין פראַגעס נישט געוואָלט שטעלן, נאָר זיי האָבן צוגענומען זײַנע רייד אַזוי ווי ער האָט זיי געזאָגט. און דער שעת־הכושר איז געווען גרויס, אַז אַלע מחיצות זאָלן פאַלן צווישן אים, וואָס איז געוואָרן דער טרעגער פון אונזערע האָפענונגען, און די רבנים מיט די סופרים. און דער שעת־הכושר איז געווען גרויס, אַז אַלע זכיות זאָלן זיך פאַראייניקן צו איין גרויסן כוח, וואָס זאָל קומען מיט דעם גייסט פון גאָט: דער כוח פון אָנהויב, דער כוח פון ברית, וואָס גאָט האָט פאַרשניטן מיט אברהמען און די אבות: דער כוח פון משהן און די נביאים, — און זאָל אויסלייזן די וועלט פון אירע שטריק און זי אוועקשטעלן אויף די צוויי זײַלן, אויף די צוויי יסודות פון ליבע צו גאָט און ליבע צום מענטש. ווי האָבן אונזערע הערצער געקלאַפּט פאַר פרייד! איך האָב געקוקט אויף מײַן רבינס פּנים. עס האָט אַראָפּגעשײַנט פון אים דער גלאַנץ פון דער שכינה, אַזוי אויך — פון די פּנימער פון אַלע חכמים און סופרים. און די פּנימער פון זײַנע תלמידים האָבן געשטראַלט פאַר לויטער נחת. איך האָב געזען, ווי יהודה האָט געפּאַטשט מיט די הענט און געטרייסלט זיך פאַר לויטער פרייד. און ער האָט געוועקט שמעונען, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים, און גערופן צו אים אין אויער אַרײַן: „אַז די חכמים זענען מסכים אויף דער ערד, איז מען אויך מסכים אין הימל". און מיר האָבן געמיינט, אַז אָט וועט געשען דער גרויסער וואונדער, אויף וועלכן מיר האָבן אַלע אויסגעקוקט. נאָר פּלוצלינג האָט דער רבי פון נצרת זיך אָנגערופן צו די לײַט, וואָס זענען געשטאַנען ארום אים, און ער האָט געזאָגט:

— ווי אַזוי זאָגן די סופרים, אַז דער משיח איז דער זון פון דוד? דוד אַליין האָט דאָך געזאָגט: „דער האַר גאָט זאָגט צו מײַן האַר: — זיץ צו מײַן רעכטער האַנט און איך וועל מאַכן דײַנע פײַנט צום פוסבענקל פאַר דײַנע פיס". ווען דוד אַליין רופט אים „האַר", ווי אַזוי איז ער זײַן זון?

ווי די חכמים האָבן געהערט די רייד פון דעם רבין פון נצרת, זענען זיי בשתומם געוואָרן און האָבן ווידער נישט געוואוסט, וואוהין ער צילט. און איינער פון זיי האָט זיך אָנגערופן:

— ווייניק זין זענען אויפגעשטאַנען צו דודן? און דאָך איז קיינער פון זיי נישט דערקלערט געוואָרן פאַר דעם מלך משיח. צו זײַן דער מלך משיח איז נאָך ווייניק צו זײַן דודס זון. ער מוז זײַן דער אויס-דערוויילטער פון גאָט און פון הימל מיט רשותים צו אונז געשיקט.

און די חכמים האָבן זיך אָנגערופן צום פאָלק און זיי האָבן געזאָגט:

— עס איז באַוואוסט און באַקאַנט פאַר דעם, וואָס האָט געזאָגט און עס איז געוואָרן, אַז נישט פון אונזער כבוד וועגן און נישט פון וועגן דעם כבוד פון אונזער פאָטערס הײַזער, זענען מיר ארויסגעקומען דיך פרעגן, רבי, אַז דו זאָלסט אונז זאָגן: מיט וואָס פאַר א כוח טוסטו די זאַכן? און וואָס פאַר א רשות האָסטו דערויף? — נאָר כדי מיר זאָלן וויסן, ווי מיר האָבן זיך צו פירן. און נישט דיך צו פּרווון — פאַרלאַנגען מיר פון דיר א צייכן, נאָר כדי מקיים צו זײַן, וואָס עס שטייט געשריבן אין דער תורה דורך משהן: ווי אזוי זיך אויפצופירן, ווען דער נביא אָדער א חוזה וועט זיך באַווײַזן צו אונז. אנשטאָט דעם, האָסטו אונז געגעבן רמזים און וואונקען. אָבער מיר קאָנען נישט אָננעמען קיין רמזים, נאָר אזוי ווי משה האָט אונז געהייסן. און מיר טאַפּן איצט אין דערזעלבער פינצטערניש, ווי ווען מיר זענען ארויסגעקומען צו דיר. מיר לאָזן איבער די זאַך צו גאָט און זײַן האַנט. זאָל ער טון, וואָס עס איז רעכט־פאַרטיק אין זײַנע אויגן. מיר האָבן דערמיט גאַרנישט מער וואָס צו טון.

אָבער דער רבי פון נצרת האָט זיך אָנגערופן צום פאָלק און ער האָט געזאָגט:

— היט זיך פאַר די סופרים, וואָס האָבן גערן צו גיין אין לאַנגע קליידער און געגריסט צו ווערן אין די גאַסן, שטיין גאָר אויבנאָן אין די שולן און זיצן אויבנאָן אויף סעודות, וואָס עסן אויף די הײַזער פון אלמנות. פאַר אויסרייד זענען זיי לאַנג מתפלל. די וועלן מיט א גרעסערן משפט געמשפט ווערן.

די סופרים האָבן אָבער אים גאַרנישט געענטפערט. נאָר איינער פון זיי האָט געזאָגט:

— אונזערע חכמים האָבן געלערנט: די, וואָס ווערן פאַרשעמט און פאַרשעמען נישט צוריק די, וואָס הערן זייער שאַנד און ענטפערן נישט אָפּ; די, וואָס טוען גאָטס ווילן אויס ליבע און פרייען זיך מיט יסורים, — אויף זיי איז געזאָגט געוואָרן: „זײַנע ליבהאָבער זענען ווי דער ארויס־גאַנג פון דער זון אין איר שטאַרקייט”.

און די סופרים האָבן געזאָגט:

— מיר האָבן דאָס אונזעריקע געטון. מיר האָבן מער מיט דער זאַך נישט צו שאַפן.

און זיי האָבן זיך דערווײַטערט פון דעם רבין פון נצרת. און מיט זיי איז אויך מיטגעגאַנגען מײַן רבי מיט זײַנע תלמידים. און פיל פאָלק איז נאָכגעגאַנגען נאָך די חכמים. נאָר א טייל פון פאָלק איז געבליבן בײַ דעם רבין פון נצרת — און זיי האָבן זיך צוגעהערט צו זײַן לערע.

קאַפּיטל ניינצן

שפּעטער אין אָוונט זענען מיר, די תּלמידים פון אונזער רבין, פאַר־נומען געווען מיט פאַרברייטן פארן רבין די שפּייז פארן יום־טוב. מיין פאָטער האָט געבראַכט מעל, וואָס איז אָפּגעהיט געוואָרן אין כשרות פון אַנריר מיט חמץ. מיר האָבן זיך געקליבן צו באַקן די מצות. ערשט פּלוצלינג איז יהודה אריינגעפאַלן, ווי געטראָפן פון א פיינדס א שפּיז, אין אונזער בית־מדרש אריין. פון זיין מויל האָבן זיך געריסן די ווערטער:

— איך קאָן עס נישט! איך קאָן עס נישט לענגער אויסהאַלטן! מיט דער פוריע פון א שטורעם כאַפּט ער מיך און וואַרפט מיך אין כף־הקלע אריין, פון די העכסטע האָפענונגען אין די נידעריקסטע אָפּגרונטן. איך קאָן מער נישט אריבערטראָגן די ליידן פון ספק. ווער איז ער? איז ער געקומען אונז צו טרייסטן, צו ברענגען די רפואה, די העכסטע הילף, צי איז ער געקומען אונז נאָך מער צו פּייניקן, צו מערן אונזערע צרות, אונז ווי קעלבער צו בינדן און לייגן צו די פיס פון אדום אויף אַלע אייביקייטן? איז ער געקומען די גאַנצע וועלט צו באַפרייען, נאָר אונז אליין אין דער פינצטער צו לאָזן? פאַרוואָס? צי זענען מיר נישט בלוט פון זיין בלוט? צי האָבן מיר אים נישט אויסגעוויי טיקט מיט אונזערע ליידן? פאַרוואָס וויל ער נאָר די אַנדערע באַפרייען? האָבן מיר נישט דערטראָגן אויף אונזערע פּלייצעס די בכורה פון יעקבֿ? איר לאַסט האָט אונזערע רוקנס געבויגן טיף צו דער ערד, ווען מיר האָבן געדרעפּטשעט אין אונזער אייגן בלוט, וואָס האָט זיך געגאָסן פון אונזערע וואונדן, ביז וואַנען מיר האָבן זי דערטראָגן ביז צום אויסלייז. זאָלן איצט אונזערע ברכות צוגענומען ווערן פון אונז און אָפּגעגעבן ווערן צו פרעמדע? פאַר־וואָס? ווער איז ער? און וואָס איז ער? איז ער אונזער באַפרייער אָדער אונזער פאַרשקלאַפער? זאָל ער קומען און דערפילן זיינע צוזאָגן. זאָל ער די חיילות פון הימל אראָפּכישופן, זאָל ער אדומען מיטן פייער פון זיין מויל פאַרניכטן. איך בין מיד צו טראָגן דעם ספק אין מיר, ער צע־דריקט מיך! איך קאָן נישט מער!

און יהודה האָט זיך אראָפּגעלאָזט, אַן אויסגעשעפּטער, אויף זיינע קני.

נאָך קיינמאָל האָב איך אים נישט געזען אזעלכן, נאָך קיינמאָל נישט. זיינע אויגן זענען אַרויסגעזעצט געוואָרן פון זיין פּנים, ווי בעל־מעס, מען האָט געמיינט, אַז יעדן אויגנבליק רייסט די שווערקייט פון די רויט־פאַרלאָפענע בעלמע־אויגן איבער די רויטע אָדער־שנירן, מיט וועלכע זיי זענען אַנגעבונדן צום אויג־אויסשניט, און פאַלן צו דער ערד ארונטער. א שוים האָט געזעצט פון זיין מויל. זיין גאַנצער קערפּער איז פאַרקניפּט געווען אין איין שטייפן, פאַרלאָפענעם קנאַכן־ און אָדער־קנויל. זיין פּנים איז אָנגעבלאָזן געווען, אדורכגענומען מיט בלויע, שטרענג־אַנגעצויגענע אָדערן, וועלכע האָבן, ווי קנופּן בלוט־פּיאווקעס,

געזאַמלט זיך, גרייט, דאַכט זיך, אַט באַלד אַדורכצורײַסן די דינע הויט פֿון זײַן געהירן, מיטשלעפּן און אויסגיסן זייער בלויע ביטערקייט איבער זײַן פּנים אַראָפּ, אין זײַן קויטיקער, גרויער, דראַטן־שטײַפֿער באָרד אַרײַן.

דער רבי האָט צוגעאײַלט צו אים. מיר האָבן אים געהאָלפֿן אויפֿהייבן יהודהן פֿון דער שטיינערנער פּאָדלאָגע, אויף וועלכער ער איז געפֿאַלן. דער רבי האָט אים אוועקגעזעצט אויף אַ באַנק, באַפֿוילן אונז אים ברענגען אַ כּוס ווײַן, געמישט מיט האָניק, און ער האָט אים צוריקגעבראַכט צום לעבן. עס האָט געדויערט אַ לאַנגע ווײַל, ביז ער איז צוריקגעקומען צו זיך, און דער רבי האָט געקאָנט שטילן זײַן נײַגיריקייט אויסצוגעפֿינען, וואָס עס איז געשען:

— וואָס איז געשען, יהודה? וואָס איז געשען?

— דער בית־המקדש וועט צעשטערט ווערן, אַ שטיין נאָך אַ שטיין וועט צעפּירט ווערן. ירושלים וועט צו דער ערד דערנידעריקט ווערן. ירושלים וועט פֿון די גויים צעטראָטן ווערן.

— ווער האָט עס געזאָגט די שרעקלעכע ווערטער?

— מײַן רבי, מײַן רבי! ער, וואָס איך האָב געגלויבט אין אים, אַז ער וועט ברענגען די ישועה צו ישׂראל.

— האָסט עס אַליין געהערט?

— יאָ, בקדימון.

און יהודה האָט גענומען זײַן קאָפּ אין די הענט אַרײַן, האָט אָנגעהויבן זיך וואַקלען מיט זײַן קערפּער אַהין און צוריק און גערעדט ווי אַ באַזעסענער:

— אָ, ווי האָב איך אויסגעוואַרט אויף דער מינוט! ווי האָב איך אויסגעוואַרט אויף דער מינוט, ווען מײַן רבי וועט זיך אַדורכריידן מיט די חכמים און זיי וועלן אויסגעפֿינען, אַז ער איז דער טרעגער פֿון אונזערע האָפֿענונגען, אַז ער איז דער, וואָס איז געקומען ממלא צו זײַן די תּורה, אָנצופֿילן די מצוות, זיי צו געבן אַ טעם, זיי צו דערפֿילן און אויפֿצוהויבן פֿאַר דער רעטונג פֿון דער וועלט. אין מיר האָט מײַן נשמה זיך געבאָדן אין דעם ליכט פֿון פֿרייד, ווען איך האָב געזען ווי די חכמים און סופֿרים זענען מסכּים מיט אים. איך האָב זיך אין מײַן זעל געזאָגט: „נישט אַנדערש, נאָר דאָס האָט גאָט געטון, כּדי מיר זאָלן זיך פֿרייען דערמיט". און איך האָב געמיינט, אַז איצט וועט ער אָנהויבן זײַן ממשלה, איצט וועט ער אויפֿהויבן זײַן האַנט, איצט וועט ער באַווײַזן, אַז אונזער וואַרטן און אונזערע האָפֿענונגען זענען נישט געווען אומזיסט. איך האָב אַלץ מוחל געווען. איך האָב אַראָפּגעשלונגען אפֿילו זײַן וואָרט, וואָס ער האָט אונדז געהייסן געבן דעם קייסער, וואָס עס געהערט צום קייסער. איך האָב מיר געזאָגט: „איך פֿאַרשטיי נישט, נאָר קוים זענען די חכמים מיט אים מסכּים, איז דאָ אַ טעם אין דער זאַך. מאָרגן וועל איך דאָס זען". איך האָב מיר געזאָגט, אַז די, וואָס גלויבן אין אים בלינדערהייט, וועלן דערזען זײַן ווערק. אַלע האָפֿענונגען האָב איך אויף אים געלייגט.

— אָבער וואָס איז געשען, יהודה? דו מיינסט די ווערטער, וואָס דײַן רבי האָט געזאָגט קעגן די סופרים? דער כבוד פון די סופרים און די חכמים רוט אויף זייערע ערטער. קיינער קאָן פון זיי דאָס נישט אָפּ־נעמען. איז דאָס אַלץ, וואָס דײַן רבי האָט גערעדט?

— ניין, נישט אַלץ. ניין. נאָכדעם ווי די רבנים און די סופרים האָבן אים פּאַרלאָזט, האָט ער אונז צוגעפירט צום אוצר פון בית־מקדש און האָט אונז אָנגעוויזן אויף אַן אלמנה, וואָס האָט אַרײַנגעוואָרפן אין קאַסטן פון אוצר אירע לעצטע צוויי פּרוטות. ער האָט דאָס פאָלק גע־לערנט און געזאָגט: „זי האָט מער אַרײַנגעוואָרפן פון אַלע, ווײַל די אַנדערע האָבן אָפּגעגעבן, וואָס זיי האָבן איבעריק, און זי — אַלץ וואָס זי האָט". מיר האָבן זיך געפרייט מיט די ווערטער און מיר האָבן זיך געקליבן צו פאַרלאָזן דעם בית־מקדש-הויף. א טייל פאָלק זענען נאָך אונז נאָכגעגאַנגען. און עס איז געווען נאָך האַלבן טאָג, און די זון האָט באַלויכטן די גאָלדענע טויערן, און דער בית־מקדש האָט אויסגעקוקט ווי א פײַערדיקער בנין, וואָס איז פון הימל אַראָפּגעקומען, און מיר האָבן זיך זייער געפרייט מיטן אָנבליק פון די שפּיצן פון היכל, וואָס פלאַקערן אין ליכט. האָבן די תלמידים אָנגעוויזן דעם רבין, און איינער פון זיי האָט געזאָגט: „רבי, זע, וואָס פאַרא שטיינער און וואָס פאַרא געביידע דאָס איז!". האָט ישוע אָפּגעענטפערט: „זעסט די גרויסע געביידע? דאָ וועט נישט בלײַבן איין שטיין אויפן אַנדערן, וואָס וועט נישט צעוואָרפן ווערן".

דאָס פּנים פון מײַן רבין האָט א צוק געגעבן, ווי זײַן לײַב וואָלט באַרירט א פײַערדיקע נאָדל. זײַנע אויגן־הײַטלעך האָבן זיך פאַרמאַכט און זײַן גאַנצער קערפּער האָט א ציטער געגעבן. ער האָט געשוויגן א ווײַל, דערנאָך האָט ער געפרעגט יהודהן:

— האָבן עס פיל לײַט געהערט?

— יאָ, די לײַט, וואָס זענען נאָך אונז נאָכגעגאַנגען.

— וואָס האָבן די לײַט געזאָגט?

— זיי האָבן זיך די האָר פון די קעפּ געריסן, ווי בײַ אַן אומגליק. איינער האָט דעם אַנדערן אָנגעקוקט מיט שרעק. פיל זענען אַוועק פון אים. אַנדערע זענען אַנטלאָפן. מיר זענען נאָר איבערגעבליבן מיט אונזער רבין אַליין. ער האָט אונז אַרויפגעפירט אויפן הר־הזתים. און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף א שטיין אויפן וועג, און דאָס אָרט איז געווען קעגנאיבער דעם בית־המקדש. און מיר האָבן געזען דעם דרײַשפּיץ פון היכל אַרויספלאַקערן אין די לעצטע שטראַלן פון דער זון, און דאָס הויז פון גאָט האָט זיך געטוליעט אין די בריסט פון דער נאַכט. און דער רבי איז געזעסן מיט זײַנע דרײַ באַליבטע תלמידים, שמעון, יוחנן און יעקב, און האָט זיך מיט זיי געסודעט. דערנאָך האָט ער צו אונז גערעדט. און ער האָט אונז אַנטפּלעקט, וואָס עס וועט זײַן באַחרית־הימים. ער האָט אָנגעזאָגט אויף די חבלי־משיח, וואָס קומען אָן, און ער

האָט גערעדט צו אונז, ווי איינער, וואָס גייט אוועק אין א ווײַטן וועג און געזעגנט זיך מיט אונז — און מיר ווייסן נישט, וואוהין ער גייט. און ער, ער, וואָס זאָל אונז ברענגען טרייסט און פרייד, האָט אונז אָנ־געזאָגט אויף טרויער און צייַנקריצעניש און מלחמות און שרעק: „און איין פאָלק וועט אויפשטיין אויפן אַנדערן, און איין ברודער וועט אי־בערליפערן דעם אַנדערן צום טויט". און אויך אונז, זײַנע תּלמידים, האָט ער אָנגעזאָגט, אז מיר וועלן ווערן ארויסגעגעבן צו די סנהדרין: „ערשט דערנאָך, דערנאָך, וועט די זון פינצטער ווערן און די לבנה וועט נישט געבן איר ליכט מער, דעמאָלט וועלן זיי זען דעם בן־אדם קומען אין די וואָלקנס מיט זײַן גרויסער מאַכט און גרויסער הערלעכ־קייט". און ער האָט אונז אָנגעזאָגט אָלעמען צו וואַרטן און אים אויסצו־וואַרטן, „טאָמער וועט ער קומען פּלוצלינג און וועט אונז געפינען שלאָפן דורך דער נאַכט".

„ווי איך האָב געהערט מײַן רבינס רייד, האָב איך זיי נישט פאַר־שטאַנען. און פּלוצלינג איז מיר א גרויסע שרעק באַפאַלן, ווײַל דער ספק האָט אָנגעהויבן אַרײַנרײַסן זיך אין מיר און האָט מיך ארומגענומען מיט זײַנע קאַלטע פינגער, ווי דער טויט, און אויסגעלאָשן יעדעס ליכט אין מיר. א געדיכטע פינצטערניש איז געפאַלן אויף מיר. איך האָב געזוכט א רעטונג. איך בין אנטלאָפן און בין געקומען צו דיר, מײַן וועגווײַזער. באַלײַכט מיר די וועגן פון מײַן רבין. איך בין ווי איינער, וואָס הענגט אין דער לופט. פון דער ערד האָט ער מיך אוועקגעריסן, אין הימל האָט ער מיך נישט אַרײַנגעבראַכט. איך קאָן נישט לעבן לענגער!"

מײַן רבי האָט זיך פאַרקלערט און געענטפערט:

— איך פאַרשטיי נישט דײַן רבין. און ווער קאָן אים פאַרשטיין? האָסטו פאַרלוירן די אמונה אין דײַן רבין?

— חלילה! אָבער וואו זענען די גרענעצן פון דער אמונה?

— ווילסטו אויסשעפּן דעם ים מיט א פינגערהוט? ווילסטו דער־גרונטעווען דעם קוואַל פון דער אמונה? אמונה איז נישט קיין מסחר, — הײַנט האָסטו געקויפט, הײַנט פאַרקויפסטו. די מעשים פון גאָט זענען נישט פאַר דיר און נישט פאַר מיר. זיי זענען פאַרהוילן פון אונז בײַם ראַנד פון אונזערע טעג און שײַנען אויף א טאָג נאָך אונזער טויט. פאַר־וואָס ביסטו אזוי איילִיק, יהודה? וואַרט און זע!

— אָבער ווי לאַנג איז דער שיעור צו וואַרטן? עד מתי, עד מתי?

— האָט יהודה אויסגעשריען — פאַרוואָס וויל ער נישט ברענגען די ישועה? די רשותים זענען אים איבערגעגעבן. ער האָט דעם כוח און די מאַכט דערצו. פאַרוואָס האַלט ער אָפּ די ישועה? ער זעט ווי אדום טרעט מיט די פיס די פראַכט פון ישראל, ער הערט זײַן שענדן און שפּאָטן אויס גאָטס נאָמען. ער הערט ווי אדום פירט זײַן פרעכן זיג און גרייסט זיך קעגן גאָט. ער זעט ווי אדום שטרעקט אויס זײַן האַנט צום הייליקן פון ישראל, — און ער שווײַגט. פאַרוואָס גיסט ער אויס זײַן צאָרן אויף

די געלערנטע און אויף די סופרים, און אדומען הייסט ער אונז צאָלן מס? זאָל ער אראָפּרופן זײַנע חיילות אין הימל, זאָל ער אויסשטרעקן זײַן פײַערדיקע שווערד אויף אדום, — און די רבנים און סופרים און די כהנים־גדולים און אַלע גרויסע אין ישׂראל וועלן קומען און זיך בוקן פאר אים און וועלן אויסרופן צו אים: „דו ביסט דער מלך משיח!". מיט ווערטער וויל ער די מאַכט פון די רבנים ברעכן. זאָל ער זײַנע מעשׂים באַווײַזן קעגן אדומען, און ער וועט האָבן גאַנץ ישׂראל צו זײַנע פיס. ניין, דער ספק גריזשעט די וואָרצלען פון מײַן אמונה.

— פון וואַנען ווייסטו, אז ער איז געקומען פאר אונז צו ברענגען די גאולה? אפשר איז ער גאָר געקומען פאַר אַנדערע?

— פאַר אַנדערע? — האָט יהודה אויסגעשריען ווי א פאַרוואונדעטע חיה.

— יאָ, פאַר אַנדערע!

— וואָס הייסט, פאַר אַנדערע?

— יהודה, אויך איך האָב א לאַנגע צײַט נישט פאַרשטאַנען דײַן רבין. א לאַנגע צײַט איז ער געווען א חידה אין מײַנע אויגן. ווען דו האָסט געשיקט נאָך מיר און איך בין געקומען קיין כפר־נחום, געקומען פאר אים און געבעטן זיך בײַ אים: „שענק אונז א צייכן! באַווײַז אונז, אז דו ביסט דער, וואָס מיר וואַרטן אויף אים!" — און ער האָט אזוי האַרט־נעקיק פון אונז דעם צייכן באַהאַלטן, האָב איך זיך פון אים אָפּגעזאָגט. איך האָב מיר אָבער נישט געקאָנט צורעכט אויסלייגן אין מײַן מחשבה, ווער דײַן רבי איז. איך קאָן דאָך נישט זאָגן, אז ער איז אן אָפּטריניגער און אן אָפּריידער פון יידישן גאָט. איך האָב דאָך געזען, אז אַלע זײַנע מעשׂים זענען פון דעם הימלס וועגן. דאָ האָט זיך מיר געדאַכט, אז אָט איז ער מיט אונז, און אין א מינוט ארום איז ער קעגן אונז. איינמאָל הייסט ער מקיים־זײַן כל התורה כולה, — און ער איז נישט געקומען צו מינערן, נאָר ממלא צו זײַן, — און ער פירט זיך אויף ווי אָ פרומער ייד, לויט דער מסורה פון די זקנים און סופרים; און אַן אַנדערש מאָל זאָגט ער, אז מען גיסט נישט קיין נײַעם ווײַן אין אַלטער כלי, — הייסט עס, אז דער ווײַן איז נײַ און די כלי איז נײַ? איך בין געשטאַנען פאר א חידה. איך האָב געפאָרשט, געזוכט אים צו פארשטיין, אים צו דערגרונטעווען. איך האָב נישט געקאָנט. איין טפח האָט ער אנטדעקט פאַר מיר, צען האָט ער פארהוילן. און איך האָב געטראַכט פון אים דאָס זעלבע, וואָס דו, און זיך געפרעגט: „אז די רשותים זענען אים איבערגעגעבן, פאַרוואָס ברענגט ער נישט די ישועה און וואָס וואַרט ער?". און ווען איך האָב מיר קיין תירוץ נישט געקאָנט געבן אויף דער פראַגע, האָט דער ספק אין מײַן האַרץ זיך אַרײַנגעריסן און צעשטערט דעם בנין, וואָס איך האָב געהאַט אויפגעבויט פאַר דײַן רבין. ביז איינמאָל, איינמאָל איז מיר א ליכט אין מײַנע אויגן אויפגעגאַנגען און איך האָב אים דערזען גאַנץ אַנדערש, גאַנץ אַנדערש.

— וואָס איז געשען?

— דו ווייסט, אז נישט לאַנג צוריק האָט הלל דער וואַסערטרעגער מיך געפֿירט צו אים בײַנאַכט. עס איז געווען אײן גרויס סוד. איך האָב בײַ אים געוואָלט דערגיין און נאָכאַמאָל פרעגן, וואָס גאָט מיינט מיט אונז. איך בין געקומען צו אים אין דער אויבערשטער עליה, וואו ער האָט זיך אויפגעהאַלטן בײַ הללן, און האָב געזאָגט צו אים: „רבי, מיר ווייסן, אז דו ביסט א לערער, וואָס איז געשיקט פון גאָט, וואָרעם קיינער קאָן נישט טון די וואונדער, וואָס דו טוסט, סײַדן גאָט איז מיט אים". ווייסטו, וואָס דײַן רבי האָט מיר געזאָגט?

— ניין, דו האָסט עס מיר קיינמאָל נישט פאַרטרויט.

— דײַן רבי האָט צו מיר געזאָגט: „באמת, באמת זאָג איך: דער, וואָס וועט נישט ווידער געבוירן ווערן, דער קאָן נישט זען דאָס קעניגרײַך פון גאָט".

— וואָס הייסט, ווידער געבוירן ווערן? — האָט יהודה אויסגעשריען מיט שרעק.

— דאָס האָב איך טאָקע געפרעגט בײַ דײַן רבין: ווי אזוי קאָן א מאַן געבוירן ווערן, ווען ער איז אַלט? קאָן ער דען ווידער אַרײַנקומען אין זײַן מוטערס לײַב און ווידער געבוירן ווערן? דער רבי האָט מיר דערויף געענטפערט: „דער, וואָס איז געבוירן פון פלייש, איז פלייש. דער, וואָס איז געבוירן פון גייסט, איז גייסט". אוודאי אזוי. אָבער — זענען מיר דען געבוירן פון פלייש אליין? איז די תורה נישט אונזער מוטער? זענען אברהם, יצחק און יעקב נישט אונזערע פאָטערס? און איך האָב מיר דעמאָלט געזאָגט: דײַן רבינס לערע איז גוט און גרויס פאַר אזעלכע, וועלכע ווילן פאַרלייקענען זייער גייסט. אָבער מיר, וואָס מיר זענען געבוירן געוואָרן אין גייסט, פון דעם ברית, וואָס גאָט האָט געשניטן מיט אברהמען, אין דעם גײַסט פון דער תורה און די נביאים, — ווי אזוי קאָנען מיר נאָכאַמאָל געבוירן ווערן נישט צו פאַרלייקענען דעם גייסט? פון דענסטמאָל אָן האָלט איך זיך דערווײַטערט פון אים.

— הייסט עס, אז צווישן אים און אונז ליגט דער טויט? — שרײַט יהודה אויס.

— חלילה, — זאָגט מײַן רבי. — נישט דער טויט, נאָר דאָס לעבן. די ווידערגעבורט פון די אַלע, וואָס זענען געבוירן אָן גייסט. און עס איז מיר אויפגעגאַנגען א ליכט. איצט האָב איך אים אָנגעהויבן פאַרשטיין. יהודה, זאָלסט וויסן זײַן, אַז דײַן רבי איז גאָרנישט געקומען פאַר אונז און צו אונז. אונזער משיח וועט ערשט קומען, ווען מיר וועלן די זכיה האָבן. דײַן רבי איז געקומען פאַר די גויים!

— פאַר די גויים? — האָט יהודה אויסגעשריען פאַרצווייפלט.

— פאַר די פעלקער פון דער וועלט, פאַר די אַלע, וואָס זענען געבוירן געוואָרן נאָר אין פלייש, נישט אין גייסט, איז ער געשיקט געוואָרן זיי צו דערנענטערן צום פאָטער פון הימל. איצט האָב איך פאַר־

שטאַנען זײַנע ווערטער, וואָס ער האָט מיר אנומלט געזאָגט: „איך בין א שעפער פון פיל סטאַדעס”. און האָט נישט דײַן רבי אויך געזאָגט: „אין מײַן פאָטערס הויז זענען פאַראַן פיל פלאַנצן”? פון דענסטמאָל אָן, זינט עס איז מיר אויפגעגאַנגען דאָס ליכט, וואָרעם איך אין מײַן האַרץ אַ נעסט פון האָפענונג. מיט פאַרבענקטע אויגן קוק איך אים נאָך. מײַנע געפילן און מײַנע חושים זענען אָפן צו פאַרשן מיט גוטן ווילן זײַנע מעשים. וואָרעם איך זאָג מיר: ער איז באַשטימט געוואָרן צו ווערן דער נביא פאַר די פעלקער, וועלכן די נביאים האָבן אונז פאַרויסגעזאָגט, כדי זיי צו עפענען די אויגן, אז זיי זאָלן דערזען דאָס גרויסע ליכט פון דעם איין־איינציקן גאָט; אז אַלע פעלקער זאָלן מאַכן איין בונד צו דינען גאָט מיטן גאַנצן האַרצן און צו דינען דעם חבר ווי זיך אַליין; אויף אָט די צוויי זײַלן צו באַגרינדן די וועלט, וואָס די חכמים האָבן אין דעם מסכים געווען מיט אים הײַנט אין בית-המקדש. איך בויג מײַן קאָפּ מיט יראת־הכבוד טיף פאַר אים און איך וואַרט אויס מיט א ציטערדיק האַרץ אויף זײַן שליחות. אָבער נישט פאַר אונז איז ער געשיקט, נאָר פאַר זיי! לאָז אים אָפּ!

יהודה האָט געהערט און געקײַט זײַנע הענט. ער האָט זיך אײַנגעקנייטשט און אײַנגעקאָרטשעט. ווי א טשערעפּאַכע, וואָס גייט ארײַן אין איר הײַזל, אזוי איז זײַן קערפּער פארשוואונדן אונטער דעם גרויסן קאָפּ זײַנעם, וואָס האָט אים אינגאַנצן צוגעדעקט. און ווען מײַן רבי האָט געענדיקט, האָט ער אים געפרעגט:

— איך — מײַן רבין — אַפּלאָזן? אים, וואָס איז דער ווייטאָג פון אונזער ווייטאָג, די האָפענונג פון אונזער האָפענונג, אונזער פּנים און אונזער אינהאַלט? אים אַפּלאָזן? די מוטער און קינד צוזאַמען ארויסוואַרפן? אונטערצושנײַדן די צווײַג, אויף וועלכער איך זיץ? אין מויל פון משחית ארײַנצופאַלן, וואָס שטרעקט זיך אונטער מיר? אים אָפּצולאָזן, די איינציקע פרוכט, וואָס צוליב איר איז דער בוים פאַרפלאַנצט געוואָרן? אים אָפּצולאָזן? ער איז די לעצטע האָפענונג, די לעצטע טיר, וועלכע איז אָפן!

— די לעצטע האָפענונג, די לעצטע טיר, — דאָס איז אונזער פאָטער אין הימל, יהודה.

יהודה האָט זיך אויפגעשטעלט. ער איז גרעסער געוואָרן, ווי דער בטחון וואָלט נאָכאַמאָל צו אים געקומען. ער איז אויסגעלייזט געוואָרן און ער האָט אויסגערופן:

— ער איז דער מלך משיח!

— יהודה, א גרויס אחריות נעמסטו אויף זיך פאַר דײַן רבין.

— איך נעם עס, איך נעם די גאַנצע אַחריות. ער איז געקומען צו ברענגען אויסלייז צו אונזערע נשמות אין הימל און אַן אויסלייז צו אונזערע לײַבער דאָ אויף דער ערד, כדי מיר זאָלן זײַן בני־חורין צו גאָט, נישט קיין קנעכט צו אדום, ווי די נביאים האָבן אונז פאַרזיכערט

אזוי פיל מאָל: און ער וועט נישט פאַרלייקענען די הייליקייטן אין ישראל, און ער וועט האַלטן זײַן הבטחה צו זײַן פאָלק ישראל.

און יהודה האָט זיך אויפגעהויבן אין זײַן פולער הייך און ער האָט גערעדט ווײַטער ווי אין חלום:

— איך גלויב באמונה שלמה, אז ער איז געקומען צו ברענגען די גאולה. ווי אברהם, וועט ער צעשמעטערן די טעמפּלען פון די אָפּגעטער. ווי פּגרים, וועלן ליגן די מעכטיקע צו זײַנע פיס. ער וועט צעטרעטן די פּראַכט פון אדום, און ווי א פײַערדיקער שטורעם, וועט ער אדורכגיין דורך זײַנע רייען. ער וועט זאַמלען די פעלקער פון דער וועלט, ווי דער שניטער די זאַנגען, און וועט זיי ברענגען צו דעם הויז פון גאָט.

— אויב אזוי, יהודה, פאַרוואָס, ווידער, די אומגעדולד? פאַרוואָס די אומרו? פאַרוואָס די וואַקלעניש?

— איך קאָן נישט וואַרטן לענגער, איך קאָן נישט! דאָס וואַסער דערגייט שוין ביז צום האַלדז, דער כוס איז פול, די צרות האָבן אים רייף געמאַכט, — ישראל וואַרט אין אַנגסטן. פאַרוואָס רופט ער נישט זײַנע חיילות צוזאַמען? פאַרוואָס גיט ער נישט דעם צייכן? פאַרוואָס האַלט ער אויף די גאולה? עס מוז דאָך א טעם זײַן אין דעם!

יהודה האָט מער קיינעם נישט געהערט און קיינעם נישט געזען. ער האָט זיך אויפגעהויבן און גענומען בלאָנדזשען איבער דער שטוב, ווי א פאַרווירטער. זײַנע אויגן זענען נאָך גרעסער געוואָרן און נאָך מער ארויסגעזעצט, און עס האָט זיך געדאַכט, אז ער זעט עפּעס, וואָס קיינער זעט נישט. זײַן קערפּער האָט זיך אויפגעלייזט פון די קנופּן. ער איז העכער געוואָרן. עס האָט זיך געדאַכט, אז אָט א מינוט וועט זײַן קאָפּ דערגרייכן ביז צום באַלקן. ער האָט גערעדט צו זיך, ווי א מענטש, וואָס איז באַזעסן פון א גייסט, ווי עס וואָלט ווער פון אים די ווערטער ארויסגעשריגן:

— די פּרוכט איז רייף, ישראל וואַרט. די גאַנצע פמליא איז פאַרזאַמלט. די אבות זענען ארום אים. אַלץ וואַרט. עס איז שטיל אין הימל. עס הערט זיך א דין קול, א קול פון א פרוי. רחל וויינט אויף אירע קינדער. משה איז דאָ און ירמיהו איז דאָ. און אַלע וואַרטן. און וואָס וואַרטן זיי? די רשותים זענען נישט געגעבן. דער שטן איז מקטרג. דער שר של אדום האָט זכיות. ישראל איז זינדיק. די כוחות ראַנגלען זיך. די וואָגשאָלן וואַקלען זיך. דער שר של אדום שטאַרקט זיך. דער מלך משיח גאַרטלט נישט זײַן שווערד פון נקמה. חלילה, חלילה! דער שר של אדום שטאַרקט זיך. חבלי־משיח. בלוט, בלוט. חלילה! דער שר של אדום שטעלט זיך פּנים אל פּנים מיטן מלך משיח. די וועלט ווערט פינצטער. חלילה, חלילה! אָ, די ישועה! מלאך גבריאל, מיכאל פון ביידע זײַטן. די רשותים ווערן אים געגעבן. פײַער שפּריצט אויס פון זײַן מויל. די חיילות פון הימל קומען אָנצואײַלן. מיט דעם אָטעם פון זײַנע נאָז־לעכער פאַרלענדט ער דעם שר של אדום. ווי א וואָרעם צעטרעט ער

די מעכטיקע מיט די טריט פון זײַנע פיס. די ערד שפּאַלט זיך. עס זינקט דאָס רשעות. די הימלען דערנעענען זיך צו דער ערד, די ערד — צו די הימלען. איין ליכט. די גאולה — די גאולה.

און יהודה איז געפּאַלן אין מײַן רבינס אָרעמס.

ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט מײַן רבי אים געזעצט לעבן זיך און געזאָגט צו אים:

— יהודה, א זון פון אן אײַלנדיק פאָלק ביסטו! וויפיל מאָל האָב איך דיר שוין געזאָגט: „אל תעירו ואל תעוררו את האהבה עד שתחפץ״?

— מײַן נשמה לעכצט נאָך דער גאולה.

— יהודה, די גאולה איז פײַער. די, וואָס גייען אום מיט דעם, קאָנען דאָס הויז באַלײַכטן אָדער אונטערצינדן.

— אַלץ קאָן געשען, נאָר גאָטס נאָמען זאָל פאַרהערלעכט ווערן. איך בין מיד צו טראָגן דעם יאָך פון אדום!

— יהודה, יהודה, פאַרוואָס קאָנסטו נישט וואַרטן און האַרן אויף דער גאולה, ווי די אַנדערע, ווי מיר אַלע, און וואַרעמען זיך דערווײַל פון דער קעלט פון דער נאַכט בײַם פײַער פון דער אמונה?

— איך וויל, אז גאָטס נאָמען זאָל פאַרהערלעכט ווערן שוין איצט, הײַנט! איך בין אזוי מיד פון וואַרטן.

און יהודה איז ווידער געפּאַלן אין מײַן רבינס אָרעמס.

— גיי, רו דיך אויס. גיב שלאָף צו דײַנע לעפלען, און דײַן האַרץ וועט געפינען רו. האָסטו פאַרגעסן, וואָס די תלמידי־חכמים האָבן געזאָגט: „נישט פאַר דיר איז די זאַך צו פאַרענדיקן״.

און מײַן רבי האָט גענומען יהודהן און אים אָפּגעפירט אין חדר, וואו די תלמידים האָבן גענעכטיקט אין בית־מדרש. ער האָט אים אַנידער־געלייגט אויף דער באַנק און צוגעדעקט אים מיט זײַן קלייד פאַר דער קאַלטקייט פון דער נאַכט.

אין דער נאַכט האָט מיך געוועקט פון שלאָף א קול פון יללה, נאָר עס איז נישט געווען קיין געוויין, וואָס קומט פון טרערן פון אויגן, נאָר א געוויין, וואָס קומט מיט די טרערן פון האַרץ. און דאָס קול האָט גע־ברומט, ווי דאָס קול פון א פאַרלאָזענעם שאַקאַל אין מדבר. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און געזען ווי יהודה זיצט אויף זײַן געלעגער. נישט מער ווי זײַנע אויגן אליין האָט מען געזען ארויסשײַנען פון דער פינצ־טערניש פון דער נאַכט. זײַן גאַנצער קערפּער איז געווען פאַרוועבט און אויסגעמישט מיט די שאָטנס פון חלל. און ער האָט געוויינט און גע־רעדט צו זיך אזוי:

— פאָטער אין הימל, פאַרוואָס האָסטו מיך אליין אויסגעוויילט פון אַלע אַנדערע תלמידים, אז איך זאָל נעמען אויף זיך די קללה פון פאַר־שאַלטענעם? אז מײַן לײַב זאָל באַקליידט ווערן מיט מכות פון שאַנד אויף אַלע דורות? פאַרוואָס מיך אליין צייכנסטו מיט דעם צייכן פון

קין, אַז איך זאָל ווערן אַ צונאָמען פאַר אַלע אָפּפאַלנדיקע? לאָז אָפּ פון מיר, נעם צו די אומרואיקייט, וואָס דו האָסט געוואָרפן אין מײַנע גלידער. פאַרוואָס צינדסטו אונטער מײַן בלוט מיט דעם דאָרשט נאָך אויסלייז? פאַרוואָס שמײַסטו מיך מיט ריטער פון פאַרלאַנג און פון ברען נאָך הילף און דו טרײַבסט מיך, אַ באַזעסענעם, אין דער נאַקעטער נאַכט אַרויס? שטיל אײַן מײַן האַרץ, באַזאַנפט מײַן געמיט. שיק מנוחה אויף מײַן געפּײַניקטער נשמה און לאָז מיך, ווי די אַנדערע, אין געצעלט פון אמונה אויסגיין און וואַרטן מיט געזאַנג פון דײַן הבטחה. אין דען די הבטחה אליין נישט גענוג צו געבן פעסטקייט און רואיקייט? פאַרוואָס מוז איך זי זען דערפילט? טרעט אָפּ פון מיר, גאָט, — אָדער שטן! איך וויל מנוחה, שווײַגן, אויסגיין ווי אַ שאָטן אין די נאַכט־וועלן אַרײַן. אָבער ווער צערײַסט מײַן האַרץ אויף שטיקער? עס קאָן דאָך נישט זײַן קיין דאָרשט אָן דיר, פאָטער אין הימל, דו האָסט אים אָנגעצונדן אין מיר. מיך האָסטו געצייכנט, אַז איך זאָל זײַן דער שטיין, וואָס זאָל אַרויסגעבן דעם פונק און דאָס ליכט פון דער וועלט אָנצוצינדן. דו שיקסט מיך — און איך וועל גיין. איך וועל, ווי דער שעיר לעזאזל, צעשמעטערן מײַנע גלידער אין דער פעלזן־שטיינערדיקער וואַנט פון דורות, אָבי די ישועה זאָל קומען. איך בין אַ טייל פון דער ישועה. זי קאָן נישט קומען אָן מיר. אויב אַזוי, איז עס אויך מײַן פּײַן און צער. מער ווי די אַנדערע וועל איך אויסבלוטיקן מיט אים יעדן ווייטאָק, מער ווי די אַנדערע וועל איך אויסבלוטיקן מיט אים יעדער בלוטיקע שאַנד. איך וועל אויפטרינקען אין מיר יעדן טראָפּן שווייס, וואָס וועט רינען פון זײַן לײַב, און עס וועט קומען אין מײַנע געדערעם אַרײַן, ווי גליענדיק בלײַ, און עס וועט פאַרשרפהן מײַן אינגעווייד. איך וועל אונ־טערשטעלן מײַן לײַב אונטער די שמיץ פון רשעו, וואָס וועלן פאַלן אויף זײַנע פּלייצעס. איך וועל אויסקרעכצן מיט אים יעדן קרעכץ און אויס־שרײַען מיט אים דאָס לעצטע געשריי פון דער גאולה. די ישועה איז אויך מײַנע! רבי, רבי, זע, איך גיי אין דער טיפסטער כף־הקלע אַרײַן, כדי דו זאָלסט קאָנען שטײַגן אויף דער העכסטער הייך צו גאָט.

און יהודה האָט פאַרדעקט זײַן פּנים מיטן קלייד און איז אײַנגע־שטילט געוואָרן.

קאַפּיטל צוואַנציק

צומאָרגנס איז געווען יום ה׳ בשבוע, צוויי טעג פאַר פסח. מיטן גרויען פון פרימאָרגן האָט אונז יהודה פאַרלאָזט און איז צוריקגעגאַנגען צו זײַן רבין. וואָרעם עס האָט זיך דערהערט, אַז מען מוז אָנהויבן שעכטן דעם קרבן־פסח נאָך הײַנט אין אָוונט, דעם אָנהויב פון פערצנטן טאָג

אין חודש. די כהנים גדולים האָבן נישט מסכים געווען מיט די פּרושים, וועלכע האָבן געוואָלט אײַנפירן דאָס הלל׳שע געזעץ, אַז דער קרבן־פּסח איז דוחה שבת, און דערפאַר מעג מען מקריב זײַן ביז שפּעט פרײַטאָג אָוונט, נאָר זיי האָבן זיך געהאַלטן בײַ זייער טראַדיציע, אַז דער קרבן־פּסח איז אַ קרבן פון יעדן יחיד, און מען טאָר נישט צעשטערן דעם שבת. די פּרושים זענען זייער פאַרביטערט געווען אויף די כהנים גדולים, וואָס יענע האָבן געוואָגט דאָס הלל׳שע געזעץ אומצוּוואַרפן, זיי האָבן אָבער זיך גאָרנישט געקאָנט העלפן: אין אַלע ענינים, וואָס זענען אָנגעגאַנגען אין בית־מקדש, האָבן די בני־חנן געהאַט די אַווטאָ־ריטעט און זיי האָבן זיך מיט קיינעם נישט גערעכנט.

בײַ אונז, בײַ מײַן רבין, האָבן מיר זיך געקליבן פון גאַנץ אינדערפרי פאַרצובערייטן דעם פּסח. די מצות האָבן מיר שוין געהאַט געבאַקן מיט אַ טאָג פריער. מיר האָבן זיך געקליבן צו ברענגען דאָס ציגעלע פון מײַן פאָטער, פאַרצובערייטן דעם ווײַן, דעם מרור, ווען אפילו דער רבי האָט נישט בדעה געהאַט צו שעכטן הײַנט, נאָר ערשט מאָרגן, ווײַל ער האָט געוואָלט האַלטן די סעודת־פּסח ערשט מאָרגן אין אָוונט, לויט דעם דין. אָבער דער רבי פון נצרת האָט זיך יאָ געקליבן צו שעכטן הײַנט. די גלילער זענען בכלל געווען זייער אָפּגעהיט מיטן פּסח. בײַ זיי אין דער היים, אין גליל, האָט מען שוין ערב־פּסח אַ גאַנצן טאָג נישט גע־אַרבעט. דער ערב־פּסח איז גערעכנט געווען ווי אַ יום־טוב. און דער רבי פון נצרת האָט געשיקט זײַן תּלמיד יוחנן אויפצוזוכן יהודה, וואָרעם יהודה האָט געהאַלטן דעם בײַטל פון זײַן רבינס חברותא. יוחנן האָט נאָך געפונען יהודהן אין אונזער בית־מדרש, און זיי זענען ביידע גע־גאַנגען צום שעפּסן־מאַרק צו קויפן אַ ציגעלע פאַרן קרבן־פּסח.

שפּעט אין טאָג איז אַרײַנגעקומען צו מײַן רבין אין בית־מדרש הלל דער וואַסערטרעגער, און ער האָט זיך עפּעס געסודעט מיט מײַן רבין. מיר זענען אָבער באַלד געוואָר געוואָרן, אין וואָס עס האַנדלט זיך, כאָטש דער רבי האָט אונז אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלן האַלטן די זאַך אין גרויס סוד: דער רבי פון נצרת וויל, לויטן דין נאָך, פאַרצערן זײַן קרבן־פּסח מיט זײַנע תּלמידים אין די טויערן פון דער שטאָט, ווי עס שטייט געשריבן: בשעריך, ירושלים. וואָרעם דער רבי פון נצרת איז געווען זייער אָפּגעהיט אין אַלע דינים, וועלכע זענען מדאוריתא, און ער האָט זיי אָפּגעהיט ווי די פּרושים. אַזוי ווי ער האָט נישט קיין הויז אין ירושלים, וואוהין אַרײַנצוגיין, ווײַל ער אָפּריכטן דעם סדר מיט זײַנע תּלמידים בײַ הללן, אין דעם אויבערשטן חדר, וואָס הלל האָט אין דער אַלטער מויער פון דודס און שלמהס צײַטן. דער נצרתער האָט זיך אָפּטמאָל געפונען אויבן בײַ הללן. און הלל איז געקומען בעטן דעם רבין נקדימון, אַז ער זאָל אים העלפן אײַנאָרדענען זײַן אויבערשטן חדר פאַר דעם רבין פון נצרת מיט זײַנע תּלמידים.

מײַן רבי נקדימון האָט זיך זייער געפרייט מיט דער מצוה, וואָס

גאָט האָט אים געשיקט אין זײַן האַנט אַרײַן, צו העלפֿן דעם רבין פון נצרת אין זײַן סעודת־פסח. ער האָט גענומען דאָס קריגל שרונער ווײַן, וואָס איז געווען בחזקת כשרות, מײַן פאָטערס מתנה, און האָט עס אי־בערגעגעבן הלל׳ן פאַר קידוש פאַרן רבין פון נצרת. אויך האָט ער אים געגעבן מצות און מרור. און אונז, מײַן חבר רופוס און מיך, האָט דער רבי געשיקט צום נגיד יוסף רמתי, אַז מיר זאָלן ברענגען פון אים איידל־געוועבטע טיכער און רײַך־געוועבטע זײַדנס, כדי צו באַפּוצן דעם חדר און דעם טיש מיט שיינע כלים און שיינע באַדעקנס, וואָרעם דער רבי פון נצרת האָט אַפּטמאָל גערן געהאַט זײַנע יום־טובדיקע מאָלצײַטן אָפּצוריכטן ברחבות. און דערפאַר וואָס דער רבי פון נצרת איז געווען אַ גרויסער מפונק און האָט גערן געהאַט דעם געשמאַק פון גוטע איילן, האָט אים מײַן רבי לכבוד יום־טוב געשיקט אַ בינטל בשמים, דעם טײַערן דרור, וואָס מײַן רבי האָט עס געהאַלטן אין זײַן אוצר (דער איינציקער אוצר פון מײַן רבין זענען נאָר געווען בשמים).

איך און רופוס זענען צוגעלאָזן געוואָרן פאַר דעם האַר פון הויז, פאַר יוסף רמתי, און מיר האָבן אים איבערגעגעבן דעם בריוו פון רבין. ווען יוסף רמתי האָט דאָס געהערט, האָט ער באַפוילן דעם אויפזעער פון זײַן הויז, אַז ער זאָל נעמען צוויי דינער און זיי זאָלן אַריבערטראָגן צו הלל׳ן פון דער אַלטער מויער — לאָמפּן, קריגן, שיסלען צו וואַשן די הענט און שיסלען צום עסן, און אַ קרוג אויסגעוויילטן ווײַן, און פרוכטן און גרינסן, און אַ זיץ־בעט פאַרן רבין און לײַלעכער און זײַדענע הענגערס. און יוסף רמתי האָט אויך געשיקט פאַרן רבין פון נצרת אַן איידל־געוועבט, דין שווייס־טוך, אַ מתנה לכבוד יום־טוב. מיר האָבן געבראַכט די אַלע זאַכן צו הלל וואַסערטרעגער אין זײַן אויבערשטן חדר אַרײַן. און מײַן חבר רופוס און איך האָבן געהאָלפֿן פאַרברייטן און אײַנריכטן דעם חדר פאַרן סדר פון דעם רבין פון נצרת.

דער חדר פון הלל וואַסערטרעגער אין דער אַלטער מויער פון ירושלים איז באַשטאַנען אויס אַ לאַנגער אויסגעהאַקטער הייל אין דער מויער, וואָס מען האָט דערגרייכט אהין דורך אַ לייטערל. די הייל איז געווען אונטערגעלענט מיט שטאַרקע, גרויסע, פיר־עקיקע שטיינער. אַן אויסגעהאַקט פענצטער־לאָך האָט געעפנט אַן אויסבליק צום וואַסער־טויער, צום נחל־קדרון אַרויס. דאָרט, אין דער הייל, איז געשטאַנען אַ בעט, אַ טיש און אַ דרײַפוס פאַר קאָכן. פון דער הייל האָט געפירט אַ לייטערל דורך אַן עפענונג צו אַן אויבערשטער טעראַסע אַרויף; די טעראַסע איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ געזימס און באַפעסטיקט מיט טורעם־ציין, וואָס צוליב דעם האָט מען דאָרט געמעגט וואוינען. איבער אַ טייל פון דער טעראַסע האָט הלל אויף אַ געפלעכט פון דינע באַמבוס־דרענגער פאַרשפּרייט ראַגעזשעס פון פאַרטריקנטע פאַלמען־צווײַגן צו באַשיצן פון דער זון. אויבן, אויף דער טעראַסע, וועלכע האָט אַרויסגעקוקט צו אַלע פיר זײַטן פון ירושלים, איז מען געווען אַ רואה

ואינו נראה: מען האָט געזען פון דאָרט ירושלים, מען האָט אָבער נישט געקאָנט זען, ווער עס זיצט אויף דער טעראַסע, וואָרעם דער הויכער געזימס מיט די טורעם־ציין האָבן פאַרשטעלט די לײַט. דאָרט, אויף דער טעראַסע, האָבן מיר געגרייט דעם טיש פאַר דעם רבין פון נצרת מיט זײַנע תלמידים. מיר האָבן די טײַערע זײַדענע הענגערס, וואָס יוסף רמתי האָט אונז געגעבן, אויסגעהאַנגען איבערן געזימס פון דער טע־ראַסע. איין הענגער האָבן מיר אויסגעצויגן אין א געשנירטן דאַך, אונ־טערגעהאַלטן מיט באַמבוס־שטעקלעך, און געשפּרייט א חופּה פאַר דעם רבינס קאָפּ; און אונטער דער חופּה האָבן מיר אוועקגעשטעלט דאָס לײַען־בעטל. און מיר האָבן גענומען ראַגאָזשעס, געפלאָכטן אויס טאָל־ריטער, און אויסגעשפּרייט מיט זיי די רצפּה פון דער טעראַסע פאַר א זיץ פאַר די תלמידים. און מיר האָבן געבראַכט ברעטער און ארויפגעלייגט אויף קלעצלעך קליינע, און איבער זיי האָבן מיר אויס־געשפּרייט די טישטיכער און ארויפגעשטעלט די כלים, די קריגלעך מיט ווײַן און כוסות, ערדענע פאַר די תלמידים, און דעם כוס פאַרן רבין, אויס אַלעבאַסטער אויסגעהוילט, וואָס יוסף רמתי האָט געשיקט. און מיר האָבן אויסגעלייגט די מצות און דעם מרור, און דאָס גרינוואַרג און די פּרוכט, און מיר האָבן אויסגעשטעלט די קריגן מיט וואַסער און די שיסלען פאַר וואַשן די הענט. און מיר האָבן די האַנטיכער, די טיש־טיכער, די שווייסטיכער און די הענגערס באַשפּרענקלט מיט בשמים־געשמאַקן. און די בשמים, וואָס מײַן רבי האָט געשיקט פאַרן רבין פון נצרת, האָבן מיר אין א פאַן אויסגעשפּרייט פאַר דעם זיץ פון רבין צו לאָזן רויכערן, ווען ער וועט באַטרעטן די טעראַסע. מיר האָבן פאַר־ריכט די לאָמפּן מיט איידעלן אייל, געשניצט די קנויטן, און צעשטעלט אויף זייערע פּלעצער. און מיר זענען ארויסגעגאַנגען אין טאָל פון קדרון און אָפּגעשניטן בליעכטס פון אָלעאַנדערן, געפּליקט יונגן יאַסמין און אָנגעריסן פרישע אָליוון־בלעטער, און מיר האָבן מיט זיי באַפּוצט די טעראַסע. און מיר האָבן גענומען א האַנטוך און ארויסגעהאַנגען אי־בער דעם געזימס פון דער טעראַסע, און מיר האָבן אָנגעזאָגט דורך דעם, אַז אַ סעודה קומט דאָ הײַנט פאָר. און מיר האָבן זיך געוואָלט שטעלן צו באַדינען דעם רבין מיט זײַנע תלמידים, אָבער הלל האָט געזאָגט, אַז דער אָנזאָג פון דעם רבין פון נצרת איז געווען צו אים, אַז ער וויל אַליין זײַן מיט זײַנע תלמידים הײַנט אין אָוונט און פּראַווען מיט זיי דעם סדר של פּסח ביחידות. און מיר האָבן געערט דעם ווילן פון דעם רבין פון נצרת און מיר זענען צוריקגעגאַנגען צו אונזער רבין אין בית־מדרש און מיר האָבן אים געזאָגט:

— מיר האָבן דערפילט דײַן געבאָט און אײַנגעאָרדנט דעם סדר פאַרן רבין פון נצרת אזוי ווי עס באַדאַרף צו זײַן.

און דער רבי האָט אונז געזאָגט: „יישר כוחכם!"

און דער רבי האָט זיך אָנגערופן צו אונז און געפרעגט:

— איז ווער פון די תּלמידים פון דעם רבין פון גליל געווען דער־בײַ? האָט ווער פון זיי אײַך געהאָלפן אײַנריכטן די אויבערשטע שטוב? און ווייס ווער פון די שכנים, ווער עס ווייט דעם סדר אָפּריכטן אין הללס הויז?

מיר האָבן אונזער רבין אָפּגעענטפערט:

— קיינער פון די תּלמידים פון ישוע איז נישט געווען דערבײַ און קיינער פון זיי האָט אונז נישט געהאָלפן, נײַערט מיר און די דינער פון יוסף רמתי האָבן אײַנגעאָרדנט דאָס הויז; און קיינער פון די שכנים ווייס נישט, פאַר וועמען דער סדר איז פאַרבאַרייט געוואָרן.

דער רבי האָט געזאָגט:

— עס איז פון גרויסן סוד.

און ווײַטער האָט דער רבי געזאָגט:

— מײַן האַרץ איז מיר שווער. איך האָב מורא פאַר דעם פּסח. גאָט זאָל געבן, אז מיר זאָלן האָבן א יום־טוב אין שלום. האָט איר עפּעס אין יהודהן באַמערקט?

איך האָב פאַרציילט, וואָס איך האָב געהערט פון יהודהס מויל הײַנט בײַנאַכט.

ווען מײַן רבי האָט דערהערט וועגן דעם, איז ער בלייך געוואָרן ווי די וואַנט, און די כּלי, וואָס ער האָט געהאַלטן, אין וועלכער ער האָט פאַרגעברייט דעם מרור פאַרן סדר, איז ארויסגעפאַלן פון זײַנע הענט, און ער האָט געזאָגט:

— איך האָב מורא פאַר יהודהן. ווער ווייס, מיט וואָס פאַרא מחשבות ער טראָגט זיך ארום. גאָט זאָל זיך אויף אים מרחם זײַן.

און דערנאָך האָט געזאָגט צו אונז דער רבי:

— גייט אַרויס, גייט נאָך די טריט פון דעם רבין פון גליל. האַלט וואַך פון דער ווײַטנס, גיט אַכטונג אויף אַלץ, וואָס עס וועט געשען מיט אים און מיט זײַנע תּלמידים, און קומט און זאָגט מיר אָן. וואָרעם די זאַך איז פון גרויס וויכטיקייט. — דערנאָך האָט ער צוגעגעבן: — און אז איר וועט זען יהודהן, זאָלט איר אים זאָגן: „דאָס האַרץ פון רבי נקדימון איז זייער באַשווערט וועגן דיר. דו באַדאַרפסט האָבן סיעתא דשמיא, הילף פון הימל".

און די שעה איז געווען דעמסטמאָל נאָך דער מיטאָג־שעה. און די זון האָט שוין געהאַלטן בײַם אָפּגיין צו די בערג פון יהודה.

און עס האָט זיך באַלד דערהערט דאָס בלאָזן אויס די זילבערנע טראָמפּייטן פון בית־מקדש ארויס. און די ישראלים, וועלכע האָבן הײַנט געשאָכטן זייער קרבן־פּסח, האָבן געאײַלט מיט זייערע ציגעלעך צום הר־הבית. מיר האָבן אויך באַמערקט צווישן זיי אייניקע פון די תּלמי־דים פון דעם רבין פון גליל: עס איז געגאַנגען שמעון בר־יונה, און ער האָט געהאַלטן א ציגעלע אין זײַנע הענט, און מיט אים איז געווען יוחנן, און יעקב, און די תּלמידים מיט יהודהן זענען געגאַנגען הינטער זיי,

נאָר דעם רבין האָבן מיר נישט געזען. און מיר זענען אויפגעגאַנגען נאָך זיי אויפן הר־הבית.

אַז מיר זענען אַרײַנגעקומען אין הויף פון בית־מקדש, איז דער גאַנצער הויף שוין געווען פול מיט ישראלים און זייערע ציגעלעך. די מערסטע זענען געווען גליליער, וועלכע האָבן זיך צוגעאײַלט מיט דער מצוה. מיר זענען נאָך זיי נאָכגעגאַנגען אין דער עזרה פון די ווײַבער. פון דאָרט האָט אַ פּופּצן־שטופּעדיקע טרעפּ אַרויסגעפירט צום ניקאַנאָר־טויער. און די בראָנזענע טירן, וועלכע האָבן אַרײַנגעפירט צו דער עזרה, וואו די ישראלים האָבן געשאָכטן, זענען שוין געווען אָפן. און איבער די טרעפּ זענען געשטאַנען כהנים מיט זילבערנע שופרות אין די הענט, און זיי האָבן געבלאָזן און געשאַלט און צו וויסן געגעבן, אַז דער קרבן־פּסח ווערט געשאָכטן. און הינטער זיי זענען געשטאַנען שרענגעס לוויים. און זיי האָבן נאָר אַרויפגעלאָזט אויף די טרעפּ צוויי פון אַ משפּחה אָדער חברותא, וועלכע האָבן געשאָכטן אונטן, אין דער עזרה פון די ווײַבער. נאָר פון דער עזרה פון די ווײַבער האָט מען געקאָנט זען, וואָס אויבן טוט זיך, וואָרעם דער טויער פון ניקאַנאָר איז געווען אָפן, און מיר האָבן געזען דעם גרויסן פײַער פלאַקערן אויפן מזבח, אין הויף פון די כהנים, פאַרן היכל. און צוויי לאַנגע שורות כהנים, אין ווײַסע קליידער אָנגעטון, מיט באָרוועסע פיס, ציען זיך פון פלאַקערדיקן מזבח אַרונטער ביז צו דער עזרה פון ישראל און צוריק, און זיי האַלטן אין זייערע הענט גאָלדענע בעכערס, ברייט אויבן, בײַם ראַנד, און שמאָל אונטן. און איינער דערלאַנגט דעם אַנדערן זײַן גאָלדענעם בעכער. דער בעכער דערגרייכט דעם כהן, וואָס שטייט דערבײַ ווי דער ישראל שעכט זײַן ציגעלע בײַם שעכט־קלאָץ, וואו עס געפינט זיך דאָס גרויסע לאָך, דורך וועלכן דאָס בלוט רינט אַרונטער אין די קאַלוזשעס פון בית־המקדש. דער כהן האַלט זײַן בעכער אונטער דעם ציגעלעס האַלדז און כאַפּט אויף אַ בעכער בלוט, און גיט דעם בעכער דעם אַנדערן כהן. אַזוי גייט דער בעכער פון האַנט צו האַנט, ביז וואַנען ער דערגרייכט דעם כהן, וואָס שטייט בײַם גרויסן מזבח. דער כהן בײַם מזבח שפּריצט דאָס בלוט אין פײַער אויפן מזבח, און דערלאַנגט דעם ליידיקן בעכער ווידער צום נאָענטסטן כהן. און איבער די דרײַ טרעפּ, וועלכע פירן פון עזרת-ישראל צום הויף פון די כהנים, שטייען די לוויים, און זיי האַלטן אין זייערע הענט האַרפן און צימבל־האַרפן און פײַפעלעך און טאַצן, און ווען די כהנים שפּריצן דאָס בלוט אויפן מזבח, שפּילן זיי אויף זייערע כלי־זמר און זינגען צום טאַקט מיט הלל.

אויך פון רבינס תלמידים זענען נאָר צוויי אויפגעגאַנגען אויף די טרעפּ צו דער עזרה, — שמעון בר־יונה, וועלכער האָט געפירט דאָס ציגעלע, און יוחנן פון זבדיס, וועלכער האָט געהאַלטן דעם חלף צו דער שחיטה. די איבעריקע זענען מיט די אַנדערע ישראלים געשטאַנען אין דעם גרויסן הויף פון די ווײַבער. נאָר בשעת עס האָט זיך דערהערט

דאָס זינגען פון הלל אויס די מײַלער פון די לוויים, האָבן די תּלמידים זיך געבויגן צו דער ערד מיט גאַנץ ישׂראל און זיי האָבן מיטגעזונגען: „הללויה הללו עבדי ה׳ הללו את שם ה׳״.

און די אַנדערע האָבן זיי אָפּגעענטפערט: „זאָל דער נאָמען פון גאָט זײַן געבענטשט פון הײַנט ביז צו אַלע אייביקייטן!״

באַלד זענען שמעון און יוחנן אַרונטערגעגאַנגען פון דער עזרה, און יוחנן האָט געטראָגן דאָס געשאָכטענע ציגעלע, אײַנגעהילט אין אַ לײַלעך, אויף זײַנע פּלייצעס, און שמעון איז אים נאָכגעגאַנגען. און זיי זענען געקומען צו די תּלמידים און זיי האָבן אַלע פֿאַרלאָזט דעם בית־מקדש־הויף. און שמעון און יוחנן מיט דעם ציגעלע זענען פֿאָרויסגעגאַנגען, און די תּלמידים — אַ שטיק וועג נאָך זיי, און איך און מײַן חבר רופֿוס — הינטער זיי. שמעון און יוחנן זענען געגאַנגען אַרונטער, צום ברייטן מאַרק, און אין זייער גאַנג האָט מען געקאָנט זען, אַז זיי בלאָנדזשען און ווייסן נישט זייער וועג אויף זיכער און זוכן דאָרט וועמען. אַזוי האָבן זיי געבלאָנדזשעט ביז זיי זענען אַרונטערגעקומען פון די שמאָלע טרעפּ, וועלכע פֿירן פון דעם ברייטן מאַרק צום אונטערשטן טייל שטאָט, און האָבן דאָרט אָנגעטראָפֿן שטיין בײַ דער וואַנט, בײַם אויסגאַנג פון די טרעפּ, הלל דעם וואַסערטרעגער, — און ער האָט געהאַלטן אַ קרוג מיט וואַסער אויף זײַנע פּלייצעס פאַר אַ צייכן. עס זעט אויס, אים האָבן זיי דאָס געזוכט, וואָרעם זיי זענען באַלד צוגעגאַנגען צו אים און ער האָט זיך באַלד געווענדט צו זיי, ווי ער האָט נאָר באַמערקט די תּלמידים אַרונטערקומען פון די טרעפּ, און זיי האָבן עפּעס גערעדט צווישן זיך, און הלל מיטן קרוג וואַסער איז געגאַנגען פֿאָרויס פאַר זיי, און נאָך אים זענען נאָכגעגאַנגען שמעון און יוחנן. און די תּלמידים זענען געווען צעשפּרייט, כּדי מען זאָל זיי נישט זען צוזאַמען. און הלל האָט זיי געבראַכט צו דער אַלטער מויער פון דוד און שלמה המלכס צײַטן. און זיי זענען איינציקווײַז אַרויפֿגעגאַנגען אויף דעם לייטערל אין זײַן וואוינונג אַרײַן, וואָס איז געווען אין דער מויער. רופֿוס און איך און הלל זענען געבליבן אין דרויסן. און באַלד האָבן מיר געזען, פון דער טעראַסע, וואו מיר האָבן פֿאַרגעברייט דעם טיש פאַרן רבינס סדר, איז אויפֿגעגאַנגען אַ רויך, — און מיר האָבן געוואוסט, אַז דאָס בראָטן די תּלמידים דעם קרבן־פּסח אויפֿן דרײַפֿוס, וואָס מיר האָבן אוועקגעשטעלט אויף דער טעראַסע.

און די צײַט איז נאָך געווען טאָג, וואָרעם ווען אַפילו די זון איז שוין געווען פֿאַרשוואונדן הינטער די הרי־יהודה, האָט זי אָבער נאָך באַשטראַלט מיט אירע שטראַלן די זאַמדיקע בערג פון הינטער דעם ים־המלח, און דאָס גאַנצע לאַנד האָט געפֿלאַקערט אין אַ גליענדיקן, שטראַלנדיקן פֿײַער.

אַז די שאָטנס זענען געדיכטער געוואָרן און עס האָט אָנגעהויבן הערשן דאָס צווישן־ליכט, ווען דער טאָג מיט דער נאַכט קעמפֿן מיט

זיך, האָבן מיר דערזען דעם נביא פון נצרת, ווי ער קומט אָנצוגיין, באַגלייט פון איינעם פון זײַנע תּלמידים, יעקב דעם ברודער פון יוחנן. ער איז געווען, ווי תּמיד, אין ווײַסן געקליידט. נאָר דאָסמאָל איז זײַן ווײַסער מעיל נישט געווען בלויז ווײַס, נאָר ער האָט געפינקלט מיט ווײַסקייט, ווי ער וואָלט ארויסגעשיקט פון זיך ווײַסע שטראַלן. ער איז געשטאַנען איין מינוט און איך האָב אים געזען. און הינטער אים האָבן די הרי־מואב געפלאַקערט. אין די לעצטע זונשטראַלן האָט ער אויסגעזען ווי ער וואָלט געווען באַקליידט מיט דעמזעלבן ליכט, וואָס ברענט זיך דאָרט ווײַט, הינטער דעם ים־המלח. זײַן פּנים איז געווען בלייך, אָבער אויסגערוט. א מנוחהדיקע שלווה האָט געהערשט איבער דער בלייכקייט, ווי אַלע קשיות וואָלטן שוין פאַרענטפערט געוואָרן אין זײַן האַרץ. און ווי יעדע שלמות איז אויך דאָס שלמות, וואָס האָט געהערשט איבער אים, געווען פאַרהילט אין א צניעותדיקער טרויעריקייט, א טרויעריקייט, וואָס פליסט ארויס נישט מחמת אן אומרואיקייט, נאָר פון דער שמחה, וואָס הערשט אין שלמות. וואָרעם דער רבי פון גליל האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק, ווי ער וואָלט געווען כולו שלום, פאַרגעברייט צום יום־טוב, צו דער עבודה, וואָס ער גייט טון. די האָר פון זײַן קאָפּ זענען געווען צורעכט געמאַכט און געשייטלט פון ביידע זײַטן פון קאָפּ. און פון זײַנע לאָקן האָבן געטריפט טראָפּנס וואַסער, אזוי ווי ער וואָלט ערשט איצט פון דער טבילה געקומען צו גיין. און די טראָפּנס זענען ארײַנגערונען אין זײַנע לאָקנדיקע פאות און צוזאַמענגעקלעפּט די טראָלדן פון זײַנע האָר און זײַנע פאות און זײַן קורצע, האַלב־פאַרגרויטע באָרד אין איין צניעותדיקער ראַם צו זײַן ווײַס, טרויעריק, שלווהדיק פּנים. זײַן קלייד איז געווען, ווי די קליידער פון די חכמים און סופרים, לאַנג און האָט פאַרדעקט די טריט פון זײַנע פיס, — און מחמת דעם, אז ער איז געגאַנגען, האָט זיך אויסגעוויזן, אז דאָס גייט נישט קיין מענטש, נאָר א פײַערדיקע זײַל פון גאָט טרעט ארויס פון דעם פלאַקערדיקן מערב אין דעם האַלב־פאַרשלייערטן פאַרנאַכט ארײַן. און ווען איך און רופוס האָבן אים געזען אזוי אָנקומען, מיט זײַן תּלמיד הינטער אים, האָט א הייליקער ציטער אונז ארומגענומען, ווי מיר וואָלטן באַרירט געוואָרן פון א הייליקן שטראַל, וואָס האָט זיך געטראָגן פון זײַן ווײַס קלייד. א פּחד איז אויף אונז געפאַלן, און מיר האָבן ביידע זיך צוגעדריקט צו דער וואַנט פון דער מויער. פאַר דער אימה פון גאָט, וואָס איז אונז באַפאַלן פון דעם רבינס אָנבליק, האָבן מיר קיין וואָרט פון מויל נישט געקאָנט ארויסברענגען, נאָר אונזערע אויגן זענען געווען צוגעהאָפטן צו זײַן ווײַסער געשטאַלט, ווי מיר וואָלטן צוגעשמידט געווען. מיר האָבן געזען ווי הלל דער וואַסערטרעגער איז געקומען פאַר אים און האָט זיך טיף פאַרבויגן און האָט צו אים געזאָגט:

— זײַ געבענטשט, וואָס דו קומסט אין נאָמען פון גאָט!

און דער רבי האָט אים אָפּגעענטפערט:

— זײַ געבענטשט אין נאָמען פון גאָט!

און הלל האָט אים געהאָלפן אויפשטײַגן אויפן לייטער אין זײַן חדר אַרײַן, נאָר אליין איז ער נישט אַרײַנגעקומען אין זײַן שטוב, נאָר איז מיט אונז אין דרויסן געבליבן שטיין אָפּצוּוואַרטן די זאַך, וואָרעם עס איז געווען אזוי דער אָנזאָג פון רבין: ער וויל דעם סדר נאָר מיט זײַנע תּלמי־דים אליין ביחידות אָפּריכטן. און קיינער האָט זיך נישט געפונען אין דער מעלה פון הלל, נאָר דער רבי מיט זײַנע תּלמידים.

און עס איז געווען, ווען דער רבי איז אויפגעגאַנגען אויף דעם לייטער אין דער מעלה פון הלל מסדר צו זײַן דעם סדר של פּסח, האָט זיך דערהערט דאָס בלאָזן פון די זילבערנע טראָמפּייטן פון די כּהנים פון בית־המקדש־מויער, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אז די ערשטע אשמורה פון דער נאַכט הויבט זיך אָן.

ערשט דערנאָך, ווען דער רבי איז פארשוואונדן אין דער מעלה אַרײַן, האָבן מיר, רופוס און איך, צוריק באַקומען אונזער לשון. און רופוס האָט זיך אָנגערופן צו מיר:

— נישט אַנדערש, נאָר א מלאך פון הימל איז אַראָפּגעקומען צו טון זײַן עבודה. אזוי האָט דער רבי אויסגעזען, ווען ער איז צו דער מויער אָנגעקומען.

און איך האָב אים געענטפערט:

— האָסט רעכט, מײַן פרײַנד. מיר האָבן די זכיה געהאָט צו זען א מלאך מן השמים פּנים־אל־פּנים. לאָמיר שטיין אויף דער וואַך און אָפּ־היטן די זאַך, ווי אונזער רבי האָט אונז באַפוילן. אפשר וועלן מיר די זכיה האָבן אויך עדות צו זײַן פון גרויסע זאַכן, וואָס גאָט וועט מיט אים טון די נאַכט.

און רופוס האָט מיך געפרעגט:

— וואָס מיינסטו, די גרויסע זאַכן?

— אפשר האָט דאָך יהודה רעכט? הײַנט נאָך וועלן מיר זײַן עדות, ווי דער נביא וועט פארלענדן די פײַנד פון ישראל מיטן הויך פון זײַן מויל.

— און די הימלען וועלן זיך שפּאַלטן, און די חיילות פון הימל וועלן קומען צואײַלן אים צוהילף.

— און די גאַנצע פמליא של מעלה וועט זיך צונויפקומען אין הימל; די אבות מיט די אמהות, די נביאים, און משה, און ירמיהו.

— די גאולה איז נאָענט!

— יוחנן, זע... זע, יוחנן! — רופט מײַן ברודער רופוס אויס פלוצלינג.

און איך זע, ווי ער טרייסלט זיך אינגאַנצן פאר שרעק.

— וואָס איז, רופוס, מײַן ברודער?

— דו זעסט דאָס ליכט פון הימל? עס איז דאָס ליכט פון בראשית,

דאָס ליכט, וואָס איז מיט גאָט באַהאַלטן אין די הימלען. זע, דאָס ליכט האָט זיך אָנגעצונדן.

עס איז באמת געווען ווי א נײַ ליכט, וואָס קיינער קען נאָך נישט, איז געפאַלן פון הימל. די לבנה איז ארויסגעשוואומען. זי איז שוין געווען איינגאַנצן מלא, און פאַר איר ברייטקייט און הערלעכקייט זענען די שטערן פאַרטונקלט געוואָרן. זי איז איינע אליין געקומען ארויסצו־שווימען פון א קנויל רויכערדיקע, בלויע, פאַרטונקענע, מיט ווײַסן אָפּ־געזוימטע, שוימענדיקע וואָלקנס. דער הימל איז געווען בלוי־העל. הינטער אים האָבן געמוזט ברענען הימלישע זונען, וועלכע זענען פאַר־הילט געוואָרן דורך דעם לעבעדיק־וויברירנדיקן, בלויען הימל־קערפּער. עס גייען אדורך זײַנע שפּאַרן־ריסן דורכזיכטיקע שיטערע פעלדער און באַלײַכטן די וועלט מיט א נײַעם, אומבאַקאַנטן שײַן. דער הימל־שײַן איז געפאַלן אויף די אַלטע שטיינער פון דער דוד־שלמה־מויער. און עס איז געווען ווי די מויער וואָלט באַקליידט געוואָרן פלוצלינג מיט זילבערנע מעילים, מיט הילעס און קליידער, ווי די בגדי־מלכות פון דוד און שלמה וואָלטן אויסגעהאנגען געוואָרן איבער איר. און פון די בגדי־מלכות האָבן אָנגעהויבן פּנימער ארויסצוקוקן, ווײַסע פּאַטריארכאַלישע בערד, הימל־אויגן צו גלאַנצן, און רופוס האָט אויסגערופן אין שרעק:

— איך זע פּנימער. די אבות קומען אָן אין זילבערנע הילעס גע־הילט אויף קעמלען צו רײַטן. טײַערע שטאָפן גלאַנצן אראָפּ פון די קעמלען. זייערע פּנימער לײַכטן. איך זע בערד... איך זע... איך זע...

— וואו?

און איך האָב אָנגענומען זײַן האַנט. און זײַן האַנט האָט געגליט פאַר וואַרעמקייט.

— דאָרט, איבער די ווענט פון דער מויער. זעסטו נישט, ווי די זילבערנע קליידער זייערע פלאַטערן אין דעם לבנה־ליכט?

— דאָס איז דער שײַן פון דער לבנה, וואָס פאַלט אויף די אַלטע שטיינער. דאָס פּנים פון דער אַלטער מויער באָדט זיך אין לבנה־וואַסערן.

— ניין, עס זענען די אבות, וואָס קומען אָן צו רײַטן אויף קעמלען פון דער מערת־המכפלה, וואָס איז אין חברון, וואו זיי רוען אין זייער רו. דאָס זענען די נביאים, די מלאכים, די פאַרגאַנגענע דורות, וועלכע זענען אוועקגעגאַנגען און האָבן געוואַרט אויף תחית־המתים. איצט קומען זיך אַלע צוזאַמען.

— דו חלומסט, רופוס, הער אויף, הער אויף. עס איז נאַכט און די לבנה שײַנט.

אין דעם מאָמענט האָבן מיר דערהערט א קול, וואָס איז געקומען אראָפּצונידערן פון דער טעראַסע, אויף וועלכער עס האָבן זיך שוין גע־לויכטן די אייל־לאָמפּן. און דאָס קול איז געווען דין און שטאַרק און האָט בדחילא ורחימא, מיט גרויס כוונה מקדש געווען דעם יום־טוב.

— דער רבי מאַכט קידוש איבער א כוס ווײַן, — איז צוגעקומען

צו אונז הלל, וועלכער איז געשטאַנען אין אַנדערן ווינקל פון דער וואַנט, און האָט אונז אויפגעוועקט פון אונזער חלום.

— יאָ, דער רבי איז מקדש דעם יום־טוב.

און מיר האָבן אָפּגעענטפערט אויף די ברכות: „אמן!"

איך ווייס נישט, וואָס עס איז אויבן אויף דער טעראַסע פאָרגעקומען צווישן דעם רבין און זײַנע תלמידים. קיינער, קיינער איז נישט אויבן געווען, קיינער נישט פון די פרויען, וואָס האָבן אים באַגלייט. קיינער, אחוץ ער און די תלמידים. שפּעטער, אין א צײַט ארום, האָט מען זיך פאַרשיידנס געזאָגט. די תלמידים האָבן פאַרציילט, אז ער האָט זיי דאָרט אויבן בײַ דעם סדר איבערגעגעבן די העכסטע רשותים און האָט מיט זיי כורת־ברית געווען אויף א נײַעם ברית. אז זיי האָבן כורת געווען דורך זײַן בלוט און פלייש, — דאָס האָב איך שפּעטער געהערט פון מײַן פרײַנד רופוסעס מויל, ווען ער איז שפּעטער אליין ארײַנגעטראָטן אין דעם נײַעם ברית: דער רבי זאָל דאָרט אויבן, בײַ דעם סדר של פסח, זיי האָבן מגלה געווען סוד־סודות און פאָרויסגעזאָגט אַלץ, וואָס עס וועט זיך טרעפן מיט אים די טעג, וואָס איך האָב נישט קיין רשות און קיין רעכט דאָס אָנצורירן, ווײַל איך געהער נישט צו זיי. נאָר בשעת מיר זענען געשטאַנען אויבן, בײַ דער מויער, און הלל איז אויך געווען מיט אונז, האָבן מיר נאָר געהערט דעם קידוש. שפּעטער האָבן מיר אויך געהערט קאַפּיטלעך תהילים זינגען און הלל זאָגן, ווי בײַ יעדן יידישן סדר. נאָך שפּעטער, נאָכדעם ווי מיר זענען אָפּגעשטאַנען א לאַנגע ווײַל, האָבן מיר דערזען פּלוצלינג, ווי עס קריכט ווער אראָפּ דורך דעם לייטערל פון הללס וואוינונג. ווען מיר זענען צוגעקומען נעענטער, האָבן מיר געזען יהודהן, ווי ער קומט אראָפּ, א וואַקלדיקער, אן אײַנגעהויקערטער, א פאַרקניפּטער, אן אײַנגעקאָרטשעטער, און רעדט צו זיך אליין ווערטער, ווי ער וואָלט באַזעסן געווען פון א שלעכטן גייסט. אז מיר זענען צוגעקומען נעענטער צו אים, האָט ער אונז אָנגעקוקט מיט זײַנע רויטע, אויסגעמאָטערטע, אָנגעצונדענע אויגן, אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט אונז נישט דערקענט:

— האָ, ווער זענט איר?

— מיר זענען תלמידים פון אונזער רבין נקדימון, און ער האָט אונז געשיקט דיך אויפצוזוכן און צו לאָזן זאָגן, אז ער האָט מורא פאַר דײַן נשמה און דו באַדאַרפסט האָבן סיעתא דשמיא, הילף פון הימל.

אָבער יהודה האָט אונז אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט אונז נישט געווען פאַרשטאַנען, ווי ער וואָלט נישט געווען געהערט אונזערע ווערטער, און ער האָט גערעדט ווײַטער צו זיך, איבערזאָגנדיק נאָכאַנאַנד:

— דאָס, וואָס דו זאָלסט טון, טו געשווינד... דאָס, וואָס דו זאָלסט טון, טו געשווינד...

און יהודה האָט גענומען דעם עק פון זײַן מאַנטל און פאַרדעקט מיט אים זײַן קאָפּ און זײַן שטערן ביז טיף אין די אויגן ארײַן. און ער

האָט אוועקגעשפּריזט באַזונדער. און מיר האָבן געזען, ווי א געדיכטער שאָטן האָט זיך אָפּגעטיילט פון דער מויער־וואַנט און באַגלייט יהודהן איבער די שטיינער פון גאַס. און ווי ער, אַזוי האָט אויך זײַן שאָטן גע־האַט דעם עק פון זײַן מאַנטל אַריבערגעצויגן איבער זײַן קאָפּ, איבער זײַן שטערן, און דערגרייכט ביז איבער זײַנע אויגן. און דער שאָטן איז געגאַנגען אײַנגעבויגן און אײַנגעהויקערט נאָך יהודהן און אויך גע־האַלטן אין איין מורמלען פאַר זיך ווי א באַזעסענער:

— דאָס, וואָס דו זאָלסט טון, טו געשווינד...

און יהודה און דער שאָטן זענען פאַרשוואונדן אין א שמאָלן גאַס־קאָרידאָר.

קאַפּיטל איינאונצוואַנציק.

אין א ווײַל אַרום זענען אויך דער רבי און זײַנע תּלמידים אַרונטער־געקומען איבערן לייטערל פון הללס טעראַסע. און דער רבי האָט גע־טראָגן זײַן ווײַס קלייד, און דאָס שווייס־טוך, וואָס יוסף רמתי האָט אים געשיקט א מתּנה פאַר יום־טוב, איז געווען אין זײַן האַנט, און ער האָט זיך דערמיט דעם שווייס פון זײַן פּנים געווישט, וואָרעם דער רבי איז דורך די פּאָר שעה, וואָס ער איז געווען אויבן מיט זײַנע תּלמידים, גע־ווען ווי איינער, וואָס האָט זײַנע כּוחות פון זיך אַרויסגעגעבן, און זײַן פּנים איז אין ליכט פון דער נאַכט טונקעלער געווען און מידער ווי פריער. און ער איז געגאַנגען נישט אַזוי ווי מיר האָבן אים געזען פריער, ווי א פײַערדיקע זײַל, נאָר זײַן קאָפּ איז געווען אַראָפּגעבויגן אויף זײַנע אַקסלען, און ער האָט זיך אָנגעלענט אויף זײַן תּלמיד יעקב, וואָרעם עס האָט אויסגעזען, אַז דער רבי פון נצרת האָט אין דער עבודה בײַם סדר של פּסח פיל חיות פון זיך געגעבן.

די תּלמידים זענען געגאַנגען הינטער אים. און זיי זענען געווען שווערלעך פון ווײַן און פון פלייש. דער שלאָף איז געפאַלן אויף זיי און זיי האָבן זיך אונטערגעמונטערט מיט זינגען אָפּגעריסענע פּסוקים פון תּהלים. און דער רבי איז געגאַנגען ווי אַן איינזאַמער, א פאַר־לאָזענער, צווישן זײַנע תּלמידים, און זײַנע קרעכצן האָבן פאַרזייט זײַן גאַנג. און מיר זענען געווען פאַרוואונדערט און נישט געוואוסט, וואָס דאָס אַלץ באַדײַט, פאַרוואָס ער איז אַזוי טרויעריק און פאַרוואָס ער פילט זיך פאַראיינזאַמט, אַליין. און דער רבי האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַ די הײַזלעך, וואָס ער איז פאַרבײַגעגאַנגען, וואָרעם פיל לײַט האָבן, ווי דער רבי, געהאַט געשאָכטן הײַנט אין אָוונט, זענען זיי איצט געזעסן בײַ די סדרים און האָבן געגעסן דעם קרבן־פּסח. דורך די פענצטער־

לעכער און דורך די אָפענע טירן האָבן ארויסגעשײַנט די אָנגעצונדענע לאָמפּן, און דער הלל־געזאַנג האָט ארויסגעקלונגען אין די גאַסן ארויס. האָט דער רבי זיך אָפּגעשטעלט בײַ די הײַזלעך, האָט ארײַנגעקוקט דורך די לעכער און געזען ווי די משפחות זיצן צוזאַמען בײַ די סדרים און זענען זיך משמח מיט זייער גאָט. איז זײַן געמיט אויפגעלייגט געוואָרן, און ער האָט דאָ און דאָרט אויפגעהויבן זײַן האַנט און געבענטשט די מסובין דורך די אָפענע טירן.

און דער גאַנצער נחל קדרון האָט געפינקלט מיט אָנגעצונדענע לעמפּלעך פון אַלע הײַזלעך און געצעלטן אַרויס. און עס האָט אויסגעזען ווי ישראל האָט ווידער צוריקגעקערט צו זײַן גאָט, און איז געקומען פון אַלע עקן וועלט און האָט אויפגעשלאָגן זײַנע געצעלטן ארום דעם באַרג ציון. און דער רבי האָט אויפגעהויבן זײַנע הענט און אויסגערופן:

— מה טובו אוהליך יעקב ומשכנותיך ישראל!

און ער האָט געבענטשט די געצעלטן פון די אָרעמע.

און ער האָט אָנגעטראָפן אויף א גרופּע קינדער, וואָס זענען מיט געלעכטער ארויסגעקומען פון א געצעלט ארויס, וואָרעם די גאַסן אין עמק קדרון זענען געווען באַלעבט צוליב דעם סדר, וואָס טייל פון די לײַט האָבן שוין געהאַט אָפּגעריכט. און ווי דער רבי האָט די קינדער געזען, איז ער ארײַנגעגאַנגען צווישן זיי. איינעם האָט ער געגלעט איבערן קעפּל, דעם צווייטן האָט ער אויפגעהויבן און צוגענומען צו זײַן האַרץ, און אויף א דריטן האָט ער די הענט ארויפגעלייגט און געבענטשט. און אזוי האָט ער געשפּרייט מיט ברכות איבער דעם גאַנצן וועג, וואָס ער איז געגאַנגען פאַרבײַ די געצעלטן פון די אָרעמעלײַט. און די תלמידים האָבן נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס ער טוט עס, און זיי האָבן גערעדט צווישן זיך, אז דער רבי איז אין א שעת־הכושר, און זיי האָבן זיך געפרייט.

און עס איז געווען, ווען זיי זענען געקומען צום הר־הזתים, איז דער רבי נישט ארויפגעגאַנגען אין דער הייך, אין דעם פעלזן־דורכגאַנג קיין בית־פגה, ווי ער פלעג עס אַלעמאָל טון אין אָוונט, נאָר ער האָט אָפּגענייגט זײַן וועג צו רעכטס, צו דעם פרוכטבאַרן טייל פון הר־הזיתים, און ער איז פאַרבײַגעגאַנגען די ציפּרעסן־וועלדלעך, וועלכע האָבן ארויסגעקוקט פון די גערטענער פון די רײַכע לײַט. אין ליכט פון דער לבנה זענען די ציפּרעסן־ביימער נאָך טונקעלער און שטילער געווען, און זיי האָבן זיך געשאָקלט פרום אין ווינט און באַוועגט מיט צניעותדיקער זויבערקייט די גרינע קרוינען אויף זייערע קעפּ. און ווי פריער בײַ די הײַזער, אזוי האָט דער רבי זיך איצט אָפּגעשטעלט בײַ די גערטענער און ארײַנגעקוקט דורך די אָפענע שטאַכעטן, און ער האָט מיט זײַן האַנט באַרירט די ביימער, און זײַנע ליפּן האָבן געמורמלט, ווי ער וואָלט זיי געבענטשט.

און עס איז געווען, ווי שמעון בר־יונה וואָלט געוואָלט געוואוסט זײַן

געמיט, איז ער צוגעגאַנגען צו זײַן רבין, און ער האָט געוואָלט זײַן רבין שטאַרקן, און ער האָט מיט ליבע באַרירט זײַן קלייד.

און דער רבי האָט זיך אומגעקוקט און געזען שמעונען. און זיי זענען דענסטמאָל געווען פאַרבײַגעגאַנגען דאָס הויז פון די בני־חנן, וואָס זיי האָבן געהאַט אויפן הר־הזתים. און די אויפזעער פון כהן־גדול זענען געזעסן אין טויער פון הויז. און דער רבי האָט זיך אָנגערופן צו שמעונען און ער האָט צו אים געזאָגט:

— איר אַלע וועט געשטרויכלט ווערן אין מיר די דאָזיקע נאַכט, אַזוי ווי עס שטייט געשריבן: „איך וועל שלאָגן דעם שעפער און וועל פאַרשפּרייטן די שאָף“.

און ווי שמעון האָט דאָס געהערט, אַזוי האָט ער אויסגעשריען, — און איך האָב געזען בשעת־מעשה ווי זײַן גרויסער קאָפּ האָט זיך גע־לויכטן אין דעם ליכט פון דער נאַכט:

— אַלע וועלן געשטרויכלט ווערן, אָבער נישט איך. איך בין באַרייט צו גיין מיט דיר אויך אין דער תפיסה, אַפילו צום טויט.

און אויך די אַנדערע תלמידים, ווען זיי האָבן דערהערט שמעונס רייד, זענען זיי, יעדערער פון זיי, צוגעלאָפן צו זייער רבין און זיי האָבן געזאָגט:

— אויך מיר!

אָבער דער רבי האָט צו אים געזאָגט, און א טרויעריקער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זײַנע ליפּן:

— שמעון, אמן זאָג איך דיר: הײַנט בײַנאַכט, איידער דער האָן וועט נאָך קריִען, וועסטו מיך פאַרלייקענען דרײַ מאָל!

אָבער שמעון האָט געהאַלטן אין איין קלאַפּן זיך אין האַרץ מיט זײַן פויסט און האָט פאַרזיכערט דעם רבין:

— איך זאָל אַפילו וויסן, אז איך באַדאַרף געטויט ווערן, וועל איך דיך נישט פאַרלייקענען.

און אַזוי האָבן אויך די אַנדערע פאַרזיכערט.

מיט פאַמעלעכע טריט, ווי צום אויפגאַנג צו אַן עבודת-הקודש אין בית־המקדש, פאַרשלאָסן אין זיך אין טיפן ערנסט און טרויער, איז דער רבי אַרײַנגעטראָטן אין דער שמאָלער אַלייע, וואָס האָט געפירט צום גאָרטן פון די אייל־דריקער. אַ טאָפּלטע ריי שלאַנק־געוואַקסענע, מיט טונקעלע, רוישנדיקע בלעטער־קרוינען באַשווערטע ציפּרעסן־ביימער איז געשטאַנען פון ביידע זײַטן אַלייע. דער רבי האָט געטראָטן אויף געדיכטע, בלויע שאָטנס, וואָס די ציפּרעסן אין דעם לבנה־שײַן האָבן פאַרשפּרייט איבער דעם שמאָלן שטעג. הינטער אים, אין א גע־דיכטער, טונקעלער גרופּע צוזאַמענגעדריקט, מיט שטילע שטימעס שעפּטשנדיקע, זענען נאָכגעגאַנגען זײַנע תלמידים. די ציפּרעסן־אַלייע האָט געפירט צו א געדיכטן צאַם פון אַליוון־ביימער, וועלכע האָבן ווי מיט א גאַרטל ארומגעהאַלטן דעם אייל־גאָרטן. אין דעם בלויִלעכן לבנה־

ליכט האָבן די אָליון־ביימער אַנגענומען אַן אומבאַקאַנטן, פרעמדאַרטיקן זילבער־קאָליר, פאַרוועבט מיסטיש דעם ארײַנגאַנג אין גאָרטן, און זייער האַרצבּרעכנדיקער צווײַגן-געוועב האָט געגעבן דעם אײַנדרוק פון אויסגעשטרעקטע הענט צום הימל אין געבעט.

און ווען דער רבי האָט באַטראָטן דעם גאָרטן פון גת־שמן, האָט פון דער ווײַטנס זיך געהערט אַן אויסגייענדיקער עכאָ פון דעם טראָמפייטן־שאַל, וואָס איז ארויסגעקומען פון דעם בית־מקדש־הויף. דאָס האָבן די כהנים צוויסן געגעבן, אַז די צווייטע נאַכט־אשמורה הויבט זיך אָן און די וואַכן וועקסלען זיך אויף דער בית־מקדש־מויער.

דערפאַר אָבער, ווען מיר זענען ארײַנגעקומען אין גאָרטן פון גת־שמן, האָט דאָ געווימלט מיט לעבן. עס איז געווען ווי דער רעגן פון לבנה־שטראַלן, וואָס האָט זיך געגאָסן מיט פולע צעבערס פון הימל ארונטער, האָט אונטערגעשמיסן דאָס געבלי, און מען איז געווען אַן עדות פון דעם סוד פון שאַפן אין דער נאַכט אין דעם גאָרטן פון גת־שמן. א דיקע דופטיקייט האָט זיך געגאָסן, ווי שטאַרקער ווײַן, דורך די פאָרעס אין די קערפּערס ארײַן, — פאַרצערט דאָס בלוט און געדריקט מיט שווערע געוויכטן די דעקלעך איבער די אויגן. אזוי ווי די תלמידים האָבן נאָר דערפילט דאָס ווייכע גראָז אונטער זיך, אזוי נאָר ווי דער פערפום פון די אָפענע בלוטיקע געבליטן האָט, ווי ווײַרעך, זייערע חושים פאַרוויכערט, זענען זיי באַלד אוועקגעפאַלן אין א טיפן שלאָף. נישט נאָר די תלמידים, וואָס זענען געזעסן אין דרויסן, נאָר אפילו שמעון, יוחנן און יעקב, וועלכע זענען געווען מיטן רבין אינעווייניק, אין גאָרטן, און האָבן געוואַכט בײַם ארײַנגאַנג, האָבן שווער געקעמפט מיטן שלאָף, וואָרעם אַלץ, וואָס עס איז געווען דאָ, איז געווען דער היפוך פון טויט, וועלכער האָט אזוי לאַנג געדריקט דעם רבינס האַרץ, דער היפוך פון שרעק און אומרו. ווען עס איז געווען אַן אומרו, איז עס געווען די אומרו פון שאַפן; באַוועגונג פון לעבן; אַ זשומען פון אינסעקטן, וועלכע האָבן, געוועקט פון דעם אייביקן ליכט, זיך אייפעריק געראַיעט בײַ די בלומען אין דעם שלומערדיקן, ליכט פארשלייערטן גאָרטן. א שפיל פון פאַרב און ליכט איז אָנגעפירט געוואָרן צווישן די לבנה־שטראַלן און דער טונקל־גרינער דיקקייט פון די געוויקסן און בלומען. א געוועב פון שאָטן, נאַכט און צווײַגן-גרין האָט גענומען אין געפאַנגענשאַפט אַן אויסגוס פון לבנה־שטראַלן און זיי נישט געלאָזט אַדורכגיין, און עס האָבן זיך שוין געוועבט ליכט און גרינס אין איין קנויל און ארויסגעזונגען מיט פאַרכאַפנדיקע וואוילגערוכן דאָס געזאַנג פון באַשאַף.

אין דעם געזאַנג פון לעבן האָט דער רבי זיך אָנגערופן צו שמעון, יעקב און יוחנן מיט א קול, וואָס האָט פאַראַטן מורא און אַנגסט:

— מײַן געמיט איז טרויעריק ביז צום טויט. בלײַבט דאָ און וואַרט.

און ער האָט זיך דערווײַטערט און איז ארײַנגעגאַנגען ביז צו די

געדיכטע בליטן. אין דער מיט פון דעם סודותדיקן פּראָצעס פון שאַפן האָט געקניט דער רבי פון נצרת. מיר האָבן אים געזען, ווי ער האָט זײַן פּנים אײַנגעגעראָבן צווישן די גרעזער און די פּלאַנצן. ער האָט זיי באַרירט מיט זײַנע ליפּן, מיט זײַן מויל. ער האָט אויסגעשטרעקט זײַנע אָרעמס אין די ווײַטע אַרבל, און עס איז געווען ווי ער וואָלט געוואָלט די גאַנצע וועלט ארומנעמען, דעם גאַנצן באַשאַף צודריקן צו זײַן ברוסט; עס איז געווען ווי ער וואָלט געוואָלט זיך קלאַמערן אין לעבן. אזוי האָט ער דאָרט געוויילט א ווײַל.

מײַן חבר רופוס, וואָס האָט געוואָגט מיט שטילע טריט צו דערנענ־טערן זיך צו אים, האָט געהערט ווי ער האָט געבעטן: „פאָטער אין הימל, האָב רחמנות אויף דײַן באַשאַף, נעם אים אין דײַן רחמים אויף. ווי שיין איז דײַן וועלט, ווי גרויס זענען דײַנע מעשים, גאָט! זע, אַלץ בליט און גייט אין לעבן אויף. נאָר איך זאָל גיין אין שאָטן פון טויט? ווען עס איז מעגלעך, אזוי זאָל די שעה פון מיר פאַרבײַגיין. אבא, אַלץ איז מעגלעך בײַ דיר".

און ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז צוגעקומען צו שמעון און יעקב, וואָס מיר זענען געשטאַנען לעבן זיי, און ער האָט זיי געפונען שלאָפן. האָט ער זיך אָנגערופן:

— שמעון, שלאָפסטו? האָסטו נישט געקאָנט וואַכן אַ שעה? וואַכט און בעט, אז איר זאָלט נישט קומען אין קיין שטרויכלונג. דער גייסט איז ווילִיק, אָבער דאָס פלייש איז שוואַך.

און ער האָט זיך ווידער דערווײַטערט, און ער איז ווידער געפאַלן אויף דער ערד און ער האָט געבעטן:

„אבא, אבא! זיי זענען דאָס פעלד, אין וועלכן איך האָב פאַרזייט מײַן זאָמען. זיי זענען מײַן אַקער, וואָס זאָל טראָגן מײַנע תבואות. ווען דאָס פעלד וועט פאַרניכטעט ווערן, וואָס וועט אויס מײַן אַקער ווערן? מײַן זאָמען וועט פאַרלוירן גיין. אבא, אבא, דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס איך האָב. אין זיי האָב איך אײַנגעפלאַנצט מײַן וואָרט. היט מײַן פלאַנץ. זע, פאָטער אין הימל, מײַן לעבן זאָל נישט האָבן געווען אומזיסט און מײַן מי זאָל נישט פאַרלוירן גיין".

און ער האָט זיך ווידער אויפגעהויבן און איז ווידער געקומען אָנ־צוגיין צו שמעון און יוחנן. און ער האָט געפונען: שמעון האָט געהאַט אָנגעלענט זײַן שווערן קאָפּ אויף יוחננס שטאַרקער ברוסט, און זײַן ברו־דער יעקב האָט געהאַט זײַן קאָפּ אויף יוחננס שויס, און אַלע דרײַ זענען זיי געשלאָפן געשמאַק, אײַנגעשיכורט פון דער שטאַרקער דופטיקייט, וואָס די געבליטן האָבן ארויסגעגעבן.

ישוע האָט זיך אָנגערופן:

— שמעון, שמעון, איך האָב געבעטן פאַר דיר, אז דײַן אמונה זאָל נישט פאַרלענדט ווערן. אז דו וועסט תשובה טון, שטאַרק דײַנע ברידער.

און שמעון האָט זיך אָנגערופן, — און זײַנע אויגן זענען געווען פאַרטריקנט פון שלאָף:

— רבי, רבי, אז איך זאָל אפילו וויסן צו גיין מיט דיר אין תפיסה, אין טויט אפילו... — און ער איז ווידער געפאַלן אין שלאָף.

און דער רבי האָט זיך ווידער דערווײַטערט פון זיי. און ער האָט זיך ווידער געוואָרפן אויף דער ערד. א לאַנגע ווײַלע האָבן מיר געהערט ווי ער איז מתפלל בלחש. דערנאָך האָט זיך געהערט זײַן קול, ווי ער זאָגט מיט גרויס צער די פסוקים פון הלל:

„עס האָבן מיך ארומגערינגלט די ווייטאָקן פון טויט. די ענגשאַפט פון דער גרוב האָט מיך דערגרייכט, צרות און טרויער. גאָטס נאָמען טו איך רופן. איך בעט דיך, גאָט: ראַטעווע מײַן נשמה. אבא, אבא, נעם אַוועק דעם כוס פון מיר. דאָך — נישט ווי איך וויל, נײַערט ווי דו ווילסט". — און נאָך א מינוט שווײַגן האָט ער אויסגערופן מיט א שטאַרק קול: — „וגם כי אלך בגי־צלמות לא אירא רע, כי אתה עמדי!"

און ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז צוגעקומען א דריטן מאָל צו שמעון, יוחנן און יעקב. און ער האָט זיי ווידער געפונען פאַרשלומערט. זייערע אויגן זענען שווער געווען. האָט ער צו זיי געזאָגט:

— שלאָפט ווײַטער, רוט אײַך אָפּ. עס איז גענוג. די שעה איז געקומען!

און מיר האָבן אים אָנגעקוקט. און מיר האָבן געזען, פאַר אונז שטייט נישט קיין מלאך פון הימל, ווי מיר האָבן אים געזען, ווען ער איז אָנגעקומען צום סדר, נאָר אַ געוויינלעכער בשר־ודם. דער שרעק פון טויט האָט געקוקט פון זײַנע אויגן ארויס. זײַן פנים איז, אין דער באַלײַכטונג פון דער לבנה, בלוי־אַשיג געווען. ער האָט געציטערט מיטן גאַנצן קערפּער, און גרויסע טראָפּנס שווייס האָבן געראָנען פון זײַנע האָר, פון זײַן באָרד, פון זײַן לײַב, ווי טראָפּנס בלוט, אויף דער ערד.

און ווי מיר האָבן אים געזען אזוי שטיין, מיט אן אײַנגעבויגענעם קאָפּ, איז רופוס געפאַלן אויף מײַן האַלדז, און טרערן האָבן געפינקלט אין זײַנע אויגן, און ער האָט געשעפּטשעט:

— איז דאָס דער מלאך מן השמים, וואָס מיר האָבן געזען פריער גיין צום סדר? איז דאָס דער נביא פון נצרת, וואָס די ישועה און די גאולה זאָל קומען פון אים? זע, ער ציטערט און אַנגסטן גיסן זיך פון אים.

— איך האָב געהערט אנומלט אין בית־עינה, ווי יהודה האָט מגלה געווען פאַר שמעון הקנאי דעם סוד פון בן־אדם: כדי דער בן־אדם זאָל פילן, באַגרייפן און פאַרשטיין די אַלע, וואָס ער קומט אויסלייזן, האָט גאָט ארײַנגעגעבן אין דעם בן־אדם די נאַטור פון יעדן בשר־ודם. ער גלוסט נאָכן לעבן, פילט די ווייטאָגן פון צער און ווערט באַפאַלן פון דעם פחד פאַרן טויט אין א פיל גרעסערער מאָס, ווי יעדער אַנדער בשר־ודם.

— אָבער פֿאַרוואָס שרעקט ער זיך אַזוי? ער ווייס דאָך, אַז גאָט איז מיט אים. ער האָט דאָך די רשותים און וועט זיי מנצח זײַן.

— אָבער בשעת די אַנגסטן פֿון שרעק באַפֿאַלן אים, פֿירט ער זיך אויף ווי יעדער בשר־ודם.

— פֿאַרוואָס שרעקט ער זיך?

— איך ווייס נישט, פֿאַרוואָס. עפּעס זעט ער, וואָס מיר זעען נישט, עפּעס, וואָס עס וועט געשען.

— וואָס וועט געשען? זאָג מיר, זאָג מיר, וואָס וועט געשען?

— איך ווייס נישט, איך ווייס נישט. הער... הער... הער...

פֿון דער ווײַטנס האָט זיך געהערט אַן עכאָ פֿון פֿוסטריט, ווי דאָס רוישן פֿון א וואַסער, וואָס דערנעענטערט זיך. צוערשט איז עס געווען ווי פֿון איבער בערג און טאָלן, נאָר וואָס אַמאָל מער האָבן די טריט זיך שטאַרקער געהערט. א קלינגען פֿון געווער, א באַוועגונג פֿון א מאַסע, עס דערנעענטערט זיך, דערנעענטערט זיך. מיר זענען אַן אָטעם שטיין געבליבן און האָבן אויסגעוואַרט.

— די שעה איז געקומען! דער בן־אדם ווערט אויסגעליפֿערט! שטייט אויף, לאָמיר גיין. עס איז נאָענט דער, וואָס טוט מיך פֿאַראַטן! — האָט דער רבי אויסגערופֿן.

אין א מינוט איז שמעון געווען אויף זײַנע פֿיס. ער האָט אָפּגעטרייסלט פֿון זיך דעם שלאָף מיט אַ שטאַרקער באַוועגונג פֿון קאָפּ. אויך יוחנן און יעקב האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט. זיי האָבן אַרומגערינגלט דעם רבין. אין שמעונס האַנט האָבן א בליץ געגעבן א חלף און א שווערד.

אויך פֿון דרויסן האָבן אָנגעהויבן די אַנדערע תּלמידים אַרײַנצולויפֿן. נאָך מיט פֿאַרשלאָפֿענע אויגן, אויפֿגעריסן זיך מיט כּוח. זיי האָבן געמוזט איבעראַשט ווערן פֿון די אָנקומער, וואָרעם באַלד נאָך זיי האָט א שימער געגעבן מיט פֿײַער פֿון שטורקאַצן, פֿנימער זענען באַלויכטן געוואָרן, פֿנימער מיט בערד און אָן בערד. שטאָל־באַקליידעטע פֿאַנצערס האָבן א בליץ געטון, שווערדן האָבן א קלונג געגעבן. און פֿאַרויס פֿון זיי גייט יהודה. ער הינקט אונטער אויף איין פֿוס, יהודה. גייט הינקענדיק, געשווינד, ווי ער וואָלט זיך געאײַלט, זוכט מיט זײַנע רויט־פֿאַרלאָפֿענע אויגן וועמען צווישן די תּלמידים, וואַרפֿט מיטן קאָפּ. דער שוואַרצער מעיל שלעפּט זיך אים נאָך. ענדלעך דערזעט ער דעם רבין. ער גייט באַלד צו צו אים מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס און רופֿט:

— רבי! רבי!

ער פֿאַלט אויף ישוען און קושט אים.

אָבער די גאַנצע מאַסע, באַקליידט מיט שטעקנס און שווערדן, די פֿאַנצערס פֿינקלענדיק אין אָפּשײַן פֿון די פֿאַקעלן און לאָמפּן, שטייט פֿון דער ווײַטנס אָפּגערוקט, ווי עס וואָלט זי באַפֿאַלן דער שרעק פֿון גאָט, און וואָגט נישט קיין שריט צו טון צום רבין. בחנם קוקט זיך יהודה אום פֿון דעם רבין, וואָס ער האָט געקושט, צו די לײַט, וואָס זענען געקומען

הינטער אים. זיי שטייען אָפּגערוקט, מיט אָפּגעלאָזענע הענט, ווי זיי וואָלטן שלאָבריק געוואָרן. איך האָב געזען דעם טריאומף־בליק אין יהודהס אויגן בשעת־מעשה. זײַן פּנים האָט אויפגעפלאַמט, און אַזוי אויך די פּנימער פון די אַנדערע תּלמידים. און די הערצער האָבן אָנגעהויבן הויך צו קלאַפּן אין דערוואַרטונג, זיך געוואָרפן צאַפּלדיק פון טויט־אַנגסט צו דער העכסטער האָפענונג: זיי וואַגן נישט!

און דער רבי האָט זיך אָנגערופן מיט אַ שטאַרק קול, — ער האָט שוין צוריק זײַן גאַנצע קראַפט געוואונען:

— וועמען זוכט איר?

און שטימעס האָבן אים אָפּגעענטפערט:

— ישוע פון נצרת!

— איך בין דאָס! — האָט דער רבי אויסגערופן.

אונזערע הערצער זענען שטיין געבליבן — אין דערוואַרטונג. וואָס וועט איצט זײַן? וועלן זיי וואַגן אַ האַנט צו לייגן אויף אים אָדער נישט? ניין, זיי וואַגן נישט, ווי אַ מעכטיקע האַנט פון גאָט וואָלט זיך אויף זיי געלייגט, ווי יעדן איינעם פון זיי וואָלט אַ מלאך מיט פײַערדיקע שטריק געבונדן און געלייגט צו דעם רבינס פיס. ווי אַ שטורעם פון גאָט וואָלט זיי צוריקגעבלאָזן, האָט די גאַנצע מאַסע באַוואָפנטע זיך געגעבן אַ וואַקל אויף צוריק פון די ערטער.

דער טריאומף־געשריי האָט געברענט אין אונזערע קעלן, אָבער מיר האָבן פּאַר פּחד נישט געוואַגט דאָס מויל אויפצועפענען. נאָך אַ מינוט — און די הימלען וועלן זיך שפּאַלטן. שוין הערן מיר די רעדער פון די חיילות פון הימל דערנענטערן זיך.

— וועמען זוכט איר? האָט דער רבי נאָכאַמאָל געפרעגט.

— ישוע פון נצרת, — האָט זיך שוין געהערט אַ שוואַכערע שטימע פון דער זײַט פון די באַוואָפנטע.

— איך האָב דאָך אײַך געזאָגט, אַז איך בין דאָס!

און איינער פון די באַוואָפנטע האָט געוואַגט אַ טריט נענטער צו טרעטן. אָבער באַלד האָט אַ חלף פון אַ שווערד אַ בליץ געגעבן, — אַ געשריי פון ווייטאָק, — און ווידער אַ פּאַל צוריק פון די לײַט.

— אַ קנעכט פון כהן גדול איז פאַרוואונדעט געוואָרן.

— שמעון, שטעק דײַן שווערד ארײַן אין דער שייד. די, וואָס נעמען אַ שווערד אין האַנט, וועלן אַליין פאַרלוירן גיין דורך דער שווערד.

און דער רבי איז צוגעגאַנגען צו דעם פאַרוואונדעטן מאַן, האָט גע־נומען דאָס שווייס־טוך, וואָס יוסף רמתי האָט אים געשיקט, האָט אָפּגע-ריסן אַ שטיק דערפון און פאַרבונדן דעם כהן גדולס קנעכט זײַן אָפּגע־האַקטן אויער.

בשעת דער רבי איז געווען פאַרנומען מיט היילן דעם אויער פון דעם כהן גדולס קנעכט, האָט זיך ארויסגערוקט פון דער באַוואָפנטער מאַסע דער עלצטער איבער טויזנט, אַ רוימישער הגמון, וועלכער האָט

אָנגעפירט די באַוואָפנטע לײַט. ער האָט ביז איצט זיך געהאַלטן פון דער ווײַטנס, ווי ער וואָלט געוואָלט, אַז די קנעכט פון כהן גדול זאָלן דעם רבין פעסטנעמען. אַז ער האָט אָבער געזען, אַז די יידן שרעקן זיך פאַרן רבין און וואָגן נישט צוצוטרעטן צו אים, איז ער אַרויסגעטראָטן. אַ רעגן פון לבנה־שטראַלן האָט געגעבן אַ גאָס איבער זײַן פּאַנצער. איך האָב געזען זײַן פּנים, זײַן דינע, לאַנגע אָדלער־נאָז, זײַנע גרויע, גזלנישע, קאַלטע אויגן. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן זײַן קורצע און ברייטע שווערד, בשעת ער האָט זײַן שטאַרקן, נאַקעטן אָרעם געלייגט אויף דעם רבינס אַקסל:

— וואָס שרעקט איר זיך פאַר אים? דו ביסט מײַן מאַן!

מיר האָבן געמיינט, אַז דעם הויפּטמאַנס אָרעם וועט פאַרברענט ווערן, ווי ער וועט זיך נאָר אָנרירן אין דעם רבינס קלייד. מיר האָבן געמיינט, אַז איין רגע — און דער הויפּטמאַן וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַש, אין שטויב. און אַזוי האָבן אויך געמיינט די לײַט, וואָס זענען געקומען מיט אים דעם רבין פעסטצונעמען. אויף אונזערע ליפּן איז שוין גרייט געווען דער אויסגעשריי פון ישועה און פרייד. עס האָט אָבער געדויערט אַ ווײַל — און דער הויפּטמאַן איז נישט פאַרברענט געוואָרן. די ערד האָט זיך נישט געעפנט אונטער אים און ער איז נישט אײַנגעזונקען געוואָרן, נאָר אנשטאָט דעם, האָלט ער דעם רבין שוין פעסט מיט זײַן אָרעם, און זײַנע לײַט מיט שווערדן און שטעקנס זענען שוין אַרום דעם רבין.

— אוי, וויי!

נאָר אָט עפנט דער רבי אויף זײַן מויל:

— וואָס זענט איר אַרויסגעקומען ווי אַנטקעגן אַ רויבער מיט שווערדן און שטעקנס מיך צו נעמען. איך בין טעגלעך געווען מיט אײַך אין בית־המקדש און איך האָב געלערנט, און איר האָט מיך נישט גענו־מען. נישט אַנדערש נאָר סײַדן די שריפט מוז מקוים ווערן.

אָבער זיי האָבן אים שוין נישט געלאָזט לענגער רעדן.

— פאַרן כהן גדול וועסטו זיך אויסטענהן.

און שוין וואַרפט ווער אַ שטריק איבער דעם רבינס הענט.

— אוי, וויי איז צו אונז!

און איין מינוט — און די לײַט, וועלכע זענען געווען מיטן רבין, אַלע זײַנע תּלמידים, אַלע, אַלע, וואָס זענען געווען מיט אים, זענען זיך צע־לאָפן אויף אַלע פיר ווינטן, יעדער איינער צו ראַטעווען זײַן אייגן לעבן. אַלע האָבן אים פאַרלאָזן, אַלע: שמעון בר־יונה, און יוחנן, און יעקב, און שמעון קנאי, און אַנדרעי, און פיליפּוס, — אַלע, אַלע זענען זיי אַנט־לאָפן און האָבן געלאָזט דעם רבין אין שונאס הענט.

דער רבי איז געשטאַנען. ער האָט שוין געלאָזט טון מיט זיך אַלץ, וואָס זיי האָבן געוואָלט טון מיט אים. זיי האָבן אַרונטערגעדרייט זײַנע הענט און פאַרבונדן זיי מיט שטריק, — און ער האָט געשוויגן. אויף

איין אויגנבליק האָט ער געגעבן אַ קרום אויס זײַן ליפּ אין צער, אָבער באַלד זי פֿאַרשנירט. ער האָט אויפֿגעהויבן די אויגן און געקוקט אויף די לײַט, וואָס נעמען אים געבונדן, מיט אַ טיפֿן רחמנות. מען האָט נישט געוואוסט, צי דער רחמנות איז געווען אַ טרויערן אויף זיך, צי אויף די, וועלכע נעמען אים געבונדן.

באַלד האָבן מיר אים געזען, ווי זיי פֿירן אים. ער איז געגאַנגען צווישן זיי, האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן צו דער ערד. זײַן ווײַס קלייד האָט אַרויסגעשײַנט צווישן די רוימישע זעלנער, באַגאָסן אײַנגאַנצן מיט לבֿנה־ליכט, און דיזעלבע טרויעריקע מנוחה, וואָס איז געלעגן אויף זײַן פּנים, האָט אַראָפּגעשײַנט פֿון זײַן מעיל.

און דענסטמאָל האָב איך באַמערקט, ווי שמעון בר־יונה גייט זיך צוריק פֿון דעם פֿעלד, וואָס איז געווען אַרום דעם גאָרטן, און גייט נאָך פֿון דער ווײַטנס די וואָס האָבן געפֿירט זײַן רבין אין שטאָט אַרײַן צום כהן גדול.

רופֿוס און איך זענען געשווינד אין שטאָט געלאָפֿן אָנצוזאָגן אונ־זער רבין, וואָס עס איז געשען.

קאַפּיטל צוויאונצוואַנציק.

אַ שטימע האָט זיך אָנגערופֿן:

— יוחנן, דו דערקענסט נישט דעם הגמון?

איך האָב זיך אומגעקוקט און איך האָב געזען פֿאַר מיר דאָס פּנים, וואָס איך האָב דעמאָלט געזען, — די לאַנגע, דינע, איידל־געשניצטע אָדלער־נאָז, נאָר דאָס מויל האָט אַרויסגעקוקט פֿון אַ פּנים, וואָס איז געווען שוין אײַנגעפֿאַלן. באַצויגן מיט אַ נעפּל, האָבן די אויגן שוואַך געקוקט אויף מיר. און אַנשטאָט דעם שטאַרקן, מעכטיקן האַלדז, וואָס האָט דענסטמאָל, אַ נאַקעטער, זיך אַרויסגעצויגן פֿון דער שטאָל־באַ־שלאָגענער שילד, האָט זיך איצט אַרויסגעריסן אַ הויכער אײַנגעשרומ־פּענער האַלדז, ווי די הויט פֿון אַ גאַנז, וואָס מען האָט אויסגעפֿליקט פֿון איר די פֿעדערן. איך האָב זיך געפֿילט ווי איינער, וואָס איז פֿון די וואָלקנס אויף דער ערד אַרונטערגעפֿאַלן, וואָרעם איך האָב מיטאַמאָל זיך צוריקגעפֿונען אין וואַרשע, אין דער טרויעריק־פֿאַרטונקעלטער שטוב פֿון פּאַן וויאַדאָמסקי.

איך האָב פֿאַרגעסן צו פֿאַרציילן, אַז נאָך דעם ווי דער פּאַן האָט דורך זײַן כּישוף־זכּרון אויך אויפֿגעוועקט אין מיר מײַן פֿאַרגאַנגען לעבן און פֿאַרטראָגן מיך אין דער אַנדערער וועלט, האָבן מיר, דער פּאַן און איך, געהאַט אָפּגעמאַכט צווישן אונז, אַז איך זאָל אויפֿוועקן אין מיר

מײַנע זכרונות װעגן יענער װעלט־געשעעניש און זיי פֿאַרשרײַבן, כּדי מיר זאָלן איינער דעם אַנדערן ממלא־זײַן אונזערע דערפֿאַרונגען און אונזערע איבערלעבענישן פֿון יענער צײַט. מיר האָבן שוין דענסטמאָל געהאַט באַשטימט, אַז מיר זאָלן אונזערע זכרונות געמיינזאַם אין איין ספֿר פֿאַרעפֿנטלעכן, כּדי צו געבן דער הײַנטיקער װעלט אַ בליק פֿון יענער צײַט. איך פֿלעג צוליב דעם בײַטאָג בײַ מיר אין דער היים זיצן און ברענגען אויפֿן פּאַפּיר אַלץ, װאָס פֿלעג צוריקקומען אין מײַן זכרון פֿון יענער צײַט. און אין אָװנט, שפּעט אין אָװנט, װען דער פּאַן האָט זיך שוין געהאַט אָפּגעפּאַרטיקט מיט זײַנע הײַנטװעלטיקע געשעפֿטן און מענטשן, פֿלעג איך קומען צו אים און פֿאָרלייענען פֿאַר אים. די גאַנצע צײַט האָט ער אויסגעהערט מײַנע איבערלעבענישן און מיך נישט אי־בערגעריסן, קיין באַמערקונג נישט געמאַכט. און װען איך בין צוגעקו־מען צו דעם עפּיזאָד פֿון גת־שמן, האָט מיך דער פּאַן אונטערגעבראָכן מיט דער אויבנגעשטעלטער פֿראַגע.

יאָ, איך האָב אים דערקענט. דאָס זעלבע פּנים, דערזעלבער מענטש. נאָר אין די כװאַליעדיקע װעלן פֿון דעם ים קנייטשן אויף זײַן פּנים האָבן זיך באַהאַלטן איבערלעבענישן, — ביטערקייט, פֿרייד, נקמה, ליידנ־שאַפֿטן, — פֿון צענדליקער פֿאַרגאַנגענע דורות; און אויף דער פּערזאָן פֿון דעם פּאַן, האָט זיך מיר געדאַכט, הענגט דאָס געװיכט פֿון טויזנטער יאָרן. .

—יאָ, איך דערקען דיך איצט, עלצטער איבער טויזנט.

— נישט עלצטער איבער טויזנט, נאָר הגמון פֿון ירושלים.

— הגמון פֿון ירושלים איז געװען פּאָנטיוס פּילאַטוס.

— נישט פֿון ירושלים. פּאָנטיוס פּילאַטוס איז געװען הגמון איבער מדינת־יהודה. איך, דער עלצטער איבער טויזנט, בין געװען הגמון פֿון ירושלים.

— ביסטו דערזעלבער, װאָס האָט דענסטמאָל דער ערשטער פֿעסט־געלייגט זײַן אָרעם אויף דעם רבין פֿון נצרת, אין גאָרטן פֿון גת־שמן, אין יענער ליכטיקער לבנה־נאַכט?

— איך בין דערזעלבער. דער, װאָס האָט דער ערשטער געלייגט די האַנט אויף דעם רבין אײַערן נאָכדעם װי די יידעלעך פֿון כּהן גדול האָבן מורא געהאַט זיך צוצורירן צו אים, אַז ער זאָל זיי נישט פֿאַרברענען.

— און דו ביסט דאָס געװען דער, װאָס האָט דעם רבין אָפּגעפֿירט אין הויף פֿון כּהן־גדול חנן נאָכדעם װי מיר אַלע זענען אַנטלאָפֿן?

— יאָ, נאָכדעם װי איר אַלע זענט אַנטלאָפֿן, האָב איך אים אָפּגע־פֿירט צום כּהן גדול.

— און דו ביסט געװען בײַם פֿאַרהער אין הויף פֿון כּהן גדול חנן?

— איך בין געװען.

— איך בין ערשט געװען שפּעטער בײַ דער זיצונג פֿון דעם סנ־הדרין, אין דעם הויז פֿון דעם כּהן גדול כּיפֿא, אין ירושלים, באַגלייטנ־

דיק מײַן רבין צו דער ישיבה. ווילסטו נישט פֿאַרציילן, וואָס עס איז דאָרט פֿאָרגעקומען בײַ דעם ערשטן פֿאַרהער אין הויף פֿון חנן? און נאָך צוויי פֿראַגעס וואָלט איך דיר געוואָלט שטעלן, און איך וואָלט דיך גע־בעטן, הגמון, אַז דו זאָלסט זיי מיר קלאָר מאַכן, אויב דו קאָנסט, וואָרעם די גאַנצע וועלט וואונדערט זיך איבער זיי. ערשטנס, די פֿראַגע, וואָס דער רבי פֿון נצרת האָט דיר געשטעלט, ווען דו האָסט אים פֿעסטגענו־מען: פֿאַרוואָס האָט איר געלאָזט דעם רבין דרשענען אין בית־מקדש־הויף, און איר האָט נישט געוואָגט אים אָנצורירן? פֿאַרוואָס האָט איר אַזוי לאַנג געוואַרט מיט זײַן פֿעסטנעמען? און ווי אַזוי איז צו אײַך גע־קומען דער תּלמיד פֿון דעם רבין, — יהודה?

„איך קאָן דיר זייער לײַכט ענטפֿערן אויף די פֿראַגעס. אײַערע ייִדעלעך האָבן פּשוט מורא געהאַט זיך אָנצורירן אין אים. נישט איר, נאָר איך האָב געגנוג גרונט צו גלויבן, אַז דער כּהן גדול און אַפֿילו דער ביטרער אַלטער חנן זענען געווען איבערגעצײַגט, אַז ער איז אײַער מלך־משיח, אַ פֿײַערדיקער מלאך, פֿון הימל געשיקט. און נישט נאָר פֿריער, איידער מיר האָבן אים נאָך פֿעסטגענומען, האָב איך געהאַט מיט זיי צו טון וועגן דעם, נאָר אַפֿילו שפּעטער שוין, אין הויף פֿון חנן, ווען מיר האָבן אים געבראַכט אַ געבונדענעם, האָבן זיי מורא געהאַט צו דערנענטערן זיך צו אים.

„איך האָב וועגן דעם ענין פֿעסטצונעמען אים געהאַט מיט זיי, מיט די כּהנים גדולים, צו טון באַלד דערנאָך ווי איר האָט אים פֿראָקלאַמירט פֿאַרן ייִדישן מלך און איר האָט אים אַרײַנגעפֿירט קיין ירושלים. איר האָט אַזוי חוצפּהדיק זיך אויפֿגעפֿירט. איר האָט געמיינט, אַז דער מלך־משיח וועט אײַך באַלד מאַכן פֿאַר די הערשער פֿון דער וועלט. איר האָט פֿאַרכאַפּט די גאַנצע אויבערשטע שטאָט מיט אײַער צוג. איר געדענקט דעם צוזאַמענשטויס מיט אונזערע מעכטיקע פֿירער? דער פּראָקוראַ־טאָר האָט דאָס אַטלעטישע געוועט, וואָס איז דענסטמאָל פֿאָרגעקומען אין ירושלים צווישן די קינדער פֿון חנן און פֿעניציִשע געסט, געוואָלט באַערן מיט זײַן אָנוועזן. ער האָט געשיקט נאָך מיר און מיך געפֿרעגט, אויב די גאַסן פֿון ירושלים זענען זיכער און ער קאָן וואַגן צו ציִען אין זײַן טראָג־שטול אין טעאַטער אַרײַן. איך האָב געטראָגן די פֿאַראַנטוואָרט־לעכקייט פֿאַר דער זיכערקייט פֿון די ירושלימער גאַסן. איך האָב גע־נומען פֿאַר אים דאָס אחריות.

„איך האָב באַגלייט פּילאַטוסן אין טעאַטער אַרײַן. ווען מיר זענען אַרויסגעגאַנגען פֿון דער הורדוס־גאַס, וואו עס געפֿינען זיך די הורדוס־טורעמס, האָבן מיר דערזען פֿון דער ווײַטנס אָנקומען אײַער צוג. אײַער ליאַרעמען, אײַערע געשרייען, אײַער פּאַטשן אין די הענט און אײַער פֿאָכען מיט די ריטער האָבן אונז באַאומרואיקט. פּילאַטוס איז בלייך געוואָרן. ער האָט געשיקט נאָך מיר, אַז איך זאָל זיך דערנענטערן צו זײַן טראָגשטול, און געפֿרעגט מיך, וואָס איז דאָס? איך האָב אים פֿאַר־

זיכערט, אז עס איז גאָרנישט, אז קיין געפאַר דראָט נישט, אז דאָס פירן די יידן זייערן אַ רבין אין בית-מקדש ארויף. און פון זיכערקייט וועגן האָב איך געגעבן א באַפעל די פאַרויסגייענדיקע אויסרופער און אָרדע־נונג־היטער צו פאַרטרייבן אייער צוג אין דער ענגער סיקטוס־גאַס אריין. ווען אייער רבי וואָלט אייך נישט פריער געווען אָפּגעפירט דורך דעם זייטן־וועג צו דער סיקטוס־בריק, וואָלט אייער פריילעכער אויפצוג זיך געווען פאַרענדיקט אין א קלאָגעדיקער לויה. אונזערע לעגיאָנערן האָבן שוין געהאַט געצויגן די שווערדן פון די שיידן. דאָס, וואָס אייער רבי האָט אָפּגערייניקט דעם ברייטן מאַרק פאַר אונזערע טראָגשטולן, האָט אייך געראַטעוועט. און ווען פילאַטוס האָט פון זיין טראָגשטול דערזען אייער רבין, ריינטנדיק אויף דעם באַקליידטן אייזעלע, האָט ער זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון לאַכן. דער גאַנצער הויף האָט מיטגעלאַכט מיט אים. די שיינע קלאַודיא, זיין ווייב, וואָס האָט דענסטמאָל זיך געפונען מיט אים אין ירושלים און איז געפירט געוואָרן אין צוג, האָט אויפגע־הויבן דעם פאָרהאַנג פון איר טראָגשטול, זיך אויפגעזעצט, אריבערגע־קוקט צו פילאַטוסן און אים צוגעוואָרפן די רויטע נעלקע, וואָס זי האָט געטראָגן אין אירע האָר. פילאַטוס איז געווען אינגאַנצן אין ספּאַזמעס פון לאַכן: זיין דיק פנים איז אָנגעלאָפן געוואָרן מיט בלוט, אזוי אויך זיין האַלדז, און זיין בויך האָט זיך געטרייסלט. דער הויף, כדי אים צו געפעלן, איז אויך ארויס אין ספּאַזמישן געלעכטער. דאָס האָט אייך און אייער רבין געראַטעוועט. דער גאַנצער צוג אייערער איז אין אונזערע אויגן דורך דעם אין אַ פאַרס פאַרוואַנדלט געוואָרן. שפּעטער אָבער, ווען איך האָב געצויגן אינפאָרמאַציע און בין געוואָר געוואָרן, אַז דאָס איז דער רבי, וועלכן איר האָט מיט אזא ליאַרעם אויפגעפירט אין בית-מקדש אריין, און וואָס פאַרא לאָזונגען און ווערטער עס זענען דאָס געוואָרפן געוואָרן, — האָט עס ביי מיר שוין גאָרנישט אויסגעזען ווי א פאַרס. דער רבי פון נצרת איז גאָרנישט אזא אומשולדיק לעמעלע, אז ער זאָל זיך לאָזן פירן אויף אַן אייזעלע. דאָס האָט עפּעס א באַדייטונג. איך האָב דערווייל די זאַך און דעם גאַנצן כאַראַקטער פון דעם צוג פאַרשוויגן פאַר פילאַטוסן. דערפאַר האָב איך פרי דעם אָוונט זיך איינגעשטעלט אין כהן גדולס הויז און האָב פון דעם אַלטן חנן, — אַן אים איז קיין זאַך נישט געטון געוואָרן אין ירושלים, — דורכאויס פאַרלאַנגט, ער זאָל לאָזן גלייך אויפן שטעל פעסטנעמען דעם גלילער אויפרודערער.

„—דאָס שמעקט מיט רעוואָלט, מיט אויפשטאַנד. האָט איר געהערט די לאָזונגען, וועלכע זענען געוואָרפן געוואָרן אין דעם צוג? ער איז דער געזאַלבטער פון גאָט. זיי האָבן אים פּראָקלאַמירט פאַר דעם קעניג פון דודס הויז. זיי האָבן אים פּראָקלאַמירט פאַר מלך.

„אָבער דער כהן גדול, וועלכער איז געווען דערביי, האָט פלעגמאַ־טיש אָפּגעענטפערט:

„—אונזערע יידן פּראָקלאַמירן אַן עין־הרע יעדעס יאָר א נייעם

מלך־משיח, און דערפון איז נאָך רוימס מלכות נישט געפאַלן און דעם קייסערס גדולה איז נישט קלענער געוואָרן. זאָלן זיי האָבן זייער שפּאַס.
„—אַזעלכע שפּאַסן אין די אומרואיקע צײַטן, ווען אַזוי פיל גליליער געפינען זיך אין שטאָט, זענען זייער געפערלעך. איך פאַרלאַנג, דער סגן זאָל אַרויסגעבן אַ באַפעל צו דער וואַך — אים גלײַך פעסטצונעמען, ווען ער וועט זיך נאָר באַווײַזן אין בית־מקדש, אין יעדן פאַל, פון זיכער־קייט וועגן אים פעסטצוהאַלטן איבער דעם יום־טוב.
„—טאָקע איבער זיכערקייט־מאָסן באַדאַרפן מיר אים לאָזן לויפן איבער יום־טוב. דער מאָן איז צופיל פּאָפּולער בײַ די אָרעמע מאָסן אין דעם אונטערשטן טייל שטאָט. און די גליליער זענען שטאָלץ אויף זייער לאַנדסמאָן. זײַן פעסטנעמען אין בית־מקדש־הויף קאָן אַרויסרופן אַן אויפרודערונג צווישן די מאָסן. נאָך יום־טוב, ווען די עולי־רגלניקעס וועלן אָפּציען, וועלן מיר מיט אים זיך אָפּרעכענען, — האָט געזאָגט דעם כהן גדולס שוואָגער, דער יינגסטער חנן בן־חנן, וועלכער איז געווען, ווי איר ווייסט, דער געשײַטסטער און דער פּראַקטישסטער פון זיי אַלע. און ווען אפילו ער איז געווען דער יינגסטער, איז ער שטענדיק געווען פון די ראשי־המדברים.
„—דער מאָן איז נישט געפערלעך, דער מאָן איז אונז נוצלעך. — האָט זיך אָנגערופן דער עלטסטער זון אליעזר, — ער באַזאָנפט דאָס פאָלק מיט זײַנע שיינע מעשיות און ער רעדט זיי נישט אָן צו קיין שלעכטס. פאַרקערט, ער הייסט זיי באַצאָלן מיט טובות פאַר רשעות, הייסט זיי טראָגן דעם עול פון לעבן באהבה. די איינציקע זאַך, וואָס ער באַצאָלט זיי דערפאַר, איז מיט אַ שטר־חוב אויף יענער וועלט, מיט אַ חלק אין מלכות־שמים, מיט תחית־המתים. מיר זאָגן נישט גוט דעם שטר־חוב. זיי וועלן אים פאָדערן פון זײַן האַנט, ווען ער וועט זיי נישט באַצאָלן. דערווײַל האַלט ער זיי רואיק אין שפּאַן. ווער עס איז פאַר אונז געפערלעך, דאָס איז בר־אבא, וועלכער פירט זײַן גרויס מויל קעגן די כהנים גדולים, קעגן מלכות. אים באַדאַרף מען פעסטנעמען.
„—איך בין מסכים מיט מײַן ברודער, — האָט זיך אָנגערופן דער סגן פון דעם יאָר און געפּוצט זיך בשעת מעשה די באָרד.
„דערויף איז אַרײַנגעקומען דער אַלטער אליין. אַלע האָבן זיך אויפ־געהויבן פאַר אים. און ווען ער האָט געהערט, אין וואָס עס האַנדלט זיך און וואָס איך פאַרלאַנג, האָט ער אויסגעבראָכן אין אַ ספּאָזמישן געלעכ־טער, ווי פילאַטוס, איבער דעם אייזעלע.
„—אָ, הגמון, מיר האָבן יעדעס יאָר צו דער צײַט אַ משיח אויף אַן אייזעלע, — האָט דער אַלטער חנן געזאָגט, — אז איר ווילט מאַכן אַ משיח, נעמט אים פעסט. אַזוי לאַנג ווי איר לאָזט די לײַט אויף דער פרײַ, קאָנען זיי קיין משיחים נישט ווערן, מעגן זיי זיך ווי די העלדזער אויסשרײַען און די לײַט צוזאָגן די זון מיט די שטערן. ער איז פאַר אונז נישט געפערלעך. פאַרקערט, ער דינט נאָר אונזער זאַך. ווער עס איז

פאַר אונז געפּערלעך, איז דער בר־אבא! מיר באַדאַרפן פון אים פּטור ווערן, איידער ער האָט צייט דעם ערשטן אויפרודער אַרויסצורופן. מיינע לייט זענען הינטער אים.

„און ווידער האָבן זיי זיך אַזוי איינגעשטילט, ווי תמיד, און גע־מאַכט צו קליינגעלט דעם רבין פון נצרת.

„אָבער צומאַרגנס, ווען זיי האָבן דערהערט, וואָס דער רבי האָט געמאַכט מיט זייערע קראַמען אין בית־מקדש, ווי ער האָט פאַרטריבן די טויבן־הענדלער, אומגעוואָרפן די טישן פון די געלט־וועקסלער, וועגן דעם שאָדן, וואָס ער האָט געבראַכט צו זייער פּרעסטיזש, — קוים נאָך האָט ער אָנגערירט זייער הויט, האָבן זיי שוין גאַנץ אַנדערש גערעדט. זיי האָבן געברענט קעגן אים. עס האָט זיי באַזונדער געקרענקט דער שאָדן, וואָס ער האָט זיי געבראַכט, וואָס ער האָט אונטערגראָבן זייער פּרעסטיזש ביים פאָלק, וואָס ער האָט אויף זיי געזאָגט, אַז זיי האָבן גע־מאַכט אויס דעם בית־מקדש אַ הייל פון רויבער. און נאָך מער פון דעם האָט זיי געקרענקט, וואָס זיינע ווערטער האָבן אַזוי אויסגענומען ביים פאָלק, וואָס דאָס גאַנצע פאָלק האָט אים צוגעיובלט, און וואָס די פּרושים, זייערע פיינד, האָבן אָנגעקוואָלן פון זיינע ווערטער, געהאַט זייער נקמה אין די כהנים. זיי האָבן מורא געהאַט, אַז דער מאַן וועט מיט זיין טאַט די גאַנצע אינסטיטוציע פון בית־מקדש אונטערגראָבן. און זיי האָבן גע־זוכט עצות קעגן אים. אָבער מערקווירדיק, דער מאַן איז דורך זיין טאַט צוגלייך אויך געהויבן געוואָרן אין זייערע אויגן. זיי האָבן אים שוין נישט באַטראַכט פאַר אַן אומשולדיק לעמעלע, האָבן אויפגעהערט שפּאַס צו טרייבן איבער אים. עס האָט זיך דערפילט אַ טיפע אַכטונג צום מאַן, אָבער פיל מער, אַ גרויסע מורא פאַר אים. יאָ, זיי האָבן זיך געשראָקן פאַר אים. איך קאָן מיר באַין־אופן נישט דערקלערן, וואָס איז דאָס געווען אין דער פּערזענלעכקייט פון דעם מאַן, וואָס האָט אָנגעיאָגט אַזאַ מורא צו זיך. אפילו צווישן די גרעסטע זייערע, די כהנים גדולים, אַז זיי האָבן גערעדט וועגן אים, האָבן זיי שוין גערעדט מיט נידעריקע שטימעס, באַזאָרגטע, ערנסטע, פאַרטראַכטע, ווי נישט עפּעס אַן אומבאַ־קאַנטער, אומבאַדייטיקער גלילער איז אויפגעשטאַנען קעגן זיי, נאָר עפּעס אַ גרויסע, אומגעהערטע מאַכט, אַ מיסטישע מאַכט. איך האָב אורזאַכן אָנצונעמען, אַז זיי האָבן זיך מער געשראָקן פאַר דעם מאַן ווי אפילו פאַר אונזער מלכות. אַלע, אַלע, אפילו דער יינגערער חנן. איך קאָן זיך עס נאָר דערקלערן מיט זייער אַזיאַטישער נאַטור, וועלכע האָט אפילו ביי די רעאַליסטישסטע קעפּ זייערע געמאָלט פאַנטאַסטישע ביל־דער. אפילו די שטאַרקסטע כאַראַקטערן זייערע זענען געפּלאָגט גע־וואָרן פון געוויסן, געשמיסן געוואָרן פון חרטה־געפילן, דערוואַרט, אַז עפּעס אומנאַטירלעכס זאָל געשען, וואָס מיר, רוימער, ווייסן און קענען דאָס נישט. זיי האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אַז דער מאַן איז פון גאָט גע־שיקט, אַז ער באַזיצט אומבאַגרענעצטע מאַכט צו טון זאַכן. ער פירט

אויס וועמעס געבאָטן, — און דאָס, וואָס ער טוט און רעדט, טוט ער עס און רעדט אין דעם נאָמען פון א העכערער מאַכט, וואָס האָט אים געשיקט אין דער וועלט אַרײַן. און עס שטייען הינטער אים הימלישע קרעפטן, וואָס ער קאָן, קעגן אַלע נאַטורגעזעצן, אַראָפּכישופן פון אומבאַקאַנטע וועלטן. אנישט, אָן דער פולמאַכט, וואָס ער האָט באַקומען פון זייער גאָט, וואָלט ער זיך קיינמאָל נישט געווען אײַנגעשטעלט צו טון דאָס, וואָס ער האָט געטון אין בית־המקדש. און די ווערטער, וואָס ער האָט געריכטעט קעגן זיי, די ווערטער, וואָס דער גלילער רבי האָט זיי געוואָרפן אין פנים אַרײַן, האָבן זיי מער איבערגעשראָקן, ווי די אַלע לעגיאָנען פון רוימישן מלכות. וואָרעם ווי אַנדערש איז צו פאַרשטיין זייער מאָדנע אויפפירונג אין יענעם וואונדערלעכן טאָג, ווען מיר האָבן דערהערט אין דעם פּראָקוראַטאָריום, וואָס עס איז געשען אין בית־מקדש־הויף. (מיינט נישט, אז די כהנים גדולים האָבן אונז וועגן דעם צו וויסן געגעבן, ווי עס איז געווען צו דערוואַרטן. ניין, מיר האָבן צופעליק וועגן דעם זיך דערוואוסט. זיי, אפנים, האָבן געוואָלט פון אונז די זאַך אויסבאַהאַלטן).

„איך בין דענסטמאָל געשיקט געוואָרן צום כהן גדול מיט פּילאַטוסעס באַפעל אויסצופּיפערן ביידע אויפשטאַנד־העצער, בר־אבאן און דעם נביא פון גליל. מיר האָבן חושד געווען, אז זיי זענען ביידע צוזאַמען אין איין קאָמפּלאָט, און מיר האָבן אײַנגעזען, אז עס וועט בויטיק זײַן אָנצונעמען אַליין ענערגישע שריט דעם באַפעל אויסצופירן. וואָס איז שייך בר־אבאן, האָבן זיי מיר אים גלײַך אַרויסגעגעבן. זיי האָבן מיטגעטיילט פון דער געהיימער אינפאָרמאַציע, וואָס זיי האָבן געקראָגן פון זייערע קאָנפידענציעלע לײַט וועגן דער בײַנאַכטיקער צוזאַמענקונפט פון בר־אבאן אין דער פונדקא פון די אייזל־ און קעמלטרײַבער אין דער אַלטער שטאָט. ווען זיי ווילן נאָר, ווייסן זיי פון אַלץ. וואָס איז אָבער שייך דעם נביא פון נצרת, האָבן זיי געשוויגן. זיי זענען ווײַס געווען ווי די וואַנט, אפילו דער כהן גדול אליין, וואָס איז געווען אין הויז פון כיפא בײַ דער אונטעררעדונג, האָט געפּרוּווט אַרויסמאַכן זיך פון צו געבן א דירעקטן ענטפער, וואָס זאָל אונז לאָזן וויסן זײַן שטעלונג צום מאַן. ערשטנס, האָבן זיי פאַרזיכערט, אז זיי ווייסן באיןאופן נישט, וואו דער מאַן געפינט זיך, וואו ער האַלט זיך אויף, כאָטש עס איז דאָך געווען אזוי לײַכט דאָס אויסצוגעפינען. מען האָט דאָך אים יעדן טאָג אין בית־מקדש־הויף געזען; צווייטנס, האָבן זיי פאַרלאַנגט דורכאויס אויסצומײַדן יעדן צוזאַמענשטויס מיט דעם מאַן אין בית־מקדש־הויף. זיי האָבן זיך געשראָקן פאַר אויפשטאַנדן, פאַר אַן אויסברוך פון די פאַרביטערטע מאַסן, פאַר ראַיאָטן פון זײַנע אָנהענגער. ער איז פאַרהייליקט געווען בײַם פאָלק, דאָס פאָלק האָט געגלויבט אין אים. דורך דעם זענען זיי דורכאויס באַשטאַנען, אז מיר זאָלן אָפּלייגן זײַן פעסטנעמען ביז נאָך יום־טוב, ווען די עולי־רגל־לײַט וועלן האָבן פאַר־

לאָזט ירושלים, וואָרעם דענסטמאָל וועט עס זײַן ווינציקער געפּערלעך.

„— יאָ, און דערװײַל וועט דער פויגל אַרויספליען פון דער שטײַג אין פרײַען פעלד אַרײַן, און גיי זוך אים דערנאָך.

„— וואָס מיינט איר, הגמון, דער פויגל וועט אַרויספליען פון דער שטײַג?

"— ער וועט אַנטלויפן פון ירושלים, אײַער נביא, אײַער משיח.

„— משיחים אַנטלויפן נישט. משיחים פירן אויס זייער מיסיע, אַנישט שטאַרבן זיי, — האָט דער כהן גדול זיך אָנגערופן און האָט דערבײַ געקוקט מיר אין די אויגן אַרײַן מיט אַ צווײדײַטיקן שמייכל אין זײַנע פינקלדיקע אויגן.

„— וואָס איז דאָס פאַר אַ מיסיע, וואָס איר דערוואַרט פון דעם משיח אײַערן? — האָב איך געפרעגט דעם כהן גדול און אים אַדורכגעשפּיזט מיט מײַן פאַרשנדיקן בליק.

„זיי האָבן מיר נישט געענטפערט אויף דער פראַגע. זיי האָבן איינער דעם אַנדערן אָנגעקוקט מיט פאַרשטומטע, דערשראָקענע פּנימער. נאָר דער כהן גדול האָט זיך אָנגערופן:

„— דאָס, וואָס עס איז פאָרגעקומען אויפן בית־מקדש־הויף, איז אַן אינערלעכע יידיש־רעליגיעזע אָנגעלעגנהייט. עס איז נוגע דער פאַר־וואַלטונג פון בית־מקדש און האָט גאָרנישט צו טון מיטן מלכות. אַז מיר וועלן געפינען פאַר נויטיק, וועלן מיר אים פעסטנעמען. און ווען מיר וועלן אים געפינען שולדיק, וועלן מיר אים צושטעלן צו דער רוי־מישער מאַכט. מיר האָבן דאָך קיין רעכט נישט סײַ־ווי־סײַ אויסצופירן עקזעקוציעס.

„— דאָס איינע, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין בית־מקדש־הויף, איז נישט נאָר אַ פאַרברעכן קעגן דער אינערלעכער בית־מקדש־אָרדענונג, נאָר קעגן דער גאַנצער סיסטעם פון אָרדענונג און אויטאָריטעט אין יהודה. נאָך דעם שאָדן, וואָס ער האָט אָפּגעטון אײַער פּרעסטיזש, וועט אונז וואונדערן, וואָס איר נעמט אים אונטער אײַער שוץ. דאָס מוז אונז ברענגען אויפן פאַרדאַכט, אַז איר האָט באַזונדערע אורזאַכן דערפאַר. מיר האָבן נישט קיין צײַט און אויך נישט קיין מעגלעכקייט פונאַנדער־צוקלײַבן זיך אין אײַערע קאָמפּליצירטע, מיסטישע רעליגיעזע ענינים, וואָס ברענגען אײַך אַזוי נאָענט צו דעם מאַן. מיט אונזער געוויינלעכן, געזונטן רוימישן שכל, מוזן מיר זיך זאָגן, אַז ווען די העכסטע בית־מקדש־מאַכט נעמט אונטער איר שוץ אַ מאַן, וואָס האָט שאָדן געבראַכט איר פּרעסטיזש, איז עס נישט אַנדערש, נאָר אַז די העכסטע בית־מקדש־מאַכט האָט אינטערעסן, וואָס פאַרבינדן זי מיט אַן אויפרודערער, אַ צע־שטערער פון אָרדענונג. די אינטערעסן קאָנען נאָר זײַן צום שאָדן פון רוים און פון דער הערשנדיקער אָרדענונג.

„— הגמון, איר וואָגט צו צווייפלען אין אונזער לאָיאַליטעט צו רוים?

„— עס איז נישט קיין פראַגע פון צווייפלען אָדער נישט. נאָר עס וועט מוזן זייער פאַרדעכטיק אויסקוקן אזא האַלטונג פון דער העכסטער בית־מקדש־מאַכט צו דעם מאַן — אין די אויגן פון לעגאַטוס און פראָ־קוראַטאָר.

„דער כהן גדול האָט זיך איבערגעקוקט מיט זײַנע שוואָגערס, מיט זײַן שווער. יעדער טראָפּן בלוט איז אַנטלאָפן פון זײַן געל־געשפּרענקל־טער הויט. א מינוט האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אז אפילו זײַן שיין־גע־קרייזלטע באָרד, וואָס ער האָט, קאָנטיק, פריש פריזירט לכבוד יום־טוב, איז גרוי און ווײַס געוואָרן. ער האָט זיך געווענדט צו מיר:

„— וואָס פאַרלאַנגט איר פון מיר, הגמון?

„— דער פּראָקוראַטאָר פאַרלאַנגט פון אײַך, ווי פון דער העכסטער אויטאָריטעט, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אָרדענונג אין בית־מקדש, פעסטצונעמען דעם מאַן, וואָס האָט געשטערט די אָרדענונג און אונטערגעגראָבן דעם פּרעסטיזש פון דער בית-מקדש־אויטאָריטעט.

„— איך פאַרזיכער אײַך, אז מיר ווייסן נישט, וואו דער מאַן גע־פינט זיך, און מיר וועלן אָננעמען שריט דאָס אויסצוגעפינען. און קוים וועלן מיר וויסן, וואו ער געפינט זיך, וועלן מיר עס אײַך צו וויסן לאָזן.

„דאָסמאָל האָט דעם כהן גדולס פאַרזיכערונג מיך צופרידנגעשטעלט.

„מיטוואָך האָבן מיר באַקומען די אָנווײַזונג פון חנן, אז די בני־אבא קומען זיך צונויף די נאַכט אין דער פונדקא.

„מיר האָבן זיך באַנוצט מיט דער אינפאָרמאַציע, וואָס מיר האָבן באַקומען פון כהן גדול וועגן בר־אבאן. די נאַכט האָבן מיר ארומגערינגלט די פונדקא פון די אייזל־ און קעמל־טרײַבער. גוט, וואָס מיר האָבן זיי איבערראַשט אין מיטן שלאָף. זיי האָבן אָנגעפירט מיט אונז אן ענערגישע שלאַכט. פיל חללים און פאַרוואונדעטע זענען אפילו געפאַלן פון זייער זײַט, אזוי אויך פון אונזערע, עס איז אָבער געלונגען דעם אָנפירער פון דער באַנדע פעסטצונעמען א לעבעדיקן. דער אַרסענאַל שווערדן, וואָס מיר האָבן געפונען אין דער אכסניא, האָט אונז איבערגעצײַגט, ווי ערנסט עס איז די לאַגע אין ירושלים.

„איצט האָבן מיר געוואָרט צו באַקומען דעם צווייטן אויפשטאַנד־העצער, וואָס מיר האָבן אים באַטראַכט פאַר דעם מער געפערלעכן, וואָ־רעם מיר האָבן געגלויבט, אז ער, דער נביא, איז די נשמה פון דעם גאַנצן אויפשטאַנד, און אפילו דער כהן גדול איז ארונטערגעקומען אונ־טער זײַן כישוף.

„ווי צעטומלט, ווי אויפגערודערט זענען מיר געוואָרן, ווען מיר האָבן דערהערט דעם צווייטן טאָג, אז דער נביא פון נצרת, דער, וואָס האָט ארויסגערופן דעם גערודער אין בית־מקדש־הויף און מוז אוודאי זײַן דער גײַסטיגער אָנפירער פון דעם אויפשטאַנד, וואָס האָט זיך גע־פלאַנט אין ירושלים, האָט זיך דעם טאָג געפונען אין בית־מקדש־הויף, און נישט נאָר האָט אים דער כהן גדול נישט געלאָזט פעסטנעמען, נאָר

ער האָט, ווי מיר האָבן באַקומען געהיימע אינפאָרמאַציעס, נאָך געשיקט אפילו אייניקע פון זײַנע לײַט אויסצופרעגן אים, מיט וואָס פאַר א מאַכט ער טוט די זאַכן. דער נביא האָט געפירט לאַנגע דיסקוסיעס מיט זייערע געלערנטע. זיי האָבן עפּעס נישט געקאָנט זיך אויסגלײַכן און דורכקומען צווישן זיך וועגן זייערע מיסטישע שריפטן, וועגן די צייכנס, וואָס זיי האָבן פאַרלאַנגט פון אים צו באַווײַזן זיי, אז ער איז טאַקע צו זיי פון גאָט געשיקט, — און דעמאָלט וואָלטן זיי אים אויפן אָרט געוועזן דערקלערט פאַר זייער מלך און פונאַנדערגעוויקלט דעם אויפשטאַנד קעגן רוים.

„ווען איך האָב אָפּגעגעבן מײַן רעפּאָרט פאַר פּילאַטוסן וועגן דער צאָל שווערדן און באַוואָפנטע, וואָס מיר האָבן געפונען אין דער אכסניא, און וועגן דעם פאַרשווײַגן דעם צווייטן אויפשטאַנד־אָנפירער, איז דער פּראָקוראַטאָר אַרײַן אין א פוריע. איך זע נאָך פאַר זיך פּילאַטוסן בשעת איך האָב אים געהאַט מיטגעטיילט וועגן דעם, אז דער כהן גדול האָט נישט געהאַלטן זײַן וואָרט און האָט דעם אויפשטאַנד־העצער נישט גע־לאָזט פעסטנעמען, נאָר האָט גאָר געלאָזט פירן מיט אים דיסקוסיעס. פּילאַטוס איז געזעסן אין זײַן שטול. זײַן אונטערשטער האַלבער קערפּער איז פאַרשטעלט געווען מיט דעם מאַסיוון בראָנדזענעם טיש, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים. נאָר זײַן אויבערשטער טייל קערפּער האָט אויך געמאַכט דעם אײַנדרוק, ווי ער וואָלט נישט געווען אויס פליייש און בלוט, נאָר געגאָסן פון דעם זעלבן בראָנז, וואָס דער טיש פאַר אים. זײַן מעכטיקער, גרויסער, פּירקאַנטיקער, קאַלער קאָפּ, זײַן ברייט, פליישיק פּנים, זײַן שטאַרקע, פונאַנדערגעוויקלטע ברוסט, — אַלץ איז באַשטאַ־נען אויס איין שטיק, ווי אויסגעהאַמערט אויס איין שטיק אײַזן. קיין האָר נישט פון קאָפּ, נישט פון די וואָנצעס אָדער באָרד, קיין גליד נישט פון זײַן פּנים, נישט די לאַנגע װענט פון זײַנע באַקן, נישט זײַן ארויס־שטאַרצנדיקע נאָז, נישט זײַנע דיקע, פליישיקע, אראָפּהענגענדיקע ליפּן, נישט זײַן אריבערגעפאַלענער, פעט־פאַלנדיקער האַלדז האָבן געשאַפן א מחיצה, געבילדעט א דעטאַל אין זײַן פיגור, — אַלץ איז געווען אויס־געהאַמערט אויס איין שטיק. דער מעכטיקער, קאַלער שײַטל האָט זיך געגלאַנצט, ווי ער וואָלט מיט חלב באַשמירט געווען. מיטאַמאָל איז די גאַנצע פיגור אָנגעגאָסן געוואָרן מיט קאָכעדיק, רויט בלוט. ער האָט אויסגעזען ווי א מולך, וועלכן מען האָט אינעווייניק, אין זײַן אויוון־בויך, אונטערגעהייצט, און זײַן אײַזערנע פיגור ווערט אָנגעגליט. און אזוי איז פּילאַטוס אָנגעגליט געוואָרן דורך זײַן בלוט: דער הויכער, וויברירנדי־קער קאַרק איז אָנגעלאָפן, ווי א מילץ, מיט בלוט און גאַל. די גרויסע אויערן האָבן זיך אויפגעשטעלט בײַ אים. די ברעמען, דער איינציקער סימן פון האָר, וועלכע זענען געהאַנגען אויף די שאַרפע קאַנטן פון זײַן שטערן־ביין, האָבן זיך אויפגעהויבן. זײַנע גרויע, קאַלטע אויגן זענען גרויס געוואָרן. זײַן פליישיקע אויבערשטע ליפּ האָט א ציטער געגעבן. זײַנע גרויסע נאָזדרעס האָבן זיך פונאַנדערגעצוקט. און ער האָט גע־

זאָגט מיט א ברום פון א לייב, פאַרזשמורנדיק מיטן הײטל זײַן רעכט אויג:
„— פאַרלאַנגט פון דעם כהן גדול, ער זאָל גלײַך אויסליפערן דעם אויפשטאַנד־העצער!
„דאַסמאָל האָב איך אין דעם הויז פון כיפא, אין דעם אויבערשטן טייל שטאָט, געפונען נישט נאָר די כהנים גדולים, כיפא, חנן, אליעזר, מיט אַלע זייערע זין, שוואָגערס און ברידער, נאָר אויך אייניקע פון זייערע אַלטע און געלערנטע. איך האָב זיי געמוזט איבעראַשן אינמיטן א זיצונג. זיי זענען אַלע געווען פאַרזאָרגט, ערנסט, דערשראָקן און באַ־אומרואיקט. איך האָב זיי נאָר געזאָגט איין וואָרט:
„— דער לייב האָט א ברום געטון!
„זיי האָבן פאַרשטאַנען, וואָס דאָס מיינט.
„זייערע פּנימער זענען געוואָרן מיט דער וואָגט צוגלײַך. זייערע קערפּערס האָבן א צוק געגעבן.
״א לאַנגע ווײַלע האָבן זיי געשוויגן. איינער האָט דעם אַנדערן אָנ־געקוקט און געשוויגן.
„— מיר ווייסן נישט, וואו ער געפינט זיך, — האָט דער כהן גדול געזאָגט.
„— ער איז נישט געווען ווײַט צו זוכן: ער האָט געפירט וויכוחים אין בית־מקדש־הויף, וואָס אפילו די שליחים פון כהן גדול האָבן זיך באַטייליקט אין זיי.
„— מיר קאָנען אים נישט פֿעסטנעמען אין בית־מקדש־הויף, עס איז צו געפערלעך.
„— מיר האָבן אריינגעבראַכט קיין ירושלים גענוג לעגיאָנען צו קאָנען זיך אָן עצה געבן מיט יעדער סיטואַציע. אין צײַט פֿון געפֿאַר וויים דער כהן גדול צו וועמען צו ווענדן זיך.
„— דאָס איז טאַקע, וואָס איך וויל פאַרמײַדן, א צווייטע בלוט־באָד, ווי מיר האָבן געהאַט פאַראיאָרן, ווען דאָס בלוט פון די גלילער יידן האָט זיך צוזאַמענגעמישט מיט דעם בלוט פון זייערע קרבנות. מיר שטייען דאָס יאָר אויך פאַר דער געפאַר, ווען איך זאָל נאָר מאַכן אַן אײַ־בערגעאײַלטן שריט.
„— דאָס יאָר, האָב איך מורא, איז די געפאַר פיל גרעסער. נישט נאָר דאָס בלוט פון די גלילער קאָן זיך אויסמישן מיט דעם בלוט פון זייערע קרבנות, נאָר אויך דאָס בלוט פון די אַנדערע יידן, פון די גרעסטע ביז צו די קלענסטע. מאָרגן פרי זיץ איך בײַם משפט איבער אים, אָדער איבער זיי, — דאָס זענען די ווערטער, וואָס פילאַטוס האָט מיר געזאָגט.
„זיי זענען זיצן געבליבן אָפּהענטיק, אפילו דער מוטיקער כהן גדול אויך. ער איז בלייך געווען ווי פריער און האָט געשוויגן, פאַרקלערט.
„— איבער איין מענטשן זאָלן מיר אַלע לײַדן, אונזערע פעלדער צוגענומען ווערן! אונזערע לעבנס פאַרלירן! — האָט יעדערער פון זיי געקרעכצט.

„נאָר דאָ האָט זיך אָנגערופן דער אַלטער חנן, וועלכער האָט געשוויגן די גאַנצע צײַט און געלאָזט דעם אַמטלעכן כהן גדול פירן די אונטערהאַנדלונגען:

„— מיר דינגען זיך איבער דעם פוקס, איידער מיר האָבן אים געפאַנגען. עס איז נישט קיין פראַגע פון פעסטנעמען. מיר וואָלטן אים שוין פעסטגענומען, ווען מיר וואָלטן דאָס געקאָנט טון דרויסן פון די בית־מקדש־טויערן, נישט ארויסצורופן קיין צו גרויס אויפזען. כדי דאָס אויסצופירן, באַדאַרף מען, ערשטנס, אויסגעפינען דאָס אָרט, וואו ער האַלט זיך אויף; צווייטנס, — און דאָס איז זייער וויכטיק,— באַדאַרף מען זען פעסטצונעמען דעם ריכטיקן מאַן, וואָס מיר ווילן. איך פאַרזיכער דעם הגמון, אז איך האָב אָנגעשטעלט מײַנע געניטסטע פארטרויאונגסלײַט. נאָר זיי האָבן נאָך נישט באַוויזן ביז הײַנטיקן טאָג מיר צוצושטעלן די נויטיקע אינפאָרמאַציע; נישט געקוקט אויף דעם הויכן פרײַז, וואָס איך האָב פאר דער אינפאָרמאַציע באַשטימט. עס זעט אויס, אז דאָס פאָלק גלויבט אין אים און באַהאַלט אים צווישן זיך. כדי אים אין די הענט צו נעמען, איז ווינציק אויסצוגעפינען וואו ער האַלט זיך אויף. מיר מוזן זיכער זײַן, אז מיר נעמען פעסט דעם ריכטיקן מאַן, וואָרעם זײַנע תלמידים און זײַנע אָנהענגער זענען גרייט פאַר אים אין טויט צו גיין און זיי קאָנען אים פאַרוועקסלען מיט אן אַנדערן, ווען אונזערע לײַט וועלן קומען אים פעסטנעמען. מחמת דעם זוך איך איינעם פון זײַנע אייגענע לײַט, וועלכער זאָל גרייט זײַן פאר א גרויסער סומע געלט, אָדער פאַר אן אַנדער מין פארגיטיקונג, אונז אָנצווײַזן אן אָרט, וואו מען קאָן דעם מאָן פעסטנעמען אָן איבריקן אויפזען, און ארויסגעבן אונז דעם ריכטיקן מאַן. איך האָב ביז איצט דעם פאַסיקן מענטשן נישט געפונען, און איך פאַרזיכער דעם הגמון, אז קוים וועל איך נאָר האָבן די ערשטע מעגלעכקייט, וועלן מיר דעם מאָן פעסטנעמען און צושטעלן צו דער רוימישער מאַכט צום משפט.

„איך בין צוריקגעגאַנגען צו פילאַטוסן און האָב אים אָפּגעגעבן דעם רעפּאָרט. איך האָב אים דערקלערט מײַן מיינונג, אז די יידן, און אפילו דער כהן גדול אליין, — האָבן עפּעס געהיימע אורזאַכן דעם אויפרודערער אויסצובאַהאַלטן פון אונז.

„— וואָס קאָנען דאָס זײַן פאַר אורזאַכן? — האָט מיך פילאַטוס געפרעגט.

„—זיי שרײַבן אים צו א געטלעכע, מיסטישע מאַכט. זיי האַלטן אים פאַר דעם משיח, אויף וועלכן זיי וואַרטן אויס.

„— פאַר וועמען האַלטן זיי אים?

„— פאַר דעם מלך פון די יידן, וואָס זאָל זיי אויס אונזערע הענט באַפרײַען.

„— דער מלך פון די יידן! דאָס איז גוט! דאָס איז עס! דער מלך

פון די יידן מוז צוגעשטעלט ווערן נאָך פאַר דעם יום־טוב זייערן, נאָך איידער די זון שײַנט אויף א צווייטן מאָל. דאָס איז דער לעצטער טער־מין, וואָס דו זאָלסט זיי געבן. דער כהן גדול פערזענלעך וועט מיר פאַר־אַנטוואָרטלעך זײַן דערפאַר.

„פון דענסטמאָל אָן האָט פּילאַטוס דעם גלילער נישט אַנדערש גע־רופן, נאָר „דער מלך פון די יידן".

„דאָסמאָל האָב איך זיך געווענדט צום אַלטן חנן. ער איז אַליין מיר אַנטקעגנגעקומען מיט דער גוטער בשורה:

„— איך גלויב, — האָט ער געזאָגט, — אז מיר האָבן באַקומען א וואונק, וואו דער נצרתער האַלט זיך אויף, און מיר וועלן אים קאָנען פעסטנעמען אָן יעדן אויפזען.

„— ווי אזוי?

„— אזא מאַן, וואָס איך האָב געזוכט, אז ער זאָל אים ארויסגעבן, האָט זיך אויסגעפונען. ער איז איינער פון זײַנע תלמידים.

„— ווי אזוי האָט איר אים געקראָגן?

„— ער האָט זיך אַליין געמאָלדן. מיר ווייסן נאָך נישט די סיבות, וואָס האָבן אים באַוועגט זײַן רבין צו פאַראַטן, און די מאָטיוון, וואָס שטעקן הינטער דעם. איך קאָן נישט אָננעמען, אז דאָס זאָל ער טון פאַר געלט, פאַר דרײַסיק זילבער־שטיק. דער מאַן איז איינער פון זײַנע וויכטיקסטע תלמידים, דער היטער פון זײַן קופּה, פאַר וועלכער דעם רבינס אָנהענגער געבן זייער באַשטייערונג. ווען עס זאָל זיך נאָר האַנד־לען אין געלט, קאָן ער דאָך דורך האַלטן זיך אין זײַן רבין מער געלט אָנזאַמלען ווי דורך פאַראַט. עס מוזן גאָר אַנדערע מאָטיוון זײַן הינטער זײַן האַנדלונג. מיר קאָנען זיי נאָך נישט אויסגעפינען. מײַנע זין פאָרשן אים אויס אין דעם חדר פון דער וואַך. אפשר איז עס גאָר א פּאַסטקע, אין וועלכער זיי ווילן אונז ארײַנכאַפּן דורך דעם אָנשטעל? איך קאָן נישט בײַ מיר קלאָר מאַכן דעם גאַנצן ענין. מען מוז פאָרזיכטיק זײַן.

„איך בין אַרײַן אין דעם חדר פון דער וואַך, וואָס איז געווען אין טויער פון דעם אינעווייניקסטן הויף. און וועמען האָב איך דאָרט געזען? יהודהן! זײַנע אויגן — אָנגעצונדן מיט רויטע טרערן־פײַערן, ווי ער וואָלט נישט געווען געשלאָפן א לאַנגע צײַט; זײַן פּנים — קרענקלעך, אַשיק־בלוי, אָנגעשוואָלן; שטיקער האָר־קנויטן פליען אויס זײַן פּנים; זײַן גאַנצער קערפּער פאַרקניפּט, שלעפּט דעם מעיל איבער זיך. ער קוקט מיט פרעכער ארויספאָדערונג, מיט א טויט־קאַלט אויג דעם זון פון כהן גדול, דעם סגן, אין פּנים ארײַן, בשעת די אַנדערע ברידער און די אויפזעער פון כהן גדול זענען ארום אים.

„— יאָ, — שרײַט מיט א היציק־הייזעריקער, פאַרכליפּעטער שטימע יהודה — פאַר דרײַסיק זילבער־שטיק! געפעלט אײַך דאָס נישט? איך באַדאַרף האָבן דאָס געלט צו קויפן פאַר א זונה א זילבערנעם פּאַסעק, וואָס איך האָב איר צוגעזאָגט, ווען זי וועט מײַן ווילן טון. זי האָט מיך

פאַרכישופט מיט איר רייץ און די תאווה ברענט אין מיר. איך קאָן קיין מנוחה נישט האָבן, ביז וואַנען זי וועט מײַן ווילן טון. זענט איר גרייט דעם סכום צו געבן, וועל איך אײַך אָנווײַזן, וואו מײַן רבי האַלט זיך אויף. אנישט, לאָזט מיך גיין. ווייס איך איצט, אז איר האָט מורא פאַר אים. איר וואַגט נישט צו קומען אין זײַן נאָענטקייט. ער וועט אײַך פאַרלענדן מיט דעם הויך פון זײַן מויל. איר האָט מורא פאַר אים! — האָט יהודה זיי געלאַכט אין פּנים אַרײַן מיט א ציניש־פרעכן, קראַנקן לאַכן, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון זײַן טויט אויג און אויס זײַנע אָנצייינערדיקע יאַסלעס. — איר שרעקט זיך פאַר אים. צוליב דעם ווילט איר עס האַנד־לען מיט מיר.

„— דרײַסיק זילבער־שטיק! האָסטו נישט געקאָנט פון דײַן רבינס קופּה דרײַסיק זילבער־שטיק אַרויסנעמען, אז קיינער זאָל נישט וויסן? פאַר דרײַסיק זילבער־שטיק ווילסטו דײַן רבין איבערענטפערן? עס מוז דאָך עפּעס דערונטער שטעקן, — האָט אים דער סגן געפאַרשט.

„— דאָס איז מײַן זאַך. אײַער געלט איז מיר ליבער. איך האָב מײַנע טעמים דערבײַ. איך האָב זיך אָפּגעשטויסן פון מײַן רבין. איך וויל צו אַ זונה גיין. איז אײַך דאָס נישט גענוג? ווילט איר מיט מיר מאַכן דעם עסק, איז גוט, אנישט לאָזט מיך גיין. ווייס איך איצט דעם טעם, — איר האָט מורא צו מײַן רבין זיך צוצורירן, — און יהודה האָט זיך שוין געקליבן צו גיין.

„אָבער דאָ האָב איך זיך אָנגערופן:

„— יהודה, בלײַב! אויב זיי ווען דיר נישט באַצאָלן דײַן פּרײַז, וועלן מיר עס דיר אויסצאָלן. ווען דער כהן גדול האָט געהיימע אור־זאַכן, וועלכע זענען פאַר אונז נישט קלאָר, צו פאַרווישן דעם עסק און לאָזן דעם גלילער אַרויסשלײַכן זיך פון די טויערן פון ירושלים, וועט ער באַדאַרפן אָפּגעבן דין־וחשבון פאַר דעם פּראָקוראַטאָר. דער גלילער איז באַגאַנגען א פאַרברעכן נישט נאָר קעגן דעם כהן גדול און דער בית־המקדש־אָרדענונג, נאָר אויך קעגן רוים. דער פּראָקוראַטאָר פאַרלאַנגט זײַן אויסליפערונג. איידער די נאַכט גייט אויס, מוז ער צוגעשטעלט ווערן פאַר דעם טריבונאַל פון פּילאַטוס. מאָרגן זיצט ער אויס צום משפּט. יהודה, איך וועל דיך דערמאָנען פאַר דעם פּראָקוראַטאָר. דו באַווײַזסט אַ גרויס פאַרדינסט פאַר רוים. דו ווילסט אונז אַרויסגעבן איינעם פון די געפערלעכסטע פאַרברעכער, א צעשטערער פון אָרדענונג, אן אויפרור־דערער פון די מאַסן, דו ווילסט דינען אונזער זאַך, און זיי שטופּן דיך אוועק. אין דעם מוז עפּעס זײַן.

„די זין פון דעם כהן גדול זענען בלייך געוואָרן. אין דער טיר האָט זיך באַוויזן דער אַלטער חנן.

„— מיר מוזן זיכער זײַן צי יהודה וועט אונז דעם ריכטיקן מאַן אַרויסגעבן.

„— איך וועל אײַך אים אָנווײַזן.

„— ווי אזוי?

„— דער, וואָס איך וועל אים קושן בײַ מײַן אַרײַנקומען און רופן: רבי! רבי!

„— צאָלט אים אויס דעם פּרײַז, און זאָל ער אונז אָנווײַזן דעם רבינס אָרט.

„— נישט ווײַט פון די חניות פון די בני־חנן. אויפן הר־הזתים. אין גת־שמן. קומט מיט מיר.

„— אין גת־שמן, אין דער נאָענט פון אונזער הויז אויפן הר־הזתים? ברענגט אים צוערשט אין אונזער הויף אַרײַן. איך וויל אליין דעם מאַן זען. דערנאָך וועלן מיר וויסן, וואָס צו טון מיט אים.

„— ניין, מען באַדאַרף גלײַך פאַררופן דעם סנהדרין און אים פאַר־משפטן, — רוף איך זיך אָן.

„— דאָס איז אוממעגליך! — שאָקלט מיטן קאָפּ חנן אויף ניין.

„— פאַרוואָס?

„— דאָס סנהדרין קאָן נישט פאַררופן ווערן צו משפטן א מאַן פאַר א פאַרברעך, וואָס עס קומט דערפאַר מיתה. מיר מוזן וואַרטן ביז מאָרגן פרי. און דאָס וועט אויך זײַן אוממעגלעך, וואָרעם די מערסטע מיטגלי־דער פון דעם סנהדרין וועלן זײַן פאַרנומען מיט ברענגען דעם קרבן־פּסח. די פּראָצעדור פון דעם משפט פאַרלאַנגט א סך פאָרמאַליטעטן. מען וועט באַדאַרפן אָפּלייגן דעם משפט ערשט אויף נאָך יום־טוב.

„— איך האָב באַפעלן פון פּילאַטוסן צוצושטעלן דעם גלילער, איידער די נאַכט גייט אויס. מאָרגן פרי זיצט פּילאַטוס צום משפט. מיר מוזן פאַר אים פאַרפירן ביידע שאָפער פון אויפרודער, בר־אבאן און דעם נצרתער.

„— בר־אבא איז באַגאַנגען א פאַרברעכן קעגן מלכות. דאָס פאַר־ברעכן פון דעם נצרתער איז גאָר פון א גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער. עס איז א ריין יידיש־רעליגיעזע אַנגעלעגנהייט. מיר מוזן צוזאַמענרופן די מיטגלידער פון סנהדרין, צום ווינציקסטן, פון קליינעם סנהדרין, — דרײַ־און־צוואַנציק. עס מוזן, פאַרשטייט זיך, אויך זײַן דערבײַ א טייל פרושים. אָן זיי האָבן מיר גאַרנישט געגוג סנהדרין־מיטגלידער, וואָס קאָנען אויפנעמען א משפט פון אזא כאַראַקטער. די פרושים וועלן זיך געוויס אָפּזאָגן. די גאַנצע פּראָצעדור פון אזא משפט איז זייער א קאָמ־פּליצירטע, פאָדערט זייער פיל פאָרמאַליטעטן. און עס איז, לויט אונזערע געזעצן, אוממעגלעך, הגמון, דעם משפט אדורכצופירן אויף דער ווײַל, בײַנאַכט, — עס איז אומגעזעצלעך.

„— עס איז איצט די צײַט נישט צום ריידן פון פאָרמאַליטעטן. איר שפּילט זיך מיט פײַער. מאָרגן גאַנץ פרי מוז דער נצרתער צוגעשטעלט ווערן פאַרן טריבונאַל פון פּילאַטוס מיט אײַער ווערדיקט, — זײַן אויס־דריקלעכער באַפעל! און איר ווייסט, וואָס דאָס הייסט. איך מײַ זיך

אויסצומײַדן א בלוטבאָד, און וואָס נאָך ערגער, א סך אומאנגענעמלעכ־קייטן פאַרן כהן גדול. איר געדענקט דעם גאַנג נאָך צעזאַריא, בײַ פּי־לאַטוסעס אריײַנטרעטן אין דער מאַכט?

„— איר מיינט, ווען איר האָט ארויסגעהאנגען די טראָפּייען איבער דער אנטאָניא? איך געדענק. — האָט דער אַלטער געזאָגט, און זײַן לאַנגע ווײַסע באָרד האָט א ציטער געגעבן.

„— דאָס קאָן זיך איבערחזרן.

„די זין פון כהן גדול, שווײַגנדיקע, זענען בלייך געוואָרן. זיי האָבן געקוקט דעם פאָטער אין פּנים אריײַן. דער אַלטער איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט אײַנגעהאַלטן זײַן רואיקייט.

„— איך וועל איבעררעדן מיטן כהן גדול, אויב די לאַגע איז אזוי געפערלעך, ווי איר שטעלט זי פאָר, הגמון. אפשר וועלן אונזערע גע־לערנטע געפינען אן אויסוועג. איך ווייס נאָר איינס: די פּרושים וועלן קיינמאָל דערויף נישט אײַנגיין.

„— אויך מיר נישט! — האָט אויסגערופן דער עלצטער זון פון כהן גדול, אליעזר. — געזעץ איז געזעץ!

„— מײַן זון, בארואיק זיך אין אָנבליק פון געפאַר, ווען דער חלף ליגט אויפן האַלדז, ווען אין קאָן שטייען אזוי פיל לעבנס. איך וועל זיך אדורכריידן מיטן כהן גדול. דערווײַל באַדאַרף מען זיך פאַרזיכערן מיטן מאָן. סגן, הייס דער וואַך גיין נאָך יהודהן קיין גת־שמן דעם מאָן פעסט־צונעמען.

„— דעם מאָן פעסטנעמען וועל איך אליין גיין, — האָב איך זיך אָנגערופן. — דער נצרתער איז א געפאָנגענער פון רוים פונקט אזוי ווי פון כהן גדול. און איך פאַרלאָז זיך נישט מער אויף קיינעם. איך האָב נישט קיין צוטרוי צו דער וואַך פון כהן גדול. ער קאָן פאַר זיי אויפ־שפּילן איינעם פון זײַנע כישוף־וואונדער. זיי וועלן זיך דערשרעקן און אנטלויפן פאַר אים, אָדער אים פאַרלאָזן. וואַרט דאָ, יהודה. איך גיי אריבער אין גאַרניזאָן, אין פּראַקוראַטאָריום. איך וועל א גאַנצע קאָ־האָרטע רוימישע לעגיאָנערן ארויספירן קיין גת־שמן. מיר ווייסן נישט, וויפיל לײַט זיי האָבן דאָרט, באַוואָפנטע, צווישן די אויפרודערער.

„— זה אישי! זה אישי! דאָס איז מײַן מאָן! ברענגט אויך דעם פּראָ־קוראַטאָר מיט, און דעם דעלעגאַטוס, און אַלע גרויסע פון רוים, אז זיי זאָלן מײַן רבין פעסטנעמען. אַלע שררים ושררות, נעמט זיי אַלע מיט! — האָט יהודה, ווי א באַזעסענער, געמאָנטשעט צו זיך פון זײַן ווינקל אַרויס, שפּילנדיק זיך און קלימפּערנדיק מיט די דרײַסיק זילבער־שטיק, וואָס איינער פון דעם כהן גדולס באַדינער האָט אים אויסגעצאָלט.

„איך האָב איבערגעלאָזט די כהנים גדולים מיט זייערע זין אין גרויס אויפרודערונג און אין דיספּוט. טייל האָבן געזאָגט, אז מען זאָל נישט נאָכגעבן פּילאַטוסעס ווילן וועגן פירן דעם משפט בײַנאַכט, אפילו נישט אונטער דער געפאַר פאַרן לעבן. אַנדערע זענען געווען אביסל

באַדענקלעכער. איך האָב געקאָנט זיך פאַרלאָזן אויפן אַלטן חנן און אויף זײַן ייִנגסטן זון, חנן בן־חנן. איך האָב געוואוסט, אז זיי וועלן אַלצדינג אַדורכזעצן, און פּילאַטוסעס באַפעל וועט ווערן אויסגעפירט.

„איך בין געגאַנגען אין פּראָקוראַטאָריום, האָב גענומען פון גאָר־ניזאָן א קאָהאָרטע אשקלונער און סיריער, א פאַרשטאַרקונג פון גערמאַ־נער. איך האָב אָנגעטון מײַן אוניפאָרם, האָב אויפגעהאַנגען אויף מײַן פאַנצער דאָס טאָוועלע פון טריבונאַל, און בין אוועק צום כהן גדול. דאָרט, אין הויף, האָבן שוין געוואַרט אויף אונז די קנעכט און די משר־תים פון כהן גדול, מיט יהודהן אין דער שפּיץ, באַלאָדן מיט שפּיזן, שטעקנס און שמײַס־ריטער. ווען איך האָב אָבער אָנגעקוקט די קאָ־ליאַסטרע, ווי עס ציטערט אויף זיי די הויט, זייערע דערשראָקענע פּנימער, זייערע געבויגענע קני, אזוי ווי מען וואָלט זיי געפירט צו דער שחיטה, האָב איך ערשט אײַנגעזען, ווי איך האָב געהאַט רעכט נישט צו פאַרלאָזן זיך אויף די לײַט און ארויסצוברענגען מיט מיר א גאַנצע קאָ־האָרטע. די אויספירונג פון די משרתים פון כהן גדול אין גת־שמן, בײַם פעסטנעמען דעם נצרתער, האָט מיך איבערגעצײַגט, ווי נויטיק עס איז געווען מײַן פאָרזיכטיקייט. דו ביסט געווען אן עדות פון זייער אויפפירן זיך. ווען נישט אונזער קאָהאָרטע, וואָלטן זיי זיך געוווען צעלאָפן בײַם בלויזן אָנבליק פון דעם מאָן, אזוי ווי זײַנע תלמידים זענען זיך צעלאָפן פאַר אונז.

„מיר האָבן אים געבונדן און גענומען אים אין אונזער מיט. כדי מיר זאָלן נישט האָבן קיין איבעראַשונג, ווען מיר וועלן אים אדורכפירן איבער די געפערלעכע גאַסן פון דעם אונטערשטן טייל שטאָט, האָבן מיר פאַרטאָפּלט די וואַכן ארום אים. מיר האָבן מורא געהאַט, אז מע זאָל נישט דערקענען, וועמען מען פירט, און מע זאָל אים נישט אָפּשלאָגן פון אונז. עס איז אָבער געווען איבעריק. די גאַסן, וואָס מיר זענען אדורכ־געגאַנגען מיט אים, זענען געווען אויסגעליידיקט פון מענטשן. ירושלים איז געשלאָפן. זי האָט נישט געוואוסט, אז מיר פירן דעם מלך פון די יידן, א געבונדענעם.

„מיינסטו אָבער, אַז די כהנים האָבן זיך נישט געשראָקן פאַר אים, ווען אַפילו מיר האָבן אים שוין צוגעשטעלט צו זיי, אַ געבונדענעם? וועגן דעם האָב איך אָבער נאָר געהערט פאַרציילן שפּעטער. אליין בין איך נישט געווען דערבײַ. איך האָב אים איבערגעענטפערט אין די הענט פון די כהנים. און אליין האָב איך געוואַרט מיט מײַנע לײַט אויף דעם אויסגאַנג פון דער אויספאַרשונג פון דעם סנהדרין, וועלכן זיי האָבן אויף דערוויַל פאַררופן פון די לײַט זייערע, וואָס זיי האָבן געקאָנט דערגרייכן אזוי שפּעט בײַנאַכט, וואָרעם איך האָב זיי געזאָגט, אז אינדערפרי מוז איך דעם געפאַנגענעם צושטעלן צו פּילאַטוסן מיט זייער רעפּאָרט. איך בין נישט געווען בײַם פאַרהער פון דעם סנהדרין, אָבער איך ווייס, אז

פילאָטוסעס שאָטן האָט זיך דאָרט געלייגט אויף זיי. דו ביסט געווען בײַם פאַרהער, קאָנסטו פאַרציילן, וואָס עס איז דאָרט פאָרגעקומען.

— יאָ, האָב איך געענטפערט, און איך האָב ווײַטער געצויגן דעם פאָדעם פון מײַן דערציילונג.

קאַפּיטל דרײַאונצוואַנציק.

מיט פלינקע טריט האָבן מיר געאײַלט צו אונזער רבין אהיים, אין בית־מדרש אַרײַן. ירושלים איז געשלאָפן. די גאַסן זענען געווען אויס־געליידיקט פון מענטשן. אַלץ איז געווען מיד פון דעם פאַרברייטן זיך צום יום־טוב. די לבנה האָט באַגאָסן די ווענט פון די הײַזער מיט אַ בלויליך־בלאַסן שײַן. די שטיינער פון די גאַסן האָבן געדרימלט, אײַנ־געשלאָפן דורך דעם שלאָף־ליד, וואָס האָט ארויסגעזונגען פון דער לבנה. די שטילקייט אַליין האָט ארומגעשפּאַצירט איבער די אויסגעליידיקטע גאַסן. עס איז געווען אינמיטן דער צווייטער אשמורה אויפן בית־המקדש. עס האָבן זיך נאָך געהערט די איינזאַמע טריט פון די שומרים אויף די אָפּגעלייגטע גאַסן.

אויך אונזער רבין האָבן מיר געפונען שלאָפנדיק. ער איז געווען אין זײַן חדר, וואָס ער האָט געהאַט לעבן דעם בית־מדרש. מיר האָבן זיך געשלאָגן אין דער דעה, צי זאָלן מיר אים אויפוועקן אָדער נישט. פון איין זײַט, פּיקוח־נפש, דאָס אָפּראַטעווען אַ יידן; פון דער אַנדער זײַט, ווי אזוי האָבן מיר געקאָנט זיך דערוועגן אויפצוּוועקן אונזער רבין, וואָס מיר זענען מחויב געווען אים אָפּצוגעבן כבוד און אים אָפּצוהיטן אזוי ווי אונזערע פאָטער־און־מוטער, וועלכע האָבן אונז געבוירן? נאָר גאָט צו דאַנקען, דער רבי האָט געמוזט דערהערן אונזערע טריט: ער האָט זיך אַליין אויפגעכאַפּט, און מיר האָבן מער נישט באַדאַרפט פאַרשוועכן אין זײַן כבוד.

ער האָט זיך געשראָקן פאַר דעם הײַנטיקן טאָג, אז עס זאָל נישט וואָס פּאַסירן מיט דעם נצרתער. און ווען מיר זענען נישט אהיימגעקו־מען, האָט ער זיך זייער באַאומרואיקט. און קוים האָט ער דערהערט אונזערע טריט, אזוי האָט ער אונז אַרײַנגערופן אין זײַן חדר, וואו מיר האָבן אים געטראָפן ליגן אין זײַן בעט, אַ וואַכיקן.

ווען ער האָט פאַרנומען פון אונז, וואָס עס איז געשען מיט דעם רבין פון נצרת אין גאָרטן פון גת־שמן, אויפן הר־הזתים, האָט ער זיך אויפגע־כאַפּט פון זײַן געלעגער ווי אַ לייב. דורך די אַלע יאָרן, וואָס איך האָב די זכיה געהאַט צו זיצן בײַ די פיס פון מײַן רבין, האָב איך אים נאָך קיינמאָל נישט געזען אזא אויפגערעגטן, אויפגערודערטן, אזוי מלא

כעס וחמה. איך האָב בכלל אים קיינמאָל נישט געזען זיך בייזערן. נאָר דאָסמאָל איז ער פול געווען מיט דעם אייפער פון גאָט, קוים וואָס מיר האָבן געקאָנט אים משמש זײַן און אים העלפן די קליידער אָנטון. מיר האָבן אים געבראַכט וואַסער אין א כלי, און ער האָט געוואַשן זײַנע הענט און זײַן פּנים פון דעם שלאָף פון דער נאַכט, און ער האָט אָנגעהויבן ארומלויפן איבערן בית־מדרש און ער האָט געברומט צו זיך:

— מיט וואָס פאר א כוח האָבן זיי דאָס געטון? עס איז דאָך אזעלכעס נאָך נישט געהערט געוואָרן אין ישראל!

ער האָט געוואָלט שיקן און אויפוועקן אַלע מיטגלידער פון סנהד־רין. ער האָט געהייסן, אז אַלע זײַנע תלמידים זאָלן זײַן ארום אים. ער האָט געוואָלט שיקן אָנזאָגן רבן יוחנן בן זכאי, רבן שמעון בן גמליאל און אַנדערע מיטגלידער פון די פּרושים, האָט געוואָלט צונויפרופן זײַן גאַנצע חברותא. אָבער באַלד האָט ער זיך באַרואיקט. ער האָט זיך אוועק־געזעצט אויף זײַן שטול און זיך מיישב געווען מיט זיך אליין: „ערשטנס, קאָנען זיי אים נישט משפּטן בײַנאַכט. צווייטנס, קאָנען זיי נישט ארויס־ברענגען קיין גזר-דין בײַנאַכט. דריטנס, מוזן זיי צו די דיני־נפשות האָבן, צום ווייניקסטן, דעם גאַנצן בײַזיץ פון קליינעם סנהדרין, — און אָן אונז האָבן זיי דאָך נישט קיין פולע צאָל. פערטנס, קאָנען זיי בכלל אים נישט משפּטן ערב יום־טוב. זיי וועלן דאָך נישט נעמען אויף זיך אזא זינד. אזא משפּט וואָלט דאָך געהייסן פאַרגיסן אומשולדיק בלוט. ניין, עס איז דאָ צײַט ביז מאָרגן. איך באַדאַרף נישט באַאומרואיקן די חכמים״, — האָט ער גערעדט צו זיך.

אָבער אליין האָט ער נישט געקאָנט געפינען קיין מנוחה צו זײַן נשמה. עס האָט אים געהויבן פון אָרט. און ער האָט ווידער אָנגעהויבן שפּאַנען איבערן בית־מדרש, וואָס עס איז גאָרנישט געווען זײַן גע־וואוינהייט.

— ווער ווייס, וואָס די בני־חנן און די בני־ביתוס קאָנען אָפּטון? זיי זענען אויף אַלצדינג פעיִק. אז זיי שיקן ארויס זייערע קנעכט און משר־תים, ווי בלוט־הינט, מיט שטעקנס און בלײַערנע בײַטשן אויפן גאַנצן פאָלק, וועלן זיי זיך אָפּשטעלן פאר א יחיד? זיי האָבן זייערע קנעכט, וואָס וועלן זיי פאָלגן. און די חכמים און די סופרים וועלן אַלצדינג טון, וואָס די בני־חנן וועלן זיי הייסן. מיר האָבן דאָך געזען דעם ערב־פּסח, ווי זיי האָבן אָפּגעוואָרפן די הלכה פון קרבן־פּסח, וואָס הלל הזקן האָט מתקן געווען. ניין, מײַן נשמה געפינט נישט קיין רו! קומט, לאָמיר אויפ־גיין צום הויז פון כּיפאַ! — האָט ער זיך צו אונז געווענדט.

און ער האָט זיך געהייסן געבן און מיר האָבן אים אָנגעטון זײַן מלבוש פון כבוד, דעם שוואַרצן, לאַנגן מעיל, וואָס האָט פאַרדעקט ביז צו די קנאָפל פון זײַנע פיס, ווי די רבנים פון די פּרושים האָבן געטראָגן, און א שוואַרץ באַדעקנס אויף זײַן קאָפּ, וואָרעם די נאַכט איז זייער קאַלט געוואָרן. און רופוס און איך האָבן פאַרויסגעטראָגן פאר אים אייל־לאָמפּן,

מער פון זײַן כבוד וועגן, איידער צו באַלײַכטן דעם וועג, וואָרעם די נאַכט איז אזוי ליכטיק געווען ווי בײַטאָג. און מיט די אַנדערע תלמידים הינטער אים, זענען מיר אויפגעגאַנגען אין דעם אויבערשטן טייל שטאָט, צום הויז פון כהן גדול כיפא.

דער טויער פון כּיפאס הויז איז געווען שווער פאַרהאַקט. מיר האָבן אַנגעקלאַפּט. עס איז אַרויסגעקומען דער טויער־היטער און האָט גע־פרעגט, וואָס מיר ווילן.

— גיי און זאָג, אז רבי נקדימון, א רבי פון די פרושים, א בײַזיצער פון גרויסן סנהדרין, פאַרלאַנגט ארײַנצוקומען מיט זײַנע תלמידים אין דער ישיבה.

עס האָט גענומען א לאַנגע ווײַל, ביז וואַנען מען האָט פאַר אונז גע־עפנט דעם טויער. עס ווײַזט אויס, אז עס איז דערינען אַנגעגאַנגען אי־בער דעם, צי זאָל מען אונז ארײַנלאָזן אָדער נישט, א גאַנצע פאַרהאַנד־לונג. ענדלעך, האָט מען פאַר אונז געעפנט דעם טויער. מיטן טויער־היטער זענען אויך געווען צוויי שליחים פון דעם סנהדרין, וועלכע האָבן אײַנגעלאַדן מײַן רבין צו קומען צו דער זיצונג פון סנהדרין.

— די זיצונג פון סנהדרין איז אין דער לשכות־הגזוז, אין בית־המקדש, נישט אין כהן גדולס הויז. איך וויל אָבער וויסן, וואו איז דער מאַן, וועלכן איר האָט פעסטגענומען די נאַכט? — האָט מײַן רבי אָפּ־געענטפערט אין א שאַרפן טאָן.

— ער איז אויבן, אין דער ישיבה מיטן כהן גדול.

— פירט מיך צו זיי, האָט מײַן רבי שטרענג באַפוילן.

מיר זענען ארײַנגעקומען אין דעם דרויסנדיקן הויף פון כהן גדולס הויז. אויפן פלאַץ פאַר דער וואַך, וואָס געפינט זיך אין דעם טויער פון דעם אינעווייניקסטן הויף, דערזעען מיר א פײַער פון האָלץ ברענען, — און דעם כהן גדולס לײַט, וועכטער, באַדינער, הויז־מיידן, וועשער און קאָכערס, און אַנדערע כהן־גדולשע משרתים, שטייען ארום דעם פײַער, וואַרעמען זיך פון דער קעלט פון דער נאַכט, רעדן וועגן דער געשעעניש און קריגן זיך איבער דעם מיט א מאַן. צוויי האַלטן דעם מאַן בײַ די הענט, און איינע פון די דינסטמיידן שרײַט צו אים עפּעס אין פּנים ארײַן. דער מאַן, דערשראָקן, צערודערט, פאַרענטפערט זיך, וויל זיך ארויס־מאַכן פון זייערע הענט. אַז מיר זענען אַנגעקומען נענטער צום אָרט, האָבן מיר, אין דעם פלאַקערדיקן ליכט פון דעם ברענענדיקן האָלץ, דערקענט אין דעם מאַן, מיט וועלכן זיי האָבן זיך געקריגט, שמעון בר־יונהן. ער איז געווען בלייך ווי די וואַנט, דערשראָקן ביז צו אַנגסטן, און די מויד האָט געטײַטט מיטן פינגער אויף אים און געטענהט נאָכאַנאַנד:

— דו ביסט אויך געווען מיט ישוע הנוצרי! ביסט אויך געווען מיט ישוע הנוצרי!

און שמעון האָט אין אומשולד געצויגן די אַקסל, געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין און זיך געמיט ארויסצוברענגען אויס זײַן מויל דעם ריינסטן

יהודהשן אַקצענט, וואָס איז אים טאָקע נישט געלונגען:

— איך פֿאַרשטײ נישט, וואָס דו רעדסט.

— אַלע האָבן זײ אים פֿאַרלאָזט, אַלע, אַפּילו זײַנע געטרײַסטע תּלמידים! — האָט מײַן רבי געקרעכצט און איז ווײַטער געגאַנגען נאָך די משרתים אין אינעווייניקסטן הויף אַרײַן.

מען האָט אונז געפֿירט איבער קאָרידאָרן, צימערן, ביז וואַנען מען האָט אונז אַרײַנגעפֿירט אין אַ גרויסער לשכה, וואו דער כהן גדול פֿלעג אָפּהאַלטן די זיצונגען מיט די סגנים פֿון בית־המקדש און אָפּטמאָל אויך אַרויסברענגען קלײנע משפּטים. די לשכה איז געווען אײַנגעשטעלט, לויט דער לשכה פֿון גרויסן סנהדרין, וואָס איז בײַם אַרײַנגאַנג אין בית־מקדש און וואָס מען רופֿט זי „לשכה פֿון די געפֿלאָסטערטע שטיינער”. נאָר דאָ איז אַלץ געווען אין קלײנעם פֿאָרמאָט. פֿון איין זײַט איז די וואַנט פֿון דער לשכה געווען אויסגעבויגן אין אַ האַלבן לבנה־קרײַז. עס זענען דאָרט געווען אײַנגעמויערט דרײַ־און־צוואַנציק שטולן, צו ביידע זײַטן פֿון אַ הויך־אויפֿגעהויבענעם שטול־פּלאַץ, וואָס איז באַשטימט געווען פֿאַרן כהן גדול. די זיץ־ערטער זענען געווען האַלב פֿאַרנומען. דער כהן גדול, אין זײַן רויטן פּורפּור־מאַנטל, איז געזעסן אינמיטן, אויפֿן הויכן זיץ. צו זײַן רעכטער האַנט — זײַן שווער חנן מיט זײַן זון אליעזר, וועלכע האָבן, ווי געוועזענע כהנים גדולים, אויך געטראָגן פּורפּורנע מאַנטלען, נישט אַזעלכע לאַנגע ווי דער אַקטועלער כהן גדול, נאָר אין דער פֿאָרם פֿון קלײנע פּעלערינעס, פֿאַרוואָרפֿן איבער די אַקסל ביזן האַלבן לײַב, — זײ זענען געווען באַרעכטיקטע מיטגלידער פֿון סנהדרין. אויף דעם כהן גדולס לינקער זײַט איז געזעסן זײַן צווייטער שוואָגער, יוחנן, וועלכער האָט, ווי דער סגן פֿון בית־המקדש, אויך געהאַט אַ זיץ אין סנהדרין. ער האָט אָבער נישט געטראָגן קיין פּורפּור־קלײדער. עס זענען דאָ געווען נאָך פּורפּור־קלײדער, וועלכע עס האָבן געטראָגן די געוועזענע כהנים גדולים פֿון דעם הויז פֿון ביתוס. נאָך זײ זענען געזעסן די געזעץ־אויסטײַטשער פֿון די צדוקים. איינער פֿון זײ, אַ זקן מיט אַ לאַנגער, לאַנגער, ווײַסער באָרד און גרויסע, הויכע, ווײַסע ברעמען, וועלכע האָבן באַשירעמט זײַנע גרויסע, בלויע, וואָסערדיקע אויגן, איז געווען דער חכם און דער זקן פֿון די צדוקים. ער האָט געוואוסט אויסצוטײַטשן די געזעצן לויט דער קבלה פֿון די צדוקים. די שופֿטים זענען אַזוי אויסגעזעצט געווען, אַז איינער האָט געקאָנט און געמוזט קוקן אין דעם אַנדערנס פּנים אַרײַן, נאָר ווײַל די רייען זענען איצט נישט געווען אויסגעפֿילט, זענען זײ געזעסן צוזאַמען. די לעצטע שטולן פֿון דער ריי זענען לער געווען. פֿון ביידע זײַטן פֿון כהן גדול זענען אויך געווען צוגעזעצט צוויי שרײַבער מיט שטאַלענע קריץ־פֿעדערן און וועקסענע טאָוולעך, זייערע שרײַב־געצײַג, אין זייערע הענט, — איין שרײַבער אויף צו באַשרײַבן די באַשולדיקונג, דער אַנדערער — די פֿאַרטיידיקונג.

זייער פֿיל אייל־לאָמפּן זענען אַראָפּגעהאַנגען פֿון באַלקן. אויך האָבן

ליכט־פֿײַערן געברענט אין בעקנס פֿון רויטן מירמלשטיין. פֿײַער־פּאַקעלן זענען אויך געווען אַרײַנגעשטעלט אין אײַזערנע רינגען אַרום דער וואַנט. אחוץ דעם, זענען צוויי משרתים מיט פּאַקעלן אין די הענט געשטאַנען בײַ ביידע זײַטן פֿון כהן גדול.

קעגנאיבער די זיץ־פּלעצער פֿון סנהדרין זענען געווען אויסגעשטעלט רייען בענק פֿאַר די תּלמידים פֿון די רבנים. ווי תּלמידים פֿון אונזער רבין, האָבן מיר נישט נאָר געהאַט אַ רעכט אַרײַנצוקומען מיט אונזער רבין אויף דער זיצונג פֿון דעם סנהדרין־משפּט, נאָר דאָס איז אפֿילו געווען אונזער פֿליכט. מיר האָבן געמוזט זיצן קעגנאיבער אונזער רבין און קוקן אים דורך דער גאַנצער צײַט פֿון משפּט אין זײַן פּנים אַרײַן. ווי תּלמידים, האָבן מיר אפֿילו געהאַט אַ רעכט צו נעמען אַ וואָרט אין די דעבאַטן פֿון משפּט, אָבער נאָר פֿאַר דער פֿאַרטיידיקונג, נישט פֿאַר דער אָנקלאַגע. מיר האָבן זיך אויסגעזעצט אויף די בענק, וואָס זענען געווען רעזערווירט פֿאַר די תּלמידים. די פֿאָדערשטע רייען בענק זענען שוין געווען פֿאַרנומען פֿון די תּלמידים פֿון די צדוקישע רבנים, ס׳רוב די זין פֿון די רײַכע כהנישע משפּחות, מיט וועלכע מיר זענען געווען אין שטענדיקן קריג. אויף דער ערשטער באַנק פֿון די תּלמידים זענען געזעסן די איבעריקע זין פֿון חנן, וועלכע זענען נאָך נישט באַרעכטיקט געווען צו אַ זיץ אין סנהדרין. צווישן זיי האָט זיך אויסגעטיילט מיט זײַן שוואַרץ־האָריק, ענערגיש פּנים דער יינגסטער, חנן בן־חנן.

פֿאַרן כהן גדול האָט דאָס ערשטע אין דעם ברייטן ליכט פֿון די פּאַקל־פֿײַערן און אייל־טאָצן זיך געוואָרפֿן אין די אויגן דאָס ווײַסע קלייד פֿון דעם נצרתער, אויפֿן הינטערגרונט פֿון שאַרלאַך, פּורפּור און שוואַרצע הילעס. זײַן קלייד איז אַזוי ווײַס געווען, ווי בשעת מיר האָבן אים געזען אָנקומען צו דער מעלה פֿון הלל וואַסערטרעגער אָפּריכטן דעם סדר. עס האָט געהאַט פֿאַרלוירן די שטײַפֿקייט, עס איז ווייכער געוואָרן און עס האָט געקלעפּט צו זײַן לײַב דורך די אַנגסטן און דעם שווייס, מיט וועלכע עס איז אַדורכגעזעצט געוואָרן. אָבער די אומבאַרירטע ריינקייט האָט עס נאָך דערהאַלטן. ער איז געשטאַנען אַזוי ווי איך האָב אים געהאַט פֿאַרלאָזט אין גאָרטן פֿון גת־שמן. דיזעלבע ערנסטע און טרויעריקע שטילקייט האָט גערוט אויף אים. זײַן פּנים, האָט זיך געדאַכט, איז נאָך בלייכער געוואָרן. און דער דינער שניט פֿון זײַנע ליפּן, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פֿון דעם שפּאַלט פֿון זײַנע וואָנצעס און באָרד, איז נאָך דינער געוואָרן, ציטערדיקער, ווייטאָקדיק־פֿאַרקרימט. זײַנע פּאות און זײַן קורץ בערדל זענען גרוי געוואָרן. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז די עלטער איז אָנגעפֿאַלן אויף אים דורך דער קורצער צײַט, וואָס איך האָב אים נישט געזען. זײַנע הענט זענען לויז געווען, ער האָט זיי אָבער געהאַלטן פֿעסט צוגעשלאָסן צו זײַן קערפּער. עס איז שוין אינגאַנצן פֿאַרשוואונדן געוואָרן דער אויסדרוק פֿון אַנגסטלעכן שרעק אויס זײַן פּנים, וואָס מיר האָבן געזען אין גת־שמן. זײַן פּנים האָט

צוריקגעפונען די שלווה און די מנוחה פון זײַן גאַנצן וועזן. ער האָט גע־קוקט מיט גרויסע, דערשטוינטע אויגן אין פּנים אַרײַן פון זײַנע שופטים, פון דעם כהן גדול, אָן שום ביטערקייט, נאָר מיט א קינדערשער נײַגי־ריקייט, ווי עס וואָלט זיך געווען געהאַנדלט אין אן ענין, וואָס איז אַלעמען נוגע, אחוץ אים.

ווען דער כהן גדול האָט דערזען מײַן רבין שטיין אין טיר פון דער לשכה, האָט ער זיך אָנגערופן פון זײַן אָרט צו די אַנדערע מיטגלידער פון סנהדרין:

— א רבי פון די פּרושים, א מיטגליד פון דעם סנהדרין הגדול, רבי נקדימון האָט אונז באַערט מיט זײַן קומען. מיר פאָדערן אויף דעם רבין נקדימון, ער זאָל קומען צו אונז און זיך זעצן אין דער ישיבה פון סנהדרין.

— אישי כהן גדול, מײַן מאַן כהן גדול, — האָט מײַן רבי אָפּגעענט־פערט פון דער שוועל בײַ דער טיר, — איידער איך גיי אַרײַן זיצן אין דער ישיבה, וויל איך וויסן, וואָס פאַר א ישיבה ווערט דאָ אָפּגעהאַלטן און וואָס פאַר א געפאַר האָט עס געצוואונגען דעם כהן גדול צו רופן די ישיבה אזוי שפּעט אין דער נאַכט? אויך זע איך דאָ נישט קיינעם פון די חכמים און סופרים פון די פּרושים, נאָר אַלץ צדוקים. וואָס זאָל דאָס באַדײַטן?

— דער קטגור וועט פאַר דעם רבין פון די פּרושים אויפקלערן די זאַך! — האָט דער כהן גדול באַפוילן אויס זײַן זיץ.

— די ישיבה איז פאַררופן געוואָרן צו משפּטן דעם מאַן, וואָס האָט געמאַכט יידן ווידערשפּעניק קעגן יידישן גאָט. און די ישיבה איז גע־רופן געוואָרן בײַנאַכט, ווײַל אײַליק איז די זאַך. מיר מוזן אונזער פּסק ארויסגעבן ביז אינדערפרי, וואָרעם דאָס מלכות פאַרלאַנגט עס פון אונז, — האָט זיך אָנגערופן דער קטגור.

— א משפּט פון דיני־נפשות בײַנאַכט? ווער האָט דאָס געהערט דערפון? עס איז אן אָנגענומענער געזעץ, אז אזעלכע משפּטים מוזן אָפּ־געהאַלטן ווערן דווקא בײַטאָג, נישט בײַנאַכט. עס איז אן אָנגענומענער געזעץ, אז עס מוז פיל צײַט אָפּגעגעבן ווערן פאַרצובריײטן די פאַרטיי־דיקונג, נישט צו טון דאָס אין געאײַל. עס איז אויך אן אָנגענומענער געזעץ, אז דער פּסק־דין מוז ארויסגעטראָגן ווערן אָן יעדן צוואַנג, פון וועמען ער זאָל נישט זײַן. בכן, ווי א רב אין ישראל, דערקלער איך לכתחילה, אז דער בית־דין האָט קיין רעכט נישט צו משפּטן דיני־נפשות, און יעדער פּסק־דין, וואָס וועט ארויסגעגעבן ווערן פון דעם בית־דין, איז פון פריער אָן אומגילטיק, ווײַל דער משפּט ווערט אויסגעפירט קעגן דעם געזעץ און קעגן דעם רעכט פון דער תורה, ווי אזעלכע משפּטים ווי דער מוזן אָפּגעהאַלטן ווערן.

א גרויסע באַוועגונג צווישן די לײַט פון דעם סנהדרין. א שטיל־שווײַגן. דער כהן גדול איז בלייך געוואָרן ווי די וואַנט. ער האָט ארויפּ־

געצוואונגען אויף זיך א רואיקייט, שפּילנדיק זיך מיט די טראָלדן פון זײַן באָרד. א גרויסער וויכוח צווישן די זקנים און די געלערנטע פון די צדוקים.

עס האָט זיך אויפגעהויבן פון זײַן אָרט דער עלצטער זון חנן, אליעזר, און זיך אָנגערופן:

— אישי כהן גדול! ווען אַפילו מיר, צדוקים, זענען נישט איינפאַרשטאַנען מיט דער שווערער פּראָצעדור, וואָס די פּרושים האָבן ארויפגעלייגט אויף משפּטים פון דיני־מות, בין איך אָבער דאָסמאָל איינפאַרשטאַנען מיטן רבין פון די פּרושים. צו וואָס זענען מיר הײַנט פאַררופן געוואָרן? און וואָס זאָל דער משפּט פאַרשטעלן מיט זיך? זאָל עס זײַן א משפּט פון מלכות? האָבן מיר גאָרנישט דערמיט וואָס צו טון: זאָל דאָס מלכות קומען און משפּטן דעם באַשולדיקטן. זאָל עס זײַן א משפּט פון בית־דין? מוזן מיר פאַררופן דעם משפּט לויט דער גאַנצער פּראָצעדור פון אונזער בית־דין, און משפּטן אים לויט די חוקים פון אונזער תורה. און וועלן מיר אים געפינען שולדיק קעגן אונזערע חוקים, וועלן מיר אים מקיים־פּסק־זײַן, לויט דעם פּסק־דין פון אונזער משפּט. אָבער פון ווען אָן נעמען מיר דאָס אויף זיך צו פירן משפּטים פאַרן מלכות?

דער כהן גדול האָט א צייכן געגעבן: ער האָט אויפגעהויבן זײַן האַנט, — און אַלץ האָט זיך בארואיקט:

— איך וועל בעטן רבי טודרוס, דעם אויסטײַטשער פון געזעץ, ער זאָל ארויסזאָגן זײַן מיינונג וועגן די אויסזעצונגען פון רבי נקדימון און פון דעם געוועזענעם כהן גדול, רבי אליעזר.

עס האָט זיך אויפגעהויבן דער אַלטער מאַן מיט דער לאַנגער באָרד און האָט אָפּגעענטפערט:

— דער רבי פון די פּרושים און דער געוועזענער כהן גדול, אליעזר, האָבן רעכט מיט זייערע אויסזעצונגען אויף לויט די דינים פון די צדוקים.

דער כהן גדול האָט זיך אָנגערופן פון זײַן זיץ:

— מײַנע לײַט פון סנהדרין, מיר האָבן געהערט דעם פּסק־דין פון אונזערע אויסטײַטשער פון געזעץ. איך דערקלער, דעריבער, אז די ישיבה, וואָס איז דאָ הײַנט פאַררופן געוואָרן, איז נישט קיין ישיבה פון א משפּט, נאָר א ישיבה פון א חקירה־ודרישה. מיר קאָנען נישט, לויט אונזערע דינים, ארויסגעבן קיין פּסק־דין פאַר דעם פאַרברעך, אין וועלכן דער אָנגעקלאָגטער ווערט באַשולדיקט, ווײַל דער פּסק־דין קאָן נאָר אויסגעפירט ווערן דורך דעם מלכות. מיר פאַרוואַנדלען, בכן, די ישיבה אין א זיצונג פון חקירה־ודרישה.

מײַן רבי איז צוגעקומען און האָט זיך אוועקגעזעצט אין איינער פון די שטולן. מיר, זײַנע תלמידים, האָבן פאַרנומען די ערטער אויף די בענק פון די תלמידים.

די פּראָצעדור פון דער חקירה־ודרישה האָט זיך אָנגעהויבן.

דער קטגור, וועלכער איז געזעסן לעבן דעם סופר, וואָס פאַרשרײַבט די באַשולדיקונג, האָט זיך אויפגעשטעלט בײַ זײַן שטענדער און גע־לייענט דעם באַשולדיקונגס־אַקט:

„מיר אַלע, האָט ער אָנגעהויבן, זענען געווען עדות, ווי דער מאַן, וואָס שטייט פאַר אונז, וועלכן די לײַט רופן „רבי", „נביא", אָדער מיט דעם נאָמען, וואָס איך וויל נישט ברענגען איבער מײַן מויל, האָט זיך אַרײַנגעריסן אין בית־מקדש־הויף און האָט..."

דאָ האָט זיך אויפגעשטעלט רבי נקדימון:

— אישי כהן גדול, — האָט ער געזאָגט, — אני מוחה, איך פּראָ־טעסטיר קעגן די דערעפענונג־רייד פון קטגור! מיר זענען קיין עדות נישט געווען און ווייסן פון גאָרנישט, וואָס דער באַשולדיקטער האָט געטון. מיר האָבן גאָרנישט געזען און האָבן גאָרנישט געהערט. דער מאַן, וואָס שטייט פאַר אונז, איז אומשולדיק אין אונזערע אויגן, ווי א נײַ־געבוירן קינד, וואָרעם ביז עס ווערט באַוויזן זײַן שולד דורך באַגלויבטע עדות, מוזן מיר אים דן זײַן לכף זכות.

דער כהן גדול האָט זיך געווענדט מיט א באַוועגונג פון דער האַנט צום געזעץ-אויסטײַטשער.

— דער רבי פון די פרושים האָט רעכט, — האָט דער אויסטײַטשער געזאָגט, — דער דין איז אזוי אויך נאָך דער אויסטײַטשונג פון די צדוקים.

— אין הסכם מיט דעם רבין פון די פרושים, מעק איך אויס די ווערטער פון דער באַשולדיקונג, — האָט דער כהן גדול באַפוילן דעם קטגור.

„עס זענען געקומען פאַר אונז, — האָט דער קטגור ווײַטער גע־לייענט, — באַגלויבטע עדות און האָבן עדות־געזאָגט, אז דער מאַן, וואָס שטייט פאַר אונז, וועלכן די לײַט רופן „רבי", „נביא", אָדער מיט דעם נאָמען וואָס איך וויל נישט ברענגען איבער מײַנע ליפּן, האָט מחרף־ומגדף געווען דעם הייליקן אין ישראל".

— ווער זענען די עדות? — האָט מײַן רבי געפרעגט.

— רוף אַרײַן דעם עדות! — האָט דער כהן גדול באַפוילן.

— יהודה איש־קריות, תלמיד פון דײַן רבין, קום אַרײַן עדות זאָגן! — האָט דער אויסרופער בײַ דער טיר פון עדות־צימער אויסגערופן.

אין דער טיר האָט זיך באַוויזן יהודה איש־קריות. זײַן מאַנטל האָט אפילו דאָ, פאַר דעם סנהדרין, זיך נאָכגעשלעפּט נאָך אים. זײַן פּנים איז געווען אָנגעשוואָלן מיט א קרענקלעך־בלויליכן געשווילעכץ, אין וועלכן זײַנע אַרויסגעזעצטע אויגן זענען שוין איצט אײַנגעזונקען געווען. ער האָט געקוקט מיט זיכערקייט אויף די זיצנדיקע שופטים, אויסמײַדנדיק מײַן רבינס פּנים. אָבער זײַן רבינס פּנים האָט ער נישט אויסגעמיטן, נאָר געקוקט אויף אים מיט א פעסטקייט און אן אײַנגעשפּאַרטקייט, ווי ער וואָלט געווען זיכער אין זײַן זאַך.

— יהודה אן עדות! — האָט רבי נקדימון אויסגערופן מיט א קול פון א לייב — דער עוכר ישראל, וואָס האָט איבערגעענטפערט א יידיש נפש אין גויאישע הענט! ער — אָן עדות! אים מעג מען צערײַסן ווי א פיש, אום יום־כפור, ווען אפילו יום־כפור פאַלט אויס אום שבת. זײַן בלוט איז הפקר. יעדער איינער מעג אים הרגענען, ווער נאָר עס טרעפט אים. זײַן נאָמען איז אויסגעמעקט פון קהל פון ישראל! ער איז פאַרשאָלטן מיט די קללות פון דער תוכחה אויף אַלע דורות. ער איז פסול פאַר אן עדות, ווײַל א מסור איז פסול פאַר אן עדות.

יהודה האָט דעם עק פון זײַן מעיל פאַרוואָרפן איבער זײַן פנים.

דער כהן גדול האָט זיך געווענדט צום געזעץ־אויסטײַטשער:

— איז עס אין הסכם מיט די געזעץ־אויסטײַטשונגען און דינים פון די צדוקים?

— מיר זענען מסכים מיטן רבין פון די פרושים: א מסור איז פסול פאַר אן עדות! — האָט דער געזעץ־אויסטײַטשער אָפּגעענטפערט.

— א מסור איז פסול פאַר אן עדות, — האָבן די אַנדערע סנהדרין־מיטגלידער צוגעשטימט.

די שמשים האָבן אָנגענומען יהודהן פאַר די אָרעמס און אים ארויס־געפירט.

„עס זענען געקומען פאַר אונז כשרע עדות און האָבן עדות געזאָגט, אז זיי האָבן אליין געהערט מיט זייערע אויערן, ווי דער מאַן, וואָס שטייט פאַר אונז, וועלכן די לײַט רופן „רבי", „נביא", אָדער מיט דעם נאָמען, וואָס איך וויל נישט ברענגען איבער מײַנע ליפּן, האָט מחרף־ומגדף געווען דעם בית־מקדש".

— עדות! — האָט דער כהן גדול באַפוילן.

— עדות! — האָט דער אויסרופער גערופן אין עדות־צימער ארײַן.

עס איז ארײַנגעקומען א קליין מענטשל מיט קליינע פיסלעך, נאָר ער האָט זיך געהאַלטן אָנגעצויגן ווי א פאַווע, בשעת זי באַווײַזט איר קאָלירטן עק, אזוי האָט ער באַוויזן, אז ער קען די שריפט: ער איז ארײַנ־געקומען מיט זײַן פעדער הינטערן אויער און מיט דעם וואַקס־טאָוועלע אָנגעהאנגען אויפן האַלדז צו באַווײַזן, אז ער איז פון די סופרים.

מען האָט אים געשטעלט פאַרן כהן גדול.

דער כהן גדול האָט אים געפרעגט:

— דו קענסט די שריפט?

— איך קען די שריפט, — האָט דער עדות אָפּגעענטפערט.

— ווייסטו, וואָס די תורה זאָגט, מען זאָל טון מיט אן עדות, וועל־כער זאָגט פאַלש עדות?

— מען זאָל אים באַשטראָפן מיט דערזעלבער שטראָף, וואָס ער האָט געטראַכט צו ברענגען אויף זײַן מיטמענטש.

איצט האָט מען אים אויסגעדרייט און געשטעלט אים מיטן פנים צום באַשולדיקטן. דאָס קליינע מענטשעלע האָט זיך געמיט צו שטעלן

זיך אויף זײַנע שפּיץ פינגער, וואָרעם ער האָט נישט געקאָנט דערגרייכן מיט זײַן בליק צום נצרתערס פּנים.

— איך האָב אַליין געהערט מיט מײַנע אויערן, ווי דער מאַן, וואָס שטייט פאַר מיר, האָט פון זײַן מויל אַרויסגעבראַכט די ווערטער: „איך וועל אײַנוואָרפן דעם בית־מקדש, וואָס איז געמאַכט מיט די הענט, און אין דרײַ טעג וועל איך אויפבויען אַן אַנדערן, וואָס איז נישט געמאַכט מיט די הענט״.

— וואו איז ער געווען?

— אין הויף פון בית־מקדש.

— אין וועלכער זײַט?

— בײַם וואַסער־טויער.

— איז עס געווען בײַטאָג אָדער אין אָוונט?

— עס איז געווען פאַרנאַכט־צו, ווען די כּהנים ברענגען דעם קרבן פון מנחה, איידער מען שליסט די טויערן פון בית־מקדש.

— פיר אָפּ דעם מאַן אין אַ באַזונדערן חדר.

— על שני עדות יקום הדבר, — האָסטו נאָך אַן עדות? — האָט דער כּהן גדול געפרעגט.

— עדות! — האָט דער אויסרופער אויסגערופן אין עדות־צימער אַרײַן.

עס איז אַרײַנגעקומען אַ צווייטער מענטש. ווי דער פריערדיקער עדות איז געווען קליין, אַזוי איז ער געווען הויך, אַזוי הויך, אַז ווען מען האָט אים געשטעלט מיטן פּנים צום רבין פון נצרת, האָט ער באַדאַרפט זוכן זײַן בליק, — אַזוי קליין האָט דער רבי אויסגעקוקט קעגן דעם עדות.

— איך האָב אַליין געהערט מיט מײַנע אויערן, ווי דער מאַן, וואָס שטייט פאַר מיר, האָט געזאָגט, ווען די תּלמידים האָבן אים אָנגעוויזן אויף דעם בית־מקדש: „זעסטו דאָס גרויסע געבייד? דאָ וועט נישט בלײַבן אײן שטיין אויף דעם אַנדערן, וואָס וועט נישט צעוואָרפן ווערן״.

— וואו איז עס געווען?

— אין בית־מקדש־הויף.

— בײַטאָג אָדער בײַנאַכט?

— אין דער מיטאָג־שעה.

— ווער איז געווען דערבײַ?

— זײַנע תּלמידים.

— אישי כּהן גדול, — האָט מײַן רבי זיך אָנגערופן, — איך פּסל די עדות!

— אויף וואָס פאַר אַ גרונט, רבי פון די פּרושים? — האָט דער כּהן גדול געפרעגט.

— די עדות רעדן נישט דיזעלבע זאַך, זיי באַריכטן איבער צוויי פאַרשיידענע אויסדרוקן, וואָס דער באַשולדיקטער האָט געמאַכט, — האָט מײַן רבי געזאָגט.

— ער האָט געקאָנט ביידע זאַכן זאָגן, — האָט זיך אָנגערופן דער אַלטער חנן, — מיר האָבן עדות דערויף.

— אישי כהן גדול, אין דער תורה שטייט געשריבן: „על שני עדות יקום הדבר”, איז עס דער טײַטש, אז די צוויי עדות מוזן איבערגעבן איין־און־דעמזעלבן פאַקט, אָן שום ווידערשפרוך. און די עדות דאָ באַריכטן פון צוויי פאַרשיידענע אויסדרוקן, וואָס דער באַשולדיקטער האָט געזאָלט מאַכן. מחמת דעם דערקלער איך די עדות פאַר נישט־גילטיק.

דער כהן גדול האָט זיך געווענדט צום געזעץ־אויסטײַטשער.

— איך בין מסכים מיט דעם רבין פון די פרושים: על שני עדות יקום הדבר! — האָט דער אויסטײַטשער געזאָגט — די עדות זאָגן נישט דאָסזעלבע, זייער עדות־זאָגן איז פסול.

— דער דין בלײַבט מיט דעם רבין פון די פרושים! — האָט דער כהן גדול געפסקנט. — האָסטו ווײַטערדיקע באַשולדיקונגען קעגן דעם מאַן, וואָס שטייט פאַר אונז? האָט דער כהן גדול געפרעגט דעם קטגור.

דער קטגור האָט ווײַטער געלייענט:

„עס זענען געקומען פאַר אונז באַגלויבטע עדות און זיי האָבן עדות־געזאָגט, אַז דער מאַן, וואָס שטייט פאַר אונז, איז געווען אַ מסית־ומדיח, ער האָט ווידערשפעניק געמאַכט און אָפּגערעדט דאָס פאָלק פון צו דינען דעם יידישן גאָט, לויט די דינים...”

נאָר דאָ האָט מײַן רבי זיך אויפגעשטעלט און איבערגעהאַקט דעם קטגור אינמיטן די רייד:

— אישי כהן גדול, אני מוחה, איך פּראָטעסטיר קעגן דעם קטגורס באַשולדיקונג איידער מען הערט נאָך אויס די עדות!

— אויף וואָס פאַר א גרונט? — פרעגט דער כהן גדול.

— א מסית ומדיח איז נאָר דער, וואָס קערט אָפּ דאָס פאָלק פון יידישן גאָט און רעדט עס אָן צו דינען צו אָפּגעטער. האָט איר עדות, וואָס זאָלן באַשטעטיקן פאַרן בית־דין, אז דער מאַן, וואָס שטייט פאַר אונז, האָט געמאַכט דאָס פאָלק ווידערשפעניק קעגן דעם איינציקן לעבעדיקן גאָט און עס צוגערעדט צו דינען צו אָפּגעטער?

דער קטגור:

— מיר האָבן עדות, וועלכע זענען געקומען פאַר אונז און האָבן עדות געזאָגט, אז דער מאַן האָט זיי ווידערשפעניק געמאַכט נישט צו דינען גאָט לויט די חוקים און די דינים, ווי די חכמים האָבן זיי אויס־געטײַטשט, נאָר לויט זײַן אייגענעם אײַנזען.

מײַן רבי האָט זיך אויפגעהויבן. זײַן פּנים האָט געפלאַמט מיט פײַער. און ער האָט זיך אָנגערופן מיט א הויך קול:

— איך פּראָטעסטיר קעגן דער באַשולדיקונג און פאַרלאַנג, אז מען זאָל זי אויסמעקן איידער מיר הערן נאָך אויס די עדות!

— אויף וואָס פאַר א יסוד, רבי פון די פרושים? — פרעגט דער כהן גדול.

— יעדער ייד האָט א רעכט אויסצוטײַטשן דאָס געזעץ לויט זײַן אייגענעם אײַנזען, ווען ער פאַררופט זיך אויף דער תורה. דאָס איז אונזער פריווילעגיע. מיר האָבן פאַרשיידענע חכמים: מיר האָבן חכמים פון די צדוקים, מיר האָבן חכמים בײַ די פרושים. אויב איר וועט אָננעמען, אז דאָס געזעץ קאָן אויסגעטײַטשט ווערן נישט מער ווי אין דעם גייסט פון אײַערע חכמים אליין, מוזט איר מאָרגן שלעפּן פאַרן בית־דין די אַלע, וואָס טײַטשן אויס אַנדערש דאָס געזעץ ווי איר. לויט דער באַשולדיקונג פון קטגור, קאָנט איר ברענגען פאַרן בית־דין אַלע סופרים, אַלע חכמים פון די פרושים און זיי באַשולדיקן מיט דעם געפערלעכן פאַרברעך פון ווידערשפעניקייט און צוריידעניש צו אָפּגעטער, וואָס עס קומט פאַר דעם מיתה. דאָס איז א געפערלעכער פּרעצעדענס, וואָס איר שאַפט. עס קאָן אויפעפענען אַלטע וואונדן. זינט הונדערטער יאָרן גייט אָן די מחלוקה צווישן אײַך און אונז. ווילט איר זי איצט באַנײַען? באַדענקט אײַך! ווער ווייס, ווי ווײַט דאָס קאָן פאַרפירן. איך פאַרלאַנג דעריבער, אז די באַשולדיקונג פון מסית־ומדיח זאָל ווערן אויסגעמעקט און באַטראַכט ווי נישט פאַרגעבראַכט, איידער מען הערט אויס נאָך עדות.

א גרויסער רושם אויף די בענק פון סנהדרין. א סודען זיך אין די אויערן. אַלץ ווערט אײַנגעשטילט דורך דעם כהן גדולס באַוועגונג מיט דער האַנט:

— איך וויל הערן די מיינונג פון אונזער געזעץ־אויסטײַטשער וועגן דער אויסזעצונג פון דעם רבין פון די פרושים.

דער אַלטער טודרוס האָט אײַנגעשטעקט זײַן ווײַסן קאָפּ צווישן די קעפּ פון די אַנדערע געזעץ־אויסטײַטשער. אין א ווײַלע ארום האָט ער ארויסגעגעבן זײַן פּסק:

— עס איז אָן אַלטער ווייטאָק אין ישראל. און כדי צו פאַרמײַדן מחלוקות אין ישראל, האָבן מיר באַשלאָסן נישט צו באַשולדיקן אזא איינעם אין ווידערשפעניקייט און אָפּריידעניש פון יידישן גאָט, אויב נאָר ער שטייט אויפן יסוד פון יידישן דת, טײַטשט אויס דאָס געזעץ אויף די יסודות פון דער תורה, ווען אפילו ער האַלט זיך נישט אין דער אָנגענומענער מיינונג פון די חכמים. נאָר דער, וואָס קערט אָפּ דאָס פאָלק פון דעם איינציקן לעבעדיקן גאָט און רעדט זיי צו צו דינען דער עבודה־זרה, איז א ווידערשפעניקער.

דער כהן גדול האָט זיך אָנגערופן:

— קטגור, דו האָסט געהערט דעם באַשלוס פון די געזעץ־אויסטײַטשער. האָסטו עדות, אז דער מאַן, וואָס שטייט פאַר אונז, האָט געמאַכט זיינע צוהערער ווידערשפעניק קעגן דעם יידישן גאָט און זיי צוגערעדט צו דינען אָפּגעטער?

— אישי כהן גדול, איך האָב אויף דער באַשולדיקונג קעגן דעם

מאַן, וואָס שטייט פאַר אונז, נישט קיין עדות, — האָט דער קטגור אָפּ־געענטפערט.

— האָסטו עדות אויף וואָסער־עס־איז אַנדער באַשולדיקונג קעגן דעם מאַן, וואָס שטייט פאַר אונז? — האָט דער כהן גדול געפרעגט.

— איך האָב נישט מער קיין באַשולדיקונג פאַרצופירן קעגן דעם מאַן, אישי כהן גדול, — האָט דער קטגור ארויסגעזאָגט.

מײַן רבי האָט שוין געעפנט געהאַט זײַן מויל אין טריאומפירנדיקן אויסרוף און ער האָט געזאָגט:

— עס איז גלוי וידוע פאַר אַלע, אז דער מאַן, וואָס שטייט פאַר אונז, האָט דערנענטערט די הערצער פון די לײַט צום פאָטער אין הימל. בכן לייג איך פאַר פאַרן הייליקן בית־דין...

אָבער דער כהן גדול האָט פּלוצלינג זיך אויפגעהויבן פון זײַן זיץ און ער האָט מיט אַ באַוועגונג פון דער האַנט איבערגעשלאָגן מײַן רבין, ווי ער וואָלט דערמיט געוואָלט געבן אַנצוהערן, אז דאָס רעכט אויפצו־הויבן די באַשולדיקונג האָט ער נאָר אַליין, אויף וואָס מײַן רבי האָט מיט הכנעה און מיט א בייג פארן כהן גדול מסכים געווען, און ער האָט אָפּגעהאַלטן זײַנע רייד.

דער כהן גדול האָט זיך אָנגערופן מיט א רואיקן טאָן:

— מײַנע לײַט פון דעם סנהדרין, הייליקער בית־דין! מיר אַלע האָבן געהערט דעם באַשלוס פון די געזעץ־אויסטײַטשער וועגן דער באַ־שולדיקונג פון מסית־ומדיח. מיר האָבן אויך געהערט פון מויל פון קטגור, אז קיין אַנדער באַשולדיקונג פירט ער נישט פאַר קעגן דעם מאַן, וואָס איז געשטעלט געוואָרן פאַר אונז פאַרן משפט. מיר שליסן, דעריי־בער, די באַשולדיקונג פון קטגור קעגן דעם אָנגעקלאָגטן. אָבער מײַנע לײַט פון סנהדרין, — האָט דער כהן גדול אויפגעהויבן זײַן שטים (עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אז ער איז פיל עלטער געוואָרן. ער האָט אויס־געקוקט עלטער פון אַלטן חנן. זײַן באָרד איז גרוי געווען, זײַן פּנים — טרויעריק און ערנסט). — מײַנע לײַט פון סנהדרין, צי גייט דען דאָ אין דעם אָדער אין יענעם וואָרט, וואָס דער מאַן, וועלכער שטייט פאַר אונז, האָט געזאָגט? צי גייט דאָ בכלל אין ווערטער? עס גייט דאָ אין דעם העכסטן, וואָס איז נוגע אונזער הייליקייט. ווער איז ער, דער, וואָס שטייט פאַר אונז? מיט וואָס פאַר א רעכט און רשות טוט ער און זאָגט די זאַכן? דאָס קאָן אונז קיין עדות נישט אויפקלערן, דאָס קאָן נאָר ער אַליין טון. — און דער כהן גדול האָט געמאַכט א טראָט נעענטער צום נצרתער און געקוקט אים אין פּנים אַרײַן, נישט צו קאָנען קיין וואָרט פון מויל ארויסברענגען. ער האָט הויך און לאַנג געאָטעמט, ביז ער האָט געפונען דאָס וואָרט, און ער האָט זיך אָנגערופן צו ישוע מיט א ציטערנ־דיקער שטימע:

— איך באַשווער דיך בײַם לעבעדיקן גאָט, דו זאָלסט אונז זאָגן, אויב דו ביסט משיח!

די לשכה האָט געוואָרט. די אַלע, וואָס זענען געווען דערבײַ, האָבן געוואַרט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די צײַט האָט אָפּגעשטעלט איר גאַנג און געוואַרט אויף אַן ענטפֿער פֿון מויל פֿון נצרתער אויף דער פֿראַגע פֿון כהן גדול.

און דער נצרתער האָט אויפֿגעעפֿנט זײַנע ליפּן און האָט מיט א לויטערער שטימע אָפּגעענטפֿערט דעם כהן גדול, אָבער ער האָט נישט געווענדט זײַן בליק אויפֿן כהן גדול, נאָר געקוקט מיט זײַנע אויגן אין חלל אַרײַן, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער בליק פֿון נצרתער שפּאַרט אַדורך די פֿאַרמאַכטע וואַנט, וואָס איז געשטאַנען פֿאַר אים:

— אתה אמרת!

און ווי ער וואָלט אָטעם געשעפּט, האָט ער געמאַכט א קליינע הפסקה. באַלד אָבער האָט זיך ווידער געהערט זײַן לויטערע שטים:

— איך זאָג אײַך אָבער: פֿון איצט אָן וועט איר זען דעם בן־אדם זיצן אין דער רעכטער האַנט פֿון דער גבורה און קומען אין די וואָלקנס פֿון הימל!

קיינער פֿון די לײַט פֿון סנהדרין האָט נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט פֿון מויל. אַלץ האָט איצט, נאָך די ווערטער, דערוואָרט, אַז דער באַלקן זאָל זיך שפּאַלטן, די הימלען זאָלן זיך עפֿענען, פֿון אויבן זאָל מען קומען באַשטעטיקן די רייד, וואָס זענען דאָ געזאָגט געוואָרן. גאָרנישט איז געשען. פּלוצלינג האָט זיך דערהערט א געוואַלד־ריס: אין זײַן שאַרלאַך־רויטער מאַנטילע האָט דער כהן גדול אײַנגעריסן קריעה. דאָס האָט געבראָכן די מוראדיקע שטילקייט. די אַנדערע האָבן אים נאָכגעטון.

— זע... וואָס באַדאַרפֿן מיר נאָך מער עדות? איר האָט אַלע געהערט זײַן לעסטערונג. וואָס דענקט איר? — האָט דער כהן גדול געפֿרעגט די אַרומזיצנדיקע סנהדרין.

— בן־מות! — האָט זיך אָנגערופֿן דער ייִנגסטער פֿון סנהדרין אין לעצטן ווינקל.

דער שרײַבער האָט אָנגעהויבן פֿאַרשרײַבן.

— בן מות! — האָט זיך אָנגערופֿן דער צווייטער נאָכן ייִנגסטן.

אָבער דאָ איז אויפֿגעשטאַנען מײַן רבי. עס האָט אים גענומען א לאַנגע ווײַל ביז ער איז געקומען צו זיך. ער האָט אויפֿגעהויבן זײַן האַנט און אויסגערופֿן:

— אישי כהן גדול, איך פּראָטעסטיר!

דער כהן גדול האָט געגעבן א מאַך מיט דער האַנט אָפּצושטעלן די ציילונג.

— וואָס איז דײַן פּראָטעסט, רבי נקדימון? האָסטו נישט געהערט זײַן לעסטערונג פֿון דער העכסטער הייליקייט?

— דאָס איז נישט קיין לעסטערונג. דער באַשולדיקטער האָט נישט אָנגערופֿן דעם שם־המפורש. און דאָס געזעץ זאָגט: דער, וואָס לעסטערט,

איז נישט פריער חייב, ביז ער דערמאָנט נישט גאָטס נאָמען מיט אַלע זײַנע אויסדרוקן. דער מאַן האָט נאָר געזאָגט דאָס וואָרט „גבורה", נישט דעם שם־המפורש. לויט אונזערע געזעצן, איז דאָס חוצפה כלפּי שמים און עס קומט אים דערפאַר מלקות.

— מיר ווילן הערן די מיינונג פון אונזערע געזעץ־אויסטײַטשער וועגן דער אײַנווענדונג פון רבי נקדימון, — האָט דער כהן גדול געזאָגט.

טודרוס האָט זיך נישט באַדאַרפט וועגן דעם פאַרשטענדיקן מיט זײַנע העלפער. ער האָט אַליין באַשטימט:

— מיר רעכענען זיך נישט מיט די דינים פון די פּרושים בנוגע לעסטערונג. די אויספאַרשונג דאָ ווערט געפירט אין גייסט און לויט דער געזעץ־אויסטײַטשונג פון די צדוקים. און מיר ווייסן נישט פון אזא דין. מיר אַלע זענען געווען עדות ווי דער באַשולדיקטער האָט מיט זײַנע ווערטער מחרף־ומגדף געווען דעם הייליקן נאָמען. ער איז, דעריבער, א בן־מות!

— אישי כהן גדול, מיר זענען נישט אַרײַנגעקומען אהער, אין דער ישיבה, צו משפּטן ווען. מיר זענען נאָר א ישיבה פון חקירה ודרישה. און מיר האָבן קיין רעכט נישט אַרויסצוטראָגן פּסק־דינים, — האָט מײַן רבי זיך אָנגערופן.

— מיר טראָגן דאָ נישט אַרויס קיין פּסק־דין, רבי נקדימון. מיר האָבן נישט קיין רעכט אַרויסצוטראָגן קיין פּסק־דין, און מיר האָבן אויך נישט קיין רעכט אים אויסצופירן. אַנדערע האָבן דאָס רעכט דערויף, — האָט דער כהן גדול אָפּגעענטפערט.

— אויב אזוי, לאָמיר אים פרײַלאָזן.

— פרײַלאָזן? מיר מוזן אים צושטעלן צום מלכות. דאָס מלכות האָט אים אין אונזער האַנט איבערגעגעבן, אז מיר זאָלן מאַכן די חקירה־ ודרישה.

— אים צושטעלן צום מלכות. און וואָס דאָס מלכות וועט מאַכן מיט אים, דאָס איז זייער זאַך, נישט אונזערע, — האָבן אַנדערע געגרופן.

— מיט וואָס פאַר א באַשולדיקונג, אישי כהן גדול, וועט איר אים צושטעלן צום מלכות? — האָט מײַן רבי געפרעגט.

— מיט דער באַשולדיקונג, וואָס די אויספאַרשונג האָט אויסגעפונען. דאָס, וואָס ער האָט אַליין דאָ געזאָגט, אז ער איז דער בן־אדם, וואָס זיצט בײַ דער רעכטער האַנט פון דער „גבורה", — דאָס הייסט, אז דער מאַן רעדט אײַן דאָס פאָלק, אז ער איז משיח. ווי דען אַנדערש זענען זײַנע ווערטער צו פאַרשטיין?

מײַן רבי איז בלייך געוואָרן.

— צום מלכות מיט דער באַשולדיקונג, אז ער איז משיח? דאָס הייסט דאָך, טויט! ווי אזוי קאָנען מיר דאָס טון? איבערענטפערן א נפש אין ישראל אין די הענט פון רשע.

— רבי נקדימון, — האָט דער כהן גדול זיך אָנגערופן, און אויך ער איז בלייך געוועזן ווי די וואַנט. — ווען מיר זאָלן דעם באַשולדיקטן נישט איבערגעבן צום מלכות, נאָך די ווערטער, וואָס ער האָט אונז גע־זאָגט אין אונזערע אויערן פאַרן גאַנצן בית־דין, הייסט עס, אַז מיר גלויבן אין זיי, אויב אַזוי באַדאַרפן מיר זיך אַלע וואַרפן צו זיינע פיס און אים אויסרופן פאַרן מלך־משיח. קיינער, קיינער האָט ביי אונז אַזעלכע ווערטער נישט געזאָגט, נישט אברהם, נישט משה, נישט דוד המלך. הייסט דאָס, אַז ער איז מער פון זיי, מער פון יעדן בשר־ודם, העכער פון אַלעמען, אַ צווייטער רשות, חלילה? קאָנט איר גלויבן אין שתי רשויות?

— חלילה! חלילה! חלילה! — האָבן זיך געהערט אויסרופן פון אומעטום.

דער כהן גדול האָט זיך געווענדט צום רבי נקדימון:

— ביסטו, רבי פון די פרושים, גרייט צו וואַרפן זיך פאַר דעם מאַן און אים אָנערקענען פאַר דעם, וואָס ער האָט געזאָגט, אַז ער איז?

— חלילה! — האָט מיין רבי אויסגערופן — אָבער אישי כהן גדול, איך באַדאַרף אים נישט אָנערקענען פאַר דעם, וואָס ער האָט געזאָגט, אַז ער איז. איך באַדאַרף אים אָבער אויך נישט איבערענטפערן אין די הענט פון אַ רשע, וואו ער איז אַ זיכערער בן-מות!

— רבי נקדימון, מיר, צדוקים, גלויבן נישט אין קיין משיחים. אָבער דו, פרוש, וואָס דו גלויבסט יאָ אין משיח, זאָלסט אונדז זאָגן? משיח פירט אויס זיינע רייד, אַנישט שטאַרבט ער פאַר זיי. קיין דריטער וועג איז נישט פאַראַן פאַר אַ משיח. פרעג דעם באַשולדיקטן, וועט ער עס דיר זאָגן. אויב ער גלויבט באמת, אַז ער איז משיח, וועט ער עס באַ־ווייזן מאַרגן פאַרן משפט פון פילאַטוס.

אָבער מיין רבי האָט נישט נאָכגעגעבן:

— אישי כהן גדול, אונזער תורה האָט געזאָגט: „אל תעמוד על דם רעך!” דאָס, וואָס איר גייט דאָ טון, איז: איבערגעבן אַ נפש פון ישראל אין די הענט פון די גויים. האָט דער מאַן געשולדיקט קעגן אונז, האָט ער געשולדיקט קעגן דעם יידישן דת, און מיר וועלן זיין די שופטים. פון ווען אָן לאָזט ישראל פרעמדע אריין אין זיין גאָרטן, אַז זיי זאָלן פאַר אים דאָס ווילדקרויט אויסרייסן? ישראל רייניקט זיין גאָרטן אַליין אויס. „ובערת הרע מקרבך”, דו זאָלסט עס טון, נישט קיין פרעמדער. איך פאָדער, בכן, אויף די רבנים און די חכמים, וואָס זענען דאָ פאַר־זאַמלט אין דער ישיבה, נישט איבערצוענטפערן אַ נפש אין ישראל אין די הענט פון אדום, נאָר אָפּצולייגן דעם גאַנצן ענין ביז נאָך יום־טוב. דעמאָלט וועלן מיר פאַרופן אַ משפט־צדק פון די סנהדרין און מיר וועלן אַרויסגעבן אַ פסק־דין, לויט דער תורה־הקדושה.

די רייד פון מיין רבין האָבן געמאַכט אַן איינדרוק. אויך רבי אליעזר, דער זון פון כהן גדול חנן, האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך אָנגערופן:

— אישי כהן גדול, מיטן רשות פֿון מײַן פֿאָטער דעם כהן גדול, װעל איך דאָ זאָגן, אַז די רייד פֿון דעם רבין פֿון די פּרושים, רבי נקדימון, קלינגען גוט אין מײַנע אויערן. קעגן דעם יידישן דת איז דאָס פֿאַרברעכן באַגאַנגען: גאָט איז געלעסטערט געװאָרן, דער בית־מקדש פֿאַרשעמט, די כהנים באַליידיקט, — דאָס איז אונזער ענין. לאָמיר אויסבאַהאַלטן די גאַנצע זאַך פֿון מלכות. װאָס האָט דאָס מלכות דערמיט צו טון? פֿאַרן משפּט פֿון ישראל באַדאַרף מען שטעלן דעם באַשולדיקטן.

נאָר דאָ האָט זיך אויפֿגעהויבן דער אַלטער כהן גדול חנן. אַלץ איז שטיל געװאָרן. ער האָט זיך גלײַך געמאַכט די באָרד און האָט אָנגעהויבן מיט נחת, אין אַ רואיקן טאָן, װי זײַן געװאוינהייט איז געװען:

— אישי כהן גדול, מיטן רשות פֿון די כהנים און די חכמים װעל איך זאָגן: מיר קאָנען נישט אויסבאַהאַלטן לענגער די זאַך פֿון מלכות, און עס איז נישט אין אונזער רשות די זאַך אויסצובאַהאַלטן לענגער. מיר האָבן זיך געמיט, עס איז אונז נישט געלונגען. עס איז גלוי וידוע פֿאַר אַלעמען, אַז װאָכן און חדשים, דעם גאַנצן װינטער, האָט דער באַשולדיקטער זיך אַרומגעדרייט אין בית־מקדש־הויף. ער האָט געלערנט אין די לשכות. מיר האָבן אים נישט געשטערט. עס זענען דערגאַנגען צו אונזערע אויערן װערטער, װאָס ער האָט געװאָרפֿן, רמזים, װאָס ער האָט געגעבן װעגן זײַן משיחות. מיר האָבן נישט געקוקט דערויף, מיר לייגן נישט קיין אַכט אויף רמזים. עס איז אונז איבערגעגעבן געװאָרן פֿון די ביטערע רייד, װאָס ער האָט געפֿירט קעגן די תלמידי־חכמים, קעגן די סופֿרים און די זקנים, סײַ אונזערע, פֿון די צדוקים, סײַ זייערע, פֿון די פּרושים. מיר האָבן עס פֿאַרשװיגן. מיר האָבן זיך צוגעקוקט צו זײַנע מעשים און צוגעהערט זיך צו זײַן תורה, װאָס ער האָט געלערנט. מיר האָבן געמיינט, אַז ער איז אַ רבי פֿון די פּרושים, פֿון הויז פֿון הלל, װעלכער פּרעדיקט װעגן תחית־המתים און דרשנט װעגן דער צײַט פֿון משיח. און װען אפֿילו זיי זענען נישט געװען אין אונזער גייסט, האָבן מיר אים נישט פֿאַרװערט, װײַל מיר האָבן געגלויבט, אַז ער דערנענטערט דורך זײַנע שיינע דרשות און משלים די הערצער פֿון די פּשוטע לײַט צום פֿאָטער פֿון הימל, האַלט זיי אָפּ פֿון שלעכטע מעשים און לאָזט זיי נישט ארײַנפֿאַלן אין דער נעץ פֿון פֿאַראַט און סכנה, װאָס בר־אבא האָט געצויגן איבער זיי. אַזוי איז עס געװען אַ גאַנצן װינטער. פֿאַר פּסח, װען די לײַט האָבן אָנגעהויבן קומען עולה־רגל־זײַן, זענען מיר געװאָר געװאָרן, אַז בר־אבא פּלאַנט ארויסצורופֿן אַן אויפֿשטאַנד אין די פּסח־טעג און זאַמלט פֿאַר דעם צװעק אײַן פֿיל געװער און מענטשן. מיר האָבן געפֿונען פֿאַר נויטיק צו װיסן צו לאָזן װעגן דעם דאָס מלכות, כדי נישט צו ברענגען די סכנה פֿון דער שװערד איבערן גאַנצן פֿאָלק, דאָס מלכות זאָל נישט זאָגן, אַז מיר זענען אין איין בונד מיט בר־אבאן. אין דער צײַט, װען די געמיטער זענען אַזוי אויפֿגערעגט, װען דאָס מלכות קוקט מיט פֿאַרדאַכט אויף אונז און זוכט נאָר אַ קלייניקייט ארויסצורופֿן אַ

בלוטבאָד, האָט דער באַשולדיקטער געלאָזט זיך פירן איבער די גאַסן אין ירושלים און אויסרופן זיך פאַר דעם קעניג פון די יידן. נאָך ווינציק, — ער האָט זיך אַרײַנגעריסן אין בית־מקדש אַרײַן און מיט א שטריק אין האַנט צעטריבן די טויבן־הענדלער און געלט־וועקסלער, וואָס מיר האָבן אויפגעשטעלט פאַר דער באַקוועמלעכקייט פון די עולי־רגלניקעס, צעשטערט די אָרדענונג, וואָס איז בחזקה פון דורות. ער האָט ארויסגע־רופן אומרועז, האָט אָנגערופן דעם בית־מקדש א הייל פון מערדער, געזידלט די כהנים, די חכמים, די סופרים. און ווען מיר האָבן געשיקט צו אים שליחים און געפרעגט אים: „זאָג אונז, מיט וואָס פאַר אַ מאַכט טוסטו די זאַכן? גיב אונז א צייכן דערויף, ווער דו ביסט!״ — האָט ער איבערגעלאָזט אונזער אַנגסטלעכע פראַגע אָן אן ענטפער. מיינט איר, רבנן ורבותי, אז דאָס מלכות ווייסט נישט דערפון? דאָס מלכות ווייס דערפון, ווייס אַלצדינג, עס ווייס אַפילו, אַז מיר, אנשטאָט אים פעסטצו־נעמען, האָבן געשיקט שליחים צו אים. דאָס מלכות ברענגט אונז אַרײַן אין איין בונד מיט אים. עס האָט געפאָדערט פון אונז מיט דראָונג און א שטאַרקן אָרעם, אז מיר זאָלן אים פעסטנעמען און אויסליפערן. דאָס מלכות האָט געשיקט דעם טריבון, דעם הגמון איבער ירושלים, מיט א גאַנצער קאָהאָרטע רוימישע לעגיאָנערן, צוזאַמען מיט אונזערע לײַט, אים פעסטצונעמען. איצט ווילט איר אים אויסבאַהאַלטן פון מלכות? מײַנע לײַט, אויב ירושלים איז אײַך טײַער און איר ווילט אויסהיטן פון א בלוטפאַרגיסונג אין בית־מקדש־הויף; אויב איר ווילט, אז דער בית־מקדש זאָל איבער יום־טוב נישט פאַראומרייניקט ווערן מיט פגרים פון געפאַלענע לײַט, גיט ארויס דעם מאַן צום מלכות. איז ער דאָס, וואָס די לײַט זאָגן, אז ער איז, איז ער דאָס, וואָס ער אליין זאָגט, אז ער איז, ווי מיר האָבן איצט געהערט, זאָל ער עס באַווײַזן. — און ער האָט זיך געווענדט צו רבי נקדימון: — רבי נקדימון, דו ביסט אָפטמאָל געגאַנגען צו דעם מאַן, אָפן און באַהאַלטענערהייט. מיר ווייסן דאָס. און דו האָסט געפאָדערט פון אים א צייכן. אין נאָמען פון די יידן האָסטו געפאָדערט פון אים א צייכן, אז ער זאָל דיר באַווײַזן, ווער ער איז, אזוי ווי משה האָט אונז אָנגעזאָגט, אין פאַל א נביא וועט זיך באַווײַזן. ער האָט דיר דעם צייכן אָפגעזאָגט. איצט האָסטו אים. פילאַטוס זאָל זײַן דער צייכן.

און שטימעס האָבן זיך געהערט פון אַלע בענק פון סנהדרין:

— פילאַטוס זאָל זײַן דער צייכן!

און די תלמידים אויף די בענק האָבן געשריען:

— פילאַטוס זאָל זײַן דער צייכן!

און אפילו די משרתים פון כהן־גדול, די קנעכט, וואָס האָבן אים געהאַלטן, די שמשים פון סנהדרין, אַלע האָבן זיי געשריען:

— פילאַטוס זאָל זײַן דער צייכן!

— אישי כהן גדול! — האָט מײַן רבי איבערגעשריען — דאָס הייסט דאָך פרווון גאָט!

— ניין, נישט אין דעם פאַל. אין דעם פאַל הייסט דאָס — נישט גאָט פּרוּוון, נאָר אים, — האָט דער כהן גדול אָנגעוויזן אויף ישוען. — די לײַט זאָגן, אַז ער איז אליהו הנביא, זאָל ער באַווײַזן, אַז ער איז דאָס, ווי אליהו האָט דאָס באַוויזן.

— אישי כהן גדול, מען שטעלט נישט אײַן קיין לעבנס אויף נסים!

— האָט מײַן רבי אויסגערופן.

— אויך אליהו הנביא האָט עס אײַנגעשטעלט! מיינסטו נישט, רבי נקדימון, אַז ווען דאָס וואַסער וואָלט געווען פאַרפעלט ארונטערצוקומען פון הימל בײַ די נביאי־בעל, אויפן כרמל, וואָלט אליהו נישט געווען א בן־מות פון אחאבס האַנט? און דאָך איז ער געגאַנגען. זאָל דער נײַער אליהו באַווײַזן זײַן נס קעגן די נביאי־בעל. אויב ער קאָן דאָס נישט באַווײַזן, דענמאָלט איז „בעסער, אַז איין מענטש זאָל אומגעבראַכט ווערן, איידער דאָס גאַנצע פאָלק".

און בײַ דעם איז עס געבליבן.

דער סגן האָט געגעבן א באַפעל, — און די משרתים פון כהן גדול האָבן דעם רבין פון נצרת אָפּגעפירט פון סנהדרין.

אַז מיר זענען ארויסגעקומען אויפן הויף פון כהן גדול, האָט שוין אָנגעהויבן צו גרויען אויף טאָג. א קאַלטער ווינט האָט געבלאָזן און פאַריאָגט די נאַכט־וואָלקנס מיט א רויער און מעכטיקער האַנט. א נעפּל פון מילכיקער גרויקייט איז געהאַנגען אין דער לופטן. דאָס פײַער פון האָלץ פאַרן כהן גדולס וואַך האָט געהאַלטן אין אויסגיין.

מיר האָבן געזען, ווי די זעלנער פון דער קאָהאָרטע, געפירט פון זייער הויפּטמאַן, האָבן ארויסגעבראַכט דעם נצרתער פון דעם כהן גדולס הויף, שוין אָ געבונדענעם. צווישן זייערע העלמעטן און שילדן, צווישן שווערדן און פאַסעקס האָט אין דער מאָרגנדיקער בלייכקייט זיך גע־גרויט זײַן ווײַס קלייד. דאָס קלייד האָט אָנגענומען א געלביק־קרעמיש ליכט, נאָר עס איז נאָך געווען ריין און האָט אויסגעזען ווי א ווײַסע שוואָם, וואָס איז דאַרשטיק אײַנצוזאַפּן אין זיך געטראַנק, ווי א פריש־צעאַקערט פעלד, וואָס גלוסט אויפצוגיין אין בלומען.

די זעלנער און דער הויפּטמאַן זענען געווען מיט ישוען פון נצרת אויפן וועג צו פּילאַטוסן.

אין דרויסן, פאַר דער טיר פון כהן גדול, האָבן מיר אויך אָנגע־טראָפן אויף שמעונען. ער איז געשטאַנען, דאָס פּנים אײַנגעגראָבן אין דעם צאָם פון כהן גדולס הויז, און האָט געוויינט.

פון די טורעמס אויף די מויערן, וואָס רינגלען ארום דעם בית־מקדש, האָבן מיר געהערט די זילבערנע טראָמפּייטן בלאָזן. די טויערן פון בית־מקדש האָבן זיך אויפגעעפנט.

— קאָנסטו פאַרציילן, הגמון, וואָס עס איז פאָרגעקומען מיטן נצרתער בײַם משפט פאַר פּילאַטוסן?

קאַפּיטל פּיראונצוואַנציק.

דער הגמון האָט אָנגעהויבן:

— מיר האָבן געפירט דעם באַשולדיקטן אין פּראַקוראַטאָריום. פּילאַטוס האָט זיך אויפגעהאַלטן איבער יום־טוב נישט אין דער אַנטאָניא, נאָר אין הורדוסעס פּאַלאַץ, וואו עס האָט זיך אויך געפונען אין הויף א גענוג גרויסער לאַגער צו קאָנען דאָרט האַלטן אין רעזערוו אונזערע קאָהאָרטעס פאַר יעדן צופאַל. די שעה איז נאָך געווען פרי. עס איז נאָך געווען פאַר דער ערשטער שעה פון טאָג, און דער טאָג האָט נאָך שווער געקעמפט מיט דער נאַכט.

דער וועג פון כיפאס פּאַלאַץ צום פּראַקוראַטאָריום איז נישט געלעגן ווײַט. זיי האָבן ביידע זיך געפונען אין דעם אויבערשטן טייל שטאָט. דאָס פּראַקוראַטאָריום, דער פּאַלאַץ פון הורדוס, איז געווען דער לעצטער טורעם־פּאַלאַץ פון די דרײַ, און איז געלעגן אין צפון־זײַט, בײַם אָפּנייג פון באַרג. אין פּאַלאַץ איז נאָך אַלץ געשלאָפן. און מיר האָבן דעם אַרעסטירטן ארײַנגעפירט אין די קעלער־תּפיסות, וועלכע האָבן זיך געפונען אין הויף, אין דעם לאַגער פון די סטאַציאָנירטע קאָהאָרטעס. דער צווייטער געפערלעכער פּאָליטישער געפאַנגענער, בר־אבא, איז שוין דעמאָלט געווען פאַרהאַלטן אין דעמזעלבן קערקער, וואו ער האָט אויסגעוואַרט אויף פּילאַטוסעס משפּט.

עס איז קיין צײַט נישט געווען צוצושמידן די הענט פון דעם באַשולדיקטן צו די רינגען און קייטן אין דער וואַנט פון קערקער, ווי עס האָט זיך געפאָדערט, ווײַל מיר האָבן זיך געריכט, אז מיטן אויפבראָך פון טאָג, אין די ערשטע שעהן, זאָל דער משפּט זיך אָנהויבן. מיר האָבן אים געלאָזט אין קעלער־לאָך אזוי ווי ער איז געווען, א געבונדענעם. אין דער תּפיסה איז געווען טונקל, ווײַל זי האָט זיך געפונען אין די געמויערטע, טיפע קעלערס, וואָס ליגן אונטער די געביידעס פון פּאַלאַץ. איידער מען האָט אים ארײַנגעפירט, האָט די פרימאָרגן־זון געוואָרפן א שײַן אויף זײַן פּנים, און איך האָב עס געזען.

אין מײַן לאַנגער קאַריערע אין דינסט פאַרן קייסער, איז מיר אויסגעקומען נישט איינמאָל צו קוקן דעם טויט אין פּנים ארײַן: איך האָב געזען לײַט, וועלכע מען האָט ארויסגעפירט צו קרייציקן; לײַט, וואָס מען האָט פאַרשיקט אויף צוואַנגאַרבעט אין א שקלאַפן־שיף; מענטשן, וואָס מען האָט ארײַנגעפירט אין די אַרענעס צו די ווילדע חיות, — נאָר קיינמאָל נאָך אין מײַן גאַנצער קאַריערע פון שיקן מענטשן צום טויט האָב איך נישט געזען אזא אויסדרוק פון צער און אומעט, פון האָפענונגלאָזיקייט און פון בענקשאַפט נאָכן לעבן, ווי איך האָב דאָס געזען אויפן בלייכן, דערשראָקענעם פּנים פון דעם יונגן מענטשן. דער געוואַלד

פון שרעק האָט איין אויגנבליק פאַרשטיינערט די מוסקעלן פון זײַן פּנים. זײַנע אויגן זענען גרויס געוואָרן און דערשראָקן, ווי זיי וואָלטן געווען געקוקט אין דער טיפעניש פון אַפּגרונט, אין וועלכן זײַן קערפּער האָט צו פאַלן. שוואַך זענען געווען זײַנע אַקסל און געדריקט צו דער ערד. און איך האָב געטראַכט פאַר זיך: דאָס זאָל עס זײַן זייער גואל? דאָס זאָל עס זײַן זייער באַפרײַער? אַ מאַן, וואָס שרעקט זיך פאַרן טויט? דאָס איז דאָך פּחדנות.

— ניין, דאָס איז נישט געווען קיין פּחדנות, נאָר רחמנות, — האָב איך אויסגעשריען.

— רחמנות? וואָס איז דאָס אַזוינס? — האָט מיך דער הגמון געפרעגט.

— ער האָט געטראָגן דעם פּײַן און די יסורים פון אַלע אַנדערע, וואָס ווערן געוואָרפן אין די פינצטערע קעלערס. אויף זײַנע פּלייצעס האָט ער געטראָגן די מזלות פון די אַלע, וואָס מען האָט באַרויבט פון האָפענונג. ער האָט מיטגעוויי טיקט אין דער מינוט מיט די אַלע, וואָס ווערן געפירט אין דער אייביקער נאַכט אַרײַן. דאָס איז געווען די טרויע־ריקייט, וואָס דו האָסט געזען אויף זײַן פּנים, הגמון, בשעת דו האָסט אים אַראָפּגעפירט אין קעלער.

— זאָל זײַן אַזוי, — האָט מיר דער הגמון אָפּגעענטפערט נישט גלויבנדיק. — אין יעדן פאַל, מיר האָבן אים דאָרט נישט לאַנג געהאַלטן. די טראָמפּייטן האָבן געבלאָזן, און מיר האָבן באַלד דערזען פּילאַטוסן אין זײַן ברייטער, דיקער געשטאַלט, ווי זײַן גאַנצער גראַניט־מאַסיווער קערפּער וואָלט געווען אָנגעפילט מיט שטאָלץ און אייגנליבע, אַרונטער־קומען מיט זײַן סוויטע פון די ברייטע טרעפּ, פון די אינעווייניקסטע געמעכער, צום פּרעטאָריום. דאָס פּרעטאָריום האָט מען גערופן די פּלאַטפאָרמע, וועלכע איז געווען הויך־אויפגעשטעלט אונטער דעם פרײַען הימל, אין דעם אינעווייניקסטן הויף פון פּאַלאַץ. אין דעם פּרע־טאָריום האָט פּילאַטוס אויפגענומען עפנטלעך גרויסע דעפּוטאַציעס, ווען ער האָט נישט געוואָלט זיי אַרײַנפירן אין די אינעווייניקסטע גע־מעכער, און אויך אָפּגעהאַלטן עפנטלעכע משפּטים. אַן אַנדערט מאָל, ווען פּילאַטוס פלעג אָפּהאַלטן אַן עפנטלעכן משפּט אין דעם אינעווײַ־ניקסטן פּרעטאָריום, פלעגן די לײַט אַרײַנקומען אין הויף אַרײַן. הײַנט אָבער האָט דעם אינעווייניקסטן הויף קיינער פון די יידן זיך נישט געפונען, אוודאי צוליב דעם יום־טוב. פיל פון זיי האָבן נאָך נישט גע־האָט געבראַכט זייער קרבן־פּסח, האָבן זיי נישט געוואָלט אַרײַנקומען אין דעם אינעווייניקסטן הויף פון פּראָקוראַטאָריום, מחמת מורא, אַז זיי זאָלן זיך נישט צורירן צו עפּעס אומריינס און דורך דעם אויך אומריין ווערן און נישט קאָנען אויפגיין אין בית־מקדש אַרײַן. אפילו די שליחים און די משרתים פון כהן גדול, וועלכע זענען מיטגעקומען מיט אונז אונטערשטיצן די אָנקלאַגע קעגן דעם מאַן פאַר פּילאַטוסן, זענען אויך געבליבן הינטער דעם טויער וואַרטן. דערפאַר אָבער האָבן מיר שוין

געהערט אַ המון־מורמעלען און אַ רוישן, וואָס האָט אָנגעהויבן אַרײַנדרינ־גען צו אונז דורך די שווערע, דיקע טויערן, וועלכע האָבן אַרומגערינגלט דעם הויף פון פּראָקוראַטאָריום. עס זעט אויס, אַז אין שטאָט איז מען שוין געוואָר געוואָרן, וואָס עס איז דורך דער נאַכט פּאַרגעפאַלן. האָבן זיי אָנגעהויבן זיך זאַמלען פּאַר די טויערן פון פּראָקוראַטאָריום אָפּצו־וואַרטן דעם אויסגאַנג פון משפּט און אויך פּאָדערן פון פּילאַטוסן די באַפרײַאונג פון איינעם פון די פּאַראורטיילטע, ווי עס איז געווען דער מנהג פון פּראָקוראַטאָר פרײַצולאָזן א פאַרמשפּטן פאַרברעכער לכּבוד יום־טוב. עס זעט אויס, אַז עס האָבן אין דרויסן גאַנץ פרי אָנגעהויבן זיך זאַמלען די אָנהענגער פון בר־אבא, וואָרעם איידער דער משפּט פּאַר פּילאַטוסן האָט זיך אָנגעהויבן אין פּרעטאָריום, האָבן מיר שוין אין דרויסן געהערט רופן דעם נאָמען — בר־אבא.

אויף דעם פּרעטאָריום איז שוין געווען אַלץ אײַנגעאָרדנט צום משפּט, — די גרויסע שטול פּאַר פּילאַטוסן, די קלענערע — פּאַר די טריבונען און די שרײַבער. פיל פון אונזערע לעגיאָנערן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין לאַגער, זענען צוגעצויגן געוואָרן פון נײַגעריקייט צו זען די יידישע אויפשטאַנד־אויפרודערער, וועלכע מען ברענגט פאַר פּי־לאַטוסן, און זיי זענען אַרײַנגעקומען פון די מיליטער־הויפן צום פּרע־טאָריום.

פּילאַטוס איז געווען שלעכט אויפגעלייגט דעם פרימאָרגן. איך האָב עס באַלד דערקענט אויף אים אין די שווערע, שוואַרצע ברעמען, וועלכע זענען ווי בעזעמער אַראָפּגעהאַנגען איבער זײַן נאַקעטן פּנים, און אין זײַנע בייזע, אומטרוילעך קוקנדיקע אויגן. ער האָט געהאַט אַן אומרו־איקע נאַכט. דעם אָוונט צופריער האָט זײַן נײַער עגיפּטישער קאָכער, וועלכער האָט געוואָלט באַווײַזן זײַן קאָך־קונסט, אָנגעפילט די פאַזאַנען, — א מתנה פון כהן גדול אויף יום־טוב, וואָס מען האָט געלאָזט ברענגען פון זייער ווײַט, — מיט א נײַער פעטער געפילעכץ. פּילאַטוס און זײַנע געסט האָבן פאַרטרונקען די געשטאָפּטע פייגל מיט ציפּרעסן־ווײַן, — און זיי האָבן אַלע זיך פאַרדאָרבן דעם מאָגן (יעדעס מאָל, ווען פּילאַטוס האָט זיך געפונען אין ירושלים, האָבן מיר אַלע אין הויף פון די עסנס זיך פאַרדאָרבן דעם מאָגן). אין יעדן פאַל, פּילאַטוס איז נישט געווען אין גוטן מוט און האָט געוואָלט זיך אָפּפּטרן מיטן משפּט וואָס צום שנעלסטן. עס האָט אים אויך איריטירט דער ליאַרם, וואָס די יידעלעך מאַכן אין דרויסן, אויף דער גזיתא, אויף דער געפלאַסטערטער פּלאַטפאָרמע, וואָס שטרעקט זיך אויס פאַר דעם פּאַסאַד, בײַם אַרײַנגאַנג אין פּאַלאַץ.

ווען ער האָט זיך אוועקגעזעצט אויף דער ריכטערשטול, איז זײַן גרויס לײַב געווען אינגאַנצן אָנגעשוואָלן מיט שלעכטס, מיט גאווה, מיט אייגנליבע. זײַן ברייט מויל אויפגעעפנט, גאַווערדיק, האָט ער א גע־לאַנגווײַלטן צייכן געגעבן מיט דער האַנט אָנצוהויבן די משפּטים.

די וואַך האָט פאַרגעפירט פּאַר אים דעם באַנדע־רויבער, בר־אבאן.

בר־אבאס גרויסער, מעכטיקער קאָפּ איז געווען אראָפּגעבויגן צו דער ערד איבער דעם שווערן קאַרק־רינג, וואָס איז געהאַנגען אויף זײַן האַלדז, ענג פאַרצויגן צו זײַנע פיס. ער האָט געוואָרפן זײַן קאָפּ ווי אַן אָקס. זײַן ברייטער ברוסטקאַסטן איז אויפגעפּראַלט געווען. די באָרד זײַנע האָט מען נישט געזען, אַזוי טיף האָט די האַלדז־קייט געהאַלטן זײַן קאָפּ אַראָפּגענידערט צו דער ערד. פּילאַטוס האָט אים נישט גע-שענקט קיין בליק.

ער האָט געפרעגט דעם טריבון, אין וואָס באַשטייט זײַן פאַרברעכן.

דער טריבון קעגן בר־אבאן איז געווען דער אַלטער פּרעטאָניוס. ער האָט פאַרגעשטעלט דעם אָנגעקלאָגטן פאַר א רויבער, א מערדער און רעבעל:

— ער האָט געזאַמלט לײַט ארום זיך און זיי זענען באַפאַלן דורכ־פאָרער אויף די וועגן, האָבן זיך ארײַנגעריסן אין הײַזער, צוגערויבט פאַרמעגנס, געזאַמלט געווער און, צולעצט, זיך פאַרמאָסטן צו מאַכן אַן אויפשטאַנד קעגן רוים אין די פּסח־טעג, וואָס עס איז אויפגעדעקט גע־וואָרן מיט א פּאָר טעג פריער. בײַם פעסטנעמען די רויבער זענען א צאָל לעגיאָנערן געפאַלן אין קאַמף מיט דער באַנדע.

— שמײַסן און קרײַציקן! און זײַן טויטער קערפּער זאָל בלײַבן הענגען אויפן קרײַץ, ביז וואַנען די פייגל וועלן אים אויפעסן.

מען האָט בר־אבאן אָפּגעפירט.

איידער מען האָט אָבער פאָרגעפירט פאַר פּילאַטוסן דעם צווייטן געפאַנגענעם, איז עפּעס וואָס געשען. א קנעכט איז צוגעקומען צו אים, האָט געקניט און באַוויזן אים פאַר די אויגן א טאָוועלע. פּילאַטוס האָט אדורכגעלייענט דאָס אויפגעשריבענע. ער האָט געגעבן א וואונק צו מיר און באַוויזן מיר דאָס טאָוועלע.

עס איז געווען א שליחות פון זײַן פרוי, קלאַודיא, און עס האָט זיך געלייענט אַזוי:

„דײַן האַנט זאָל נישט זײַן אויף דעם גערעכטן. איבער אים האָב איך הײַנטיקע נאַכט זייער פיל געליטן".

איך מוז דיר דערקלערן, וואָס עס איז געשען אין דער נאַכט.

איך האָב דיר אַנומלטן פאַרציילט פון א יידישער פרוי, וועלכע מיר האָבן אָנגעטראָפן אין רוים אין דער העכסטער געזעלשאַפט. מען האָט זי גערופן „די שוואַרצע חנה". זי האָט זיך געדרייט אין די אײַנפלוס־רײַכע הײַזער פון סענאַטאָרן, אַריסטאָקראַטן, וואו זי האָט פאַרקויפט צו די רײַכע מאַטראָנעס ליבע־וואַסערלעך, כשוף־רייצן, זאַלבן, פּערפומען און אַנדערע אָריענטאַלישע קאָסמעטיק, און דערבײַ אויך ארײַנגעשלײַכט די אמונה צו איר יידישן גאָט. זי האָט געהאַט גרויס אײַנפלוס אין רוים צוליב דעם צוטרוי פון די רײַכע פרויען. אויך פּילאַטוס האָט אמאָל זיך

באַנוצט מיט איר אײַנפֿלוס אויף דער קליינער קלאַודיאַ, װען ער האָט זיך געשדכנט צו איר.

אָט די שוואַרצע חנה האָט אין דער צײַט זיך געפֿונען אין ירושלים. זי איז געװען איינע פֿון די ערשטע אָנהענגערינס פֿון דעם ישוע הנוצרי, װאָס ער האָט אַזויפֿיל געהאָט צווישן פֿרויען. אין די פּאָר טעג, װאָס פּילאַטוס און קלאַודיאַ האָבן זיך געפֿונען אין ירושלים, האָב איך זי זייער אָפֿט אָנגעטראָפֿן אין דעם פּראָקוראַטאָריום, װאו זי האָט באַזוכט איר אַלטע באַקאַנטשאַפֿט מיט קלאַודיאַ און געטראָגן צו איר כּישוף־געטראַנקען. אָט די שוואַרצע חנה האָט דאָס גערעדט מיט קלאַודיאַן װעגן די װאונדערלעכע מעשׂים, װאָס איר רבי טוט, װעגן זײַן קראַפֿט, װאָס ער האָט איבער גײַסטער און מענטשן, װעגן זײַן כּוח אויפֿצוװעקן מענטשן פֿון די גריבער, היילן קראַנקע און פֿאַרשילטן ביימער.

שוין עטלעכע מאָל האָט מיך קלאַודיאַ געהאָט געפֿרעגט װעגן דעם רבין. זינט זי האָט אָנגעטראָפֿן אויף זײַן פּראָצעסיע איבער די גאַסן, בשעת מען האָט אים געפֿירט אויפֿן אייזעלע אין בית־מקדש אַרײַן, האָט זי נישט אויפֿגעהערט צו רעדן װעגן אים. די יידישע פֿרוי האָט אַזוי געװירקט מיט אירע מעשׂיות אויף קלאַודיאַס פֿאַנטאַזיע, אַז אפֿילו נאָך נעכטן, װען זי האָט געהערט, אַז פּילאַטוס פֿאַרלאַנגט פֿון די כּהנים גדולים די אויסליפֿערונג פֿון דעם מאַן, האָט זי געפּרוּווט צו אינטער־װענירן. די אַנגסט־שרעק פֿאַרן רבין, װאָס די יידישע פֿרוי האָט אַרײַנ־געיאָגט אין איר, האָט אוודאי אַרויסגערופֿן איר בײַנאַכטיקע פּײַניקונג. הײַנט גאַנץ פֿרי האָט מען באַמערקט די שוואַרצע חנה אַדורכשלייכן זיך דורך דעם טויער פֿון פּראָקוראַטאָריום. זי איז געװאָר געװאָרן װעגן דעם אַרעסט פֿון איר רבין, איז זי געקומען צו אינטערװענירן בײַ איר פּאַט־ראָנעסע. און דאָס בריװל, װאָס קלאַודיאַ האָט צוגעשיקט צו פּילאַטוסן, איז עס געװען דער שוואַרצער חנהס אַרבעט.

האָב איך זיך אָנגערופֿן צו פּילאַטוסן:

— נאָך הײַנט אין דער פֿרי האָב איך די שוואַרצע חנה געזען אַדורכ־שלייכן זיך דורך דעם הויף פֿון פּראָקוראַטאָריום.

— יאָ, די פֿרוי האָט אַ שעדלעכע װירקונג אויף קלאַודיאַן. מען באַ־דאַרף זי לאָזן אַדורכשמײַסן פֿון די לעגיאָנערן, װען זי װעט זיך נאָכאַמאָל באַװײַזן אין פּראָקוראַטאָריום, — האָט פּילאַטוס געזאָגט און אָפּגעװאָרפֿן דעם קנעכט מיטן טאָװלע פֿון זיך.

— פֿאָרפֿירן דעם פֿאַרברעכער! — האָט ער באַפֿוילן.

מען האָט פֿאַר פּילאַטוסן פֿאָרגעפֿירט ישוע הנוצרי, װעלכן איך האָב געלאָזט אַרויסברענגען פֿון דער תּפֿיסה. ער האָט שוין נישט געהאָט דעם מוראדיק־טרויעריקן אָנבליק אין זײַנע אויגן. מערקווירדיק, איך האָב איצט באַמערקט אין זײַן פּנים אַ רואיקייט און אַ שטילקייט. עס האָט זיך מיר אויסגעװיזן, אַז ער איז דורך דער קליינער שעה, װאָס מיר האָבן אים געהאַלטן אין דער קעלער־תּפֿיסה, נאָך דינער געװאָרן. ער

האָט אויסגעקוקט, ווען ער איז געשטאַנען אין זײַן ווײַסן כאַלאַט פאַר פּילאַטוסן, ווי א קינד, וואָס מען האָט אָנגעטאָן אין צו גרויסע קליידער. ער האָט אויף אַלעמען געקוקט, אחוץ אויף דעם מאַן, וואָס האָט געהאַט צו זאָגן איבער זײַן טויט און לעבן. דער אָנגעקלאָגטער האָט זײַן שופט גאָרנישט באַמערקט, ווי ער וואָלט נישט געווען פאַר אים.

פּילאַטוס האָט אַ ווײַל זיך אַמוזירט, באַטראַכטנדיק דעם באַשולדיקטן.

— א גלילער? — האָט ער מיך געפרעגט.

— יאָ.

— איך האָב עס מיר אזוי געטראַכט.

קעגן דעם גלילער בין איך געווען דער טריבון.

איך האָב פאַרגעשטעלט דעם עסק פאַר פּילאַטוסן.

— ווען דער מערדער בר־אבא איז געווען דער אָרגאַניזירער פון דעם אויפשטאַנד, — האָב איך געזאָגט, — איז אָט דער פאַרברעכער געווען זײַן גייסטיקער אָנפירער. ער איז פיל געפערלעכער ווי בר־אבא, ווײַל בר־אבא קאָנען מיר בײַקומען. דער רײַסט זיך אַרײַן אין דעם האַרץ און אין דער נשמה פון זײַנע גלויביקע, פלאַמט אויף זייער פאַנאַטיזם, רעדט זיי אָפּ פון צו זײַן אונטערטעניק דעם קייסער און הייסט זיי פאַרבארייטן זיך פאַר אַן אַנדער לעבן, צו אַן אַנדער הערשאַפט, פון וועלכער ער ווער זײַן דער משיח.

— משיח? וואָס איז דאָס? משיח! משיח! איך האָב אמאָל שוין געהערט פון אזא וואָרט, — האָט פּילאַטוס מיך אונטערגעבראָכן.

— דאָס איז זייער אײַנרעדעניש, אז אין איין שיינעם טאָג וועט זיך באַווײַזן צו זיי א דערלייזער, וואָס וועט זײַן געשיקט צו זיי פון גאָט. ער וועט דורך מאַגיע אראָפּכישופן חיילות פון הימל און מיט זיי באַקעמפן און אונטערטעניק מאַכן אַלע זײַנע פײַנד: ער וועט צעשמעטערן רוים, וואָס זיי רופן אדום, פאַרטיליקן דעם קייסער מיט אַלע אונזערע לעגיאָנען און באַפרײַען זיי פון אונזערע הענט, — און ער, אָט דער משיח, וועט קיניגן איבער זיי, איבער דער גאַנצער וועלט.

— און זיי גלויבן אין דעם און נעמען דאָס ערנסט?

— אוודאי גלויבן זיי אין דעם. זיי וואַרטן אויס יעדן טאָג אויף דעם דערלייזער, אז ער זאָל קומען צו זיי.

— באַדאַרף מען זיי אַלעמען שיקן אויפן קרײַץ, מיט אים צוזאַמען!

— האָט פּילאַטוס אויסגערופן — און ער זאָל דאָס זײַן דער יידישער מלך?

און ער האָט אויסגעבראָכן אין א קאָנוולסיוון געלעכטער, וואָס ער האָט גאָרנישט געקאָנט אָפּשטעלן.

— ער האָט זיך פאַר אזעלכן געלאָזט אויסרופן. ער האָט זיך געלאָזט ארײַנפירן אויף אן אייזעלע קיין ארץ־ישראל און זיך אויסרופן פון זײַנע גלויביקע פאַר דעם משיח.

— אָ, דאָס איז דער מאַן אויפן אייזעלע, וואָס מיר האָבן אָנגע־טראָפן, באַגלייט מיט א גרויסן צוג, ווען מיר זענען געווען אויפן וועג צום טעאַטער?

— דאָס איז ער! ער האָט זיך דערנאָך אַרײַנגעריסן אין בית־מקדש־הויף און מיט א שטריק ארויסגעיאָגט די טויבן־פאַרקויפער און די געלט־ווערסלער. אנשטאָט אים פעסטצונעמען פאַר דעם שאָדן, וואָס ער האָט אָנגעטון, און פאַר דער באַליידיקונג, האָבן אים די כהנים פרײַגע־לאָזן. זיי האָבן אפילו געשיקט צו אים שליחים. מיר האָבן א גרונד צו גלויבן, אז זייערע געלערנטע און אפילו די כהנים אליין האָבן אים גע־וואָלט אויסהיטן פון אונזערע הענט. און נאָר דורך דײַן שטרענגן באַפעל איז עס אונז, ענדלעך, געלונגען אים פעסטצונעמען. זיי אַלע דערוואַרטן פון אים אויסערגעוויינלעכע וואונדער, וואָס ער האָט זיי אײַנגערעדט, אַז ער קאָן באַווײַזן. ווען ער וועט זיי באַפרײַען פון אונזערע הענט, וועלן זיי אים קרוינען פאַר דעם יידישן מלך. דאָס שטייען זיי איצט אין דרויסן און וואַרטן דערויף, אַז ער זאָל אונז אַלעמען פאַרטיליקן מיטן הויך פון זײַן מויל.

איך האָב געקוקט אויף פּילאַטוסעס פּנים. עס איז בלוי געוואָרן ווי א מילך. דאָס איז געקומען פון זײַן כעס און אויך פון אביסל מורא. מיר דאַכט זיך, אז אין דער טיפעניש פון זײַן האַרץ האָט ער אָנגעהויבן אימה צו באַקומען פאַר דעם פרעמדן, אומפאַרשטענדלעכן, מיסטישן מאַן, וואָס שטייט פאַר אים אין זײַן ווײַס קלייד, הערט זיך צו צו די רייד, שווײַגט. און אן ערנסט ליגט איבער אים, ווי אָט באַלד טאָקע קאָן ער די הענט אויפהויבן און וואָס אויסריידן, און חיילות פון הימל אַראָפּפאָדערן.

— יאָ, איך האָב שוין געהערט וועגן אים, — און פּילאַטוס האָט זיך געווענדט צום אָנגעקלאָגטן: — ביסטו דער קעניג פון די יידן?

דער אָנגעקלאָגטער האָט נישט געקוקט אויף פּילאַטוסן. ער איז גע־שטאַנען ווי ער וואָלט אין זיך אליין אַרײַנגעגאַנגען, און האָט אָפּגע־ענטפערט:

— אתה אמרת!

— וואָס הייסט דאָס אין אונזער לשון?

— דו האָסט עס געזאָגט.

— עס הייסט, דו באַשטעטיקסט עס?

ישוע האָט אים געלאָזט אָן ענטפער.

— ווייסטו דען נישט, אז ער קאָן דיך שיקן אויפן קרײַץ אָדער באַ־פרײַען? ווייסטו נישט, פאַר וועמען דו שטייסט? — האָבן די לײַט צו־גערופן צו ישוען.

ישוע האָט זיי אויך נישט געענטפערט.

— האָט דער סנהדרין אים אויסגעהערט? — האָט פּילאַטוס מיך געפרעגט.

— יאָ. בײַנאַכט.

— וואָס האָבן זיי געפונען פאַר א שולד אין אים?

— גאָט־לעסטערונג. זיי שטייען אין דרויסן. זיי ווילן נישט אריינ־קומען, ווײַל זיי האָבן מורא זיך אומריין צו מאַכן מיט איבערטרעטן דאָס פּראָקוראַטאָריום.

איבער פּילאַטוסעס פליישיק, אויסגעהאַמערט פּנים איז אַן איראָ־נישער שמייכל אדורכגעגאַנגען. מען האָט שוין אָנגעזען, אז דער ענין מיטן יידישן קעניג אַמוזירט אים מער ווי עס אינטערעסירט אים.

— אויב אזוי, וועל איך ארויסגיין צו זיי, האָט פּילאַטוס געזאָגט.

אויפן פּלאַץ פון פּראָקוראַטאָריום, פאַר דעם ברייטן פּאַסאַד, גע־פּלאַסטערט מיט מאָזאַיק, וואָס מען האָט גערופן „גזיתא״, איז געווען די הויכע פּלאַטפאָרמע, וואו מען פלעג פאַרלייענען פאַרן פאָלק דעם קייסערס מאַניפעסטן. א ברייטע, פינף־שטופּיקע טרעפּ האָט געפירט ארויף צו דער פּלאַטפאָרמע. איבער די טרעפּ זענען געשטאַנען די שליחים פון כהן גדול מיטן קטגור אין דער שפּיץ, אויך האָט מען באַמערקט צווישן זיי חנן, דעם יינגסטן זון פון כהן גדול, וועלכער איז מיטגעקומען מיט די שליחים צו באַריכטן פאַרן פּראָקוראַטאָר. דעם פּלאַץ אָבער פאַר דעם פּאַסאַד האָט אָנגעפילט אַן עולם, וואָס איז דאָרט געשטאַנען פון גאַנץ פרי אָן. ווייניק פרויען, פיל מענער. אין די פּלאַמיקע אויגן זייערע, אין זייערע ברייטע ברוסטן און קנאַכיקע, אויסגעשטרעקטע הענט האָט מען דערקענט, אז זיי זענען די פאַרבליבענע רעשטן פון בר־אבאס שאַרן. זײַנע לײַט זענען זיך צונויפגעקומען ארויספאָדערן בר־אבאן אויף יום־טוב, וואָרעם איידער פּילאַטוס האָט נאָך געהאַט צײַט דאָס מויל אויפצו־עפענען, האָט זיך געהערט א געשריי און א מורמל פון פאָדערונג און פון געבעט:

— באַפרײַ אויף יום־טוב בר־אבן!

— גיב אונז ארויס בר־אבאן!

— בר־אבא!

— און מיט דעם מלך פון די יידן וואָס זאָל איך מאַכן? — האָט פּילאַטוס זיי געפרעגט מיט איראָניע.

די מאַסע האָט נישט געוואוסט, וועמען ער מיינט. פיל פון זיי האָבן גאָרנישט געוואוסט, אז דורך דער נאַכט איז ישוע פעסטגענומען געוואָרן.

— וועלכן מלך פון די יידן?

— אײַער משיח!

— דער, וואָס האָט אונזערע קראַנקע געהיילט?

— דער נביא פון נצרת?

— ווען האָט מען אים פעסטגענומען?

— דו זעסט דאָך, אז די בני־חנן שטייען דאָ.

— שווײַגט שטיל, לאָזט דעם הגמון רעדן!

פּילאַטוס האָט זיך געווענדט צום קטגור, וועלכער איז געשטאַנען מיט די שליחים פון די כהנים.

— וואָס פאַר א בייז האָט איר געפונען אין אים, אין דעם, וואָס איר רופט דער מלך פון די יידן?

— ער האָט דערקלערט עפנטלעך פאַרן כהן גדול, אז ער וועט זיצן ביי דער גבורה פון דער רעכטער האַנט און קומען מיט די וואָלקנס, — האָט דער קטגור פאַרגעלייענט פון דעם באַריכט.

— פאָטער אין הימל! דאָס איז דאָך גאָט־לעסטערונג! מיתה קומט אים דערפאַר! — האָבן זיך געהערט שטימעס — האָט ער דאָס געזאָגט?

— אז ער באַווייזט דאָס נישט, איז עס גאָטלעסטערונג. קיינער האָט עס ביי אונז נישט געזאָגט, — נישט אברהם, נישט משה, נישט דוד.

— וואָס נאָך האָט ער פאַרשולדיקט?

— ער האָט זיך דערקלערט פאַרן מלך משיח.

— וואָס קומט אים דערפאַר?

— ווען ער באַווייזט עס אונז נישט דורך א צייכן, אָדער ער רעדט צו צו דינען אַנדערע אָפגעטער, ווען אפילו ער באַווייזט צייכנס, קומט אים דערפאַר דער טויט.

— ער האָט נישט צוגערעדט צו דינען אַנדערע אָפגעטער, נאָר דעם איינציקן לעבעדיקן גאָט! — האָבן שטימעס גערופן פון עולם.

— ער קאָן נאָך דעם צייכן באַווייזן!

— ער וועט אים באַווייזן איצט, פאַר פּילאַטוסן!

— ווילט איר, אז איך זאָל אייך פרייַלאָזן אייער קעניג פון די יידן?

— האָט פּילאַטוס געפרעגט דעם עולם.

— וואָס זאָגט ער? וואָס זאָגט ער? — האָבן שטימעס זיך געהערט פון עולם.

— דער פּראָקוראַטאָר פרעגט, וועמען ער זאָל פרייַלאָזן אויף יום־טוב, — בר אבאן אָדער דעם קעניג פון די יידן?

דער עולם האָט געוואָרט א ווייל. עס האָט זיך אָנגעהויבן א דער־באַטע צווישן די לייט. איינער האָט זיך מיטן אַנדערן געשפּאַרט. הענט האָבן זיך גערוקט אין צווייטנס באָרד אריין. פּילאַטוס און זיינע לייט האָבן זיך אמוזירט.

— קוק, קוק ווי די יידעלעך שפּאַרן זיך! זיי וועלן באַלד איינס דעם אַנדערן די אויגן אויסשטעכן, — האָט פּילאַטוס געזאָגט צו מיר, לאַכנדיק און טייטנדיק מיטן פינגער.

— ער איז נישט קיין קעניג פון די יידן, ער איז א גאָטלעסטערער!

— ניין, ער איז א הייליקער מענטש. מען ווייס נישט, ווער ער איז. ער וועט א נס באַווייזן, — איר וועט זען.

— ער האָט אונז געהייסן מס דעם קייסער באַצאָלן!

— ער האָט אונזערע קראַנקע געהיילט. נסים האָט ער באַוויזן יעדן טאָג. די בני־חנן האָט ער פון בית־מקדש פאַרטריבן. דערפאַר קלאָגן זיי אים אָן פאַרן מלכות.

— דער מלך משיח! ווער זאָגט עס, ער איז מלך משיח?

— דער פּראָקוראַטאָר אַליין האָט אים אָנגערופן מלך משיח.

דאָ האָט זיך אויפגעשטעלט מײַן פרײַנד, חנן בן־חנן, און האָט גע־רופן פון די שטופּן פון דער פּלאַטפאָרמע אַראָפּ צום פאָלק:

— אַפּטמאָל זענט איר געקומען צו אים און איר האָט פאַרלאַנגט א צייכן פון אים, אז ער זאָל אײַך באַווײַזן, אז ער איז דער מלך משיח. ער האָט אײַך אָפּגעזאָגט דעם צייכן. איצט זאָל ער אים באַווײַזן, ווי אליהו הנביא האָט עס באַוויזן אויפן הר־הכרמל: זאָל ער די נביאי־בעל פאַרניכטן!

— די נביאי־בעל זאָל ער מיטן הויך פון זײַן מויל פאַרניכטן!

— זאָל ער קומען אויף די וואָלקנס צו רײַטן בײַ דער גבורה!

— פּילאַטוס זאָל זײַן דער צייכן!

— פּילאַטוס זאָל זײַן דער צייכן!

— וואָס הייסט עס? וואָס רופן זיי מײַן נאָמען? — האָט פּילאַטוס געפרעגט בײַ מיר.

— דאָס רופן זיי צו זייער משיח, אז ער זאָל זיי באַווײַזן א נס דורך דיר.

פּילאַטוסעס פּנים איז אָנגעלאָפן מיט בייזקייט. דאָס בלוט האָט אים געגעבן א שלאָג אין דיקן, קורצן האַלדז, אז איך האָב געמיינט, ער קריגט די אַפּאָפּלעקציע. דאָך האָט ער זיך געמיט צו שמייכלען און נאָכאַמאָל געפרעגט דאָס פאָלק:

— ווילט איר, אז איך זאָל אײַך באַפרײַען דעם קעניג פון די יידן?

— בר־אבאן! דער משיח וועט זיך אַליין באַפרײַען!

פּילאַטוס האָט זיי גאַרנישט אָפּגעענטפערט. אין זײַן פּנים איז געווען צו דערקענען, אז ער האָט זיך שוין געהאַט באַשלאָסן, וואָס צו טון. ער איז צוריק אַרײַן אין פּרעטאָריום. ער האָט געקוקט אויף דעם אָנגעקלאָגטן. איבער דעם פּנים פון אָנגעקלאָגטן זענען אַדורכגעגאַנגען ווייטאָקדיקע גרימאַסן. מען האָט אָנגעזען אין דער באַוועגונג פון זײַנע ליפּן, אז ער וויל עפּעס זאָגן צו די, וואָס שטייען אין דרויסן, נאָר אויף זײַנע ליפּן איז געלעגן א חתימה און אויף זײַן פּנים — דער טרויער פון דער וועלט.

— דו הערסט, וואָס זיי זאָגן? — האָט פּילאַטוס געפרעגט.

ישוע האָט אים קיין בליק נישט געשאָנקען.

— גייט לאָזט פרײַ בר־אבאן! האָט פּילאַטוס באַפוילן צום טריבון.

בר־אבאס טריבון, דער אַלטער פּעטראָניוס, וועלכער האָט גוט גע־קענט די צושטאַנדן אין יהודה, וואָרעם ער האָט געדינט שוין אונטער די פריערדיקע פּראָקוראַטאָרן, האָט זיך דערוועגט זיך שטעלן פאַר פּי־לאַטוסן:

— פּראָקוראַטאָר, — האָט ער געזאָגט, — בר־אבא איז א געפער־לעכער פאַרברעכער. ער האָט אַרויסגערופן אַן אויפשטאַנד. ווען מען וואָלט נישט באַצײַטנס באַקומען קיין אינפאָרמאַציע וועגן אים, וואָלט

דער אויפשטאַנד געקאָסט פיל לעבנס. ער האָט אויף זיך עטלעכע מאָרדן. אויך איז א צאָל לעגיאָנערן געפאַלן אין קאַמף ביי זיין פעסטנעמען. אקעגן־אָבער, דער מאַן דאָ, וואָס זיי רופן אים „דער קעניג פון די יידן", — מיר ווייסן נישט פון קיין פאַרברעכן, וואָס ער זאָל האָבן באַגאַנגען. קיין בלוט איז דורך זיין האַנט נישט פאַרגאָסן געוואָרן. פאַרקערט, מיר האָבן די אינפאָרמאַציע, אז ער האָט געראָטן דאָס פאָלק אין בית־מקדש־הויף צו באַצאָלן דעם קייסער דעם מס, וואָס עס קומט. בר־אבא האָט שטענדיק אַגיטירט צו אַן אויפשטאַנד קעגן רוים. פון ווען אָן, פילאַטוס, גיסטו נאָך דעם המון?

פילאַטוס איז בייז געוואָרן. און ווי תמיד, ווען ער איז בייז געווען, האָט זיין גרויסער, מעכטיקער, קאַלער קאָפּ זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט, און זיין גרויסע, ברייטע ברוסט — מיט שטאָלצקייט און גאווה, אז מען האָט געמיינט, אָט א מינוט, וועט די שטאָלענע הילזע, וואָס האַלט דעם ים מיט גאווה, צעשפּאָלטן ווערן, פּלאַצן, — און עס וועט ארויסשפּריצן פון אים. ער האָט זיינע פליישיקע ליפּן אראָפּגעלאָזט, א ברום געגעבן מיט זיין נאָזדרע און א פרעכן בליק געוואָרפן אויפן אַלטן פּעטראָניוס.

— דער העברעישער גייסט איז פאַר אונז מער געפערלעך, ווי דער העברעישער פויסט. גיי, גיב אים איבער אין די הענט פון די זעלנער! קאַטעווען און קרייציקן! קרוינט אים פאַרן יידישן קעניג!

אין געריכט-הויף, בשעת דער אונטערהאַנדלונג, האָבן זיך געפונען פיל לעגיאָנערן פון דער קאָהאָרטע.

מיר האָבן געהאַט אין פּראָקוראַטאָריום גערמאַנישע רייטערס, א הילף־פאַרשטאַרקונג, וועלכע מיר האָבן שטענדיק געצויגן קיין ירושלים אויף די יום־טובים. פאַר די גערמאַנישע רייטערס האָבן די יידעלעך זיך געשראָקן אימת מות. א פיינדשאַפט האָט געהערשט צווישן די יידן און די גערמאַנישע רייטערס נאָך פון הורדוסעס צייטן אָן. הורדוס האָט זיך באַנוצט מיט די גערמאַנישע רייטערס אונטערצודריקן דעם יידישן פעבל, צו האַלטן די יידישע מאַסן ביי זיינע פּיס. יעדעס מאָל, ווען מיר האָבן געוואָלט די יידן אָנלערנען אָדער אָנשרעקן, האָבן מיר אויך זיך באַנוצט מיט די גערמאַנישע רייטערס. א סך פון די גערמאַנען, ווען זיי זענען אַלט געוואָרן און האָבן זיך מער נישט געטויגט פאַר לעגיאָנערן, זענען אפילו איבערגעגאַנגען צו דינען ביים כהן גדול. דער כהן גדול האָט זיי געלאָזט מלה־זיין, אז ער זאָל זיי קאָנען האַלטן אין ירושלים, ווי קנעכט, און זיי אָנגעשטעלט אָפּצוהיטן די אָרדענונג אויף די ירו־שלימער גאַסן, וועגן און טויערן. די אויסגעדינטע גערמאַנישע לעגיאָ־נערן האָבן זיך זייער געטויגט פאַר דער פּאָליציי־אַרבעט, באַקומענדיק פון כהן גדול גוטן געהאַלט און גוטע קעסט. זיי זענען געווען באַוואָפנט מיט קורצע שטעקעלעך, דובינקעס, וואָס די יידן האָבן גערופן „אלהם". אין זייערע שפּאָטלידער אויפן כהן גדול האָבן די יידן דערמאָנט די שטעקנס פון דעם כהן גדולס קנעכט.

דער אָנפירער פון די גערמאַנישע רײַטערס איז געווען איינער מיט אַ הילצערן, שלעכט פּנים און קאַלטע, גזלנישע אויגן, וואָס איז געווען דער שרעק פון די יידן. מען האָט אים גערופן הערמאַנוס. און אָט צו דעם הערמאַנוסן מיט זײַנע רײַטערס האָט עס פּילאַטוס איבערגעגעבן דעם פּאַראורטיילטן.

די גערמאַנישע רײַטערס האָבן זיך ארומגעדרייט אין הויף פון פּראָקוראַטאָריום און אויסגעוואַרט, ווי עס וואַרטן בלוט־הינט, אז מען זאָל זיי צוואַרפן דעם ביסן. אז זיי האָבן דערהערט, אין וואָס דער בלייכער ייד מיטן דינעם קערפּער ווערט באַשולדיקט, אז ער האָט זיך געמאַכט פאַרן יידישן קעניג, האָבן זיי אויסגעבראָכן אין אַ ווילד געלעכטער. און איצט, אז זיי האָבן אים באַקומען אין די הענט אַרײַן, האָבן זיי זיך געפרייט מיט דעם ביסן, וואָס איז אַרײַנגעפאַלן צו זיי, ווי וועלף, וועלכע האָבן ארומגערינגלט אַ שעפּעלע.

הערמאַנוס האָט דעם פאַראורטיילטן אָנגענומען בײַ דער האַנט. אַ פּאָר שוואַרצע האָר פון זײַן גריוועדיקע האָבן זיך אַפּירגעריסן פון אונטער זײַן שווערן העלמעט מיט די פעדערן, וואָס איז געזעסן קרום אויף זײַן שמאָלן קאָפּ, און זיך צוגעקלעפּט צו זײַן קורצן שטערן, וואָס האָט געשלאָגן מיט שווייס. אַ גרימאַסע האָט זיך געשניטן איבער זײַן פּנים, ווי ער וואָלט געוואָלט לאַכן, אָבער דער שמייכל איז דאָרט פאַרשטיינערט געוואָרן צוליב די שווער־באַוועגלעכע, ווי אויס האָלץ געשניטענע מוסקעלן פון זײַן פּנים. אנשטאָט אַ שמייכל, איז ארויסגעקומען בײַ אים אַן ערנסטע, טרויעריקע גרימאַסע. ווי אַ חיה, האָט הערמאַנוס נישט געקאָנט לאַכן. עס איז געווען, ווי די שוואַרצע, אומזוניקע וועלדער, פון וועלכע ער איז ארויסגעקומען, האָבן שווער געלייגט דעם שטעמפּל פון זייערע מיסטישע זומפּן אויף אים. ער האָט געשלעפּט דעם פאַראורטיילטן בײַ דער האַנט, ווי אַ חיה איר קרבן, אין דעם אינעווייניקסטן הויף אַרײַן, וואו דער לאַגער האָט זיך אויפגעהאַלטן, און גערופן צו די לאַכנדיקע זעלנער:

— קומט, מיר וועלן דעם יידישן קעניג קרוינען!

אינעווייניק, אין הויף פון לאַגער, וואו די סאָלדאַטן האָבן זיך אויפגעהאַלטן, האָט זיך געפונען די שלאָג־זײַל. דאָס איז געווען אַ זײַל מיט רינגען, צו וועלכער מען האָט יעדן פאַראורטיילטן צום קרײַציקן געפירט פריער צו שלאָגן אים. וואָס זיי האָבן דאָרט געטון מיט ישוען, ווייס איך נישט. מיר זענען נישט מיטגעגאַנגען מיט די סאָלדאַטן. זיי האָבן אים דערינען, אין הויף פון לאַגער, אַ לאַנגע ווײַלע געהאַלטן. מיר האָבן נאָר געהערט דאָס ווילדע געלעכטער, וואָס האָט אויסגעבראָכן פון צײַט־צו־צײַט אין הויף פון די סאָלדאַטן. מיר האָבן אָבער נישט פאַרנומען קיין איין קרעכץ, קיין איין געשריי פון דעם געשלאָגענעם. דערפאַר אָבער האָט פון דרויסן, פון דער גאַס, דורך די דיקע, הויכע, הורדוסשע מויערן, דורך דעם שווערן טויער זיך דערטראָגן צו אונז דאָס

געברום און דאָס געשריי פון המון, וואָס האָט וואָס אמאָל אַלץ מער זיך געזאַמלט פאַר דעם פּראָקוראַטאָריום. די באַוועגונג איז געווען ווי דאָס שלאָגן פון כוואַליעס אויף א וואַנט פון א דאַמבע. עס האָבן געמוזט איצט אין דרויסן אַלץ גרעסערע שטראָמען פון מאַסן קומען אָנצולויפן, וואָרעם דער רויש און דער געברום איז וואָס אמאָל העכער געוואָרן.

ענדלעך, האָט הערמאַנוס ארויסגעבראַכט צו שלעפּן ביי דער האַנט דעם פאַרמשפּטן און אים צוגעפירט צו פּילאַטוסן, וועלכער איז געשטאַנען מיט זיינע אָפיצירן. ער האָט זיך פאַרבויגן פאַר דעם געפייניקטן ווי פאַרן קייסער, און האָט מיט זיין פאַרפינצטערטער, פאַרכמורעטער גרימאַסע אויפן פּנים, אויסגערופן:

— דער קעניג פון די יידן!

מיר האָבן געזען דעם פאַרמשפּטן. אויף זיינע שוואַרצע, האַלב־פאַר־גרויטע לאָקן איז איצט געזעסן א קראַנץ, געפלאָכטן אויס דערנער. די דערנער האָבן מיט זייערע שפּיצן אדורכגעשטאָכן דורך זיינע האָר אין דער הויט און אין דעם ביין פון זיין קאָפּ. קליינע שטרעמלעך בלוט, רינענדיק פון זיינע וואונדן, האָבן צוזאַמענגעקלעפּט די האָר פון זיינע פּאות מיט זיינע באַקנבערד, זענען אריינגעפלאָסן אין זיין באָרד אריין, און פון דאָרט האָבן זיי געטריפט, טראָפּנוויַיז, איבער זיין לאַנגן האַלדז און זיך געלייגט אויף זיין נאַקעט לייב. יאָ, דער מלך פון די יידן איז געשטאַנען, א נאַקעטער, פאַר אונז, א נאַקעטער, געקרוינט מיט א קרוין פון דערנער, און זיין גאַנצער, ווייסער קערפּער איז באַדעקט געווען מיט שפּורן פון די ריטער, וועלכע די זעלנער האָבן געלאָזט רעגענען איבער אים, מיט בלויע, אָנגעלאָפענע שמיץ־שטרייפן. טייל פון זיי האָבן גע־פּלאַצט און בלוט האָט געשפּריצט פון זיי. אָבער מערקווירדיק: מיט זיין גאַנצער נאַקעטקייט, ווי ער איז אזוי געשטאַנען פאַר אונז, האָט עס דאָך אויסגעזען, ווי די בלויע, רויט־פאַרלאָפענע שטרייפן, די שפּורן, וואָס די שמיץ האָבן איבערגעלאָזט אויף זיין לייב, באַקליידן אים מיט א שיינענדיק מלכות-קלייד. ער האָט זיך נישט געשעמט מיט זיין נאַקעט־קייט. זיינע אויגן, וואָס זענען געווען געריכטעט צו אונז, האָבן מער געהאַט דעם בליק פון רחמנות איבער אונז, איידער פאַרשעמטקייט אָדער ביטערקייט. און אפשר האָט זיך עס מיר נאָר אזוי אויסגעוויזן, וואָרעם איך מוז זיך מודה זיין, אז איך האָב אָנגעהויבן אַנטדעקן אין זיך עפּעס א שוואַכקייט צום רבין זייערן. שוין פריער נאָך, ווען איך האָב אים געלאָזט אריינפירן אין קערקער און געזען זיין טרויעריק, ווייַ־טאָקדיק פּנים; און שפּעטער, ווען איך האָב געזען זיין האַלטן־זיך ביים משפּט פאַר פּילאַטוסן, ווי ער האָט פאַרשוויגן יעדע באַשולדיקונג און אפילו נישט געפּרוווט זיך פאַרענטפערן פאַר פּילאַטוסן, האָב איך גע־פילט, ווי א סימפּאַטיע הויבט אָן זיך וועקן אין מיר צו דעם מאַן, א סימ־פּאַטיע, וועלכע האָט גענומען אונטערגראָבן מיין שטעלונג פון א טריבון, און איך האָב דערפילט, אז איך קאָן נישט פירן די אָנקלאַגע קעגן אים

מיט יענער איבערצײַגונג אין דער גערעכטיקייט פון אונזער זאַך, ווי איך וואָלט עס באַדאַרפט טון, און איך האָב מיר געזאָגט: — קאָרנעליוס, זײַ פאָרזיכטיק! דער מאַן הויבט אָן דיך אויך אַרײַנצוציִען אין זײַן פאַר־כישופטן קרייז. — וואָרעם עס איז נישט געווען בלויז זײַן שטעלונג, זײַן האַלטן־זיך, וואָס האָט אויף מיר געווירקט, נאָר עס איז עפּעס גע־לעגן אין זײַן וועזן, אין זײַן שווײַגנדיקן, טרויעריקן, און דאָך באַרואיקטן בליק, וואָס האָט זיך טיף אַרײַנגעריסן אין דיר און געוועקט אין דיר העברעישע געפילן, סעמיטישע סענטימענטן. איך האָב געקעמפט קעגן דעם. איצט אָבער, ווען איך האָב דערזען זײַנע אויגן, ווי זיי קוקן אַרויס פון די שטרעמלעך בלוט, האָבן די בליקן זײַנע, אַדורכגעווייקט מיט רחמנות און צער, אָנגעהויבן צעשמעלצן מײַן האַרץ. איך האָב געפילט, אַז זײַנע בליקן בינדן מיך, ווי אַ קאַלב, און וועלן מיך באַלד אוועקלייגן צו זײַנע פיס, און איך וועל ווערן ווי איינער פון זײַנע גלויביקע, אַ צע־קראָכענער, סענטימענטאַלער העברעער. איך האָב געפּרוווט זיך ראַ־טעווען פון אים. איך האָב צונויפגענומען מײַן גאַנצע רוימישע מענלעכ־קייט און בין געגאַנגען אין קאַמף מיט אים. איך האָב צוהילף גערופן מײַן פאַראַכטונג צו די יידן און זייער גאָט. יאָ, פּילאַטוס האָט רעכט, — האָב איך מיר געטראַכט, — דער העברעישער גײַסט איז פאַר אונז מער געפערלעך, ווי דער העברעישער פויסט. און איך בין אויך אַרײַנגעפאַלן אין דעם כאָר פון געלעכטער.

— עס וואָלט געווען אַ גלײַכע זאַך אַריבערצושיקן דעם „מלך פון די יהודים" צום אַלטן פוקס, — האָב איך אײַנגערוימט פּילאַטוסן אויפן אויער. — עס וועט זײַן אַ גוט אָנצוהערעניש פאַר אים: זאָל ער זען, ווי דער מלך פון די יהודים זעט אויס.

— האָסט רעכט. נעם אים און פיר אים אַריבער צו הורדוס אַנטיפּאַ. אַגב, איז דער באַשולדיקטער נישט קיין גלילער? ער איז הורדוסעס אַ לאַנדסמאַן. פיר פאַר דעם יידישן קעניג פאַר אים!

מיר האָבן גענומען ישוען, מיטן דערנער־קראַנץ אויפן קאָפּ, מיט די הענט אַרונטערגעבונדן אויפן רוקן, און מיר האָבן אים אָנגעהאנגען אויפן האַלדז אַ טאָוול מיט דער אויפשריפט: „דער מלך פון די יהודים". און אַזוי, באַגלייט פון אונזערע זעלנער, האָבן מיר אים אַרויסגעפירט צום חשמונאים־פּאַלאַץ. ווען דער פעבל, וואָס האָט אים אָפּגעוואַרט אין דרויסן, פאַרן פּראָקוראַטאָריום, האָט דערזען ישוען מיט דעם דער־נער־קראַנץ אויפן קאָפּ און מיט דעם טאָוול „דער מלך פון די יהודים", איז געוואָרן אַ גרויס אויפרודערונג צווישן זיי. עס האָבן זיך געהערט געשריען:

— פאַרוואָס שרײַבט ער: „דער מלך פון די יהודים"? זאָל ער שרײַבן: „ער רעדט זיך אײַן, אַז ער איז דער מלך פון די יהודים".

— פּילאַטוס וויל אונז באַליידיקן דורך דעם מלך פון די יהודים!

— זעט, ווי פּילאַטוס לאַכט אויס אונז!

א טייל עולם האָט ישוען באַגלייט צום חשמונאים־פּלאַץ, וואָס האָט זיך געפונען אין דער נאָענט פון פּראָקוראַטאָריום. איך האָב אים אריינ־געפירט אין די שווערע, סוד־האַלטנדיקע מויערן, געפירט אים דורך די טונקלע, הויכע קאָרידאָרן, וואָרעם דאָס הויז פון די חשמונאים איז געווען אַן אַלטער, פּרעמד־אַרטיקער בנין אין אַזיאַטישן, באַבילאָנישן סטיל. עס איז געווען טונקל אין דער גרויער, אומהיימלעכער, הויכער האַלע, אין וועלכער מען האָט אונז געבראַכט — פאַר הורדוס אַנטיפּאַ. ער אליין איז געזעסן אין א טראַן־אַרטיקער, מאַסיווער שטול, אין דעם סאַמע פינצטערסטן ווינקל פון זאַל, באַלויכטן אין מיטן העלן טאָג מיט א דעמפּיק אייל־ליכט, וואָס האָט זיך געברענט אין א וואַזע. אין דער ווירקלעכקייט האָב איך געקאָנט באַמערקן די אויסערגעוויינלעכע בלייכ־קייט פון טעטראַרכס פּנים. עס איז נישט געווען ווייס, נאָר געלבלעך, ווי ער וואָלט געווען געליטן אויף דער גאַל. ער האָט געמוזט א היבש ביסל זיך שרעקן פאַר דעם אומהיימלעכן מאַן, וואָס איך האָב, א געבונ־דענעם, מיט טריפנדיקע טראָפּנס בלוט אויף זיין פּנים, געשטעלט פאַר אים, וואָרעם איך האָב באַמערקט ווי דעם טעטראַרכס ברוסט האָט זיך געהויבן און איז געפאַלן פון הינטער זיין לויזער טאָגע. ער האָט אזש פאַר אויפרעגונג זיך אויפגעכאַפּט פון זיין זיץ, נאָר אין צייט דערמאָנט זיך אין זיין ווערדע, איז ער געבליבן זיצן. אויך ער, אזוי ווי די כהנים און זייערע געלערנטע, האָט דערוואַרט, אז ישוע זאָל עפּעס באַווייזן א נס. וואָרעם די גאַנצע צייט, וואָס ישוע האָט זיך געפונען פאַר אים, האָט מען אַנגעזען די שרעק, וואָס ליגט אויף זיין פּנים, ווען אפילו ער האָט זיך געמיט די שרעק צו פאַרשטעלן מיט געמאַכטער פרייד און מיט נייַ־גיריקייט, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן צו זען דעם וואונדערלעכן מאַן:

— אזוי! איז דאָס דער וואונדערלעכער מאַן, וואָס וועקט אויף טויטע פון די קברים? איז דאָס דער מאַן, וואָס דאָס פאָלק זאָגט אויף אים, אז ער איז אליהו הנביא?

נאָר פּלוצלינג איז הורדוסעס אויג געפאַלן אויפן טאָוול, וואָס ישוע האָט געטראָגן אויף זיין ברוסט. ער האָט איינגעבויערט זיין בליק אין די ווערטער. און ווי נאָר ער האָט איבערגעלייענט „דער מלך פון די יהודים", האָט זיין פּנים אָנגענומען א קאָליר, שוואַרץ ווי די ערד. זיינע אויגן האָבן זיך איבערגעדרייט מיט די ווייסל־בעלמעס אַרויס צו די זייטלעך. ער האָט קיין וואָרט נישט געקאָנט פון זיין מויל אַרויסברענגען. עס האָט מיר א באַזונדער פאַרגעניגן פאַרשאַפט צו זען דעם איינדרוק, וואָס די ווערטער האָבן געמאַכט אויף דעם פּרעטענדירער פון דער יידישער קרוין. איך האָב זיך גענחתט צו שטודירן די שרעק, די ביטער־קייט און דעם מאַכטלאָזן כעס, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אויף דעם טעטראַרכס פּנים. איך האָב עס מיר גוט געמערקט, כדי איך זאָל קאָנען שפּעטער פאַרציילן פּילאַטוסן וועגן דעם עפעקט, וואָס די ווערטער האָבן געמאַכט אויפן פּרעטענדירער פון דער יידישער קרוין.

באַלד האָט דער טעטראַרך זיך באַרואיקט. ער האָט זיך קאָנטראָ־לירט. כאָטש מען האָט אָנגעזען דאָס פײַער, וואָס ברענט אין אים, איז זײַן פּנים רואיק געווען. נאָר זײַנע אויגן האָבן אָנגענומען א מאָדנע טיפע טרויעריקייט. ער האָט זיך אײַנגעקוקט אין דעם פּנים פון דעם מאַן, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים.

אַן אויגנבליק האָבן די בײדע מענער זיך באַגעגנט מיט די בליקן. הורדוסעס בליק איז געווען טיף געזונקען אין טרויעריקייט. ער האָט פאַראַטן אַן אומרואיקע נישט־זיכערקייט, א פאַרצווייפלט טאַפּן אין דער פינצטער, אַן אומבאַשרײַבלעכע מורא, ווי ער וואָלט געזען דעם מויל פון דער גרוב פאַר זיך. דער בליק פון דעם געבונדענעם, כאָטש אדורכגע־ווייקט מיט צער און ווייטאָק, איז אָבער אויך געווען פול מיט זיכער־קייט, ערנסט, מחילה־בעטנדיק און רחמנות־פאַרטײַלנדיק. א טיפע, לאַנגע מינוט האָב איך געזען, ווי די צוויי מענער האָבן זיך געקוקט אין די אויגן אַרײַן. און פּלוצלינג איז עפּעס וואָס געשען. דער טעטראַרך, דער האַר, דער מעכטיקער, האָט זײַן בליק טיף אײַנגעגראָבן אין דער ערד, מיט פאַרשעמטקייט און שוואַכקייט פאַר דעם בליק פון דעם גע־בונדענעם אונטערטאַן, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים, מיט א דערנער־קראַנץ אויפן קאָפּ, מיט שטרעמלעך בלוט, וואָס האָבן פון אונטער די שטעכערס גערונען אַראָפּ אין זײַנע פאות און אין זײַן באָרד אַרײַן.

— וואָס איז די שולד פון דעם מאַן, וואָס איר האָט געבראַכט פאַר מיר? — האָט הורדוס געפרעגט.

— זײַן שולד שטייט אָנגעשריבן אויף זײַן האַרץ, — זאָג איך צום טעטראַרך און באַווײַז אים דעם טאָוול, וואָס ישוע האָט געטראָגן.

הורדוס האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי ער וואָלט ערשט איצט צום ערשטן מאָל באַמערקט דעם טאָוול מיט דער אויפשריפט, און ער האָט אויסגעפּלאַצט אין א היסטעריש געלעכטער. איך ווייס נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג נישט, צי האָט ער געשפּילט פאַר מיר קאָמעדיע, כדי אָפּ־צוווערן פון זיך די שטעכיקע אָנצוהערעניש, וואָס פּילאַטוס האָט אים געגעבן מיט דער אויפשריפט אויפן טאָוול, אָדער ער האָט געוואָלט זיך ראַטעווען פון דער שרעק, וואָס איז אים באַפאַלן, — קומענדיק פּנים־צו־פּנים מיט דעם מאַן, האָט ער זײַן אַנגסט אויפגעלייזט אין א קאָנוואול־סיוו געלעכטער. — וואָרעם אַלע, אַלע האָבן זיי זיך געשראָקן פאַר דעם רבין פון נצרת. איך האָב הורדוסן קיינמאָל פריער נישט געזען אזעלכן; ער האָט זיך געוואָלגערט אויף זײַן שטול פאַר געלעכטער, האָט זיך גע־האַלטן בײַם בויך; די טרערן האָבן אים אזש ארויסגעשפּראָצט פון די אויגן און גערונען איבער זײַנע גרויסע באַקן־פעלדער.

— דער מלך פון די יהודים, — דאָס איז גוט! דער מלך פון די יהודים! אַהאַ, דאָס איז גוט! דאָס איז א שפּאַס!

און ער האָט גענומען דעם פּורפּור־מאַנטל, וואָס ער האָט געטראָגן און אים א וואָרף געגעבן איבער דעם געבונדענעם.

— אויב א מלך, מוז מען דאך אים קליידן אין פורפור! נישט אמת, הגמון? און גיט איבער מיין שלום צום פראקוראטאר, און זאגט אים, אז פאר דעם שפאס, וואס ער האט מיר פארשאפט, האב איך אים פארגעבן אלע עוולות, וואס איך האב קעגן אים. פילאטוס האט מיר געוואלט פרייד אנטון, פילאטוס איז מיין פריינד, — האט דער טעטרארך געלאכט און געפרייט זיך.

איך האב נישט געוואוסט, צי ער מיינט דאס ערנסט, אדער ער מאכט נאר אן אנשטעל, — אזוי גוט האט ער זיין קאמעדיע געשפילט, דער כיטרער פוקס.

— מיין גרוס צו פילאטוסן! — האט ער אונז צוגעוואונקען און א מאך געטון קעניגלעך־גרויסמוטיק מיט דער האנט צו לאזן אונז וויסן, אז די אוידיענץ איז געענדיקט.

איך האב גענומען דעם געבונדענעם און אים צוריקגעבראכט אין פראקוראטאריום.

ווי די יידן האבן דערזען צוריקפירן דעם ישוע אין א פורפורנעם מאנטל, — די ריטשקעלעך בלוט, וואס האבן איצט גערונען שוין שטאר־קער פון אונטער זיין דערנערקראנץ, האבן באהאפטן זיין פנים מיט זיין מאנטל אין איין קאליר, — אזוי איז א גרויס געוויין געווארן צווישן זיי. זיי האבן זיך געשאקלט, ווי א שטורעמווינט וואלט זיי געטרייסלט, און געקלאגט:

— זע, גאט, אונזער שאנד! דאס מויל פון רשע איז פול מיט גע־לעכטער איבער אונזער בראך!

דערפאר אבער, ווען פילאטוס מיט זיינע אפיצירן האבן דערזען דעם מלך פון די יידן אין זיין גאנצער פראכט, ארומגעהילט אין א פורפור־קלייד, האט דאס נאך מער זיי געררייצט צו געלעכטער און שפאט:

— גיב אים א גילדענע רוט אין האנט אריין, ווי א מלך! — האט פילאטוס באפוילן!

די זעלנער האבן גענומען א צוקער־ראר און געשטעקט אים אין דער האנט אריין.

— שלום לך, מלך היהודים! — זענען די סאלדאטן געקומען איינער נאכן אנדערן, האבן זיך געבוקט פאר אים און געשפיגן אים אין פנים אריין.

דערווייל האבן די סאלדאטן ארויסגעבראכט פון לאגער א קרייץ, — צוויי העלצער, צוזאמענגעקלאפט אין א שתי-וערב. פילאטוס האט אנ־געקוקט דעם קרייץ און געהייסן אים צוברענגען צו זיך.

— שרייב אן אויף אים „ישוע, מלך פון די יידן" אין אלע דריי לשונות פון לאנד, אין לאטיין, גריכיש און העברעיש! — האט ער באפוילן.

מען האט דאס אויפגעשריבן אויפן קרייץ.

— גייט, באַווײַזט זיי זייער קעניג אין זײַן גאַנצער גלאָריע! — האָט ער ווײַטער באַפוילן צו די סאָלדאַטן.

אָבער קוים האָבן זיי געעפנט דעם טויער און ארויסגעפירט פאַר די אויפגעבראַכטע מאַסן דעם פארמשפטן, אזוי האָט קעגן אונז זיך אויפגעהויבן א שטורעם, — א ים מיט קעפּ און הענט! א שטילקייט און א פאַרכאַפּטע שרעק האָבן געגעבן א געשריי צו אונז פון די מאַסן. דענסטמאָל האָבן מיר שיר געהאַט אַן אויפשטאַנד. מיר האָבן פון זייערע הענט דעם כהן גדולס זון, מײַן פרײַנד חנן, קוים אַפּגעראַטעוועט א לעבעדיקן. איך האָב קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס איז דאָס פאַרגעפאַלן צווישן דעם פעבל פון אונזער ערשטן ביז צום צווייטן פאַרפירן זייער מלך פאַר זיי. וואָס זענען זיי אזוי אויפגערעגט געוואָרן? קאָנסטו מיר דאָס נישט דערקלערן?

— דערבײַ בין איך שוין געווען, — האָב איך געזאָגט. — נאָר כדי דו זאָלסט פאַרשטיין די ענדערונג, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דער אַפּוואַרטנדיקער מאַסע פאַרן פּראָקוראַטאָריום, בשעת איר האָט געפּײַניקט דערינען דעם רבין פון נצרת און חוזק געטריבן אויס אים, מוז איך פאַרציילן, וואָס מײַן רבי האָט געטון נאָך דעם ווי ער איז ארויסגעקומען פון משפט פון כהן גדול.

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק.

— ניין, מײַן רבי נקדימון האָט זיך נישט באַרואיקט און נישט צופרידנגעשטעלט זיך מיטן פסק־דין פון די כהנים קעגן דעם רבין פון נצרת. ניין. ער איז געווען שווײַגנדיק דעם גאַנצן וועג, נאָר עס איז געווען צו זען אין אים, אז אינעווייניק אין זיך קאָכט עס אין אים.

ער האָט זיך אויפגעהאַלטן אין בית־מדרש נישט מער ווי א קליינע ווײַלע. ער איז ארײַנגעגאַנגען צו זיך אין חדר, און מיר, די תלמידים, האָבן געבראַכט וואַסער פון דער ציסטערנע אין א כלי. ער האָט געוואַשן זײַנע הענט און זײַן פּנים. ער האָט געזאָגט „שמע", און מיר האָבן פאַר אים געגרייט דעם טיש. מיר האָבן דערלאַנגט אַליוון, גרינוואַרג, נישט קיין ברויט, וואָרעם עס איז געווען ערב־פּסח. ער האָט אָבער נישט געוואָלט טועם זײַן, וואָרעם ער האָט אײַליק די זאַך, האָט ער געזאָגט. ער האָט פאַרלאַנגט פון אונז, אז מיר זאָלן איבערבלײַבן אין דער היים און זיך צולייגן, וואָרעם פיר־און־צוואַנציק שעה זענען מיר, מײַן חבר רופוס און איך, געווען אויף די פיס, און עס זענען נאָך געווען פאַר אונז אזוי פיל זאַכן אַפּצוריכטן. מיר האָבן זיך געקליבן דעם קרבן־פּסח צו ברענגען. דאָך האָבן מיר געבעטן אונזער רבין, ער זאָל אונז מיט־

נעמען אין בית-מקדש אריַין, וואָס ער איז געגאַנגען אהין באַגעגענען די תּלמידי־חכמים. מיר זענען געווען יונג, — און קוים האָבן מיר נאָר געַ־וואַשן אונזערע פּנימער און הענט און געוועקסלט אונזערע העמדער לכּבוד יום־טוב, האָבן מיר זיך געפילט פריש.

דער רבי האָט באַוויליקט אונז מיטצונעמען. מײַן פרײַנד רופוס האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט באַדאַרפט העלפן זײַן פאָטער, שמעון קוריני. יעדן ערב יום־טוב, האָט רופוס דערקלערט, ווען זײַן פאָטער האָט א פרײַען טאָג, גייט ער ארויס אין זײַן פעלד און יעטעט דאָרט אויס דאָס ווילדגראָז צווישן די אײלבירט־ביימער און קאָפּיעט אויף די ערד ארום זייערע וואָרצלען. און רופוס פלעגט אים העלפן אין דער אַרבעט. איצט אָבער, צוליב דער וויכטיקייט פון דער זאַך, האָט רופוס גענומען רשות פון רבין צו בלײַבן מיט אים.

מיר ביידע האָבן באַגלייט דעם רבין אין בית־מקדש אריַין. ווען מיר זענען פאַרבײַגעגאַנגען דעם ברייטן מאַרק, האָט די שטאָט שוין געהאַלטן אין אויפוועקן זיך. די קרעמער האָבן ארויסגעשטעלט זייערע קריגן מיט אייל פאַר די טירן פון זייערע קראָמען און געגרייטקט די מאָסן. קעמלען זענען געקומען אָנגעלאָדן מיט קריגן ווײַן פאַר די ווײַן־קראָמען, און די לײַט, ס׳רוב אָרעמעלײַט, וועלכע האָבן נאָך נישט געַ־האָט זיך אָנגעגרייט פאַרן יום־טוב, האָבן זיך געאײַלט. עס האָט זיך געַ־שטעלט א הערלעכער ערב־יום־טוב־טאָג. די זון האָט אָנגעהויבן ארויס־גיין מיט איר גאַנצער שטאַרקייט. די מענער האָבן זיך געאײַלט צום שעפּסן-מאַרק ארויס אײַנצוקויפן זייערע קרבן־פּסח, און די ווײַבער האָבן זיך געראַיעט בײַ שטענדערס פון גרינצײַג.

מען האָט געהערט רעדן אויפן מאַרק צווישן די מענער, אַז די לײַט פון בר־אבא זענען ארויסגעגאַנגען צו דער גזיתא, וואָס איז פאַרן טורעם־פּאַלאַץ פון פּילאַטוס, אין פּראָקוראַטאָריום אריַין, צו פאַרלאַנגען פון אים, אַז ער זאָל ארויסגעבן בר־אבאן אויף יום־טוב, אזוי ווי עס איז געַ־ווען דער מנהג פון דעם פּראָקוראַטאָר פרײַצולאָזן אויף יעדן יום־טוב א פאַרמשפּטן פאַרברעכער. טייל פון זיי האָבן אַגיטירט צווישן די סוח־רים און קונים אויפן מאַרק, זיי זאָלן מיטגיין צום פּאַלאַץ פאָדערן בר־אבאס באַפרײַאונג, אָבער די מערסטע לײַט האָבן זיי נישט געהערט. יעדער איינער איז געווען פאַרנומען מיט פאַרבארייטן זײַן יום־טוב, מיט אײַנקויפן דאָס נויטיקע אויף יום־טוב, און בר־אבא איז נישט געווען זייער באַליבט בײַם פאָלק. פון דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דער נאַכט, האָבן די לײַט נאָך נישט געוואוסט.

ווי אויפן מאַרק, אזוי איז אויך געווען אין בית־מקדש־הויף. דער הויף איז שוין געווען באַלייגט מיט עולי־רגלניקעס, וועלכע האָבן זיך געפעדערט גאַנץ פרי צו זאָגן זייער „שמע״, בשעת די כּהנים ברענגען דעם קרבן שחרית. אַלע זענען געווען פאַרנומען מיט זייערע אייגענע זאַכן: האָבן געבראַכט קליינע קרבנות, באַצאָלט זייערע חובות אין בית-

מקדש, געקניט אין די עזרות און מתפלל געווען, בשעת די כהנים ברענ־
גען דעם קרבן פאַר דעם שלום פון דער וועלט, דעם קרבן פאר די זיב־
ציק אומות, אָדער די קרבנות פאַר דער פאַרגעבונג פון זייערע אייגענע
זינד. אַלע זענען געווען שטאַרק פאַרנומען אין בית־מקדש־הויף, און
קיינער האָט נישט געוואוסט, וואָס עס איז פאַרגעקומען אין דער נאַכט.
אויך נישט די תלמידי־חכמים.

די רבנים פון די פרושים האָבן זיך פרי צונויפגעקליבן אין בית־
מקדש־הויף, ביי זייערע שטענדערס, צו באַראַטן זיך, וואָס צו טון קעגן
די כהנים גדולים, וועלכע האָבן זיך איינגעשפּאַרט דווקא דאָס יאָר
אדורכצופירן דאָס געזעץ וועגן קרבן־פסח, לויט דער צדוקישער אָנגע־
נומענער טראַדיציע, נישט צו צעברעכן דעם שבת. די פרושים האָבן
אָבער געוואָלט ברענגען זייער קרבן־פסח לויט דעם געזעץ פון דער
תורה, דעם פערצנטן טאָג אין חודש, אקעגן זון־פאַרגאַנג, דאָס הייסט,
אין שבת אריין.

ווען מיין רבי איז אָנגעקומען אין דער לשכה, וואו עס האָלטן זיך
אויף די רבנים פון די פרושים, האָט ער דאָרט געטראָפן יוחנן בן־זכאי
און די אַנדערע רבנים מיט זייערע תלמידים ארומרעדן דעם ענין פון
דעם קרבן־פסח, וואָס די כהנים גדולים האָבן געשאָכטן נעכטן, דעם
דרייצנטן טאָג אין חודש, און וואָס זיי, די רבנים, האָבן דאָס געוואָלט
דערקלערן פאַר אומגילטיק.

— זיי וועלן באַנייען אויף אונז אלכסנדר ינאיס צייטן און אונז פאַר־
פאָלגן, ווי זיי האָבן פאַרפאָלגט שמעון בן שטח, — האָט איינער פון
די פרושים געזאָגט.

— היינט זענען נישט מער ינאי המלכס צייטן. דאָס פאָלק איז מיט
אונז. מען באַדאַרף דאָס פאָלק אויפרעגן, אז עס זאָל שטורעמען די עזרות
פון בית־המקדש היינט אָוונט, האָט א היציקער זיך אָנגערופן.

— מיט גוטן וועלן מיר מער אויפטון. מען באַדאַרף נאָכאמאָל מיט
די כהנים איבעררעדן, אנישט וועלן, חלילה, האַלב יידן אָן דעם קרבן־
פסח בלייבן.

מיין רבי האָט אוועקגערופן רבן גמליאל און רבי יוחנן בן זכאי
אין א זייט און זיי איבערגעגעבן, וואָס עס איז געשען אין דער נאַכט.

ווי די געלערנטע זענען געוואָר געוואָרן, אונטער וועלכע אומ־
שטענדן די חקירה־ודרישה איז פאַרגעקומען, און וואָס עס איז געווען
איר אויסגאַנג, איז איבער זיי דורכגעגאַנגען א ציטער. רבי יוחנן בן
זכאי האָט די הייטלעך פון זיינע אויגן פאַרמאַכט, האָט געקנייטשט דעם
גרויסן, גלאַנציקן שטערן. זיין לאַנגע, גרוי־באַצויגענע באָרד האָט זיך
באַוועגט דורך דעם שלאָגן פון האַרץ, און זיין פנים איז בלייך געוואָרן.
ער, דער געלייטערטער, דער, וואָס וועגט תמיד אָפּ זיין וואָרט און לאָזט
עס נישט ארויס פון זיין מויל, איידער עס גייט נישט אדורך דעם ענגן
פילטער פון זיין מאַרך, — האָט זיך ארויסגעכאַפּט מיט אימפּעט:

— אָבער דאָס איז דאָך רציחה! ווי קומט דאָס מלכות דערצו? עס איז דאָך אונזער זאַך! ער איז דאָך חייב פֿאַרן בית־דין, נישט פֿאַרן מלכות.

— זיי זאָגן, אַז דאָס מלכות האָט זיי געגוויט דערצו.

— איבער דרײַ זאַכן זאָל דער מענטש זיך לאָזן הרגענען און נישט עובר זײַן אויף זיי, האָבן אונזערע חכמים געלערנט. און איינע פֿון די דרײַ זאַכן איז: שפֿיכת דמים, ווען מען נייט דיך בלוט צו פֿאַרגיסן, באַדאַרפֿסטו זיך אליין לאָזן אומברענגען און נישט די עבֿרה טון! — האָט רבי יוחנן בן זכאי אויסגערופֿן — זיי האָבן באַדאַרפֿט זיך לאָזן אומברענגען און נישט ארויסגעבן דעם רבין פֿון נצרת צום מלכות, דאָס הייסט, איבערענטפֿערן א צדיק אין די הענט פֿון רשע. רבי נקדימון, — האָט ער זיך געווענדט צו מײַן רבין: — אַזוי ווי דו פֿאַרציילסט, איז די גאַנצע חקירה־ודרישה פֿאָרגעקומען נישט לויטן דין. זי איז פֿאַרופֿן געוואָרן בײַנאַכט און ערבֿ־יום־טובֿ. און עס איז נאָר געווען איין צד פֿון בית־דין, וועלכער פּסקנט און משפּט לויט דינים, וואָס די תּלמידי־חכמים זענען קעגן זיי. בכן, וואָס דער רבי פֿון נצרת האָט נישט געזאָגט און געטון, און וואָס פֿאַר א פּסק־דין עס קומט אים נישט דערפֿאַר, ווען אפֿילו מיתה, חלילה, — כל־זמן ער איז נישט געמשפּט געוואָרן פֿון א יידישן בית־דין, לויט די חוקים פֿון דער תּורה און לויט די כּללים, וואָס די חכמים און די רבנים פֿון אַלטע דורות האָבן פֿעסטגעזעצט, וואָס זייער קבלה איז אין אונזערע הענט, שטייט ער אין אונזערע אויגן ריין און אומשולדיק, ווי א נײַ־געבוירן קינד. מיר באַדאַרפֿן, דעריבער, אדורכרעצן הימל און ערד, אַרויסרופֿן אַלע זכיות, אויפֿוועקן אַלע כוחות, און נישט געקוקט אויף דעם יום־טובֿ, וואָס קומט אָן, נישט געקוקט אויף דעם קרבן־פּסח, וואָס מיר באַדאַרפֿן ברענגען, מוזן מיר אַלץ לאָזן שטיין און גיין אַרויסראַטעווען א נפֿש פֿון ישׂראל פֿון טויט. וואָרעם אונזערע חכמים האָבן געלערנט, אַז פּקוח־נפֿש איז דוחה שבת, און אַז עס איז דוחה שבת, איז עס דאָך אַוודאי דוחה יום־טובֿ. און זאָלסט וויסן זײַן, אַז דערהאַלטן איין נפֿש איז גלײַך ווי דערהאַלטן די גאַנצע וועלט, האָבן אונזערע חכמים געלערנט. דערפֿאַר לאָמיר אַלץ איבערלאָזן און גיין צו די כּהנים גדולים און פֿאָדערן דאָס נפֿש פֿון זייערע הענט.

די לשכּה, וועלכע האָט זיך געפֿונען אין דער האַלע פֿון בית־מקדש־הויף, וואו דער סגן האָט אַמטירט, איז געווען פֿול מיט לײַט, וואָס זענען געקומען צום העכסטן באַאַמטן אין בית־המקדש מיט פֿאַרשיידענע ענינים. זיי האָבן אָפּגעפֿאַרטיקט די פֿיל גזברים, שמשים און אמרכּלים, וועלכע זענען געווען אָנגעשטעלט ווי געהילף־באַאַמטע צום סגן. אַלע זענען זיי געווען קינדער אָדער איידעמס פֿון כּהן גדולשע הײַזער. דער סגן אליין, אין זײַן הויכן אַמט, האָט קיינעם נישט אויפֿגענומען. ער איז געווען בחדרי־חדרים, און מען האָט קיינעם נישט אַרײַנגעלאָזט צו אים.

ווען מען אָבער די חכמים האָבן אָנגעטראָפן שטיין בײַ דער טיר פון סגנס חדר אין דער לשכה, איז געווען יהודה איש קריות.

זײַן פּנים איז שוין איצט נישט געווען אַשיק־גרוי, נאָר ערד־שוואַרץ, ווי דאָס פלייש הינטער זײַן הויט וואָלט פאַרשרפהט געווען פון א סם. זײַנע אויגן זענען אזוי אײַנגעזונקען געווען אין די אָנגעשוואָלענע קנייטשן פון זײַן פּנים, אז מען האָט זיי קוים ארויסגעזען. ער האָט גע־האַלטן אין דער האַנט א זעקעלע מיט געלט און האָט זיך געבעטן בײַ די פיל שמשים, וועלכע האָבן געהיט די טיר פון סגנס חדר, אז מען זאָל אים אַרײַנלאָזן אין חדרי־חדרים צום סגן:

— איך האָב אים וואָס צו זאָגן...

— דער סגן וויל דיך נישט זען.

— איך מוז אים זען, איך מוז אים זען.

ער האָט נישט באַמערקט דאָס אַרײַנקומען פון די רביים פון די פרושים, וואָס אַלע האָבן זיך אויפגעהויבן פאַר זיי פון דער ערד, אחוץ די כהנישע גזברים, וואָס האָבן גאַרנישט געקוקט אויף זיי. פאַר די רבנים האָבן די שמשים דרך־ארץ געהאַט, און זיי זענען אַרײַנגעגאַנגען אינעווייניק צום סגן אים אָנזאָגן, ווער עס איז אים געקומען זען.

דער סגן איז גלײַך ארויסגעקומען צו זיי. עס איז געווען יוחנן, דער צווייטער זון פון חנן. ער איז געווען באַשטימט צו פאַרנעמען אינגיכן דעם אַמט פון כהן גדול, האָט מען אים דערפאַר אָנגעטרויט מיט דער וויכטיקער שטעלע פון סגן, וואָס א קאַנדידאַט אויף כהן גדול האָט גע־מוזט פריער פאַרנעמען. ער איז נאָך געווען אָנגעטון אין דער רויט־פורפורנער הילע, וואָס ער האָט געטראָגן אין דעם זיץ פון סנהדרין.

אָבער איידער נאָך ער האָט זיך דערנענטערט צו די תלמידי־חכמים, איז אים יהודה פאַרלאָפן דעם וועג, האָט אויסגעשטרעקט צו אים דאָס זעקעלע מיט געלט און זיך געבעטן בײַ אים:

— נא, נעם עס צו, דאָס טמא־געלט, די בלוט־גראָשנס! — האָט יהודה געשריען אין סגנס פּנים אַרײַן.

— איך האָב דערמיט גאָרנישט צו טון. האָסט עס כשר פאַרדינט, — האָט דער סגן אים אָפּגעענטפערט.

די שמשים זענען באַלד צוגעלאָפן און האָבן אָנגעכאַפּט יהודהן בײַ די אָרעמס. זיי האָבן אים מכבד געווען מיט די קורצע שטעקנס, וואָס ער האָט זיך דערוועגט דעם סגן אין וועג צו טרעטן, און אים ארויסגעטראָגן פון דער לשכה. יהודה האָט זיך געריסן פון זייערע הענט און געשריען נאָכאַנאַנד צום סגן:

— נעם צו פון מיר דאָס טמא־געלט! נעם צו פון מיר דעם בלוט־גראָשן!

בשעת די שמשים האָבן אים אזוי געטראָגן, האָט ער געמוזט באַ־מערקן די פּנימער פון יוחנן בן זכאי און פון מײַן רבין, וואָרעם ער האָט גענידערט זײַן בליק צו דער ערד און אָנגעהויבן קלאָגן:

— ווי איז נאָך מײַן נשמה!

אָבער קיינער האָט זיך נישט מער אומגעקוקט אויף אים. די חכמים און די פּרושים זענען איצט געשטאַנען פּנים־צו־פּנים מיטן סגן.

— די חכמים און די פּרושים זענען געקומען צום סגן אים פרעגן, מיט וואָס פאַר א רשות און מיט וואָס פאַר א רעכט האָבן די כּהנים גדולים איבערגעענטפערט א נפש אין ישראל אין די הענט פון אדום? — האָט יוחנן בן זכאי געפרעגט.

— דאָס נפש אין ישראל האָט מחרף־ומגדף געווען דעם לעבעדיקן גאָט אין ישראל, וואָס מיר אַלע זענען דערויף עדות געווען. דאָס נפש אין ישראל איז א מסית־ומדיח, ער האָט אײַנגערעדט דאָס פאָלק, אז ער איז משיח. דאָס נפש אין ישראל מוז אויסגעמעקט ווערן אין ישראל!

— דאָס איז נישט אין דײַן האַנט צו משפטן, נישט אין די הענט פון דײַן פּאַטערס הויז צו משפטן. דאָס איז אין די הענט פון די חכמים און סופרים. עס איז אין די הענט פון בית־דין, פון בית־דין פון סנהדרין, ארויסצוטראָגן גזר־דינים איבער אזעלכע משפטים, נישט פון די כּהנים!

— וואָגסטו, רבי אין ישראל, צו צווייפלען אין דער ערלעכקייט פון דעם פּסק־דין פון סנהדרין, פון די כּהנים?

— ווי א רבי אין ישראל, איז נישט נאָר טו איך צווייפלען, נאָר איך פּסל דעם פּסק־דין פון די סנהדרין, פון די כּהנים. דער משפט איז פאָרגעקומען קעגן די חוקים פון דער תורה און קעגן די געזעצן, וואָס די חכמים האָבן פעסטגעזעצט ווי אזוי אזעלכע משפטים זאָלן פאָרקומען. דער פּסק־דין איז דורך דעם בטול־ומבוטל, און איך פאָדער פון אײַערע הענט דעם נפש, וואָס איר האָט איבערגעגעבן צום מלכות!

— דאָס נפש איז איבערגעגעבן געוואָרן צום מלכות לויט די חוקים און די כּללים, וואָס זענען אָנגענומען בײַ אונז, צדוקים, און מיר טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט דערפאַר.

— ווי א רבי אין ישראל דערקלער איך אזא איבערגעבן א יידיש נפש אין רשעס הענט — פאַר רציחה!

דער סגן איז בלייך געוואָרן. זײַן שיין־געפּלאַכטענע, אין טראָלדן אראָפּהענגענדיקע, שוואַרץ־פעכיקע, חנגשע באָרד האָט א קלימפּער געטאָן ווי א גלאָק.

דער עולם, וואָס האָט אָנגעפילט די לשכה, האָט אָנגעהויבן זיך זאַמלען. די אויפרעגונג איז געוואָרן גרויס צווישן די לײַט, ווען זיי זענען געוואָר געוואָרן, אין וואָס עס האַנדלט זיך. צווישן עולם זענען געווען פיל, וואָס האָבן נאָכגעפאָלגט די פּרושים בלינדערהייט, און דער פאָרשטייער זייערער, רבי יוחנן בן זכאי, איז געווען זייער באַליבט און געאַכט. ווען זיי האָבן דערזען, ווי דער בכבודיקער רבי שטעלט זיך אַנטקעגן דעם סגן מיט אַזאַ אייפער, האָט דער אייפער אויך אין זיי זיך אָנגעצונדן. דער סגן האָט עס, קאָנטיק, באַמערקט, און כּדי צו פאַרמײַדן אן אויפרודער אין בית־מקדש, וואָס די רייד פון יוחנן בן זכאי האָבן

זייער גרינג געקאָנט צעפֿלאַקערן בײַ דער אָנגעצויגענער שטימונג, האָט ער אײַנגעהאַלטן זײַן כּעס, וואָס האָט געברענט אין אים און האָט זיך שוין געמאָלדן אויף זײַן אויסגעצויגענער, שפּיציקער, חנבֿשער נאָז, און ער האָט זיך אָנגערופֿן:

— רבי יוחנן בן זכּאַי, דאָס נפֿש איז נישט אין אונזערע הענט. דאָס נפֿש איז געמאָנט געוואָרן פֿון אונז דורך דעם מלכות, און דאָס מלכות האָט אים איבערגעגעבן אין אונזערע הענט. מיר זאָלן אויספֿאָרשן זײַן פֿאַרברעך. מיר האָבן דאָס געטון לויט אונזער בעסטן וויסן און לויט די חוקים און די כּללים, ווי מיר פֿאַרשטייען זיי. מיר האָבן אים צוגעשטעלט צום מלכות, אינאיינעם מיטן רעזולטאַט פֿון אונזער אויספֿאָרשונג. ער איז איצט אין די הענט פֿון מלכות צו משפּטן אים, לויט זייער אײַנזען. מיר האָבן דערמיט מער נישט וואָס צו טון. ווען איר ווילט אײַער צדיק פֿאָדערן, וואָס האָט עפֿנטלעך מחרף־ומגדף געווען דעם הייליקן אין ישׂראל, מוזט איר אים פֿאָדערן פֿון מלכות, נישט פֿון אונז. און פֿאַר דעם וואָרט, וואָס איר האָט געלאָזט פֿאַלן, וועלן מיר אײַך מוזן צוציען צו פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר מאַכן א שלעכטן נאָמען דעם סנהדרין און די כּהנים.

— פֿון א י י ע ר ע הענט וועלן מיר איר אים פֿאָדערן! — האָט אים דער רבי נאָכגערופֿן. — אײַער נאָמען וועט אויסגעמעקט ווערן אין ישׂראל, און אײַער אָנדענק וועט דערמאָנט ווערן מיט א קללה אויף די ליפּן.

דער יונגערמאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט, אומגעקערט זיך און אָנגעקוקט דעם רבין, וועלכער וואַגט אַזא קללה אויסצורופֿן אויף דעם מעכטיקן הויז פֿון די בני־חנן. זײַן פּנים איז בלייך געווען פֿאַר כּעס. זײַנע ליפּן האָבן געציטערט. זײַנע הענט האָבן זיך צוזאַמענגעבײַלט אין פֿויסטן. די בליקן פֿון די צוויי מענער האָבן זיך באַגעגנט. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אָט גיט ער א באַפֿעל, דער הערשער איבער דעם בית־מקדש, צו זײַנע פֿיל משרתים פֿעסטצונעמען דעם רבין, אָבער דער אָפּפֿוילנדיקער שטאַם פֿון אַלטן צדוקישן הויז האָט, קאָנטיק, זיך אײַנגעבויגן און צוזאַמענגעבראָכן אונטער דער לאַסט פֿון דער נײַער גייסטלעכער אוטאָריטעט, וואָס האָט מיט אַזא קראַפֿט אָנגעהויבן אויסשפּראָצן אין ישׂראל. דער יונגערמאַן האָט נאָר א ציטער געגעבן מיט די אַקסל, איבערגעלאָזט די חכמים און איז אַרײַן צו זיך אין זײַן לשכּה.

קיינער האָט זיך נישט געריכט דערויף, אַז פּילאַטוס וועט אַזוי שנעל און אַזוי פֿרי זיך אײַלן צו משפּטן דעם באַשולדיקטן, וואָס מען האָט אים צוגעשטעלט בײַנאַכט. נאָך קיינמאָל פֿריִער האָט דער פּראָקוראַטאָר נישט אַרויסגעגעבן קיין אורטייל אין אַזאַ געאײַל. אַפֿילו בר־אַבאַן, וועלכן מען האָט געכאַפּט בײַ דער האַנט, מיט דער שווערד אויסגעשטרעקט אנטקעגן רוים, האָט פּילאַטוס נישט גלײַך פֿאַרמשפּט, נאָר געהאַלטן אים אין קערקער א פּאָר טעג.

קיינער האָט זיך נישט געריכט דערויף, אַז פּילאַטוס וועט וועלן פּראָוואָצירן אַן אויסברוך פון די יידישע מאַסן ערב יום־טוב, ווען די שטימונג איז שוין אַזוי אויך געווען אָנגעצויגן צוליב דער גרויסער שחיטה, וואָס איז פאָרגעקומען בײַם אַרעסט פון בר־אבאס לײַט. מיר אַלע זענען געווען איבערגעצײַגט, אַז פּילאַטוס וועט אָפּלייגן דעם משפּט איבער דעם רבין פון נצרת אויף נאָך יום־טוב.

די לײַט, וועלכע זענען פרי אַרויסגעגאַנגען צום הויז פון פּראָקוראַטאָר, זענען אַלע געווען לײַט פון בר־אבאס חברותא, אָדער זײַנע אָנהענגער, וועלכע זענען אַרויסגעגאַנגען פאָדערן זײַן באַפרײַאונג. קיינער האָט נישט געוואוסט פון ישועס פעסטנעמונג, זיכער נישט די לײַט פון דעם אונטערשטן טייל שטאָט, פון דער אָרעמקייט, בײַ וועלכער ער איז געווען באַליבט און געאַכטעט. אויך די חכמים, וועלכע זענען געגאַנגען פאָדערן ישועס באַפרײַאונג פון די הענט פון סגן, האָבן גערעכנט, אַז דער משפּט פאַר פּילאַטוסן וועט ערשט פאָרקומען נאָך יום־טוב. אַזוי אַרום האָט אפילו דער אייפריגער רבי יוחנן בן זכאי, ווי מײַן רבי, געמיינט, אַז עס וועט נאָך זײַן צײַט אים אָפּצוראַטעווען. ווען זיי זענען אַרויסגעקומען פון סגנס לשכה, האָבן זיי געוואָלט אָפּהאַלטן א ישיבה צו באַטראַכטן, וועמען מען קאָן שיקן צום מלכות אויפצוקלערן דעם טעות און בעטן ישועס באַפרײַאונג. מײַן רבי האָט שוין אויפן וועג צו דער ישיבה געוואָרפן דעם נאָמען פון יוסף רמתי. און א שליח איז שוין געווען אויפן וועג צו אײַלן יוסף רמתי אין בית־מקדש אַרײַן צו באַראַטן זיך מיט אים וועגן דער דעלעגאַציע, וואָס מען זאָל שיקן צו פּילאַטוסן. אָבער ווי איבעראַשט זענען די חכמים געוואָרן, ווען זיי זענען אַרויסגעקומען פון סגנס לשכה און געוואָר געוואָרן, אַז פּילאַטוס האָט זייער פרי, קוים נאָך די זון איז אַרויס, אין דער ערשטער פרימאָרגן־שעה, זיך אָוועקגעזעצט צום משפּט, — און ער האָט שוין אָפּגעמשפּט ישוען און פרײַגעלאָזט בר־אבאן, אויפן פאַרלאַנג פון בר־אבאס לײַט, וועלכע האָבן אַזוי באַצײַטנס זיך אויסגעשטעלט פאַר דער גזיתא. ווי די חכמים האָבן דערהערט, אַז צווישן די אויפמונטערער צו פאָדערן פון פּילאַטוסן בר־אבאס באַפרײַאונג איז אויך געווען דעם כהן גדולס זון חנן און זײַנע משרתים, אַזוי איז זייער האַרץ שטיין געבליבן פאַר שרעק, זייערע פּנימער זענען בלייך געוואָרן, און זייערע אויגן זענען געזונקען צו דער ערד, און זיי האָבן זיך געפילט זייער נידערגעשלאָגן. און יוחנן בן זכאי האָט זיך אָנגערופן:

— עס איז גלוי וידוע פאַר דיר, האַר פון דער וועלט, אַז אונזערע הענט האָבן נישט פאַרגאָסן דאָס בלוט. מיר און אונזערע קינדער זענען ריין דערפון.

מײַן רבי נקדימון האָט זיך אָנגערופן:

— נאָר א נס מן השמים קאָן ישוען ראַטעווען. איך וועל גיין און

מתפּלל זײַן פאַר זײַן נשמה. און דו, מײַן תּלמיד, גיי און זע, ווי די זאַך איז, און קום און באַריכט מיר.

דער וועג פון הר־הבית צו הורדוסעס טורעם־פּאַלאַץ, וואו דאָס פּראָקוראַטאָריום האָט זיך געפונען, איז געווען א פערטל שעה גאַנג. ער איז געלעגן באַרג אַראָפּ פון הר־הבית, פון דעם סאַמע עק פון דער ערש־טער מויער, צום טאָל אַראָפּ, וואָס פירט צום וועג קיין בית־לחם. ווען אפילו איך בין געפלויגן מיט דער געשווינדיקייט פון אַן אָדלער, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז דער וועג געדויערט שעהן. איך האָב אָנגע־טראָפן איינצלנע לײַט, מענער און פרויען, וועלכע זענען געקומען אָנ־צולויפן אַן אָטעם פון דעם נידעריקן טייל שטאָט, לײַט, וואָס זיצן בײַם אַרײַנגאַנג פון מיסט־טויער און פון וואַסער־טויער פון נחל־קדרון. זיי זענען געלאָפן איבער די שטעגלעך, וואָס פירן אַראָפּ צום פּאַלאַץ. די ווײַבער האָבן געכליפּעט אין זייערע פאַרשמוצטע, צעריסענע האָר־שלייערן אַרײַן, און אין די אויגן פון די מענער האָבן געלויכטן פײַערלעך פון כעס. די לײַט זענען ערשט איצט געוואָר געוואָרן, וואָס עס איז גע־שען מיט זייער באַליבטן רבין די נאַכט, און זיי האָבן איבערגעלאָזט זייער אַרבעט, — די טרעגער האָבן אוועקגעוואָרפן זייערע פּעק, די אייזל־ און קעמל־טרײַבער — זייערע בהמות, — און זיי זענען געקומען אָנצולויפן, באַקליידט אין זייערע צעריסענע זעק־קליידער, פון וועלכע עס האָבן זיך אַרויסגעריסן שטיקער נאַקעט לײַב. דאָס איז אָנגעקומען די אָרעמקייט, צווישן וועלכער דער רבי איז אַזוי באַקאַנט געווען. פיל פון זיי האָבן געפירט בלינדע, וועלכע האָבן געשטערט דעם גאַנג פון די אײַלנדיקע לײַט; לאָמע, וועלכע האָבן אויסגעשעפּט די געדולד פון זייערע באַגלייטער, וואָרעם אַלץ האָט געאײַלט צום פּאַלאַץ פון פּראָקו־ראַטאָר. ווען מיר זענען אַהין אָנגעקומען, איז שוין פאַר דער אויסגע־פלאַסטערטער פלאַטפאָרמע געשטאַנען א גרויסער עולם, דער עיקר, לײַט פון בר־אבאן. אויף די שטיגן פון דער פלאַטפאָרמע האָבן מיר אָנ־געטראָפן חנן בן־חנן, אין שפּיץ פון דעם כהן גדולס שליחים, וועלכע האָבן דאָרט אויסגעוואַרט אויף עפּעס. דער טויער, וואָס האָט געפירט אין אינעווייניקסטן הויף אַרײַן, איז געווען פאַרמאַכט. אויף דער פלאַט־פאָרמע איז נישט געווען קיינער. פאַר אונז איז נאָר געשטאַנען די מעכ־טיקע, הויכע, שטיינערנע טורעם־וואַנט, וואָס האָט, ווי א מעכטיקער אָרעם, אָפּגעצאַמט און פאַרשטעלט אַלץ, וואָס עס טוט זיך אינעווייניק.

דעם עולם האָבן מיר אָנגעטראָפן שטיין אין גרויס דערוואַרטונג. אפילו די לײַט פון בר־אבא, אפילו די שליחים פון כהן־גדול האָבן אויס־געוואַרט און געקוקט מיט אַנגסטלעכער נײַגיריקייט אויפן שווערן בראָנ־זענעם טויער. אַן אָטעם־אײַנהאַלטנדיקע שטילקייט איז געהאַנגען איי־בערן עולם. אַלע האָבן אויסגעוואַרט אויף עפּעס. מיר זענען געוואָר גע־וואָרן, אַז פּילאַטוס האָט געשיקט ישוען צום טעטראַרך הורדוס אַנטיפּאַ מיט אַן אויפשריפט „מלך פון די יהודים", כדי זיך צו רייצן מיט די יידן און מיט דעם טעטראַרך; אַז דער טעטראַרך האָט נישט געפונען קיין

שולד אין אים און אים צוריקגעשיקט צו פּילאַטוסן, אײַנגעהילט אין א פּורפּורנעם מאַנטל. מיר זענען אויך געוואָר געוואָרן, אז ער האָט שוין בר־אבא פּרײַגעלאָזט, — און דאָס הייסט, אז ער האָט ישוען פאַרמשפּט. דעם רבין קאָן שוין קיינער נישט העלפן, סײַדן א נס מן השמים. ער איז צוגעקומען צו זײַן לעצטער טיר, און די לעצטע טיר פירט אין הימל אַרײַן און קאָן נאָר געעפנט ווערן מיט דעם שליסל פון א נס. און אַלע האָבן אויסגעוואַרט אויפן נס, אפילו בר־אבאס לײַט, אפילו די לײַט פון כהן גדול, וועלכע האָבן, אינאיינעם מיט די מאַסן, אויסגעוואַרט אויף דער גזיתא אויפן אויסגאַנג פון משפּט. זיי האָבן געהאַלטן זייערע העל־דזער אויסגעשטרעקט צום הויכן טויער, צו דער הויכער מויער־וואַנט. כאָטש זיי האָבן נישט געקאָנט אריבערקוקן און זען, וואָס דרינען טוט זיך, איז אָבער דער גלויבן אין רבין געווען אזוי גרויס, אז עס האָט זיך די לײַט, וואָס זענען געשטאַנען אין דרויסן פון פּאַלאַץ, אויסגעוויזן, אז זיי זעען צייכנס אין הימל, אז דער הימל ווערט פאַרפינצטערט, כאָטש די זון האָט איצט ברייט געשײַנט און באַגאָסן די טורעם־וואַנט מיט ברייטע שטראַלן. זיי האָבן געהערט א באַוועגונג פון אײַלנדיקע, ראַשיקע חיילות, קולות רופן, און געקוקט, — אָט באַלד וועט דער הימל זיך שפּאַלטן, א פלאַם וועט אראָפּנידערן, וועט דעם גאַנצן מעכטיקן פּאַלאַץ אין דער ערד אײַנזינקען, ווי קורח בשעתו, פאַרצערן אין א פײַער, — און פון דעם פײַער וועט דער רבי פון נצרת זיך אויפהויבן און ער וועט שווימען אויף די וואָלקנס פון הימל.

זיי האָבן פאַרגעסן, אז דרינען, הינטער די שווערע מויערן, געפינט זיך א מענטש, א בשר־ודם, וואָס לײַדט און האָט יסורים, ווי יעדער בשר־ודם. דער רבי איז געווען פאַר זיי ווי א גייסט, גאָרנישט פון דער־וועלט. אפילו די לײַט, וועלכע זענען געקומען מיט געבײַלטע פויסטן, מיט כעס־פײַערן אין זייערע אויגן, צו באַפרײַען זייער רבין, האָבן פאַר־געסן אין זייער כעס. עס האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אז עס באַדאַרף אזוי זײַן, אז דער רבי באַדאַרף געשטעלט ווערן אויף דער פּריוואונג, — און אָט באַלד וועט זיך טאָקע דער נס באַווײַזן. און אפילו בײַ די, וואָס האָבן געכלימפּעט אויפן וועג אויפן רבינס מזל, זענען די טרערן אויסגעטריקנט געוואָרן אויף זייערע פּנימער און די קרעכצן זייערע זענען שטעקן גע־בליבן אין זייערע העלדזער, מחמת דער אויסוואַרטונג אויפן נס און זייער גלויבן, אז עפּעס וואָס מוז געשען. אזוי געשפּאַנט איז געוואָרן די דערוואַרטונג, אז ווען די שליחים פון כהן גדול האָבן נאָכאַמאָל אויס־גערופן: „— ווען ער איז דער משיח, זאָל ער עס באַווײַזן!" — האָט שוין די גאַנצע מאַסע, זײַנע פרײַנד און זײַנע פײַנד, סײַ די, וואָס האָבן גע־גלויבט אין אים, סײַ די, וואָס האָבן נישט געגלויבט אין אים, מיטגערופן:

— יאָ, איז ער דער משיח, זאָל ער עס באַווײַזן!

— מיר ווילן א נס!

— פּילאַטוס זאָל זײַן דער נס!

— ווי אליהו הנביא, זאָל ער דעם בעל צעשטערן!
— ווי דניאל, זאָל ער אין קאַלך־אויוון גיין!

נאָך פלוצלינג איז אַלץ שטיל געוואָרן. אַלע הערצער זענען שטיין געבליבן. די שווערע טויערן אין הורדוסעס פּאַלאַץ, פאַר דער פּלאַט־פאָרמע, האָבן זיך פאַמעלעך געעפנט. אין אָנהויב איז געגאַנגען פּילאַ־טוס אליין. א טריאומפירנדיק שמייכעלע האָט געלויכטן אויף זײַן פלייי־שיק פּנים. ער האָט מיט אַ פאַראַכטלעכן בליק אַרומגענומען דאָס פאָלק, וואָס איז געשטאַנען אין דערוואַרטונג. נאָך אים זענען נאָכגעגאַנגען די סאָלדאַטן אין זייערע גלאַנציקע פּאַנצערס און שווערדן. און צוויי גער־מאַנישע רײַטערס אין העלמעטן האָבן אים געפירט, דעם רבין פון נצרת. זיי האָבן אים אוועקגעשטעלט בײַ דער וואַנט. און מיר האָבן דערזען...

מיר האָבן אים דערזען, דעם, וואָס איר האָט געקרוינט פאַר דעם מלך פון די יידן. מיר האָבן אים דערזען, איר האָט אים געשטעלט פאַר אונז. אין זײַן הינטערגרונט איז געווען די שווערע, מעכטיקע, פּירעקיגע וואַנט פון הורדוסעס מגדל־שלאָס. א שטומע, הויכע, מעכטיקע שטיינער־וואַנט האָט זיך אויפגעהויבן הינטער אים, — און ער איז געשטאַנען אין זײַן גאַנצער גלאָריע! מיר האָבן געזען, ווי די שטרעמלעך בלוט רינען אים אַרונטער פון דערנער־קראַנץ איבערן פּנים און אין זײַן רונדיקן בערדל אַרײַן, און פון דאָרט טריפן זיי טראָפּנווײַז אויף זײַן נאַקעט לײַב אַראָפּ. מיר האָבן אים געזען. ער, ער, וואָס שטענדיק איז זײַן קלייד געווען ווײַס און קיינמאָל האָט קיין אייל נישט געפעלט אויף זײַן קאָפּ, — ער איז איצט געשטאַנען, א נאַקעטער, פאַר אונז, באַצירט און באַדעקט נישט מער ווי מיט די שפּורן פון אײַערע שמיץ, מיט רינעלעך בלוט, באַקראַנצט מיט א קרוין פון דערנער, מיט א רויטער, פּורפּור־שטיק טוך געוואָרפן אויף זײַן אַקסל. דער שתי־וערב, מיט דער אויפשריפט „ישוע, מלך היהודים", האָט זיך אויפגעפּלאַנצט הינטער אים. און לעבן אים האָט זיך געשטעלט פּילאַטוס. מיר האָבן אים דערזען. און ער האָט געקוקט אויף דער פאַרשטיינערטער, שווײַגנדיקער מאַסע מיט א ציניש שמייכל אויף זײַן פליישיק, דיק פּנים. זײַן דיקער, קורצער האַלדז האָט געלאַכט און זײַן גאַנצער אָנגעבלאָזענער קערפּער האָט זיך געטרייסלט פון אינעווייניקסטן געלעכטער, ווען ער האָט מיט א זשעסט פון זײַן האַנט אונז געפרעגט:

— וואָס ווילט איר דען, זאָל איך טון מיט דעם, וואָס איר רופט דער „קעניג פון די יידן"?

מיר האָבן שוין אַלע געזען, וואָס ער האָט געטון מיט דעם, וואָס ער רופט „דער קעניג פון די יידן". און אַלע האָבן מיר דערפילט די ביטערע איראָניע, דעם טיפן שטאָך, וואָס ער האָט אונז געוואָלט געבן מיט דער פראַגע. אַלע האָבן מיר דערפילט די באַליידיקונג, די דער־נידערונג, די שאַנד, וואָס ער וויל אונז אָנטון. אַלע אויגן זענען געווען געווענדט צום מאַן פון נצרת. מען האָט געזען, ווי זײַנע געדערעם ברו־

מען אין אים. זיי האָבן אים געמוזט פּײַניקן, ער האָט קוים לופט געשעפּט. זײַנע ליפּן זענען בלייך געווען און האָבן זיך שטיל באַוועגט, זײַנע נאָזלעכער האָבן געציטערט, ציענדיק שווער די לופט. ער האָט געקוקט אויף אונז, און מיר — אויף אים. מיר זענען געוואָרפן געוואָרן פון דער העכסטער האָפענונג אין דעם נידעריקסטן אָפּגרונט אַרײַן. אויף אים, אויף אים האָבן מיר אזוי פיל געלייגט האָפענונג. מיר האָבן געמיינט, אָט־אָט ווערט פול זײַן מאָס לייד, אָט קומט אָן די ישועה, אָט־אָט הויבט ער אויף זײַן קאָפּ, — און אַלע שונאים פון ישראל ווערן פאַרניכטעט אויפן אָרט: א פײַער וועט ארויסזעצן פון דער גרויסער מויער, א פײַער וועט אראָפּקומען פון הימל, ווי אין די צײַטן פון אליהו הנביא, און גאָטס נאָמען וועט גרויס ווערן. איין־איינציקער וואונש האָט אויסגעפילט אַלעמענס הערצער: זאָל געשען, וואָס עס זאָל געשען, נאָר גאָטס נאָמען זאָל פאַרהייליקט ווערן. מיר אַלע האָבן אין גרויסע אַנגסטן געוואַרט מיט אים אינאיינעם: גאָטס נאָמען מוז פאַרהייליקט ווערן, עס מוז! נאָר עס איז אדורכגעגאַנגען א ווײַל — און קיין נס האָט זיך נישט באַוויזן. פאַר אונז איז געשטאַנען א געפּײַניקטער, געשלאָגענער ייד, און לעבן אים — זײַן הענקער, פּילאַטוס.

א געשטיקט געוויין האָט זיך ארויסגעריסן פון העלדזער. לעבן מיר איז געשטאַנען א מאַן און ער האָט געביסן די פינגער אין זײַן מויל און ער האָט געיאָמערט. אויך אַנדערע האָבן געוויינט. און פּילאַטוס האָט געזען אונזער פאַרלעגנהייט, ער האָט געזען אונזער שאַנד, ער האָט געזען אונזער שוואַכקייט, אונזער אָפּגענאַרטע האָפענונג, און ווי נאָר צו רייצן זיך מיט אונז, האָט ער נאָכאַמאָל זיך געווענדט צום עולם:

— וואָס ווילט איר דען, זאָל איך טון מיט דעם מאַן, וואָס איר רופט אים „דער קעניג פון די יידן"?

— קרײַציק אים! — האָט דעם כהן גדולס זון, חנן, וועלכער איז געשטאַנען א בלייכער, אויף די טרעפּ פון דער פּלאַטפאָרמע, אויסגערופן.

און די שליחים פון כהן גדול האָבן נאָך אים נאָכגעשריען:

— קרײַציק אים!

און פיל פון פאָלק, וועלכע האָבן זיך געפילט אָפּגענאַרט אין זייער האָפענונג, האָבן מיטגעשריען, ווי „תמות נפשי עם פלשתים":

— קרײַציק אים!

אָבער באַלד האָט זיך געהערט א געשריי. ווײַבער האָבן אָנגעהויבן הויך צו כליפּן, מענער האָבן אויסגעשטרעקט די הענט:

— אונזער ברודער איז ער!

— אָן אָפּנאַרער איז ער! ער האָט געזאָגט, ער איז גאָטס זון! — האָבן די קנעכט פון כהן גדול געשריען.

— יעדער ייד האָט א רעכט זיך אָנצורופן גאָטס זון. בנים אתם

לה׳ אלהיכם, שטייט אין דער תורה. מיר בעטן צו אונזער פאָטער אין הימל! — האָבן אַנדערע אָפּגעענטפערט.

— ער האָט געזאָגט, אז ער וועט צעפּירן דעם בית־מקדש אין דריי טעג, — האָבן די קנעכט פון כהן גדול געשריען. — ווייל עס איז אַ נעסט פון רויבער. די בני־חנן הערשן דערינען, די בני־חנן, וואָס זענען גע־גליכן צו די בני־עלי, — האָט מען פון פאָלק אָפּגעענטפערט.

— דאָס האָבן די בני־חנן אים איבערגעגעבן אין די הענט פון אדום! — האָבן אַנדערע צוגערופן צו די קנעכט פון כהן גדול.

— ווער וועט אונז טרייסטן? ווער וועט אונז ברענגען פרייד אין אונזער אָרעמקייט אַריין? — האָט אַ פרוי געקלאָגט און זיך געבראָכן די הענט.

— עס איז נאָך נישט אַלץ פאַרפאַלן. אפשר באַדאַרף ער די אַלע יסורים אדורכגיין, איידער די ישועה קומט אָן? — האָט אַ געלערנטער געזאָגט.

און דער געפּייניקטער איז געשטאַנען לעבן דער וואַנט. הינטער אים האָט זיך אויפגעהויבן דער הויכער שתי־וערב מיט דער אויפשריפט. ער האָט אויסגעקוקט, ווי ער וואָלט צוזאַמענגעשמידט געווען מיט דעם שתי־וערב דורך די שטראָמלעך בלוט, וואָס האָבן זיך געגאָסן פון זיין קאָפּ, פון זיינע וואונדן אין לייב און איינגעזאַפּט און פאַרטריקנט געוואָרן אין האָלץ. זיין פּנים איז געווען מענטשלעך־שוואַך, מיט מחילהבעטנ־דיקע אויגן. ער האָט געקוקט מיט רחמנותדיקע, האַרצברעכערישע בליקן די לייט אין פּנים אַריין. עס האָבן זיך געוועבט צווישן אים און דעם פאָלק אויף דער גאַס, ווי זון־שטראַלן, ווי אומגעזעענע, נישט־איבערגע־ריסענע, באַהעפטנדיקע שנירן און באַנדן. זיי האָבן שוין פאַרגעסן, די מענטשן פון פאָלק, וואָס זיי האָבן דערוואַרט פון אים. זיי האָבן נאָר געזען פאַר זיך אַ געפּייניקטן ברודער זייערן, וואָס איז אָן זינד איבער־געגעבן געוואָרן צו אַ רשע אין די הענט אריין צו שלאָגן און צו פּייניקן אים. דאָס רחמנות אין זייערע הערצער האָט זיך דערוועקט עד אין לשער. זייערע הענט האָבן אָנגעהויבן זיך פויסטן פון אָנמאַכטיקן כעס, און דאָ און דאָרט האָבן זיך דערהערט שטימעס:

— דאָס האָבן די בני־חנן אים איבערגעענטפערט אין די הענט פון דעם רשע פּילאַטוס!

— אונזער ברודער איז ער געווען אין אונזער נויט, דער היילער פון אונזערע קראַנקהייטן! — האָט אַ פרוי געקרעכצט.

— ווייל ער האָט זייער האַנדל געשטערט אין בית־מקדש, האָבן זיי זיך נוקם געווען אין אים, די בני־חנן! — האָט אַן אַלטער מאַן גע־רופן צום פאָלק און אָנגעוויזן אויף חנבען און אויף די שליחים — זעט, זעט . . .

— ער האָט מחרף־ומגדף געווען גאָטס נאָמען. דערפאַר האָבן מיר

אים איבערגעגעבן צום מלכות, — האָבן די שליחים פון כהן גדול גע־פרוווט זיך פאַרענטפערן. — עס איז א משפט געווען.

— עס איז נישט געווען קיין משפט! די רבנים פון די פרושים האָבן נישט געוואוסט דערפון. זיי האָבן היינט פראָטעסטירט. קיינעם פון די פרושים האָבן זיי נישט גערופן צום משפט, — האָט א צווייטער תלמיד־חכם אויסגערופן, — קיינעם נישט פון די פרושים!

— אַליין, אַליין האָבן זיי זיך געמאַכט דעם משפט! — האָט אַ פייער־דיקער יונגערמאַן, מיט ציטערנדיקע, פליענדיקע פאות, געשריען און אָנגעוויזן אויף די שליחים.

דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבן ענגער זיך דריקן צו חננען. זיי האָבן אים געוואָלט ארייננעמען אינמיטן. הענט האָבן זיך שוין געהויבן צו אים. אויגן האָבן געשפריצט מיט פייער קעגן אים.

— ניין, עס איז נישט געווען קיין משפט! עס איז נאָר געווען א חקירה־ודרישה, — האָבן די שליחים פון כהן גדול ווידער געפרוווט זיך פאַרענטפערן — ער האָט זיך דערקלערט פאַר משיחן! ווען ער איז משיח, זאָל ער זיך אליין העלפן!

— ער האָט זיך נישט דערקלערט פאַר משיח. ער איז אַ רבי אין ישראל, און ער מעג אויסטייטשן דאָס געזעץ ווי ער וויל.

— די בני־עלי האָבן אים פאַרמסרט פאַרן מלכות, אז ער וויל ווערן דער מלך פון די יידן.

— מיר האָבן שוין גענוג געליטן פון זייערע בייזע צינגער. מוסרים זענען זיי.

— נאַט, זעט ווי זיי שטייען אויף זיין בלוט. זיי זענען אליין ארויס־געקומען צום מלכות עדות זאָגן אויף אים. און אונזער תורה האָט גע־זאָגט: „אל תעמוד על דם רעך!‟ — האָט דער געלערנטער מיט די צי־טערדיקע, שוואַרצע באָרד־און־פאות גערופן נאָכאַנאַנד און באַוויזן מיט זיינע שפּיציקע פינגער אויף דעם כהן־גדול־יונג חנן, וואָס איז געשטאַ־נען אין דער גזיתא.

און באַלד האָבן זיך פויסטן געהויבן, און א געמורמל האָט אויסגע־בראָכן, און בייזע בליקן האָבן געקוקט אויף דעם יונגענמאַן, וואָס איז ווי אין א ראַם איינגעשלאָסן געוואָרן אין א ראָד פון אויפגערעגטע יידן, און קולות האָבן געשריען צו אים:

— וויי איז אונז איבער דעם הויז פון ביתוס, וויי איז אונז איבער זייערע שטעקנס!

— וויי איז אונז איבער דעם הויז פון די בני־חנן! וויי איז אונז פאַר זייער סודען־זיך צווישן זיך! זיי זענען כהנים גדולים, זייערע זין — קאַ־סירער, זייערע איידעמס מנהיגים, און זייערע קנעכט שלאָגן דאָס פאָלק מיט שטעקנס!

חנן איז בלייך געוואָרן. ער האָט זיך געפונען וואָס אמאָל ענגער איינגעשלאָסן אין דער ראַם פון אויסגעשטרעקטע פויסטן: הענט האָבן

זיך שוין אויסגעשטרעקט אים אַנצוכאַפּן, אָבער זײַן פֿרײַנד פּילאַטוס איז אים באַלד געקומען צוהילף. ווי דיווילדע בעסטיעס, האָבן די סאָל־דאַטן זיך אַרײַנגעריסן מיט זייערע קורצע שווערדן, צעטריבן דאָס פֿאָלק, אָפּגעראַמט דעם פּלאַץ פֿאַר דער פּלאַטפֿאָרמע. דאָס פֿאָלק איז זיך צע־לאָפֿן מיט אַ יאָמער און אַ קלאָג.

ישועַן האָבן זיי צוריק אַרײַנגעשלעפּט אין דעם אינעווייניקסטן הויף אַרײַן. חנגען — נאָך אים. איינעם צום פֿײַניקן, דעם צווייטן צו באַשיצן.

קאַפּיטל זעקסאונצוואַנציק.

די לײַט זענען זיך צעגאַנגען. דער קרבן פּסח איז געשטאַנען הינ־טער דער טיר. באַלד איז געקומען די מיטאָג־שעה. און די פֿון עולם, באַזונדער די ירושלימער, וועלכע האָבן נישט געבראַכט נעכטן דעם קרבן־פּסח, האָבן זיך געאײַלט פֿאַרצובערייטן דעם קרבן־פּסח, וואָרעם מען האָט געוואוסט, אַז צוליב דעם שבת וועט מען אָנהויבן שעכטן פֿרי, נאָכדעם ווי די זון וועט איבערשטײַגן די מיטאָג־שעה. דער פּלאַץ פֿאַר דעם פּראָקוראַטאָריום איז איצט געווען ליידיק. נאָכדעם ווי אַלע האָפֿע־נונגען אויף דעם אַנטפּלעקן זיך פֿון אַ נס זענען פֿאַרשוואונדן, זענען די לײַט אָפּגעגאַנגען אַנטוישטע, פֿאַרביטערטע אויף זיך און אויף אַנדערע. איבערגעבליבן זענען נאָר קוים געציילטע, וועלכע האָבן געזאָגט: „עס קאָן דאָך נישט זײַן, אַז אונזערע האָפֿענונגען זאָלן ווידער אָפּגענאַרט ווערן. לאָמיר אָפּוואַרטן. אפשר וועט דער נס קומען אין דער לעצטער מינוט". און זיי זענען איבערגעבליבן אין די ווינקלען מיט אַראָפּגע־לאָזטע קעפּ — וואַרטן, ווען מען וועט ישועַן אַרויספֿירן. דאָס רוב זענען דאָס געווען ווײַבער פֿאַרדעקט מיט האָר־שלייערן די קעפּ; אַנדערע — האָבן געהאַט אויפֿגעדעקטע פּנימער, אוודאי קיין צײַט נישט געהאַט זיך אײַנצוהילן אין די שלייערן, וואָרעם די ידיעה וועגן דעם משפּט איבער ישועַן האָט זיי געכאַפּט אין מיטן פֿון זייער הויז־אַרבעט.

צווישן די ווײַבער האָב איך באַמערקט שטיין די צוויי מרימס. די פֿרעמדע, די היכע, איבער וועלכער די לײַט האָבן זיך געסודעט, אַז זי איז זײַן מוטער, איז געשטאַנען בײַ אַ וואַנט פֿון אַ הויז, קעגנאיבער דעם אַרײַנגאַנג־טויער פֿון פּראָקוראַטאָריום. איר קאָפּ איז געלעגן אָנגעלענט אויף דער וואַנט, דאָס פּנים באַהאַלטן אין די קאַלטע שטיינער. לעבן איר איז געווען די אַנדערע פֿרוי, מרים פֿון מגדל, אָן שלייער, די האַלב־גראָע לאָקן צעלאָזן, — און זיי האָבן נישט נאָר איר פּנים, נאָר אַ האַלבן קער־פּער אירן פֿאַרשטעלט. פֿון צווישן די פּאַסן האָר האָט זיך אַרויסגעריסן

דער בלייכער און בלוטיקער אָנבליק פון איר פּנים, אירע רויטע, קרענקלעך־אָנגעצונדענע אויגן. זי האָט נישט געוויינט, זי האָט נישט געקלאָגט, נאָר די שוואַרצע אויגן, וועלכע האָבן איצט, אין דער מינוט פון צער, צוריק באַקומען זייער יוגנטלעכן שײַן, האָבן געשימערט מיט אַן אויסטערליש ברענענדיק ליכט. איינע, וועלכע האָט זיך נישט פאַר־לוירן און דאָך געהאַלטן מוטיק, איז געווען — שושנה. איר פּנים איז אויך געווען אויפגעדעקט, אויך אירע ליפּן זענען געווען פאַרשנירט, אָבער אירע אויגן האָבן אַזוי לעבעדיק געפינקלט, ווי בײַ א חיה, וועלכע זאַמלט זיך אויף ווערמען אָנצופאַלן. זי האָט מיט איר שטאַרקער פיגור אונטערגעהאַלטן די הויכע, זיך־וואַקלענדיקע מרים.

ווײַטער האָב איך באַמערקט אַן אַנדער גרופּע ווײַבער. זיי זענען געשטאַנען פאַרשטומט, פאַרשוויגן, ווישנדיק זיך די טרערן פון די פּנימער. אויך מענער האָט מען געזען, ס׳רוב אָרעמע, פון די לײַט, וואָס מען האָט אָנגעטראָפן בײַ שמעון דעם מצורע. צווישן זיי האָב איך באַ־מערקט דעם עבד יוסף, וועלכן דער רבי האָט אַנומלט געטרייסט אין דער אכסניא. די שטריק פון זײַן עבדות האָט ער נישט געהאַט אָפּגע־טון פון זיך. ער האָט מיט זײַן תמעוואַטן בליק געקוקט דערשטוינט, נישט צו פאַרשטיין, וואָס עס טוט זיך דאָ, ווי עס וואָלט אים ווער מיט א דראָנג איבער דעם קאָפּ געגעבן. אין אַן אַנדער ווינקל האָב איך באַ-מערקט יוסף רמתי, מיט זײַן מאַסיוון קערפּער אָנגעלענט אָן א לען־שטעקן. לעבן אים האָט זיך געפונען, ווי תמיד, דער גר אברהם בן אברהם. אַן אײַנגעהויקערטער, מיט זײַן בליק אײַנגעגראָבן אין דער ערד, האָט ער געזוכט דעם באַשייד פון דער חידה. וואָרעם עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אז דער מאַרך פון זײַן קאָפּ האָט זיך פאַרקליבן אין זײַן הויקערדיקן רוקן: דער הויקער־רוקן האָט איצט געקלערט, געדענקט. אָפּגערוקט פון זיי, איינעם אליין, האָב איך געזען שטיין הלל דעם וואַסערטרעגער. ווי תמיד, אײַנגעקאַרטשעט אין זיך, ווי א שילדקרויט אין זײַן הײַזל, און שווײַגנדיק. קיין וואונדער, קיין איבעראַשונג האָט מען נישט באַמערקט איבער זײַן מחילה־בעטנדיק פּנים, ווי אַלץ וואָלט ריכטיק געווען און עס געשעט, וואָס עס באַדאַרף צו זײַן. דאָס זענען געווען די גרופּע לײַט, וועלכע זענען געשטאַנען פאַרן טויער פון פּראַ־קוראַטאָריום און האָבן אָפּגעוואַרט די זאַך, וואָס עס וועט געשען מיט ישוען. יאָ, פון הינטער א וואַנט פון א מעכטיקער מויער, בײַ וועלכער עס זענען געשטאַנען די ווײַבער פון גליל, האָב איך געזען, ווי שמעון בר־יונה, זײַן ערשטער תלמיד, שטעקט ארויס פון צײַט־צו־צײַט זײַן האָריק־באַוואַקסענעם קאָפּ. פון דעם ים האָר האָבן ארויסגעפינקלט מיט אומרואיקייט און שרעק זײַנע אויגן. אים אַליין אָבער האָט מען נישט געזען, וואָרעם ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן הינטער דער מויער.

באַלד האָט דער גרויסער טויער פאַרן פּראָקוראַטאָריום זיך גע־עפנט, און די זעלנער האָבן ארויסגעפירט דעם נצרתער. איצט איז ער

געווען באַקליידט צוריק אין זײַן ווײַסן מעיל, נאָר דער מעיל האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך אים איבער דער רצפּה און די ציצות פֿון מעיל זענען רויט געווען, אײַנגעטונקען אין בלוט, און זיי האָבן געפֿאַרבט נאָך זיך די שטיינער מיט רויטע פֿלעקן. אויף זײַן קאָפּ האָט ער נאָך געטראָגן דעם דערנער־קראַנץ. זײַן פּנים האָט מען נישט געזען. זײַן פּנים איז געווען טיף געבויגן צו דער ערד דורך דעם געוויכט פֿון דעם שתי וערב, וועלכער איז געלעגן אָנגעבונדן איבער זײַן רוקן, זײַנע הענט אויסגעדרייט, פֿאַרפֿעסטיקט מיט שטריק צום שתי־וערב. עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער רבי פֿון נצרת טראָגט נישט נאָר דאָס געוויכט פֿון דעם שתי-וערב אויף זײַן רוקן, — אויף זײַן רוקן זענען אַרויפֿגעלייגט געוואָרן נישט־אָנגעזעענע משאות, געוויכטער, וועלכע דריקן מיט דער מאַכט פֿון זייער שווערקייט זײַן קערפּער צו דער ערד, אַז אָט באַלד וועלן זיי אים צעברעכן. ער פּרוּווט צו שלעפּן אויף זיך און צו ציען דעם שתי־וערב, נאָר ער קאָן נישט. יעדער טראָט קומט אים אָן ווי קריעת־ים־סוף. און הינטער אים גייט נאָך הערמאַנוס, דער שרעק פֿון די ייִדן. דאָס פּנים פֿון הערמאַנוס איז רויט פֿון רציחה, צעשוויצט פֿון כּעס. די גזשיווּעס פֿון זײַנע האָר קלעפּן זיך צו זײַן שטערן. און ער שמײַסט מיט זײַן בלײַערנעם ריטער־קאַנטשיק אויפֿן נצרתערס רוקן. אַ שוים זעצט זיך פֿון הערמאַנוסעס מויל פֿאַר רציחה און כּעס, ווען ער שטרענגט זיך אָן מיט אַלע כּוחות צו רעגענען מיט זײַן קאַנטשיק איבער דעם קערפּער פֿון דעם געפּײַניקטן. און דער געפּײַניקטער, אונטער דעם שתי־וערב, שוויצט און ווערט אויסגעווייקט אין אַנגסטן, און טראָפּנס פֿון זײַנע אַנגסטן מישן זיך צונויף מיט די טראָפּנס בלוט, וועלכע רינען אַרויס פֿון זײַנע מכּות און וואונדן, וואָס דער דערנער־קראַנץ און די מעטאַלענע ריטער שלאָגן אַרויס אויף זײַן קערפּער. קליינע שטרעמלעך בלוט רינען אים פֿון די האָר איבערן האַלדז און זיי זאַפּן זיך אײַן אין זײַן ווײַס, פֿאַרשוויצט העמד, אין זײַן קרעם־ווײַסן מעיל. און דער מעיל ווערט ווי אַ שוואָם, וועלכער טרינקט אין זיך דאָס בלוט און פֿאַרבט זיך וואָס אַמאָל מער אין רויטע פּורפּור־פֿלעקן. איצט שמירט שוין זײַן מעיל, נישט נאָר זײַנע ציצית, די שטיינער מיט בלוט. ישוע טרעט מיט זײַנע פֿיס אויף די רויט־באַפֿלעקטע שטיינער, און זיי לאָזן איבער נאָך זיך די אָפּדרוקן פֿון זייערע פֿאָרמען.

די הויכע מרים האָט אָנגעהויבן שלאָגן איר קאָפּ אין די שטיינער פֿון דעם מויער. די אַנדערע צוויי פֿרויען, מרים און שושנה, האָבן זי אָפּגעפֿירט. שושנה האָט זי געטראָגן כּמעט ווי אויף זיך, אַרומגעהאַלטן זי מיט איין האַנט, מרים בײַ דער צווייטער, און זיי זענען נאָכגעגאַנגען נאָך דעם געפּײַניקטן ישוע אונטער דעם שתי־וערב. איצט האָט שוין אַ כאָרכלען פֿון גאָרגל־טענער, וועלכע זענען אַרויסגעקומען ווי אַ געיאָמער פֿון ווינט, אויפֿגעשטורעמט די לופֿט. דאָס האָבן די ווײַבער, וואָס האָבן באַגלייט דעם בלוטיקן גאַנג, אָנגעהויבן זייער יאָמער־געוויין.

די גרופּע מענער האָבן זיך צונויפֿגעקוקט. פּויסטן האָבן זיך גע-בלבלט, קללות זענען געלעגן אויף די ליפּן, אויגן האָבן געפֿינקלט. נאָר דאָס געוויכט, וואָס איז געלעגן אויף די הערצער, האָט פֿאַרשטיינערט און פֿאַרשלאָסן זייערע קעלן און נישט געלאָזט ארויסברענגען א ברום פֿון מויל. מיט אראָפּגעבויגענע קעפּ זענען זיי נאָכגעגאַנגען דעם בלוי-טיקן גאַנג.

איך האָב געזען ווי הלל וואַסערטרעגער האָט זיך געשאָקלט און געמורמלט מיט זײַנע ליפּן. איך האָב געהערט פּסוקים תהלים, וואָס רײַסן זיך ארויס פֿון זײַן מויל אין זײַן גאַנג: „תפלה לעני כי יעטוף...״ און אזוי אויך האָבן די אַנדערע מענער תהלים געזאָגט. יוסף רמתי, האָב איך געזען, איז אָפּגעגאַנגען אין א זײַטנוועג. ער איז נישט מיטגעגאַנגען. נאָר אברהם־בן־אברהם, דער גר, האָט זיך צוגעשאַרט צו הלל דעם וואַ־סערטרעגער, און זיי זענען צוזאַמען נאָכגעגאַנגען נאָך די קלאָגעדיקע ווײַבער.

דער געיאָמער פֿון די ווײַבער, וועלכע האָבן באַגלייט דעם טרױ־עריקן גאַנג, דאָס געשריי און דאָס לאַכן פֿון די זעלנער, וועלכע האָבן אים אָנגעטריבן, האָבן ארויסגערופֿן די אײַנוואוינער פֿון די אָרעמע הײַזלעך, וואו מען האָט אים פֿאַרבײַגעטריבן. די געגנט דורך וועלכער זיי האָבן געטריבן דעם געפּײַניקטן איז געווען אַן אָפּגעלאָזענע, פֿאַר־לאָזענע, וואָרעם די געסלעך האָבן געפֿירט צו דעם שרעקן־אָרט, צו דער גלגלתא, דעם „שאַרבן־באַרג״, וואָס איז געלעגן באַלד מחוץ דער מויער, צו מערב־צפֿון־זײַט פֿון שטאָט. די ווײַבער זענען געשטאַנען פֿאַר זייערע אָרעמע שטיבלעך, האָבן געבראָכן די הענט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף דעם געמאַטערטן. איינע פֿון זיי האָט זיך געווישט מיט איר האָר־שלייער די טרערן פֿון פּנים און צוגעשריגן צו די מאַנספּאַר־שוינען, וועלכע זענען ארויסגעקומען פֿון די הײַזער אָדער צופֿעליק פֿאַרבײַגעגאַנגען:

— מאַנסלײַט זענט איר? ווײַבער זענט איר! איר זעט ווי אדום פּײַ־ניקט א יידיש נפש, און איר שווײַגט. אָפּראַטעווען באַדאַרף מען אים פֿון די זעלנערישע הענט!

— אוי, ווײ איז מיר! עס איז דאָך דער רבי פֿון נצרת, וועלכן זיי שלעפּן, נעבעך, אזוי! — האָט א צווייטע ייִדענע געבראָכן די הענט און געקלאָגט: — וויפֿל לײַט האָט ער אליין געהאָלפֿן, און זיך אליין, נעבעך, קאָן ער נישט העלפֿן.

דאָ איז עפּעס וואָס געשען, וואָס האָט אַלעמען געהאַלטן אין שפּאַן מיט אָפֿענע מײַלער אָן אָטעם. דער געמאַטערטער איז געפֿאַלן אונטער דעם שתי־וערב. שלעפּנדיק דאָס שווערע, אומגעזעצנע געוויכט, וואָס איז, דאַכט זיך, געווען אָנגעלאָדן אויף דעם שתי-וערב, איז ער געפֿאַלן אונטער אים. ער האָט אים נישט געקאָנט מער דערטראָגן. ווי א שוואַר־צער רויב־פֿויגל, האָט הערמאַנוס זיך געשטעלט אויפֿן רוקן פֿון רבין.

מיט זײַן גאַנצער קראַפט, מיט פאַרביסענע ציין פון כעס, האָט ער אָנ־געהויבן שלאָגן אויפן לײַב פון ישוען מיט שמיץ פון זײַן בלײַערנעם שטעקן. די אַנדערע זעלנער האָבן אים אונטערגעהאָלפן. א געוויין און א געשריי האָט זיך אויפגעהויבן פון די ווײַבער, וועלכע האָבן אים באַ־גלייט. די מענער, וועלכע האָבן ביז איצט זיך צוגעקוקט צו דעם בלוט־יקן ספעקטאַקל, האָבן אָנגעהויבן זיך צורוקן נענטער. אַ געמורמל איז אדורכגעגאַנגען צווישן די לײַט. מען האָט די סאָלדאַטן ארומגערינגלט. דאָ און דאָרט האָבן זיך שוין פויסטן אויפגעהויבן אנטקעגן די רשעים. נאָר דער עלצטער, וואָס איז נאָכגעגאַנגען נאָך די סאָלדאַטן, האָט עס פרי באַמערקט. ער האָט געגעבן אַ וואונק צו די סאָלדאַטן. זיי האָבן פאַרלאָזט ישוען און זענען מיט די שווערדן צוגעלאָפן צו די צודרינג־לעכע מענער און גענומען רעגענען אויף זיי מיט די קורצע שווערדן. אַ טייל פון די לײַט האָבן זיי געכאַפט און צוגעשלעפט צום עלצטן. אויך איך בין געכאַפט געוואָרן פון די סאָלדאַטן און צוגעשלעפט גע־וואָרן צום עלצטן:

— שטעלן זיי פאַרן משפט — פאַר וועלן אָפּשלאָגן א פאַרברעכער, וואָס ווערט געפירט צום טויט! — האָט דער עלצטער באַפוילן.

נאָר איידער ער האָט נאָך פאַרענדיקט די ווערטער, האָב איך זיך א ריס געטון פון דעם קלעם פון סאָלדאטס האַנט, און מיט א קלאַפּ פון א באַטעק, וואָס האָט געשפּאָלטן מײַן אויער, בין איך אנטרונען פון זיי.

דערווײַל אָבער האָט ישוע זיך געשטאַרקט. ער האָט אליין זיך אויפ־געהויבן פון דער ערד, אליין, מיטן אייגענעם ווילן, גענומען אויף זיך דעם שתי־וערב און נאָכגעשלעפּט אים מיט זיך. מיר, די באַגלייטער, זענען געבליבן א שטיק וועג הינטער אים. די סאָלדאַטן האָבן מיט זייערע מעסערס אונז געהאַלטן אין שרעק פון דער ווײַטנס, און אויפגעשטעלט שוין א וואַנט פון מעסערס צווישן אים און אונז.

און ווי מיר גייען אזוי מיט אײַנגעבויגענע קעפּ נאָך דעם געפּײַ־ניקטן אין זײַן בלוט־און־טרערן־וועג, דערהערט זיך א ווילד אויסגע־שריי, וואָס איז אָנגעקומען צו לויפן איבער דעם געסל נאָך דעם געפּײַ־ניקטן. דאָס געשריי איז נישט געווען פון קיין מענטשן. עס איז געווען פון א פאַרוואונדעטער חיה אין פעלד. אלע רוחות רעות האָבן ארויסגע־שריען פון דעם געשריי. עס איז געווען ווי קעץ וואָלטן געדושעט קליינע קינדער, און דאָס מיאוקען פון די קעץ און די גסיסה פון די קליינע קינ־דער וואָלטן זיך צוזאַמענגעמישט אין דעם איינעם געשריי. מיר האָבן זיך אומגעקוקט, — און וועמען האָבן אונזערע אויגן געזען? יהודהן! יהודה איש־קריות איז געקומען אָנצולויפן פון דער זײַט פון בית־מקדש. זײַן מעיל האָט ער געהאַט פאַרלוירן איבערן וועג. ער איז געווען האַלב־נאַקעט, נאָר באַקליידט און פאַרדעקט מיט א קורצער הויז, וועלכע איז געווען צוגעבונדן צו זײַן לײַב מיט א שטריק. זײַן העמד איז געווען צע־ריסן אויף אים אין טויזנט שטיקלעך. זײַן פּנים — פאַרבלוטיקט, די

האָר פון קאָפּ און פון דער באָרד זענען ווי א קראַנץ שטעכערס געשטאַ־נען אויף אים. די וואונדן אויף זײַן לײַב זענען געקומען פון זײַנע אײַ־גענע נעגל, וועלכע ער האָט טיף אַרײַנגעשטעקט אין זײַן הויט. ער האָט מיט די פויסטן זיך מיט מאַכט געשלאָגן אין דער האַריקער ברוסט, אין זײַן פּנים אַרײַן, איבערן קאָפּ, און אזוי שלאָגנדיק זיך און רײַסנדיק פון זיך פּאַסן, איז ער געקומען אַנצולויפן מיט דעם יאָמער־געוואַלד.

— פון אונזער טובה וועגן נעמט ער אויף זיך די יסורים. פאַר אונז, פאַר אונז! משיח מוז אדורכגיין אַלע שבעה מדורי גיהנום, ער מוז, ער מוז... דורך דעם ענגן טויער פון די יסורים קומט די ישועה. זעט, אָט באַלד זעצט זיך די זון, באַלד ענדיקט זיך דער גאַנג. באַלד, באַלד קומט די ישועה אָן!

צו זיך אַליין האָט ער גערעדט. קיינער האָט אים נישט געהערט, קיינער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט. צו וועמען ער איז צוגע־לאָפן, האָט מען זיך אָפּגעשאָקלט פון אים ווי פון א נדה, ווי פון עפּעס אומריינס. אָבער יהודה האָט זיך נישט געמאַכט דערויס. ער איז גע־גאַנגען הינטער דעם גאַנג און האָט געשריען יאָכצנדיק, וויינענדיק, זינגענדיק א שאַקאַל־קלאָגעדיק ליד:

— באַלד, באַלד ווערט דער כוס פול. באַלד, באַלד ענדיקט זיך דער גאַנג. זעט, די חיילות זאַמלען זיך שוין אין הימל. ביז ער וועט צו דער גלגלתא אָנקומען, וועט ער זײַן צייכן געבן. די הימלען וועלן זיך שפּאַלטן, אַ פײַערדיקע שווערד וועט אים אַ מלאך פון הימל אַראָפּדערלאַנגען. מיט איר וועט ער אדום פאַרטיליקן. עזריאל וועט דער מלאך זײַן! — האָט ער אָנגעהויבן זינגען פאַר זיך — עזריאל וועט דער מלאך זײַן!

פּלוצלינג האָט ער זיך געלאָזט לויפן ווי א באַזעסענער, העגדום־פּענדום, אדורכגעריסן זיך דורך דער קייט פון זעלנער און איז צוגע־קומען צום עלצטן, וועלכער האָט אָנגעפירט דעם גאַנג. ער האָט אויס־געשטרעקט צו אים זײַנע בלוט־פאַרלאָפענע נעגל, מיט וועלכע ער האָט זײַן לײַב צעפליישט און געשריען אין זײַן אַראַמיש לשון:

— לאָזט מיך, לאָזט מיך, איך וועל פאַר אים טראָגן דעם שתי־וערב! איך בין זײַן תלמיד. איך בין געווען מיט אים די גאַנצע צײַט. איך בין אזוי שולדיק ווי ער. שלאָגט מיך אויך, קאָטעוועט מיך!

די זעלנער פון דער באַגלייטונג זענען צוגעלאָפן צו דעם עלצטן און מיט די מעסער אָפּגעשלאָגן יהודהן.

— קאָטעוועט מיך! שלאָגט מיך! איך און ער זענען איינס! — האָט יהודה געשריען, גלאָצנדיק מיט זײַנע רויטע אויגן אויף די זעלנער.

באַלד איז אויס אים געוואָרן א בלוטיקע שטיק שמאַטע. די זעלנער האָבן אים פּשוט צעטראַטן מיט די פיס און, ווי א פאַרבלוטיקטע שמאַטע, אים איבערגעלאָזט אויפן ברוק פון דער גאַס. מיט די לעצטע כוחות האָט יהודה די הענט אויפגעהויבן און גענומען רופן נאָך דעם קרײַץ־שלעפּנ־דיקן ישוען:

— רבי! רבי!

דער רבי האָט זיך אָפּגעשטעלט אין זײַן קרײַץ-גאַנג, האָט אויסגעבויגן זײַן שווער־באַלאַדענעם רוקן, געמיט זיך אויפצוהייבן זײַן פּנים פון אונטערן קרײַץ און אָנגעקוקט דעם, וואָס רופט אים נאָך.

דעם רבינס אויגן, אַרויסגעקוקט פון זײַן בלוט־און־שווייס־באַגאָסענעם פּנים, האָבן זיך באַהאַפטן מיט יהודהס אויגן. אין רבינס אויג האָט א טרער אויפגעשײַנט, אַזוי אויך אין יהודהס אויג. נאָר איין סעקונדע האָט געדויערט דער בליק. באַלד האָבן די שמיץ פון די ריטער אָנגעהויבן רעגענען איבערן רבינס קערפּער און אים ווײַטער געטריבן. פון יהודהס ברוסט האָט דער לעצטער געשריי זיך אַרויסגעריסן. דער רבי איז ווײַטער געגאַנגען, שלעפּנדיק דעם שתי-וערב אויף זיך, און יהודה איז געבליבן ליגן אויפן וועג. עס איז געווען ווי דעם רבינס בליק וואָלט אין אים כוחות אַרײַנגעגעבן. ער האָט זיך געגעבן א ריס פון זײַן אָרט און האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָכן גאַנג פון דער ווײַטנס.

אָבער קוים האָט ישוע געוואָלט טון א שריט ווײַטער, האָט ער נישט געקאָנט. ער האָט זיך געמיט צו טרעטן. מען האָט אָנגעזען, ווי ער שטרענגט אָן אַלע זײַנע כוחות ווײַטער צו גיין. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ווי אָטעם אָנצושעפּן. ער האָט געלאָזט רעגענען אויף זיך די שמיץ פון די ריטער. דערנאָך האָט ער א קני אײַנגעבויגן, און דער שתי־וערב איז געפאַלן אויף אים מיט דער גאַנצער שווערקייט פון דער נישט־אָנגעזעענער משא, וואָס איז געלעגן אויף אים. און ישוע איז שוין געלעגן אונטער זײַן שווערן געוויכט. די שמיץ האָבן איצט גערעגנט אויף דעם רבינס פּנים און קערפּער. און ער האָט זיך געלאָזט שמײַסן. ווי יעדער בשר־ודם איז ער געקומען צום סוף פון זײַנע כוחות. די ווײַבער, וועלכע זענען געגאַנגען א שטיק וועג הינטער אים, האָבן איצט אָנגעהויבן הויך צו שרײַען: „האַלט אײַן די רשעים!". די מענער האָבן אויסגעקוקט אין די הימלען, צי עס באַווײַזט זיך נישט קיין צייכן, צי שיקט נישט גאָט אַראָפּ זײַנע דונערן און בליצן אויף די רשעים? אויך פון די מענער האָבן זיך געהערט געשרייען. אייניקע פון זיי האָבן געפּרוווט זיך אַדורכרײַסן דורך דער שטרענגער וואַך, וואָס דער עלצטער האָט אויסגעשטעלט צוריקצוהאַלטן די באַגלייטער נאָך דעם ערשטן פּרוּוו ישוען אָפּצוראַטעווען. שטימען רופן: „מיר וועלן טראָגן פאַר אים דעם שתי־וערב, מיר וועלן טראָגן!" די זעלנער שמײַסן דעם קרבן. דאָ זעען מיר, עס קומט אָן פון א זײַטן־גאַס שמעון קוריני. נישט צו וויסן, וואָס עס געשעט, טראָגט ער זײַנע כלים פון פעלד, דעם שפּאַדל און די גראַביע. און איידער מיר האָבן צײַט געהאַט זיך אַדורכצורעדן מיט די בליקן, און איידער דאָס וואָרט „אבי! אבי!" איז אויסגעלאָשן געוואָרן פון מײַן חבר רופוסעס מויל, ווען ער האָט דערזען אומגעריכט זײַן פאָטער אויף יענער זײַט פון די סאָלדאַטן, איז עפּעס געשען. שמעון קוריני, וועלכער איז נשתומם געוואָרן פון דעם אָנבליק, וואָס זײַנע אויגן האָבן פּלוצלינג דערזען, דעם

רבין פון נצרת ליגן אונטער דעם שתי־וערב, — איז צוגעפאַלן צו אים אים אונטערצוהעלפן. — אין א סעקונדע האָבן אים שוין די סאָלדאַטן געכאַפּט, אויפגעבונדן דעם שתי־וערב פון ישועס רוקן און ארויפגע־לייגט אים אויפן רוקן פון דעם לאַנגן שמעון קוריני.

— פאַטער, פאַטער! — האָט רופוס געדופן דורך דער וואָך פון די סאָלדאַטן.

— איין ייד איז שטענדיק גרייט צו טראָגן דעם שתי־וערב פאַרן צווייטן! — האָט דער פאַטער אים אָפּגעענטפערט דורך דער וואָך פון די סאָלדאַטן. — און שמעון קוריניס הויכער קערפּער האָט זיך איצט געבויגן אונטער דער שווערער לאַסט פון דעם שתי־וערב.

די סאָלדאַטן האָבן געפונען א נײַעם קרבן. האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף אים מיט זייערע באַטיקעס און אָנגעהויבן אונטערצוטרײַבן שמעון קוריני אונטער דעם רעגן פון זייערע שמיץ. דעם רבין פון נצרת האָבן זיי שוין איצט געשלעפּט הינטער אים. ער האָט נישט מער געקאָנט זײַן רוקן אויפהייבן פון דער ערד, וואָרעם ווען אפילו באַפרײַט פון דעם גע־זעענעם שתי־וערב, האָט א משא פון א נישט-געזעענעם שתי־וערב נאָך אַלץ, דאַכט זיך, געדריקט אויף דעם רבינס רוקן. און אזוי האָבן די זעל־נער אים ווײַטער געשלעפּט, הינטער שמעון קוריני, צו דער גלגלתא, וועלכע האָט זיך געפונען באַלד הינטער דער שטאָט־מויער. און נאָך די זעלנער האָבן די קלאָג־ווײַבער זיך נאָכגעשלעפּט, און די לײַט, וואָס האָבן אים באַגלייט, און יהודה איז געווען דער לעצטער פון זיי.

גלגלתא, דער „שאַרבן־באַרג“, האָט מען גערופן דעם באַרג, אויף וועלכן מען האָט אומגעבראַכט דורך קרײַציקן די הרוגי־מלכות. און פאַרוואָס האָט מען דעם באַרג גערופן „גלגלתא“? ווײַל דאָס מלכות האָט נישט געלאָזט די הרוגים אראָפּנעמען פון קרײַץ נאָך דעם ווי זיי זענען געשטאָרבן, אזוי ווי דער דין איז געווען בײַ יידן, נישט צו לאָזן אפילו דעם בר־מנן פון א געהאַנגענעם דורך דיני־ישראל איבערנעכ־טיקן איבער נאַכט. די הרוגי־מלכות האָבן געמוזט אזוי לאַנג הענגען אויפן קרײַץ, ביז די פעלד־פייגל האָבן אויפגעגעסן זייער פלייש, און די ביינער זענען אליין אראָפּגעפאַלן פון דעם האַלץ. וויפיל די תלמידי־חכמים האָבן זיך נישט געמיט די אכזריותדיקע גזרה, וואָס איז קעגן דעם יידישן דין, אָפּצושרײַען, איז דאָס זיי נישט געלונגען. „גלגלתא“ איז געווען א שרעקן־וואָרט בײַ יידן, אזוי ווי דער גערמאַנער הערמאַנוס, אן אומוועדיג און אומריין אָרט. ווען אפילו דער באַרג האָט זיך גע־פונען גאַר אין דער נאָענט פון שטאָט, באַלד אויף דער צווייטער זײַט פון דער ערשטער מויער, צו מערב-צפון־זײַט, האָבן יידן אויסגעמיטן דאָס אָרט ווי אן אַנשטעקיקע צרעת. דער באַרג איז פול געווען מיט מענטשלעכע עצמות. פּילאַטוס און זײַנע משרתים האָבן שוין געזאָרגט פאַר דער חיה „גלגלתא“ צו שפּײַזן זי מיט מענטשלעכע קרבנות. און צו אָט דער גלגלתא האָבן זיי עס געפירט דעם רבין פון נצרת.

אייניקע פון די לײַט, וועלכע האָבן באַגלייט דעם געפּײַניקטן רבין, האָבן זיך אָפּגעשטעלט צופוסנס פון באַרג, ווײַל זיי האָבן נישט געוואָלט זיך מטמא־זײַן דורך באַרירן עצמות, וואָס האָבן זיך ארומגעוואָלגערט איבער דער גאַנצער גלגלתא, פון פייגל אויפגעפרעסענע פגרים. אַנ־דערע אָבער זענען ווײַטער מיטגעגאַנגען מיט דעם טרויעריקן גאַנג, וואו מ׳האָט געשלעפּט דעם רבין מיטן שתי־וערב, וואָס שמעון קוריני האָט פאַרויסגעטראָגן פאַר אים. פון דער ווײַטנס האָט מען נאָר געזען דעם רבינס פאַרבלוטיקט קלייד ארויסשײַנען צווישן די שפּיזן פון די סאָלדאַטן. מיר האָבן נישט געקאָנט צוקומען נאָענט צו אים, ווײַל די סאָלדאַטן האָבן אונז געהאַלטן פון דער ווײַטנס. מיר האָבן געזען ווי זיי האָבן דעם נצרתער ארויפגעפירט אויפן שפּיץ בערגל. דאָרטן האָבן שוין געשטעקט אין דער ערד עטלעכע שתי וערבס מיט פאַרפּײַניקטע גופים אויף זיי. אייניקע פון זיי האָבן שוין געמוזט אָלט זײַן אַ פּאָר טעג. איבער די שתי־וערבס זענען פאַרטריקנט געווען די שטרעמלעך בלוט, וועלכע האָבן געראָנען אויס די לעכער פון זייערע הענט און פיס. די גופים פון די געפּײַניקטע לײַט זענען געווען אײַנגעקאָרטשעט אין קראַמפּיקע ספּאַזמען, אײַנגעדרייט אויף די שתי־וערבס. מען האָט נישט געקאָנט וויסן, צי זיי זענען שוין טויט, אָדער זיי אָטעמען נאָך, וואָרעם פון זייערע פאַרקרימטע מײַלער האָבן זייערע צונגען ארויסגעשטאַרצט, און זייערע אויגן, גרויסע, פאַרגלײַזטע, זענען ארויסגעקראָכן פון זייערע אויגן־לעכער. אַנדערע, ווידער, האָבן געגעבן קלאָרע סימנים פון לעבן, האָבן אפילו געשאָלטן אראָפּ פון די צלמים. אַנדערע האָבן גאָטס נאָמען אָנ־גערופן. אויך זענען פיל צלמים מיט האַלב־פאַרפוילטע קערפּערס געלעגן אומגעוואָרפן אויף דער ערד, וואָרעם דאָס מלכות האָט זיי נישט געלאָזט ברענגען צו קבר ישראל, ביז וואַנען די פייגל פון הימל וועלן נישט זייער פלייש אויפעסן פון זייער געביין. דער גלגלתא־באַרג איז געווען אדורכגעזאַפּט מיט מענטשלעך בלוט, אדורכגעאַקערט מיט מענטשלעכע געשרייען, פאַרזייט מיט מענטשלעכע עצמות. אויסגייענדיקע קרעכצן האָבן זיך געריסן, שטילע רופן פון געפּײַניקטע האָבן זיך געהערט פון די אויסגייענדיקע אויף די צלמים. דורך אָט דעם וועג פון צער און בלוט האָבן זיי דעם רבין אדורכגעשלעפּט.

און איך האָב געזען, און יעדער איינער האָט געזען, ווי דער רבי האָט אויף זײַן גאַנג צו דער תליה מיט זײַן בליק אויפגענומען דעם גאַנצן יאָמער און קלאָג, וואָס זײַנע אויגן האָבן זיך מיט זיי אָנגעשעפּט אויף זײַן וועג צום צלם. אַזוי האָבן זיי אים ארויפגעפירט אויפן שפּיץ בערגל. און אויפן שפּיץ בערגל האָבן שוין צוויי נשמות זיך געפּײַניקט אויף צלמים. און דאָרט האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. און זיי האָבן אראָפּגענומען דעם שתי וערב פון שמעון קוריניס אַקסל און אוועקגעלייגט אויף דער ערד. דערנאָך האָבן זיי גענומען דעם רבין און אים צוגעפירט צום שתי־וערב.

און די װײַבער, און די באַגלײטער זענען געשטאַנען פֿון דער װײַטנס. און מיר האָבן מיט שרעקעדיקע, געפּײַניקטע הערצער אָפּגעװאַרט, װאָס דאָ װעט זײַן. א שטילקײט איז געקומען איבער דער װעלט. עס איז געװען אזױ שטיל, אז מען האָט געהערט װי דער װינט בלאָזט צװישן די גופֿים, באַװעגט די פּגרים אױף די צלמים. מיר אַלע האָבן אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם. איצט זענען מיר אַלע געװען זיכער, אז איצט מוז עס געשען. איצט האָט דער רבי דערגרײכט דעם טיפֿסטן אָפּגרונט פֿון צער און פּײַן. איצט איז ער צוגעקומען צו דער גרענעץ, װאו עס שײדט זיך אָפּ דאָס לעבן פֿון טױט, צו דער לעצטער טיר. זײַנע אױגן האָבן שױן אַלץ געזען, זײַנע אױערן האָבן שױן אַלץ געהערט. זײַן לײַב איז אדורכגעװײקט געװאָרן מיט אַלע אַנגסטן פֿון אַלע יסורים. זײַן לײַב איז פֿול געװאָרן מיטן װײַן פֿון פֿאַרביטערטקײט. ער האָט דעם כּוס פֿון טרערן אױסגעטרונקען ביז צום לעצטן טראָפּן. און איצט האָבן מיר פֿאַרשטאַנען, פֿאַרװאָס ער האָט זיך געלאָזט ארױפֿברענגען אהער, אױף דעם שפּיץ פֿון דער גלגלתא: פֿון דעם אָרט פֿון דעם טיפֿסטן מענטשלעכן פּײַן און מענטשלעכער רשעות אָנצוהײבן די גרעסטע ישועה, פֿון דער טיפֿסטער נידעריקײט אױפֿצוהײבן זיך צו דער העכסטער הײך! און אױף אונזערע ליפּן איז געלעגן א געזאַנג:

„מיט דיר, מיט דיר אין דער הײך!"

און מיר אַלע זענען געװען זיכער, אז איצט, װען זײ פֿירן אים צו צום שתּי־וערב, איצט װעט ער אױפֿהײבן זײַנע הענט, װעט װענדן זײַנע אױגן צום הימל, און די גאולה װעט אָנקומען. עס איז אונז געװען װי מיר װאָלטן שױן דערהערט דאָס רױשן פֿון די מלאכים־פֿליגלען ארום אונז.

װײ איז צו אונז, גאָרנישט איז געשען. מיט א געבױגענעם קאָפּ, װי א געבונדן קאַלב, איז דער רבי צוגעגאַנגען צום שתּי־וערב. זײַן פּנים איז רואיק געװען. און פֿון זײַן אױג, װאָס איז געװען האַלב פֿאַרמאַכט מיט דעם אױבערשטן הײטל, האָט זיך ארױסגעריסן דער גאַנצער שרעק פֿון טױט.

— די רשותים זענען דיר איבערגעגעבן! הױב אָן דײַן ממשלה, — האָט זיך געהערט א געשרײ פֿון צופֿוסנס פֿון באַרג.

— רוף אליהו הנביא! רוף די מלאכים!

— דערלײז דיך און אונז! דערלײז, דערלײז!

— קום, באַװײַז דײַנע גבֿורות, װען דו ביסט דאָס, װאָס דו זאָגסט.

— שװײַגט, שװײַגט, שװײַגט!

אָבער דער רבי האָט זיך געלאָזט אױסטון זײַנע קלײדער. זײ האָבן פֿון אים אראָפּגעצױגן דעם מעיל, װעלכער איז שױן געװען אדורכגעװײקט אײַנגאַנצן אין בלוט און שװײס. דערנאָך האָבן זײ אים אראָפּגעצױגן דאָס העמד, װאָס איז, װי יוספֿס העמדל, געװען צעריסן פֿון די בלוטיקע נעגל פֿון מענטשן־חיות. און ער איז געבליבן שטײן נאַקעט

און בלויז, ווי די מוטער האָט אים געבוירן. אַן אויסגעמאַטערט לײַב, לויטער בײן, זשעבערעס, איבערגעצויגן מיט אַ ווײַסער, דורכגעקאַטעוועטער, געשפּאַלטענער הויט פון שמיץ און שלעק, געציטערט, געאַנגסט פאַר שרעק, ווי יעדער לײַב פון יעדן בשר־ודם, ווען מען שטעלט אים פּנים־צו־פּנים מיטן טויט. באַלד האָט ער זיך געשטאַרקט. ער איז געשטאַנען אַן אויגנבליק פאַרן שתי־וערב, און ער האָט פאַרמאַכט זײַנע אויגן אין גרויס דבקות, און זײַנע ליפּן האָבן זיך באַוועגט ווי ער וואָלט אַ ברכה געמאַכט. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעריכט און איז געשטאַנען, גרייט צו נעמען אויף זיך דעם טויט.

און זיי האָבן אים גענומען און האָבן אים אויסגעצויגן איבער דעם שתי־וערב. איצט איז געקומען דער מאָמענט, איצט, איצט! עד מתי רשעים יעלזו?!

אָבער די אַנגסט פון ישראל, הערמאַנוס הרשע, האָט גענומען אַ נאָגל מיט אַ האַמער אין זײַן האַנט און אָנגעהויבן אַרײַנצוקלאַפּן אין לעבעדיקן פלייש, דורך דעם רבינס דלאָניע, אין דעם שתי־וערב אַרײַן.

אַ געשריי האָט זיך געהערט פון די ווײַבער, אַ געשריי ווי פון אַ געמוטשעט קינד. אַ געשריי האָט זיך געהערט פון די מענער.

דער רשע, צעשוויצט, צעוואַרעמט, די האָר פון זײַן קאָפּ צוגעקלעפּט צום פאַרשוויצטן, שמאָלן שטערן זײַנעם, האָט מיט התמדה געקלאַפּט דעם נאָגל אין דעם רבינס פלייש אַרײַן, געקלאַפּט פּאַמעלעך, לאַנגזאַם, קלאַפּ נאָך קלאַפּ, ווי ער וואָלט זיך געבאָדן אין נחת, ווי עס וואָלט אים אַ שאָד געווען דאָס פאַרגעניגן געשווינד פאַרבײַצולאָזן דעם געפּײַניקטן די גרעסערע יסורים אָנצוטון. און דער געמאַטערטער אויפן שתי־וערב, ווי יעדער בשר-ודם, וואָס מען טוט אים אָן יסורים, האָט זײַנע ליפּן פאַרביסן מיט די ציין. זײַנע אויגן זענען גרויס אויסגעזעצט געוואָרן און פאַרלאָפן מיט בלוט. און זײַנע פּאות האָבן געציטערט. און דער עלצטער פון די סאָלדאַטן איז געשטאַנען דערבײַ.

— באַווײַז, באַווײַז, באַווײַז, אז דו ביסט משיח פון גאָט! צעשטער אדום! — האָבן קולות געמופן צו אים.

אָבער דער רבי איז געווען פאַרקריפּלט אין זײַנע יסורים. ווי מיט יעדן בשר־ודם, האָט זײַן פּײַן אָנגעפילט אַלע זײַנע חושים.

יהודה איש־קריות, וועלכער האָט ווי אַ שמאַטע זיך געהאַט נאָכגעשלעפּט נאָכן גאַנג, האָט די גאַנצע צײַט זיך באַהאַלטן הינטער אַ האַלב־אײַנגעפאַלענעם צלם. איצט האָט ער פּלוצלינג זיך אַרויסגערוקט, און אַ גרויס געשריי האָט זיך געהערט פון זײַן ברוסט אַרויסרײַסן.

— איצט פאַרשטיי איך דיך, רבי! אָ, איצט זע איך דיך!

און ער איז געפאַלן אויף דער ערד, און ער האָט זײַן פּנים אײַנגעגראָבן אין דער ערד. דער געפּײַניקטער אויפן שתי־וערב האָט זיך געמיט אויפצוהייבן דעם קאָפּ און ער האָט געקוקט, וועמען עס רופט אים אין לעצטן אויגנבליק „רבי". ער האָט דערזען דעם קניענדיקן, פאַלנ־

דיקן יהודהן. פון דעם געמאַטערטנס פּנים איז אויף אַ ווײַל פאַרשוואונדן דער אויסדרוק פון צער. זײַנע אויגן זענען צוריק גרויס און פריידיק געוואָרן. און מען האָט קלאָר געזען, ווי אין דעם גלילערס אויגן שײַנט די לעצטע טרער. זײַנע ליפּן האָבן זיך באַוועגט אין אַ געבעט, נאָר מען האָט נישט געהערט די ווערטער, וואָרעם הערמאַנוס הרשע האָט אים געשלאָגן איבערן קאָפּ.

— איצט זע איך אים, איצט ווייס איך, ווער ער איז. ווי איז מײַן נשמה! — האָט יהודה געקלאָגט און געיאָמערט, און ער איז אָפּגעלאָפן אין דער שטאָט אַרײַן.

אויך די אַנדערע באַגלייטער האָבן זיך אויסגעדרייט און זענען אוועק פון אָרט. און זיי האָבן געזאָגט:

— איצט איז שוין אַלץ אויס!

אויך איך האָב זיך אויסגעדרייט און בין געגאַנגען אין שטאָט אַרײַן מיט אַ פאַרווייטאָקט האַרץ אָנצוזאָגן מײַן רבין די טרויעריקע בשורה.

נאָר מײַן חבר און פרײַנד רופוס האָט געזאָגט:

— עס קאָן נישט זײַן, אַז אַלץ איז שוין אויס.

און ער איז איבערגעבליבן דאָרט בײַ די ווײַבער אָפּצוּוואַרטן, וואָס עס וועט אַרויסקומען פון דער זאַך.

קאַפּיטל זיבנאונצוואַנציק

ווען איך בין אַהיימגעקומען צו מײַן רבין נקדימון, האָב איך אים געפונען רוען אין גרויס צער, וואָרעם ער האָט שוין געהאָט געהערט פון די ענויים־קשים, וואָס אדום האָט אָנגעטון דעם נצרתער, און פון דעם חוזק און שפּאָט, וואָס זיי האָבן געטריבן מיט אים, — און זיי האָבן אין אים און דורך אים געוואָלט מבזה זײַן גאַנץ ישראל. ער האָט, ווי מיר אַלע, אַלץ געוואַרט, אַז עס וועט געשען אַ נס אין דער לעצטער מינוט, און גאָט וועט דעם רבי פון נצרת אָפּראַטעווען פון די הענט פון זײַנע פײַניקער. און עס איז געווען, ווען ער האָט דערהערט פון מיר, אַז אַלע קצים האָבן זיך שוין אויסגעלאָזט און אדומס סאָלדאַטן האָבן שוין דעם רבין אָנגעשלאָגן אויפן קרײַץ, האָט ער זיך אָנגערופן:

— כל־זמן די נשמה איז נאָך אין קערפּער, טאָר מען זיך נישט מיאש זײַן.

און דערנאָך האָט ער געזאָגט צו מיר:

— קום און זע די גרויסקייט פון צדיק: וואָס גרעסער עס זענען זײַנע יסורים פאַר דעם כבוד פון רבונו של עולם, אַלץ געזונטער און

שטאַרקער קלאַמערט ער זיך אין זײַן פֿאָטער אין הימל. די יסורים זענען דער קוואַל, וואָס די צדיקים שעפּן פֿון אים זייער אמונה. און פֿון דעם קוואַל לאָזט גאָט אַנטרינקען נאָר זײַנע אויסדערוויילטע.

און אין נאָך אַ ווײַל אַרום האָט ער געזאָגט:

— ווער ווייס, ווי ווײַט די זאַכן דערגייען!

און מײַן רבי האָט זיך אוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל פֿון בית־מדרש און האָט לאַנג מתפּלל געווען ביחידות, אין דער שטיל. נאָר זײַנע קרעכצן האָבן געשפּאָלטן דעם באַלקן פֿון בית־מדרש, און זײַן קלייד איז אַדורכ־געווייקט געוואָרן אויף אים פֿון אַנגסטן. נישט נאָר די נשמה פֿון מײַן רבין נקדימון, נאָר זײַן גאַנצער קערפּער האָט געשריען צו גאָט, מען האָט ממש אַנגעזען אויף אים, אַז ער לעבט אַדורך אַלע ענויים, וואָס זיי טוען אָן דעם רבין פֿון גליל, וואָרעם ווער עס וויל בעטן פֿאַרן צווייטן, מוז זיך אוועקשטעלן אין דעם מעמד פֿון דעם, וואָס ער איז פֿאַר אים מתפּלל.

מײַן רבי איז אויסגעגאַנגען פֿון זײַן תפילה און ער האָט זיך אָנ־גערופֿן צו מיר:

— עס קומט די צײַט צו ברענגען דעם קרבן־פּסח. און איך וויל נישט לענגער רוען אין צער, נאָר נעמען אויף זיך די פֿרייד פֿון יום־טוב, אַזוי ווי עס שטייט געשריבן: „איך האָב זיך געפֿרייט, מען האָט מיר געזאָגט, אין גאָטס הויז וועל איך אויפֿגיין". אפשר וועט גאָט באַ־ווײַזן זײַן נס לכבוד דעם יום־טוב און וועט דעם רבין פֿון נצרת ראַטע־וועו אין דער לעצטער מינוט. בײַ גאָט איז אַלץ מעגלעך.

און ער האָט זיך געוואַשן און האָט איבערגעטון זײַן קלייד און האָט זיך מכין געווען אויפֿצוגיין אין בית־מקדש פֿאַרצובערייטן דעם קרבן, לויט זײַן סדר, וואָרעם די זון האָט דערגרייכט די מיטאָג־שעה און עס האָט זיך דערנענטערט די צײַט פֿון קרבן־פּסח. איידער אָבער ער איז גרייט געווען צו גיין, האָט די טיר זיך אויפֿגעעפֿנט, און מײַן חבר רופֿוס איז אַרײַנגעקומען מיט גרויס געוויין. ער איז געפֿאַלן אין מײַן רבינס אָרעמס.

און ער איז געווען לויטער שרעק און ציטערניש. און מײַן רבי האָט אים צוגענומען צו זײַן ברוסט, ווי אַ פֿאָטער נעמט צו זײַן זון, און ער האָט צו אים געזאָגט:

— אין דײַן פּנים דערקען איך די שלעכטע בשורה, וואָס דו האָסט מיר געבראַכט.

אָבער רופֿוס איז געלעגן אויף מײַן רבינס ברוסט און ער האָט גע־וויינט און געקלאָגט און האָט נישט געוואָלט זיך באַרואיקן. און מײַן רבי האָט אים ווײַטער געזאָגט:

— שטאַרק זיך מײַן זון, און פֿאַרצייל מיר פֿון אַלץ, וואָס עס איז געשען מיטן רבין פֿון נצרת, וואָרעם פֿון צדיק דאַרף מען זיך אָפּלערנען, ווי אַזוי שטאַרק צו זײַן אין דער אמונה און ווי אַזוי מקדש־השם צו זײַן.

און רופוס האָט געזאָגט:

— ווײַ צו מײַנע אויגן, וואָס זיי האָבן דאָס געזען. עס איז נישטאָ קיין פּײַן, וואָס זיי האָבן אים נישט אָנגעטון.

און רופוס האָט זיך צעוויינט.

אָבער מײַן רבי האָט געזאָגט צו אים:

— שטאַרק זיך, מײַן זון, און פאַרציילֿ מיר אַלץ בפּרטיות, וואָס דו האָסט געזען, ווי אַזוי ער איז אויסגעגאַנגען אין דער לעצטער מינוט.

און רופוס האָט זיך געשטאַרקט און ער האָט אָנגעהויבן:

„— נאָכדעם ווי זיי האָבן דעם רבין פון נצרת אָנגעשלאָגן אויפן שתי־וערב מיט גרויסע יסורים און פּײַן, האָבן זיי גענומען די שריפט, וואָס פּילאַטוס האָט אָנגעשריבן, — „ישוע, מלך היהודים”, — און זיי האָבן זי אָנגעקלאַפּט אויפן שתי־וערב איבער זײַן קאָפּ. און זיי האָבן חוזק געטריבן פון אים, און זיי האָבן געדופן צו אים: „נו, קעניג פון די יידן, העלף זיך אַליין!”. דער רבי אָבער האָט געקוקט אויף זיי מיט גרויס רחמנות, בשעת זײַנע ליפּן האָבן זיך געקראַמפּט פאַר צער. זײַנע הענט און זײַנע פיס זענען צו שוואַך געווען צו האַלטן זײַן קערפּער אויפן שתי־וערב. זײַן רוקן האָט זיך אויסגעבויגן. און איין מינוט האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער שוואַכער קערפּער פון רבין פאַלט, חלילה, אַרונטער פון שתי־וערב, וואָרעם עס איז פּלוצלינג אָנגעקומען אַ ווינט, און דער ווינט איז געווען שוואַרץ און געדיכט, און דער ווינט האָט גע־קלאַפּט אויפן שתי־וערב. און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער ווינט האָט אָרעמס און פליגל, און ער נעמט אָן מיט זײַנע אָרעמס דעם רבינס דינעם קערפּער און ווילֿ אים אַרונטערנעמען פון שתי־וערב און מיטטראָגן מיט זיך. און מיר אַלע, וואָס זענען געשטאַנען אַרום, זענען דערשראָקן גע־וואָרן. מיר האָבן געמיינט, אַז אָט באַלד וועלן די פאַלדן פון ווינט זיך אויפוויקלען, און פון זײַן טיפער, טונקעלער געדיכטקייט וועלן מלאכים אַרויסקומען, און זיי וועלן דעם רבין פון שתי־וערב אַוועקטראָגן. אָבער דער ווינט האָט זיך נאָר געוויקלט אַרום דעם רבין, ווי ער וואָלט דעם רבינס לײַב געהאַלדזט, און ער איז באַלד פאַרשוואונדן.

„און ווען דער ווינט האָט זיך אײַנגעשטילט, האָב איך געקוקט און געזען ווי דער רבי הענגט אויפן שתי־וערב. זײַן פּנים האָט זיך משנה געווען. זײַנע אויגן זענען גרויס געווען און זיי זענען געווענדט געווען צום הימל. און זײַן מויל איז פאַרשלאָסן געווען, און אַ דינער שוים איז געלעגן אויף זײַנע ליפּן, ווי עס וואָלט ווער זײַנע ליפּן פּײַכט געמאַכט מיט דער פליסיקייט פון אַ געטראַנק. און איצט איז שוין נישט נאָר זײַן פּנים אַליין געווען לויטער צער, נאָר דער גאַנצער קערפּער זײַנער איז געווען כולו צער. מען האָט אָנגעזען אויף אים, ווי ער לײַדט מיט די שרעקלעכע עינויים, וואָרעם זײַן קינדיש לײַב האָט אויפן שתי־וערב אָנגעהויבן זיך קאָרטשען אין קאָנוואולסיעס, זײַנע הענט זענען שלאַבריק געוואָרן, זײַן ברוסט איז אײַנגעפאַלן און זײַן בויך איז אויפגעבלאָזן גע־

וואָרן. און ער האָט זיך געמיט מיט די אַרײַנגעשלאָגענע נעגל אײַנצוהאַלטן זײַן לײַב אויף דעם האָלץ פון שתי־וערב, וואָרעם דער רוקן הינטער אים האָט זיך געבראָכן און זײַן קאָפּ איז געפאַלן אויף זײַן ברוסט. נאָר איין אויגנבליק האָט ער מיט די פינגער פון זײַנע פיס גע־פּרוווט אונטערצושטיצן דאָס גרינגע געוויכט פון זײַן קערפּער. זײַן לײַב איז דענסטמאָל וואַקסיג־געל געוואָרן, אויסגעצערט, אויסגעצערטלט ווי איידעלער עלפנביין. און זײַן בלייך, מיט פאַרטריקנטע בלוט־שטרעמלעך פאַרגאָסן פנים, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון זײַנע בלוט־צוזאַמענגעקלעפּטע באָרד־און־פּאות, איז געוואָרן איין געשריי צו גאָט. דאָך האָט ער זיך געשטאַרקט, און עס איז אים געלונגען אויפצוהויבן דעם קאָפּ פון זײַן ברוסט, און ער האָט געווענדט די אויגן צום הימל, ווי ער וואָלט דערוואַרט הילף פון דער הייך, און די הילף איז נישט געקומען.

„די ווײַבער זענען געשטאַנען קעגנאיבער דעם שתי־וערב. און זיי האָבן צוגעזען זײַנע יסורים. און איינע פון די פרויען, די הויכע מרים, איז געווען אָנגעלענט מיט איר קאָפּ אויף דער צווייטער מרימס ברוסט, און די אַנדערע האָט זי אונטערגעהאַלטן, וואָרעם אירע פיס האָבן זיך געבראָכן אונטער איר. און זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, נאָר אונטערגעשטיצט פון די אַנדערע ווײַבער. אָבער מיטאמאָל האָט די עלצטע פרוי זיך אויפגעריכט און זי האָט זיך געשטעלט אויף אירע פיס. זי האָט באַפרײַט איר קאָפּ פון דער אַנדערערס ברוסט, און איר פנים איז געווען אויפגעדעקט, און זי האָט מיט אירע אויגן זיך אײַנגעקוקט אין דעם פנים פון דעם געפּײַניקטן אויפן שתי־וערב. קיין טרער האָט זיך נישט באַוויזן אין אירע אויגן, נאָר אָפן זענען זיי געווען און גרויס. איר פנים פאַרשטיינערט, אירע ליפּן פאַרשנירט, קיין איין מוסקול האָט זיך אין איר פנים נישט באַוועגט, נאָר געווענדט צום פנים פון געפּײַניקטן. אירע אויגן אין זײַנע, איר פנים אין זײַנס — און עס האָט זיך אויסגעוויזן, ווי די יסורים און ענויים טראָגן זיך איבער דורך זייערע באַהאָפטענע בליקן פון דעם געפּײַניקטן צו איר. וואָס אמאָל טיפער האָבן אירע אויגן זיך אײַנגעזויגן אין דעם פנים פון דעם געפּײַניקטן. מען האָט אָנגעזען, ווי זי טרינקט אין זיך אַרײַן די יסורים דורך איר האַלדז. איר האַלדז איז אָנגעשוואָלן געוואָרן, אַזוי ווי ער וואָלט א קראָק באַקומען. און איר האַלדז איז בלוי געווען, און די אָדערן אין איר האַלדז זענען אָנגעשטרענגט געוואָרן און אָנגעהויבן זיך אדורכזעצן מיט זייערע בלויע שטריק דורך דער דינער הויט פון האַלדז, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אָט וועלן זיי זיך שפּאַלטן. און דער האַלדז איז וואָס אַמאָל מער אָנגעצויגן און געשוואָלן געוואָרן, אַז ער האָט אָנגעהויבן אויסזען, ווי א ברוסט, וואָס פילט זיך אָן מיט די ענויים און יסורים, וואָס אירע אויגן זויגן אין זיך אַרײַן דורך דעם בליק פון געפּײַניקטן, און זיי ווערן דורך דעם באַהאָפטן צוזאַמען. און זי וואַקסט און ווערט שטאַרק און גרויס דורך דער קראַפט, וואָס זי זאַפּט אין זיך

ארײַן, ווארעם די פרוי איז מיטאמאל העכער אויסגעוואקסן און איר קאפּ האט ארויסגעשטארט פון די אנדערע צוויי פרויען, און אירע פיס אונ־טער איר זענען שטארק געווארן, און זי האט זיך שוין קײן אײן וואקל נישט געגעבן. נישט קײן טרער האט מען געזען אויף איר פּנים, נישט קײן קרעכץ האט זיך געהערט פון אירע ליפּן, נאר זי וואקסט און וואקסט און ווערט אנגעפילט אינגאנצן מיט דעם צער, וואס גיסט זיך אין איר ארײַן דורך די בליקן, די צוזאמענגעהאפטענע בליקן, — און אזוי איז עס שוין ביז צום סוף.

„אבער דער געפײַניקטער אויפן שתי־וערב האט וואס אמאל זיך אלץ מער געקארטשעט אין זײַנע קראמפן. א שוים האט זיך געזעצט אויף זײַנע ליפּן, זײַן פּנים איז מיד געווארן פון הענגען אויסגעשטרעקט, אן אן אנהאלט, אויפן שתי־וערב, און עס איז ווידער געפאלן אויף זײַן ברוסט. און זײַנע ליפּן האבן עפּעס אנגעהויבן מורמלען. און דער עלצ־טער, וואס איז געשטאנען דארט, האט גענומען פון די זעלנער א שמאטע, וועלכע זײ האבן אײַנגעטונקען אין א פליסיקייט, און ער האט די שמאטע ארויפגעלייגט אויף א שטעקן און זי דערלאנגט צו די ליפּן פון דעם געפײַניקטן, צום געלעכטער און שפּאט פון די זעלנער.

„דענסטמאל האט דער געפײַניקטער געקוקט אויפן עלצטן, און אין זײַן בליק איז געווען אי צער, אי קראפט, אי רחמנות, און מען האט אים געהערט זאגן אין דער הייך:

„— זײַ זײ מוחל, פאטער אין הימל, ווארעם זײ ווייסן נישט, וואס זײ טוען".

„ווען דער עלצטער האט דערהערט די ווערטער, איז ער צוגעגאנ־גען א טראט נענטער צום שתי־וערב און ער האט עפּעס ארויפגערעדט צום געפײַניקטן, וואס מיר האבן עס נישט געהערט.

„מיטאמאל האט דער רבי אויפן שתי־וערב אויפגעהויבן זײַן קאפּ צום הימל און געווענדט זײַנע אויגן אין דער הייך, און ער האט א בי־טערן קרעכץ געגעבן, וואס איז אדורכגעגאנגען דורך זײַן גאנצן לײַב, און מיר האבן געהערט איין־איינציק ווארט ארויסגיין פון זײַנע ליפּן:

„— אלי, אלי, למה שבקתני?

„ווען די פרוי האט דערהערט דאס ווארט ארויסגיין פון דעם גע־פּײַניקטנס מויל, האט זי דאס איינע מאל אויסגעשטרעקט צו אים די הענט און אויסגערופן:

„— תנוקי! תנוקי!

„אבער די פארצווייפלונג און דער טויט־שרעק אויפן רבינס פּנים האבן נאר געדויערט א קליינע מינוט. באלד האט ער זיך געשטארקט. א בארואיקונג איז געקומען איבער אים. די ספּאזמען האבן זיך אײַנגע־שטילט, ווי א שלאף וואלט אים באפאלן. זײַן קערפּער איז אויסערגע־וויינלעך קליין געווארן, ווי ער וואלט זיך אײַנגעקארטשעט אין זיך.

זײַנע פּיס האָט ער אויסגעבויגן. ער האָט זיך געמיט מיט די לעצטע כּוחות אויפֿצוהייבן דעם קאָפּ פֿון זײַן ברוסט און אים אויסצונייגן צום הימל. און צום לעצטן מאָל האָט ער אַ הויכן אויסרוף געגעבן:

„— שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד!“.

און ווי ער האָט דאָס וואָרט אויסגערופֿן, האָט ער זײַן קאָפּ געלאָזט פֿאַלן אויף זײַן ברוסט און פֿאַרמאַכט זײַנע אויגן. איבער זײַן פּנים האָט אָנגעהויבן שוועבן אַ מחילהדיקער שמייכל. אַ רואיקייט איז געקומען איבער אים. זײַנע ליפּן האָבן אַ מורמל געגעבן ווי אַ געזאַנג צום שלאָף:

„— בידך אפקיד רוחי!“.

„און ער איז אויסגעגאַנגען מיט דעם שלווהדיקן שמייכל אויף זײַנע ליפּן בקדושה ובטהרה“.

*

און ווי רופֿוס האָט געענדיקט זײַנע רייד, האָט מײַן רבי זיך אָנגערופֿן:

— עס שטייט אין דער תורה: „זאָלסט ליב האָבן דײַן גאָט מיט דײַן גאַנצן האַרץ, מיט דײַן גאַנצער נשמה און מיט אַלע דײַנע מעגלעכקייטן“. אין אַלע מעגלעכקייטן, אין אַלע מעמדים זאָלסטו ליב האָבן דײַן גאָט. האָבן אונזערע חכמים געלערנט דערפֿון, אַז מען מוז דאַנקען גאָט פֿאַרן שלעכטן פּונקט אַזוי ווי פֿאַרן גוטן. קומט, מײַנע תּלמידים, לאָמיר דאַנקען גאָט דערפֿאַר, וואָס ער האָט נישט געלאָזט דעם צדיק זיך פּײַניקן לאַנג אויפֿן שתי־וערב. — און דער רבי מײַנער האָט אויסגעשטרעקט זײַנע הענט צום הימל און אויסגערופֿן: — ברוך דיין אמת! — און צו אונז האָט ער געזאָגט — זײַט געטרייסט, מײַנע תּלמידים, דער אָנדענק פֿון צדיק ווערט דערמאָנט מיט ברכה. — און ער האָט אויסגעדרייט זײַן פּנים צו דער וואַנט און האָט אויסגערופֿן אין זײַן געבעט אין גרויס דבקות: — פֿאָטער פֿון אַלע באַשעפֿענישן, האָב רחמנות אויף דײַן קנעכט, ישוע בן יוסף, וועלכער האָט דיר געוואָלט דינען מיט זײַן גאַנץ האַרץ און מיט זײַן גאַנצער נשמה, האָט מקריב־געווען זײַן נפֿש פֿון דײַנעט וועגן. קום און זע, וואָס אדום האָט געטון מיט אים. ער האָט פֿאַרגאָסן זײַן בלוט, ווי וואַסער, און זײַן לײַב, ווי אַ זיפּ, האָט ער באַשאָטן מיט וואונדן. אָבער ער האָט נישט ווידערגעשפּעניקט קעגן דיר, נאָר ער האָט זײַנע יסורים אויף זיך מיט ליבע מקבל געווען, כּדי דײַן נאָמען זאָל מקודש ווערן. האָב רחמנות אויף אים און נעם צו דאָס נפֿש פֿון דעם צדיק, ווי אַן עולה־תמימה, און גיב מנוחה צו זײַן נשמה, און ברענג אים אַרונטער אונטער די פֿליגל פֿון דײַן שכינה. אמן!

און ער האָט זיך געהייסן דערלאַנגען וואַסער אין אַ כּלי, און ער איז אַרויסגעגאַנגען צו דער טיר פֿון בית־מדרש, און ער האָט געוואַשן זײַנע הענט, און ער האָט געזאָגט:

— עס איז גלוי וידוע פאַר דעם, וואָס האָט געזאָגט און עס איז געוואָרן די וועלט, אַז אונזערע הענט האָבן נישט פאַרגאָסן דאָס דאָזיקע בלוט. מיר און אונזערע קינדער זענען ריין דערפון.

און צו אונז האָט ער זיך אָנגערופן און געזאָגט:

— אַ מת־מצווה וועגט איבער אַלע מצוות פון דער תורה, אַפילו די מצווה פון קרבן־פסח. און די, וואָס גייען אויף קדוש־השם, זענען בײַ אונז פאַררעכנט פאַר טהורים און קדושים. דער רבי פון נצרת, וועלכער איז אומגעבראַכט געוואָרן פון אדום אויף קדוש־השם, איז אַ קדוש אין ישראל. מתעסק זײַן זיך מיט זײַן קבורה איז די גרעסטע מצווה. בכן, גייט און אײַלט צו יוסף רמתי, ער זאָל זיך באַלד פעדערן און גיין צום מלכות, — ער איז דאָרט באַקאַנט, — און זען, אַז דער רשע זאָל אַרויסגעבן דעם גוף פון דעם צדיק, — וואָס פאַר אַ פאַרמעגן אין דער וועלט ער זאָל נישט פאָדערן פון אים, — כדי מיר זאָל דעם צדיק ברענגען צו קבר־ישראל, איידער די זון גייט אונטער, איידער דער הייליקער שבת קומט אָן. און איך וועל גיין צו דער גלגלתא און וועל דאָרט וואַרטן אויף אים, ביז וואַנען דער רשות וועט געגעבן ווערן דעם צדיק פון שתי־וערב אַרונטערצונעמען.

און מײַן רבי האָט געהאַט באַהאַלטן אין אַ שטיינערנעם אָרון זײַן אוצר בשמים. פאַר יעדער תאווה פון דער וועלט איז מײַן רבינס האַרץ געווען פאַרשלאָסן. קיין עשירות, קיין כבוד פון מלכות, קיין ליבע צו פרויען האָט אים נישט געקאָנט רייצן. נאָר די תאווה נאָך בשמים האָט ער נישט געקאָנט ווידערשטיין, צו זיי האָט מײַן רבי געגלוסט. ווי עס האָט זיך נאָר געמאַכט צו באַקומען אַ זעלטענע בשמים־צווײַג, אַן אויסטערליש געוויקס, האָט ער זיך דאָס אײַנגעשאַפט. זײַנע פרײַנד און זײַנע פאַרערער האָבן געוואוסט פון מײַן רבינס שוואַכקייט צו בשמים און זיי האָבן אים געמאַכט מתנות אויף אַלע ימים־טובים, — וואָרצלען פון די אויסטערלישסטע בשמים־בליטן, מור־און־דרור־בלעטלעך, וועלכע מען האָט אויפגעקליבן אין מדבר. אויך יוסף רמתי פלעג דעם רבין אָפּט מכבד זײַן מיט אויסטערלעשע בשמים־צווײַגלעך. מײַן רבי האָט זיי געזאַמלט און אויפגעהיט פאַר זײַן קבורה.

און דער רבי האָט גענומען דעם אוצר בשמים מיט זיך און געהייסן זײַנע תלמידים, אַז זיי זאָלן מיט אים גיין צו דער גלגלתא און העלפן אים ברענגען דעם צדיק צו קבר־ישראל.

קאַפּיטל אַכטאונצוואַנציק.

און יוסף רמתי האָט געהאַט אין זײַן באַזיץ אַ טײַערן פּערל, וואָס ער האָט באַקומען בירושה פון זײַנע אבות. און דער פּערל האָט געהאַט

די אייגנשאַפט, אַז ווען אַ זינדיקער מענטש האָט געקוקט אויף אים, איז ער געשלאָגן געוואָרן פון זײַן געוויסן ווי מיט ריטער, און ער האָט חרטה געהאַט אויף זײַנע זינד און תשובה געטון. דעם פּערל האָט יוסף רמתי אָפּגעגעבן פּילאַטוסן פאַר דעם לײַב פון ישוע. און עס איז געווען אין אַ פּאָר טעג אַרום, האָט פּילאַטוס צוריקגעשיקט דעם פּערל צו יוסף רמתי, וואָרעם ער האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן זײַן אָנבליק.

און יוסף רמתי האָט גענומען דעם טאָוול, אויף וועלכן פּילאַטוס האָט אָנגעשריבן צום הויפּטמאַן, אַז ער זאָל אים אַרויסגעבן דאָס לײַב פון ישוע, און ער איז אַוועקגעגאַנגען מיטן טאָוול צו דער גלגלתא. און ער האָט דאָרט שוין אָנגעטראָפן בײַם טויער פון שטאָט וואַרטן אויף אים די גאַנצע חברותא פון מײַן רבין. און עס איז געווען מיט זיי הלל דער וואַסערטרעגער, און שמעון קורינער, און יוסף רמתי, און מײַן רבי מיט זײַנע תלמידים, און צו זיי האָט זיך אויך באַהאָפטן דער גר אברהם בן־אברהם.

און עס איז געווען, ווען מיר זענען אַרויפגעגאַנגען אויף דעם שפּיץ פון דער גלגלתא, האָט אַ ווינט געבלאָזן און וואָלקנס האָבן אָנגעהויבן זיך קלײַבן איבערן הימל, ווי עס וואָלט זיך געווען געקליבן אַ שטורעם, און עס איז טונקל געוואָרן אויף דער ערד. און דער ווינט האָט געבלאָזן מיט גרויס קראַפט אויף די פּגרים, וואָס זענען געהאַנגען אויף די שתי־וערבס, און געטראַכט זיי אַרונטערצורײַסן. פיל שתי־וערבס זענען שוין געלעגן אויף דער ערד, און זיי האָבן נאָך געהאַט אויף זיך שטיקער פּגרים. אַנדערע זענען געשטאַנען און אויף זיי זענען געבליבן הענגען די לײַט פון בר־אבאס אויפשטאַנד, וואָס פּילאַטוס האָט געלאָזט אויפנאָגלען; פיל פון זיי זענען שוין געווען טויט, און איייניקע האָבן זיך נאָך געמוטשעט. און דער געפּײַניקטער פון נצרת איז אויך געווען אויפגעשלאָגן אין דער מיט פון צוויי לײַט פון בר־אבאן; און די אַלע דרײַ צלמים זענען געשטאַנען אויפן העכסטן שפּיץ פון בערגל, און דער רבי איז געווען אינמיטן, און זײַן צלם איז געווען העכער פון די אַנדערע.

ווי מיר זענען אַרויפגעגאַנגען אויפן שפּיץ פון דער גלגלתא, אַזוי האָבן מיר שוין פון דער ווײַטנס דערזען דעם רבין אויפן שתי־וערב. זײַן לײַב האָט פון דער ווײַטנס זיך אויסגענומען מיט זײַן אויסערגעוויינ־לעכער, שטראַליקער בלייכקייט, וואָרעם די זון־שטראַלן, אַדורכגעריסן דורך דעם שפּאַלט פון די וואָלקנס, מיט וועלכע דער הימל איז געווען באַלאָדן, זענען אויף זײַן אויסגעמוטשעטן קערפּער געפאַלן. פאַרן שתי־וערב איז אין איר גאַנצער לענג געלעגן אויסגעצויגן דאָס ווײַב פון מרים פון מגדל. זי האָט איר פּנים געהאַט אײַנגעגראָבן אין דער ערד פאַרן שתי־וערב. און אַזוי איז זי געלעגן, אומבאַוועגלעך, פאַרשטיינערט, מיט די הענט אויסגעשטרעקט צו דעם געהאַנגענעם. מיר האָבן נישט געוואוסט, צי זי לעבט אָדער זי איז טויט. זי האָט קיין שפּור פון לעבן נישט אַרויסגעוויזן. לעבן דעם שתי־וערב איז געזעסן די מוטער פון די

זבדיס, שושנה. זי האָט מיט אירע רונדיקע, נאַיווע אויגן, רויט פֿון
וויינען, אַרויפֿגעקוקט צום געפּײַניקטן. אין איר בליק איז געלעגן מור־
טערלעכער ווייטאָג און פּראָסטער גלויבן, אַזוי ווי זי וואָלט דערוואַרט,
אַז יעדן אויגנבליק זאָל עפּעס וואָס געשען מיט דעם געפּײַניקטן. קעגנ־
איבער דעם שתי־וערב איז געשטאַנען די הויכע מרים. די הויט אויף
איר פּנים האָט אָנגענומען דיזעלבע טויטלעכע, פֿאַרשטאַרטע בלייכקייט,
ווי דאָס לײַב פֿון רבין. זי האָט געקוקט דעם געפּײַניקטן אין זײַן טויט
פּנים אַרײַן. אירע ליפּן זענען געווען דין, צוזאַמענגעשנירט, די מוסקלען
פֿאַרשטיינערט, קיין באַוועגונג, קיין ציטער, נאָר אירע אויגן, ווי צוויי
לעבעדיקע שוואָמען, האָבן אײַנגעזויגן אין זיך דעם אָנבליק פֿון דעם
געפּײַניקטן קערפּער. אַביסל אָפּגערוקט פֿון זיי איז געשטאַנען דער גר
אברהם בן־אברהם. זײַן קאָפּ איז נאָך טיפֿער געווען צוגעשרויפֿט צו דער
ערד ווי אַן אַנדערס מאָל, נאָר דאָס, וואָס עס טוט זיך אין זײַן האַרץ,
האָט מען אָנגעזען אויף זײַן אויסגעהויקערטן רוקן, וועלכער האָט אָנ־
גענומען דעם אויסדרוק פֿון א מענטשלעך פּנים: ער איז געווען וויב־
רירנדיק, פֿול מיט באַוועגונג. א טיפֿער טרויער האָט אַראָפּגעשײַנט
פֿון זײַן הויקער. דערבײַ אָבער האָט א נחתדיקער שמייכל, א שמייכל
פֿון אויסגעלײַטערטער, פֿרומער דערהויבנקייט, באַלויכטן און דער־
הויבן דעם טרויער צו א רעליגיעזן עקסטאַז. ווײַטער אָפּגערוקט פֿון זיי
אַלעמען איז געשטאַנען דער עלצטער לעבן זײַנע מידע זעלנער.

אויך די צוויי לײַט, וועלכע זענען געהאַנגען אויף בײדע זײַטן פֿון
דעם רבין פֿון נצרת, זענען איצט שטיל געווען. עס האָט זיך אויסגע־
דאַכט, ווי זיי וואָלטן פֿאַרגעסן אין דער אייגענער פּײַן, און זיי האָבן
מיט די לעצטע כוחות דורך זייערע אײַנגעדרייטע הענט זיך אָנגע־
האַלטן, אין א געקאָרטשעטן קראַמף, אויף זייערע שתי־וערבס צו קאָנען
זיך אײַנקוקן אין דעם רבין. די צונגען אַרויסגעשטאַרצט פֿון זייערע
מײַלער, די אָדערן אויף זייערע לײַבער אָנגעצויגן, ווי א בינטל קנופּן,
אַז עס האָט זיך געדאַכט, אָט־אָט איבעררײַסן זיי זיך און שפּרינגען אַדורך
דורך זייער הויט, — האָבן זיי מיט ווײַטע, אַרויסגעזעצטע אויגן־
בעלמעס זיך אײַנגעקוקט אין דעם אויסגעמוטשעטן, ביז דעם לעצטן
טראָפּן בלוט אויסגעטריפֿטן, בײנערדיקן לײַב פֿון דעם געפּײַניקטן רבין
אויפֿן שתי־וערב. עס האָט עפּעס וואָס געמוזט פּריער, איידער מיר זענען
אָנגעקומען, געשען, וואָרעם אַלע אַרום, נישט נאָר די ווײַבער און די
געמוטשעטע אויף די שתי־וערבס זענען פֿאַרכאַפּט געווען אין דער
עקסטאַטישער שטילקייט, נאָר אפֿילו דער הויפּטמאַן, וועלכער איז איצט
געשטאַנען אָפּגערוקט אין א זײַט, איז פֿאַרציטערט געווען. און אויך די
סאָלדאַטן לעבן אים, מיד פֿון זייער רציחה, זענען עפּעס וואָס באַאומרו־
איקט געווען, וואָרעם אויף זייערע פּנימער האָט זיך אָפּגעשפּיגלט שרעק.

יוסף רמתי האָט באַוויזן דעם הויפּטמאַן דעם טאָוול, אויף וועלכן
פּילאַטוס האָט אויסגעקריצט זײַן באַפֿעל אַרויסצוגעבן דאָס לײַב פֿון

רבין. דער הויפּטמאַן האָט מײַן רבין מיט דער חבֿרותא באַלד אַדורכגעלאָזט צום געקרײַציקטן.

ערשט איצט האָבן מיר דערזען פֿאַר אונזערע אויגן דעם רבינס געפּײַניקטן קערפּער אויפֿן שתּי־וערב. דאָס לײַב איז געווען אויסגעבלוטיקט ביז צום לעצטן טראָפּן, ביינערדיק, געלזיכטיק און טויט. דאָך האָט אַ נײַ־געבוירענע, פֿרעמדע אומבאַרירטקייט מיט קינדישער פֿרישקייט אַראָפּגעציטערט פֿון דער טויטער, ווײַסער שײַן פֿון דער הויט. אײַנגעקאָרטשעט אין זיך, האָט ער געהאַלטן זײַן קאָפּ געפֿאַלן אויף זײַן ברוסט און איז וואַכעדיק געשלאָפֿן אין געשריי פֿון זײַנע אָפֿענע וואונדן.

מײַן רבי איז צוגעקומען צום געפּײַניקטן און האָט אָנגעהויבן אַליין זיך מתעסק־זײַן מיט אים. ער האָט נישט צוגעלאָזט, אַז עס זאָל זיך ווער צורירן צום לײַב פֿון דעם געפּײַניקטן, ווי נאָר די, וואָס ער האָט זיי געפֿונען פֿאַר ריין און ווערדיג. ער האָט די ווײַבער מיט שטומע בליקן באַפֿוילן, אַז זיי זאָלן זיך דערווײַטערן און צולאָזן די מאַנספּאַרשוינען. נאָר מײַן רבי און יוסף רמתי און שמעון קוריני און הלל דער וואַסערטרעגער האָבן זיך מתעסק געווען מיט אים. מיר אַלע זענען געשטאַנען פֿון דער ווײַטנס. נישט מער, וואָס מיר, די תּלמידים, האָבן אונזער רבין אויפֿגעהויבן אויף אונזערע אַקסל, און דער רבי, שטייענדיק אויף אונז, האָט דעם געפּײַניקטנס הענט באַפֿרײַט פֿון די נעגל, מיט וועלכע ער איז געווען צוגעשלאָגן צום שתּי־וערב.

ער האָט זיך לאַנג מתעסק געווען און ער איז אויסגעהיט געווען, אַז קיין שטיקל פֿלייש זאָל, חלילה, נישט איבערבלײַבן אויפֿן נאָגל. נאָכדעם ווי ער האָט די הענט פֿון דעם געפּײַניקטן געהאַט באַפֿרײַט פֿון די נעגל, האָט ער גענומען דעם באַפֿרײַטן קערפּער פֿון קרײַץ און געלייגט אויף זײַנע פּלייצעס. אַ מאַמע האַלט נישט מיט מער ליבע און צאַרטקייט איר אויסגעווייינטן בן־יחיד אין אירע הענט, ווי מײַן רבי האָט געהאַלטן אויף זײַנע פּלייצעס דעם געפֿאַלענעם, מער־נישט־לעבעדיקן, אויסגעבלוטיקטן לײַב פֿון דעם געפּײַניקטן. און בשעת מײַן רבי האָט אים געהאַלטן אויף די פּלייצעס, האָבן פֿון אונטן דערווײַל יוסף רמתי און שמעון קוריני באַפֿרײַט דעם רבינס פֿיס פֿון דעם שתּי־וערב, מחמת מײַן רבי האָט זיי געוואָלט מזכּה־זײַן מיט דער מצווה פֿון מתעסק־זײַן־זיך מיטן לײַב פֿון געפּײַניקטן. נאָכדעם ווי זיי האָבן געהאַט באַפֿרײַט דעם רבין פֿון שתּי־וערב, האָט מײַן רבי נקדימון געטראָגן דאָס לײַב מיט גרויס ציטערקייט און פֿרומקייט. און הלל דער וואַסערטרעגער און שמעון קוריני און יוסף רמתי האָבן אים דערבײַ געהאָלפֿן.

און זיי האָבן גענומען דאָס אײַנגעשרומפּענע לײַב פֿון צדיק און זיי האָבן עס אוועקגעלייגט אויף אַ נײַ־געוואַשן לײַלעך, וואָס יוסף רמתי האָט מיטגעבראַכט מיט זיך. און עס איז געווען ווי דאָס געפּײַניקטע לײַב פֿון דעם רבין פֿון נצרת איז געלעגן אויפֿן לײַלעך, האָט עס זיך געבלייכט מיט זײַן ווײַסקייט. אַן אומבאַרירטע ריינקייט האָט

דערויף געשוועבט. עס האָט אויסגעזען ווי דאָס לײַב פון א געפּײַניקט קינד, וואָס רוט איצט אין די טרייסטנדיקע אָרעמס פון זײַן מוטער נאָך אַלע סופן, ווען קיינער קאָן דעם שוין מער קיין שלעכטס נישט טון. ווי מײַן רבי נקדימון וואָלט געוואָלט אויסהיטן דאָס געפּײַניקטע לײַב פון רבין פון דעם אָנריר פון מענטשלעכע אויגן, כדי אים, אָן אומבאַ־פלעקטן, מיט זײַנע שרײַענדיקע וואונדן איבערענטפערן צום אָנגעזיכט פון דעם הימלישן פאָטער, האָט ער דאָס לײַב פלינק אײַנגעוויקלט אין לײַלעך, פאַרהוילן פון אַלעמענס אָנבליק, און מיט גרויס צאַרטקייט און פרומקייט גענומען עס אויף זײַנע פּלייצעס, — ער און די חברותא מיט אים אינאיינעם.

און מײַן רבי און יוסף רמתי האָבן גענומען דעם גוף און אים פלינק ארויסגעטראָגן פון דער גלגלתא. דער רבי און יוסף רמתי האָבן גע־טראָגן דעם גוף. און שמעון קוריני און הלל וואַסערטרעגער און אברהם בן־אברהם זענען נאָכגעגאַנגען נאָך דער לוויה. און מיר, די תלמידים פון רבין, הינטער זיי, און די ווײַבער — נאָך אונז.

די געפּײַניקטע אויף די שתי־וערבס, אויפגעהאַקט אויף ביידע זײַטן פון דעם רבין פון נצרת, האָבן זיך אָנגעשטרענגט, און מיט זייערע געקרעמפטע פיס האָבן זיי אונטערגעלענט זייערע גופים, און מיט זייערע גאָמבעס אָנגעשפּאַרט אויפן האַלץ האָבן זיי זיך אונטערגע־שטיצט, און זיי האָבן מיט גרויסע, ארויסגעזעצטע אויגן נאָכגעקוקט נאָך דער לוויה פון רבין פון נצרת. און זיי זענען פאַרשטומט געוואָרן, פאַרגעסן אין זייערע אייגענע יסורים, וואָרעם זיי זענען פאַרנומען געווען מיט דער הייליקייט פון דעם מאָמענט.

און אפילו דער הויפּטמאַן מיט די סאָלדאַטן האָבן זיך אָפּגערוקט אין א זײַט. און אויפן פּנים פון הויפּטמאַן האָט מען באַשײַנפּערלעך אָנ־געזען, אז זײַן האַרץ צעגייט אין אים ווי וואַסער.

און מיר האָבן זיך זייער געאײַלט, וואָרעם דער הימל איז געווען פאַר־וואָלקנט, און עס האָט אויסגעזען ווי די נאַכט פון שבת שטייט הינטער דער גלגלתא און וואַרט מיט איר אָנקומען ביז צו דער קבורה פון צדיק.

און יוסף רמתי האָט דאָרט געהאַט א גאָרטן אין דער נאָענט. אין גאָרטן האָט ער געהאַט אָנגעגרייט פאַר זיך א קבר אין א הייל. און ער האָט געזאָגט: „איך וועל דעם צדיק אָפּגעבן מײַן קבר, זאָל ער רוען דערין אין מנוחה".

האָט די חברותא ארײַנגעטראָגן דאָס לײַב פון דעם געפּײַניקטן אין גאָרטן פון יוסף רמתי. און זיי האָבן אים צוגעטראָגן צו דער הייל, און די מענער האָבן אָפּגעקוילערט דעם שטיין פון איבער דעם ליי־דיקן קבר. און זיי האָבן גענומען און זיי האָבן אין דעם קבר פון יוסף רמתי ארײַנגעלייגט דעם ריינעם גוף פון געפּײַניקטן צדיק, רבי ישוע פון נצרת, און זיי האָבן אויך דאָרט אין קבר מיט אים מיטגעגעבן דאָס האָלץ פון שתי־וערב, אויף וועלכן די שונאים האָבן אים אויפגעשלאָגן,

און זײַן בלוט איז געװען אָנגעגליװערט אױפֿן האַלז. און אױך האָבן זײ דאָרט אַרײַנגעלײגט די ערד, אין װעלכער זײַן בלוט איז אָנגעזאַפּט געװען, די ערד פֿון אַרום דעם שתי־וערב, כּדי דאָס בלוט פֿון צדיק זאָל קומען מיט אים צו קבֿורת-ישׂראל.

און מײַן רבי האָט געגומען זײַן אוצר גוטע בשׂמים, װאָס ער האָט זיך געהאַט אָנגעגרײט פֿאַר זײַן אײגענער קבֿורה, און ער האָט די בשׂמים אַרײַנגעגעבן אין קבֿר אַרײַן, װאו זײ האָבן איבערגעגעבטפֿערט דאָס לײַב און דאָס בלוט פֿון צדיק.

און מײַן רבי האָט אַרײַנגעשריען אין קבֿר אַרײַן:

— טהור הוא! טהור הוא! טהור הוא!

און זײ האָבן גענומען די שטײנערנע דעק און האָבן חותם געװען דעם קבֿר איבער איר. און מײַן רבי האָט זיך אָװעקגעשטעלט פֿאַרן קבֿר און האָט מקדש השם געװען. קײן הספּד האָט ער נישט געזאָגט, װײַל עס איז געװען ערבֿ־שבת. און דער שבת האָט געװאָרט מיט זײַן אָנקומען אױף דעם אױסגאַנג פֿון דער קבֿורה. און מיר האָבן, דערײַ־בער, געאײַלט.

און װען מיר זענען אַרױסגעקומען פֿון דער הײל, איז דער הימל שױן געװען באַפֿרײַט פֿון די געדיכטע, אָנגעלאָדענע װאָלקנס. זײ זענען פֿאַרשלונגען געװען אין דער געדיכטער, בלױער טיפֿעניש פֿון הימל, נישט מער זײערע זױמען האָבן זיך געזילבערט אַרױס פֿון די מײַלער פֿון די בערג. און פֿון די שפּיצן פֿון די בערג אַראָפּ האָט דער שבת־קודש אָנגעהױבן אַרײַנשפּרײַזן קײן ירושלים, אין דער באַגלײטונג פֿון די לעצטע שטראַלן פֿון דער פֿאַרגײענדיקער זון.

א שבת־מנוחה איז געקומען איבער דער װעלט.

און עס איז געװען, װען מיר זענען אין גרױס אײַלעניש געגאַנגען איבער דעם שטילן, אױסגעלערטן געסל, פֿאַזע דער מױער־װאַנט, זענען מיר פֿאַרבײַגעקומען א פֿײַגנבױם. אין שאָטן פֿון דער פֿאַרנאַכטלעכער פֿינצטערניש האָט דער פֿײַגנבױם אױסגעקוקט װי אַ שתי־וערב, און אַ מענטש איז געװען אױף אים צוגעשלאָגן. און מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט. און מיר זענען צוגעקומען נעענטער אױסצוגעפֿינען די זאַך. און מיר האָבן געזען, אַז אױף דער אױסגעדרײטער צװײַג פֿון פֿײַגנבױם הענגט, אַן אױסגעצױגענער, אױף אַ שטריק — יהודה איש קריות!

און מײַן רבי האָט זיך נאָר אָפּגעשטעלט אױף אײן אױגנבליק לעבן געהאנגענעם, און ער האָט געזאָגט:

— יהודה, יהודה, דײַן אומגעדולד האָט דיך אומגעבראַכט. — און ער האָט געלײענט אױף אים דעם פּסוק: — „הולך תּמים יושע, ונעקש דרכים יפּול באחד”. (דער, װאָס גײט אין רעכטן װעג, װערט געהאָלפֿן; און דער, װאָס פֿאַרקרימט די װעגן, פֿאַלט אין אײנע פֿון די גריבער אַרײַן). — גאָט זאָל רחמנות האָבן אױף דײַן נשמה!

קאפיטל ניינאונצוואנציק.

דאס איז געווארן פארציילט פון מיר פאר פאן וויאדאמסקי, אין זיין צימער, אויף דער באנאפארטע־גאס, ווארשע, אין פרילינג פון יאר ... עס איז שוין געווען שפעט אין דער נאכט, ווען איך האב פארענדיקט פארציילן מיין טייל פון דער טראגישער געשיכטע, וועלכע האט אין יענע פסח־טעג זיך אפגעשפילט אין ירושלים.

פאן וויאדאמסקי איז אין דער לעצטער צייט קראנק געווען. ער איז געלעגן אין בעט. און איך, זיצנדיק לעבן אים, ביים בעט, האב אים ארויסגעלייענט פון מיין פאפיר, וואס איך האב מיט א נאכט צופריער פארצייכנט פון דעם, וואס איך האב געקאנט געדענקען פון מיינע איבערלעבענישן אין מיין אמאליקן לעבן.

פאן וויאדאמסקי האט זיך איינגעהערט אין מיין דערציילונג מיט פארשלאסענע אויגן. ער איז אין דער לעצטער צייט געווען זייער שוואך, אויסגעדארט; אין בעט, קאן מען זאגן, איז געלעגן א סקעלעט. די אפלען פון זיינע אויגן האבן זיך בולט ארויסגעהויבן פון די דינע, קרענקלעכע, מיט אדערן אדורכגעצויגענע, רויט אנגעצונדענע אויגן־הייטלעך. זיינע באקן איינגעפאלן, זיין האלדז דין, און דער גארגל־קנאפ איז ארומגעלאפן צווישן די צוויי דארע ווענטלעך אין זיין בלויזן האלדז, ווי א בעלמע. זיין נאז, וואס האט די איינציקע דערהאלטן איר פארם, איז אויסערגעוויינלעך בלייך געווען, א קאנטיקע, שארפע, גראדליניקע. זי איז באצויגן געווען מיט א קרענקלעך געלער הויט און האט געקוקט מיט שטאלצקייט און איזאלירטער אומבארירלעכקייט פון זיין חרוב־געווארענעם פנים ארויס, א שטאלצער זייל פון אנטיקער פארם, וואס הויבט זיך אויף פון א חורבה ארויס. ווען נישט זיין שוואכער אטעם, וועלכן ער האט געשעפט מיט דער הילף פון זיין האלב־אפענעם מויל, וואס די צונג האט ארויסגעקוקט פון דארט, פון צווישן די אנציינערדיקע יאסלעס, וואלט מען געקאנט מיינען, אז ער לעבט נישט מער, אדער לכל־הפחות, אז ער שלאפט. ער האט אבער פון צייט־צו־צייט געעפנט די הייטלעך פון זיינע אויגן און מיך אנגעקוקט פרעמד, מיט א דורכדרינגלעכן, פארשנדיקן, אומטרוילעכן בליק: צי פארצייל איך אים דעם גאנצן אמת? און איצט, ווען איך האב פארענדיקט מיין דערציילונג וועגן דער טראגעדיע פון דעם רבין פון נצרת און אנגעהאלטן א לענגערע הפסקה, האט ער זיינע אויגן־הייטלעך געעפנט, מיך אדורכגעשטאכן מיט זיין קרענקלעכן בליק, געווארט א וויילע, דערנאך א ברום געטון:

— נו ?

— וואס נו? — פרעג איך אים.

— וואס איז ווייטער געשען ? — פרעגט ער מיך און לאדט זיין

בליק אָן אויף מיר מיט דער לעצטער ענערגיע, וועלכע איז נאָך געווען איבערגעבליבן אין זיינע אַלטעביינער.

— האָסטו גאָרנישט געהערט, וואָס עס איז ווייטער געשען מיט דעם, וואָס דו רופסט אים „דער רבי פון נצרת" אין ירושלים, נאָך זיין טויט? — פרעגט ער און, צו מיין איבעראַשונג, זעצט ער זיך אויף אויף זיין בעט.

— דאָס, וואָס עס איז ווייטער געשען מיט דעם רבין פון נצרת אין ירושלים, האָט צו מיר קיין שייכות נישט, — ענטפער איך אים אָפּ שאַרף. — און עס גייט מיר גאָרנישט אָן.

— אָבער... האָסטו גאָרנישט געהערט, וואָס עס איז פאָרגעפאַלן מיט דעם רבין פון נצרת אין ירושלים נאָכדעם ווי יוסף רמתי און דיין רבי נקדימון האָבן אים פון קרייץ אראָפּגענומען און צו קבורה גע־בראַכט? ווייסטו פון גאָרנישט?

— איך האָב עס דיר שוין געזאָגט און זאָג דיר נאָכאַמאָל: דאָס, וואָס עס איז פאָרגעפאַלן מיטן רבין פון נצרת נאָך זיין טויט, האָט צו מיר קיין שייכות נישט.

— אָבער וואָס האָט מען געזאָגט אין דיינע קרייזן וועגן דעם? האָט מען גאָרנישט דערפון געהערט?

— געוויס האָט מען געהערט, — ענטפער איך אים אָפּ.

— אַהאַ! — גיט פּאַן וויאַדאָמסקי א קרעכץ אָפּ, אָנשעפּנדיק לופט אין זיינע לונגען.

— וואָס אַהאַ? — פרעג איך אים איבער.

— ווילסטו מיר נישט פאַרציילן, וואָס מען האָט געהערט, וואָס מען האָט גערעדט אין דיינע קרייזן? אָבער דעם אמת! — קוקט ער מיך אָן שטרענג — גאָרנישט צו באַהאַלטן!

— איך האָב גאָרנישט וואָס צו באַהאַלטן.

— אויף דער שבועה פון חרם?

— אויף דער שבועה פון חרם! — ענטפער איך אים אָפּ.

— וואָס האָט מען געזאָגט?

— עס זענען ארומגעגאַנגען אין ירושלים, אין געוויסע קרייזן, שטילע קלאַנגען, אַז דער רבי פון נצרת איז פאַרשוואונדן פון קבר, און ער האָט זיך באַוויזן צו זיינע תלמידים, א לעבעדיקער, און ער האָט זיי געזאָגט, וואָס זיי זאָלן ווייטער טון. צוערשט זענען אָט־די קלאַנגען ארומגעגאַנגען פון אויער צו אויער אין גרויס סוד צווישן זיינע אָנהענ־גער, אָבער ביסלעכווייז האָבן די קולות וואָס אמאָל זיך מער פאַרברייי־טערט, — און די, וועלכע האָבן געגלויבט אין זייער רבין ביי זיין לעבן, האָבן זיך אָנגעהויבן צו זאַמלען, און זיי האָבן געגרינדעט חברותאס און פאַרשפּרייט די קלאַנגען וואָס אמאָל העכער, אַז דער רבי פון נצרת איז טאַקע געווען דער משיח, וועלכער געפינט זיך מיט גאָט אין הימל, אָבער ער וועט באַלד אראָפּקומען אויף דער ערד, כדי צו משפטן די

לעבעדיקע און אָנצוהויבן די ממשלת־של־שמים. די, וועלכע האָבן גע־גלויבט אין דעם, האָט מען גערופן די „משיחיים״.

— זענען זיי געווען פיל?

— איך קען נישט וויסן, איך האָב זיך נישט אינטערעסירט דער־מיט. אייניקע פון זיי האָב איך געקענט. אייניקע פון מײַן אייגענעם קרייז האָבן אויך אָנגעהערט צו דער נײַער קהילה, אָדער סעקטע, פון די משיחים: מײַן פרײַנד רופוס מיט זײַן ברודער אַלכסנדר, דער גר אברהם בן-אברהם און, דורכט זיך, אויך יוסף רמתי, — אויף געוויס קאָן איך נישט זאָגן. איך וויס אָבער אויף זיכער, אז מײַן רבי נקדימון האָט נישט געהערט צו זיי, אויך נישט הלל דער וואַסערטרעגער. וועגן שמעון קוריני וויס איך נישט.

— האָט איר זיי גערודפט? — פרעגט מיך דער פּאַן.

— גערודפט? פרעג איך איבער, פאַרוואונדערט — פאַרוואָס? וואָס איז דאָס געווען פאַר א חילוק צווישן זיי און אונז, אז מיר זאָלן זיי רודפן? מײַן פרײַנד רופוס איז געבליבן מײַן רבינס תלמיד אויך שפּעטער, ווען ער איז געוואָרן אַ משיחי. ווי פריער, איז ער געגאַנגען מיט אונז אין בית־מקדש אריין זײַנע קרבנות ברענגען, אזוי אויך די אַנדערע. מיר האָבן געזאָגט דיזעלבע תפילות, און יעדן טאָג האָבן מיר דערמאָנט דאָס קומען פון משיח. מיר האָבן דערוואַרט פון טאָג־צו־טאָג, ער זאָל קומען. וואָרעם זיי, ווי מיר, האָבן נישט געוואוסט, ווען משיח וועט קומען, און זיי, ווי מיר, האָבן אים אויסגעוואַרט יעדן טאָג און יעדע שעה און יעדע מינוט פון טאָג, אז ער זאָל קומען; און זיי, ווי מיר, האָבן געזאָגט, אז גאָט קאָן שיקן זײַן אויסדערוויילטן משיח יעדן אויגנבליק אונז אויס־צולייזן, — דורך דעם מוזן מיר שטענדיג זײַן אָנגעברייט משיחן צו באַגעגענען; וואָרעם דאָס וואַרטן, די האָפענונג און דאָס בענקעניש זענען די קוואַלן, וועלכע טרײַבן אָן די אמונה. דער איינציקער חילוק צווישן זיי און אונז איז נאָר געווען, וואָס זיי האָבן געגלויבט, אז משיח איז שוין איינמאָל געווען אויף דער ערד און וועט ווידער צוריקקומען, און מיר האָבן געזאָגט: ווי אזוי קאָן עס זײַן, אז משיח איז שוין געקומען און די וועלט איז נאָך נישט אויסגעלייזט, און די מענטשן זענען נאָך פול מיט רשעות, און דאָס מלכות־זדון הערשט נאָך איבער דער ערד? מיר האָבן געגלויבט, אז משיח וועט ע ר ש ט קומען, און זיי האָבן גע־זאָגט: משיח וועט צוריקקומען!

— זענען גאָרנישט געווען קיין מחלוקות צווישן אײַך וועגן אזא וויכטיקן ענין?

— אוודאי זענען געווען מחלוקות וועגן דעם ענין אין אונזערע בתי־מדרשים און אין אונזערע בתי־כנסיות, טיילמאָל אויך אויפן בית־מקדש־הויף. אָבער דאָס זענען געווען מחלוקות צווישן אונז, ווי עס זענען געווען חילוקי־דעות צווישן אונז אין אַנדערע רעליגיעזע ענינים, אָבער מיר אַלע האָבן געהערט צו איין הייליקער קהילה פון גאָט.

— און קיין שפּאַלטונג איז נישט געווען צוליב דעם ענין צווישן איך און די משיחיים?

— נישט אין מײַן צײַט און נישט אַזוי ווײַט ווי איך געדענק און קאָן זיך דערמאָנען פון דער צײַט, אין וועלכער איך האָב געלעבט.

— און וואָס איז געוואָרן מיט די בני־חנן?

— עס איז מקוים געוואָרן אויף זיי די קללה, מיט וועלכער רבן יוחנן בן זכאי האָט זיי פאַרשאָלטן: זיי, ווי די גאַנצע פּאַרטיי זייערע, די צדוקים, זענען אויסגעמעקט געוואָרן אין ישראל. קיין זכר איז נישט געבליבן פון זיי. און דאָס הויז פון חנן ווערט דערמאָנט מיט אַ קללה אויף די ליפּן. דאָס וואָרט, וואָס איז אַרומגעגאַנגען בײַ דעם פאָלק אין ירושלים, — „די בני־חנן זענען ווי די בני־עלי״,—האָט זיך צוגעקלעפּט צו זיי ביז צום הײַנטיקן טאָג.

— און קאָנסטו מיר נישט זאָגן, וואָס איז געוואָרן מיט מײַן פרײַנד חנן בן-חנן?

— אָ, דער? דאָס איז אויסגעוואַקסן צו אַ חיה־רעה. נאָכדעם ווי ער, דער לעצטער, האָט דערגרייכט זײַן אַמביציע צו ווערן כהן גדול, האָט ער געררודפט די תלמידי־חכמים. נאָכדעם אָבער ווי ער האָט אומגעבראַכט דעם צדיק יעקב בן־יוסף, דעם ברודער פון דעם געפּײַניקטן רבין ישוע בן־יוסף, וואָס איז געווען פון די משיחיים, זענען די חכמים און די סופרים אַזוי אויפגעבראַכט געוואָרן, אַז זיי האָבן געשיקט שליחים צום קעניג, — זיי זענען אַפילו געגאַנגען אַנטקעגן דעם נײַעם, אָנקומענ־דיקן פּראָקוראַטאָר אַלבינוס, — און זיי האָבן נישט גערוט, ביז וואַ־נען קעניג אַגריפּאַ האָט אים נישט אַרונטערגעזעצט פון זײַן אַמט צוליב דעם מאָרד. מיט אים זענען די בני־חנן אויסגעמעקט געוואָרן און פאַר־שוואונדן פון ישראל. און אַזוי זאָלן פאַרלוירן גיין אַלע רשעים און דער צדיק זאָל בליען ווי אַ טייטלבוים! — האָב איך פאַרענדיקט מײַנע רייד.

פאַן וויאַדאָמסקי איז שטיל געוואָרן. ער האָט פאַרמאַכט צוריק זײַנע אויגן, זיצנדיק אויף זײַן בעט, און זיך פאַרטראַכט.

— איצט דערלויב מיר צו פרעגן דיך, — האָב איך געזאָגט, — וואָס איז געוואָרן מיט פאַן וויאַדאָמסקין?

— וואָס פאַר אַ פאַן וויאַדאָמסקי? — פרעגט ער מיך מיט שטוינונג.

— איך מיין, דעם הגמון קאָרנעליוס, — פאַרריכט איך זיך גלײַך.

אַן אײַז־קאַלטער פּויסט האָט, ווי אַ צוואַנג, זיך אײַנגעקניפּט אין מײַן אָרעם, מיך געהאַלטן פעסט מיט דעם קלעם פון ביינערדיקע פינ־גער. ער האָט מיר געקוקט אין פּנים אַרײַן מיט אַ דורכדרינגלעכן, ווילדן בליק:

— וואָס איז געשען מיט מיר? איך בין דאָ הײַנט, ווי איך בין געווען נעכטן, ווי איך בין געווען שטענדיק.

איך האָב אים נישט פאַרשטאַנען. איך האָב געמיינט, אַז דער פאַן רעדט פון וועג. אין מײַן בליק האָט געמוזט שטיין אַ פראַגע, פאַרוואונ־

דערונג. און דער פּאַן האָט מיר געענטפערט מיט א רעזיגנירטער שטים, צוריקפאַלנדיק מיט זײַן קאָפּ אויף זײַן קישן:
— ער האָט מיך פאַרשאָלטן צו זײַן.
— ווער? — האָב איך געפרעגט שטיל.
— ער! דער אויפן קרײַץ!
— דער רבי פון נצרת?
— דער משיח פון נצרת! — האָט ער אויסגעשריען.
— דו גלויבסט עס?
— איך האָב עס שטענדיק געגלויבט. איך האָב עס נאָר נישט געוואָלט צוגעבן.
— און דאָך?
— און דאָך גיב איך עס צו. איך מוז עס צוגעבן. דו פאַרשטייסט, איך מוז עס קעגן מײַן ווילן, קעגן מײַן נאַטור, קעגן אַלץ, וואָס איך בין. איך מוז עס! — האָט ער כמעט געשריען מיט א כאַרכלדיקער, בייזער שטימע.
— ווער נייט דיך דערצו?
— ע ר! — האָט ער געענטפערט שוואַך פון אויפרעגונג, און פאַרמאַכט זײַנע אויגן־לעדלעך.
איך האָב איבערגעלאָזט דעם פּאַן אין זײַנע מחשבות, איך האָב אים נישט געוועקט. אין זײַן פּנים האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די מלחמה, וואָס ער האָט געפירט מיט זיך די מינוט. צום סוף האָט ער זיך באַזיגט: ער האָט אויפגעעפנט די אויגן און מיך אָנגעקוקט שוואַך, הכנעהדיק. און וואונדער איבער וואונדער: ער האָט זיך גאָרנישט געשעמט פאַר מיר מיט זײַן שוואַכקייט. איך האָב זיך געמאַכט נישט-זעענדיק. איך האָב אים געוואָלט פאַרלאָזן און געזאָגט:
— עס איז צײַט פאַר מיר. עס איז שפּעט.
— וואוהין ווילסטו דאָס גיין? וואו ווילסטו מיך פאַרלאָזן?
און דער פּאַן האָט אויסגעשטרעקט צו מיר זײַנע הענט, און אויף זײַן פּנים האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען א בעטנדיקע מינע פון א שוואַכן מענטשן.
— פּאַן וויאַדאָמסקי, וואָס איז מיט אײַך?
(איך האָב זיך געוואונדערט: ער האָט זיך געלאָזט רופן „פּאַן וויאַדאָמסקי").
ער האָט מיר אָנגעוויזן מיט דער האַנט, איך זאָל בלײַבן זיצן אויף דער שטול לעבן אים. איך האָב, שווײַגנדיק, זיך אוועקגעזעצט.
„— איך האָב געקעמפט קעגן אים. ער האָט מיך באַזיגט! — האָט ער גערעדט אזוי ווי צו זיך — ער האָט מיך אָנגענומען, ווי מען נעמט אָן א טאָפּ און מען צעברעכט אים. ער האָט מיך צעבראָכן. איך האָב זיך געווערט קעגן אים ביז צו דער לעצטער מינוט. איך האָב געפילט, אז איך ווער שוואַך. איך האָב זיך געמיט אויסצומײַדן זײַן בליק. איך האָב געוואוסט, ער וועט מיך באַזיגן. זײַן יעדער בליק האָט מיך אדורכ־

געשטאָכן, האָט זיך אַרײַנגעריסן אין מיר, און פֿאַרניכטעט דעם גאַנצן געבײַ פֿון מײַן כאַראַקטער, פֿון מײַן ירושה, צעשמאָלצן מײַן נאַטור, אויסגעריסן די וואָרצלען פֿון מײַן עסענץ. איך האָב געפֿילט, ווי ער צע־שמעלצט מיך, גיסט מיך איבער, פֿורעמט מיך. כּדי צו פֿאַרניכטן זײַן ווירקונג אויף מיר, האָב איך געוואָלט שלעכטער זײַן ווי איך בין. און ווען ער האָט געבעטן וואַסער אויפֿן קרײַז, האָב איך גענומען אַ שוואָם, אײַנגעווייקט אין עסיק, און דערלאַנגט אים צו זײַן מויל. דענסטמאָל האָט ער מיך געפּאַקט, געפּאַקט מיך, ווי אַ לייב זײַן קרבן. ער האָט געקוקט אויף מיר, און זײַנע אויגן האָבן געליימט יעדן ווידערשטאַנד און געבונדן מײַנע גלידער און מיך אַוועקגעלייגט צו זײַנע פֿיס. אָבער איך האָב זיך נאָך געצאַפּלט. איך האָב געזאַמלט אין מיר מײַנע כּוחות, האָב גערופֿן צו הילף די ירושות פֿון מײַן בלוט, געפּרוּווט זיך אויפֿהייבן, קוקן אים גלײַך אין פּנים אַרײַן. אָבער דענסטמאָל איז עפּעס וואָס געשען. זײַנע בלוט־רויטע, אויסגעבויגענע אויגן־הײַטלעך האָבן מײַן בליק גענומען געפֿאַנגען. די אַפּלען פֿון די אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פֿון אונטער די הײַטלעך, זענען געווען ווײַס, ווײַס, נאָר אַדורכגעצויגן מיט אַ געוועב פֿון בלוט־אָדערלעך, און זיי האָבן, ווי צוויי כּישוף־שטיינער, מיך פֿעסטגעהאַלטן לעבן אים. ער האָט באַוועגט זײַנע ליפּן און איך האָב געהערט די ווערטער אַרויסגיין פֿון זײַן מויל: „פֿון הײַנט אָן זאָל עסיק זײַן דײַן געטראַנק!" — איך האָב נאָך געפּרוּווט חוזק־מאַכן אויס די רייד. מיט געלעכטער און שפּאָט האָב איך געפּרוּווט זיך ראַטעווען פֿון זײַנע שטריק. איך האָב געוואוסט, אַז איצט, טאָמער גיב איך נאָך, ווער איך פֿאַרשאָלטן אויף אייביק. און איך האָב אים געפֿרעגט מיט אַ לאַכנדיקער שטים, ווען די שטים אין מײַן האַרץ האָט שוין גע־וויינט: „ווען וועט מײַן געטראַנק וואַסער ווערן?" — „ווען מײַן טרער וועט אין דײַן בעכער אַרײַנפֿאַלן", — האָט ער מיר געענטפֿערט און אָפּגעטון זײַן בליק פֿון מיר.

„איך האָב ווײַטער געפּרוּווט זיך ראַטעווען דורך מײַן שפּאָט און האָב געזאָגט צו אים: „ווען דו ביסט דער מלך פֿון די ייִדן, העלף זיך אַליין". עס האָט מיר אָבער שוין גאָרנישט געהאָלפֿן: די ווערטער, וואָס ער האָט געזאָגט צו מיר, זענען צו אַ פֿײַערדיקן געטראַנק געוואָרן, און פֿון דענסטמאָל אָן פֿאַרשרפֿהן זיי מײַן האַרץ און איך האָב קיין מנוחה נישט.

„איך ווער זיך קעגן אים, אָבער איך בין ווי אַ פֿיש, וואָס איז אויף דער ווענטקע געכאַפּט: ער וואַרפֿט זיך און צאַפּלט זיך, אָבער ער איז אָנגעהעקלט צו דער שטריק. און אַזוי בין איך אָנגעהעקלט צו אים.

„מײַן מויל לאַכט און שיט מיט קללות. אָבער מײַן האַרץ ציטערט פֿאַר אים. זײַן לעצטער בליק, וואָס ער האָט אײַנגעגעבערט אין מיר, פֿאַרפֿאָלגט מיך, גייט מיר שטענדיק נאָך. איך מוז ווידערשפּעניקן קעגן אים. צו באַפֿרײַען זיך פֿון אים, טו איך אַלץ אים צו להכעיס. איך ראַ־

טעווע זיך, ראַטעווע זיך אין מײַן קאַמף קעגן אים און קאָן זיך נישט באַפרײַען פון אים.

„און אזוי טראַג איך פון גלגול צו גלגול, און אין אַלע גלגולים האָב איך זיך געראַנגלט מיט אים. איך רײַס זיך און רײַס זיך פון אים און קאָן זיך נישט אָפּרײַסן. מיט אים קאָן איך נישט זײַן און אָן אים קאָן איך אויך נישט זײַן.

„מײַן געטראַנק איז עסיג. עסיג — אַלץ, וואָס איך נעם אַרײַן אין מיר. עסיג — אַלץ, וואָס איך גיב ארויס פון מיר. און איך בענק דאָך אזוי נאָך דעם קלאָרן וואַסער פון טײַך. אָ, ווען וועט מײַן געטראַנק צוריק ווערן וואַסער! איך בין אזוי מיד, אָ, גאָט, האָב רחמנות אויף מיר״.

און דענסטמאָל איז עפּעס וואָס געשען. אין פּאַן וויאַדאָמסקיס אויגן, — ניין, עס איז נישט צו גלויבן, אָבער עס איז דאָך אזוי געווען, — אין פּאַן וויאַדאָמסקיס אויגן האָבן טרערן געשפּריצט, פולע טראָפּנס, ווי שטאַרק אנטוויקלטע קנאָספּן פון נעלקן־בלימלעך, פולע טרערן. אין ערשטן אויגנבליק האָט ער זיך געמיט זיי צו פאַרשטעלן פון מיר. ער האָט געפּרוווט זיי אָפּווישן מיטן אַרבל. אויך איך האָב זיך פאַרקוקט כלומרשט אין א זײַט, אויפן לאָמפּ, וואָס האָט געברענט אויף זײַן טיש, ער זאָל נישט מיינען, אז איך האָב עפּעס וואָס געזען. צוערשט איז נאָך פון זײַן שוואַך, אָנציינערדיק מויל ארויסגעקומען א ברום, ווי דער ברום בײַם אָנהויב פון א קללה. באַלד אָבער האָט ער זיך אונטערגעגעבן אין זײַן קאַמף, געלאָזט רעזיגנירט די טרערן אויס זײַנע אויגן פאַלן אין די קנייטשן פון דער וואַקס-געלער הויט אויף זײַנע באַקן, אָפן פאַר מיר. גאַרנישט צו שעמען זיך פאַר מיר.

— גאָטס כבוד אין הימל און זײַן ווילן זאָלן געשען אויף דער ערד, — האָבן זײַנע ליפּן געמורמלט.

— פּאַן וויאַדאָמסקי, פּאַן וויאַדאָמסקי, זײַן טרער איז געקומען אין אײַער כוס אַרײַן, — האָב איך אויסגערופן מיט פרייד.

ער האָט זיך נאָך געמיט ארויפצוברענגען א שטרענגן בליק אויס זײַן האַלב־געפאַלן, אויסגעלאָשן אויג, אָבער עס איז אים שוין נישט געלונגען. נאָר זײַנע ליפּן האָבן נאָך געמורמלט א תרעומה אויף מיר אין דער שטיל:

— וואָס פאַר א פּאַן וויאַדאָמסקי?

— הגמון פון ירושלים, — האָב איך פאַרבעסערט.

— הגמון פון ירושלים, — האָבן זײַנע ליפּן ווײַטער געמורמלט.

נאָך א ווײַלע שווײַגן האָט ער זיך אָנגערופן צו מיר אויס דעם שלאָף ארויס:

— וואָס איז דאָס דענסטמאָל געשען דאָרט, אין בית־מקדש־הויף, צווישן אים און אײַערע רבנים אין דעם לעצטן טאָג? מען האָט דאָך

מיר געזאָגט, אז זיי האָבן זיך שוין געהאַט אויסגעגליכן צווישן זיך און זענען געקומען צו אַן איינפאַרשטייעניש מכוח דער ערשטער און וויכטיקסטער מצוה אַוועקער.

— יאָ, די פרושים און דער רבי פון נצרת זענען געווען איינפאַר־שטאַנען, אז די ערשטע מצוה איז די ליבע צו גאָט און באַלד נאָך איר, אָבער אַליין דיזעלבע, איז די מצוה פון ליבע צו דיין חבר. אויף די צוויי יסודות האַלטן זיך די וויכטיקסטע זיילן פון מענטשלעכן גלויבן.

— נו, און וואָס איז געשען?

— זיי זענען זיך צעגאַנגען צוליב אַן אַנדער ענין.

— שטענדיק איז עס מיט אייך אזוי. קיינמאָל קאָנט איר זיך נישט אויסגלייכן. זענט איר שוין אָפילו אַמאָל איינפאַרשטאַנען, זענט איר דענסטמאָל ערשט נישט איינפאַרשטאַנען. ווער קאָן אייך פאַרשטיין, יידעלעך.

און דאָס איז געווען זיין לעצטער פאַרוואורף קעגן אונז. באַלד איז ער שטיל געוואָרן.

איך בין געבליבן זיצן ביי זיין בעט. זיין האַנט האָט ער געהאַלטן אין מיינער. זי איז שוין געווען אייז־קאַלט. אָבער זיינע אויגן זענען נאָך געווען אָפן.

דורך דעם פענצטער האָבן אָנגעהויבן זיך אַריינרייסן די יונגע שטאַרקע שטראַלן פון א בליענדיקן זומער־טאָג. די פריִע מאָרגן־שטראַלן, וועלכע האָבן געמוזט אדורכשפּרייזן די הויכע וואַנט פון דער אָפּיצינע, דעם רינשטאָק, פאַרן הויז און די שטויב־פאַרדעקטע, ווי מיט שפּינוועבס פאַרוועבטע, פענצטער, האָבן דאָך דערגרייכט צו זיין בעט צו. מידע פון דער לאַנגער רייזע, פון די פיל מניעות, וואָס זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין, האָבן די שטראַלן דאָך געטראָגן מיט זיך די וואַ־רעמקייט און די ברכה פון דער זון.

ער האָט נאָך געלעבט. זיינע אויגן זענען אָפן געווען. זיינע ליפּן האָבן אָנגעהויבן זיך באַוועגן, ווי זיי וואָלטן געווען פאַרזוכט דעם טעם פון דער זון. איבער זיין פּנים האָט אָנגעהויבן שפּילן אַ באַ־רואיקטע, זיכערדיקע גליקזעליקייט, ווי איבער דעם פּנים פון אַ קאַ־פּיטאַן, ווען ער דערנעענטערט זיך צום היימישן ברעג נאָך אַ שטורעמ־דיקער ים־רייזע.

איך האָב צוגענייגט מיין אויער צו זיינע ליפּן, וועלכע האָבן זיך שוואַך באַוועגט, און איך האָב קלאָר געהערט זיינע לעצטע ווערטער:

„גאָט, האָב רחמנות אויף מיין זינדיקער נשמה!"

אויסגעשטרעקט זיך — און זיין פּנים איז פאַרשטיינערט געוואָרן, ווי עס וואָלט געשניצט געווען אויס איידעלן, געלן, אַלטן עלפנביין.

שפּעטער, ווען די זון האָט זיך צעוואָרעמט, איז אַריינגעקומען בלי־מעלע, דעם יידישן שניידערס טעכטערל, וואָס האָט געוואוינט אין דער אָפּיצינע, קעגנאיבער דעם פאַנס פענצטער. אירע שוואַרצע, לאַנגע לאָקן

זענען צעלאָזט, געוואַשן, און צעפּאַלן זיך פון איר שרונט איבער איר פּנימל, איר יונגן, דינעם העלדזל און דינע, ציטערדיק־קינדערשע אַקסל. אירע אויגן — קליין, פריש, קוים זיי געעפנט, ווי זיי וואָלטן נאָך פאַרקלעפּט געווען פון שלאָף, וואָס זי האָט זיך נאַר־וואָס פון אים אויפגעכאַפּט. איר קליידל איז נישט געווען אינגאַנצן זויבער און איר שירצל האָט נאָך געטראָגן שפּורן פון נעכטיקן עסן. אירע דינע, קינדערשע, נאַקעטע פיסלעך האָבן געשטעקט אין צו גרויסע, אויסגעקרימטע שיך פון א דערוואַקסענעם. אין איר האַנט האָט זי געהאַלטן א שטרויסל געלע, האַלב־פאַרוועלקטע, א טאָג־אַלטע פעלד־בלימלעך. און זי האָט געזאָגט מיט א פאַרלייגט נעזל, וואָס קומט פון א כראָנישן קאַטאַר, אזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די קינדער פון דער יידישער אָרעמקייט אין וואַרשע:

— מיר זענען געווען אויפן יידישן בית־הקברות, האָב איך געפליקט בלימלעך. האָט מיר די מאַמעשי געהייסן, איך זאָל זיי אַרײַנטראָגן צום קראַנקן פאַן.

איך האָב גענומען דאָס אָרעמע, האַלב־פאַרוועלקטע בינטל יידישע פעלד־בלימלעך און ארויפגעלייגט אויף דעם באַרואיקטן, אײַנגעשטילטן האַרץ פון פאַן וויאַדאָמסקי.